STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10457

DI YIDN FUN BELVIL

B. Shlevin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. שלעווין / די יידן פון בעלוויל

Copyright by Editions « Ofsnaï », Paris 1948

Imp. S.I.P.N., 14, rue de Paradis, Paris-Xe

ב. שלעווין

די יידן פון בעלוויל

ראָמאַן

פארלאג · פאריז

1948

ארויסגעגעבן ביי דער ווארעמער מיטהילף
פון דער אָרגאַניזאַציע פון פּוילישע יידן
אין פראנקרייך און פון דער בריסקער
לאנדסמאנשאפט אין פּאריז.

B. SCHLEVIN : DI JIDN FUN
BELVIL (Les Juifs de Belleville)



די וויניעט און די צייכענונג פון מחבר — אויסגעפירט פון קינסטלער ב ע ן.

קאַפּיטל איינס

וואַרשע 1920.

אין יענע יאָרן האָט זיך דאָס געזעצטע בחור׳ל פלינק געקערעוועט צווישן גרענעצן און לענדער

אַן אַ פּאַס, אָן וויזעס, מיט האַלב-נאַכטיקע צוגן, שמעקנדיק אַליין אין אַ לויזן, אָפּגעטראָגענעם פּרענטשו, מיט אַ זעלנערישע אַרומגעגאָלטן קאָפּ, מיט אַ פּאַרוואַקסן, שוואַרץ אַרעכטאַנטיש פּנים — איז ער, דער רעזער-וויסט פון 99-טן יאָרגאַנג, בעני גרינבערגער, געלאָפן ווי פון דער העלי-שער בראַנה, איבערלאָזנדיק אַהינטער זיך דעם היימישן מוראַנאָוו, דאָס איינגעפּינדרעוועטע, פּאַריטומ׳טע הויז, טאַכן מאַטן, דעם נגידיש-אָפּגעקו-מענעם און שמענדיק יאַדישליוון ייד; דאָס אייביק שאָמנדיקע הויז מיט די שווערע קהעדענס, מיט די געשניצטע, סקריפּנדיקע מעבלען און מאַסי-ווע הענג-לאָמפּן. ער איז געלאָפן מיט די לויערנדיקע הינטער-וועגן, אויס-מיידנדיק אין די פינצטערע נעכט פון סוף חודש די אויסגעלאָשענע צוגן, וואָס האָבן אין גרויס געאייל עוואַקואירט דאָס האָב-און-גוטס פון די פּריצישע שטיבער אַרויס — אין מויט-אימה פאַר די באָרוועסע, אַרומגע-פליקטע באָלשעוויקעס, וואָס זענען אין יענעם זומער שוין געשטאַנען האַרט ביי די טויערן פון וואַרשע.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין דעם אומרואיקן זומערדיקן מיטן-טאָג, אינדערמיט פון רויט-ציגלדיקן קאַזאַרמע-רינג, אויף דער נאַוואָוויעיסקע, אויפן אָפּגעשלאָסענעם פּלאַץ פונעם „זבאָרניאַק“. די אַלע אָנגעטריבענע רעקרוטן האָט מען דאָ אויפדערגיך געהאַט אַריינגעוואָרפן אין לויזן, זעל-נערישן אָנטון, געוויזן זיי ווי אַזוי אומצוגיין זיך מיט אַ ביקס און נאָך אַ טאָג-צוויי, אויפדערגיך, אָן אָרדנונג, אין קליינע פּאַרטיעס, אָפּגעשיקט זיי צום נאָענטן פראָנט.

דער אָפּגעשלאָסענער הויף האָט דעם גאַנצן טאָג געליאַרעמט מיטן אָנגעטריבענעם ציווילן עולם. מען האָט זיך געוואַלגערט אויפן שימערן, אָפּגעפרעסענעם גרעזל, אַרום די געמויערטע פּלויטן, געקליבן זיך פאַר די אויפגעריסענע טיר-און-פענסטער, ביי די פּאַרענטשעס און מיר-עפּלעך, וואָס

האָבן געפירט צו די מאַגאַזינען, אינטענדאַנטסטוועס און זשומענדיקע פּאָלק־קאָנצעלאַריעס, ווו עס האָבן דעם גאַנצן מעת־לעת געבלענדט די עלעק־טרישע לעמפּ, ווו די טעלעפאָנישע און טעלעגראַפישע אַפּאַראַטן האָבן פאַרגלישעט די אויערן.

פון קיין טאָלק האָט דאָ, אייגנטלעך, קיינער נישט געוווסט. ס׳איז רעכט געווען אומצוהדרייען זיך אַ וואָך און צוויי צווישן אַט דעם אָנגעטרי־בענעם עולם, אויסנישטערן פאַר זיך אין די אָנגעהויפטע מאַגאַזינען די בעסטע אונטערוועש, די טייערסטע שיך, די אָפּגעפּאַסטע הויזן און רעק־לעך; די רעשט צייט איז מען אַפּגעלעגן אַרום די גראָבע, אָפּגעבּרעסענע קוכערס, וואָס האָבן, פאַרן ביכל אונטערגערוקטן קליינגעלט, נישט גע־זשאַלעוועט איסצוטיילן פון שענסטן און פון בעסטן... אין טומל, אין הו־האַ, וואָס איז דאָ געשטאַנען, האָט אין דער ערשטער צייט קיינער ביי דיר גאָרנישט געפרעגט, קיינער האָט דיר נישט נאָכגעקוקט. ס׳איז דאָ אייגנט־לעך פיל זיכערער געווען, ווי אויף די אָפּגעלייזיקטע גאַסן פון שטאָט, ווו ס׳איז דערקלערט געוואָרן מלחמה־צושטאַנד; זיכערער, ווי אין די טונקעלע, אָפּגעשלאָסענע דירות, ווו די בלייבע איבערגעשראָקענע יינגעלייט האָבן זיך אויסבאַהאַלטן.

און דורכן קליינעם, שטרענג־באַוואַכטן טויערל האָט מען פונדעסט־וועגן געהאַלטן אין איין צוברענגען פרישע פּאַרטיעס פון שטאָט. ס׳איז קיין צייט נישט געווען צו לאָזן זיי פירן אין באָד אַריין, מאַכן איבער זיי אַ געהעריקע דעזינפעקציע, דורכצוגיין די גענויע מעדיצינישע קאָמיסיע. אין איינעם פון די הינטערשטע פליגלען האָט דעם גאַנצן טאָג פיבערדיק געאַרבעט די רעזורע. שורותווייז זענען די בלייכע, צעשראָקענע יינגעלייט געווען צעזעצט אויף די נידעריקע בענקלעך און אַ צענדליק זעלנער אין קורצע לייבעלעך, מיט האָריק־אָפּגעדעקטע הענט, זענען גיך געפלויגן איבער די העל־בלאָנדע, טיף־שוואַרצע און העליש־רויטע קעפּ, ביים אַרום־קראַצן דעם אויסוווקס אויף דער אויבערשטער ליפּ האָבן זיי זיך געהייסן אַרויסשטעקן די צונג. אין דער דעמפּיקייט, אין פּאַפּיראָסן־רויך, האָבן פון הינטער די מאַשינקעס־אַפּער מילעכדיק־ווייס אַ בלעגד־געטון די אַרום־געגאָלטע שאַרבנס.

פאַרסאַפּעטע סערזשאַנטן האָבן געקלאַפּט מיט די גלעזערנע טירן פון די גאַניקעס, אויסגעלייענט פון אַ ליסטע די נעמען און אָנגעטריבן זיי צום קאַנטן פליגל פון דער רעזורע. קאָמאַנדעוועט האָט איינער פון זיי, אַ נידעריקער, מיט געלבלעכע, שטעכיקע וואָנסן, נאָכאַמאָל קאָנטראָלירט אין פּאַפּירל, האָט זיי עטלעכע מאָל געציילט, אויפמאַכנדיק די טיר אַרייג־צולאָזן זיי איינציקווייז. דער עולם דאָ האָט נישט אויפגעהערט אָנצוּוואַקסן. חסידישע יינגעלייט מיט אַ טונקעלן אויסשפּראָץ אויף די בלייכע באַקן,

מיט קליינע, פארפעטשטע היטעלעך, מיט שווארצע, אומרואיקע אויגן אונטער די דאשיקעס, אין צעפלויגענע קאפאטעס, האבן זיך געקליבן באזונדער, קופעסוויז, אין זשומענדיקע רעדלעך. די בלאנדע פוילישע יינגען, אנגעטריבענע פון אלע וואכשעווער פארשטאט און אפגעלעגענע פאבריקס-קווארטאלן, האבן זיך געטשעפעט צו זיי, אינגאנצן אומגעריכט א פאל געגעבן צו עמיצן הינטער די קני, ארויסגעבילט ווי א הונט, אדער נאכגעמאכט דעם הייזעריקן ריטש פון א לאסט-אויטא. די יינגעלייט האבן זיך צעשאטן, ווי צעטריבענע הינער, צוריקציענדיק זיך ארום די רויט-ציגלדיקע ווענט, ווו די מיטנטאגיקע זון האט העל און בלענדיק געשרפעט.

דערנאך, ארויסקומענדיק פון מאגאזין, ווו מען האט ביי זיי אפגענומען די ציווילע מלבושים און אריינגעווארפן זיי איןברייטע הויזן, אין שווערע שיך, אין ענג-געפאסטע מארינארקעס, פארשנאלטע מיט פאסן — האבן זיי זיך איינער דעם צווייטן אינגאנצן נישט דערקענט. קליינע, דראבנע יידישע זעלנער, אזוי ווי צעקנייטשטע אינגאנצן, ווי מ׳וואלט זיי נאר-וואס ארויסגעצויגן פון א פארע-קעסל, האבן זיך געפלאנטערט צווישן די צעשטעלטע פיס ביי הויכע, צוואקסענע מיליטערליים. האבן קוים געשטעלט א טראט, ווי געליימטע. א טאג און צוויי האט מען זיך אזוי הפקר ארימגעבלאנקעט איבערן הויף, ווי די פארלוירענע שאף. פון הינטער אלע קאזארמע-מויערן האבן צעצויגן געהילכט די זעלנעריש-לעגיאנערישע לידער וועגן באפרייטן היימלאנד, וועגן די הינטער-קליידלעך פון שיינעם הארפסמיידל מארישקא, וועלכע ווארט אפ מיט א בוקעט רויזן די אולאנער ביים שייד-וועג און — וועגן דעם „מאסקאל“, וועלכן מען גייט איצט פארטרייבן פון די ווייסל-ברעגן... זיי האבן אויך געזונגען א שפאט-לידל וועגן א יידישן זעלנער, וועלכן מען גיט א ביקס אין דער האנט אריין, אנגעלאדן מיט א ציבעלע, און מען הייסט אים שיסן אין זיין יידענע, און פארענדיקט האט עם זיך מיטן רעפריין:

איי, ווי, גוואלד !.....

ס׳איז אין די לעצטע טעג, זעט אויס, קיין סך צייט נישט געווען אומצוקוקן זיך אויף זיי. פארן אפגעשלאסענעם טויערל האבן געהאלטן אין איין פארפארן קליינע, פלינקע מיליטערישע אויטאמאבילעכלעך, אניאגנדיק א שטויב און אן עסנדיקן בענזין-רויך. אין די אייזערנע שטאכעטן, ביים פאסאד פונעם הויפטבנין, זענען געשטאנען אנגעבונדן געזאטלטע פערד, גרייטע אין וועג אריין. פעלד-קיכן האבן גערויכערט אינמיטן הויף און אלעמאל האט זיך געטון א הויס-אויף דאס באוואכטע טויערל, ווו צוויי זעלנער, אין העלמען ביז איבער די אויגן, מיט באגנעטן פארווארפן אין דער הויך, זענען נישט אפגעטרעטן פונעם רויט-ווייס צעפאסעוועטן בודקעלע. די בלוי-אוניפארמירטע שטאט-פאליציי און די זשאנדארמעריע, מיט

רויט־געלע פאסן אין די רונדיקע רענקעס, מיט ארונטערגעלאזענע פאסקעס אונטער די גאמבעס, האבן נאך האלבער נאכט געברענגט אנצופירן פאר־שפעטיקטע פארטיעס ציווילע, נאך גאר יונגעלייט און מענטשן, לויטן אויסזען, שוין באיאָרטע.

איבערשלאפנדיק א הייסע, געפלעפטע נאכט אין אנגעוואלגערטן שטרוי, אין איינעם פון די שטארק־באוואכטע פליגלען, האט באלד באגינען, מיט ווארען, אומהיימלעך א רוף געטון דאס פייפל. ס'האט זיך אויפגע־כאפט א בהלה, ווי אויף אן אונטערגייענדיקער שיף. געליארעמט האבן אבמערסטן די עטלעכע אנגעלאפענע סערזשאנטן. דעם ערשטן מאל האט מען זיי דא מכבד געווען מיט די פיל־גארנדיקע קללות „אין אלע צווישע מאמעס אריין" און מיט א מינוט פינף שפעטער האט שוין אלץ געמוזט שטיינבלייבן אויף „באטשנאשטש", אויפן געפלאסטערטן פלעצל, פאר די קאשארן.

נישט געשיקט און צעפלאנטערט איז פארגעקומען די רייען־ציילונג צווישן די לויזע, פארשלאפענע און צעשאטענע שורות. דערפאר אבער זענען אלע באלד צוגעשטעלט געווארן מיטן שטרענגן ריטם אינם טראט, וועלכן ס'האט אויסגעקלאפט איבער די צעמאלענע שטיינדלעך איינער פון די אנגעלאפענע סערזשאנטן. דאס ליד, מיט וועלכן דער „זבאדניאס" האט דא גאנצענע טעג און אוונטן געהילכט, האט צוערשט נישט־זיכער און אפגעריסן דורכגעזשומעט אינדערלופטן און האט זיך שלעכט אריינגע־פאסט אינעם אויסגעקלאפטן טראט.

אין פריען באגינען האט מען זיי אריבערגעפירט די נעפלדיקע גאס, צו א ברייט־אויפגעריסן טויער. געווען איז עס אן אלטער און ברייט־פו־נאנדערגעווארפענער פריצישער שלאס־פארק, אויף איינעם פון די העכערע ווייסל־ברעגן. פונוואנען מען זעט פלאך און גלאט אויסשפרייטן זיך דעם וואסער־שפיגל, צווישן די נישט־רעגולירטע ברעגן אין דער נידער. שטאָ־לערנס האט א בלענד־געטון אין נעפלדיקן, אויסגעקילטן אינדערפרי אויף זיין רוקן. אין דער טיף האבן זיך פארווישט געצייכנט די הויכע ווענע־ציאנישע פענסטער אין די גרויע, מאסיווע געביידעס. געקראכן אין טיפן גראז, אויסמיידנדיק די גראד־געשניטענע אלייען, איז מען אן ערך א מינוט צען, ביז ס'איז זיי באפוילן געווארן שטיינצובלייבן. פון די הויכע טרעפלעך, ביי די פארווישטע פאסאדן, איז געקומען אנצושפאנען מיט דער אויסגעטרעטענער סטעזשקע א מיטליאריקער מאיאר. לויט זיין גאנצן געשטעל, האט מען לייכט געקענט באמערקן, אז צופיל באמיט ער זיך צו גיין שטייף, מיט דער אנגעהאנגענער ברוסט מעדאלן אויף פארוים, אבער עפעס איז דער גאנג ביי אים ארויסגעקומען א צעפלאנטערטער, א נישט־זיכערער.

באַלד הינטער אים איז אָפּגעשטאַנען אין גאַנג אייגער פון די אונטערפּיצירן. אויבן וועג האָט זיך דער מאַיאָר לייכט פאַרהאַלטן און אויפהויבנדיק די האַנט מיט דער ווייס-אָנגעצויגענער הענטשקע צום מויל האָט ער אים געגעבן קורצע באַפעלן. מיט אַ זייטן-וועג איז יענער געקומען אַנצולויפן הינטערווייליכטס. ווען ער איז צוגעקומען נענטער, דער מאַיאָר, זענען ביי אַלעמען, מאָמענטאַל, צונויפגעקלאַפּט געוואָרן די באַטשווועקטע שיך. ערשט איצט האָבן אַלע געקענט באַטראַכטן פון דער נאָנט דעם שטרענגן מאַיאָר ריבאַק, מיט וועלכן מען האָט אַלעמען אין „זבאָרניאַק" אַזוי אָנגעשראָקן. זיין מאָגער, שפּיציק פּנים איז געווען אויסגעגאָלט ביז בלוי און די שמאָליקע אַפּלען אונטער די געדיכטע, זילבערדיקע ברעמען זענען טיף און אָפּגעלעבט געזונקען אין די אויגן-לעכער. זילבערדיק זענען אויך געווען די קורץ-פאַרשוירענע, שיטערע, שטעכיקע הערעלעך, וואָס זענען זיך צעלאָפן פונעם שטרענג-דורכגעפירטן שרונט אין אַ זייט פון דער ווילעריש-אָנגעריקטער קעפּ. דער גאַנצער מאָגערער געשטעל זיינער איז גאָרנישט געווען אַזוי שטרענג-ערנסט, ווי ער האָט זיך עס באַמיט אַרויסצורופן מיט זיין אָנגעשטעלטן בליק אויף די רייען.

אונטער זיין אָנפירונג, האָט מען געשמועסט, פאַרמירט מען עס איצט אויס אויפדערגיך די אַלע רעקרוטישע קאָמפּאַניעס, צו וואַרפן זיי אין גרויסן אָנגריף, צו פאַרטיידיקן אַנטשיידן די מויערן פון דער שטאָט וואַרשע.

כמעט נישט ווילנדיק איז אויסגעקומען אַזוי, אַז פאַרהאַלטן האָט ער זיך אויבן גראָז-בערגל און האָט דעריבער אַראָפּגעקוקט אויף די שיטערע רייען פונדערהויך.

— זין פון פוילישן פאָלק! — האָט די ווייסע הענטשקע אַ פאָכע געטון אינדערלופטן — זעלנער פון באַפרייטן פוילן! דער קנוט פון „מאָסקאַל" פאָכעט איבער אונזערע פּלייצעס, אויפסניי צו פאַרשקלאַפן דעם שטאָלצן און ווייסן אָדלער פון אומאָפּהענגיקייט. פאַרברעכער און פאַרטער וועלן זיך רופן די, וואָס וועלן נישט גרייט זיין ביזן לעצטן טראָפּן בלוט אָפּצוגעבן פאַר אַ גרויס, באַפרייט פוילן...

אַרויסגעבראַנגט די ווערטער האָט ער מיט אַ היסטעריש קוויטשעלע. די נענטערע רייען האָבן אפילו געקענט באַמערקן דאָס בלוי-אָנגעלאָפענע אָדער-שנירל, ווי אַ לעבעדיק שלענגל, וואָס איז אַרויסגעטרעטן אויף זיין האַרן, איינגעפּאַסטן האַלז. די איבערגעבראָכענע שטים, זיינע אָפּגעריסענע ווייד, האָבן זיך פאַרלוירן אין דער פרימאָרגנדיקער אויסגעלייזדיקטקייט. פונדערהויך־אַראָפּ איז אויסגעקומען, ווי ער וואָלט גערעדט פאַר אַ ליידיק פעלד, ווייל אַלע האָבן זיך פאַרהויקערט, זענען אַזויווי קלענער געוואָרן. אָבער ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָבן זיך די באַטשוועקטע שיך אויפסניי

געטון אַ קלאַפּ-צונויף און ווי סטאַיע פייגל, איז אינדערלופט דורכגעפלויגן אַן אָפּגעריסענער זאַלפּ פון שטימען.

ארום זיי איז שוין אַרומגעשפּרונגען איינער פון די סערזשאַנטן. אויף זיינס אַן אויבגעשריי, האָבן זיך די רייען אַ וואָרף-געטון רעכטס, ווי ס'האָט זיך אַוועקגעצויגן אַן אָפּגעטרעטענע סטעזשקע אין דער מיט; אַן ערך אויף אַ הונדערט פּופּציק מעטער פאַרויס האָבן אַלע דערזען, ווי ס'שוילט זיך פון נעפּל-אַרויס אַ הויכע, מאַסיווע פיגור, אָנגעקליידט אין רויטן. די פיס פון דער פיגור זענען מעכטיק, ווי בערישע לאַפּעס, געווען צעשטעלט. פון צעקרומטן טייוול-פּנים מיט די אויסגעשטשירעטע ציין, אויף וויפל מ'האָט געקענט באַמערקן, האָבן זיך אַרויסגעהויבן צוויי הערנער. דער סערזשאַנט האָט איינציקוויז אַרויסגערופן צו זיך, געשטעקט אין דער האַנט אַ ריין קורצע, לייכטע ביקסלעך, פון נייסטן פראַנצויזישן מאָדעל. געשאָכן האָט מען אין אין אויפגעשטעלטן גולם רייעגוויז.

— דערלאַנג אים, דעם באָלשעוויק ! — האָט ער געדונערט — דערלאַנג אים . . . .

— היי, מוישע ! — איז ער אונטערגעשפּרונגען צו אַ יידישן יונגער - מאַן, וואָס איז אַרומגעשוווממען אין מונדיר און ביי אים אין דער האַנט האָט נישט געשיקט געציטערט די ביקס — מיט אַזאַ אָנשטעלן וועסטו טרעפן גלייך צו דער באָבע אונטער דער יאַקע . . . רירעוודיקער ! העכער — דעם פּראַצעל . . .

— עס שאַקלט זיך מיר אַן אויג ! — האָט דער ייד מיט אַ צווייררייטיק ווערטל געפּרווט פאַררעדן די ציין דעם אונטעראָפיציר.

— וואָס מיינסטו, מוישע — האָט יענער נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם יידישן וויץ, און איז רויט געוואָרן פון רציחה. — כ'וועל דיר ווייזן, פאַרשרייבן זיך צום דאָקטאָר...

זעלטן ווער פון זיי ס'האָט געטראָפן אין דער אויפגעשטעלטער פיגור. די פּרימאָרגנדיקע קעלט האָט ביי זיי אַלעמען געהאַט פאַרגליווערט די פינגער. די קוילן האָבן דורכגעזשומעט אינדערלופט און האָבן דאָרט ערגעץ, היפּש אינאַזייט, אויפגעהויבן אין זאַמד אַ קליין שטויביק רויכל.

דערפאַר האָט זיי אַלעמען דאָס הייסע, געדיכטע און פעטע געקעכטס, וואָס מ'האָט זיי אויסגעטיילט צו היפּשע פּאָרציעס אין דער קיך, געשמעקט דאָסמאָל מער ווי שטענדיק. געשלונגען האָבן עס איבערהויפּט מיט גרויס אַפּעטיט די בלאָנדע, צעוואָקסענע פּוילישע יינגען. די דראָבנע יידישע זעלנער האָבן זיך קוים אַן עצה געגעבן מיט דער געדיכטער אַרבעס־זופּ, ווו דער לעפל איז אַליין שטיינגעבליבן; און מיט די דורכגעוואָרפענע שטיקער חזיר־פעטס. אָפּגערופן, זענען זיי געווען צעזעצט אַרום די צעבראָכענע

אקסן פון אן איבערגעקערטן, צוויי־רעדערדיקן וואגן, געווישט זיך דעם שוויס און האבן צוביסלעך אונטערגעזיפצט:

— מיר זענען געהאנדלט . . . — איז דורך צווישן זיי א געמורמל.

— נישט אומזיסט גיבן זיי אזויפיל צו פרעסן — זיי פאשען דעם אקס פאר דער שחיטה! . . .

— נאך היינט פארטאג, שמועסט מען, גייען אפ צום פראנט ביז פינף קאמפאניעס ...

צווישן די יידישע זעלנער האט זיך אין יענער מיטאג־שעה צעשטרייט ארומגעדרייט אט דאס געזעצטע בחורל בעני גרינבערגער. אים איז עס נאך אלץ, בשום אופן נישט געקראכן אין קאפ־אריין, אז היינט ביינאכט זאל ער עס טאקע מיט זיי אלעמען דארפן אפמארשירן צום פראנט. צווישן די אלע, וועלכע מען האלט אין איין אנברענגען אהער, זענען שוין פיל געלאפן פונדאנען; צו צוויי און צו דריי מאל איז מען שוין געלאפן, אויסבאהאלטן זיך אין די טונקעלע, אפגעשלאסענע שטיבן, אויף בוידעמער און ווען די זשאנדארמען האבן אינמיטן דער נאכט א קלונג־געטון אין טויערל, זענען זיי געשפרונגען אויף די דעכער, אראפגעלאזן זיך מיט די רינוועס, מיט די באלקאנען, אבער סוף־כל־סוף האט מען, אפשליסנדיק דעם גאנצן קווארטאל, זיי געפאקט. עס האבן זיי מער נישט געשראקן די אויפגעקלעפטע בלעטלעך אויף די ווענט און טויערן פון שטאט, אז אלע דעזערטירן וועלן געשטעלט ווערן פארן פעלד־געריכט. אלצאיינס, האט מען געטראכט, גייט מען אויפן זיכערן טויט, מען באלט ווי די פליגן און אזוי וועט נאך אפשר זיין א געלעגנהייט אויסצודרייען זיך. די „מאכערס" האבן פארדינט שטיקער געלד — מען האט עטלעכע און צוואנציק־יעריקע יינגעלייט עלטער געמאכט מיט צען און מיט פופצן יאר, איינגעטוישט די נעמען, אויסגעגראבן פאר זיי אלטע פאפירלעך פון אויסגעדינטע סאלדאטן ביי „פאניען", וועלכע זענען ערגעץ פארפאלן געווארן אין דער מלחמה. אבער אויך מיט די האזיקע דאקומענטן איז שווער געווען זיך צו באוועגן אין גאס. מען איז אנטלאפן אין דער פארשטעקטער פראווינץ, אויסבאהאלטן זיך אין די דערפער. אונטער־צייט האבן זיי, אריבערלייפנדיק די גאס, געשארט זיך ביי די ווענט. אינדערמיט אבער איז געווארן א געלויף, די גאס איז שוין געווען אפגעשלאסן און אלע פארדעכטיקטע יינגעלייט זענען געווארן אפגעפירט אין צייטווייליקן „זבארניאק", וואס האט זיך געפונען אין א הויף אויפן פשעיאזד. ס'האט אבער אלצאיינס קיין צייט נישט געקלעקט צו פארנעמען זיך מיט די דעזערטירן. געלאפן איז מען צו צוויי און צו דריי מאל, צוריקגעברענגט געווארן און גלייך אויפן פראנט . . .

די פאניק אין שטאט איז געשטיגן פון מינוט צו מינוט. פון אלע שטאט־ווינקלען האבן זיך די געפאקטע טראמווייען, גיך און מיט א גע-

קלינגעריי, געטראָגן איבער די בויגנדיקע בריקן פון דער ווייסל. די אָנ-געגלימטע ברוקן האָבן זיך געטרייסלט פון דער פּאַרעריי; אַלץ האָט גע-צויגן מיט די הויפּט־גאַסן, מיט דער מאַרשאַלקאָווסקע, מיט דער ניי־וועלט, מיט דער קראַקאָווער פּאַרשטאָט — צום ווינער וואָקזאַל. מען האָט זיך גע-קליבן באַצייטנס צו אַנטלויפן פאַר די באָלשעוויקעס, וואָס זענען שוין אָט־אָט געשטאַנען ביי די טויערן פון וואַרשע. די פּריצישע גאַסן זענען פאַרשטאָפּט געווען מיט לאַסט - אויטאָמאָבילן, מיט קאַמשן, מיט הויכע מיליטערישע וועגן און פאַרדריפּטע אויטאָמאָבילכלעך. דורך ברייט-אויפ-געריסענע טירן האָט מען געהאַלטן אין איין לאָדעווען אויף וועגן־אַרויף. דער איבערגעבערענטער בענזין-רויך האָט פאַרווישט די העל־געשניצטע פּאַסאַזן פון די שיינע, פּאַראַדנע צופאַרן ביי די מאַסיווע רעגירונגס-געביידעס און סטיליזירטע, אָפּגעשלאָסענע מיניאַטור־פּאַלאַצלעך־ הינטער גאָרטן־שטאַ-כעטן און גומי־צופּלעגטע ביימער־ווענט. הינט האָבן זיך געריכן אויף קייט-לעך ביי צעפּלוגענע דאַמען און שווייציקע אולאַנישע רייטער־פערד האָבן, אַנפּליענדיק אינדערמיט פון דער פאַרפּאַקטער גאַס, איינגעשניטן זיך ביז בלוט אין די מויל־אייזנס. גאַווערנדיק מיט ווייסע פּינעס, זענען זיי גע-שטאַנען צעשוימטע, מיט איבערגעקערטע ווייסלעכצן, פאַרלאָפן מיט שטי-קער בלוט, פאַרוואָרפן די פאָדערשטע פיס אינדערלופטן, ווי דאָס פערד פון פּאָניאַטאָווסקי אויפן רענקמאַל.

מיטן צופאַלן פון אָוונט, האָבן זיך די שווערע וועגן אוועקגעטרייסלט איבער די ברוקן צום הויפּט־וואָקזאַל. אין דער שטילקייט, וואָס האָט זיך געלייגט דערנאָך געדיכט און שווער איבער דער פאַרהעמערטער און אויס-געלאָשענער שטאָט, האָט מען שוין דייטלעך געהערט ווייטע האַרמאַטן־קלעפּ, שטילע און אַזוי־ווי אָפּזיפצנדיקע.

און דאָ, אויפן קאַזאַרמע-הויף, אין „זבאַרניאַק", האָבן אַ גאַנצע נאַכט העל געברענט אַלע שויבן אין רינג פיר־שטאָקיגע געביידעס. אין דער חשבות, וואָס איז געדיכט געלעגן אַרום די ווייסל־ברעגן, איז דער הויף גע-שטאַנען אַן אויפגעלויכטענער, אַ צעצינדענער און אַן אויפגערודערטער. הינטער די וועגנטלעך פון אָפּדעכל, לענגאויס די פּלויטן, האָבן געהירזשעט פערד, די אַפּצהאַטן אין די ליכטיקע געביידעס האָבן געקלאַפּט און דער הייסער אָטעם אין די זעלנערישע פּאַלאַטעס האָבן שווער געשטיקט.

מאַקע דעמאָלט האָט זיך דאָ בעני גריגבערגער אַ נעם-געטון ביי דער פאַרוואָקסענער גאָמבע און אין זיין מוח, אַן אָנגעגאָסענער מיט בליי, האָט, ווי אַ קליינער זייגער-געווערק, געקלאַפּט איינאונאיינציקער געדאַנק:

— איצט, אָדער קיינמאָל נישט...

מיט געלט האָט ער געוווסט, קען מען אַלע ווענט אָדורכברעכן; פון טייוול אַליין קען מען זיך אויסקויפן פאַר געלט. לאָזנדיק זיך אוועקפירן אין

„זבאַרניאַק"-אַריין, ווען מען האָט אים אין באַגינען אַראָפּגענומען פון וואַ־ רעמען געלעגער, איז אים גלייך איינגעפאַלן צו פאַרשטעקן ביי זיך אין די הינטער־געשיכטעס שיינע עטלעכע הונדערטערס: „ס'וועט צונויקומען — האָט ער געטראַכט — ווי אַ מעשה מאַכט זיך"... פאַרדראָסן האָט אים נאָר אויפן גאַנצן „געמו" מיט די „מאַכערס", וואָס האָבן אים דעם קאָפּ פאַר־ דרייט אין אים פאַרזיכערט, אַז ער האָט נישט וואָס צו ציטערן, אַז אַלס איינציקער שפּייזער נאָכן געשטאַרבענעם מאַטן, מאַרן זיי אים אַלצאיינס נישט נעמען צום מיליטער. אין אַ נאָרמאַלער צייט וואָלט מען „געשמירט" און עס וואָלט אפשר געהאָלפן, אָבער נישט אין אַזאַ צייט. ווען נישט די דאָזיקע לייט, וואָלט מען אים שוין, נישקשה, פון וואַרעמען געלעגער נישט אַראָפּגענומען...

נאָך פאַרנאַכט, ווען דער גאַנצער הויף האָט געדרוישט פון אַנגעטרי־ בענעם עולם, איז ער אַזוי אומשולדיק געהאַט פאַרקראָכן צום טויערל, ווו ס'זענען געשטאַנען די ביידע זעלנער מיט די טיף־אַנגערוקטע העלמען. אין זייערע שאַרפן האָט זיך געשפּיגלט די זון. ער האָט געזען דורך די שטאַ־ כעטן, ווי זיי רויכערן פאַרשטעקט אין די אַרבל, ביליקע זעלנערישע פּאַ־ פּיראָסלעך, לאָזן אַ געדיכטן רויך און שפּייען אומעטיק פון צווישן די ציין.

— ס'וואָלט גוט געווען מיט עפּעס צו באַנעצן דעם גאָרגל!... — האָט ער געהערט, ווי זיי וואַרפן זיך איבער, די וואַכזעלנער.

— העע, גרינג ביי אים אָפּצורעדן! מען קען עס דען ערגעץ באַ־ קומען?...

— פאַרוואָס נישט? אָט ווייס איך דאָ נישט ווייט פון אַ יידיש שענקל, אויף פּראַגע... כ'וואָלט אַנגעקלאַפּט דורך דער הינטער־טיר... ער וואָלט מיר שוין, נישקשה, אויפגעמאַכט, דער זשידעק...

— וויל, פיין! — האָט יענער קרום אַרויסגעלאַכט מיט אַ מויל געלע, געזונטע ציינער — אָן געלט וועט דער זשידעק נישט וועלן געבן; און פאַר ראַבעווען, פויגעלע, ווייסטו, וואָס ס'קומט איצט — דאָס שטריקל!.. כ'איז נישט אויפן פראָנט, אָדער אין הינטערלאַנד פון שונא...

— נאַרישקייטן! אַנדערע זאַכן ליגן איצט אין זינען...

די דאָזיקע רייד זענען אים אַריין אין קאָפּ. אויסטרינקען, הייסט עס, האָבן זיי, נעבעך, שטאַרק חשק...

פון האַלבן טאָג אָן איז ער אַזוי אומגעקראָכן איבערן ליאַרעמדיקן הויף אין פרעמדן, זעלנערישן אָנטון, וואָס האָט געטראָגן פון זיך מיט איינ־ געבאַקענע, זויערע ריחות; ווער ווייס פון וויפל געפאַלענע זעלנער, האָט ער געטראַכט מיט עקל, די דאָזיקע ברייטלעכע הויזן מיט דער לויזער מאַ־ ריגאַרקע זענען אַראָפּגעצויגן געוואָרן? די שווערע, באַטשוועקטע שיך, אָנגעשטאָפּט מיט אָניטשעס, האָבן אים געבריט די אויסגעאיידלטע פיס.

פונדערהיים איז ער גאַרנישט געווינט געווען צו אַזעלכע שווערע טרעטערס. זיינע שיכלעך זענען אַלעמאָל געווען גענוי צוגעפּאַסט צו זיין קליינעם פוס, ווי אויסגעגאָסן. בכלל איז ער אַלעמאָל געגאַנגען צוגעפּוצט, אַרטיק. ווען ער וואָלט נאָך, צום טיול, געווען אין ציווילן אָנטון, וואָלט פיל לייכטער גע־ווען אָפּצוטראָגן זיך מיט די פאַרוואָרפענע הינטערגעסלעך, מיטן ברעג, נאָכדעם, ווי מען קריגט זיך אַרויס פונעם אָפּגעשלאָסענעם הויף . . .

ס'האָט שוין געמוזט זיין גענוג שפּעט, ווען ער האָט זיך פאַוואָליע, אָבער מיט אַ פעסטן באַשלוס איפּגעריסן פון שטרוי. אַ גאַנצע אייביקייט האָט געדויערט אַרונטערצוקריכן צום נידעריקן פענצטער און דורכצושפּאַ־נען דעם הויף. אין די אויערן האָט אים געראַשט אַ ווירבל־ווינט און פיי־ערדיקע רעדער זענען אים געשפּרונגען פאַר די אויגן. געהאַלטן האָט ער זיך אויף די וואַקלדיקע פיס אין שאָטן פון פּלויט, ביז ער האָט זיך דערקריגן צו די שטאַכעטן פון טויערל און האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ צווישן צוויי שטאַבעס.

— אַ געפּעליקייט, יינגלעך! — האָט זיך ביי אים ציטערדיק אָפּגעריסן די שטים. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער הערט איצט זיין אייגן קול צום ערשטן מאָל — מען גייט אָפּ באַגינען צום פראָנט, נו, איז, פאַרשטייט איר, אַנגעזאָלצן אויף דער נשמה... ווען מען קען כאָטש ערגעצוו באַקומען אויס־צוטרינקען... ווער ווייסט צי מען וועט זיך נאָך אומקערן אַ גאַנצער... אַז־מעטיק איז...

— וויזשע? — האָט זיך דער נידעריקער פון רעכטס, אַ ריר־געטון צו די שטאַבעטן. פון אונטערן העלם האָבן בייז אויפגעלויכטן די אויגן, ווי פּאָליציייאישע, האַלב־נאַכטיקע שיין־ וואָרפערס און די מויל־ווינקלען ביי אים האָבן זיך שטייף אָנגעצויגן — ווי קומסטו דען אַהער? גיבער, טראָג זיך אָפּ פונדאַנען ... אַן איינפאַל! — האָט ער זיך באַדענקט — אַלע מאַנאַ־פאָלן זענען צעטראָגן.. אומעטיק גאָר..

דער צווייטער, דער העכערער, האָט זיך פאַרטייעט אומגעדרייט און שווייגנדיק פאַרשטעקט אַ פּאַפּיראָסל צווישן די ליפּן. ער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע צווישן די דלאָניעס און באַלייכטנדיק דערמיט זיין צוגעשטעלט, ביינ־יק־אויסגעטריקנט פּנים, האָט ער טיף פאַרצויגן, לאָזנדיק דעם רויך אין די אויגן־אַריין אים, בענין, וואָס איז געשטאַנען מיט אונטערגעבראָכענע קני.

— און עפּעס אַ סך גנלט האָסטו ביי זיך, זשידעק, וואָס ס'פאַרגלוסטן זיך דיר אינמיטן דערינען „סעטקעס"?...

— פאַראַן! — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט — פאַראַן ביי מיר גענוג...

האָט ער אַרויסגעבראָנגט די ווערטער מיט אַ דייטלעכער אָנצוהערעניש — מען גייט אָפּ אינהאַרפּדי צום פראָנט, איז וויזשע, טראַכט איך, וועט אויס־

קומען אויסצומרינקען א „סעטקע", פארדויבערן א גוט פאפיראסל, אדער א מיידעלע אונטערצוכאפן? . . .

און דעמאלט האבן זיך ביידע זעלנער אויפסניי איבערגעקוקט, האבן עפעס אזוי ווי גענומען פארשטיין זיך אויף זיינע צוגעלאזענע רייד... אליין, הייסט עס, וואלטן זיי, נעבעך אויך חשק געהאט א ברי צו געבן דעם גארגל און דא ווייזט זיך גאר ארויס, אז געלט האט ער, דער דאזיקער זשידעק, איבערגענוג . . .

— וויפל האסטו דארט? — האט זיך דער נידעריקער צוגעבויגן מיט א געשעפטש — ווייט איז עס און גיי קלאפ אינמיטן דער נאכט... — ער האט אפגעזיפצט — ס'וועט אויסקומען צו מאכן אן אוואנטורע...

אבער יענער האט אים שוין גארנישט מער איבערגעפרעגט. ער האט פון ערגעץ ארויסבאקומען א פויסט קנאקנדיקע פאפירלעך, נישט געציילט אפילו און געשטופט זיי אים אין דער האנט אריין.

— נעמט! — האט ער באקומען אן אומשולדיקע מינקע — ס'וועט, דוכט זיך, גענוג זיין.

און דא האבן זיך די וואך־זעלנער צום לעצטן מאל איבערגעקוקט, האבן זיך שטים אפגעדרייט אינאזייט און עטלעכע רגעס שטיל אייגעטענה'ט צווישן זיך.

— אזוי?... הייסט עס... — זענען זיי צוריקגעקומען און איידער זיי האבן נאך ארויסגעזאגט וואס זיי מיינען מיטן „הייסט עס", האט זיך ביי אים שיעור דאס אינגעווייד נישט איבערגעדרייט — לויפן הייסט עס, ווילסטו... — אזוי האט גערעדט צו אים דאס נידעריקע זעלנערל מער אויפן ווונק, ווי מיט דער קורצער, פארבויגענער גאמבע — וויפל האסטו נאך דארט... טרייסל ארויס...

— אט, קליינגעלט — האט ער זיך געפארעט ביי די קעשענעס און ארויסגעטרייסלט נאך אביסל פאפירלעך — צוויי הונדערט... מער האט זיך שוין נישט אפגעשטעלט...

— אבער זע — דעם פיסק האלטן, טאמער ס'וועט דיר דארט א וועלכער נישט איז טייוול אונטערכאפן, אנישט — זעסטו? — און ער האט אים אונטערגעטראגן צו די שטאכעטן דעם קאלטן באיאנעט — צעפערמלען וועט מען דיר... איך וועל טאקע גיין פאר א פעלד־געריכט, אבער מיט דיר, זון צויגישער, וועט מען זיך אפרעכענען!...

— א, רעדט נישט אזוי, יינגלעך — האט ער הייס געשטאמלט — כ'זאל אפילו וויסן, אז מען וועט צעשיסן... א ווארט איז א ווארט...

און דעמאלט ערשט האבן זיי, ארומקוקנדיק זיך פיל מאל אין אלע זייטן, פאמעלעך אפגעשפארט דאס טויערל, אז ער איז קוים דורכגעקראכן.

„וויניק — האבן זיי בארעכנט — לויפט מען אצינד פונדאנען?

ס'וועט קיין האָן נישט קרייען... און די עטלעכע הונדערטער וועלן מאַקע גאַנץ שיין צונויף קומען... דעם פּיסק זאָל ער כאָטש האַלטן, דער זשידאָק...

— גיי! — האָבן זיי אים אַ שטויס געטון — און מער זאָל מען דאָ דיין פּאַסקודנע „זשאַניע“ נישט אָנקוקן... אָט, די זשידקעס, פון אומעטום דרייען זיי זיך דיר אַרום גאַנץ...

ער איז פאַרזיכטיק אָפּגעגאַנגען אַ טריט פינף און אַ טונקעלע אַנונג פון טויט-שרעק איז, ווי אַ קאַלטער וואָרעם, געקראָכן איבער זיין אָנגעהיצטן שאַרבן. ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז די זעלנער וועלן אים אָט באַלד אונטערשיסן. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט. ווי אויף געליימטע פיס, האָט ער זיך קוים באַוועגט פאָרויס, ביז ער איז האַסטיק אַריבערגעשפּרונגען די גערטל-שטאַכעטן, וואָס האָבן זיך אים געפּלאָנטערט, און מאַכנדיק זייער פלוצים אַ שאַרפע ליניע, האָט ער זיך אין געדיכטן חושך פאָרזיכטיק אַראָפּגעלאָזן צו דער ווייסל. דעם קאַלטן שווייס פון שטערן האָט אָפּגעלעקט דאָס פרישע ווינטל פון ברעג. זיין צעפּלאָנטערטער בליק האָט זיך פאַרטשעפּעט אין די פינצטערע מאַסטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון די לאַסט-באַרקעס און האָבן זיך אויפן פאָן פון טונקל-בלויען האָריזאָנט, געצייכנט שאַרף און שפּיציק.

בליציקע ראַקעטן האָבן דורכגעשניטן אַ ווייטן הימל-ווינקל און אויף אַ רגע האָבן זיך געוויזן אָפּגעגאָסן אין העלן שיין אַ קופּע דעכער און אַ קלויסטער-שפּיץ. ערגעץ נידעריק, איבערן אויסגעלאָשענעם וואַסער, האָבן זיך פאַרהוילענע דאַמפּערס שרעקיק איבערגערופן. די פּאָניאַטאָווסקי-בריק שיינע עטלעכע הונדערט מעטער הינטער אים, האָט זיך געטרייסלט פון שווערע וועגן און אויפגעלויכטענע טראַמווייען.

— ווו גייט מען עס אַצינד? — האָט ער זיך פאַר דער גאַנצער צייט קאַלט איבערגערעכנט — בלייבן אין שטאָט, איז ווידער אַלץ צום טייוול.... מען וועט דיר דאָ סוף כל סוף געבן דעם קאָפּ אין דער האַנט אַריין...

דער געדאַנק, אַז ער מוז זיך איצט אויף שטענדיק זען אָפּצוטראָגן פון דאַנען, האָט אים געקעבערט. אַן אומבאַוווּסטער כוח האָט אים אַוועקגעטראָגן איבערן פינצטערן ברעג. ווי אַ חיה, האָט ער דערשמעקט די נאָענטע שטרויכלונגען און האָט זיך אַלץ מער געהאַלטן אין שאָטן.

איבער דער אויסגעלאָשענער שטאָט איז דער הימל אין דער צווייטער האַלבער נאַכט אַריין געהאַנגען אַ פלאַקערדיקער. אין פאַרשידענע ווינקלען האָבן זיך געוויזן אויפגעלויכטענע שרפות. פאַרשטיקטע קלעפּ פון ערגעץ ווייט האָבן זיך געבויערט אין דער געפרעסטער שטילקייט. געקראָכן איז ער אין דער זעלבער ריכטונג, פון וואַנען ס'זענען געקומען די קלעפּ, איינ-

זינען האָט ער געהאַט דורך דער באַן־בריק אַריבערצובאַקומען זיך אויף אַלטשטאַט. דאָרט איז שוין גרינגער צו פאַרדרייען זיך צווישן די באַקאַנטע געסלעך און בלינדע דורכגענג צום מוראַנאָוו, פאַרהאַלטן זיך אביסל אינדערהיים, ווו מען וועט אים אוודאי באַלד אינדערפרי קומען זוכן.

קאַפּיטל צוויי

פ ו נ אַ נ ד ע ר פ אַ ל

שוין אַ לענגערע צייט אַזוי, זינט ווען מ'האָט דעם קליינעם, יאַיישליוון ייִד צום לעצטן מאָל אַוועקגעטראָגן פונדאַנען, איז דאָס הויז אויפן מוראַנאָוו — די פינף גרויסע, טונקעלע חדרים — געזונקען אין טרויער. דער שאָטן פון פאַרשטאָרבענעם איז נאָך דאָ געלעגן אין די שטיבן מיט די אָנגעשטעלטע, סקריפענדיקע מעבלען, וואָס זענען גיך באַדעקט געוואָרן מיט אַ דינעם שיכט שטויב. מען האָט דאָ מער נישט געראַמט די צימערן, אַזוי ווי פריער — דער קליינער, ענערגישער מומער דבורהלע איז מער נישט געלעגן דער קאָפּ הערביי. מען האָט גענומען איינשפּאָרן די שטובהוצאות'ן, געלאָזן וואָס ווייניקער ברענען ליכט אין די צימערן, נישט געפירט זיך אַזוי ברייט ווי אַמאָל ביים איינקויפן אויף שבת די פישן מיט די פליישן; און קודם־כל איז אָפּגעשאַפן געוואָרן דאָס דינסט־מיידל, וואָס האָט שוין אינגאַנצן אַוועקגענומען דאָס ביסל לעבן פון הויז, ווו עס האָבן זיך אַרומגעדרייט שאָטנס, נישט קיין מענטשן: דעם פאַרטייטן סקריפּ מיט די הינטער־טירן, די שושקעריי מיטן בגנבה־געקומענעם ייִנג, דעם חתן אירן, און דאָס העלע, דאַרפישע געזאַנג, וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט געלאָזן הערן פון ווינקל קיכל. פאַר שכנים, באַרעדערס, זענען די טירן אינגאַנצן געשלאָסן אָפּגעשלאָסן. יעדן אָוונט האָט נאָך אין גרויסן זאַל געברענט דער מעשענער זשיראַנדאָל מיט די לאָמפּן און לעמפּעלעך, דערפאַר אָבער איז אין די זייטיקע חדרים געווען שטאָק־חושך.

ביי דער גאַנצער אָפּגעשטאָרבנקייט אין הויז, האָט נאָך דאָ אַרומגעשפּעט איבער די צימערן דער אַלטער עובר־בטלדיקער זיידע, דער געוועזענער אייגנטימער פונעם גרויסן מאַנופאַקטור־געשעפט אויף דער גענשע, ר' אהרן גרינבערגער — אַ בעטמער זקן, מיט ווייסע, געדיכטע ברעמען איבער די איינגעפאַלענע אויגן־נעסטן. ביידע ווייבער האָט ער איבערגעלעבט, אַלע זין און אַלע טעכטער. ער איז גאַנצע טעג אָפּגעזעסן אין טינסלן חדרל און האָט מיט אַ שטילער ברומעריי געלערנט „עין־יעקב".

אַלעמען אין שטוב איז ער נאָכגעגאַנגען, נאָכגעקוקט אים אין זיינע פּי־רעכצן, שווייגנדיק אַפּגעמאָסטן מיט זיינע קליינע, רויטלעכע אויגעלעך, געציפּט די הערעלעך פון זיין שיטער־אויסגעקראָכן בערדל און האָט געזיפצט :

— נחת'ן.... שיינע נחת'ן....

אַ גאַנצע מלחמה איז דאָ אָנגעגאַנגען צווישן אים און די קינדער. ער איז געווען אויף זיי אש להבה: וואָס זיי טוען נאָך אַמאָל אַ לאַך, וואָס זיי ווייזן נאָך אַמאָל אַרויס אַ פרייע מינע, וואָס זיי שמירן זיך אָן אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער ביים טיש. אינמיטן בעכטן געלעכטער, ווען מ'איז אַזוי געזעסן פאַרזאַמלט מיטן יינגווארג אין עס־צימער, האָבן זיי פלור־צים דערזען, ווי איבער דער טיר, וואָס פירט צו זיין טונקל חדרל, אין דער שטויביקער גלאָז, שמעקט די שרעקנדיקע מאַסקע פון אַלטן; זיינע קלע־נער־געוואָרענע, רויטלעכע אויגן קוקן אויף זיי פון אונטער די טיפע, האָ־ריקע ברעמען קאַלט, אַנגעשטרענגט. די מיידלעך האָבן אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש און זענען שיעור נישט אַרונטערגעפאַלן פון די שטולן; די יינגע־לייט האָבן זיי איינגענומען, געלאַכט און ער, בעני, איז צו און האָט גע־טון אַ רייס־אויף מיט רציחה די טיר, אַז דער אַלטער איז שיעור נישט אַרונטערגעפאַלן פון די אָנגעשטעלטע בענקלעך.

— ביינישל ממזר! — האָט ער געליאַרעמט, דער אַלטער — האָסטעך מעך שיעור נישט דורס געווען... באַגראָבן זאָל איך דיר... הילטאַי־יינג...

געגעסן האָט ער אַ סך, דער אַלטער, אָן אַ שיעור. ער איז געזעסן איבער די שיסלען און האָט פויל און פאַמעלעך מעלה־גרה'ט מיט די נאַקעטע יאַסלעס, ווי ביי אַ קינד, שעהן גאַנצע. און אָנהויבנדיק די שטילע ליפּ־מורמ־לעריי נאָכן עסן, איז ער באַלד אַוועקגעפאַלן אויפן טיש און אַנדרעמלט געוואָרן.

אַמאָל, ווען דער זון האָט נאָך געלעבט, אַז ס'איז אים גאָר איינגעפאַלן, האָט ער זיך אויפגעריסן, גענומען אין דער האַנט אַריין דעם שטאָק מיט דער זילבערנער גאָלקע און אַז קיינער האָט נישט באַמערקט, האָט ער זיך אַראָפּגעקליבן פון די שטיגן און איז פאַמעלעך געקומען צו טושאַפּען אין געוועלב־אַריין. די „מענטשן”, אַזוי ווי זיי האָבן אים נאָר דערזען, האָבן אים באַלד אַ כאַפּ־געטון אויף אַ דראָשקע און אים צוריק אָפּגעפירט אַהיים.

— הערמאַנדל, געלער גאַנאַמניק — האָט ער געמאַכט קולות איבער דער גאַס דעם עלטסטן „מענטש” אין געשעפט און האָט געקלאַפּט מיטן שטאָק איבער דער פאַדלאָגע פון דער דראָשקע — איך ווייס, אַז דו טראַגסט מיר אַרויס, אַז דו באַגנב'עסט מיך, אַז דו שמועלסט מיר בדיל־הדל... איך וועל דיר לאָזן רופן אויף אַ דין־תורה צום גערער... גערענק...

עס קען זיין, אַז דער זקן, וואָס איז שוין אַלט געווען קרוב צו די אַכציק, דער געוועזענער אויסגעקאָכטער סוחר אויף דער גענשע, האָט גוט ארויסגעפילט, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ; און ער האָט זיך, נישקשה, נישט געגאַרט. אַ שטיק צוליב אָט דעם הערמאַנען אפשר איז דער זון זייגער, מיט אַ קורצע צייט שפּעטער, געגאַנגען פרי אין דר׳ערד אַריין...

די פירונג איבערן הויז האָט באַלד נאָכן טויט פון ר׳ קלמן גרינבערגער איבערגענומען זי, די קליינע, ענערגישע מוטער דבורה׳לע, וואָס האָט קיינמאָל פאַרן מאַנס לעבן כמעט נישט אַריינגעשמעקט אין געוועלב. זי האָט זיך פאַרנומען מיטן פירן די ברייטע באַלעבאַטישקייט און מיטן הערציען די קינדער.

ס׳זענען אונטערגעוואַקסן פאַר דער צייט צוויי יינגלעך מיט ברוינע, שטייפלעכע האָר, קורצע, קרעמפּע, מיט אויסגעשאָטענע קלייענדלעך אויף די נידעריקע שטערנס און אַן אַנעמיש מיידל, אַ קורציזיכטיקע, מיט לאַנגע, בלייבע פינגער, וואָס האָבן אומגעשיקט געבלאָנדזשעט איבער די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ; אַ קליינע שטוב־פּיאַנע, וואָס איז דורך דער מאַמעס איינשפּאַרעניש און קעגן ווילן פון אַלטן אַריינגעשטעלט געוואָרן אין קינדער-צימער. דידאַזיקע קאַפּריזן און פאַנטאַזיעס האָבן שוין געהערט צו איר, צו דער מוטער דבורה׳לע, וואָס האָט דאָס שייטל פון קאָפּ טאַקע קיינמאָל נישט אַראָפּגענומען, אָבער וואָס האָט שוין געהאַט אַ היפּשן געשמאַק אין הייטוועלטישקייט. מיטגעבראַכט האָט זי עס נאָך פון איר שטאַרק-חסידישער היים, וווּ זי האָט בגנבה געלייענט פּוילישע ראָמאַנען. אירע יאָרן האָט זי גלייך פון אָנהויב אָן געהאַלטן פאַר פאַרשפּילטע, זינט ווען מ׳האָט זי חתונה געמאַכט מיטן אויסגעבליכטן, נגידישן ישיבה־בחור, וואָס האָט איבערגענומען פון דעם אַלטן דאָס איינגעצויגענע מאַנופאַקטור-געשעפט אויף דער גענשע. אַ שטיק דעריבער האָט זי זיך קיינמאָל נישט געוואָלט מישן אין מאַנ׳ס עסקים. כאָטש אין אויג, מוז מען זאָגן, האָט זי יאָ געהאַלטן אויף אַלעמען, האָט זיך זייטיק אינטערעסירט, ווייל אויפן יאַרישליוון און קראַנקן מאַן, האָט זי געוווּסט, קען מען זיך נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן. אָפּגעגעבן האָט זי זיך אָבער דער עיקר מיטן הויז און מיטן הערציען די קינדער, אין וועלכע זי האָט געוואָלט זען די דערגענצונג פון זיך אַליין...

די יינגלעך האָט זי פרי אָפּגענומען פון חדר און האָט זיי געשיקט, צוגלייך מיטן אויסגעבליכטן מיידל, אין דער מיטל־שול. אָבער אינדערהיים האָט זי נאָך פונדעסטוועגן אַריינגענומען אַן אָרעמען ייד, אַ מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט די קינדער יידישקייט. דעם עלטערן, וואָס איז געווען פעיק און געשיקט, האָט זי אָפּגעגעבן אין דער פּוילישער האַנדלס־שול. דאָס יינגל איז געווען פלינק, האָט קיינמאָל גאָרנישט געלערנט און האָט פונדעסטוועגן אַלצדינג געקענט. אין דער שול פלעגט ער גיין נישט גערן, האָט אָפט פאַר-

שפעטיקט און אַהייב פלעגן קומען אויף אים אָנקלאַגעס פון שול-דירעקטאָר. אים אָבער האָבן עקשנות'דיק אינטערעסירט גאָר אַנדערע זאַכן, אַבי נישט די שול. ער האָט אוועקגעפטרט זיינע קורצזיכטיקע אויגן איבער די רייזע-באַשרייבונגען פון זשול-ווערן, מאַין-ריד און וואָלטער-סקאָט.

— ווען באַווייזסטו צו מאַכן די לעקציעס? — איז זי געווען אומרואיק, די מאַמע, ווען דאָס יינגל פלעגט זיך שפעט באַווייזן אין הויז מיט אַ באַרג אָנגעבראַכטע ביכער — זע נאָר ווי פאַרשוויצט מ'איז... האָסט זיך מיט עמיצן געשלאָגן ?...

זי האָט דערזען ביים יינגל אַן אומרויקייט אין בליק, ווי ער וואָלט עפעס אויסבאַהאַלטן פון איר. ס'האָט געטראָפן, אַז ביז שפעט אין אָוונט האָט זיך געבהעלט ביים אים אין צימער דאָס ליכט און ווען זי איז איינמאָל אַרײַן אין בלויזן העמד אַ קוק טאָן פאַרוואָס ס'לייכט זיך נאָך אַזוי שפעט, האָט זי דורכן מיר-שפאַלט דערבליקט ווי דאָס יינגל איז פאַרטיפט אין אַ ביכל. אַן אומבאַוווסטע צופרידנקייט און גלייכצייטיק אַן אומרו האָט זי אָנגעפילט. אויף איר פלוצימדיקן אויסוואָקס, האָט ער זיך אויפגעריסן פונעם ביכל מיט אָנגעשטרענגטע אויגן. לאַנג און מאָדנע-פרעמט זי באַטראַכט און האָט דערנאָך עפעס געשטאַמלט וועגן רייזעס, וועגן אומערגעגאַנגענע שיפן און וועגן מענטשן-פרעסער. גענוי פאַרשטאַנען זיינע רייד האָט זי נישט. „ס'זאָלן אַמאָל נישט זיין פון יענע ביכלעך" — האָט זיך איר מאַמיש האַרץ געשראָקן...

זייער פלייסיק און פינקטלעך האָט דערפאַר געלערנט דאָס יינגערע בחורל, כאָטש ער איז געווען פיל ווייניקער געשיקט אין די לימודים, ווי דער עלטערער. ער האָט געמוזט אָנקומען צו דער שוועסטער, וואָס איז געווען די מיטלסטע, זי זאָל אים אַרויסהעלפן. אָבער יענע, מיטן פאַרגרינטן פנימל, אַ דאַרע, אַן אויפגעשאָסענע, מיט לאַנגע פינגער, וואָס האָבן אומגעשיקט געבלאָנדזשעט איבער די קלאַווישן פון דער פיאַנע, איז געווען אַ שטיק שלעכטס, האָט קיינעם נישט געוואָלט העלפן פונדאַנען ביז אַהער. זי האָט זיך געבוצט אין דער קאָקעטישער, שילערישער אוניפאָרם, איז אַרומגעגאַנגען אויף די שפיצן פינגער פון איידלקייט וועגן און אַהיימגעברענגט זייער נישט קיין גוטע צייגענישן פון דער שול. אָפגענומען פון דאָרט האָט מען זי דערנאָך מאַקע אַ שטיק דערפאַר. אַ מיידל, האָט די מאַמע גערעכנט, אַז זי איז נעבילדעט, אַז זי איז אַ „געענדיקטע", איז אַלעמאָל לייכטער צו טון מיט איר אַ שידוך, ווייל עפעס, האָט זי מיט איר שאַרפן חוש פאַרגעפילט, וועט זיך דאָ גוט נישט אויסלאָזן. דאָס לעצטע האָט זי פאַרמשכונט און געצאָלט פאַר איר אין שול, ביז זי האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז אַלצאיינס איז עס אַרויסגעוואָרפן....

געצויגן האָט זיך עס אַלץ ביז דעמאָלט, ווען דאָס הויז איז נאָך געווען

אַ הויז, ווען די געשעפטן זענען נאָך ווי-עס-איז געגאַנגען — ביז נאָכן פּלוצימדיקן טויט פונעם טאַטן. דערנאָך האָט מען אַלע דריי אָפּגענומען פון חדר של און מען האָט אָנגעהויבן צו קלערן וועגן אַ תכלית. דאָס מיידל איז געבליבן זיצן אין שטוב, געוואַלגערט זיך אויף דער ירושה'דיקער אָטאָ-מאַנע מיט די איינגעפאַלענע זיצן, אין עס-צימער, און האָט געלייענט ביכלעך.

זי האָט אָבער נאָך אַלץ געוואָלט אויסבאַהאַלטן פאַר די קינדער, די מוטער דבורה'לע, נישט אַרויסווייזן פאַר זיי איר צער און זאָרג. איינע אַליין איז זי געשלאָפן אינעם לייִדיקן, אויסגעקילטן חדר, וווּ ס'איז נאָך געשטאַנען דערלעבן אַ שטענדיק-איבערגעדעקט'ס, דאָס בעט, אין וועלכן דער פאַרשטאָרבענער איז געשלאָפן. איינע אַליין, אין דער ראָזער נאַכט-קופּקע, איז זי געלעגן אויפן בארג הויך אָנגעגאַרנטע קישנס און קישעלעך. זי האָט געוויינט דורך די נעכט אויפן געלעגער. און האָט געזען אויסבאַהאַלטן זיך, די קינדער זאָלן נישט באַמערקן די רויטע פלעקן אונטער די אויגן. אויף איר איז איצט געלעגן דער גאַנצער יאָך פון דער שטוב.

געמישט אין די געשעפטן האָט זי זיך טאַקע קיינמאָל נישט, אָבער געטראָגן האָט זי, נישקשה, אַט דאָס קליינע, זשוואַווע ווייבל, דעם קאָפּ אויפן קאַרק. דאָס הויז, דאָס געשעפט אויף דער גענשע, וואָס איז איצט געשטאַנען פאַרקלאַפּט און פאַרחתמעט, איז טאַקע פון שטענדיק אָן געגאַנגען אויפן נאָמען פון ר' קלמן גרינבערגער, אָבער הינטער דעם אַלעם האָט דאָך געשטעקט איר קאָפּ, איר וואָרט, איר קלוגער איינפאַל. זי האָט זיך שוין גיכער פאַרלאָזן אויף דער אַלט-איינגעצויגענער פירמע, ווי אויף אים אַליין, הײַם אייביקן חלוש, דעם זון פון דעם אַלטן גרינבערגער, מיט וועלכן ס'האָט געקלונגען אויף דער גענשע און ביי דער גאַנצער סוחרישער פּראָווינץ, וואָס איז זיך צונויפגעפאָרן קיין וואַרשע.

לאַנגע יאָרן האָט דאָס געשעפט געקלאַפּט, ווי אַ פינקטלעך-אָנגעצויגענער זייגער-געווערק. די משרתים, די בוכהאַלטאָרן האָבן געפירט דאָס געשעפט כמעט אָן קיינעמס הילף און אודאי אָן דער הילף פון באַלעבאָס, וואָס איז יעדע פאַר מעג אוועקגעפאַלן און אין די זומער-חדשים איז ער ערגעץ אָפּגעזעסן אין די אויסלענדישע מינעראַלן-בעדער. געוויינלעך אָבער האָט ער פאַרנומען זיין באַשטענדיק אָרט אין באַגלאָזטן קאַנטאָר, אויפן ערשטן גאָרן, צווישן די סקלאַדעס, אַרויפצוגיין מיט אַ טרעפּל. פון די ריין-אויסגעקערטע, אָנגעפּראַפּטע און טונקעלע סחורה-לאַגערן האָט געצויגן אַ קעלערדיקע קילקייט. מיט דער זיידענער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, אָנגעזאָטלט מיט דער גאָלדענער בריל אויף דער קאַלטער, בלייכער נאָז, קייענדיק איי-ביס דאָס שיטערע, פעך-שוואַרצע בערדל, איז ער געזעסן אין טיפן פאָטעל, אַריינגעקוקט אין די אָנגעקומענע בריוו און האָט פון צייט צו צייט אַ

רוף-געטון צו זיך פון אויגן דעם עלטסטן משרת, הערמאנען — אן אויסגעקאכטער יונגערמאן, א געלער, מיט א ליפאגן כאלאטל, אי מעשה באלעבאטישער מענטש, אי מעשה פאצעט....

— הערמאן! — האט ער אים גערופן מיט א שוואך קול — די וויזשעווער מיטן באנדעראלעכל זאלסטו זיך נישט איילן ארויסצושטופן, הערסט? די פרייזן, שרייבט מען דא, זענען פעסטער, פליען אינדערהויך.

— אין ארדנונג, פאניע גרינבערגער..... כ'וויים עס וויל פון א זיימיקער קוועלע... עטלעכע פראווינצער יידן האבן זיך שוין דא נאכגעפרעגט. קיין פינגער אין מויל באדארף מען מיר נישט לייגן... — האט ער שיטערלעך ארויסגעלאכט און איז באלד ארונטערגעלאפן פון די עטלעכע טרעפלעך.

ווען נישט אט דער הערמאן, דער עלטסטער און פלינקסטער משרת אין געשעפט ביי די גרינבערגער'ס, וואלט נאך אפשר אלץ געגאנגען גוט. א שטיק איבער אים אפשר איז דאס געשעפט צו גרונט געגאנגען. צופיל אנפארטרויט איז ער געווען, מיטן מיגרסטן בילאנס האט מען געמוזט אנקומען צו אים. ער האט געערדט א סך, געהאלטן אין איין שפריצן מיט שפייעכץ און אלעמאל זענען עפעס די רעכענונגען פארבליבן נישט אינגאנצן קלאר. יארנלאנג, ביז וויט אריבער די דרייסיק, איז ער געשטאנען אין שידוכים, ווייל ער האט אלץ נישט געקענט אדורכקומען מיט די נדנים. וואס מען האט אים אנגעבאטן. חתונה געהאט האט ער לסוף מיט עפעס א פארזעעניש, ווי מ'האט דערציילט, אבער דערפאר האט ער זיך פאר דער דאזיקער פארזעעניש געהייסן גראב אפצאלן.

באלד נאך דער חתונה האט ער זיך ארומגעזען, אז מיט אזא היפשן נדן קען ער גאנץ פיין אליין פירן געשעפטן; און ער איז טאקע אין א שיינעם פרימארגן אוועק און האט זיך געדונגען פונקט אזא גרויס געוועלב מיט צוויי שויבן-פענצטער אין גאס אריין, גארנישט ווייט פונדאנען, ביים דאג נאלעווקעס. א שטיק געזונט האט עס אים געקאסט, דעם אלטן, אז ער האט זיך דערוווסט דערפון. אלץ האט ער זיך געריכט אויף דעם געלן ביטראק, נאר אז ער זאל אים אפטון אזעלכעס, האט ער זיך נישט פארגעשטעלט.

אין יענעם פרימארגן האט אים מיטאמאל פארכאפט א הוילקייט און א ברעכעניש ארום הארצן. עס האבן שוין איצט מער נישט געהאלפן די פראפעסארן און די מינעראל-בעדער, וואס זיי האבן אים געשיקט זיך היילן. ער האט געגעסן ווייניקער נאך פון א קינד, נישט געקענט פארדייען די דיעטע, אלצדינג צוריק אפגעגעבן. ער האט געשלונגען כלערליי פילן, געטרונקען כלערליי מינעראל-וואסערן און איז איינגעגאנגען פון טאג צו טאג. אט דער אומגעריכטער קלאפ מיטן עלטסטן משרת, מיט הערמאנען, האט אים דירעשט אוועקגעלייגט.

געווען איז עס באלד אין די ערשטע יארן נאך דער מלחמה. לאדזש, וואס איז אין דער גאנצער צייט געשטאנען במעט מיט אויסגעלאשענע קוימענס, האט צוריק אויפגעלעבט, כאטש נישט אזוי ווי אמאל, ווען זי האט געהאט פאר זיך דעם ברייטן רוסישן מארק. עפעס האט זיך אבער פונסניי א ריר-געטון. און דא האבן געגעבן א שפרינג-אויף די פריש-געבאקענע מלחמה-גבירים. שווער געווען בייצושטיין קעגן די אויפגעקומענע, נאך-מלחמה'דיקע פירמעס, וואס האבן זיך גענומען באווייזן אויף דער גענגשע — נייע, ברייטע שילדן אין גאס אריין, גרויסע, שפיגלדיקע שויפענצטער, עלעקטריש-באלויכטענע, וואס אזעלכע האט מען נאך קיינמאל נישט געזען. זיי האבן צעשטעלט משרתים ביי די טירן, אויסגעפוצטע און פיסקאטע יונגעלייט, וואס האבן געקענט פאררעדן די ציין און האבן אוועקגעריכן די קונים פון הינטער די הענטאפער. און דא האט זיך נאך אנגעהויבן דאס געדריי מיט די וועקסלען.

זיין קליינער, אנגעשרויפטער מוח האט נישט פארנומען די שווינדלענדיקע ציפערן, ביז ער האט זיך טאקע לסוף פארפלאנטערט, מיאוס פארפלאנטערט. קיינער אין הויז האט גאר אזויפיל נישט געוווסט, אויף וויפל עס האט זיך ארויסגעוויזן באלד נאך זיין טויט. ס'האבן זיך א שאטר-געטון פראטעסטירטע וועקסלעך פון די קליינע פראווינצער סוחרים, ס'האבן אומגעריכט אנגעהויבן אונטערצוקומען די וועקסלעך, וועלכע דער אלטער האט אונטערגעשריבן און די בעלי-חובות האבן נישט געוואלט ווארטן. אונטערגעהעצט פון די קאנקורענטן, האבן זיי אין משך פון געציילטע טעג צעטראגן דאס אלט-איינגעצויגענע און לאנגיעריקע געוועלב פון די גרינבערגערס. אחוץ דעם איז מען נאך געקומען צו גיין און מען האט אוועקגעלייגט אן ארעסט אויפן הויז, געריכטלעך אויסגעפועלט א היפאטעק אויפן גרויסן, פיר-שטאקיקן הויז, ביז די חובות וועלן נישט געדעקט ווערן.

ווען אט דעם אומגעריכטן, און אפשר גארנישט אומגעריכטן קראך, האט מען לאנג דערנאך געהאט צו שמועסן אויף דער גענגשע.

דאס געשעפט, וואס האט זיך שוין איצט קנאפ ארויסגעזען פון צווישן די אויסגעגלאזטע וויטרינעס און גרויסע שילדן, א פאררוקט'ס, מיט אפגעקראכענע טירן, איז געשטאנען פארהאמערט, מיט אראפגעלאזטע זאלויזעס און פארלייגטע, זשאווערדיקע פרענטן. ס'איז שוין פון דעמאלט אן צוריק נישט אויפגעמאכט געווארן. אלץ האט זיך געענדיקט מיטן טויט פון ר' קלמן גרינבערגער.

צו דער צייט זענען שוין די קינדער אין הויז געווען גענוג דערוואקסן, אליין צו פארשטיין די לאגע. פון אלע זייערע לערעס האט זיך גארנישט אויסגעלאזן. דאס מיידל האט זיך ארומגעדרייט, אן אנגעשטויסענע אויף דער גאנצער וועלט. זי האט אויפגעהערט צו קומען צווישן די גימנאזיסטן,

וועלכע זענען שוין געווען אין אוניווערסיטעט, אויפן צווייטן און אויפן דריטן קורס. דאָס ייִנגסטע ייִנגל האָט מען זיך ענדלעך אָנטשלאָסן אָפּ־צוגעבן פאַר אַ שמעפער, וואָס האָט געהערט צו די אייזלערע פּאָבן. ווי ס'האָט זיך אויסגעוויזן איז, דער מוטער דבורה'לען; און דער עלטערער, איז סתם געבליבן אין דער לופט. פאַר אים האָט זיך עפּעס גאָרנישט גע־פּאַסט. אַ שטיקל צייט, ווען דער טאַטע האָט נאָך געלעבט, האָט ער זיך אפילו געהאַט אַרומגעדרייט אין געוועלב, געהאָלפן אַריינקוקן אין די ברייוו, גערעדט מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטן קונה. אומגעריכט און מיט גרויס איינ־טערעס האָט ער זיך געוואָרפן אויף אַלעם. ער איינער האָט אין די סאַמע לעצטע טעג נאָך אויפגעהויבן אַ געוואַלט, אַדורכקוקנדיק די ביכער. ער איז אַרויפגעלאָפן צום קליינעם, פאַרמאַרעטן טאַטן, וואָס האָט קוים געבאַ־כעט מיט דער נשמה, און האָט געטייטלט מיט די פינגער איבער די פאַר־שריבענע בלעטער, ווו ס'איז האַלב אויף יידיש און האַלב אויף לשון־קודש געווען פאַרצייכנט די הוצאה און די הכנסה.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ער צומישט אָנגעקוקט דעם דער־שראָקענעם טאַטן — ס'הערט נישט... דעפיציט... וועקסלען, וועקסלען און וועקסלען... ווען און פאַרוואָס האָסטו זיי אַזוי פיל אונטערגעשריבן?...

דער אויסגעבייגערטער ייד איז געוואָרן נאָך בלייכער, איינגעשרומ־פּענער און האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן אויף די גערעסטע טענות פון אונטערגעוואַקסענעם ייִנגל. עפּעס האָט ער זיך טאַקע גענומען דער־מאָנען, ווי אַזוי דער דאָזיקער הענדלער פלעגט אינדערמיט פון אַלע גראַנ־קעס אונטערקומען מיט די פּאַפּירלעך, מיט די ברייוו, מיט די משעקן, מיט די קאַנטעס און מיט די וועקסל־בלאַנקן. מיט זיין שוואַכער, ציטערדיקער האַנט האָט ער געהאַלטן אין איין שרייבן, אין איין חתמענען, אַז ס'האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן און ער האָט מער נישט געוווּסט, וואָס ער שרייבט דאָרט אונטער. עפּעס האָט ער בחוש דערפילט, אַז דאָ איז נישט אינגאַנצן אין אָרדנונג, אַז צופיל צאָלעכצן זענען לעצטנס פאַראַן, אַז מען האַלט אין איין צאָלן און מען זעט גאָרנישט אַז ס'זאָל אַריינקומען. מען פאַרקויפט אַרויס פון די פּאָליצעס און זיי בלייבן שיטער, ליידיק, מיט אָפּענע, שוואַרצע פּיסקעס....

ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס איינהענגען די הוצאה, כיי אין געוועלב און סיי אין שטוב. דאָס אָפּזאָגן די קלענערע געהילפן. פון דעם אַלעם, האָט ער געזען, בעני, וועט זיך אויסלאָזן אַ טייך. פאַר זיינע אויגן איז דאָס געשעפט אונטערגעגאַנגען, צערונען געוואָרן און צוזאַמען מיטן געשעפט — דאָס הויז, דאָס איינגעפונדעוועטע היים זינט יאָרן, פונעם טאַטן, פונעם זיידן און פון די עלטער־זיידעס.

ס'האָבן אים געשראָקן די טונקעלע, אויסגעליידיקטע שטיבן, ווו עס

איז אויף טריט און שריט געלעגן דער שאטן פון פארשטארבענעם. שטענדיק א געלאכענער, זינט ווען ער איז צום שכל געקומען, א פארשלאסענער אין זיך, האט ער אלץ שטיל און ווייטיקדיק דורכגעלעבט. ער האט זיך אפגעשלאסן אין געוועזענעם קינדער־צימער, איז שעהן־לאנג אפגעלעגן אויפן קליינעם אויסגעריבענעם סאפעקע מיט א ביכל פאר די אויגן און האט אינדעראמתן נישט פארשטאנען קיין ווארט פון דעם, וואס ער לייענט. די מאמע האט אים אלעמאל געפונען דא — אינגאנצן א געענדערטן, א פארוואקסענעם, מיט אויסגעשרויפטע בלויליך־גרויסע אויגן. זי האט אים געטריבן פון שטוב ארויס, די קליינע, ענערגישע מאמע:

— גיי אביסל אראפ — האט זי געשריגן אויף אים — גיי צו דיינע יונגווארג... מסתמא איז אלץ אזוי באשערט געווען....

זי האט אים נישט באדארפט אוועקשיקן, די מאמע — ער איז אליין אוועק. ער האט געוווסט, אז אממערסטן לעבט זי אליין איבער אלץ. זי רעדט ווייניק און זארגט זיך שטילערהייט ווי אזוי אלץ מער איינצושפארן די הוצאה אין הויז; און דורך די נעכט באנעצט זי די הויך־אנגעגארטע קישנס מיט טרערן. ער האט געזען ווי אלץ גייט אונטער און פארגנבעט זיך אין אים א שטילער און ווייטיקער געדאנק, אז אפשר איז עס גלייכער אזוי, אפשר האט עס גאר אנדערש נישט געקענט זיין און אז אפשר פירט, אייגנטלעך, אלץ צום אומפארמיידלעכן סוף. נאכוואס דאס יאגן, דאס איינרייסן, דאס וועלן זיין פון אויבן, ווען מען קען מיט ווייניקער אנשטרענגונגען לעבן רואיק און באשיידן. און דאך האט אים שארף וויי געטון. דא, האט ער איינגעזען, איז שוין גארנישט מער צו ראטעווען. און ווייט ערגעץ האט ער זיך געזען פאר דעם, וואס וועט זיך דאס אלץ צוריק אפנעמען... בלויז מיט דעם געדאנק האט ער זיך שפעטער געלאזן אין דער וועלט ארייין.

די היים האט אים געשראקן און וויי געטון; איז ער אוועק פון דארט אויף גאנצע טעג און האלבע נעכט.

ער איז געשטאנען אינדערמיט פון די פרילינגס־ווינטן, וואס זענען געגאנגען איבער דער שטאט און איבערן לאנד. דער טומלדיקער מוראנאוו, דער פלאנטער פון די פארנאכטיקע גאסן, אפגעגאסענע פון זוניקן שקיעה־בלענד, האבן ברייטער אויפגעריסן זיינע אויגן, וואס זענען געווען צו אייביקער טונקעלניש אין זייערע חדרים מיטן אנגעשטעלטן מעבל. ער איז געשוווּמען צווישן זיי, אויפכאפנדיק די זשומענדיקע גערעדעריי צווישן די רעדלעך אויף די טראטוארן און ארבעטס־בערזעס. נייע מיני חברים האט ער זיך אפגעזוכט, פראסטע באלמעלאכעס, וואס האבן דעם בחור מיט די אויסגעאיידלטע הענט געקלאפט איבער דער פלייצע און אים מיטגערופן מיט זיך. זיי האבן באטראכט זיין אויסגעקאנטיקט פנים מיט די אויסגעשאטענע

קלייענדלעך, די דין-פאַרשנורעוועטע ליפּן, די פאַרטיפטע אויגן מיטן אומעטיקן גלאַנצל אין זיי און האָבן געלאַכט, אַז די טשופּרינעס האָבן זיך ביי זיי געשויבערט:

— אַן אינטעליגענטל, וואָס? .... נישקשה, וועסט זיך אויסאיידלען, בחור... אַזוינע ווי דו זענען אונז אויך נויטיק...

ער איז גערן מיטגעגאַנגען מיט זיי אויף די בערזעס און אין די טומלדיקע, פאַרויכערטע לאָקאַלן. גאַנצענע טעג און אָוונטן האָט מען זיך דאָרט געשפּאַרט אַרום די לאַנגע בענק, איינגעשלונגען דעם רויך פון אַ פּאָר אויסגעבעטענע צי און פאַרשנאַלנדיק פעסטער דעם פּאַס נאָכן אויסגעטיילטן וואַסערדיקן זופּ אין דער אַרבעטער-קיך, האָט מען נישט אויפגעהערט צו דיסקוטירן. ער איז זיי מקנא געווען מיט זייער אויסגעהונגערטן גלאַנץ אין די אויגן. אים, אַז ס'האָט זיך שטאַרק פאַרהונגערט, האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אַהיים און זיך אָנגעגעסן צו דער זעט. אין די פינצטערע האַרבסטטעג, ווען אונטן, אויפן ברוק, איז געגאַנגען דער טויבער גליאַרעם פון טראַמווייען, אויטאָס, פערד, קוילן-וועגענער און מענטשן, האָבן פון איינערפרי אָן נישט גערוט די טירן פון פאַרויכערטן אַרבעטער-לאָקאַל. די גרעסטע טייל דאָ איז געווען אַרבעטסלאָז. ס'האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן, איינעקע פון זיי באַברילטע, מיט אויסגעדרייטע שיך, פאַרוואַקסענע, מיט שפּיציק-אויסגעהונגערטע קינען, מיט ברייט-ראַנדיקע קאַפּעלושן. זיי האָבן זיך געקליבן באַזונדער, אינעם ווינקל ביי דער קליינער עסטראַדע. זיי האָבן אויפגעהויבן אַ וואָלקן רויך אַרום זיך, דיסקוטירנדיק מיט די הענט און לייענענדיק עפּעס פון צעקנייטשטע פּאַפּירלעך אַרויס. צווישן זיי האָבן זיך מיטגעפּלאָנטערט עטלעכע קליינע, הראַבנע מיידלעך, קורץ-פאַרשוירענע און פלאַך-ברוסטיקע. די מיידלעך האָבן זיך געזידלט אַזוי ווי זיי אַלע דאָ — גוטמוטיק און פּראָסט און זייערע קולות זענען, דוכט זיך, אומישנע אַרויסגעקומען גראָב און האַמעטנע. צו בעגין זענען זיי עטלעכע מאָל אונטערגעקומען און נישט איבערבעטנדיק אַפילו, אָנגענומען אים ביי אַן אָרבל:

— זאָג נאָר, דו, גיב אַהער אַ פּאַפּיראָס!

ער האָט זיי געגעבן און איז שוין דערפאַר דרייסטער געווען צו דרייען זיך אַרום זיי. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ לוסטיקער און קבצנישער קינסטלער-באַנדע — פּאָעטן, שרייבער, מאָלער, אַרטיסטן. אויך איינעקע פון די מיידלעך שרייבן, אָדער זיי שפּילן קליינע ראָלן אויף דער בינע. אַ חוץ דעם האָבן נאָך געהערט צום דאָזיקן קרייז מיידלעך, וואָס גייען אויס נאָך קינסטלער, היימלאָזע אינטעליגענטן און אַזעלכע, וואָס מ'האָט גלייך דערקענט אין זיי אַז זיי זענען נישט קיין היגע, אַז זיי קומען אַהער פון פרעמדע מקומות — הויכע, שוואַרצע, געזונטע בחורים, וואָס האָבן גערעדט אַן אוקראַינישן יידיש. געווען העמאָלט אַ צייט ווען

ס'איז געלאָפן דורך אַלע אָפּן־געלאָזענע גרענעצן. די פּאַרוויכערטע אַרבע־טער־לאָקאַלן אין וואַרשע זענען געווען איבערפולט מיט אַט די אויסגעוואַר־צלטע וועלט-בירגער, וואָס האָבן מיטגעבראַכט דעם געזונטן ריח פון טליענ־דיקע פאַרשטעטל און פון אויפגעשטאַנענע קראַנשטאַטער מאַטראָסן. מען האָט געשלונגען דאָס שפּייעכץ און דיסקוטירט מיט ברען.

צו בענים אויערן איז קנאַפּ-וואָס דערגאַנגען אָט דער גאַנצער פּלאָנ־טער פון זייערע דיסקוסיעס. ס'איז היימלעך געווען צווישן זיי און — גענוג. ער האָט נישט געוואָלט צופיל אַרייַנטראַכטן, אָבער געפילט האָט ער, אַז דער גרויסער אמת איז מיט זיי. דערווייל אָבער גייען לייגן דעם קאָפּ פאַר דעם, וואָס וועט אַמאָל קומען, האָט עס אים נישט איבריק געצויגן. ער איז פּאַרט פון קינדרווייז אָן געווינט געווען צו אַ באַקוועם לעבן און נאָך איצט אַפילו איז אים פיל בעסער געווען ווי זיי אַלע. ביי דער גאַנצער געדריקטקייט אין שטוב, האָט ער נאָך גיכער געהאַט דעם גראָשן און זיי דאָ האָבן עס דער־שמעקט. מען האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזן, מען האָט געקלעפּט אַרום אים, מיטגעשלעפּט אים אויף די ביינאַכטיקע הוליאַנקעס. אַ פרייליעך שטיקל צייט איז דעמאָלט פאַרלאָפן און דאָס האָט אים אַביסל אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ די היים.

מען האָט אים מיטגעשלעפּט אין אַ קליין, פאַרוקט קעלערל, ערגעץ אין אַ הויף אויף דער סמאָטשע, אַרומגעשטעלט מיט מויערן. געוווינט האָט דאָרט אַ נידעריקער, קרעמפּער יונג מיט קרומע רייטער־פיס, אַ בלאָנדער, מיט בלויע אויגן און אַ געפּעלבלט פּנים, ווי אַ בולדאָג. געווען איז ער אַ מאַלער, אַ פוטוריסט, ווי ס'איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע. דאָרט האָט מען זיך אין דער טונקל אַוועקגעוואַליעט אויף אַ בעט, אַלע אינאיינעם, מיט די פאַרבלאָטיקטע שיך, מיט די פּאַלטנס. מען האָט זיך אָנדערציילט אָן אַ שיעור מעשהס פון דער מלחמה, פון דער רעוואָלוציע. מען האָט געזונגען. און איינער פון זיי, אַ לאַנגער, מיט אַ קרומער פויגל-נאָז און אַ קליין, פאַר־פּודערט פּנימל, ווי ביי אַ מיידל, אַ פּאָעט, אַן אורבאַניסט, האָט געבראַכט צעשלעפּן פון ערגעץ אַ גרויסע פלאַש בראָנפן, וואָס איז דאָ געגאַנגען פון מויל צו מויל. דאָס איינציקע שטיקל מיידל, וועלכע האָט זיך פאַרשלעפּט צווישן אַזוי פיל יונגען, איז פון אַלע זייטן באַקלעפּט געווען מיט הענט. ס'איז געווען טונקל און איינער האָט דעם אַנדערן נישט געזען. מען האָט געזונגען צעצויגן און פאַרבענקט. דאָס שטימעלע פונעם מיידל האָט געהילכט ווי אַ גלעקעלע. דערנאָך האָט זי זיך געטאָן אַ ריים אויף, אויפגעדרייט דאָס ליכט און זיך צעגענעצט.

— עך, אַלע זענט איר לאַנגווייליק...

ערשט איצט האָבן זיך אַלע דערזען אין אַנגעוואָרפענעם קעלער-שטיבל. די נידעריקע, אָפּגעריבענע ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט פאַרשמירטע,

נישט-פאַרענדיקטע ליווענן, ווו ס׳האָבן זיך געזען קרומע קוביסטישע ליניעס, קעסטעלעך. מען האָט זיך לאַנג באַדאַרפט איינקוקן און אויסקלאָרן נעמעל, כדי עפּעס צו דערזען אינעם פלאַנטער אַנגעוואָרפענע, ווינקלדיקע פלעקן. איין בילד אָבער איז דאָ אַלעמען זייער געפעלן געווען. פאַרגעשטעלט האָט עס אַ ווינטערדיקע לאַנדשאַפט. אַ פאַרהויקערטע קראָ אויפן שפּיץ דעכל, דאָס קעפּל פאַרוקט אין די פעדערן. דערלעבן, ביים גאַניקל — אַן עגאַנצע פריי, פונקט מיט אַזאַ פאַרהויקערט קעפּל אינעם פּוטער-קאַלנער. דאָס בילד האָט זיך גערופן „קראָען".

— איך ווייס נישט וואָס אייך געפעלט דאָ אַזוי — האָט זי נאָך אַלץ געגענעצט. דאָס מיידל — „קראָען"... אַלע זענען קליינבירגער און קראָען.

דאָס בלאַך-ברוסטיקע מיידל האָט אַרומגעשפּרייזט פון ווינקל צו ווינקל. די פאָרמען פון איר פיגור און איינגעצויגענעם קליידל זענען אין זייערע אויסגעהונגערטע אויגן אַרויסגעקומען מאָדנע בולט און צוציענדיק. צוגעזעצט האָט זי זיך הערנאָך דווקא אינעם ווינקל, ווו בעני איז געווען פאַרשטעקט.

— גלויב מיר, דו ווייסט עס אַפילו גאָרנישט — האָט דער הויכער פּאָעט מיט דער פויגל-נאָז אַרויסגעלאָכט שפּיציק, נישט מיט זיין קול — בייקעלע איז האָך פאַרליבט אין דיר, זי גייט אים...

פון די שטיגן אַרויף האָט זי אים שוין דערנאָך אויך באַגלייט. זי איז געגאַנגען לעבן אים אַ שיכורע, ליגנדיק אינגאַנצן אויף זיין אַקסל. דאָס קעלערל מיט דער גאַנצער חברה האָבן זיי געלאָזן הינטער זיך.

— לאָמיר עפּעס צובייסן — האָט זי פאַרגעלייגט, אַריינשלעפנדיק אים אין דער באַגלאָזטער טיר פון אַ קליין יידיש קאַוואַרניעלע — מ׳זאָגט אַז ביסט אַ רייך זונדל, געקומען אין אונזערע רייען... די גרעסטע פירער פון דער אַרבעטער-באַוועגונג זענען געווען רייכע זינדלעך...

זיי זענען געזעסן ביי אַ טישל אין פאָדער-צימער, ווו ס׳איז געווען ענג און פאַרויכערט. דאָס אויסגעהונגערטע מיידל האָט גיריק געשלונגען די ברויט-פּעטעצן, גראָב אָנגעשמירט מיט פּוטער. דערנאָך זענען זיי אַרויס פון דאָרט און אין טומל פון דער דזשיקע גאַס, וואָס איז אָוונט-צייט געווען איבערגעפּאַקט, האָט ער זי ערגעץ פאַרלוירן.

ס׳איז געווען ווינטער, ס׳איז געוואָרן פרילינג און ער האָט אַלץ געלעבט אין פאַרטרייבנדיקן טומל. קיין אויסוועג איז אַלץ נישט געווען. די ליידיקגייעריי איז דערעסן געוואָרן. אין שטוב איז די הוצאה געוואָרן אַלץ ענגער. די קליינע, ענערגישע מאַמע איז איצט געשטאַנען פאַר אים, דעם עלטסטן אינעם הויז, אַ הילפלאָזע, מיט רויטע אויגן פון וויינען שבילערהיים אויף די הויך-אָנגעגאַרטטע קישנס אין שלאָף-חדר.

— ביינישל — האָט זי געגאָסן מיט טרערן — מ׳האָט שוין באַלד דאָס

שנירל פערל מיט דער „קאַליע“ אויך אויפגעגעסן. די בעלי־חובות קריכן אין דער גאַל אַריין...

פון אונטערן פאַרשאַרצטן נאַכט־הייבל האָט אַרויסגעקוקט איר קליינער, גרוי־געוואָרענער קאָפּ, די שיטערע האָר־פּאַסמעס. זי איז פאַר דער קורצער צייט עלטער געוואָרן מיט אַ סך יאָרן, האָט געפּאַטשט מיטן לידיקן, צייג־לאָזן מויל און צוליב דער טונקלקייט, וואָס האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר איר, האָט זי כסדר געפינטלט מיט די אויגן.

— מ'האָט זיי אין דר'ערד, מאַמע ! מען וועט פאַרקויפן דעם מכוי־הענעם פּיטער, די אויערינגלעך מיט דער בראָש און איך וועל זיך נעמען פאַרן האַנדל. וועסט זען, מאַמע, מען וועט נישט אונטערגיין, די בעסטע סחורה איז היינט וואַליוטע...

און אַזוי האָט ער טאַקע געטון. ער האָט זיך גענומען דרייען אין די מויש־קאַנטאָרן, אויף די נאַלעווקעס און אַרום די טויערן, וווּ יידן, לאַנגע, שוואַרצע, אויסגעביינערטע, רייסן זיך די פּאַלעס פון יעדן פאַרבייגייער מיט אַ געשעפּטש: „ווער טוישט עפּעס, ווער קויפט“. ער האָט זיך אויסגע־טוינט, בעני, ער האָט גיך אָנגעשמעקט, אַז דער דאָלאַר וועט פעסטער, האָט ער געהאַלטן אין איין איינקויפן דאָלאַרן. די ערשטע פאַרדינסטן האָט ער אַהיימגעבראַכט צו דער מאַמען און האָט עס איר איבערגעגעבן מיט אַ שיינענדיק פּנים.

אין דער ערשטער צייט האָט ער זיך נאָך פונדעסטוועגן זשעניערט פאַר די חברים מיט זיין נייער באַשעפטיקונג. געוואָלט, אַז קיינער זאָל דערפון נישט ווייסן. מער ווי אַלעמאָל האָט ער זיי געפונדעוועט און אַלע ביבקעס אויסגעהאַלטן אויף זיין חשבון.

— צעטראַגסט איִם, דעם בורזשויסקן מאַטן דיינעם — האָבן זיי געלאַכט — גוט אַזוי...

לאַנג אָבער האָט ער געפּילט, קען עס אַזוי נישט אָנהאַלטן און ער האָט אָנגעהויבן זעלטענער זיך צו ווייזן.

ס'האָט זיך אים אויף אַ שטיקל צייט אויסגעוויזן, אַז אַלצדינג וועט איצט אוועקגיין גוט, ווען ס'קומען נישט פּלוצלינג אונטער אָט די מהומות אויף די טויערן פון דער שטאָט זענען, ווי מיט יאָרן צוריק, צעקלעפּט געוואָרן מאָביליזאַציע בויגנס, וווּ אויך זיין יאָרגאַנג און נאָך פיל יינגערע פון זיינעם, זענען גערופן געוואָרן אין פאַרלויף פון 24 שעה זיך צוצו־שטעלן. די „מאַכערס“ האָבן אים פאַרדרייט דעם קאָפּ און באַלד איז מען געקומען און מען האָט אים אַראָפּגענומען פון געלעגער.

די עטלעכע טעג און נעכט אין „זבאַרניאַק“ האָבן אים אויפגעמאַכט די אויגן. ער האָט צום לעצטן מאָל באַטראַכט אַז אַמגלייכסטן וואָלט געווען

אָפּצוטראָגן זיך, אַרויסקריגן זיך פון דעם גאַנצן פּלאָנטער דאָ, וווּ ער איז אין דער ברייטער וועלט אַריין. מען ווערט אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן.

און ער איז טאַקע געלאָפן, פאַרהאַלטנדיק זיך נאָך עטלעכע שעה אין דער היים.

ווען דער הימל איבער די אָפּגעהאַקטע דעכער האָט זיך גענומען בלאָסן, האָט ער שטיל אָנגעקלינגען אין דער טיר בײַ זיי, אויפן ערשטן שטאָק. ער האָט לאַנג געמוזט ציִען בײַם טויבן גלעקל, ביז מען האָט אים דאָרט אויפגעשפּאַרט. אַ פאַרשרומפּענע, אַ קליינע איז זי געשטאַנען אויף דער שוועל, די מאַמע.

— ווײַ איז מיר, ער איז שוין אַנטלאָפן! — האָט זי אַ פּאַטש גע-געבן מיט די הענט.

די שטיבן זענען געשטאַנען צערודערטע. ער איז געלאָפן פון איין אויפגעריסענער טיר אין דער אַנדערער, אָנגעשלאָגן זיך אין די שענק, אין די סאָפע-אָנלענס. יעדע לויזע שפּאַרע פון דרויסן האָט אים געשראָקן.

— פאַרהענגט, פאַרציט די פאַרהאַנגען! — האָט ער געשריגן.

אַן אומרואיקע וואַרעמקייט האָט נאָך געשלאָגן פון דער מאַמעס בעט מיט די הויך-אָנגעגאָרנטע קישנס און קישעלעך, וווּ ער איז אַרײַנגעפאַלן. די היימישע וואַרעמקייט איז אים צום לעצטן מאָל ליב געווען. ער האָט אויפגעריסן דעם אַרומגעגאָלטן קאָפּ און געבעטן אַ טרונק וואַסער.

— ס'איז מיר גאַרנישט — איז ער דערנאָך געקומען צו זיך — איך פאָר אַוועק, מאַמע... נאָך הײַנט, נאָך באַלד... הינטער ראַדזימין פאַלט מען ווי די פליגן — אַזוי דערציילט מען. כ'האָב זיי אַרײַנגעשטעקט אַ מטבע, די „מענטעס", און כ'בין אַנטלאָפן. זאָל זיך עמיצער אַריבערכאַפּן צום פעטער לאָזער און זאָל ער מיר באַזאָרגן אויף הײַנט בײַנאַכט הערשל „ראַנטשקע"... ער וועט מיך שוין פירן.. וויין נישט, מאַמע — האָט ער אַרומגענומען אירע ציטערדיקע אַקסלען — וועסט זען, מאַמע, איך וועל נישט פאַרפאַלן גיין...

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס זעלנערישע אָנטאָן.

— קיין שום זכר זאָל דערפון נישט בלײַבן. פאַרברענען, צערײַסן...

ער האָט זיך פאַרזיכטיק אַרומגעגאָלט, איבערלאָזנדיק דעם גערידכטן, ווילדן אויסשײַן אויף דער אויבערשטער ליפּ. אַרײַנגעוואָרפן זיך אין דעם אָפּגעטראָגענעם פרענטש און שטײַנבלײַבנדיק פאַרן שפּיגל, האָט ער אַליין זיך מער נישט דערקענט.

דעמאָלט אָבער האָט ער, אַ פאַרטײַערטער, מיט אַן אומקלאָרן ווייטיק, צום לעצטן מאָל דערבליקט די שפּיצן הײַזער פון זײַן היימשטאָט.

קאַפּיטל דריי

גלות-בערלין

נאָך עטלעכע טעג און נעכט וואַלגערן זיך אין די געפּאַקטע, האַלבנאַכטיקע צוגן, טרייסלען זיך אין די הויכע פּויערישע וועגענער, אונטער שלאַקס רעגנס, איז ער אין אַ שיינעם אויסגעוואַשענעם פרימאָרגן אַריינגעפאַלן קיין בערלין. אַ פאַרוואַקסענער, מיטן שוואַרצן, צעקנייטשטן קאַפּעליוש, איז ער זייער ענלעך געווען אויף איינעם פון די אויסגעקאַכטע גאַליציאַנישע רעבעלעך, וואָס זענען דאַ פול געווען אינעם נאָך־מלחמהדיקן בערלין. זיי, די רבי׳לעך, האָבן אומגעשמייעט אויף דער גרענאַדירשטראַסע, אונטערגעהאַנדלט מיט וואַלוטע, אַפּגעזעסן אין די יידישע אַכסניה׳ס, וווּ מען האָט געמסחרט, וווּ מען האָט געקענט צובייסן אַ כשרן מיטאָג, וווּ מען האָט געקענט אָפּדאַווענען מיט אַ מנין. באַלד אויפן וואָקזאַל שוין האָט זיך אונטערגערוקט צו אים אַזאַ איינער און האָט אים אָפּגעשטעקט אַ שלום־עליכם.

— פונוואַנען איז אַ ייד? פון מדינת-פוילן? נישט אַמאָל אַ פּרעמיסלער? ווו האָב איך אייך געקענט זען? — וואַרט נאָר, נישט אַמאָל אין לעמבעריג?.... קענטיק זענט איר מיר פון ערגעץ....

און אַז יענער האָט דערזען זיין פּנים, אַן אַביסל צוטרוי, זיינע דינע ליפּן, וואָס זענען געווען פאַרהאַקט, איז ער נאָך מער צוגעשטאַנען צו אים:

— פאַרכט אייך נישט, יונגערמאַן, ר׳זענט צווישן יידן, כ׳ווייס מען ליבט עס אַביסל פון די זעלנער. קיין שום שלעכטס וועט אייך דאָ נישט געשען. קומט, כ׳וועל אייך אָוועקפירן אויף אַ יידישער אַכסניה, דאָרט וועט איר קענען אָפּדאַווענען און עפּעס איבערכאַפּן.

און ער האָט זיך שטום, אַן רייד, אַן אויסגעמאַטערטער, אַ נישטדערשלאָפענער, געלאָזן אָוועקפירן אין אַ זייטן-געסל ביי דער גרענאַדירשטראַסע. ער האָט פונדעסטוועגן געהאַלטן קאָפּ, אינזינען געהאַט דאָס ביסל קייטן-געלט, וואָס ער האָט ביי זיך פאַרניינט אין די אונטערוועש, געדענקט די אַלע מעשה׳ס, וואָס פאַרלויפן זיך מיט צעחושטע פּראָווינצער יידן, ווען זיי פאַלן אַריין אין די גרויסע שטעט און מען נאַרט ביי זיי אַרויס דאָס אָפּגעשפּאָרטע קניפּל.

דאָס גאָרגלדיקע פאַרדרייטע לשון פון די דייטשן, ביי וועלכע ער האָט זיך כסדר נאָכגעפרעגט ווו מען גייט, ווו מען פאָרט, האָט ער קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען, און דאָ דערזעט ער גאָר יידן מיט בערד, מיט פּיאות, מיט אָנגערוקטע שפּאַקולן, ווי זיי זיצן זיך ברייט צעזעצט אין אַ גרויסער עכ־שטוב. מען טרינקט, מען רויכערט און מען שמועסט מיט יידישן ברען. פון אַ זייטיק טירל פלאַטערט אַלעמאָל אַריין אַהער אַ שטאַלטנע מיידל, אַ בלאָנדע,

מיט א קלאָר שערצל און מיט אַ גרויסער טאַץ יַסנוואַרג. זי שפּאַצירט אַרום די טישלעך, ציעשטעלט בײַ יעדערן, הערט עפּעס אויס, וואָס ייִדן מיט די גאַליציאַנער קאַפּעלושן זאָגן איר, לאַכט מיט אַ פּול מויל געזונטע ציינער און זיי, בײַ די טישלעך, לאַכן מיט. דערנאָך בלײַבט זי שטיין פאַר אים.

— פאַרלאַנגען זי עפּוואָס? — פרעגט זי שמייכלענדיק און אין צער חושטקייט, פאַרשטייט ער נישט וואָס זי וויל פון אים. ער שטאַמלט עפּעס. אָבער זי לאָזט אים דערווייל איבער אַ שמייכל און אײַלט גיך אַוועק צו יענעם טירל. און באַלד קומט צו אים אונטער אַ דיקלעכע ייִדענע, אין אַ שייטל. אין איר מויל קלאַפּן פּרעמדע ציינער. זי פרעגט אים אין פּשוטן מאַמע-לשון:

— איר זענט הײַנט געקומען, יונגערמאַן? איר ווייסט נאָך נישט, ווי מען פירט זיך דאָ, קענטיק. אויב איר ווילט עפּעס עסן, דאַרפט איר נאָר באַשטעלן. אָדער אפשר ווילט איר זיך גאָר פרייער אויסרוען, איר זענט דאָ ווי בײַ זיך אין דער היים...

— יאָ — מאַכט ער — כ'וואָלט גוט געוועז זיך אַביסל אויסצורוען.

מיד פון וועג. אַ שווערער ווער געווען — שמייכלט ער שוין, אָבער אַן אַ ביסל צומרוי.

— און ס'שטייט שוין דער זעלבער יונגערמאַן הינטער אים:

— איך האָב עס אײַך געזאָגט אויפן "באַנהאָף", יאָ, צי נישט? — דאָ וועט איר קענען אויסרוען זיך און עפּעס איבערכאַפּן. שוין נישט דעם ערשטן ברענג איך אַהער צופירן. אויב איר ווילט אָפּטוישן אַביסל פּױלישע מאַרקן, קען איך עס אײַך דערלייִדיקן, ביליק...

— ניי, מאַזעס, ווער פרעגט דיר דאָ? — וואַשט זי אים אָפּ, די ייִדענע — האָסט געקריגן דײַן ביר-געלט, וואָס מאַטערסטו דעם מענטשן? — און אַנטמענדיק אים לייכט בײַ אַן אָרבל, פירט זי בענין איבער די שווינדל-טרעפּ, אויפן נאָרן. זיי גייט איבערן טונקעלן קאָרידאָר, מאַכט אויף אַ טיר און שרייט דאָרט ערגעץ אַריין:

— פריץ, שנעל פריימאַכן אַ בעט פאַר דיזן הער!

פון אַ זײַטיק טירל וואַקסט אויס איבער זיי פריץ — אַ מאָגערער פאַר-שוין מיט אַ פאַרגלעטיקטן שרונט, אין אַ פּאָר גרויע מיליטערישע הויזן, אין ווייקלערס. ער פירט אים אַריין אין אַ צימער, וווּ עס איז האַלב-טונקל. אַביסל פאָרעט ער זיך דאָרט און ווײַזט אים אָן אַ בעט.

טאַקע דאָרט, צווישן די אָנגעוואָרפענע געלעגערס, נאָכן איבערשלאָפן זיך, איז עס פאַרגעקומען די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט זײַן גורל-חבר — אַ שטילער בחור מיט אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס און פאַרבלאָטע אויגן. געטראָגן האָט ער אַן אונטערשניטענעם דײַטשן שינעל מיט קורצע שטיוול, אַרײַנגעלאָזן אין די הויזן דעמבדאַזיקן הילוך, האָט ער שוין באַוויזן

איינצוהאנדלען דאָ אין בערלין. גערופן האָט ער זיך הערשל און ער איז
שוין דאָ, אין דער וואַנצן־אַכסניה, געווען אַ גאַנצער תושב, אויסגעטויגט
זיך אין אַלע היגע פּירעכצן און ער האָט גלייך אים געלערנט :

— אויב דו האָסט אַביסל געלט ביי זיך — קוקן זיי אויף די פינגער,
הערסט ? ליטווער גאַליציאַנער גנבים, מיט די פּיאות, מיט די שטריימלעך. די
יידענעס מיט די פּאַרדוקטע שייטלען זענען אויך נישט בעסער, איך קען זיי
שוין, די „ליטווע", זיי האָבן מיך גוט אָנגעלערנט...

ער איז אָפּגעצויגן פון וואַרשע אין די ערשטע טעג פון די מהומות.
ער איז געווען אַ שטעפּער און האָט געאַרבעט אין דער געגנט אַרום מוראַ-
נאָוודזשיקע. צו זעכצן יאָר איז ער אין אַן אויסגעריבענער סאַפּאָגע און
אין אַ חסידיש היטעלע, אָנגעקומען פון אַ קליין שטעטל קיין וואַרשע און
פאַרדונגען זיך אויף דער לער צו אַ מייסטער. ער האָט אינגיכן אַראָפּגע־
וואָרפן פון זיך די קאַפּאָטע, געכאַפּט זיך לייענען ביכלעך, זיך מיטגע־
שטופּט אויף די אַרבעטער־בערזעס, געלאָפן הערן אַ רעפעראַט אין אָנגערוי־
בערטן לאָקאַל אויף דער קאַרמעליצקע, וווּ ס'איז אַלעמאָל געווען טומלדיק,
און יענע לעצטע טעג האָט עס באַזונדערס גערוישט אויף די אַרבעטער-
בערזעס אַרום מוראַנאָוו. עס זענען אַרומגעגאַנגען אומרואיקע און עקשנות-
דיקע קלאַנגען וועגן אויסטיילן אַן אַרבעטער-מיליץ, וואָס זאָל גיין צו הילף
דער רויטער אַרמיי. און אין די דעמפּיקע זומער-אָוונטן, ווען דער פּלאָנטער
פון גאַסן און געסלעך איז געלעגן אין האַלב־פאַרהלשטן גערויש, איז פּאָ־
ליציי איינמאָל מיט קעמשלעך באַפאַלן די בערזע און אַלעמען פאַרנומען.
ער האָט זיך פלינק אַריינגעדרייט אין אַ טויער, און איבערגעשפּרונגען אַ
פּלויט און פאַרשוואונדן אין אַ זייטל־געסל. אַהיים שלאָפן איז ער שוין די
נאַכט נישט געקומען, געוווּסט, אַז מען וועט אים קומען זוכן, אַז אין אַזעל-
כע צייטן שפּילט מען זיך נישט. האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט „אָפּ־
געצויגן" קיין דאַנציק. פון דאַמאָלט אָן האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע וואַגלע-
נישן איבער די פאַררויכערטע שטעט פון אייראָפּע. פון דאַנציק, האָט ער
דעמאָלט גערעכנט אַרויפצוכאַפּן זיך אויף אַ שיף, וואָס גייט קיין אַמע־
ריקע. אַ סך זענען דעמאָלט אַזוי געלאָפן. אָבער נישט אַזוי לייכט איז עס
אים אָנגעקומען. סדי צו האָבן דערווייל מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן,
האָט ער זיך געמוזט פאַרדינגען אין פּאָרט, געשלעפּט אויף זיינע מאָגערע
פּלייצעס שווערע לאַסטן פון די לאַגער-הייזער אויף די שיפן אַרויף. אָפּטראָ־
גנדיק איינמאָל אַ פּעקל עפּעס אַ יידן אין אַ יידישער אכסניה, אַרום דער
טומלדיקער בערזע ביים ראַטהויז, איז ער שוין דאָרט פאַרבליבן ביים וואַשן
די טעלער. ער האָט דאָרט אויסגענומען מיט זיין שטילקייט, געהאָרכזאַמ־
קייט און ערלעכקייט. טאַקע דאָרט, אין דער אכסניה, ווו עס האָבן זיך אַרומ-
געדרייט בערזע-לייט, פאַרשוינען מיט אומקלאָרע געשעפטן, איז זיך פאַר־

לאָפן מיט אים אַ שיינע און קאָמישע מעשה. געווען איז עס אין דער צייט פון דער גרויסער אינפלאַציע. די גרעסטע שפּעקולאַציעס זענען דאָ, אין דער יידישער אכסניה פאַרהאַנדלט געוואָרן. איבער נאַכט איז מען הויך געוואָרן און איבער נאַכט האָט מען פאַרלוירן פאַרמעגנס. געלט האָט קיין ראָלע נישט געשפּילט. מען האָט זיך געוואָרפן מיט געלט. ער איז געלאָפן אַ גאַנג פאַר די יידן, בערזע-מעקלערס, און נאָך אַ שטיקל צייט האָט ער שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט זייער אייגנס עטלעכע דאָלאַר. האָט דער טייוול באַדאַרפט אָנצוטראָגן אַ שלאַק, אַ צרה, אַ ייד מיט אַ לאַם הענטל און מיט קאַבעדיקע, רויט-אַרומגעזוימטע אויגן, ווי ביי אַ פיש. ער האָט אים צוגעזאָגט פאַר פופציק דאָלאַר אַרויפשמוגלען אויף אַ שיף, וואָס גייט דירעקט קיין אַמעריקע.

אין אַ רעגנדיקער נאַכט האָט ער אים אָפּגעוואַרט אין פּאָרט און דורך אַן אָפּגעקויפטן מאַטראָז, אַריינגעזעצט אים אויפן דעק, צווישן די קאַסטנס, קוילן און שטריק. געווען איז עס אין דער אמת'ן אַ קליינער קוילן-דאַמפער, וואָס קורסירט צווישן דאַנציק און די דענישע ברעגן. אַ טאָג דריי האָט זיך די שיף אָפּגעשאָקלט אין פּאָרט, ביז מ'האָט זי אָנגעלאָדן. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס שאָקלט ער זיך שוין אַזוי אויפן ברייטן ים. צוויי מעת-לעת האָט די שלעפּ-שיף ווירקלעך געשניטן די וואַסערן ביז קאָפּענהאַגען, אַ טאָג האָט געדויערט דאָס אויסלאָדן און דערנאָך איז זי צוריקגעקומען אין דאַנציקער פּאָרט אַריין. אַ האַלב-פאַרחלשטן, פאַרבלענדט פון דער אייביקער דעק-פינצטערניש, האָט אים דערזעלבער מאַטראָז געפונען פאַרשטעקט און האָט אים צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפן ברעג. די ערשטע מינוט איז ער שטיינגעבליבן אַ צעחושטער און אַ גליקלעכער, אָבער באַלד איז אים אַלץ אַרום געוואָרן מאָדנע קענטלעך: די זעלבע הויב-מאַשינען מיט די פאַריסענע שנאָבלען, דערזעלבער לייכט-טורעם ווייט אין ים אַריין, דערזעלבער געוודער אויפן באַן-פּלאַנט און די זעלבע האָטעלן מיט די שרייענדיקע ליכט-רעקלאַמעס. ערשט דאָ האָט ער זיך ענדלעך געכאַפּט פאַרן גרויסן שווינדל. ווייזן זיך צוריק אין דער אכסניה האָט ער זיך געשעמט. איז ער פאַר די לעצטע פאַר גראָשן אַריבערגעקומען קיין בערלין.

אי אַרבעט איז דאָ שווער געווען צו קריגן און אויך דאָס געלט, וואָס מען האָט באַקומען, איז אין אַ מינוט אַרום גאָרנישט ווערט געווען. די אינפלאַציע איז געווען אין פולן ברען. די טומלדיקע בערזעס זענען געווען אַ ווערפּאַקט מיט פאַרשיידענע פאַרשוינען, אָנגעלאָפענע פון אַלע עקן וועלט. מען האָט דאָ באַגעגנט רוסישע יידן, אַנטלאָפענע פון די באָלשעוויקעס, אין טכוירן-פוטערס, מיט הויכע קאַראַקולענע היטלען, מיט אויערן-לאַפּן. עס האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט אָפּגעריסענע רוסישע „פּאָמיעשטשיקעס", דראָבנע, היסטערישע שאַנסאָנעטקעס פון די פּעטערבורגער קאַבאַרעטן, אויסגעצערטלטע דאַמען פון רוסישן קייזערלעכן הויף, יידענעס, באַהאָנגען

מיט קינדער און דער עיקר — גאַליציאַנער יידן מיט די לאַנגע, שרייפּלדיקע פּיאות, אין שוואַרצע רבנישע קאַפּעלושן.

דאָ, אין דער אכסניה, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ זייטן־געסל ביי דער גרענאַדיר־שטראַסע, איז געווען איינס פון די באַלעבאַטסטע ווינקלען, וווּ עס האָבן זיך אײַנגעהאַלטן די „אָסט“־יידן. דאָ האָבן זיי געשלאָפן מסחרימלעך, דאָ האָבן זיי אַריינגעכאַפּט אַ קערטל און צונויפגעשלעפּט אַ מנין אָפּצודאַווענען אַ שבתדיקן מעריב. די דיקלעכע באַלעבאָסטע פון דער אכסניה, מאַדאַם הילזע, אַ דיר לאַהלע פון קאָנסעקוואַליע, איז אין דער ביטערער צייט, ווען די באַפעלקערונג האָט געהונגערט, באַגנוגנט זיך מיט ערזאַץ־שפּייזן, באַקאַנט געווען צווישן די בערלינער אָנגעפּאַרענע יידן מיט אירע געשמאַקע יידישע מאכלים, מיט אירע געגדזענע לעבערלעך, געהאַקטע ציבלקעס און מיט איר צוגעפעפערט און זיס שטיקעלע פיש, פון וואָס די גאַליציאַנער און פּוילישע יידן האָבן געלעקט די פינגער. אפילו די אָפּגעפּרעסטע רוסישע „פּאָמיעשטשיקעס“ האָבן שטאַרקע הנאה געהאַט פון אַ יידיש שטיקל פיש. אין די דאָזיקע טעג זענען אָבער ביי איר די פּרייזן געשטיגן פון שעה צו שעה.

— ליזכען! — האָט זי אַלע ווײַלע גערופן דאָס שוואַרצע, קרענקלעכע מיידל פון הינטערן קאַסע־טישל — שטעל, ביטע, אַאום איינען נייעם מעניו. די פּרייזן, צום טייפל, שפּרינגען אינדערהויך! — און פאַרענדיקט האָט זי אויף פּראָסט יידיש — איך ווער בדיל־הדל, ווער איך....

— מאַדאַם הילזע — האָט זיך צוגעטשעפּעט צו איר אַ ייד מיט אַ ווילדער באָרד, פול אָנגעזעצט מיט שפּרענקלען אויף די אויסגעגאָלטע באַקן — הער דאָלאַר איז היינט שוואַכער און ביי אייך די פּרייזן, קיין עין הרע, פליען אין הימל אַריין... איר מאַכט מעך פאַר אַן אָרעמאַן. פאַר מיין גאַנץ פאַרמעגן וועל איך שוין באַלד נישט קענען אָפּעסן אפילו קיין קאַרפּן־קאָפּ לכבוד שבת...

— געלער גנב! — האָט זי געפּאַטשט מיט די פרעמדע ציינער אין מויל — וואָס איז אייך? איר קענט נישט צאָלן? — מאַ פרעסט מען נישט, נישט קראַנק און געשוואָלן אַ טאָג אין דער וואָך צוצופּאַסטן....

מיט די דאָזיקע יידן האָט זי שוין גערעדט אין ריינסטן יידיש און אויסגעטענהט האָט זי זיך מיט זיי אָן שום איידעלע מאַניערן. זי האָט געוווסט אַז זי דאַרף זיי נישט צוהאַלטן זיי וועלן פון דאַנען נישט אָפּטרעטן.

פאַרנאַכט, ווען דער טומל אונטן איז געוואָרן איינגעשטילט, האָט זיך בעני אויפגעכאַפּט. ער וואָלט נאָך ווייטער אַזוי געדרעמלט אין הינערפּלעט, נאָר אויפגעוועקט האָט אים דאָס קול פון אָט דעם ייד מיט דער ווילדער באָרד, וואָס איז אַריינגעפאַלן מיט אַ געברום:

— ייִדן, קומט אַראָפּ מקבל שבת זײַן, ס'פֿעלט צו אַ מנין!

ער האָט אויפֿגעריסן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט ווו ער געפֿינט זיך דאָ אין דער וועלט. בײַטאָג איז געווען שטאַרק טונקל און איצטער האָט אַ רויט לעמפּל געקאָפּטשעט אינטערן סופֿיט. ער האָט ערשט איצט באַמערקט, אַז אויפֿן בעטל אין אַ זײַט האָט ער די גאַנצע צײַט געהאַט נאָך אַ שכן — אַ ייִנגל אַ ריז, מיט אַ בלאָנדער, פֿאַרשווירנער פּיאה, איז געלעגן פֿאַרגראָבן מיטן פּנים, זײַנע פֿיס האָבן ערגעץ אָנגעשפּאַרט איבערן קאָפּ־שטיק און ער האָט געשמאַק געשנאָרכט. אויפֿן בעט אינעם אַנדערן ווינקל האָט ער צום ערשטן מאָל דערבליקט דאָס היימישע פּנים פֿון זײַן גורל־חבר.

— כ'וועל שווערן — אַ וואַרשעווער — האָט זיך יענער געלערנט טרעפֿן און איז גלײַך געוואָרן מיט אים היימיש — כ'האָב אײַך געזען דרייען זיך אויף דער בערזע, צווישן דער גענשע און וואַלעווקע. אויף דער קאַרמעליצקע זענט איר אַרויפֿגעקומען?

— אַ פֿראַגע אַביסל — האָט ער געשמייכלט — איך פֿלעג דאָרטן זײַן אָפֿט.

ס'האָט אים מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקע פֿרייד, וואָס ער באַגעגנט דאָ אַ באַקאַנט פּנים, אַ היימישן מענטש, מיט וועלכן מען וועט זיך קענען דורכשמועסן און זײַטיק געוויר ווערן וואָס מען קען דאָ אויפֿטון אין דעם בערלין, צו וואָס מען קען זיך כאַפּן.

זיי האָבן איבערגעלאָזן דאָס פֿאַרדומפּענע שלאָף־חדר און געגאַנגען אַראָפּ אונטן.

אינדערמיט טיש פֿון דער גרויסער עס־שטיב האָבן געברענט שבת־דיקע ליכטער. ייִדן, אין אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, אין שטרײַמלעך, האָבן זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב און האָבן הויך געזאָגט „לכו נרננה". אין קיך־טירל איז געשטאַנען די שטאַלטנע סערווירערין, די בלאָנדע דײַטשקע. אין דער טונקל האָבן זיי האַרט שטיל געביביקעט, זי און דער מאָגערער פֿאַרשוין מיטן פֿאַרגלעטיקטן שרונט אויפֿן קליינעם שאַרבן, דער אייפֿרוימער פּריץ.

שפּעטער, נאָכן מאַלצײַט, האָבן זיי שוין די שטוב געטראָפֿן גאָר אין אַן אַנדער אויסזען. דיזעלבע ייִדן זענען ברייטלעך געווען צעזעצט אַרום די טישן, אַרומגערונגען זיך וועגן די פּרײַזן פֿון דאָלאַר, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטייגן, געטוישט, געמסחרט.

— מען דערציילט אַז אין פּאַריז זוכט מען מענטשן צו דער אַרבעט, אַזוי ווי מיט ליכט — האָט זיך הערשל פֿאַרטרויט, ווען זיי זענען דערנאָך אַראָפּ אויף דער גאַס — מען ווייסט נישט וואָס דאָ קען נאָך אונטערקומען. כ'רעכן צו פֿאָרן ווײַטער.

— איך וועל דאָ מסתמא אויך נישט פֿאַרבלייבן. איך האָב אַ ווייטן קרובֿ אין פּאַריז, וועט מען זען.

— וועלן מיר, אויב אַזוי, פֿאָרן צוזאַמען. אינצווייען איז אַלעמאָל לייכטער. קיין גרויסע פּראָנצעוויזיש־רעדער זענען מיר ביידע נישט. געמאַכט?

אַרום זיי האָט גערוישט דאָס האַלב־נאַכטיקע בערלין.

קאַפּיטל פֿיר

„פּאַריז, מיין בלאָנדע"

אינעם נאָך־מלחמהדיקן פּאַריז האָבן די פּראָספּעריטי־יאָרן אָנגעהאַלטן פֿיל לענגער ווי אומעטום. די מיליאָנען־שטאָט, שוין אָריינגערעכנט די פֿריילעכע אלמנות און די צוריקגעקומענע אינוואַלידן, האָט בלויז געליטן פֿון עטלעכע פֿאַרבלאָנדזשעטע קוילן פֿון דער „גראָבער בערטע". פּאַריז, די שטאָט פֿון בלענדנדיקע נעאָן־פֿייערן, פֿון פֿאַרטויבנדיקן נאַכט־לעבן, האָט אַראָפּגעצויגן צו זיך, ווי פֿלאַטערלעך אַרום אַ לאָמפּ, די אָפּגעפּרעסטע אַמעריקאַנער, וואָס זענען פֿון דער אייראָפּעיִשער בלוט־באָד רייך געוואָרן. נישט פֿאָרן באַשיידענעם פּאַריזער, נאָר צוליב זיי איז עס פֿאַרגרייט געוואָרן דאָס ביסל נאַקעטע עקזאָטיק אויף די פּאָדמען, אין די לצנישע דעקאָרירטע שאַפּעס אויפֿן מאָנמאַרטר און אין די קינסטלעריש־אויסגעשטאַטעטע „באַלי בערזשער" און „מולען רוזש". די גלאָרי אַרום זיי איז פֿאַרהילכט געוואָרן מיטן אויסגעריבענעם שלאָגער פֿון דער באַיאָרטער מיסטאַנגעט:

> פּאַריז, מיין בלאָנדע,
>
> פּאַריז, ביסט אייביק שיין:

און זיי זענען נישט קאַרג געווען אויפֿן דאָלאַר, די בלערליי סנאָבן, וואָס זענען אַראָפּגעפֿאָרן אַהער זיך זעטיקן נישט בלויז מיט דער פּאַריזער דורכגעטריבן־צנועהדיקער קאַבאַרעטן־קורטיזאַנע, נאָר אויך מיטן ביסל קאָנסערווירטע און מאַהעגיסטישע קולטור פֿראַנקרייכס.

געווען דעמאָלט אַ צייט, ווען די פֿאַרשיידענע „איזמען" אין דער קונסט האָבן געבליט. דער קונסט־יאַריד צווישן די קרומע געסלעך פֿון אַלטן מאָנמאַרטר, צופֿוסנס דעם קלויסטער „סאַקרע קער", איז ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן, איז אַוועק צום רעקוויזיט פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, און אַריבערגעטראָגן האָט ער זיך אויפֿן מאָנפּאַרנאַס. אין די

גרויסע, ליכטיקע קאפייען, אין „קופאל“, אין „דאם“ און „ראטאנד“, ווו ס'האט טאג און נאכט געווימלט ארום די טישלעך, ווי אין א בינשטאק, די אינטערנאציאנאלע קינסטלער-באהעמיע. עס האבן זיך געווארפן אין די אייגן די ברייט־ראנדיקע, צעדרייטע היט, די אויפגעריסענע הערצער און די עקסטראוואגאנטע שלייפן ביי די לאנג־האריקע קינסטלער.

זיי האבן נישט געזשאלעוועט קיין האלאר, די רייכע אמעריקאנער. זיי האבן איינגעקויפט אלערליי אנטיקן פאר זייערע פריוואטע גאלעריעס און פאלאצן אין קאליפארניע און פלארידע. זיי האבן אויפגעקויפט אלטע מעבלען אין סטיל פון לואי דעם 15־טן, גאבעלינען, וואזעס, טייערן „סעוור“-פארצעלאן, בעלער מיט אלטע גאטישע געמעלן. יידישע „מאר־שאנעם“ האבן דערביי געמאכט נישט קיין שלעכטע געשעפטן. די מעבלען, אויסגעארבעט אויפן סט. אנטואן, האט מען פארשמירט, פארפאטשקעט און זיי זענען אנגעגאנגען פאר עכטע אנטיקן. די אנטיקווארן האבן לייכט פארקויפט שלעכטע קאפיעס פון די רענעסאנס-מייסטער. פאר א ליאדע פארשמירטן לייוונט האט מען דערמאלט געצאלט אין טאג אריין...

און פאריז האט געהוליעט. דער חורבן אין די צפון-מערב פראווינצן איז — אויפן פאפיר יעדנפאלס — געדעקט געווען מיט די אקופירטע אייזן-און-קוילן-גרובן פון עלזאס-לאטהינגען און רור־געביט. די גאלד-אוצרות אין „באנק דע פראנס“ זענען נישט בלויז פארמינערט געווארן, נאר האבן זיך נאך ווייט פארפילפאכט. דער ווערסאילער שלום האט אלץ געדעקט, פארשמירט און ס'האט אויסגעזען, ווי די אייביקע רו און צו־פרידנקייט וואלט זיך טאקע אויף אן אמת צוריק אומגעקערט אויף דער ערד. מען האט איצט באדארפט צוריק איפבויען דאס לאנד. הענט האבן אויסגעפעלט, ארבעטס-הענט, וואס זאלן, אנשטאט די געפאלענע ביי ווערדון, אויסגראבן דעם קויל אין „נארד“, ארומציכטן די פארלאזענע וויין־גערטנער אין דרום און צוריק פאראקערן די פארוויסטע פעלדער, וואס זענען באדעקט געווען מיט שטעבל־דראט און מיט שיצן-גריבער. אחוץ דעם — דער דורכשניטלעכער פראנצייז האט זיך געהאט אפגעוווינט פון אט די אלע שווארצע מלאכות, די הענט זענען זיי פארווייכט געווארן. דער אידעאל פון יעדן איז געווען דאס זארגלאזע לעבן פון א קליינעם באאמטן.

אגענטן זענען כסדר ארומגעפארן איבערן פאראראמטן פוילן און האבן ווערבירט לאנד-ארבעטער. וואגאנענווייז, ווי די בהמות, מיט ווייב און מיט קינד און מיטן ארעמען באלעבאטישקייט, האט מען זיי אריבער־טראנספארטירט קיין פראנקרייך, אויף לאנגיאריקע קאנטראקטן.

די סחורות פון ערשטן געברויך האט מען געריסן פון הינטער די הענט. מען האט געפאדערט ביליק און שיין, וועגן דער קוואליטעט האט מען זיך

ווינציק גערונגען. מען האָט געהאַלטן אין איין ליקווידירן די אַמעריקאַנער מטאָקן" און ס'איז געראַנישט ווייניקער געוואָרן. אין די געגנטן פֿון מאַנמאַרטר און פֿון „פּלעצל" זענען דאַמען־קאָנפֿעקציאָנערן, מענער־שניידער, שטריקער, מעבל־סטאָליער און איבערהייבן מאַראָקינעריסטן, גיך רייך געוואָרן, האָבן אַריינגעשטעלט מאַשינען, צוגענומען נאָך שטיבן, אָדער האָבן זיך גאָר איבערגעצויגן אין אַ מער־רוישיקער געגנט, אָוועקגעשטעלט מענטשן, וואָס האָבן געהאָרעוועט טאָג און נאַכט און מ'האָט אַלץ נישט געקענט נאָכקומען די באַשטעלונגען. הענט האָבן אויסגעפֿעלט, הענט.

יעדן אינדערפֿרי, ווען אויף „גאַר די נאָר" איז אָנגעפֿאָרן אין דער פֿאַרדויכערטע וואָקזאַל־האַליע דער אינטערנאַציאָנאַלער צוג, האָבן ביי די פֿאַרפֿראָפּטע איינגענג, די אַרויסגעאַרבעטע יידישע פּאַטראָנען שוין אָפּגעוואַרט דעם הייִמישן עולם, די יידישע יונגעלייט פֿון פּוילן, אין די אויסגעוואַקסענע, צעקנייטשטע אָנצוגן פֿון אַ פֿאַרגעסענער מאָדע, נישט־געגאָלטע, מיט אַן אומרואיקייט אין בליק. די אַלע צעשראָקענע יונגעלייט האָט מען ברייטלעך אָפּגעוואַרט, גלייך אַ כאַפּ געטון זיי ביי אַן אַרבל, גוטברודעריש געקלאַפּט זיי איבער דער פּלייצע און אויסגעפֿרעגט זיך:

. — פֿון וואָס פֿאַר אַ „מעטיע" זענען זי, יונגערמאַן ?... כ'מיין, ס'הייסט, נו, פֿון וואָס פֿאַרא פֿאַך ?

— איך ? — האָט יענער אומזיכער געשטאַמלט — אַ שטעפּער בין איך.

— אַ שטעפּער ? כע... נו, אויב אַזוי, טאָ קומט זשע מיט מיר. דאָס בידנע פֿאַך אייערס וועט איר דערווייל לאָזן לופֿטערן זיך. איך וועל אייך שוין געבן צו עסן אַ שטיקל ברויט, ר'קענט אייך פֿאַרלאָזן...

די בלייבע, צעשראָקענע יונגעלייט האָבן זיך געלאָזן פֿירן מיט די וואַליזקעלעך אין די הענט צו די פֿאַרוואָרפֿענע ווינקל־אַטעליעס פֿון מאַנמאַרטר און פֿון „פּלעצל", זענען צופֿרידן געווען, וואָס גלייך די ערשטע וואָך פֿאַרדינט מען שוין אַ גראָשן אָפּצושפּאָרן און מען האָט טאַקע גלייך אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַראָפּברענגען ווער זיך דאָס ווייב, ווער — אַ כלה און ווער — סתם אַ גוטן „פּשיאַטשעל" פֿון דער היים. אַזוי־אַרום זענען נעכטיקע שוסטער, שטעפּער און פֿאַרפֿאַלענע ליידיקגייער, געוואָרן איבער נאַכט אין פּאַריז מאַראָקינעריכטן און קאָנפֿעקציע־שניידער.

פֿאַר די אַלע יידן, וואָס זענען די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן אַרונטער פֿון פֿאַרדויכערטן „גאַר די נאָר" און האָבן אַן אָטעם געטון מיט דער פּאַריזער לופֿט, איז אָבער גיך ענג געוואָרן צווישן די אַלטע געסלעך פֿון מאָנמאַרטר און פֿון „פּלעצל". ווו נאָר אַן אָפּגעלעגענער האָטעל, אַ פּיצמער „טרעים"־שטיבל — האָט געקלאַפּט אַ וואַרשטאַטל פֿון מאַראָקינערי, אַ שטריקער־מאַשין און עס האָבן זיך געטרייסלט די ווענט פֿון די מאַנזאַ-

ריזירטע ניי-מאַשינען ביי די שניידער „פּאַסאַניער“. און כּמעט מען איז אַריינגעקומען געשמוגלט, האָט מען פּאַפּירן אַרויסבאַקומען לייכט. דאָס לאַנד האָט זיך געניטיקט אין זיי, האָט מען אויף אַלעם פאַרמאַכט די אויגן. איינמעלדן האָט מען זיך דעמאָלט געקאָנט אפילו אויף א קווייטל פון חדר וועשעריי. אָבער לאַנג האָט עס אַזוי נישט אָנגעהאַלטן. ס'איז געוואָרן שטרענגער און ס'האָבן זיך באַוויזן „מאַכערס“, וואָס זענען געווען אויסגעקאָכט מיט „מלכות“, האָבן געהאַלטן אין איין ציען געלט און זיי האָבן שוין אַלע פאַרמאַליטעטן דורכגעפירט.

געהאַלטן האָט מען זיך אינאיינעם — דאָס געוועלבל, די היימישע רע-זורע, ווו אַלע לאַנדסלייט זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויף א מיטל, דאָס שולכל און די אוונטיק-באַזעצטע קאַפע-טעראַסן אויפן טומלדיקן בולוואַר. ווייטער פון דאַנען איז מען נישט אַוועק. די אַלע, וואָס האָבן זיך אַריבער-געפעקלט פון פּוילן צוזאַמען מיט די צעדרודערטע וואַרשטאַטלעך זייערע און מיט די יידישע פּרנסות — זיי אַלע האָבן מאָדנע געשראָקן די רייכע גאַסן, די ליכטיקע פאַריזער נעכט, די גרויסע, פרעמדע און טומלדיקע שטאָט מיט אירע מעשונהדיקע פּירעכצן.

די שטאָט האָט געשראָקן און צוגעצויגן. אָבער אַפּזייענדיק דעם ער-שטען יאָר, האָט מען זיך שוין הערנאָך שווערלעך פאָרגעשטעלט מען זאָל זי ווען נישט איז פאַרלאָזן אויף שטענדיק. ס'זענען היימיש געוואָרן די עטלעכע אָנעמישע ביימלעך ביים רינשטאָק, די אָפּגעקראָכענע פּאַסאַדן פון די אַלטע געביידן און קירכעס, די אָפּגעטראָטענע טראָטואַרן, אוונט-צייט, ווען דער גרויער אַרבעטער-מענטש שיט זיך אויס אין טונ-קעלע שטראָמען איבערן פאַרפאַסטן טראָטואַר. פאַרדינט האָט מען נישט שלעכט, א פראַנק האָט דאָ קיין ראָלע נישט געשפּילט. מען האָט געגעסן גוט, בעסער ווי אין דער היים. געהאָרעוועט האָט מען הערפּאַר שווער.

צוליב דער ענגעניש האָט מען שפּעטער געמוזט אַוועק, מען האָט געמוזט אויסזוכן זיך א ניי ווינקל אין דעם גרויסן און פרעמדן פּאַריז.

צווישן די הענגענדיקע געסלעך אויפן הויכן בעלוויל, ווו א ייד האָט פריער מורא געהאַט פאַרבייצוגיין, ווו אַפּאַשן אין ברייטע, סאַמעטענע הויזן, מיט קליינע וועליסאַפּערן-היטעלעך איבער די אויגן, מיט פאַרביקע טיכער, וווילעריש פאַרוואָרפן אַרום האַלז — האָבן זיך אין די פינצטערע נעכט אַרומגעיאָגט פאַר די גאַז-לאַמטערן נאָך זייערע ווידערשפעניקע „כלה'ס“ — דאָרט זענען די פרישגעקומענע אַוועק פאַרליגן זייער נייע היים.

אין ווייטע, פאַרגעסענע יאָרן האָט מען דאָ אַרויפגעצויגן שטאָק אויף שטאָק, אָנגעפּלאָנטערט געסלעך מיט קרומע אַראָפּהאַנגען, ווו די זון גראַבלט זיך שיף איבער די דעכלעך און וואַרפט א וועלקנדיקן אָפּשיין צווישן די אייביק פינצטערע דורכגענג. הייַנט גלאָצן די אונטערגעשפּאַרטע

פאַסאַדן מיט בלינדע, אויסגעזעצטע שויבן און כ'וויעט פון זיי מיט אַן אומעט פון אומבאַוווינטקייט. דאָ, צווישן די פאַרהוילענע דורכגענג, האָבן זיך פאַרענדיקט די לעצטע, פאַרביטערטע קאַמפן פון די פּאַריזער קאָמונאַרן.

פון די זייטן־געסלעך, נאָענט צום טומלדיקן בולוואַר בעלוויל, איז מען ביסלעכווייז פאַרקראָכן אַרויפצו, ביז צו די הייכקייטן פון מעניל־מאָנטאַן, וווּ די טראָטואַרן האַקן זיך אָפּ מיט אַ באַריער פון שטיגן און מיט הענג־בריקלעך, פאַרוואָרפענע איבער אַן אָפּגעשטאַרבענעם פּלאַנט. די פענסטער פון די העכערע שטאָקן קוקן דאָ איבער צום ווייט־פונאַנדער־געוואָרפענעם פּאַריז אין דער נידער. דער ים דעכער, די שטאָט, אַ ליכט פאַרשווומענע אין נעפּל, הייבט זיך אַרויס אין זוניקע טעג מיט שפּיציקע קופּאָלן, מיט פאַבריק־קוימענס און מיט אויפגעלויכטענע טורעמלעך. פון דער אייביקער שטיקעניש אין די פינצטערע געסלעך און פון די פאַבריקס־הייף, וווּ ס'רינט אָפּ אַ גרינלעך, פאַרדומפּן וואַסער־שטראָמל צו די קאַנאַלן, וווּ עס ליפּטערן זיך געוועשן צווישן די אָפּגעקראָכענע שטאַכעט־לעדן — גלוסט זיך טיילמאָל אין אַזאַ זוניקן טאָג אַ פלי צו געבן איבער דער ווייט־פונאַנדערגעוואָרפענער שטאָט, צום טיף־אויסגעבלויטן הימל־געוועלב, וואָס הויערט איבער איר ליכט און פרילינגדיק.

דאָ האָט מען זיך איינגענעסטיקט. ס'איז אויפגעקומען אַן אייגענע יידישע קאַפע, וואָס איז דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג באַזעצט געווען ביז אַרויף און מען האָט געהאַלטן אין איין טרינקען שטאַרק־צוגעוויסטן קרעם אין הײמיש־געפינגערטע גלעזער.

— העע, אַמאָליקע יאָרן! — האָט דאָרט אַ הויכער ייד מיט אַ בעלמע אויפן אויג, מיט אַ שיטער־אויסגעקראָכן בערדל, אַרויסגעזונגען מיט אַ באַס — מ'האָט טאַקע געמאַכט אַ לחיים איבער אַ פעסעלע ביר, אַז ס'איז געגאַנגען אַ „קאַריזש" (אַ שטויב).

— איי, דאָס פערטעלע געזונט, די פּופּיקלעך! — האָט אַן אַנדער ייד אונטערגעזיפצט.

שנעל, זייער שנעל, האָט מען זיך אויסגעלערנט אַ גרייזיקן פראַנצויזיש, און פּונקט ווי די פראַנצויזן, די קאַפע־איינגייערס, אַריינגעלאָזט זיך אין פערדל־שפּילערייען, גיך איבערגענומען עס, נאָכגעקוקט יעדן טאָג די קורסן־צייטונג וועלכעס פערדל ס'האָט אין געיעג אין בולאָנער וואַלד געוואונען, אָדער פאַרשפּילט. נישט איינמאָל זענען די צעפּלאָשעטע ווייבער אַריינגעפאַלן אין דער קאַפע מיט אַ געוואַלד און אָוועקגעריסן דעם מאַן פון ערדל־שפּיל און פון די קורסן־באַריכטן, וווּ ער האָט פאַרשפּילט אַ שיינע פּאָר פראַנק.

דאָ האָט מען אַלעמאָל באַגעגנט דעם ייד מיט די הייסע, גרויע אויגן.

מיט אים האָבן אַלע געהאַט זיך צו סוד'ען. ער האָט גענומען האַנט־געלט, פאַרשריבן און געהייסן וואַרטן, ביז מען וועט רופן נאָך דער „קאַרטע". עס האָט זיך געשלעפּט זייער לאַנג און קיין געלט האָט מען שוין ביי אים נישט צוריקגעזען. מיטן פאַרמערן זיך פון די פריש־צוגעקומענע, איז דער פּרייז ביי אים געשטיגן. מען האָט געאַרבעט בגנבה ,אָן פּאַפּירן, אַראָפּפאַרקויפט פון זיך עפּעס און דורך זיין פאַרמיטלונג, מיט גרויסע צרות, קוים אַרויס־באַקומען אַ שטיקל פּאַפּיר.

אין סאַמע האַרץ פון בעלוויל, אין שפּיץ פון אַ הויקערדיק געסל, האָט ראָטשילד געלאָזן אויפבויען אַ שול פאַר יידן, זיי זאָלן נישט פאַרפרעמדט ווערן צווישן גויים און זאָלן האָבן וווּ גאָט צו בעטן. דאָ זענען אָפּגעזעסן די אַלטע לייט, וואָס קינדער האָבן זיי אַריבערגעברענגט קיין פּאַריז און זיי האָבן שוין מער נישט געקענט אַרבעטן, ווייל די טרייסלדיקע הענט האָבן זיי שוין נישט געדינט. דער גבאי , א ייד מיט אַ שטייפן קאָלנער, אין אַ בערעטל, איז שבת אינדערפרי, ווען יידן זענען זיך צוזאַמענגעקומען, אַרומגעגאַנגען און צונויפגענומען עטלעכע פראַנק פאַר איינעם, וואָס האָט באַקומען אַן אויסווייז. אפילו אַ היימישער יידישער דאָקטער האָט זיך דאָ אָפּגעזוכט — אַ פאַרשליאָבעטער ייד, שטענדיק מיט איין פאַרשאַרצטן הויז, מיט אַ הויקערדיק גענגל. געווען איז ער דוקא זייער אַ גוטער דאָקטער, אַ מבין אויף כלערליי פאַרשלעפּטע קרענק און די ווייבער האָבן אים אָפּגעקלאַפּט די שוועלן. ער האָט גערעדט מיאוסע רייד פאַר יינגע ווייבלעך אין די אויגן, געקנייפּט אונטערוואַקסנדיקע מיידלעך, אַלע מענער האָט ער גערופן „מוישעלע", אַלע ווייבער „יאַכנע" און איז מיט אַלעמען געווען אויף „דו". ער איז געקראָכן אויף די שטאָקן פון הויז צו הויז מיטן וואַליז־קעלע אין דער האַנט, אַרומגעטאַפּט מיט זיינע שיטערלעכע פינגער קינ־דערישע בייכלעך, פּלייצקעס, אַריינגעשמעקט אַ לעפעלע אין מויל, געהייסן זיך ווייזן די צונג און האָט גערעדט מיט זיין האַרטן, ליטווישן יידיש:

— ס'וועט אים גאָרנישט זיין, דעם ממזר... שקאַרלאַטינע, אַ קרענק אַזאַ... נו, וועמען נאָך באַטראַכטן? קום אַהער דו, יאַכנע, טו זיך אויס...

— אַז ס'איז מיר גאָרנישט, פּאַניע דאָקטער! — האָט ס'יינגע ווייבל זיך געוויטלט — דאָס קינד זאָל מיר נאָר געזונט זיין. ס'אַרבעט, נעבעך, מיט די זייטעלעך, ווי איז מיר...

אָבער צוליב דער פאַריאָגטקייט אין די סעזאָנען, האָט מען געמוזט פאַרגעסן אין די קראַנקע קינדער אויך. מען האָט באַדאַרפט ליווערן צו דער צייט און אַרבעטנדיק האַלבע נעכט, האָט שטענדיק צוגעפעלט אַ טאָג צו דער וואָך. דערצו איז אין שטיבל נישט געווען ווו זיך אַ ריר צו געבן. דאָס ביסל אַרבעט איז געווען אָנגעוואָרפן אויפן בעט און אין אַלע ענגע ווינקעלעך. מען האָט אָבער געהאָפט אַרויפצואַרבעטן זיך און דעמאָלט... דעמאָלט...

דערווייל אָבער איז מען יעדן טאָג געלאָפן דורכן בולוואַר בעלוויל מיטן ביסל אַרבעט, פאַרוויקלט אין אַ שוואַרץ טואַלעטל. ס'האָט געהייסן — מען איז אַ „פאַסאַניער", מען נעמט אַרויס אַביסל אַרבעט אַהיים. וועגן קיין באַשטימטן אַרבעטס־טאָג האָט מען נישט געוווסט. פונעם קלאַפּן מיט די מאַשינען ביז שפּעט ביינאַכט, זענען די פראַנצויזישע שכנים נישט צופרידן געווען. נאָר ווער האָט זיי דאָרט געהערט? ...

אַ טייל פון אָט די ייִדן, וואָס זענען פאַר די פּאָר יאָר געוואָרן לייט, אַרויפגעאַרבעט זיך, האָבן זיך טאַקע באַצייטנס אַוועקגעצויגן צו די רוישיקע האַנדלס־געגנטן אַרום די גרויסע בולוואַרן, האָבן זיך באַמיט צוצופּאַסן זייערע האַרטע פּוילישע פאַמיליע־נעמען צום ווייכן, זינגענדיקן פראַנצויזישן אַקצענט. דורך אַ זייטיק־אונטערגערוקטער מטבע האָבן זיי זיך שנעל נאַטוראַליזירט און אַז ס'איז אויסגעקומען ווען אַ קריגעריי, האָבן זיי שוין איצט געקענט ברייט אויסזידלען זייערע נעכטיקע פּשעדבאָזשער לאַנדס־לייט:

— וואָס זענט איר עפּעס אַלע געקומען אַנצולויפן אַהער קיין פּאַריז?

אויף וואָס יענע זענען נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער:

— קוק אים נאָר אָן, דעם פּשעדבאָזשער פראַנצויז! איך געדענק נאָך דיין מאַמען, חיה־זלאַטע די „פראַנצוזקע" — איך פלעג איר יעדן דאָנער־שטיק געבן אַ צווייער אַ נדבה...

מען האָט זיך צעקריגט, צעשלאָגן און איינער פון אַנדערן איז אָפּגע־פרעמדט געוואָרן. אפילו די סאָסיעטע, וווּ מען איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, האָט זיי אויסער מיטן געמיינזאַמען „קאָוואָ" (קבר) גאָרנישט פאַרבונדן. זיי זענען נישט שטאַרק צופרידן גע־ווען, די אַרויפגעאַרבעטע, פונעם פרישן אָנגעלויף, וואָס האָט זיך באַלד אין די ערשטע קריזיס־יאָרן אַ שאָט אַראָפּ געטון אַהער פון די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. די אַלע „גרינע" זענען אָבער דערפאַר זייער וואָרעם אויפגענומען געוואָרן דווקא דורך די פאַראָרעמטע לאַנדסלייט, באַהאָנגענע מיט אַן אַ שיעור נאַטוראַליזירטע קינדער און באַלאָדענע מיט קאָפּ־ברעכע־נישן צו באַצאָלן פינקטלעך פאַרן „טערם"־שטיבל. מען האָט זיך געטיילט מיטן ביסן און אַרויסגעהאָלפן זיך מיט אַן עצה, ווי אַזוי איינצוהאַנדלען דורך אַ „מאַכער" פּאַפּירן און ווי אַזוי אויסצוגעפינען אַביסל אַרבעט.

געווען איז עס שוין גאָר אַן אַנדער עולם, דער שפּעטערדיקער — אַ ייִנגער, אַ רירעוודיקער, וואָס איז געלאָפן אַהער דורך אַלע געשוואַרצטע גרענעצן, פון דער כראָנישער אַרבעטסלאָזיקייט און פון די תפיסות. זיי, דידאָזיקע, זענען שוין וווּנדיקער אָפּגעלעגן אין דער ביוראָ־טאַבאַק, ווו די טישלעך זענען אַלעמאָל באַפאַלן, ווי מיט אַ כמאַרע פליגן, דורך די צעהיצ־טע און פלעגמאַטישע דערדל־שפּילער — מענטשן, וואָס פאַרגעסן אין אַלץ

און אין אלעמען, מיט צוויי אדער דריי־טאגיקע בערד, וואס פרעסן זיך איין אין זייערע הויטיקע פנימער ווי א זשאווער. זיי זענען אויך נישט אפגעזעסן אין דער יידישער קאפע „דאס ליכט פון בעלוויל“, ווו די ווייבער זענען געווען צעזעצט אויף דער טעראסע מיט אפגעדעקטע בורסטן און וויג־קינדער. ביי א דערדל און ביים היימישן טומל, האט אין הינטערשטן חדרל געשפילט א פאטעפאן און מען האט דארט יעדן אויפדערנאכט געהערט פארהילכן די גאס מיט א זים „שטיקעלע“ פון יאסעלע ראזענבלאט און א קופלעט פון יידישן טעאטער אין אמעריקע.

זיי, די יונגע, האבן זיך אפגעזוכט זייערס אן אייגענע קאפע, ווו מען קען זיך ארייכנאפן אין א מיטנוואכיקן טאג, אין „מארט“־סעזאן, זיצן אין היימישן געזשום ביי א טישל, איבער א צעקנייטשטער צייטונג, וואס גייט דא פון האנט צו האנט, און נישט דוקא מוזן באשטעלן קיין קאפע־קרעם. די קאפע — א היימישע, אן אנגערויכערטע, האט זיך געפונען פונקט קעגנאיבער. דאס איז געווען די קאפע ביים הויקער, וועלכן אלע האבן גערופן פארצויגן און אפגעהאקט: שמיל הוי. שפעט אינאווונט איז מען שטיינגעבליבן אין דער אפענער טיר און מיט איין אויג זייטיק ארומגעכאפט דעם בולוואר, צי ס'פארן אמאל נישט אן פון ערגעץ די „רעדלדיקע“, וואס פרעגן אויף פאפירן. מיט אן אויפגעשטעלט קעלנערל, האט מען זיך דערנאך אריבערגעכאפט דעם בולוואר, צו א טונקל געסל, ווו עס האט געפינטלט אן אפגעקראכענע עלעקטרישע שילד איבערן האטעל מיט די פינף אויסגעלאשענע שטאקן.

א קלוב האט מען דא אויך צולעצט אויפגעמאכט, אן אייגענעם קלוב מיט ארומגעשיילטע ווענט, מיט א לייען־זאל, מיט א קולטור־קאמיסיע, מיט א קיך פאר ארבעטסלאזע און מיט א קעכין, וואס גערופן האט זי זיך סימעלע. אויסגעפאלן איז עס שוין צליע אין יאר 1926, נאך א ביטערן ארבעטסלאזן ווינטער. די קעכין סימעלע איז דא באריבמט געווען דערמיט, וואס זי האט געפלעגט צוגרייטן פארן אויסגעהונגערטן עולם די געשמאקסטע און ביליקסטע ברויט־קלאפסלעך. איינער פון די סאמע אקטיווסטע עסערס דא, יאשקעלע, האט זיך איר שוין איינמאל, דערציילט מען, שיעור נישט דערקלערט אין ליבע איבער אט די קלאפסלעך.

— ע־לעך, סימעלע, ווי כ'בין פארליבט אין דיר! — האט ער זיך געזעצט מיט א פויסט אין הארץ אריין — אזעלכע געשמאקע ברויט־קלאפסלעך האב איך אפילו ביי מיין מאמען נישט געגעסן ...

— לאמיך עפעס רייכערס ליב האבן — איז זי אזש רויט געווארן פון רציחה — לאזן מענטשן ,אדרבה הערן: חריי קילא געמאלן פלייש און — אט אזא קליין פיצעלע ברויט... כ'זאל נאך טאקע א.וו זוכה זיין צו דערלעבן די מפלה פון דער וועלט־בורזשואזיע...

קאַפּיטל פינף

דער פּאַטראָן זשאָזעף העכט

אַזאַ איינער ווי זשאָזעף העכט — אינגאַנצן אַ יאָר פינף־זעקס אין לאַנד — וואָס האָט זיך פון די ערשטע אַוועקגעצויגן פון ענגן „פּלעצל" צום געדוימערן בעלוויל, האָט געקענט האָבן שטיין ביי זיך אין די צוויי דאַך־שטיבלעך ביז אַ צען אַזוינע יינגעלייט, וועלכע ער אַליין האָט געבראַכט צופירן פון „גאַר די נאָר", אַ זיבן־אַכט פּראָווינציעלע מיידלעך, וואָס זענען צופרידן געווען, אַז מ'האָט זיי געצאָלט צו פראַנק די שעה. אחוץ דעם האָט ער צוויסגעגעבן אַהיים „פּאַסאַן" די פאַרשוואַרצטע ווייבלעך און די אויס־געמאַרעטע, נישט־געגאָלטע יינגעלייט.

די אַלע אָנגעפּאַרענע האָבן זיך נאָך גלייך אינעם ערשטן טאָג אויס־געלערנט ווי אַזוי צו האַלטן דעם פּענזל אין דער האַנט, ווי אַזוי צוצושמירן אַ פּעטל און אַביסל שפּעטער — אַרונטערצוציען אַ לייכטן סאַק. די סחורה — אַ ביליק קאָנפעקציע-סעקל — האָט מען געריסן פון הינטער די הענט און ס'האָט קיינמאָל נישט געסטייעט קיין צייט, מען האָט געהאַלטן אין איין אַרבעטן איבער־שעהן, אין איין פּאַסן, אין איין ליווערן.

און איידער מען האָט זיך נאָך באַוויזן אַרומצוקוקן, זענען שוין די אַריבערגעקומענע יינגעלייט געוואָרן אויסגעגרינט, האָבן שוין געוווּסט ווו מען גייט, ווו אַ טיר עפנט זיך און זיי האָבן שוין אַליין געקענט צוביסלעך עפענען ס'מויל. מען האָט גיך אַריבערגעפּעקלט פון פּוילן די ווייבער, די כלה'ס, אָפּגעדונגען זיך ערגעץ אַ שטיקל דירהלע, אָן אָפּגעלעגענעם האָטעל און — מען איז אַראָפּ פאַר זיך. אָבער דער גרעסטער טייל איז עפּעס אינעם האַנדל נישט געשיקט געווען, נישט געקענט דערהאַלטן זיך אויפן פּלאַץ און האָבן נאָכדעם טאַקע גאַנץ שיין געמוזט אָנקומען נאָכן ביסל „פּאַסאַן" צו אים אַליין, צו מסיע זשאָזעף, דעם געוועזענעם פּאַטראָן זייערן. אויפגענומען האָט ער זיי ברייטלעך, מיט אַ שמייכעלע, געבעטן זיי זיצן אין אָפּגעצוימטן שטיקל קאַנטאָרל.

— נו, ס'וועט זיך אָפּצוועגענען מיטן מסיע זשאָזעף, אַ? איר געדענקט, ביי די אויערן האָב איך אייך געבראַכט צופירן פון „גאַר די נאָר", געגעבן אייך צו עסן אַ שטיקל ברויט און איר — געכאַפּט דאָס פּעקל און געלאָפן פאַר־זיך... אַטאַ־דאָס, מיינע טייערע, פעלט אייך אַלעמען — האָט ער געוויזן דעם געפּעלבלטן שטערן — אַ קאָפּ, אַ קאָפּ אויף די אַקסלען! אָבער אַביסל „פּאַסאַן" וועט איר ביי מיר שטענדיק באַקומען — דער מסיע זשאָזעף איז נאָך נישט פון די ערגסטע...

אָבער פון פיל אַזוינע יינגעלייט ,פלינקע, מיט אומלויפנדיקע אויגן אונטערן שטערן, וועלכע זענען באַלד אַראָפּ פאַר־זיך און האָבן זיך מיט דער

צייט „געשטעלט אויף די פיס“, אַרבעטנדיק טאָג און נאַכט צוזאַמען מיטן ווייב און מיט די אונטערוואַקסנדיקע קינדער, האָט ער זשאָזעף, דערנאָך טאַקע געהאַט פון זיי היפּשע קאָפּ־ברעכענישן. אין דער אַטעליע ביי אים האָבן זיי געהאַט אויפגעכאַפּט אַלע פּאָרטלעך, געוווּסט ווו אָנשטאָט עכטע וואַטע אונטערצובעטן סאַקן מיט וואָל־פּאַפּיר, געוווּסט אויסצוקאָמבינירן פון „קופּ“ אַזוי, אַז אַלע לעבער און אַלע דינגע ערטער זאָלן פּאַרדעקט ווערן דורך אויס־געצאַצקעטע און אויספּאַנטאַזירטע פּעטלעך, געוווּסט ביי וועלכע קליענטן מען קען, אָנשטאָט עכט לעדער, געבן אימיטאַציע. זיי האָבן אויך דערשמעקט אַלע לעבער און אַלע „הייזער“ אין שטאָט, פונוואַנען ער באַקומט אַרויס באַשטעלונגען. זענען זיי געלאָפן אַהין מיט „שאַנטיאָנען“ (פּראָבע־מוסטערן), אָפּגעקלאַפּט די שוועלן, געלאָזן פּאַר ביליקער און טאַקע באַקומען אויף זיין חשבון גרויסע פּאַרטיעס סאַקן צו ליווערן. און עס האָט זיי נאָך אַלץ געלוינט, ווייל געאַרבעט האָט מען צוזאַמען מיטן ווייב, מיט די אונטערוואַקסנדיקע קינדער, איינגעשפּאָרט זיך פרעמדע הענט, פון פּאַטענטן און קאָנטריבוציעס האָט מען נישט געוווּסט.

ווו מען האָ באַהאַרפט, זענען זיי, די יונגעלייט, אַליין געלאָפן. איבער־הויפּט דאָרט, ווו עס זענען געזעסן אין דער ביוראָ אויסגעצאַצקעטע ווייבלעך, וואָס האָבן מילד געשמייכלט, מילד גערריקט די האַנט און נאָך מילדער גע־געבן אָנצוהערן וועגן די קאָסטבאַרע מתנות, וואָס דאַרפן פּאַר אַזוינע האַמען ווי זיי געשאָנקען ווערן. וואָס שייך באַשטעלונגען איז, אייגנטלעך, ווייניק־וואָס גערעדט געוואָרן — דאָס אַלץ האָט שוין די פּאָסט דערליידיקט.

און דאָרט, ווידער, ווו מען האָט באַהאַרפט, האָט מען געשיקט די ווייב־לעך, די שיינע, די לייביקע, די „אַסאָבעס“, וואָס זענען מיטן יידישן אונטער־טעניקן חן זיצן־געבליבן אויף דער סאָפע אין דער ביוראָ פונעם שעף. פילנ־דיק דעם שטעכיקן קין פון גרויען, עלטערן מאַנספּאַרשוין, וואָס האָט זיך אָנ־געגעוויגט צו זיי אויף אַ שטיפערישן סוף, האָבן זיי גלעקלדיק און צוריקגע־האַלטן אַרויסגעלאַכט.

אָבער נישט אַלע פון דיזאָזיקע קליינע פּאַטראָנען האָבן געהאַט אונטער־צושיקן שיינע ווייבלעך — איז אָבער דערויף אויך געפונען געוואָרן אַן עצה. עס האָבן זיך שוין אָפּגעזוכט אַזעלכע קאָקעטישע „אַסאָבעס“, וואָס זענען, פאַר געוויסע פּראָצענטער, געגאַנגען אָננעמען די באַשטעלונגען.

איז ער טאַקע אַרומגעגאַנגען היפּש צעטרודערט, זשאָזעף. פאַרשיידענע פּלענער און דאגות האָבן אים געמאַטערט. ער האָט זיך נאָך ווייט נישט גע־רעכנט צו די אַרויפגעאַרבעטע, האָט זיך כסדר געשטיקט מיט די נישט־גע־נוגנדיקע קרעדיטן. מען האָט אים טאַקע געהאַלטן אין איין צושטעלן פּאַר־טיעס לעדער אָבער ער האָט פּאַר אַלץ געמוזט צאָלן מזומן. אָנקוקנדיק דאָס בוידעם־שטיבל, האָבן זיי נישט געהאַט קיין איבעריקן צוטרוי, די פירמעס.

ער איז דעריבער אַרומגעגאַנגען מיט פּלענער ווי אַזוי וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון דער אַטעליע אינעם בוידעם־שטיבל, אַוועקציען זיך, ווי אַלע אַרויפ־געאַרבעטע, צו די רווישיקע האַנדלס־געגנטן אַרום די גרויסע בולוואַרן און דאָרט ערשט רעכט צעפירן זיך די הענט.

גרעסער אָבער פון אַלע זיינע דאגות איז ביי אים געווען — דאָס יינגע ווייבל זיינס רוזשעלע, דאָס אַנדערע ווייב נאָך נעכען. דאָס ערשטע ווייב נע־כע איז אַלע אירע יאָרן געווען אַן אָפּגעלאָזענע יידענע, אַ קראַנקע. זי איז פאַר עטלעכע יאָרן געשטאָרבן אין ראָטשילד־שפּיטאָל און איבערגעלאָזן אים אַן אונטערגעוואַקסן מיידל, אַ קאַליקע. דאָס צווייטע ווייב, רוזשעלע, האָט אים פריער געפלעגט זייער פיל אַרויסצוהעלפן. געווען איז עס דעמאָלט, ווען ער איז נאָר־וואָס געהאַט „אַראָפּ פאר זיך". זי איז געלאָפן מיט מוסטערן אין די „הייזער" און אָנגעשפּאַרט דאָרט, וווּ קיינער קען נישט צוקומען. אים האָט זי איבערגעלאָזן בלויז צו פאַרנעמען זיך מיט דער אַטעליע. אָבער נאָך די גרויסע קריגערייען מיט רעכעלען, זיין בת־יחידה, האָט רוזשעלע אַ וואָרף־געטון דאָס פּעקל און וויל זיך מער נישט מישן.

גאַנצענע טעג זיצט זי אין שטוב, קלאָגט זיך, אַז זי איז קראַנק און אין די אָוונטן ווערט זי גאָר ערגעץ פאַרפאַלן מיט די ווייבער אין דער קאַפע. ס'איז אינגאַנצן נישט אויסצורעדן מיט איר קיין וואָרט. דאָס וואָס אים דריקט, אינטערעסירט איר נישט. זי איז נערוועז, אומגעדולדיק. פריער, ווען ער איז טאָג און נאַכט פאַרנומען געווען מיט די גרויסע באַשטעלונגען, ווען ער האָט איר געהאַלטן אין איין אונטערטראָגן פון שענסטן און פון בעסטן, איז זי נאָך געווען שטיל און געהאָרכזאַם. דאָס, וואָס זי איז אַמאָל אַוועק אויף אַ האַלבער נאַכט, האָט ער פאַרקוקט, אין גרויסן טומל נישט באַמערקט. דאָס האָט ער זי געמאַכט פאַר אַ לייט, אַרויסגעפירט זי צווישן מענטשן. מיט רעכעלען איז זי נאָך ווי נישט איז אַדורכגעקומען. היינט, ווען רעכעלע איז די גאַנצע אָנפירערין, טאָר זי נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון דער אַטעליע. אַ גאַנצע מלחמה גייט דאָ אָן צווישן זיי. און צווישן דעם אַלעמען ווערט ער, זשאָזעף, צעריסן אויף שטיקער. ער ווייסט נישט פאַר וועמען פריי־ער איינצושטעלן זיך.

רעכעלע, אָדער ראַשעל, איז אַלט געווען אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק און געווען איז זי קליין און איינגעשרומפּן, מיט אַ פאַרשפּיצטער גאָמבקע, ווי אַ קינד פון אַ יאָר צוועלף־דרייצן. הענט דערפאַר האָט זי געהאַט גרויסע, שאַרסטקע, מענערישע, פון האָרעווען שטענדיק ביי די טעפּ אין דער קיך, ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט, און אַ פּיסקל — „אויף שרויפן". „דאָס מאַמלע אויסן אויג" — האָט זשאָזעף אַלעמאָל אַרויסגעפּלאַצט, ווען זי איז אים שוין גוט דערגאַנגען די יאָרן.

פריער, ווען דאָס ווייב נעכע האָט נאָך געלעבט, איז מען מיטן מיידל

ארומגעלאפן צו אלע דאקטוירים, צו אלע פראפעסארן, אבער עס האבן נישט געהאלפן די פארמעגנס, וואס זי האט אפגעקאסט. דאס מיידל איז געוואקסן דאר און קליין, מיט א פארשרומפן, גרין פנימל, מיט אן אויסגעשפיצטער גאמבקע און מיט גרויסע, גרויע און שלעכטע אויגן. די פארביטערונג איז מיט איר מיטגעוואקסן. זי איז אהיימגעקומען פון שול בלוי פון רציחה. זי האט אפילו פאר קיינעם נישט געקלאגט זיך, אז די קינדער לאכן פון איר און מאכן זי נאך ווי זי גייט מיטן פארהויקערטן פלייצעלע. זי האט זיך דעריבער געשארט אין די ווינקעלעך, פון קיינעם נישט באמערקט צו ווערן.

ווען די מאמע איז געשטארבן, האט זי גוט צוגעזען, אז דער טאטע איז גארנישט אזוי צעבראכן, אז ס'ארט אים גארנישט אזוי שטארק. פון דעמאלט אן האט זי אנגעהויבן צו טראגן אויף אים א שווער, בימער הארץ — פאר דער מאמען, פאר זיך, פאר איר גאנץ אומגליקלעך לעבן.

זשאזעף האט זיך איצט דערפילט ייִנגער אפשר מיט צוואנציק יאר. ס'האט געטראפן, אז אינמיטן דער גרעסטער גראטשקע ביי דער ארבעט, האט ער זיך פלוצים אויסגעסטראַיעט, אויסגעגלעט די באקן, ארויפגע־צויגן א ניי זיידן העמד, א געלן קראוואט מיט שפריצעלעך, א פאר גלאנ־ציקע לאקירן און איז פארפאלן געווארן אויף א גאנצן אוונט. איבער־לאזנדיק די גאנצע אטעליע אויף רעבעלען. אירע גרויכע, גרויע אויגן האבן אים שטום און מיט חשד נאכגעקוקט.

דאס אייגעקווארטע מיידל איז איצט צוגלייך מיט אלעמען געזעסן אין דער אטעליע, נישט אפגעטרעטן פון טיש. אלץ איז געלעגן אויף איר קאפ. אירע גרויסע, מענערישע הענט זענען געווען פלינק ווי ביי א מייזול, דער פענזל איז געשיקט געזעסן צווישן אירע לאנגע, הארע פינגער — גע־שמירט, געקלעפט, צוגעווארפן און איר קליינער שטערן איז כסדר געווען אין קנייטשן:

— כיען ושפילט זיך דא אפ א טאג! — האט זי געווארטשעט — מען זעט נישט ס'זאל הײנט ארויסגיין אביסל ארבעט...

יעדן אוונט, ווען די ארבעטער זענען זיך צעגאנגען, איז זי אײנע אליין איבערגעבליבן, ארויפגענומען זיך א בייטל מיט ניסלעך און זיצנדיק אויף א בענקל, צו הויך לויט איר וווקס, געשיילט זיי פלינק ווי א וועווער־קע און מיט א פארמאכטער פויסט געווארפן זיי אין מויל אריין. דאס אמת'ע באנעגעניש האט ער געהאט פון איר, זשאזעף, ווען ער האט זיך אריינגעשטעלט פאר האלבע נאכט. גערופן האט זי אים אויפן וואבעדיסו נא־מען, ווי אלע פרעמדע רופן אים — זשאזעף.

— נו, זשאזעפל — איז זי אונטערגעשפרונגען פון בענקל, ווו אידע דינע פיסלעך זענען ארונטערגעהאנגען — ווי האט דיר הײנט עפעס גע־

שמעקסט דאָס זעעניש? כ'וועל אַראָפּוואַרפן פון אַלע שטיגן דיר מיט דער מויד אינאייגעם...

דזשאָזעף האָט זיך געשראָקן פאַר איר, ווי פאַר פייער. ער האָט נאָך דערמאָלט מורא געהאַט אַרויפצונעמען אין שטוב אַריין אָט דער שוואַרצער רוזשען — אַן עלנט מיידל, אָן אַ היים און אָן אַ קרוב, וואָס האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן ביי אַן אַלטער לאַנדסמאַנקע און האָט סערווירט אין יידישן רעסטאָראַן ביי הערמאַנען, אויפן בעלוויל. קיין אַנדער אָרט, ווו זיך צו זען מיט איר, ווי אין דער יידישער קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל", האָט ער נישט געהאַט. ער האָט געחלשט נאָך איר, ער איז נאָך איר אויסגעגאַנגען, ער האָט איר געשטופּט הונדערטערס אין בייטל אַריין:

— נעם, רוזשעלע, מאַך זיך אַ שטיקל קליידל, טו זיך אָן לייטיש... דאָס גאַנצע לעבן וועל איך פאַר דיר שטרעקן...

די קליינע, פאַרטיפטע אויגן זענען אים געוואָרן בוימלדיק; געלאַכט האָט ער מיט אַ פול מויל געלע, געזונטע ציינער; די געלע וואַנצעלעך האָבן, דוכט זיך, אויך מיטגעלאַכט. נישט ווייניק קאָנקורענטן האָט ער געהאַט ביים צוקומען און ער האָט זיי אַלעמען באַזיגט. ער האָט זי אַוועקגענומען פון הינטער די הענט אַפּער ביי די יונגעלייט, וואָס זענען אַריינגעקומען צו הערמאַנען אין רעסטאָראַן, האָט זי אויסגעקליידט פון קאָפּ ביז פיס און ביים גנבישן רבילע אויפן „פּלעצל" האָט ער פאַר אַן אונטערגערוקטער מטבע און פאַר צוויי „יאַר-עדות", געשטעלט מיט איר אַ שטילע חופּה.

געווען אָבער אויפן בעלוויל אַ צד, וואָס האָט דזשאָזעפן בשום-אופן נישט געקענט פאַרגינען זיין קליין ביסעלע גליק. געווען זענען עס טאַקע דיזעלבע, וואָס האָבן זיך פריער געשאַרט אַרום רוזשעלען, געפּונדעוועט, געפירט זי אין די סינעמאַס און איינער מיטן אַנדערן איז דערפאַר געווען אויף מעסער־שטעך. אַצינד, אַז מ'האָט רוזשעלען אומגעריכט אַוועקגענומען אין אַזאַ גוטס אַריין, האָבן זיי זיך אַלע מיטאַמאָל איבערגעבעטן און האָבן אָנגעהויבן אונטערצופירן קעגן דזשאָזעפן. אויך רוזשעלען האָבן זיי נישט געשאָנעוועט. אַמערסטן געקרענקט האָט עס די צוויי אויסגעפּראַנטעוועטע פריזירער, די יינגלעך מיט די הויכע, אויסגעבעטע אַקסלען; און מער נאָך פון אַלעמען פּייוועלע „ליאַלקע", מיטן גאָלן קאָפּ, מיטן שטייפן קנייטש אין די הויזן. ער האָט זיך עס נישט געקענט שענקען. דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט, ווען איינער פון די איינגייערס איז צוגעשטאַנען צו אים, אָפּעסנדיק אים די לעבער:

— אַ בראָך האָב איך צו דיר, פּייוועלע ליאַלקע! ווייסט־וועך לאָזט זיך עס עפּעס אַוועקנעמען אַ כלה פון הינטער דער האַנט אַפּער? זי האָט

דאָך דיר מער אָפּגעקאָסט ווי דיין גאַנצע רעזורע איז ווערט...

— אזאַ אַלטער ביין! — האָבן זיי געלאַכט מיט גאַל — ס'עט זעען, מענטשן, אַז זי וועט אים נאָך אויסנאַרן סיפּאַרמעגן און אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַנטלויפן מיט אַ „קאָכאַנעק"... שוין איינמאָל אַ פויגעלע...

די אַלע „גאַרסאָנקעס" און קעכנס פון הערמאַנס רעסטאָראַן, וווּ רושעלע האָט פריער סערווירט, האָבן זיך געפילט טיף־באַליידיקט, וואָס זיי האָבן נאָר רושעלען אין זינען און פאַרציענדיק די צוגעמאַליעוועטע שנעבעלעך, האָבן זיי אויסגערעדט אויף איר „וואָס אין דער קאָרט". זיי האָבן זיך געשווירן מיט טויטע קללות, פאַרוואָרפנדיק די רויטע, אָנגעדראָלענע הענט אויף די פולע ברוסטן, אַז זיי האָבן זי אַליין געזען מיט זייערע אויגן אַרויפגיין אין אַ האָטעל אַריין; אַן אַנדערע ווידער האָט שוין געוווּסט צו דערציילן, אַז זי לויפט שטילערהייט אויפן בולוואַר בעלוויל צום דאָקטער, אָפּצוטרייבן זיך.

דאָס גאַנצע ביסל רכילות איז געטריבן געוואָרן אין הייסן נאָכמיטאָג, ווען די קליענטן פון רעסטאָראַן זענען זיך שוין געהאַט צעגאַנגען, איבערלאָזנדיק די ליידיקע טישלעך, פול מיט ראָיענדיקע פליגן. די „גאַרסאָנקעס" מיט די קעכינס, צוזאַמען מיט דער דיקלעכער פּאַטראָנקע, זענען געווען צעזעצט פונפאַרנט, אונטערן לייוונטענעם אָפּדעכל קעגן דער זון, אַראָפּקוקנדיק צום בולוואַר, וווּ ס'האָט געקלאַפּט און געטראַסקעט דער ברוק פון אַ הילכיקער פּאַרעריי, אַ גאַנצן אינדערפרי, ביז מיטאָג, איז קיין צייט נישט געווען צו זיצן און צו מוטלען. פון פּאַרטאָג אָן, ווען הערמאַן דער רעסטאָראַטאָר האָט אויפגעמאַכט די גלעזערנע טיר אין גאַס אַריין און אַראָפּגעלאָזן דעם זאַליוז איבער דער וויסטאַווע מיט די קעפּ פיש און מיטן פאַרברוינטן גענדזל, האָט זיך דאָ גענומען רויען פון מענטשן, שטענדיקע איינגייערס. צום קאָנטואַר איז געווען נישט צו דערשפּאַרן זיך. יידן און בלייכע יינגעלייט מיט קעסטלעך שעלקעס, ראַזיר־מעסערלעך, שקאַרפּעטן, זייף און אַנדערע קלייניקייטן, האָבן אָפּגעריסן די שוועל, אָנגעבאָטן יעדן איינעם, רימענדיק נישט אַזוי די סחורה, ווי — מען זאָל רחמנות האָבן אויפן ווייב מיט די דריי פּיצלעך קינדער. צו מיטאָג, ווען די יינגעלייט און די מיידלעך, אַבי־ווי אָנגעטון, פון דער אַרבעט אַוועק, האָבן זיך אַראָפּגעכאַפּט אין רעסטאָראַן, האָבן זיך שוין דאָ אומגעדרייט די „מאַכערס„, פּאַרזיכטיקע, מיט הייסע, אומלויפנדיקע בליקן פון אונטערן שטערן. יעדער איינער האָט געהאַט צו זיי אַ שטיקל ענין. זיי האָבן פלעגמאַטיש געטרונקען דעם שוואַרצן ביר ביים קאָנטואַר און קוקנדיק אינאַזייט, פלינק געציילט אונטערן טיש די צעקנייטשטע, שוואַר־אויסגעהאָרעוועטע פּאַפּירלעך, וואָס מ'האָט זיי אָפּגעשטעקט. זיי האָבן זיך באַלד אויסגעדרייט און זענען שוין נישט געווען.

פונקט אַזוי ווי זיי אַלע דאָ האָבן נישט געקענט פאַרגעסן די עוולה,

וואָס איז זיי אָפּגעטון געוואָרן און נישט פאַרגינט רוזשעלען דאָס גליק, וואָס איר האָט געטראָפן, אַזוי האָט עס רוזשעלען געצויגן צו הערמאַנס רעסטאָראַן, צום היימישן עולם, מיט וועלכן זי איז פריער געווען אַזוי אויסגעקאָכט, צו די יינגעלייט, וואָס האָבן שיעור נישט איינגענומען פאַר איר די כּפּרה. ניין, זי איז נישט גליקלעך געווען ביי זשאָזעפן. נישט איינמאָל פלעגט זי זיך אַראָפּכאַפּן אהער, זיצן דאָ שעהן-לאַנג, אַרומגערינגלט פון די יינגעלייט און פון די ווייבער, כאָטש זי האָט גוט געוווסט אַז הינטער אירע פּלייצעס רעדט מען אויס אויף איר כּל'ער בייז. ס'איז אָבער געווען פאַרפאַלן — צוריקכאַפּן דערוויַיל האָט זי נישט געקענט.

אויך רעבעלע האָט שוין גאָרנישט געקענט צוריקכאַפּן. וואָס האָט איר מער גאָרנישט נישט געהאָלפן — זי האָט שטום און מיט גאַל־דריקעניש געמוזט צוקוקן ווי דער טאַטע, דער באַיאָרטער, נאַרישער ייד, נעמט זיך אַרויף אין שטוב אַריין רוזשעלען, וואָס וואָלט זיך געפּאַסט זיינס אַ טאָכטער צו זיין, ווי ער ציטערט איבער איר און ברענגט איר אַהיים פון שענסטן און פון בעסטן; גאָרנישט איז צו טייער געווען פאַר רוזשעלען.

גרויסע פּלענער האָבן דעמאָלט אַ שיין געטון פאַר די קליינע, בוימל־דיקע אויגן פון זשאָזעף העכט. די באַשטעלונגען פון די גרויסע „הייזער", וואָס האָבן אומגעריכט אָנגעהויבן אַריינצופליסן, האָבן אים געמאַכט האָפערדיק. ער האָט זיך שוין געזען פאַר אַ גרויסן פּאַטראָן, פאַר אַ באַלעבאָס פון אַ רוישיק „הויז" אויף די גרויסע בולוואַרן, פאַרן אייגנטימער פון אַ געשעפט מיט גרויסע ליכטיקע וויטרינעס, מיט אַ שילד פון פאַרנט און מיט גאָלדענע אותיות: זשאָזעף העכט.

— רוזשעלע — האָט ער געפּליסטערט צום יינגן ווייבל אין די נעכט פון מידער, געעלטערטער צערטלעכקייט — וועסט זען, מירן נאָך זיין לייט אין פּאַריז. אַ קייסערינע וועסטו ביי מיר זיין, אַנדערש וויל איך נישט...

אין דער ערשטער צייט איז אַלץ אויך גוט. מען האָט בלויז באַדאַרפט אַרבעטן, ליווערן צו דער צייט און נאָכקומען די באַשטעלונגען, מיט וועלכע מען האָט אים געהאַלטן אין איין באַשיטן. די רעשט איז עס שוין אַליין אַוועק. ווער ס'האָט זיך דעמאָלט אויסגעטויגט, קאָמבינירט, אָנגעצויגן וואָס מער קרעדיט, האָט אין אַ קורצער צייט זיך באַוויזן אַרויפצוכאַפּן גאָר הויך.

אין דער ערשער צייט האָט אים רוזשעלע פיל מיטגעהאָלפן. זי האָט זיך אָפּגעכאַפּט, איז געקומען צו זיך, איז געוואָרן פולער, לייביקער און צוציענדיק האָט נערייצט איר שיינער, הויכער האַלדז פון די טיף־אויסגעשניטענע קליידלעך. אים איז געגאַנגען אין לעבן אויסצונעמען ביי איר מיט זיינע גרויסע אויפטוען, באַווייזן איר וואָס ער, זשאָזעף, קען. אָבער זי איז, ווי פון סאַמע אָנהייב, פאַרבליבן צו אים קיל, פרעמד, האָט אים גיכער צוגעהאָלפן אויס פליכט, ווי מיט אינטערעס פאַר אים און פאַרן געשעפט.

אַ טונקעלע, פון מיטלוווקס, מיט קרום געשניטענע אויגן, איז זי, נאָך יאָרן הונגערן, נאָך יאָרן וואַלגערן זיך ביי דער אָרעמער לאַנדסמאַנקע אויפן „פלעצל" און אין רעסטאָראַן ביי הערמאַנען, שנעל געקומען צו זיך, איז שענער געוואָרן. מיט איר פוץ און מיט איר שיק, אין וועלכן זשאָזעף האָט זי אָנגעטון, איז זי געווען ווי אָנגעמאָסטן צו גיין אָנגעמען די באַשטעלונגען. דאָרטן, וווּ זי איז אַוועק מיטן וואַליזקעלע מוסטערן, איז שוין דאָס „הויז" פון פריער געווען אַ פאַרזיכערטס. איבערהויפּט — ווען אין דער ביוראָ איז געזעסן דער שעף אַליין. אומעטום, ביי די שעפן, ביי די קאָמיסיאָנערן, אין אַלע „הייזער", ווו מ'האָט געקענט זשאָזעפן, האָט מען זיך נאָכגעפרעגט ביי איר, צי זי איז זיינס אַ טאָכטער; און הערנדיק דעם פאַרלעגנעם ענטפער, אַז זי איז גאָר אַ ווייבל, אַ יינג ווייבל נאָך דער חתונה, האָבן זיי דין און איידל געשמייכלט. און באַשטעלונגען האָט זי שוין באַקומען מער וויפל אַנדערע. זייער העפלעכע בריוו האָבן זיי נאָכהער געשריבן, די קאָמערסאַנטן. די אַטעליע אין ביידע שטיבלעך האָט געקלאַפּט.

שטענדיק געוווינט צו שטיין גלייך מיט אַלעמען ביים טיש, צושניידן, אַרויסענדיקן, קלאַפּן, שמירן, אונטעריאָגן, האָט שוין איצט זשאָזעף מער נישט געקענט איינשטיין ביים טיש. די פרישע באַשטעלונגען האָבן אים אונטערגעהויבן. אין די טעג איז ער יינגער געוואָרן מיט אַ סך יאָרן. פאַרטון אין די בריוו, אין די טשעקן, אין די ליפערונגען, איז ער שפּעט ביינאַכט אַוועקגעפאַלן ווי אַ שטיין. ער האָט קיינמאָל נישט געדענקט ווען רוזשעלע איז אַהיימגעקומען, ווען זי האָט זיך געלייגט. טיילמאָל, ביינאַכט, האָט ער געבלאָנדזשעט מיט דער האַנט אַרום זיך און האָט אָנגעטאַפּט די קאַלטע וואַנט. ער איז אָבער באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן און אינדערפרי, אין שטענדיקער איילעניש, האָט ער שוין מער נישט געדענקט דערפון. אָבער אַ סך האָט ער אומישנע אויך אַוועקגעקוקט, נישט געמאַכט זיך זען און נישט הערן ווי זי טעלעפאָנירט דאָרט איין דורכן טעלעפאָן, ווי שטיל און צוריקגעהאַלטן זי לאַכט אַרויס. מען האָט אים שוין אַפילו אָנגעהויבן אונטערצוטראָגן פון דער זייט, אַז מען האָט זי געזען מיט אַן עלעגאַנטן יונגערמאַן אין אַ קאַבאַרעט. מען האָט זי געזען דאָ, מען האָט זי געזען דאָרט. פאַר זיך אַליין האָט עס אים שוין נישט געאַרט. געאַרט האָט אים פאַר דעם, וואָס מענטשן וועלן זאָגן, פאַר זיינע שונאים, וואָס וועלן דערלעבן אין אים אַ נקמה.

מיטן איבערציען זיך אויפן גערוימערן בעלוויל, האָט ער אָפּגעדונגען פאַר זיי ביידן אַ דירה מיט ליכטיקע פענצטער צום בולוואַר אַרויס. „ווען די מאַמע האָט געלעבט — האָט זיך רעבעלע צוגעקוקט מיט פאַרביטערונג — האָט זי זיך אַלע אירע יאָרן אָפּגעמאַטערט אין פינצטערן קבר דאָרט, אויפן „פלעצל". ער האָט גאָרנישט געטראַכט צו מאַכן זי אַ קליין ביסעלע

באַקוועמער. זי האָט זיך געמוטשעט, די מאַמע, איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען מיטן פראַנק אין דער באַלעבאַטישקייט. ער איז שטענדיק געווען פאַר איר קאַרג, האָט איר צוגעטיילט, כאָטש זי האָט געהאָרעוועט צוגלייך מיט אים..."

רעכעלע איז נישט איבערגעטראָטן די שוועל פונעם רייך־אויסמעבלירטן הויז מיט די ליכטיקע פענצטער צום בולוואַר. זי האָט איצט גענומען לעבן מיט איר אייגן, אָפּגעזונדערט לעבן. געגעבטיקט האָט זי אין אַ שמאָל צימערל פון האָטעל, איין שטאָק נידעריקער פון דער אַטעליע. דאָרט האָט זי זיך פאַרקליבן און געלעבט מיט דער איינזאַמקייט פון אַ חיה. אָבער דער קאָפּ ביי איר האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז רוזשעלע קריכט אַלץ מער אַריין אין דער גאַנצער פירונג פון געשעפט, פון איר איז אָפּהענגיק די גאַנצע קליענטעל. „זי וועט אים נאָך געבוירן קינדער אויך און זיי וועלן אַלע צוזאַמען אַלץ פאַרכאַפּן פאַר זיך. דער סוף וועט זיין, אַז מען וועט זי אין איינעם אַ פרימאָרגן אַרויסשטעלן הינטער דער טיר און מען וועט איר הייסן גיין. ניין, זשאַנעפּל וועט זיך פאַר איר נישט איינשטעלן. ער וועט גאָר צופרידן זיין אינגאַנצן פּטור צו ווערן פונעם געדעכעניש נאָך דער אומגליקלעכער מאַמען.."

אָבער ווי לאַנג זי טראָגט נאָך דעם קאָפּ אויפן קאַרק, וועלן זיי עס ביי איר נישט דערלעבן. זי איז פון דער אַטעליע נישט אָפּגעטרעטן, אַלע אירע חושים, אַלע אירע נישט־אויסגעלעבטע ליידנשאַפטן, האָט זי אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט. זי האָט געהאַלטן אין איין קאָמבינירן, ווי אַזוי איינצוברענגען וואָס וויניקער אַרבעט ביים אויפשטעלן די סאַקן. פון די טיש־אַרבעטער האָט זי אַרויסגעיאָגט די נשמה. אַלע רעכענונגען האָט זי איצט געפירט; און זשאָזעף, וואָס האָט זיך וויניק געקענט אין די ציפערן און ביים האַלטן אַ פעדער אין דער האַנט, האָט געמוזט אָנקומען צו רעבעלען זי זאָל אים נאָכווייזן דעם בילאַנס, זי זאָל אים אָנשרייבן אַ בריוו צו אַ קאָמערסאַנט, זי זאָל אים נאָכהיטן דעם רעכענונג פון די אַרבעטער ביים אויסצאָלן זיי, די „פּאַסאָניערס" — ביים ליווערן. זי האָט אַלץ געטון פאָלגעוודיק, פּינקטלעך, אָבער אויך זי האָט געוואָלט וויסן רעכענונג. ס'איז הערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט דעם טאַטן נאָכגעקוקט יעדן איבעריקן פראַנק, וואָס ער גיט אויס.

— וועסט האָבן גענוג, זשאָזעפל! אַ פינפהונדערטער צערינט ביי דיר צווישן די פינגער. ס'וועט נאָך סטייען פאַר רו.שעלען אויסצוסטראָיען זיך. זי וועט דיר נאָך אין אַ שיינעם פרימאָרגן איבערלאָזן מיט אַלע דיינע גליקן! — האָט זי אַלע מאָל, ווען זי האָט דעם טאַטן גוט אַריינגעזאָגט, אַרויסגעלאַכט שפּיציק.

פון אַלע זייטן האָט ער געהאַט אויסצושטיין, זשאָזעף; אָבער ווען זי, רוזשעלע, וואָלט אים כאָטש געוואָלט פאַרשטיין, ווען זי וואָלט כאָטש געווען

מיט אים. האָט זי זיך גאָר אויסגעסטראָיעט אין די אויסגעפּאַסטע קליידלעך, אין די הוטן, אין די וואָלקעס און איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצע אָוונטן. און ווען ער איז שפּעט אַרויפגעקומען פון דער אַטעליע, האָט ער אָנגעטראָפן אַ ליידיקע, אויסגעקילטע שטוב, צעוודערט פון אירע אייליקע פאַרענישן אַוועקצוגיין. אַהיימגעקומען איז זי שפּעט, אָנברענגענדיק פון דרויסן אַ פרישע קעלט און זיסע, קיצלדיקע ריחות. זי האָט זיך נאָך לאַנג אַרומגעפּאָרעט אין דער ליכטיקער שטוב, אַ האַלב-אויסגעטוענע, פאַרהאַלטן זיך ביים שאַנק-שפּיגל, באַטראַכט דאָס נעטע פּיסל מיטן אָנגעצויגענעם זייד־ענעם זאָק, דעם אומרויקן גלאַנץ אין די אונטערגעפּירטע אויגן. ער איז מיד געווען, דער קאָפּ איז אים שווער צוריקגעפאַלן און ער איז באַלד ווידער איינגעשלאָפן.

אַריינוואַרפנדיק זיך אין דער סאָפע, איז זי נאָך דאָרט אַזוי לאַנג אָפּגעזעסן. אומרויקע געדאַנקען האָבן זי געפּלאָגט. נישט גערן און פויל איז זי הערנאָך אַוועק צום בעט. ער איז געלעגן אויסגעדרייט מיטן רוקן צו איר און האָט שווער געשנאָרכט — אַ מגושמדיקער, אַ האָריקער. נעכט איז ער אַזוי אָפּגעלעגן און האָט נישט געפילט אַפילו איר אָנוועזנהייט. טיילמאָל, נאָך אַ זונטיקדיקן, אויסגערוטן טאָג, איז ער צוגעפאַלן, אָנאָטעמענדיק אויף איר מיט איבערגעברענטע טאַבאַק-ריחות.

— מירן נאָך זיין לייט, רוזשעלע, זאָרג נישט — האָט ער זי געוואָלט איינגעמען — מירן זיך אָוועקציען פון דאַנען. פּאַריז וועט נאָך רעדן פון זשאָזעפן. סט'אָנקוקן! אָבער פאַרוואָס שווייגסטו כסדר, פאַרוואָס ביסטו שטענדיק אַזוי אָנגעשטויסן? הער אַמאָל אויס אַ וואָרט צו מיר!

זי האָט נישט גערעדט, פאַרביסן געשוויגן. אפילו איר איבערגעטריבן צופאַלן צו אים אַמאָל, האָט אים אויסגעקוקט מאָדנע. נישט הערנדיק פון איר קיין גוט און וואַרעם וואָרט, האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז באַלד ווידער איינגעשלאָפן.

ניין, איר זענען נישט ליב געווען די שיינע מעבלען, צווישן וועלכע ער האָט זי אַריינגעזעצט, די טייערע צירונגען, מיט וועלכע ער האָט זי באַהאַנגען. זי וואָלט נאָך אפשר אַלץ פאַר ליב גענומען, צוגעוווינט זיך, רעזיגנירט. צווישן די אומעטיקע ווענט האָט זיך איר אָבער געבענקט נאָך אַ זיסער, קינדערישער פלאַפּלעריי. און ער — מער ווי די אַטעליע איז אים קיינמאָל אין קאָפּ נישט געלעגן, דאָס גייעג אַרויפצורייסן זיך וואָס העכער, וואָס מער אַרבעטן, ליווערן, נישט דורכלאָזן דעם סעזאָן, וואָס אָט־אָט אַנטלויפט ער. ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, אויף דערנאָך, ווען אַלע וועלן זיך בויגן פאַרן גרויסן פּאַטראָן. זיצנדיק זונטיק אין שטוב, האָט ער געפּרוווט צו רעדן צו איר מיט שווערע, שטומפּיקע רייד, אינגאַנצן אַן

אויפגעשיינטער:

— הער מיך אויס, רוזשעלע, איך האב היינטיקע וואך באסוקט אן „אפארטאמאן" ביי די גרויסע בולווארן. יעדער שטוב — א פעלד! אפשר וואלט מען עס גענומען, אדער אפשר עס אפליי‍גן ביז נאכן סעזאן?

זי האט כמעט נישט געענטפערט. רויטע פלעקן זענען איר אנגעלאפן אונטער די אויגן. פאר די דאזיקע פלעקן האט ער מער ווי פאר אלץ אין דער וועלט זיך געשראקן. ער האט שוין געוווּסט וואס די רויטע פלעקן באדייטן. נישט איינמאל ביינאכט, ווען ער האט זיך לסוף אפגעקערט, האט ער געהערט איר שטיל שלוכצן. זי האט זיך פארדרוקט אין גרויסן, ליידיקן בעט, צוקנדיק מיט די אפגעדעקטע אקסלען. ביז פארטאג האט זי אזוי אפגעשלוכצט, לאזנדיק ברענען דאס מאטע לעמפל אונטער אבאזשור. קיין איין צערטלעך ווארט האט ער נישט געקענט געפינען פאר איר. ס'איז אים פיינלעך געווען.

זי האט אים דערפאר נאכמער פיינט געקריגן, איינגאנצן אויפגעהערט צו מישן זיך אין זיינע געשעפטן, איז מער נישט געגאנגען אננעמען קיין באשטעלונגען. איין רעבעלע, וואס האט איצט געהאט די גאנצע דעה אין דער אטעליע, האט זיך שטילערהייט געפרייט, האט שטילערהייט מער געפילט ווי פארשטאנען וואס דא קומט פאר.

זי איז מקנא געווען די ווייבלעך, רוזשעלע, וואס קומען אריין אין דער יידישער קאפע אויפן בולוואר און ניאנטשען זיך מיט קליינע קינדער אין דער שויס. זי האט זיך זשעדנע איינגעקוקט, ווי זיי זויגן פון די אנגעקוואלענע ברוסטן, ווי די ראזינקע קינדערלעך באלעקן זיך מיט די זאפטיקע ליפעלעך און פארווארפן די אויגעלעך איבערן שטערן, איבער די שוטער־באוואקסענע קעפעלעך, צו דער מאמען, אין זיסן, קינדערישן שמייכל, אויסשטעלנדיק די חנ'עוודיקע מילך־ציינדלעך. זי האט ביי די ווייבלעך ארויסגעכאפט די קינדער פון די הענט, ארומגעשפילט זיך מיט זיי און געפילט דערביי ווי איר אייגענע ברוסטן קוועלן אן מיט נאגעניש, ווי דאס מאמעשע מילך שפארט אין זיי. די ווייבלעך האבן זיך אריינגעסודעט איינע אין דער אנדערער און זי האט זיך גערויטלט. איינע, מיט א קאפ טונקל־בלאנדע, קארבירטע האר און לעקעלעך, מיט א פול, געשפראנקלט פנים, מיט צוויי אויסגעריבענע „קאראנעס" פונפארנט, מיט דיקע, רויטע הענט, וואס זענען ארויסגעפאלן פון א לויז־אויסגעשניטן בלוזקעלע, האט נארישעוואטע ארויסגעלאכט:

— אינס מאן איז א שלימזל, מאדאם... פארוואס האבן זי נישט קיין קינד? ער טויג זיך נישט, אינס מאן? דא אין פאריז פירט מען זיך נישט מען זאל פארן צו א רבין. אז מען האלט דערביי, גיט מען זיך שוין אן עצה...

— קוקטס נאר אן מיין נחת! — האט אן אנדער ווייבל זיך געגרויסט

מיט איר קינד — נו, מעג עס נישט אריין א געזונט אין אלע ביינהעלער? ווי זים עס שמייכלט מיטן ציינדעלע! ...

— זאל אינם מאן גיין צו א דאקטער — האט איר איינע, א פלינק ווייבל, א שווארצע, מיט א ממזריש בערעטל, א גענײטע קינדלערקע, גע־ראטן — די פאריזער דאקטוירים קענען זיך אויף די זאכן...

אין יידישן טעאטער, אויף לאנקרי נומ. 10, ווו זי איז מיטגעגאנגען מיט די ווייבלעך, האט זי זיך נישט איינמאל באוואשן מיט טרערן, ווען א פול־לייביקע אקטריסע, אן אנגעפארבטע, איז ארויסגעשפרונגען אויף דער בינע, אז די ברעטער האבן זיך געטרייסלט, און האט ארויסגעזונגען:

אוי, יעדער איינער ווייסט,
אז א קינד איז א טרייסט,
דאס פיצעלע פארזיסט מיין גאנצעס לעבן...

שפעט ביינאכט, ווען מען האט זיך ארויסגעשאטן פון טעאטער, האט זי זיך מיטגעשלעפט נאך די ווייבלעך מיט זייערע מענער און עס איז איר עפעס באנג געווען אומצוקערן זיך צו דער שטוב מיט די פרעמדע, אנגע־שטעלטע מעבלען, צום שלאף־צימער, ווו זשאזעף ליגט און שנארכט אויף אלע זיינע ביי־קול'עכלעך...

קאפיטל זעקס

האטעל „פעקין"

בעני איז אים, זשאזעפן, אונטערגעקומען צו דער ריכטיקער צייט. ס'איז אים געפעלן געווארן די הייסע איבערגעגעבנקייט און די ווילדע ענערגיע פון אט דעם בלאסן יונגערמאן וועלכן ער האט אין איינעם א גרויען פרימארגן ארונטערגעברענגט פון „גאר די נאר".

טאקע פונדאנען־אויס, פון טומלדיקן „נארד"־וואקזאל, האט בעני צום ערשטן מאל א קוק געטון אויף פאריז, פארווישט אין לייכטן נעפל פון פרי־הארבסט. אינאיינעם מיטן שטראמענדיקן עולם, איז ער אויסגעשפיגן געווארן דורך די פאראדנע טירן, צווישן די זשאווערנדיקע זיילן פון פאסאד, ביים הויפט־צופאר, פונוואנען עס צעלויפן זיך די טומלדיקע קווער־גאסן.

ער איז ארונטער צום טראטואר פאמעלעך און זיכער, ווי געשטעלט וואלט ער דא דעם טראט נישט אויף דערווייל. נאך דעם אלעמען, וואס ער האט פאר דער לעצטער צייט אדורכגעמאכט, איז שוין דאס אלץ געווען נישט מער ווי א שפילעכל. נאכוואס גיין אויפזוכן דא קרובים אין אט דער פרעמדער, גרויסער שטאט, אז מען רייסט זיך דא איבער דיר, אז מען כאפט דיר ווארעם ארום און מען האלט דיר אין איין אויספרעגן אויף באַ־

פאַנטע פון דער היים. אין גערדאַנג, האָט ער דאָ קוים אויפגעזוכט לעבן זיך הערשלען. יענער איז פאַרבליבן צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט, אַ בלייבער, אַן איבערגעשראָקענער, מיט אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס, מיטן צעשטויסענעם וואַליזקעלע אין דער האַנט. פונם ערשטן טראַט אָן האָט ער עפּעס גלייך פאַרלוירן די האָפעדדיקייט.

מונטער איז אָבער געווען בעני. ער האָט הערשלען אויסגענומען פון דער וואַנט און אַלע דריי, זיי ביידע און זשאַזעף, זענען פאַרלוירן געוואָרן אין גערדאַנג פון פרימאָרגנדיקן אָנפאַר ביים וואָקזאַל.

און אַזוי איז עס אויך געווען דערנאָך, ווען זשאַזעף, די באַקן אויסגענאָלט ביז בלוי, איז פאַרפאָרן מיט זיי אויפן בעלוויל און האָט זיי געפירט איבער די שטיגן צו זיין אַטעליע. אויפן וועג האָט מען זיך צערעדט וועגן וואַרשע, וועגן היימישן מורהנאַוו און זשאַזעף איז גלייך געוואויר געוואָרן, אַז ער, בעני, איז אַ זון פון די גרינבערגערס אויף הער גענשע.

— ס׳איז גוט — האָט ער זיך געקאָכט — איך האָב נאָך געקענט דיין טאַטן און דעם זיידן דיינעם האָב איך אויך געקענט! פשש...די גרינבערגערס ! מאַיאָנטקעס האָט מען דאָרט געזשויבט. איז עס אַלץ, זאָגסטו, געגאַנגען אין דר׳ערד אַריין? אַזוי איז עס אַז דאָס שטיקעלע מזל שפּילט נישט צו...

ער האָט שווער געפּרייכט, קריכנדיק איבער די שטיגן.

— מיך — האָט ער זיך געזעצט מיט אַ פויסט אין דער ברוסט אַריין — רופט מען זשאַזעף העכט, פון דער היים —יאָסעלע לאַטעס. איך בין אין וואַרשע אויך נישט געווען פון די יינגלעך ,,צוויי פאַר אַ דרייער״... און אַז מ׳האָט טאַקע נישט געוואָלט גיין דינען ,,פּאַניען״, האָט מען זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויפגעהויבן, איבערגעלאָזן דאָס ווייב אין די הויכע חדשים און פון די קאַזאַרמעס אַוועק ,,אויסגעטרוקנט״ געוואָרן קיין דייטשלאַנד. דערווייל האָט אָנגערוקט די מלחמה און מען האָט מיך, ווי אַ רוסישן אונטערטאַן, אַריינגעפּאַקט אין אַ צוואַנגס־לאַגער. נו,בין איך דאָרט פאַרפאַלן געוואָרן? — די וואַך.איז שוין, נישקאָשה, געווען אויף מיין זייט. זיי האָבן מיך מיטגענומען קיין פּוילן און איך האָב זיי צוגעשטעלט פון אַלעם גוטן. דערנאָך, אַז דער פּאַליאַק איז אונטערגעקומען און אַז איך האָב מיך ארומגעקוקט, אַז אַלץ איז פאָרן טייוול, האָב איך אַ שפּיי געטון אויפן פּאַליאַק אויך און בין מיר אַריינגעפאָרן.גלייך קיין פּאַריז. מען קען דאָ אויך מאַכן אַ לעבן — מען דאַרף נאָר נישט זיין קיין פאַרשלאָפענער...

פאַרנומען האָט ער דאָ דעם גאַנצן אויבערשטן פליגל פון אַן אָפּגעלעגענעם האָטעל. דאָס איז געווען איינס פון די אַלטע הייזער אויפען הויכן בעלוויל, וואָס שטייט שוין לאַנג אויפן פּלאַן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אַראָפּגערוימט צו ווערן. דעם באַלעבאָס פון דאָזיקן הויז — אַן אַלטער ,,רענטיער״ — איז קיינמאָל נישט געווען צו זען פאַר די אויגן. געזעסן איז

ער ערגעץ אויף דער ריוויערע און דעם האָטעל האָט ער איבערגעגעבן אין אַרענדע אַן אַלט ,קינדערלאָז פּאָר-פֿאָלק. דערצו האָט נאָך דער קאָנסיערזש אַליין געדינט אין דער ראָוועריסטן-פּאָליציי, פֿון די, וואָס פֿאָרן אום איבער די אָוונטיקע גאַסן און פֿרעגן אויף פּאַפּירן. ס'האָט נישט איינמאָל געטראָפֿן אַז ער האָט אין די דינסט-שעהן, שפּעט ביינאַכט, אָפּגעשטעלט אויפֿן בולוואַר ערגעץ זיינס אַ לאָקאַטאָר, וועלכער האָט געוווינט אין האָטעל ביי אים אומלעגאַל. ער האָט אים אַ באַקוק-געטון, פֿאַרקנייטשט דאָס לינקע אויג און שטיל געהייסן אָפּטראָגן זיך.

די זעקס טוכלע, פֿינצטערע שטאָקן, דאָס הויז מיטן אויסטערליש-פֿרעמדן נאָמען ,,האָטעל פּעקין", איז באַוווינט געווען דורך אַ קליינעם אינטערנאַציאָנאַל. איינזאַמע אַרמענער, גרינס-הענדלער, קלאָשאַרן און אייביקע אַרבעטסלאָזע, עטלעכע פּאָליאַקן, קוילן-גרעבער, אויסגעוויזענע פֿון ,,נאָרד", וואָס האָבן זיך דאָ אויפֿגעהאַלטן אין אַ זייט פֿון אַ פּאָליציי-איש אויג. עטלעכע פּראָנצויזישע קינדערלאָזע פּאָרלעך, וואָס האָבן אָנשטאָט קינדער, געכאָוועט ביי זיך ראַסאָווע קעץ און הינט מיט קורצע, פּייכטע פּיסקלעך. אויף אַלע איבעריקע שטאָקן, ביז צום זעקסטן שטאָק אַרויף, — יידן, יידן.

אַריינגעצויגן אַהער האָט זיך זשאָזעף באַלד נאָכדעם, ווי ער איז אַראָפּ פֿאַר-זיך, ווען ער האָט נאָך קוים פֿאַרמאָגט איינצוקויפֿן אַ קליינע פּאַרטיע לעדער. איינער פֿון די ערשטע, האָט ער זיך אָוועקגעצויגן פֿון ,,פּלעצל", ווו עס איז ענג געוואָרן פֿון די פּריש-אָנגעפּאָרענע. ער האָט דאָ געצאָלט אַ קלייניקייט פֿאַר די עטלעכע צימערלעך אונטערן האַך. יעדן שבת, נאָכן אויסצאָלן די ,,פּעי", האָט ער דעם קאָנסיערזש אַריינגערופֿן אויף אַ גלעזל אין דער קעגנאיבערדיקער קאַפֿע. דער אַלטער, אַ נישקשהדיקער ליבהאָבער פֿון טרונק, האָט אים הערפֿאַר פֿאַרזיכערט ,צוקוועטשנדיק דאָס לינקע אויג, אַז ער האָט זיך נישט צו שרעקן פֿאַר קיין שום קאָנטראָלן, פֿאַר קיין שום נאָכפֿרעגענישן, אַז אַלצדינג וועט אַדורכגיין גלאַטיק. ער האָט אויך דורך די פֿינגער געקוקט אויף די פּרישע פּנימער, וואָס האָבן זיך דאָ באַוויזן — די אומלעגאַלע יונגעלייט, וועלכע זשאָזעף האָט געבראַכט אָנצופֿירן פֿון ,,גאַר די נאָר". זיי האָבן אין דער ערשטער צייט נישט געהאַט ביי זיך קיין שום פּאַפּירל, אויף וואָס איינצומעלדן זיך, ווער רעדט נאָך פֿון אַן אַרבעטס-קאַרטע .און אַזוי ווי ער אַליין האָט געהערט צו דער ראָוועריסטן-פּאָליציי, איז דער האָטעל אַממערסטן פֿאַרזיכערט געווען פֿון אָבלאַוועס. אָבער פֿאַר דער גאַס האָט ער נישט גאַראַנטירט. דער עיקר איז געווען — באַצאָלן פּינקטלעך.

דער אָפּגעלעגענער האָטעל האָט זיך אינגיכן אָנגעפֿילט מיט אַן אינעווייניקסטער לעבעדיקייט, כאָטש פֿון דרויסן האָט מען עס נישט אָנגעזען. פֿון צייט צו צייט האָט מען נאָר באַמערקט אַרויסשלייכן זיך פֿון פֿאָדער-הויז אַ

בחורל מיט אויפגעשטעלטע קלאפקעס, א נישט-געגאלטן יונגערמאן. פלינק האט מען זיך ארומגעקוקט און מען איז שנעל אריבערגעלאפן די אונטיקע גאס.

אין דער ערשטער צייט האט נאך בעני געווינט אין איין צימער מיט הערשלען, וועלכן אלע אין אטעליע האבן א נאמען געגעבן זשאקל און אזוי איז עס אים שוין פארבליבן צוגעקלעפט. ער האט אלעמאל שטיל געשמייכלט, זשאקל, אפדעקנדיק דריי אפגעפוילטע פיעניעס פונפארנט; אלעמאל דאס קעלנערל אויפגעשטעלט, איז ער אפגעזעסן דעם טאג ביי דער מאשין, ארומגענייט די סאקן און נישט אומגעקוקט זיך אפילו צו די לאנגע טישן, ווו עס האבן געארבעט נאך א מאן צען; קיינמאל נישט אריינגעשמעקט אין אנדער צימער, ווו די פראנצויזישע מיידלעך — מיט אונטערגעפירטע ברעמען, מיט בלאנדע, קרייזלדיקע לעקעלעך, — האבן פארהילכט די ענגע דאך-שטיבלעך מיט זייער גלעקלדיק געלעכטער, האבן געזונגען און א גאנצן טאג ארומגעווערטלט זיך מיט רעבעלען, וואס איז געזעסן אויף א הויך בענקל און האט אויף אלץ געהאט אן אויג. זשאקל האט א העלפט פון זיין פארדינסט אהיימגעשיקט דער מאמען, ערגעץ אין א שטעטל לעבן ווארשע, און פארן איבעריקן האט ער קארג געלעבט, קוים דערציענדיק די וואך. ס'איז אומעטיק געווען מיט אים — ער האט ווייניק גערעדט, ליב געהאט ביז שפעט צו בלענדן זיך די אויגן ביי א ביכל און אזוי, אנגעשפארט אין אן עלנבויגן, איינגעשלאפן, זיצנדיק אויפן ראנד פון בעט.

אין די לאנגע ווינטער-אוונטן איז מען ס'רוב געזעסן אין שטוב, אבער ווען די באשטעלונגען זענען ביי זשאזעפן געווען א סך און דרינגלעכע, האט מען געארבעט „גאנץ שעהן", אן א באשטימטער צייט, פון קיין סינדיקאט האט מען נישט געוווסט. נאך דער ארבעט האט מען זיך געוויינלעך אריינגעכאפט אין עקסטן צימער אויבן דריטן שטאק, ווו בעני און זשאקל האבן געווינט. זיי האבן זיך איינגעשאפט א פארקאפטשעטע ספירט-מאשינקע, עטלעכע גלעזער און א גרויסער טשייניק האט פריילעך געזידט. געזעסן איז מען אויף די צוויי צעשאקלטע בענקלעך, אויפן בעט מיטן ברודיקן איבערצוג און מען האט נישט אויפגעהערט צו דערמאנען זיך וועגן דער אלטער היים. דורכן וואלקן סיגארעטן-רויך, האט מען קוים אנגעזען דאס מאטע גלי-לעמפל אונטערן סופיט. אינדרויסן איז געווען טריב און רעגנדיק. דורך אלע אפענע שפארעס האט אריינגעיאגט א קעלט, דרוכן ביליקן שטיקל פארהענגל האבן זיך צעשמירט געזען אין דער נידער די צעשאטענע פייערן פון דער ווייט-פונאנדערגעווארפענער שטאט.

די ערשטע צייטן האט נאך יעדער געלעבט מיט דער היים, מיט די קרום-באשריבענע בריוו-בייגעלעך, וואס דער קאנסיערזש האט יעדן פון זיי צודערלאנגט דורכן קוק-פענצטערל, פון אונטערן געלן פארהענגל. אויף די בריוו פון

דער חיים האָט בעני געענטפע־ט קורץ, טרוקן, אַז ער אַרבעט צוביסלעך און אַז ער וועט עפּעס אָפּשפּאָרן, וועט ער זיי שיקן. אין די בריוו האָט די מאַמע געוויינט, געקלאָגט, אַז מען דאַרף מיטן מיידל טון אַ שידוך, אַז דער ברודער אַרבעט נישט. ער האָט אָבער גאָרנישט אַהיימגעשיקט און יעדן אָפּגעשפּאָרטן פראַנק אַוועקגעטראָגן אויף דער פּאָסט. און כאָטש ער איז מיט זשאַקלען געשלאָפן אין איין בעט, געטרונקען פון איין גלאָז, האָט זיך בעני געהאַט זיין אייגן ווינקל, שטרענג אָפּגעטיילט פון זשאַקלען: זיין שטיקל ברויט, זיין פּעקעלע פּוטער. מיט גרויס פּינקטלעכקייט האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס מעסערל, אויפגעמאַכט דאָס קלינגל און געשניטן דערמיט קליינע ריפּטלעך ברויט. עס איז גאָרנישט געווען צו פאַרשטיין פונוואַנען צו אים האָט זיך דערנומען אַזאַ קאַרגשאַפט. זעלטן־ווען ער האָט זיך פאַרגינט צו גיין עפּעס אָפּעסן אין אַ רעסטאָראַן. ער האָט זיך אַליין אָנגעוואַרעמט אַ גלאָז טיי אויף דער נאַפט־מאַשינקע, אַליין געזעסן ביים טישל און אַליין געגעסן.

אַביסל לעבעדיקייט האָט אָנגעברענגט מיט זיך יאַשקעלע בעסעראַבער. ווי נאָר ער האָט אויפגעמאַכט די טיר, איז געוואָרן הימלעך. ער האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, ווי עמיץ וואָלט אים געקיצלט. געשטאַמט האָט ער פון אַ שטעטל אין אוקראַינע, האָט געשוואַרצט גרענעצן און אויסגעוועזן איז ער שוין ווו די וועלט האָט אַן עק. אין פּאַריז האָט ער זיך אַרומגעדרייט מיט עטלעכע אויסווייזן אין קעשענע. ער האָט געוווסט אַזאַ מיטל ווי אַזוי קאַליע צו מאַכן אַ שוואַנגערשאַפט אין די פאַרהאָרעוועטע, אויסגעבלייכטע מיידלעך, וואָס האָבן זיך יעדן אָוונט געשפּאַרט אויף די טרעפּ פון דער „קולטור ליגע", האָבן צווישן טאָג און נאַכט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט צו אים אין האָטעל אַריין, זענען שטיינגעבליבן אַזוי־ווי פאַרשולדיקטע ביי דער טיר און האָבן נישט געוווסט ווי אַזוי אָנצוהויבן. אַ קליינוווקסיקער, שוואַרץ ווי אַ טאָטער, האָט ער מיט זיינע קורצע, גראָבע פינגער און אויסגעביסענע נעגל געדרייט סיגאַרעטלעך אַרויסגעשלעפּט פון וועסטל־קעשענע אַן אַלטמאָדישן רייבשטיין.

— זאָגסט — אויסווייזן? איך גיי מיט דער קליינער גענקען יענע וואָך פון דער „קולטור ליגע", ס'האָט שוין געקענט זיין אַרום איינס ביינאַכט, פאַרן זיי, מיינסטו נישט אַן מיט די פּעלערינקעלעך? וואָסזשע טוט מיינער? איך שטעל זיך גלייך אַוועק און איך מיט גענישטשקען הויבן זיך אָן צו קושן אין סאַמע מיטן בולוואַר... דער פּראַנעק, אַז ער זעט אַזאַ סצענע וועט ער שוין נישט צוגיין... „משוגע געוואָרן" — מאַכט צו מיר גענישטשקע. זי ווייסט, נעבעך, נישט, אַז איך טראָג זיך אַרום מיט אַן אויסווייז, אַנישט וואָלט זי דען שפּאַצירט מיט מיר? ...

די קליינע גענקע איז געווען יאַשקעלעס שוואַכקייט. ער איז דעם מיידל נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. זי האָט געהאַט רויטע, פּוכיקע בעקלעך און אַ טענצלדיק גענגל. דאָס בלאָנדע גזשיווקעלע ממזריש פאַרטשעפּעט מיט אַ שפּילקעלע.

יאשקעלע האט געהאט פעסטע הענט, א ווערטל־זאגער, און איז געווען אן ערשטקלאסיקער טענצער. אויפן לעצטן ניייאר־באל פון דער „קולטור־ליגע", ווען זי האט דעם גאנצן אוונט געטאנצט מיט אים, האט זי זיך מיטגעוויגט ווי א ווינבער און איז אים גלייך אריין אין הארץ אריין. א שטיק צוליב איר איז ער געווארן אן אקטיוויסט, האט געשלעפט בענק, האט אונטערגענומען די שווערס־טע ארבעטן, געשטאנען אויף אלע אונטערנעמונגען ביי דער טיר. ביים אהיימ־גיין האט ער זי שטענדיק אפגעווארט אויף די טרעפ און אהיימפירנדיק זי שפעט דורך די ליידיקע גאסן, האט אים געקלאפט דאס הארץ מען זאל זיי אמאל נישט אפשטעלן...

אויך אים האט זשאזעף אין איינעם אן אינדערפרי געברענגט צופירן פון „גאר די נאר" און האט אים אוועקגעשטעלט ביים טיש פון די שלעסער־קלא־פערס. א האלבן טאג האט ער זיך אפגעמאטערט און געכאפט דאס פארטל.

— איך בין געווען אזא קלאפער, ווי דו א שטערנזעער. — האט ער זיך דערנאך געריטט פאר זיי — ער פאקט מיך אן ביים „גאר די גאר": א קלא־פער? א קלאפער, זאג איך, אודאי א קלאפער!

— ביסט טאקע נישט קיין קליינער קלאפער — מישט זשאקל איבער א בלעטל — פארמאכסט א גאנצן אוונט נישט דאס מויל. לאז אריינקוקן אין א ביכל!

דער ערשטער, וואס האט אנגעהויבן פארפאלן צו ווערן אויף גאנצע אוונטן איז געווען ער, זשאקל.

— ווו קריכסטו ארום האלבע נעכט? — האט אים בעני, א געזעצטער און א פארטוענער אין זיך, געווארנט — ס'פארגלוסט זיך דיר צו קוועטשן אין קאזע און באקומען אן אויסווייז? זיץ, ארבעט א שעה לענגער, שפאר אפ א פראנק און קריג ארויס א שטיקל פאפיר... אין דער „קולטור־ליגע" וועלן דיר „דיינע מענטשן" נאר העלפן קרעכצן...

ער אליין האט אפילו איינמאל ארויפגעשמעקט אהין, אבער עס איז אים גלייך פון אנהויב נישט געפעלן געווארן דער גאנצער געשטופ דארט. ס'איז שוין מער נישט געווען ווארשע, די בערוזעס, קאהמעליצקע 23, נישט די אמא־ליקע יארן. אין די שבתדיקע און זונטיקדיקע אוונטן איז מען דא ארויפגעקומען אויסהערן א רעפעראט, אריינקוקן אין א צייטונג. דא האבן זיך אפגעזוכט אלע לאנדסלייט פון דער היים, אלע אלטע באקאנטע, אנטלאפענעפון מיליטער, פון תפיסה. דא האט איינער דעם אנדערן א פרעג־געטון אויף דער שנעל, אדורכ־לויפנדיק פון איין זיצונג אויף דער אנדערער:

— ווי גייט עס?

— „סאווא"! (עס גייט שוין) מען מאכט א לעבן. און ביי דיר?

— „סאווא". ביי וואס ארבעטסטו?

— איך? ביי דער שווער-אינדוסטריע! — האָט יענער אַרויסגעלאַכט — איך ניי קנעפּלעך...

עס זענען פאַרפולט געוואָרן אַלע צימערן, אַלע קאָרידאָרן. אוּנט-צייט איז דאָרט געווען אַזאַ געפּאַק, אַז מ'האָט קוים אָפּגעזוכט אַ שטיקל פּלאַץ אויף די שטיגן. איבער אַלעמען האָט זיך געוויגט אַ שווערער סיגאַרעטן-נעפּל.

זשאַקל האָט עטלעכע מאָל אויסגעהערט בענים שטראָף-רייד, האָט דראָבנע געשמייכלט. וואָס האָט ער אים געזאָלט ענטפערן? ער האָט אים נאָר אַ באַקוק געטון, אַז יענער האָט זיך באַלד אוועקגעדרייט. זשאַקל איז ווירקלעך פאַרנומען געווען גאַנצן אוונטן און האָט זיך שפּעט ביינאַכט געגנבעט מיט די הינטערגעסלעך צום אויסגעלאָשענעם האָטעל. ער האָט געאַרבעט אין דער קולטור-אים גאָר אין אַנדערע זאַכן, אין די קהלשע געשעפטן פון דער פּראָטעסט סאָסיע-קאָמיסיע, אין פאַרשיידענע צוגאָב-קאָמיסיעס און זונטיק איז ער דעם גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן איבער די פינצטערע שטאָקן פון די יידישע קוואַרטאַלן פאַר-שפּרייטן דאָס מאָגערע אַרבעטער-בלעטל. דער פּאַטראָן זשאָזעף העבט האָט גוטמוטיק געחוזקט פון אים, לאַכנדיק נישט נאָר מיט די געלע, געזונטע ציינער, נאָר אויך מיט די געלע, אויסגעקרומטע וואָנצעלעך.

— נו, קאַמעראַד זשאַקל — האָט ער אים לוסטיק געקלאַפּט איבער דער פּלייצע — פון דיר, זע איך, וועט קיין לייט נישט זיין. אין פּאַריז האָט מען נישט אין זינען די אַלע זאַכן פון דער היים. די מאַשין פּליט אונטער דיר ווי אַ רוח. כ'האָב געמיינט, כ'וועס... בעני פאַרשטייט אַן עסק, לייגט צו דעם קאָפּ צו דער אַרבעט. פון אים האַלט איך...

פּלייסיקער פון אַלעמען אין דער אַטעליע איז ווירקלעך געווען איין בעני. דער יונגערמאַן מיטן נידעריקן שטערן און מיט די רויטלעכע קלייענדלעך האָט זעלטן-ווען אַ לאַך געטון אויפן קול און איז אַלעמאָל געווען פאַרנומען מיט זיך. ער האָט נישט געראַכערט, געגעסן טרוקנס, געשפּאָרט יעדן איבעריקן פראַנק. און כאָטש זיינע ווייסע, אויסגעאיידלטע הענט זענען נישט געווען געוווינט צו קיין אַרבעט, האָבן זיי זיך באַוועגט געשיקט און פלייסיק. ער האָט צוגעלייגט קאָפּ און איז גיך אַריינגעקראָכן אינעם פאַך. ער האָט אויך זייטיק צוגעזען, אַז זשאָזעף האָט דאָ גאָרנישט די גאַנצע דעה אין דער אַטעליע. זיין קאָפּ ליגט טע, אויסצוטרינקען מיט אַ גוטן ברודער אַ גלעזל אין דער קאַפע און ער נוצט נאָר אויס אַ פרייע מינוט אַראָפּצוכאַפּן זיך צווישן דער חברה חערדל-שפּילערס אין דער ביורא-טאַבאַק אויפן בולוואַר. דער גאַנצער באַלעבאָס אין דער אַטעליע איז גאָר זי, רעבעלע. זי טרעט נישט אָפּ פון טיש; פון אונטער אירע לאַנגע, דאַרע פינגער פליען די צונויפגעקלעפּטע סאַקן און די טיש-אַרבעטער באַווייזן זי קיינמאָל נישט נאָכצוקומען מיט די פּעטלעך, מיט די גוסעס. זי יאָגט, זי ציילט נאָך, זי פאַרשרייבט די שטונדן, זי ענטפערט אויף בריוו און אַפילו דעם אייגענעם טאַטן טרייבט זי אונטער ער זאָל זיך אוועקשטעלן ביים טיש און

אַרויסהעלפֿן. סוף וואָך צאָלט זי אויס מיט אירע לאַנגע, גיריקע פֿינגער די „פּשוי". די פּאַרמאַרעטע „פּאַסאַניערס", וואָס שטופּן זיך דערמאָלט אַרום באַ־ריערל, באַהאַנגען מיט די שוואַרצע טיכער צום ליווערן, שטייען אונטער'איר געבייזער; זי רעכנט צוואַנציק מאָל נאָך, דינגט זיך איבער אַ האַלבן פֿראַנק און עסט זיך אָפּ מיט זיי די לעבער. אויף איינעם אַ צעפּלאַשעטן ייִד מיט אַ שוואַרץ, צעשויבערט גלות־בערדל, אַ צעקנעפּלטן, מיט טרערנדיקע אויגן אונ־טער די ברילן, לאָזט זי אויס דעם גאַנצן כעס. זי וואַרפֿט אים צוריק, זוכט אויס פֿאַרשיידענע חסרונות אין דער אַרבעט. — דאָ שטייט אָפּ די גוסע, דאָ איז אַ פֿלעקעלע פֿון קליי. דער ייִד שטייט איבער איר, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, שטאַמלט און ער קען זיך נישט פֿאַרענטפֿערן. ער נעמט אַלץ פֿאַר ליב און דאַנקט איר נאָך צולעצט.

— מערסי מאַדמואַזעל — בייגט ער זיך אין דרייען — זאָל די מאַדמואַ־זעל זיך נישט בייזערן. מיר זענען דאָך שטיקלעך שכנים אויך...

שבת נאָכמיטאָג, ביים אָפּנעמען די „פּעי", האָט בעני איבערגעוואַרט אַלעמען און איז צוגעקומען דער לעצטער צו דער ביורקע. סתם אַזוי, צוליב אַן אומבאַשטימטער נייגעריקייט האָט ער געוואָלט אַ שמועס טון מיט אָט דעם פּאַרצעריטן, געשלעכטלאָזן באַשעפֿעניש, וואָס איז אַזוי גיריק און אַזוי קאַרג שוין אויסצוברענגען יעדע איבעריקע מינוט ביי דער אַרבעט, נישט אַרויס־צולאָזן אַזוי לייכט פֿון האַנט דעם פֿראַנק.

— איר, מאַדמואַזעל ראַשעל, אַרבעט זיך צופֿיל איבער — האָט בעני, לאַכנדיק פֿרעמד, ווי נישט מיט זיין קול, זי געחנפֿעט — וואָסי, כ'זע נישט? אַלץ איז ביי אייך אויפֿן קאָפּ. ווען ניט איר...

— אַזוי איז עס, מעסיע! קאָמערס איז קאָמערס! — האָט דאָס פֿאַר־שרומפּענע באַשעפֿעניש טיפֿער אַריינגעצויגן די שפּיציקע גאָמבע אין די הויכע אַקסלען־אַריין, ווי אַ שילדקרעט אין איר פּאַנצער, און מיט אירע גרויסע, גרויע און שלעכטע אויגן, וואָס האָבן קיינמאָל קיינעם נישט געטרויעט, האָט זי אים אָנגעקוקט פֿון אונטערן שטערן, וויברירנדיק מיט די פֿינגער ביים שליסעלע פֿון געלט־קעסטל אינעם אָפּגעצוימטן ווינקל פֿון דער ביורקע. מער האָט זי ניט געהאַט מיט אים וואָס צו רעדן.

זי האָט אָבער איינגיכן באַמערקט, אַז דער טאַטע באַציט זיך צו אים מיט באַזונדערן צוטרוי, באַראַט זיך מיט אים צום נייעם סעזאָן וועגן פֿרישע מאָ־דעלן און פֿאַרהאַלט זיך מיט אים טיילמאָל אין חדר אַטעליע ביז שפּעט אינ־אָוונט. זיי קאָמבינירן, זיי רעכענען. שטיל, אַז קיינער פֿון די איבעריקע זאָלן עס נישט באַמערקן, האָט איר דער טאַטע באַפֿוילן אויסצוצאָלן אים צוויי פֿראַנק אויף דער שעה מער.

— ער איז ווערט. ער האָט אַ סוחרישן קאָפּ אויף די אַקסלען. פֿון אים

וועט נאָך אַרויסשפּרינגען אַ גרויסער פּאַטראָן. ער וועט נאָך פאַרשטעקן צוואַנציק זשאָזעפּס אין אַרבל אַריין, יאָ־יאָ...

מיט איר נייגעריק און געניט אויג האָט עס רעבעלע אַלגיכן טאַקע איינגעזען.

בעני האָט פּראָיעקטירט צום פרילינג־סעזאָן אַ העל סעקל פון ביליקן, קאַרבירטן אימיטאַציע־לעדער, אַ זייער לייכטער מאָדעל, מיט אַן איינפאַך פּעטל, אַ סאָרט שלענגעלע. געאַרבעט האָט זיך עס זייער גיך, ס'איז ממש געפלויגן פון אונטער דער האַנט. עס האָט טאַקע באַלד אָנגענומען אין די „הייזער" ביי די קאָמיסיאָנערן און עס האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען גרויסע באַשטעלונגען. צוליבן זייער קליינעם פּרייז, איז עס בייגעשטאַנען יעדע קאָנקורענץ. און איידער דער עולם מאַראָקינערס אין גאַס האָבן זיך נאָך אומגעקוקט און גענומען עס נאָכמאַכן, האָט זשאָזעף דערווייל אָפּגעאַרבעט אַ שווערן און פעטן סעזאָן. בעני האָט זיך דערביי אין דער אַטעליע געהאַלטן זייער באַשיידן, קיינעם דערפון נישט געזאָגט, אָבער די אויפזיכט איבער דער אַרבעט האָט ער שוין איצט צוביסלעך געהאַט ביי זיך אין די הענט. זשאָזעף האָט אים אַלצדינג אָנפאַרטרויט און איז שטילערהייט צופרידן געווען, וואָס זיין אייגן מיטעטערל, די מרשעת, וועט אים אַליין אַביסל ווייניקער אַרומפירן ביי דער נאָז. אין דער צוקונפט האָט ער אים שוין געזען אפילו פאַר זיינם אַ שותּף. און נאָך אַ געפיל האָט אים דערביי געמאַטערט — אַזאַ איידעלער בחור, וואָס שטאַמט פון גרויס יחוס, פון די גרינבערגערס, וואָלט זיך זייער געפּאַסט פאַר אַן איידעם, פאַר אַן אייגן קינד אין שטוב. נאָר גיי מאַך, אַז דער גורל האָט אים אַזוי מיאום צוגעשפּילט, אַז אָנשטאָט אַ קינד, האָט אים ס'ווייב נעכע געבראַנגט אויף דער וועלט אַ פאַרזעעניש און אַ רוצח אויפן אייגענעם טאַטן. ער האָט געפילט אויף טריט און אויף שריט, אַז זי איז אים אַ שונא אין לעבן אַריין, אין זיין בלוט וואָלט זי זיך געשמירט; און אַלץ דערפאַר וואָס ער האָט נישט געוואָלט אָפּפינצטערן זיין לעבן און אַריינגענומען רוזשעלען צו זיך אין שטוב אַריין. און אפשר האַלט זי דעם טאַטן אויך פאַרן גאַנצן שולדיקן אין איר אומגליק? ביי די דאָקטוירים איז נישט צו דערגיין — אָבער צו האָט ער נישט געשטרעקט פאַר איר זיין גאַנץ לעבן? דעם לעצטן פראַנק האָט ער אַוועקגעגעבן פאַר די דאָקטוירים, די בלוט־זויגערס. ווער ווייס ווי ווייט ער וואָלט שוין היינט געווען. און צי וואָלט אים נישט ליב געווען צו האָבן אַ געזונטע און שיינע טאָכטער, דערלעבן נחת פון איר. איידער מען קוקט זיך אום, איז דער קאָפּ שוין גרוי. פאַר וועמען האָרעוועט מען דען אַזויפיל? וואָלט אים כאָטש רוזשעלע געבראַנגט אַ קינד אויף דער וועלט. ווייס ער נישט ווער אין דעם איז שולדיק — רעדט צו איר, שווייגט זי, דרייט זיך אויס צו דער וואַנט און אירע שיינע אַקסלען ציטערן. ס'איז מיט איר קיין וואָרט נישט אויסצורעדן, האָט אים איינגאַנצן אָנגעוואָרפן דאָס געשעפט, האָט כלומרשט מורא

פאַר רעכעלעך און זוכט אויס אַלע געלעגנהייטן אַוועקצוגיין פון שטוב אויף האַלבע נעכט. אָבער וואָס וועט זי זאָגן, אַז מען וועט זיך איבערציען אין אַ גרויסן און ליכטיקן „אַפּאַרטעמענט", אַרום די גרויסע בולוואַרן, אַז פּאַריז וועט אַ קלינג טון מיט זשאָזעף העבט ? ...

איז דעריבער גוט וואָס בעני איז אונטערגעקומען. ער, האָט ער גיך איינגעזען, געהערט נישט צו יענע צעטראָגענע יינגעלייט, וועלכע האָבן אָפּגעאַרבעט דעם ערשטן סעזאָן, אויסגעגרינט זיך אַביסל, אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר פראַנק, געכאַפּט דאָס פּעקל און באַלד געלאָפן פאַר־זיך. זיי האָט ער גוט אָנגעלערנט, זייער קאָנקורענץ וועט ער שטענדיק ביישטיין. נאָך אַ שטיקל צייט און ער וועט רעדן מיט בענין אָפן : אַזוי און אַזוי, וואָס זאָל איך לייקענען ? מיט שכל און מיט איינפאַל פאַרשטעקסטו מיר אין אַרבל אריין, מעסיע גרינבערגער. לאָמיר פאַרלייגן די אמתע פאַבריק, אַז גאַנץ פּאַריז זאָל זיך שאָקלען .אינצווייען איז אַלעמאָל שטאַרקער.

בעני האָט דעם צוטרוי צו זיך גלייך דערפילט און האָט זיין גאַנצן פלייס נאָכמער אַוועקגעגעבן דער אַרבעט. ער איז גרייט געווען צו שטיין אין דער אַטעליע פון מאָנטיק אינדערפרי ביז שבת אויפדערנאַכט, ווען ער שעמט זיך נישט פאַר די איבעריקע און איבערהויפּט פאַר זשאַקלען. ער האָט איצט געזוכט אַלערליי געלעגנהייטן אַרויסצוציען זיך פון אים, אָפּזונדערן זיך. זיצנדיק אויסגעדרייט, מיט די אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס ,האָט ער, זשאַקל, נישקשה, אַלצדינג צוגעזען, וואָס הינטער זיינע פּלייצעס טוט זיך.

— חנפעסט מיר צופיל .זשאָזעפן — האָט ער אים אַפילו איינמאָל אַריינגעזאָגט — מען רייסט ביי אים אונטער די הענט און אונז צאָלט ער אַ קרענק... אפשר קלערסטו חתונה צו האָבן מיט רעכעלען ? זאָג, שעם זיך נישט...— האָט ער אַרויסגעלאַכט.

ער האָט געהאַט אַ געניט אויג, זשאַקל, אָבער אויף אַזוי ווייט האָט ער זיך אַליין נישט געריכט.

אין יענעם אָוונט האָט בעני זיין שטאָך און שפּאָס אַראָפּגעשלונגען, האָט זיך כלומרשט איילִיק גענומען אויסוויקלען אַ סיגאַרעטל, כאָטש ער האָט נישט גערויכערט, האָט גיריק, גאָרנישט לויט זיין טבע, פאַררויכערט און נאָך עטלעכע צי, אַוועקגעוואָרפן עס אויף דער ערד. באַלד אויף צומאָרגנס האָט ער זיך אַרויסגעצויגן פון דאַנען, געדונגען זיך אַ צימערל מיט איין שטאָק נידעריקער און איז אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט געוואָרן אי פון זשאַקלען ,אי פון יאַשקעלען. ער האָט איצט גענומען לעבן מיט זיין אייגן אָפּגעזונדערט לעבן.

קאַפּיטל זיבן

אויף די טרעפּ פון דער „קולטור-ליגע"

דער שפּעטערדיקער אימיגראַציע-שטראָם — אַ יונגער און אַ רירעוודי־קער — וואָס האָט זיך אַראָפּגעשאָטן פון פּאַרויכערטן „גאַר די גאַר", האָט דאָ גיך פונאַנדערגעפּאַקט די צעשטויסענע וואַליזעס, ווי־נישט־איז איינגע־נעסטיקט זיך אין אַ האָטעלעכל, אין אַ „טערם"-שטיבל, גלייך אוועקגע־זעצט זיך צו דער אַרבעט און, מיד כסדר צו פּאַקן זיך אין וועג אַריין, צו זיך אַליין אַ זאָג־געטאָן: פונדאַנען רירט מען זיך שוין נישט דערווייל! פּשוטע אַרבעטער און אַרבעטער־אינטעליגענטן, זענען זיי נישט מיטגעצויגן געוואָרן אין דער ווייטער פּאַניק אַרויפצואַרבעטן זיך. געוווינט נאָך פון דער היים צו אַן אָרגאַניזאַציע, אַן אַרבעטער־קלוב, אַ היימישע געזעלשאַפט צו פאַרברענגען, האָבן זיי גלייך גענומען זוכן ווי אַזוי צוזאַמענצוקומען זיך דאָ. דאָס האָט אויך אַ שטויס געגעבן דאָס קליינע, צעשטויבטע הייפל יידישע אינ־טעליגענטן, וואָס האָט זיך דאָ נאָך פאַרוואַלגערט פון פאַר דער מלחמה, צו גרינדן אַ מין איינגן, באַשטענדיק ווינקל אין דעם גרויסן און פרעמדן פּאַריז. ס'איז געווען די צייט פון די „ליגעס" — „פּעלקער־ליגע", קיעווער „קולטור־ליגע", האָבן זיי דאָסדאָזיקע ווינקל שפּעטער אויך אַ נאָמען געגעבן „קולטור־ליגע". געווען איז עס אַן ערך אין די יאָרן 1922-23.

ביז דעמאָלט האָט דאָ דער עולם, וואָס האָט געלעכצט אויסצוטוישן זיך מיט אַ יידיש וואָרט, שפּילן אַ פּאַרטיע שאָך מיט אַ היימישן, דיסקוטירן אי־בער ליטעראַטור און פּאָליטיק, צוזאַמענגעקומען זיך אין די קאַפעס אויפן סען־מישעל, אויפן מאָנמאַרטר, אין שפּייזערס בוכהאַנדלונג אויפן „פּלעצל" און ביי שלום זייגערמאַכער אויפן מעניל־מאָנטאַן. דאָס זענען געווען מערסטנס רוסיפיצירטע אינטעליגענטן, קליינע אָפּשפּליטערונגען פון פּאַרטייען, וואָס האָבן אין פאַרשיידענע צייטן באַאיינפלוסט דער נישט־באַשטענדיקער אימיג־ראַציע אין פּאַריז — אַנאַרכיסטן, עסערן, בונדאָווצעס, פּעצעקעס, מענטשן, וואָס האָבן נאָך געלעבט מיט די „שטורעם און דראַנג"-יאָרן פון דער אַלטער היים. זיי זענען נאָכן 5־טן יאָר אַנטלאָפן פון צאַרישן רוסלאַנד, און די מערס־טע פון זיי זענען דאָ, אויפן וועג קיין אַמעריקע, שטעקן געבליבן. אַ טייל פון די, וואָס האָט דאָ אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין די סינדיקאַטן, אין די אַרבעטער־קרייזלעך, איז בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, אונטערשטעלן אַ פּלייצע. די פאַרבליבענע האָבן שוין פאַר דער צייט אַליין באַוויזן אַרויפצואַרבעטן זיך, געוואָרן „פּאַטראָנען" פון גרויסע אַטעליעס. זיי האָבן עס אָפּגעוואָרט דעם היימישן עולם ביים „גאַר די גאַר", אַריינגענומען די בלייבע, צעשראָקענע יונגעלייט, געצאָלט זיי אַ גראָשנדיקן לוין און אויף זיי־

ער חשבון גיך רייך געוואָרן, פונאַנדערגעוואקסן זיך. אָבער עפּעס האָט זיי נאָך פאָרט פאַרבונדן מיט די שיינע אידעאַלן פון אַמאָל, אַ פּוסטע עלנטקייט און אַ בענקעניש נאָך דעם, וואָס איז געווען, האָט זיי אויסגעפילט.

אָבער נאָך אַ גרעסערע עלנטקייט האָט אויסגעפילט די יונגעלייט און די מיידלעך, וואָס זענען נאָר־וואָס אָפּגעריסן געוואָרן פון די טומלדיקע און פריילעכע בערזעס אין וואַרשע, אין ווילנע, אין לאָדזש, וווּ מען האָט טאָג און נאַכט דיסקוטירט אין די אָפּגעלעגענע און אָנגערויכערטע בוידעם־שטיבלעך איבער אַ בלעטל מאַרקס, איבער אַן אַרטיקל פון לענין, איבער די „21 פּונקטן פון קאָמינטערן“, איבער דער רעוואָלוציע, וואָס שטייט שוין אָט־אָט ביי דער שוועל, אָט־אָט קומט זי. די איינזאַמע האָטעלן אויפן בעלוויל און אויפן „פּלעצל“, די גרויסע פּרעמדקייט, וואָס האָט זיי דאָ אַרומגערינגלט, האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט אין גרופּקעס, וווּ זיי האָבן זיך געזוכט אויסצולעבן. פאַרהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך אין די דעמפּיקע יידישע שוויץ־אַטעליעס, האָט מען דעם האַלבן שבתדיקן און דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג פאַרברענגט ביי שלום זייגערמאַכער אין געוועלבל, אויפן מעניל־מאָנטאַן. שלום איז דאָ געווען אַן אַלטער תושב, האָט געדינט אַלס פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי מלחמה־צייט און האָט סכנות־נפשות געבענקט נאָך אַ ייד, ווער שמועסט אַזאַ, וואָס קוקט אַמאָל אַריין אין אַ יידיש ביכל. שלומ'ען אַליין, אַ נידעריקער, מיט בלאָנדע, שטעכיקע וואָנצן און מיט גוטע בלויע אויגן, איז מער געלעגן דער קאָפּ אין די דיסקוסיעס און אין די לידלעך, וואָס ער האָט שטילערהייט אונטערגעשריבן, ווי ביי די זייגערלעך. ער האָט גערעדט אַ בעסאַראַבער יידיש מיט אַ סאַך קאָמעצן, האָט זיך שנעל באַגייסטערט, צעהיצט זיך און זיינע בלויע, מילדע אויגן האָבן געגליט. אינמיטן דער בעסטער אַרבעט, אַז עמיצער איז אַריינגעקומען, האָט ער געקענט אַלץ אַוועקוואַרפן און אַוועקשטעלן זיך אַרויסלייענען פון אַ פּאַפּירל, קוקנדיק צום אונטערשטן צימערל, אויב דאָס ווייב קומט נישט אָן. צו שלומען זענען זיך טאַקע צונויפגעקומען אַזעלכע שטייגער יונגעלייט, וואָס האָבן געלעכצט נאָך אַ יידיש וואָרט, אַ דיסקוסיע, אָדער זיי האָבן אַליין אויך אונטערגעזינדיקט מיט שרייבן לידער. דאָס גרויסע וויסטאָווע־פענצטער, וואָס איז שבת נאָכמיטאָג פאַרהאָנגען געוואָרן, האָט פאַרשטעלט דאָס ענגע געוועלבל פון דער הייסער, זומערדיקער זון. אין הינטערשטן שטיבל האָט זיך שלומס ווייב געפּאָרעט אין דער באַלעבאַטישקייט. זי איז געווען אַ גרויסע בריה, זיין יידענע, האָט אויפן שבתדיקן און זונטיקדיקן טאָג אָנגעקאָכט און אָנגעבאַקן, ווי אין דער אַלטער היים, אין בעסאַראַביע. די אויסגעהונגערטע יונגעלייט האָבן גיריק געשלונגען אין זיך די געשמאַקע קיך־ריחות, נערוועז געבלעטערט די צייטונגען און זשורנאַלן. מען איז געווען צעזעצט אויף דער לאַנגער באַנק ביים ווענטל, וווּ עס זענען אַרונטערגע־

האַנגען די אָנגעצויגענע זייגער־אומרום און שלום האָט אַריינגעשריגן צו דער ייִדענע, ווינקענדיק צום ארומגעזעצן עולם :

— סאַניטשקע, מיין ווייב, דערלאַנג נאָר אַריין אַ חלה מיט פיש פאַר די אורחים ! די יונגעלייט זענען, נעבעך, טויט־הונגעריק...

נישט אזוי דער הונגער, ווי די ברייטקייט, די וואַרעמקייט, מיט וועלכער שלומס ייִדענע — אַ בייזלעכע כלומרשט, אָבער אינדערהאמתן אַ גוטע, אַ ברייט־האַרציקע — האָט אויפגענומען די עלנטע יונגעלייט, האָט זיי אַריינגעבראַנגט אין באַגייסטערונג. מען האָט אויסגעקראַצט און צוזאַמענגעלייגט זיך די לעצ־טע פאָר פראַנק, אַרויסגעשיקט נאָך עטלעכע פלעשער וויין און צעזעצט אין ענגן געוועלבל, איז מען געשמאַק „עוסק געווען אין תורה" — דיסקוטירט איבער פּרץ מאַרקישעס אַ ניי ליד און וועגן דעם משונהדיקן פוטוריזם, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע.

אויפן זונטיקדיקן טאָג איז מען אַלע צוזאַמען אַרויסגעפאָרן אין בולאָנער וועלדל, צעלייגט זיך אויפן גראָז און טועם געווען פון די געשמאַקע מאכלים, וואָס שלומס ייִדענע האָט מיטגעבראַנגט אין אַ קויש. טאַקע דאָרט, אויפן גראָז איז פאַרפאַסט און געזונגען געוואָרן דאָסדאָזיקע לידל וועגן די פּאַריזער „גליקן" :

אַ ווויל שטעטעלע איז פּאַריז,
ווו נאָך זעט מען אָזעלכע פּיס ?
קינדער, נישט אַראָפּ פון טאָן,
כאָטש עס איז שוין „מאַרט־סעזאָן".

פון די אַלע איינגייערס ביי שלומען, איז אַממערסטן מערקווירדיק געווען איינער אַ בלאָנדער יונגערמאַן, וואָס גערופן האָט ער זיך לייבישל מייטעס. ער איז נאָר־וואָס געהאַט אַריינגעפאַלן קיין פּאַריז פון אַ קליין שטעטל אין גאַלי־ציע, ווו ער האָט שיינע יאָרן געפירט אַ ליבע מיט אַ הויך־דאַר מיידל, האָט יעדן אָוונט שפּאַצירט אין דער קאַשטאַן־אַליי ביים פּריצישן שלאָס, האָט געטראָגן אַ קינסטלעריש־אויסגעבונדענעם שלייף, אַ ברייט־ראַנדיקן קאַפּעלוש און גע־רעדט האָט ער צום מיידל אויף דער נביאישער שפּראַך פון „זאַראַטוסטראַ" :

— די ייִדישע אינטעליגענץ איז באַדנלאָז — האָט די שטים זיינע געציטערט — מען מוז זיך לאָזן אין דער ברייטער וועלט אַריין, זוכן די גייסטיקע און עקאָנאָמישע נערונג...

דאָס רוישיקע פּאַריז, דאָס זינדיקע און פרעמדע, דער אָרעמער ייִדישער בעלוויל, ווו אים איז אויסגעקומען צו וווינען אין אַן עלנט האָטעל־צימערל — האָט אים אביסל אַראָפּגעשלאָגן פון נביאישן טאָן. ער האָט געגעבן שטונדן אין עטלעכע ייִדישע הייזער און האָט זיך כסדר נאָכגעפרעגט, ווי אַזוי מען קען זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל פּאַך. פאַרשיידענע שוועריקייטן זענען געשטאַנען אין

וועג און איינע פון זיי — פּאַפּירן. ער האָט זיך ארומגעוואַלגערט אין די בלינדע האָטעלן און אין די דעמפּיקע זומער־נעכט, ווען אויפן בולוואַר זענען פאַרגעקומען אַבלאַוועס, האָט ער נישט אויפגעהערט צו חלומען וועגן אריבער־נעמען פון קלימענטאָוו דאָס הויבע, דאַרע מיידל. דערווייל האָט ער געגעבן שטונדן יידישע קינדער, וואָס זייערע טאַטעס און מאַמעס האָבן געוואָלט, אַז דאָס קליינוואַרג, וואָס רעדט „גויש", זאָל כאָטש וויסן, אַז עס איז דאָ אַ יידי־שער גאָט אויף דער וועלט, זיי זאָלן כאָטש קענען צעקייען אַ בלעטל עברי, אָנ־שרייבן אַ יידיש בריוול צו אַ פעטער אין אַמעריקע. דאָס קליינוואַרג האָט אָפּ־געלאַכט פון אים, נאָכגעשפּעט אים ווי ער ציט זיך אַרויף ביידע אויסגע־וואַקסענע הויזלעך און פאַרשטייט נישט קיין וואָרט, וואָס זיי רעדן צו אים. אַוועק פון די שטונדן איז ער אַ דענערווירטער, איינגאַנצן אַ צעשרויפטער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צופוס אין לאַטייניש קוואַרטל און ביז שפּעט נאָך האַל־בער־נאַכט אָפּגעלעגן אין דער קאַפע „לידאָ" ביי אַ פּאַרטיע שאַך; געווײלט האָט ער זיך דאָרט מיט דער חברה נודניקעס, פאַר אַן אויסגעקילטער קאַפע אויסגעמעקלט ביי פאַרפאַלענע דילעטאַנטן אַ געשיקטן צוג אויפן שאַך־ברעטל. מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש, מען זאָל אים נישט פאַרהאַלטן, איז ער שפּעט ביינאַכט אַוועק צופוס אויפן בעלוויל. עס האָט אים אָבער געהאַלטן אין איין אָפּגליקן. געשען זענען מיט אים עטלעכע טשעקאַווע פאַרפאַלן, וואָס האָבן אים אַ סך געזונט געקאָסט און אָפּגעקומען איז ער, צום גליק, בלויז מיט שרעק:

ארום איינס ביינאַכט קערט ער זיך אום פון סען־מישעל, אַ פאַרהוויקער־טער. עס שפּריצט אַ רעגנדל, די קלאַפּקעס זענען אים אויפגעשטעלט. אין אַנ־דערן עק פּלאַץ באַמערקט ער צוויי הויכע פּאָליציאַנטן אונטער אַן אָפּדעכל. ער שאַרט זיך פאַרביי, וואָס גיכער צו פאַרדרייען זיך אין אַ זייטיק געסל. ערשט איינער פון זיי ווייזט פון דערווייטן אויף אים מיט אַ פינגער. אַ קאַלטער שוויס באַדעקט אים. יענער קומט אונטער, אַנטשולדיקט זיך און בעט גאָר אַ שטיקל פייער פון סיגאַרעט, וואָס וואַרפט זיך ביי אים צווישן די ליפּן. מיטן גרעסטן כבוד! ער באַדאַנקט אים דערנאָך און גייט אַוועק.

פּאַפּירן האָט ער לסוף יאָ ארויסבאַקומען, זייער וויכטיקע פּאַפּירן, אַלס זשורנאַליסט, וואָס שרייבט אין די אויסלענדישע בלעטער. און גלייך צומאָרגנס, ווען ער איז אַזוי צעמישט, מיט זיינע צוויי אויסגעוואַקסענע הויזלעך, געלאָפן אויף זיינע שטונדן איבערן בולוואַר בעלוויל, האָט אים אַן אַגענט אָנגעפּאַקט ביים קאָלנער און געהייסן זיך ווייזן די דאָקומענטן. די ערשטע רגע איז ער גע־בליבן טויט און בלייך, נאָר באַלד האָט ער זיך גרויסמוטיק אַ באַפּ־געטון צו דער בוזים־קעשענע און אויפגעוויקלט די גרינע קאַרטע אפשר פון אַ מעטער לענג.

צו שלום זייגערמאַכער האָבן אים באַקאַנטע פאַרשטאַנען אָפּצופירן באַלד נאָכדעם, ווי ער איז אַריבערגעקומען קיין פּאַריז. אויפגענומען האָט

ער אים זייער היימישלעך און ווארעם און האט אים גלייך געגומען אויספרעגן:

— פונוואנען, א שטייגער, קומט עס אזא יונגערמאן, ווי איר?

— פון קלימענטעוו, א שטעטל אזא אין דער גאליציע!

— נו, און עפעס א „מעטיע" (פאך) האט אזא יונגערמאן ווי איר?

— א „מעטיע"? וואס הייסט? — און א קלונג־געטון האט אים אין די אויערן דאס ווארט „מעדכען". ער האט זיך אפילו דערפילט אביסל זשענירט צוליב דער אומגעריכטער און צודרינגלעכער פראגע פון א מענטש, מיט וועלכן ער רעדט צום סאמע ערשטן מאל. וואס פארא שייכות האט דא זיין מיידל, אז ער זוכט גאר ארבעט? פונדעסטוועגן האט ער, מיט א געזונקענעם קאפ, געענטפערט:

— איך האב א „מעדכען", אודאי האב איך...

—וואס פארא סארט „מעטיע"? האט אים שלום זיינגערמאכער, בטבע א נייגעריקער, שוין נישט אפגעלאזן — עפעס א ליטווישע „מעטיע"?

— וואס הייסט? א יידישע „מעדכען" — האט ער שוין באלד נישט אויסגעהאלטן.

— א יידישע „מעטיע" — נו, עס ווענדעט זיך א וואסערע? — האט ער באמערקט זיין צערודערטקייט און ער האט שוין מער נישט געוואלט זיין צודרינגלעך — נאר מיט א יידישע „מעטיע", זאג איך אייך, קען מען אין פאריז האבן א שטיקל ברויט. אזוי פארצווייפלט דארפט איר פונדעסטוועגן נישט זיין, יונגערמאן.

„אט צו וואס דער בעסעראבער פארשוין האט געצילט" — און ער איז אויפגעשפרונגען א צעקאכטער:

— איך פארווער אייך אזוי צו רעדן וועגן מיין כלה!

דערויף האט ער געטון א זעץ מיט דער טיר, אז די שויבן האבן זיך צעקלונגען. אין געוועלב צו שלום זיינגערמאכער האט ער זיך שוין נאכ־דעם א שטיק צייט נישט ארייגעוויזן, ווייל ער האט זיך ענדלעך דער־ווסט וועגן דעם גרויסן טעות, וואס איז דא אנגעגאנגען אין זייער קורצן, העפטיקן געשפרעך. שלום האט אים נאכדעם עקסטרע געהייסן אויפזוכן, געקלאפט אים איבער די מאגערע פלייצקעס און געפרעגט:

— נו, האט איר זיך אזוי שטארק באדארפט אויפרעגן? זארגט נישט, מען וועט זיך שוין באמיען פאר אייך.

און טאקע א דאנק אים האט ער ארויסבאקומען פאפירן.

מיט דער גרינדונג פון דער „קולטור־ליגע", איז איצט אויסגעקומען אריבערצוטראגן זיך פון די אלע קאפעס און פון די אלע קיבעצארניעס אויף א באשטענדיקן אדרעס, אין צענטער שטאט. אוונט־צייט איז דארט געווען א געפאק אין די קארידארן און אפילו די שטיגן זענען געווען באַ־

זעצט. אַז עס האָט נישט געסטאַיעט קיין פּלאַץ אין די צימערן, האָט מען אויף די טרעפּ אָפּגעהאַלטן זיצונגען, דיסקוטירט. יעדן אָוונט האָט מען דאָ באַגעגנט פרישע פּנימער. די „ליגע״ איז גיך געוואָרן דער אַדרעס, וואָס די נייגעקומענע האָבן אָפּגעזוכט גלייך פון „גאַר די נאָר״. די בעדסעראַבער, וואָס זענען דאָ געווען נישט ווייניק, האָבן זי גערופן: מאַמע־„ליגע״ (מאַמעליגע). דאָ, האָט מען געוווּסט, וועט מען זיך שוין באַגעגענען מיט לאַנדסלייט, מיט באַקאַנטע, געפינען די ערשטע נאַכט ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן און באַלד צומאָרגנס — קריגן אביסל אַרבעט.

נישט זייער לאַנג האָט אָבער אָנגעהאַלטן אַזוי די אידיליע צווישן די גרינדער פון דער „ליגע״, אַלט־באַזעסענע, מערסטנס פּאַטראָנען, וואָס האָבן זיך דאָ באַגעגנט אויג־אויף־אויג מיט זייערע אַרבעטער. ס'האָט נישט געקענט זיין קיין שלום־בית צווישן די „פּאַטראָנען״ און זייערע אַרבעטער. די רעפּערענטן, וואָס זענען איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג, האָבן געשאָטן פעך און שוועבל אויף רוסלאַנד. אין די מערסטע פאַלן האָט מען אינגאַנצן אויסגעמיטן צו רעדן אויף פּאָליטישע טעמעס. עס איז געווען אַ טענדענץ, אַז די „ליגע״ זאָל כלומרשט בלייבן אַפּאָליטיש. זענען אָבער אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען אויסגעבראָכן ווילדע קריגערייען. די פריש־געקומענע האָבן מיטגעברענגט פון די וואַרשעווער און ווילנער בערזעס גאָר אַנדערע אידייען. ס'האָט זיך באַוויזן אין דער „ליגע״ אַ גאַנצע חברה פאַרברוינטע יינגען און מיידלעך, אין לויזע בלוזעס, מיט אַן אומרואיקייט אין בליק. זיי זענען אַלע אויסגעוויזן געוואָרן פון פּאַלעסטינע און האָבן מיטגעברענגט אַ באַזונדערן יוגנטלעכן ברען. זיי האָבן געשטורעמט אויף די פאַרזאַמלונגען, אָנטיילגענומען אין אַלע דיסקוסיעס. נאָך אַ שטורמישער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג איז די פירונג אַריבער אין די הענט פון דער פראַקציע.

זשאַקל האָט נאָך אָנגעהערט צו די, וואָס האָבן אויף דער היסטאָרישער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג געהויבן די האַנט פאַר דער לינקער גרופּירונג. געווען איז ער דאָ פון די שטילסטע און איז פון קיינעם נישט באַמערקט געוואָרן. אָבער אַזוי שטילערהייט, האָט ער אוועקגעלייגט אַ שטיק אַרבעט ביים אויפבויען די אַרבעטער־אינסטיטוציע, וואָס איז זיך גיך פונאַנדערגעוואַקסן מיט סעקציעס, קולטור־קאָמיסיעס, דראַמ. קרייזן, כאָר, אַרבעטער־אוניווערזיטעט. ס'האָט געקלאַפּט דער פולס פון לעבעדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזמען. מען האָט איצט באַדאַרפט צו האָבן איבערגעגעבענע מענטשן, געטרייע, אַקטיוויסטן, וואָס זאָלן זייער גאַנצע פרייע צייט אוועקגעבן. ביים חבר דזשעק, איינער פון די אַקטיווסטע, האָט זשאַקל זייער אויסגענומען מיט זיין שטילן פלייס, מיט זיין פּינקטלעכקייט אויף די זיצונגען, מיט זיין אויספירן בשלימות די צוגעטיילטע אַרבעט

און מיט די פּראַקטשע פּאָרשלאָגן. דערביי האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט פון די שוואַרצסטע אַרבעטן. האָט אַליין אויסגעמאָלן פּלאַקאַטן צו אַ רעפעראַט, איז אַרומגעלאָפן איבער די יידישע קאַפעס פון בעלוויל און פון „פּלעצל" אויפצוהענגען זיי, האָט אַלעמען צוגערעדט צו קומען אויסהערן אַ לעקציע וועגן די אַקטועלע פּאָליטישע געשעענישן, איז דער ערשטער געקומען אויפמאַכן דעם זאַל, געשטאַנען ביי דער טיר און גע־היטן די אָרדנונג.

העכער פון מיטלוווקס, מיט גראָבע ברילן־גלעזער, מיט אַ שיינער באַזילבערטקייט אַרום די טיפע שטערן־ווינקלען, אַלעמאָל פאַרשטעקט אַ ליולקעלע צווישן די ציין, איז שוואַך געוועזן צו דערשאַצן זיין עלטער, ביי דעם דזשעק. יאָרנלאַנג האָט ער אויסגעזעצן אריבער די דרייסיק. אָנגעגעבן האָט ער זיך פאַר אַן אָנטיילנעמער אין דער דורכגעפאַלענער אַרבעטער־איבער־קערעניש אין בייערן. אים איז אין דער ערשטע צייט זשאַקל באַגייסטערט נאָכגעגאַנגען, האָט שיעור נישט געזען אין אים אַ העלד, ווי איינעם פון יענע ראָמאַנטישע רעוואָלוציאָנערן פון די ביכלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך אַזויפיל אָנגעלייענט. אָבער זיינע רייד, דורכגעוואָרפן מיט אַ סך דייטשמעריזמען, זענען עפּעס נישט געקראָכן אין האַרץ אריין, האָבן גע־לאָזן קאַלט. זשאַקל האָט שטילערהייט צוגעזען דעם זייטיקן ברוגז צווישן דזשעקן און שמוליקן — דעם ניי־געוויילטן סעקרעטאַר פון דער „ליגע". איינער דעם אנדערן האָט אויסגעמיטן, נישט געקענט זיך פאַרטראָגן. אויך זייערע מיינונגען זענען אַלעמאָל געווען קעגנזעצלעך. שמוליק האָט גע־רעדט שטיל, האָט נישט געקענט איבערשרייען זיין באַסאָווע שטימע. לויט דזשעקן איז אויסגעקומען, אַז שמוליקס אויספירן זענען צו־רעכט, אַז זיי גרענעצן זיך מיט אָפּאָרטוניזם, רעפאָרמיזם און וואָס נישט? שמוליק איז געווען אַן אַרבעטער־אינטעליגענט, אַ שטילער, אַ באַשיידע־נער. שטענדיק, ווען ער האָט גענומען אַ וואָרט, האָט אים שטאַרק גע־קלאַפּט דאָס האַרץ און ער האָט זיך גערויטלט ווי אַ מיידעלע. ער האָט זיך אַרומגעוואָלגערט אויף דער עמיגראַציע, אַנטלויפנדיק פון די תפיסות אין פוילן. ער האָט געהאַלטן, אַז די שטילע אויפקלערונג ברענגט פיל מער ווי דאָס דעמאַגאָגישע זידלען זיך, אפילו ווען מ'איז גערעכט. ער האָט אָרגאַניזירט אַן אַרבעטער־אוניווערזיטעט, איינגעלאַדן ערנסטע לעקטאָרן, געשאַפן ספּעציעלע קורסן פאַר אַקטיוויסטן, פאַרנומען זיך מיט סינדיקאַלער אַרבעט, אָרגאַניזירט די ראַיאָן־גרופּעס צווישן די יידישע אַרבעטער אין אַלע עקן פון צעוואָרפענעם פאַריז. זשאַקלען האָט ער כסדר געשטויסן אויסצובורייטערן די טעטיקייט אין די קאַפעס אויפן בעלוויל.

זשאַקל איז איצט שטילערהייט געווען אויף דער זייט פון שמוליקן, אָבער דער איבעריקער עולם האָט פאַרקערט, שטאַרק געהאַלטן פון

דזשעקן. אליין א דילעטאנט, מיט א נישט־דערגאנגענער פאלקס־שול־בילדונג, האט דזשעק אבער פארשטאנען אריינצוווארפן אין די רעדעס ווערטלעך, הויכע רעוואלוציאנערע פראזן. ער האט זיך אומגעדרייט אין די קארידארן פון דער „ליגע", איבער די אנגעפראפטע טרעפ, לאזנדיק קליינע רינגעלעך פון זיין פייקע. ביי די מיידלעך האט ער דא געהאט גרוים דערפאלג. זיי איז געפעלן געווארן די שיינע באזילבערטקייט אין זיינע האר, די וויכטיקע פאזיציע, אויף וועלכער ער האט זיך ארויסגערוקט. די קליינע געגקע, וואס יאשקעלע איז נאך איר אויסגעגאנגען, האט זיך געדרייט אויף די שפיץ קנאפל אין קארידאר, ווען ער איז דא ארויפגעקומען. יאשקעלע האט עס נישט אויסגעהאלטן:

— אזא „שמינטעליגענטל", — האט עס אים געקרענקט — אזא פוסטע כלי... זיי פארשטייען דען דאס לעבן, די מיידעלעך?

קאפיטל אכט

אַ קליינער ברוגז

זונטיק אינדערפרי איז דער ברייטער, זוניקער בולוואר בעלוויל דער טרעפפונקט פון אלע לאנדסלייט. איבערן טראטואר איז אן אויפהער א געגיי אהין און צוריק. מען כאפט זיך אראפ פארן טויער ווי אין דער אלטער היים שבת אינדערפרי, מיט אויפגעשטעלטע קלאפקעס, דאס אויבערהעמד פאר־טשעפעט מיט א ספינקע, נישט ארומגעגאלט, אויף דערוויל. מען גייט אין דער רעזורע, אין דוש אריין און אויסטרינקען א גלעזל אויפן ניכטערנעם מאגן מיט א גוטן „פשיאטשעק" פון דער היים. די יידישע שניידער באווייזן זיך דערנאך אינעם שיינעם, געפרעסטן הויז, אינעם גלאטיק אפגע־ארבעטן מארינארקעלע, אין די גלאנציקע לאקיערן.

— א פיין שטיקל ארבעט, שוין אזא יאר אויף מיר, — טאפט מען פאכמענעריש ארום די קלאפקעס — ער האט א פאר גאלדענע הענט, דער לאנגער סרול!

ביי דער קאפע „דאס ליכט פון בעלוויל", ביים וורשטן־האנדל פון זשאק ווארשעווער, קלייבט מען זיך אין רעדלעך און מען לאזט נישט אדורך קיין איין יידיש מיידל, קיין איין „האנט", קיין איין מאשינערן.

— וואס זאגסטו נישט צו דער „משאסטע"? א גאנצע פראנצויסקע איז זי דא געווארן. פאסט איר שוין נישט צו זאגן קיין „באנזשור"!

— זי גייט ארום מיט א פיין יינגל, א מאשינער. א שטילער, א פארדי־נער. זי איז אים גארנישט ווערט, די „קראסאוויצע"...

זונטיק אינדערפרי האָט זשאָזעף איינגעפירט מיטצונעמען בעניו, צו-ערשט אין דוש אריין, צום „קואפער" און דערנאָך גייט מען אין דער קאַפּע עפּעס אויסטרינקען און צובייסן. ער פירט זיך מיט אים אַרום, ווי מיט אַ יונג איידעמל. ער גייט אויפן בולוואַר בעלוויל ברייטלעך, דאָס רויטע פּנים אויסגעגאָלט ביז בלוי און טיילט פון אַלע זייטן, דעם — אַ גרויסע, פליישיקע האַנט, דעם — אַ „באָנזשור".

— אַ, שיעלע ממזר, גנב דו! שוין, עס פּאַסט דיר שוין נישט אַרויפצווייזן זיך אַמאָל צו זשאָזעפן? וואָס, שטייסט שוין אויך אין גרויסן? ביסט שוין אפשר אַראָפּ פאַר־זיך, נאָכנישט?

— מסיע זשאָזעף — שטייט ער נישט אָפּ, דער געלער שיע, אַ קליינער, מיט שטעכיקע, קורץ־געשניטענע האָר ווי אַ באַרשט — אַ געוועזענער „פּאַ-סאַניער" ביי זשאָזעפן — עס קומט מיר אַ מזל־טוב! מיין ווייב האָט מיר גע-בוירן אַ יאַט. נו, בין איך שוין מיט איין פוס אַ פראַנצויז.

— אויב אַזוי, טאָ באַדאַרף מען דאָך אודאי אויסטרינקען!

און זיי שטייען שוין ביי דער שוועל פון דער קאַפּע „דאָס ליכט פון בעלוויל". ביים דורכשטופּן זיך, דערלאַנגט זשאָזעף נאָך אַ צענדליק מאָל די האַנט, גריסט זיך אויף לינקס און רעכטס, פאַרלירט מיט דעם אַ וואָרט, מיט יענעם אַ וואָרט, ביז זיי דערקריגן זיך צום קאָנטואַר. דער קאָנטואַר איז באַ-לייגט פון אַלדאָס־גוטס. פולע, הויך־אָנגעגאָרנטע פּולמעסיקן מיט געפילטע פיש. אין די אָפענע פּיסקעס ביי די קאַרפּן־קעפּ זענען פאַרשטעקט קליינע פּענעצלעך רויטע מערן. פאַרברוינטע גענדזלעך, שטויסן מיט קעז־קוכנס, צעשניטענע הערינג.

— אַ שנעפּסל, מסיו? — קומט אונטער די יידענע מיט די בלויע, רויט־געפאַרבטע ליפּעלעך.

— זי פרעגט נאָך! — לאַכט זשאָזעף מיט אַ פול מויל.

— היינט צאָל איך, מסיע זשאָזעף.

— אַזוי? אַ ברית מיט מזל? — לאַכט די יידענע מיט דער שורה פרעמדע ציינער.

בעני האַלט זיך די גאַנצע צייט אין אַ זייט, אַרטיק, שטיל, שטרעקט אויס די האַנט, ווען זשאָזעף שטעלט אים פאַר עמיצן פאַר און קוקט באַלד אַוועק. ער שמייכלט, ווען מען דאַרף שמייכלען, דריקט די האַנט פון זשאָזעפס אַלע באַקאַנטע מיט אַן אונטערטעניקייט און באַמיט זיך צו געפינען דעם פּאַ-דעם פון זייער געשפּרעך, אַריינשטעלן אַ פּאַסיק וואָרט. באַלד וועלן זיי זיך צוריקקערן אין דעם ריין־צוגעקליבענעם, זוניקן עס־צימער, צום געגרייטן טיש, וועלכן רוזשעלע האָט מיט אַזויפיל פליים און פּינקטלעכקייט צוזאַמענגע-שטעלט. אַלץ שיינט אויף אים, אויף זשאָזעפן. ער האַלט זיך אין איין פאַר-ריכטן דעם קראַוואַט מיט די געלע שפּריצעלעך. ער דערקענט זי גאַרנישט די לעצטע צייט; אַזאַ ענדערונג איז עס פאָרגעקומען מיט איר, זינט ווען בעני

איז געוואָרן אַ זונטיקדיקער גאַסט. זי טראָגט אַ געווייגלעך שטוב־קליידל מיט אויסגעשניטענע אַרבל, אַ נעצל איבער די שוואַרצע, פאַרוואָרפענע צעפּ, ס'פּאָנים — פאַררויטלט פון פּאָרען זיך אין דער באַלעבאַטישקייט.

— זיצט, זעצט אייך! — רוקט זי אים אונטער אַ שטול און אַליין איילט זי אַוועק.

פּונקט אַזוי אַרטיק האַלט זיך בעני אויך ביים טיש. דאָס האָט ער נאָך ביי זיין טאַטן אין שטוב געלערנט. ער כאַפּט נישט. ער עסט מיט טאַקט. נאָר זשאָזעף האַלט זיך אין איין קלאַפּן מיט אים מיט די גלעזלעך:

— וואָס טויגן מיר די ווייַנען? די פראַנצויזן ווייסן דען וואָס גוט איז? אַ טראָפּן ניינציקער דערהאַלט טאַקע ביי דער נשמה! — לאַכט זשאָזעף מיט אַ פול מויל און האָט גרויס פאַרגעניגן פון דער באַלעבאַטישער ברייטקייט, פון דער וואַרעמקייט, וואָס נעמט אים אַרום, פון רוזשעלעס פלייסיק פּאָרען זיך.

זי זיצט דערנאָך ביים טיש צוזאַמען מיט זיי און עסט ווי אַ פויגעלע, קוים וואָס זי רירט צו די ליפּן צו גאָפּל־מעסער.

— קיין הערינג עס איך נישט — זאָגט זי — איך בין שוין אָפּגעוווינט פון די עכט־יידישע עסנס. פּאַריז איז נישט דאָס, וואָס אינדערהיים...

זשאָזעף, פאַרשטייט זיך, איז זיך מחיה מיט אַלץ, וואָס איז יידישלעך. ער נאַשט דעם פעטן הערינג, נאָגט אויס די ביינדעלעך, מאַכט זיך פעט אַרום מויל און ווישט זיך דערנאָך מיטן סערוויעטל. רוזשעלע שמייכלט דעריבער אַריבער דין אין בענים זייט אַריין, שלינגט כלומרשט אַראָפּ אַ גענעצל און איילט גיך אַוועק אין קיכל אַריין.

די ערשטע זונטיקן האָט זיך בעני שיעור נישט אַרויסגעכאַפּט צו פרעגן פאַרוואָס רעבעלע זיצט נישט צוזאַמען מיט זיי ביים טיש, פאַרוואָס זי ליגט דאָרט דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג אָפּ אין פינצטערן האָטעל־שטיבל. ס'איז נאָך געווען איידער ער האָט דאָ אַריינגעשמעקט און אַרומגעזען זיך וואָס עס טוט זיך דאָ אָפּ. ס'איז פונדעסטוועגן אַנגענעם געווען צו זען רוזשעלען אָנגיסן זיך מיט דער דורכזיכטיקער ראָזיקייט ווי נאָר ער איז אַריבערגעטרעטן די שוועל, איר אומגעדולדיק פּאָרען זיך. פון שענסטן און פון בעסטן טראָגט זי אים אונטער, צעשניידט אים אַליין דאָס פלייש, רוקט אים אונטער דעם סאַלאַט. און איידער דאָס עסן איז געענדיקט, שטייט זי שוין ביי די שפּיגלען, טוט זיך איבער, וואַרפט אַראָפּ דאָס ראָזע פאַרטוכל, קעמט זיך. זשאָזעף זיצט ביים טיש, אַ ברייטער, אַ פעטער, דאָס העמד צעשפּילעט און שטעכט זיך אויס די ציין מיט אַ שפּיציק מעסער.

— רוזשעלע — האַלט ער זיך אין איין לעקן די פעטע פינגער — וועסט דאָ אַביסל צוואַרטן, און מירן זיך דערווייל אַראָפּכאַפּן אין קאַפע אויף אַ האַלבע שעה. גרייט זיך דאָ דערווייל צו, מירן אַרויסגיין דערנאָך שפּאַצירן אויף די גרויסע בולוואַרן. היינטיקע וואָך האָב איך דאָרט אין אַ וויטטאַווע

געזען אַ פּיין סעקל. איך מוז זען אַראָפּכאַפּן דעם מאָדעל. עס דאַרף גיין אין ביי מיר וועט עס זיכער קאָסטן מיט אַ שיינע פּאָר פראַנק ביליקער...

זי קוקט אים אָן פונדערזייט, ענטפערט ניִשט, באַמערקט נאָר ווי בעני הויבט זיך ניִשט גערן אויף פון דער שטול, ווען זשאָזעף טוט אים אַ רוף —

— קום, די „פּרווינט" וועלן שוין דאָרט וואַרטן אויף אונז!

זונטיק נאָכמיטאָג איז דער בולוואַר אָפּגעליידיקט. אַלע זענען אַרויס־געפאָרן צו די פאַרווײלונגס-און באָד־פּלעצער, אַוועק אין די סינעמאַס, אויף אויספלוגן, נאָר אַרום דער יידישער קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל" איז נאָך אַלץ טומלדיק. עס ראַיעט דאָרט ווי אַרום אַ מוראַשניק. אינעווייניק מוז מען זיך אַדורכשפּאַרן, ווייל די טישלעך זענען באַלייגט מיט דער חברה קאָרטנ־שפּילער.

— אהאַ, זשאָזעף מיט זיין איידעמל אויף קעסט! — באַגעגנט מען אים פון אַלע זייטן.

— עס פעלט אַקוראַט אויס אַ פערטע „האַנט", פּאַפּירן אין אָרדענונג...

— ציט מען אים פון הינטן און פון פאָרנט — זעץ זיך שוין צו, וואַרטסט מען זאָל דיר צושיקן אַן איינלאַדונג?

עס געפעלט אים דער ברוך־הבא. ס'איז היימיש, ס'איז טומעלדיק, מען קיבעצט, מען דערלאַנגט איבער קעפ פייערדיקע גלעזער טיי מיט ציטרין, קעז־קוכנס. פון פּאַטעפאָן זינגט דאָרט אַרויס אַן אַמעריקאַנער אַקטיאָר „אוי, אַ יידישע מאַמע".

— שאַט, ס'ברענט נישט — מאַכט ער זיך אַרויס, זשאָזעף — לאָזט דערלאַנגען די האַנט אַ קאַמעראַד, אַ לאַנדסמאַן, אַ „פּרווינט"...

בעני פאַרלירט אים נישט פון אויג. כאָטש ער פילט זיך דאָ נישט אַזוי היימיש, ווייס ער, אַז ער מוז דאָ זיין, נאָכקריכן אים, אויסהערן אַלע זיינע רייד, אַלע זיינע נאַרישקייטן, און מיטלאַכן. שפּילן אין קאָרטן — דאָס נישט. ס'פאַרווײלט אים נישט. ער זעט דערנאָך זשאָזעפן אַראָפּלאָזן זיך אויף אַ שטול, אומגעדרייט צו אַלעמען, ער זעט אים פלינק דורכוואַרפן די קאָרטן, אַריינקריכן אין זיך, היצן זיך, נישט וויסן מער וואָס מיט אים טוט זיך. זיין אַמביציע איז צו שפּילן בעסער פון אַלעמען, צו כאַפּן אַלע אויסרעכענונגען און אַלע קונצעלעך, וואָס שטעקן דערין. דער סוף איז, אַז אַוועקגייענדיק פון טישל, איז ער אַלעמאָל דער פאַרשפּילטער, אָבער ער לאַכט פונדעסטוועגן גוטמוטיק:

— הערשעלע דרויבע, אַ רוח אין דיין, כ'האָב דען נישט געזען ווי דו האָסט אים אונטערגערוקט די טייז מיט דער מלכה? מיך נעמט מען נישט פאַרן פרייער! ס'איז גוט אַזוי — טוט ער אַ ווונק מיטן אויגל — אַז דו קענסט — מעגסטו.

ער מוז אָבער פּרוּוון נאָכאַמאָל, איין מאָל מוז עס איז געלינגען צו כאַפּן אים ביי דער האַנט. ער פאַרקאָכט זיך אַזוי שטאַרק, אַז ער זעט שוין מער

גאָרנישט אַרום זיך, די אָנגערויכערטע, זשומענדיקע קאַפע, וויגט זיך פאַר זיינע פאַרשוואומענע אויגן. ער זעט אַפילו נישט ווי בעני גליטשט זיך זייטיק אַרויס פון דאַנען, כאָטש ער אַליין האָט אים שוין עטלעכע מאָל צוגעוואָרפן:

— אפשר וואָלסטו בעסער אַרויפגעגאַנגען צו רוזשעלען. ס׳איז איר דאָרט סמוטנע אַליין.

ס׳איז אים נמאס דאָ, בענין, ער קען נישט מער. ער גייט איבערן בולוואר און זוכט מיטן בליק יענע שורה פענצטער, די שיינע פאַרהענגלעך, וואָס לופטערן זיך, ווו רוזשעלע לאַנגווייליקט זיך איינע אַליין אין די גרויסע, פוסטע צימערן. איר וואָרעמע שטים, איר באַהאַלטענער שמייכל. דאָס האָט זי אים אַ סאַך געהאָלפן אין דער ערשטער צייט, זשאָזעפן, זי האָט אים געהאָלפן אַרומלויפן אין די „הייזער“, געברענגט באַשטעלונגען אין דער אַטעליע, אויפגעריכט אים. אָט אַזאַ פרוי וואָלט ער באַדאַרפט, וואָס זאָל אים אַ שטוים טון, זאָגן אַ גוט וואָרט און ער פילט אַז ער וועט די וועלט איבערקערן. דרייסטער ווי אַלעמאָל שפּרייזט ער פון איין שטאָק אויפן אַנדערן, זי דערקלינגט ער אָן ביי דער טיר. זי מאַכט אויף אַ שפּאַרעלע און אַז זי דערזעט אים, רייסט זי ברייט אויף די טיר, קרייצט איבער די הענט אויף דער ברוסט, קוקט אויף דער ערד און זאָגט שטיל:

— כ׳האָב געוווסט, אַז דאָס זייט איר, כ׳האָב געוווסט אַז איר וועט צוריקקומען.

— אין קאָרטן שפּיל איך נישט — רעדט ער פאַרלעגן, ווי אין פאַרענטפערן זיך — די קאַפע, די מענטשן... פאַרוואָס זאָל איך ליגן זאָגן? אַז איר זייט אַליין אין שטוב, האָב איך אַ פאַרלאַנג אַרויפצוקומען.

זיי האָבן אַליין נישט באַמערקט ווי אַזוי ס׳איז געשען, נאָר עפּעס האָט עס זיי געצויגן איינער צום אַנדערן. בעני האָט אַביסל מער גענומען צוזען זיין הילוך, איבערגעצויגן זיך אין אַ מער־לייטישערן האָטעל, טאַקע נישט ווייט פונדאַנען, אויפן בולוואַר. מען האָט אויך מער נישט געקענט זיין אַזוי קאַרג אויפן פראַנק ווי פריער, אַ סינעמאַ, אַ טעאַטער, אַ קאָנצערט. ער האָט ערשט, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט אָפּזיין אין פּאַריז, גענומען אַרויסקריכן, באַקוקן די שטאָט, לעבן. אָבער אַלץ איז ביי אים געווען מיט אַ תכלית, מיט אַן אויסרעכענונג.

אָנהויב דעצעמבער האָט מען זיך שוין אויפן בעלוויל שטאַרק גענומען גרייטן צו די ניי־יאָר בעלער. רוזשעלע איז טאָג און נאַכט אַרומגעלאָפן צו די שניידערקעס און צו די מאָדיסטקעס. זי האָט געוואָלט אַז דאָס באַלאָווע קלייד איריס זאָל אַממערסטן אויסנעמען אויפן טראַדיציאָנעלן באַל פון דער פּראָגער סאָסיעטע, ווו זשאָזעף האָט זיך אַזויפיל געלאָזן קאָסטן און ווו ער איז געווען אַזוי אָנגעזען. שוין טעג פריער האָט די שטוב געפיבערט מיטן דאָזיקן באַל. אויך ביי זשאָזעפן איז געווען די גרעסטע אַמביציע, אַז רוזשעלע, מיט וועלכער ער וועט זיך באַווייזן אויפן באַל פאַר אַלע זיינע לאַנדסלייט, זאָל אויס־

זען וואָס שענער און וואָס עלעגאַנטער, אַז גוטע פֿרײַנט זאָלן זיך פֿרייען און שונאים — אויף צופּיקעניש. דער שטוב־מבֿין איז איצט געווען בעני. און ער האָט געהאַט אַ נישקשהדיקן געשמאַק אויך.

— אַ לאַנג, שוואַרץ קלייד, ענג אויסגעפּאַסט, מיט אויסגעשניטענע אַרבל — האָט ער גע'עצהט — נישטאָ קיין שענערס ווי די איינפֿאַכקייט.

זי האָט זיך צוגעהערט צו זײַנע רייד, צו זײַנע אָנווייזונגען, איז געווען גליקלעך פֿון יעדע אויפֿמערקזאַמקייט, וואָס ער האָט איר אַרויסגעוויזן. דעם פּאַר-לעצטן אָוונט איז זי געקומען אָנצולויפֿן פֿון די שניידערקעס מיט פּאַקעטלעך. אַמאָל צען איז זי אַרײַן און אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער שלאָף־שטוב אין עס־צימער, אַ בליענדיקע, אַ ראָזע, מיט ליכטיק־אָפּגעדעקטע הענט, מיט דער פֿאַרכאַפּנדיקער ווײַסקייט פֿון איר הויכן האַלדז, טיף־דעקאָלטירט. צוערשט האָט זי אָנגעמאָסטן דאָס העל־זשאַרזשעטענע קלייד מיט די פֿליגעלעך פֿאַרנומען אַרום קאָרסאַזש, דערנאָך דאָס קלייד פֿון גרינלעכן זייד מיטן ווײַסן סעלנערל, דאָס לאַנגע שוואַרצע און איינפֿאַכע קלייד.

דער באַל איז פֿאָרגעקומען אין איינעם פֿון די שענסטע זאַלן אין אָפּגעלעגן פּריצישן געסל אַרום מאָנפּאַרנאַס. אַ שטילער צופֿאָר ביי אַ גערטל, זײַלן פֿון אַ קליין, סטיליזירט פּאַלאַצל, מאַרמאָרענע טרעפּ, גאָבעלינען, שפּיגלען און די פּיס זענען ווייך געטרעטן אין טעפּיכער, אויפֿהויבנדיק זיך צו די באַלויכטענע זאַלן. אַלע דריי, זשאָזעף, רוזשעלע און בעני, זענען אַראָפּגעקומען שפּעטלעך, אַרום האַלבע נאַכט, ווי עס פּאַסט פֿאַר חשובֿע געסט. זיי זענען אויסגעשטיגן פֿונעם געדונגענעם וואָגן, צוערשט בעני, וואָס איז אַראָפּגעשפּרונגען, אויפֿגעמאַכט דאָס טירל צום טראָטואַר און לײַכט אָנגענומען רוזשעלען פֿאַר דער האַנט ביים אַראָפּשטעלן דעם פֿוס אויף דער ערד. ביידע האָבן זיי געפֿירט רוזשעלען געאָרעמט איבער די מאַרמאָר־טרעפּ און זי, אין די גאָלדיקע שיכעלעך, מיט די אָנגעזעצטע שנייעלעך, וואָס האָבן געשאָטן אויף די האָר אונטערן דינינקן וואַל, אויף דער לײַכטער פּעלערינקע פֿאַרוואָרפֿן אויף אירע אַקסלען, האָט נאָכגעהאַלטן דאָס לאַנגע קלייד. זשאָזעף האָט געטראָגן אַ בלוטיק־רויטע, לעבעדיקע רויז אינעם לאַץ און אַ בלישטשענדיקן שטיין אויפֿן פֿינגער. שוין ביי דער גאַרדעראָבע האָט ער זיך ברייט גענומען וואָרפֿן מיט הונדערטערס, אַז אַלע זאָלן זען. זיי זענען אַרײַנגעפֿאַלן אינדערמיט פֿון אַ וואַלס און אַלט און יונג האָט זיך מיטגעדרייט. וויפֿל באַקאַנטע פּנימער, סמאָקינגען, אַ ים פֿון פֿאַרביקע קליידער, צירונגען אויף די העלדזער, אויף די פֿינגער, אויף די הענט. עס האָט געבלישטשעט פֿון עכטע און פֿאַלשע בריליאַנטן.

צווישן איין טאַנץ און דעם צווייטן האָט מען זיך געקליבן אַרום בופֿעט, וואָס איז באַלייגט געווען מיט הויכע שטויסן פֿון אַלץ, וואָס אַ מויל האָט נאָר אַרויסגערעדט. אַלע בעסטע און געשמאַקסטע צובייסעכצן, וואָס די יידן פֿון

וואַרשע און פון פּראָגע האָבן געפונען אין די היימישע קנייפּעס אויף דער בזשעסקע און אויף דער דזשיקע ?

דאָ האָט זיך אויך געקליבן דאָס ביסל אַלטוואַרג, די, וואָס האָבן שוין מער נישט מיטגעטאַנצט מיט די יונגע.

— טיאַ־טיאַ־טיאַ, וועמען זע איך דאָ ? — יאָסעלע לאַטעק ! — האָט דאָרט זשאָזעפן איינער אַ ברייטער ייד מיט אַ מויל גאָלדענע ציין, אַ געווע־זענער שניידער, אַ פּאַרטאַטש, און היינט אַ גרויסער קאָנפעקציאָנער, מיט צוויי מאַגאַזינען אַרום די גרויסע בולוואַרן, געקלאַפּט אין דער פּלייצע — גע־דענקסט נאָך די הויכע פורגאָנעס עפּל אויפן מאַרק אויף דער בזשעסקע ? אַ מכה האָבן זיי געוווסט, די יאַלדן, אַז מען צעטראָגט זיי, הע ? ...

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט מיטן ווייב, מיט די טעכטער, מיט די זין. ער האָט זיך אַזוי דערפרייט, זשאָזעף, אַז ער האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן פאַרצושטעלן רוזשעלען און בענין. סיי ווי האָט ער זיי דערנאָך געהאַט פאַרלוירן הינטער דער האַנט אַפּער.

ער האָט גאָרנישט געוווסט, בעני, אַז עס געפינען זיך אין פּאַריז אַזוי־פיל באַקאַנטע פון דער היים. אַז קיינמאָל האָט ער די נאָז נישט אַרויסגע־שטעקט,אינערגעץ זיך נישט געוויזן. געשטעלט אַ טריט צווישן עולם, וואָס האָט באַלאַגערט דעם בופעט, האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין אים אַ ייד מיט אַ גאָלדענער קייט אויף דער ווייסער וועסט, אין אַ צעקנעפּלטן סמאָקינג. ער האָט אים גלייך געגומען דוצן.

— וואָס הייסט, איך האָב נישט געקענט דעם טאַטן דיינעם און דעם זיידן, דעם אַלטן קלמן גרינבערגער ? ווער זאָל זיך עס געווען ריכטן, אַז גרינ־בערגערס בענאָקל איז פאַרוואָגלט געוואָרן פון אַזאַ גוטס קיין פּאַריז ?

ער האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזן .אומזיסט האָט ער זיך געריסן אויפ־צוזוכן זשאָזעפן, רוזשעלען .אין טומל פון דער מוזיק, אין ווינט פון טאַנצ־דיקע פּאָרלעך, האָט ער זיי אַלעמען געהאַט פאַרלוירן.

— איך וועל דיר באַלד זאָגן ווער איך בין, וועסטו מיך שוין דערקענען — האָט אים יענער אַוועקגעשלעפּט אין אַ נישע פון רחבותדיקן זאַל צו זיין ווייב און צו זיין טעכטערל — אַרע פּראָצענטניקס ברודער האָסטו געקענט ? דאָס בין איך טאַקע אַליין. אַז מען האָט באַדאַרפט אָפּשטעקן אַ פּראָווינצער וועקסעלע, איז מען געקומען צו אַרע פּראָצענטניקס ברודער. זעסט — האָט ער אים פאַרגעשטעלט פאַרן ווייב און פאַרן טעכטערל — אויף די הענט האָב איך אים געטראָגן, דעם יונגאַטש. ס׳אי גוט, דבורהלע, דעם גרינבערגערס אשת־חיל, אַ קלוגע, אַ בר־דעת, אַ קאָפּ... האָסטו כאָטש גרוס פון דער מאַמען ?

ער האָט געהאַלטן, בעני, צווישן זיינע פינגער די ווייכע האַנט פון דער יידענע מיט די גוידערס און גוידערלעך, באַהאַנגען מיט שנירלעך פּערל, בראַשן, פינגערלעך און זיין בליק האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט אויף

דעם טעכטערל. איר קאלט און שמאל הענטל האט ער געדריקט א סך פעס־טער און, אליין נישט וויסנדיק פארוואס, געשמייכלט צו די העלע, געקרייזל־טע לעקעלעך, צום צוציענדיקן גלאנץ אין אירע אונטערגעפארבטע אויגן, צו די פולע, רויטע ליפן. זי האט אויך געשמייכלט און ער האט שוין דערנאך מער גארנישט געהערט וואס זיי רעדן דארט צו אים. ער האט זיך דערנאך געזען טאנצנדיק. ס'איז געווען א לייכטער ווינער וואלס, א שוועבנדיקער, פול מיט חלום. ער האט געטאנצט נישט שלעכט, נאך פון יענע בחורישע יארן אין דער היים, און די מוזיק, דער עיקר, האט אויפגעוועקט אין אים לאנג-פארגעסנס. ס'איז געווען אזוי ענג ביים טאנצן, אז זיי זענען צוגע־שפארט געווארן צו א וואנט.

א קאלטער שווייס האט אים אפגעגאסן, ווען ער האט זיך גלייך דער־נאך דערמאנט אין זשאזעפן און איבערהויפט — אין רוזשעלען. ער האט זי דא ערגעץ געהאט איבערגעלאזן, ווען דער ייד מיט דער גילדענער קייט אויף דער וועסט האט אים אוועקגעריסן אומגעריכט. ער האט דאס מיידל באלד צוריקגעפירט, זיך אנטשולדיקט, געזאגט ער קומט נאך צוריק און האט זיך געלאזן איבערן זאל צו זוכן זיי. ער איז געווען אין אלע ווינקעלעך, אין אלע פאדער־זאלן מיט די שפיגלען, ווו די טאנצנדיקע פארלעך, דערשוויצטע און פארוויטלטע, זענען ארויס זיך אפקילן. ווי א פערזענלעכע באליידיקונג האט עס אים פארדראסן, וואס קיינער האט זיך אויף רוזשעלעם ניי־יאר-באל קלייד נישט אומגעקוקט, וואס קיינער באוואונדערט עס נישט, וואס מען זעט זי איבערהויפט נישט אויפן זאל און אינערגעץ נישט. „אן אומגליק" — האט עס אים געעקבערט אין מוח און ער איז גרייט געווען דעם ייד מיט דער גילדענער קייט אויף דער וועסט, דער יידענע באהאנגען מיט צירונג און דאס נישט מיאוסע טעכטערל זייערס, צו דערהרגענען. ביי אים, ביי בעניו, זאל אזוינס טרעפן ? ער זאל אזוי פארלירן דעם קאפ ?

ער איז ארונטער פון די שטיגן, נישט געזען זיך מער אין די בלענדיקע שפיגלען, נישט געפילט ווי דער ווינט פון אויפגעמאכטע טירן לעקט ארום דעם קילן שווייס פון שטערן. צווישן די ווארטנדיקע אויטאס ארום דעם צופאר, האט ער נאך באוויזן צו באמערקן דאס לאנגע קלייד רוזשעלעס, דורך דער ליכטיקער שויב — איר אנגעברוגזטן פראפיל און איר פאר־ווארפענעם קאפ צום זייט. דעם אפפארנדיקן אויטא האט ער שוין נישט גע־קענט דעריאגן.

קאַפּיטל ניין

דער בעלווילער קלוב פאַר אַרבעטסלאָזע

אביסל אַנדערש האָט זיך ביי זשאַקלען פאַרקערעוועט דאָס געמאַטערטע לעבן אין פּאַריז, דער שטאָט. אין דער זעלבער צייט, ווען בעני האָט גלייך אין די ערשטע טעג שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ תכלית, האָט יעדן אָפּגעשפּאָרטן פראַנק אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָסט, אויף די קלאָגבריוו פון דער היים, זיך נישט וויסנדיק געמאַכט און אַ דאַנק זשאָזעפּס גרויסע רעקאָמענדאַציעס, אינגיכן אַרויסבאַקומען זיכערע פּאַפּירן מיט רעכט צו דער אַרבעט, האָט זיך זשאַקל אפילו נישט געקענט דערשלאָגן צו די קיילעכדיקע עטלעכע הונדערט פראַנק אָפּצושטעקן איינעם פון די „מאַכערס", וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער יידישער קאַפע, און ווערן לעגאַל מיט לייטן גלייך. ער איז אויף ווייטער געבליבן איינער פון די „בלינדע פּאַסאַזשירן" אין די אָפּגעלעגענע האָטעלן אויפן בעלוויל. ער האָט זיך נאָך אַלץ איינאָוונט, אַהיימלויפנדיק שפּעט פון די זיצונגען, פּאָרזיכטיק דורכגעגנבעט די גאַס. אַ שטילע פאַרטייעטקייט איז געווען אין זיין פּאָרזיכטיקן באַוועגן זיך, אין זיין פאַרטרויעלעכן רעדן, ווי ער וואָלט אייביק מורא געהאַט פאַר זיין אייגענעם נאָכקריכנדיקן שאָטן. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אים טאַקע איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער. די צוויי ראָווערִיסטן האָבן אים אָפּגעפירט אין קאָמיסאַריאַט, וווּ ער האָט איבערגעשווידערט אַ נאַכט אין אַ טונקל באַלויכטן צימער. אינדערפרי האָט מען אים אָפּגעשטעקט אַ בלוי פּאַפּירל, וואָס איז גילטיק געווען בלויז זיבן טעג, און געהייסן אים גיין.

ער איז אומעטום געווען און אין ערגעץ האָט מען אים נישט אָנגעזען. שוין יאָרן ווי דער עלנטער מענטש איז געשוווּמען איבער די פאַררויכערטע שטעט פון אייראָפּע, אָן פּעסער, אָן וויזעס און מיט אויסווייזן פון אומעטום. געוואַשן טעלער אין אַ יידישער אכסניה אין דאַנציק, געאַרבעט אין פּאָרט און דאָ, אין פּאַריז, האָט ער אַוועקגעוואָרפן דאָס שניידערישע פּרעסל, ווייל ס'איז שווער געווען, און ער האָט זיך גענומען צו מאַראָקינערי. אומעטום האָט ער געגעסן דעם פּאָסנעם, שיטערן זופּ אין די אָנגערויכערטע יידישע אַרבעטער־קלובן; אין אייביקן ווינט פון אויפגעמאַכטע טירן, האָט ער זיך אומעטום אָפּגעפונען אַ פאַררוקט ווינקל, איז געזעסן מיט צוגעזשמורעטע אויגן און דאָס אייביקע אָפּטימיסטישע שמייכעלע האָט נעשפּילט אַרום די מויל־ווינקלען. און אַזוי, מיט צוגעזשמורעטע אויגן, האָט ער אַלץ געזען, אַלץ געוווּסט, אַלצדינג אויפגעכאַפּט מיטן וווּנק.

אין די ווינטער־חדשים האָט זיך ביי זשאָזעפן אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

זשאַקל האָט נישט געאַרבעט אַ שיינע פּאָר וואָכן און נישט האָבנדיק אַלע מאָל צו באַצאָלן פאַר דער וואָך אין האָטעל, האָט ער פאַר האַלבע נאַכט אויסגעקוקט אַ חבר, וואָס זאָל אים מיטנעמען שלאָפן. זיין גרויער, גלייכ־גילטיקער בליק איז געווינט געווען צו די עלנטע ווענט אין די אָפּגעלעגענע ווינקל־האָטעלעכלעך. ס׳האָט שטענדיק געהויערט איבער אים דער שאָטן פון די צעפלויגענע פּעלערינעס ביי דער ראָווערסטן־פּאָליציי, וואָס פּאָרט אומגעריכט אָן איבער דער ברייט פון אָונטיק־אָפּגעליידיקטן בולוואַר.

יאָשקעלע וואָס איז געווען פאַרקאָכט אין די קאָרטן אין דער קאַפע ביי שמיל הוי, האָט זיך אַלעמאָל דערפילט אַביסל פאַרלעגן, ווען ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ און אומגעריכט אָנגעטראָפן זיך מיט זשאַקלס גרויען, דורכדרינגלעכן בליק. אין די אַרבעטסלאָזע טעג איז יענער געזעסן אין אַ ווינקעלע, איינגעקוקט זיך אין די פּנימער, פאַרשוומענע אין סיגאַרעטן־רויך, און פון צייט צו צייט אויפגעמאַכט דאָס מויל אין אַ געניץ. גאָרנישט פאַרוואָרפנדיק אים, האָט יאָשקעלע דאָך געפונען פאַר נויטיק זיך צו פאַרענטפערן מיט אַ געמיין שמייכעלע:

— וואָס זאָל מען טון? — ס׳פעלט אַקוראַט אויס אַ פערטע „האַנט“, זעצט מען זיך שוין צו .קום, איך צאָל דיר אַ קאַפע.

— ס׳וועט אינגיכן זיין אַ קלוב, יאָשקעלע. וועסט כאָטש קומען צולייגן אַ האַנט ?

— וואָס הייסט? — האָט ער זיך שיעור נישט באַליידיקט — אין מיר האָסטו דעם ערשטן. איך קען אַביסל מאַלעריי. צונויפקלאַפּן טישן און בענק קען איך אויך. וועסט זען. ווו צו שלאָפן האָסטו היינט? גייסט מיט מיר, ברודער! איך וועל דיר שוין דורכגנבענען ביים „פּאַטראָן“ מיט די וואָנסן...

פריילעכער אַביסל איז געוואָרן, ווען עס האָבן זיך אָנגערוקט די ניי־יאָר־בעלער; און כאָטש יאָשקעלע האָט נישט געהאַט וואָס אָנצוטון און מיט דער קליינער גענקען איז ער געווען צעווערטלט, האָט ער נישט געקענט איינרוען. אין פּראָסטיק־פאַרנעפּלטן ווינטער־אָוונט פאַרלאָקן אים מאָדנע די צעשמירטע רעקלאַמע־פייערן אויפן גרויסן פּלאַץ רעפּובליק. עס פאַרלאָקט אים אַרויפצוצו, ווו עס געפינען זיך די באַל־זעלער. אַרום די טירן דאָרט וועט ער אַלעמאָל געפינען אַן אייגענעם יאַט. און אָט איז עס. דער זאַל איז עפּעס גאָרנישט ווי געוויינלעך יום־טוב׳דיק. איבערן געוועקסטן פּאַרקעט וויגן זיך אין לייכטן טומאַן פּאָרלעך, אין שטילן, פייערלעכן טאַנגאָ .פון די שפּיגלען און פון די זשיראַנדאָלן גיסט זיך ליכט. די שטייפע מוזיקאַנטן אויף דער קליינער עסטראַדע כישופן אַרויס, אין ריטמישן וויגן זיך, טענער פון אייביקער און אומעטיקער פאַרליבטקייט. די אַלע אויס־

געהאָרעוועטע מיידלעך און יינגעלייט פון דער „ליגע“ דערקענט ער עפּעס נישט. אַנדולירטע קעפּ, שטייפע הויזן, ווייסע שאַליקלעך, גאָלדיקע שי־לעך אויף הויכע קנאַפּל, וואָס לויפן געשיקט איבערן פּאַרקעט, דרייען זיך און פאַרדרייען זיך.

ער בלייבט שטיין און אַנטקעגן אים — אַ וואַנט־שפּיגל, ווו עס זעט זיך דער טאַנצנדיקער זאַל, די ליכטער; און זיך אַליין זעט ער אויך — אין אָפּגעטראָגענעם פּאַלטן, מיט פאַרבלאָטיקטע שיך, נישט אַרומגעגאָלט.

— גיי נישט, זאָגט מען דיר! — האָט ער אים אָבער געוואָרנט, זשאַקל — ווי וועסטו דאָרט אויסזען מיט דיין הילוך אויפן באַל?

דערפילט האָט ער זיך, וואָס אַן אמת, זייער נישט געהויבן. דערנאָך האָט ער אַ מאַך־אַוועק געטון: „איך האָב זיי אַלעמע זאין דר'ערד! פּריי־לעך איז דאָ, וואַרעם איז דאָ. וואָס וועט ער אָפּליגן אַ גאַנצע נאַכט אין קאַלטן האָטעל?“

און ער איז אַוועק צום בופעט באַשטאַטן ערגעץ דעם אָפּגעטראָגענעם פּאַלטן. נאָר דאָ איז ער פּלוצים פאַרבלענדט געוואָרן און האָט זיך אפשר אַ גאַנצע מינוט נישט געקענט אָפּרייסן פון אָרט. נישט דער זאַל מיט די טאַנצנדיקע פּאָרלעך איז אים געלעגן אינזינען. אַ וועלפישער הונגער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט אין אים. פרישע סאַנדוויטשן, זעט ער, ליגן, קרום־געשניטענע מיט ראָזע, חנודיקע פּאַסן שינקע. אַ בלעך מיט אַזאַ פּע־טער, פאַרקילטער מאַסע, צעשניטענע הערינג מיט ווייסלעכן רוקן־פּעטס. עס הויבט זיך אַ פּאַרע פון די פייערדיקע גלעזער טיי. רוקנס פאַרשטעלן און שטופּן אים אָפּ אינאַזייט, מען אַנטשולדיקט זיך אפילו נישט. עמיצנס סיגאַרעטן־רויך ווערט אים געבלאָזן אין פּנים אַריין. עס קלינגט זילבער־געלט. די טירן שטייען אויפגעריסן. פרישע געסט לאָזן זיך אַראָפּ שפּעט־לעך אין זאַל אַריין. עס שווינדלען פאַרביי גענקעלע, דזשעק. די מוזיק אין זאַל זעצט אַרויס אַ נייעם וואַלס, אַ פריילעכן, מיט אַזאַ ליידנשאַפטלעך נאָכקוויטשיקל פון פייפלעך. און אים, מיט זיין הילוך, באַמערקט מען דאָ אפילו נישט. אין דער ענגעניש, דערפילט ער זיך אַוועקגעשטופּט צו אַ הינ־טער־טיר, צו די שטיגן, וואָס פירן צו דער טונקעלער גאַלעריע אַרום די ווענט פון זאַל. דער עסנדיקער סיגאַרעטן־טומאַן רייסט אים אין האַלדז, רייצט דעם הונגעריקן מאָגן, מאַכט אים שוואַך. די קאָלירן און די פייערן שווינדלען אין די אויגן, די פיס זעצן זיך. בענק זענען דאָ צעשטעלט. ער ליגט אויסגעצויגן און דער רעש פאַרקלעפּט אים די אויגן.

ווער ווייס ווי לאַנג יאַשקעלע וואָלט אַזוי זיך אָפּגעדרעמלט, ווען עס האָט זיך נישט פּלוצים אָפּ דער לעצטער וואַלס. דורך אַלע אָפן־געלאָזענע טירן ווייעט אַן אין זאַל אַריין אַ פרישע קעלט. אַ האַלבער זאַל לאָמפּן איז שוין אויסגעלאָשן. נאָר ביים בופעט איז אויפסניי אַ גערודער. מען פּאַקט

איין די גלעזער, די פלעשער, די טעצעלעך.

— ביסט געשלאָפן אין די זאַכן! — לאַכן אַלע — נעם, פאַרווך עפּעס!

וואָס פאַרא אַפּעטיטלעכע זאַכן עס זענען אַלץ פאַרבליבן. אויפן בופעט. דער פאַרשלאָפענער הונגער האָט זיך צוריק אין אים אויפגעוועקט, אָבער ער האָט זיך נישט צוגערירט צו זיי. פּאַמעלעך האָט ער דערנאָך געשפּאַנט איבער דער ווינטערדיק־פאַרנעפּלטער שטאָט מיט שיכורע שפּרייזן. אַ פייער פון פאַר־דרוס האָט אין אים געברענט, נאָר צו וועמען אויסלאָזן דעם כעס האָט ער נישט געהאַט, אפילו זשאַקלען האָט ער אָנגעהויבן אויסצומיידן.

ער האָט זיך נאָכמער אַריינגעלאָזן אין דערדל־שפּיל מיט דער חברה פאַר־קאָכטע און ליידנשאַפטלעכע שפּילער אין דער קאַפע ביי שמיל הוי. געווין האָט ער עס פון גרויס פאַרביטערונג, וואָס די קליינע גענקע מיידט אים אויס, לאָזט זיך אהיימפירן פון אַנדערע און לאַכט מיט אַ גלעקלדיק געלעכטער איבער די קאָרידאָרן און אויף די טרעפּ פון דער „ליגע“, ווען דער אָנגעבלאָזענער חבר דזשעק דרייט זיך אַרום און לאָזט קליינע רינגעלעך פון זיין פּייקע, נישט שענ־קענדיק קיין בליק צו קיינעם. פאַרקאָכט אין דער שפּיל, האָט יאָשקעלע אויפ־געהערט צו דערקענען זשאַקלען, האָט זיך אינגאַנצן פאַרוויקלט אין רויך. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ נישט־געגאָלטער, אָפּגעלאָזן און איינמאָל אינאָווּנט האָט אים זשאַקל געטראָפן אַ קליין ביסעלע פריילעך אויך — דער איבערגעבערענ־טער בראָנפן־ריח האָט זיך געטראָגן פון אים. ער האָט זיך מער נישט פאַרלוירן, דער אומעט האָט אים אַרויסגעקוקט פון די אויגן און אַ פאַרביטערונג.

— קום מיט מיר! — האָט ער זשאַקלען מיטגעשלעפּט.

— וווהין? אַזוי שפּעט?. — און ער איז פונדעסטוועגן מיטגעגאַנגען מיט אים. ס'איז געווען אין וואַרעמען זומער־אָוונט פון 14־טן יולי, ווען דאָס פאָלק פון פּאַריז פייערט דאָס שטורעמען פון דער באַסטיליע. די שטאָט איז אילומינירט. אין אַלע ענגע געסלעך, אונטער פאַרצויגענע לאָמ־טערלעך, ווימלט אַ פאַרביקער עולם. מען טאַנצט, מען קושט זיך, מען איז צעזעצט אינדערמיט גאַס אַרום טישלעך. אין אַזאַ נאַכט גלוסט זיך נישט צו בלייבן פאַרשטעקט ביז אינדערפרי אין דעמפיקן האָטעל־שטיבל, אונ־טערן דאַך. יאָשקעלע האָט אים פאַרשלעפּט אין אַזאַ מין קנייפּע, ביי מעט־רא זשאָרעס, וווּ די לאָדן צום דרויסן זענען פאַרהאַקט און דורך די ליכטיקע שפּאַרעס רייסט זיך דורך אַ הייסער רעש. צום קאָנטואַר האָבן זיי זיך דורכגעשטופּט צווישן די נאַקעטע מיידלעך מיט די לייכט־פאַרוואָרפענע שאַלעכלעך. יאָשקעלע האָט אים געוואָלט צאָלן איין אַפּעריטיוו נאָכן אַנדערן, אָבער זשאַקל האָט אים צוריקגעהאַלטן:

— אַ קאַפע, נישט מער. קום, לאָמיר גיין פונדאַנען!

— ס'איז אומעטיק, ברודער, אומעטיק צום טויט... טרינק! כ'וועל נע־

מען דאס ערשטע בעסטע מיידל און איר זאגן: ווילסט אז יאשקעלע זאל אוועקלייגן דעם קאפ אין דיין שויס? ווילסט מיר אפקאכן אביסל עסן און פארלאטען א העמד, וועל איך ס'גאנצע לעבן פאר דיר אוועקגעבן, איך וועל לויפן אין פייער אריין... כאפט עם דער טיוול, גענוג ארומגעוואלגערט זיך איבער די קאפעס און איבער די אומעטיקע האטעלן...

מיט דער קליינער געגנקען האט זיך גארנישט אויסגעלאזן. ער איז געלעגן אויפן בעט, א שווייגנדיקער,ביידע הענט אין די צעשיטע קוד־לעס. ביז אינדערפרי זענען זיי וואך געווען און ער האט פאר זשאקלען אויסגעגאסן זיין גאנץ ביטער הארץ.

— מעגסט מיר גלויבן — איינס ביי איינס קליינבירגערנס... זעץ זיי אריין אין אן „אפארטאמאן" מיט א סך שטיבן, שטעל זיי אריין א „שאמב־רע קושע" (שלאף-שטוב), א „שאמברע מאנזשע" (עס־שטוב), ברענג זיי אהיים די פעטע „פעי", וועלן זיי גיין מיט דיר שלאפן.

ארויסגעוויזן האט זיך אז זיין גאנצע פארצווייפלונג נעמט זיך דער־פון, וואס ער האט יענע וואך אונטערגעפירט דער קליינער געגנקען. אויפן פלאץ רעפובליק האט ער זיך קוים ארויסגעדרייט פון דער אבלאווע, האט זי געמוזט איבערלאזן און אוועקדרייען זיך פלינק אין א זייטיק געסל. „ווו לויפסטו ?" — האט זי אים נאכגעשריען, און זי האט באלד אלץ פאר־שטאנען. אצינד איז אוים. זי שמייכלט קארג, האלט זיך פונדערווייטנס.

— קלאג נישט! — האט אים זשאקל געטרייסט — אזא מציאה וועסטו נאך שטענדיק געפינען. און נאכאמאל ווייס מיט וועמען אנצו־הויבן... נאר נישט מיט די, וואס קומען אין דער „ליגע" בלויז אויסצוזוכן זיך א שטיקל חתן. איך קען זיי, איך וועל דיר אנווייזן אויף די פינגער....

פון איצט אן האבן זיי שוין געוווינט צוזאמען, געשלאפן אויפן זעלבן בעטל, געטיילט זיך מיטן ביסן. ס'איז געווען זומער, די ארבעט האט זיך אינגאנצן אפגעשטעלט. ביידע האבן קוים צונויפגעקראצט פאר דער וואך אין האטעל. ביינאכט איז אין ענגן שטיבל אונטערן דאך שווער געווען אפצואטעמען. קען פענצטער טורעמען זיך די אנגעגליטע דעכער, די שיפע בוידעם-שטיבלעך. צווישן די שפיציקע דעכלעך שימערט א ים פייער; פון דער ווייט־פונאנדערגעווארפענער שטאט. א טויבער רעש ברענגט זיך צעטראגן פון בולוואר, אפגעריסענע הארמאניקע-טענער פון דער קאפע אין פאסאזש. די דעמפיקע נאכט איז פול מיט לווער פאר א פרעמדן, א פארפירנלאזן.

פוסטע, מיט-זומערדיקע טעג. אויפן נאכמיטאגדיק - אפגעליידיקטן בולוואר האט א ווינט אויפגעהויבן א זייל שטויב און פאריאגט די איינ־ציקע פארחלשטע געסט פון די קאפע-טעראסן. די ארבעטע איז געווען טויט

מיט בעני'ס איבערנעמען די פירונג אין דער אטעליע, איז געווארן

שטרענגער, די ליניען — קלאָגעדיקער. פון רעבעלעס געניטן אויג האָט מען זיך נאָך געקענט אַרויסדרייען, זשאַזעף איז אַלעמאָל מער אַרומגעלאָפן מיט די גוטע־ברידער אין די קאַפּעס, ווי אָפּגעהיטן די אַרבעט. ער האָט שוין איצט געהאַט אויף וועמען זיך צו פֿאַרלאָזן. שטומערהייט איז פֿאָרגעקומען אַ גייעג צווישן בעניו און רעבעלען. זי האָט אים נאָכגעקוקט, נאָכגערעכנט, אָבער ער האָט נאָך איר מער נישט געפֿרעגט. אָ, מיט אים איז שווער געווען. ער האָט זיך אויף אַלץ אויסגעטויגט, אַלץ פֿאַרשטאַנען אויפֿן ווונק. ער איז אַריינגעקראָכן אין אַ ווייסן כאַלאַט, צוגעגלעט זיך די ברוינע האָר אין אַ שרונט און דעם גאַנצן טאָג נישט אָפּגעטרעטן פֿון טיש. דאָ איז ער געווען ביי די „קלאַפּערס“, דאָ ביי די „קופּערס“, ביים פּאַקן, ביים ליי־ווערן. שטיל, פּאַרטייעט, שטענדיק איינגעשלאָסן אין זיך, האָט ער זיך פּאַמעלעך באַוועגט איבער דער אַטעליע, צווישן די אומגעדרייטע רוקנס, צווישן די שטעפּנדיקע מאַשינען. דאָ האָט ער אויסגעפֿונען, אַז מען קראַצט זיך צו לאַנג אַרום ביים אויסגלעטן אַ פּעטל, דאָ האָט ער אויפֿגעהויבן אַ געוואַלד ביים טיש פֿון די „קופּערס“:

— עפּעס שניידט איר דאָ, מיינע טייערע, ווי אין קרויט אַריין! עס איז „קראָקאָ“ (קראָקאָדיל־לעדער), אַ באַרג מיט אָפּפֿאַל האָט איר אָנגעוואָרפֿן. כ'זאָל מער אַזוינס נישט זען! — האָט ער זיך אויפֿגערעגט.

מען ווייסט גאָרנישט פֿונוואַנען ס'האָט זיך דערנומען צו אים דער נייער טאָן — אַזאַ שטילינקער ווי ער איז געווען. נאָר צו זשאַקלס מאַשין האָט ער, פֿונדעסטוועגן, נישט געוואַגט צוצוגיין. די גאַנצע צייט האָט איי־נער דעם אַנדערן שאַרף אויסגעמיטן. אַרבעט איז די לעצטע צייט סיי־ווי געווען שוואַך. מ'האָט שוין נישט געריסן פֿון אונטער די הענט, ווי אַמאָל. פֿריער, ווען ס'זענען געווען גראַטשקעס, האָט מען די „פּאַסאָניערס“ און די אַרבעטער אונטערגעיאָגט, אָבער איצט, ווען עס האָט זיך אָנגערוקט דער ביטערער קריזיס, האָט מען דאָס ביסל אַרבעט אַליין אָפּגעטון און קיינעם קיין לעק אַפֿילו נישט געגעבן. עס איז געווען אין די טעג פֿון ענדע סעזאָן און עס האָט זיך פֿאַרגעזען אַ „מאַרט־סעזאָן“, אַ לאַנגער און אַ ביטערער. עס זענען נאָך אין די לעצטע עטלעכע וואָכן אָפּגעזאָגט געוואָרן צוויי „קור־פּערס“, עטלעכע טיש־אַרבעטער און פֿון די „קלאַפּערס“ — יאַשקעלע. מען האָט קוים דערצויגן די וואָך אַרבעט. און וויפֿל אַרבעט עס איז געמאַכט געוואָרן דורך די צוויי־דריי טעג אין דער וואָך, האָט בעני, זשאַזעף און דאָס פֿאַרצערטע באַשעפֿעניש, רעבעלע, געמאַכט נאָכאַמאָל אַזויפֿיל דורך האַל־בע נעכט און דורך די זונטיקן. אויך דאָ האָט געשטעקט בעניס איינפֿאַל. און געווען איז עס אפֿשר אַ שטילע נקמה אין זשאַקלען, וואָס האָט פֿון צייט צו צייט געפּרוווט אַ מורמל טון צו די איבעריקע אין דער אַטעליע...

געשמועסט האָט מען איצט, אַז אָט דער שטילינקער בעני האָט שוין

זיין איינגס אָפּגעשפּאָרט א היפּשע פּאָר פראנק און אז ער איז צוגעטרעטן פאַר אַ שותּף. צי עס איז אמת, האָט קיינער גענוי נישט געוווּסט. נאָר אין זיין באַוועגן זיך איבער דער אַטעליע מיט דער זיכערקייט, איז געווען די זאָרג פון אַ באַלעבאָס.

אָבער אַ שטיק אמת איז פאָרט געווען דערין. און געשטויסן דערצו שטילערהייט האָט אים נישט קיין אַנדערע ווי זי, רוזשעלע. זי איז שוין נישט געווען אַזוי אָנגעשטויסן און באַליידיקט, ווי דעמאָלט, נאָכן ניי־יאָר־באַל ביי דער פּראַגער סאָסיעטע. און כאָטש בעני האָט זיך דעמאָלט מיט אַלע כּוחות באַמיט צוריק זי איבערצובעטן, איז עס אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. זשאָזעף האָט גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס פאַרא סאָרט ברוגז עס קומט דאָ פאַר צווישן זיי. עטלעכע זונטיקן נאָכאַנאַנד איז עפּעס בעני נישט אַרויפגעקומען צו מיטאָג. אין שטוב האָט זיך מיט רוזשע־לען ווידער אָנגעהויבן איבערצוחזרן דאָס אַלטע.

— אפשר האָט זי דיר מיט עפּעס באַליידיקט? — האָט אים זשאָזעף איינמאָל אָנגעפאַקט און האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזן — קום, איך וועל אייך צוריק איבערבעטן. איך האָב נישט ליב קיין צאַנקערייען און קיין ברוגזן!

זשאָזעף, בטבע אַ גוטמוטיקער, האָט עס נישט געקענט פאַרטראָגן. עס איז אים געגאַנגען אין גאַנצן לעבן. ווו ער האָט נאָר געקענט, האָט ער שלום געמאַכט, פאַרגלעטיקט. ער האָט געוואָלט ס'זאָל צוריק זיין די היימישע געמיטלעכקייט ביים טיש. אחוץ דעם, האָט ער איינגעזען, וועט ער זיך שוין אָן בעניען נישט באַגיין . ער האָט אים דעריבער נישט אָפּגעלאָזן, ביז ער האָט אים נישט צוריק אַרויפגענומען אָן שטוב אַריין.

— בעט זיך צוריק, אַיבער, צעקושט זיך ! — האָט ער לאַכנדיק באַ־פוילן — און זאָל זי מער נישט אַרומגיין אַראָפּגעלאָזן די נאָז...

רוזשעלע האָט אפילו געמאַכט אַ באַליידיקטע מינע, אָבער די איבער־בעטעניש האָט זי אויסגעקוקט פּונקט אַזוי ווי בעני. אַ פריילעכן זונטיק האָבן זיי דעמאָלט פאַרבראַכט. אַלע דריי זענען זיי אַראָפּגעפאָרן אין אַ נאַכט־קאַבאַרעט אויפן מאָנמאַרטר און גאָכן דריטן גלעזל, ווען זשאָזעפן איז פריילעך געוואָרן אויפן האַרצן און לייכט אין קאָפּ, האָט זיך ביי אים אויפגעבונדן די צונג און ער האָט ברייט גענומען אויסלייגן זיינע פּלענער פאַר בענין:

— וואָס זאָל איך לייקענען? האָסט מיר צוריק אויפגעשטעלט די אַטעליע. ס'קלאַפּט! רעכעלע איז מיר נאָך ערגער ווי אַ פרעמדע — זי איז דעם אייגענעם טאַטן אַ שונא. מען דאַרף אַ סוף מאַכן מיט דעם אַלעמען, נענוג געלעגן אין דעם לאָך. איך האָב שוין באַקוקט אַן „אַפּאַרטאַמאַן". דו וועסט אויך אַריינלייגן אַביסל געלט און מ'וועט אויפשטעלן אַן אַטעליע

אז גאַנץ פּאַריז זאָל זיך שאָקלען. זאָל מען נאָר איבערקומען דעם זומער.

בעני האָט זיך נאָך אַביסל געקווענקלט און האָט לסוף מסכּים געווען. ער האָט זיך סיי־ווי געריכט, אַז היינט־מאָרגן וועט עס דערצו קומען. ער האָט אויך געוווסט אַז זשאָזעף טוט עס אַ שטיק דערפאַר, ווייל ער איז געענגט, ווייל דער עול פון דער גאַנצער מאַשין ליגט אויף אים אַליין. ער האָט אַריינגעלייגט די עטלעכע אָפּגעשפּאָרטע טויזנט פראַנק, אויסנעשריבן מיט אים אַ נאָטאַריאַלן קאָנטראַקט, באַוואָרנט מיט אַלע חתימות און איז צוגעשטאַנען פאַר אַ שותף.

— זעסטו שוין? — האָט רוזשעלע נאָכדעם גערעדט צו אים מיט אַ ווונקעלע, אונטער פיר אויגן — און דו האָסט זיך נאָך געברוגזט...

אָבער דער אמת איז טאַקע געווען, אַז געטון האָט ער עס, זשאָזעף, ווייל ער איז לעצטנס געווען געענגט, שטאַרק געענגט. עס זענען שוין אַצינד מער נישט געווען יענע גאָלדענע פאַר יאָר. אַרבעט איז שוין איצט, געוויינלעך, געווען שוואַך, די קאָנקורענץ — גרויס. מען האָט זיך שוין איצט באַדאַרפט צו יאָגן נאָכן ביסל אַרבעט.

נאָר מיט ביליקער און שיינער אַרבעט האָט מען זיך געקענט דערהאַלטן, נישט אַראָפּגעשוועקט ווערן. ער האָט יעדן אינדערפרי געוועז אָפּגעוואַרט די פּאָסט, געקנייטשט אין דער האַנט די העפלעכע בריוו פון די קאָמערסאַנטן, וואָס האָבן אים פאַרגעלייגט באַשטעלונגען, אפילו גרויסע, אָבער צו האַלבע פרייזן און אויף אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע ער האָט גאָרנישט געקענט און נישט געטאָרט נאָכקומען. אחוץ דעם — דעקונג האָבן זיי פאַרגעלייגט מיט 60 און מיט 90 טעג שפּעטער, נאָכן ליווערן. עפּעס זענען זיי יאָ געווען קראַנט און — נישט קראַנט. ווייל געהערט האָט מען, אַז גרויסע און לאַנגיעריקע פירמעס מיט פונדאַמענטאַלע קאַפּיטאַלן זענען פּלוצים, איבער נאַכט, געגאַנגען „פּאַיט" (באַנקראָטירט), האָבן זיך איינגאַנצן געשלאָסן. טאָ וועמען־זשע האָט מען שוין איצט יאָ נעקענט געטרויען?

אַזוי צו אַזוי — ער איז דאָ געשטעלט געוואָרן פאַר אַ גרויסן נסיון. האַנדלען האָט מען דאָ באַדאַרפט אויסגערעכנט, דעצידירט און געשיקט. גוט — האָט ער זיך איבערגערעכנט — איבערוואַרטן די 60 און די 90 טעג ביזן אויסצאָלן דאָס געלט, קען ער נאָך אפשר גיכער פון די אַלע קליינע „פּאַטראָנדלעך", וואָס טומלען אַזוי אַרום אויפן האַנדלס־מאַרק, לויפן אין אַלע זייטנ „הייזער" פאַרקאָנקורירן אים. ער קען נאָך אויך דאָס אויסהאַלטן און שטיינבלייבן אויפן פּלאַץ פעסט און נישט־געריהט, כאָטש קיין איבעריק־גרויסע קרעדיטן האָט ער אַליין קיינמאָל נישט באַקומען. אָבער ווו וועט ער, ערשטנס, נעמען די גאַראַנטיע, אַז די אַלע שיינע און גרויסע פירמעס וועלן אים אין אַ שיינעם העלן פרימאָרגן נישט מאַכן פאַר קיין

אַרעמאַן. און צװײטנס — װו װעט ער נעמען אַזױפֿיל צו דערלײגן, אַז אַלצדינג קאָסט איצט, אַז אַלץ דאַרף ער זען אַרױסצושלעפּן מיט דער הילף פֿון פֿרעמדע הענט?

ער איז אָפּגעזעסן איבער די פּאַפּירלעך, איבער די רעכענונגען, גע־בראָכן זיך דעם קאָפּ און אַלעמאָל איז אַרױסגעקומען בײ אים, אַז אַראָפּ־קװעטשן דעם פּרײז האָט ער נאָר געקענט פֿון חשבון פֿון די מענטשן... אָבער אױך זײ האָבן זיך נישט געלאָזן, האָבן געדראָט מיטן אָפּשטעלן אינ־גאַנצן דאָס ליװערן די קלײנע, דרינגלעכע באַשטעלונגען. ער האָט געפּרוּװט אַרױפֿצוקומען אין פּאַטראָנען־סינדיקאַט באַצאָלט זײן מיטגליד־אָפּצאָל, װאָס איז געקומען פֿון אים זינט לאַנגע מאָנאַטן. לאַנג־לאַנג האָט ער זיך נישט אַרױסגעװיזן אַהין. אַלע צוגעשיקטע אײנלאַדונגען אױף זיצונגען, אױף פֿאַר־זאַמלונגען האָט ער ערגעץ געהאַט פֿאַרגעסן אין די װאָכעדיקע הױזן־קעשענעס, צװישן דעם באַרג פּאַפּירלעך. ס׳זענען אים אױך, װאָס אַן אמת, קײנמאָל אין זינען נישט געלעגן זײערע עסקים דאָרט: אפֿילו קײן כבוד האָט מען דאָרט נישט געהאַט. יעדער איז פֿאַרפֿאַרעט און קוקט דיך אפֿילו נישט אָן. אַצינד אָבער, װען ער האָט געמוזט געװױר װערן װי בײ אַלע אַנדערע האַלט עס, װען ער האָט באַ־דאַרפֿט „אַ טאָפּ טאָן אין פּור" װאָס מען הערט אין גאַס, איז ער אין אײנעם אַן אונטער אַרױפֿגעגאַנגען אַהין.

אָבער אױך פֿון דאָרט איז ער אַװעק אַ צעדרעדערטער. אַ שלל פֿרײַשע פּנימער האָט ער דאָרט געזען — פֿרעמדע, זיכערע בײַ זיך. דערקענט האָט ער צװישן זײ אײניקע צעטומלטע ײנגעלײט, װעלכע ער אַלײן האָט פֿאַר עטלעכע יאָרן געבראַנגט צופֿירן פֿון „נאָר די נאָר". די אַלע האָבן אים עפּעס אױסגע־מיטן, שװער געלאָזן זיך דערקענען, קאַלט געדריקט די האַנט און צװישן זײערע האַלב־אָפּגעדעקטע צײנער האָט ער דערקענט בולטן חוזק.

— װאָס מען הערט ? — אַט אַזױ ! דאָס רעדל, װי איר זעט, דרײט זיך, װער אַרױף און װערן — אַראָפּ....

אײן זאַך האָט ער דאָ גלײך באַמערקט, זשאָזעף — די אַלע ציִען יעדע־דער נאָר פֿאַר זיך, זענען גרײט אונטן אַרומעט אײנער דעם אַנדערן אין אַ לעפֿל װאַסער צו דערטרינקען. „דער טײװל זאָל עס װיסן, האָט ער זיך נישט געקענט שענקען, פֿאַרװאָס איז עס בײ די „מענטשן" נישט אַזױ. פֿאַרװאָס לאָזט זיך דאָרט אײנער פֿאַרן אַנדערן דעם גאַרגל איבערשנײדן ?"

און דװקא אַצינד, װען בײ אים זענען מיטאַמאָל אױפֿגעשװומען אַזעלכע גרױסע פּלענער, װען ס׳איז אים פֿאַרגעשטאַנען דאָס געשעפֿט צו פֿאַרפֿונדעװען, דינגען זיך אַ גאַנצן פֿליגל שטיבן אין קאָכעדיקסטן האַנדלס־צענטער אַרום די גרױסע בולװאַרן, צעשיקן װאָיאַזשאָרן איבער דער פּראָװינץ און פֿאַר אַלע פּרײזן — איבערהאַלטן, בײשטײן קעגן דער אָנװאַקסנדיקער קאָנקורענץ פֿון די קלײנע — דװקא אַצינד איז אים די גאַנצע אומזיכערקײט פֿון דער צײט און־

טערגעקומען. זיין מידע'ר, צעמישטער בליק איז געשוווּמען איבער די צעשאָטענע פּאַפּירלעך מיט די ציפערן, שווינדלענדיקע און נערוועזע, פון וועלכע ער האָט קיין אויסוועג בשום־אופן נישט געקענט אַרויסקריגן. ס'איז אויסגעקומען די גאַנצע האַרעוואַניע פון יאָרן צו וואַרפן, ליקווידירן, לאָזן זיך אַראָפּשווענקען און אונטערגיין.

זיין קליינער מוח האָט עס שוין מער נישט געקענט פאַרנעמען און קיין גליקלעכערער איינפאַל, ווי אָפּצושליסן מיט בענין דאָס שותפות איז נישט געווען. פון איצט אָן האָט בעני אַריינגענומען אין זיינע הענט די גאַנצע פירונג פון דער אַטעליע און אויך אין שטוב ביי זשאָזעפן איז ער, נישט ווילנדיק, געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס. זשאָזעף האָט זיך איצט אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף אים, האָט אים אַלצדינג אָנפאַרטרויט; אַראָפּגעוואָרפן די געשעפטן פון קאָפּ, האָט ער איצט פריי געקענט אָפּזיצן אין דער קאַפע, אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער פראַגער סאָסיעטע, ווו ער האָט זיך נאָך אַלץ געריסן צו ווערן פּרעזידענט. ער איז בלינד געווען צו דעם, וואָס ווערט אָפּגעטון הינטער זיינע פּלייצעס, נישט געפילט ווי רוזשעלע גענאַרט אים אויף טריט און שריט, ווי אַלע נאַרן אים. איין רעכעלע האָט עס אַלץ דערשפּירט באַצייטנס. אָבער זי האָט שוין איצט מער גאָרנישט געקענט טון, זי איז געווען קעגן בענין אוממעכטיק, ער האָט געהאַט אין דער קעשענע אַ פּאַפּיר, אַז ער איז אַ גלייכער שותף צו אַלעם.

די עטלעכע חדשים פון מיטן זומער ביז אַ שטיק אין ווינטער אַריין זענען אויסגעפאַלן ביטערע, די גאַנצע אַרבעט אין אַלע פאַכן האָט זיך מיט איינמאָל אָפּגעשטעלט. אין די קאַפעס אויפן בעלוויל האָבן זיך די פּרעסערס, די שניידערס, די מאַראָקינעריסטן אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַסט. די מאַשינען אין די ענגע האָטעל־שטיבלעך זענען שטיין געבליבן איבערגעדעקט מיט די שוואַרצע טואַלעט־טיכער. פאַר די קאַפעס אויפן בולוואַר, ווו מען האָט זיך געקליבן אין רעדלעך, האָט מען געשמועסט, אַז ווידער איז עפּעס אַ שרייפל אין דער קאַפּיטאַליסטישער מאַשין קאַליע געוואָרן. ס'קלאַפּט נישט. די הייסע לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט בענזין־ריחות. ביי די שויבערדיקע ווייבער אויף דער טעראַסע פון דער יידישער קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל" האָבן די קינדער גענאָגט די ליידיקע ברוסט־וואָרצלען; די מאַמעס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר גלעזל מילך. די, וואָס האָבן נאָך געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר פראַנק, האָבן עס איינציקווייז אויפגעגעסן. די נויט אין די יידישע שטיבער אויפן בעלוויל האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן, מען האָט פאַרזעצט די קעפּ פון די שניידערישע מאַשינדלעך, צו האָבן פאַר די קינדער אַביסל מילך. פון די עטלעכע פראַנק אַ וואָך אַרבעטסלאָזע אונטערשטיצונג, איז שווער געווען דורכצוקומען מיט אַ פאַמיליע; און אויך נישט אַלע האָבן עס באַקומען.

אַז זשאַקל האָט אין דער קאַפע ביי שמיל הווי אַזוי אומשולדיק דערציילט,

אַז מען גייט אויפֿמאַכן אַן אייגענעם קלוב און אַ קיך פֿאַר אַרבעטסלאָזע אויפֿן בעלוויל, האָבן זיך אַלע אָנגעכאַפּט אין דעם. פֿאַר די אַלע היימלאָזע און פֿאַרוואָגלטע, וואָס האָבן זיך אומגעוואַלגערט אין די פֿינצטערע האָטעלן, אין די אָנגערויכערטע קאַפֿעס, האָט עס אַ ווייע געטון מיט אַ וואַרעמער היים. דער גרעסטער טייל האָט נאָך פֿון דער היים געדענקט די אַרבעטער־קלובן, וואָס זענען אויפֿגעקומען פֿון די פֿאָלקס־קיכן אין די ביטערע מלחמה־יאָרן ביים דייטש. ס'האָבן זיך באַלד צונעשטעלט עטלעכע, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען מיט ליסטעס און געזאַמלט אַ פֿראַנק צו אַ פֿראַנק פֿאַר דער אַרבעטסלאָזער־קיך. די בידנע, אויסגעמאַטערטע שניידערס, פּרעסערס, מאַראָקינעריסטן, וואָס האָבן נאָך אַמאָל אַריינגעכאַפּט אַ טאָג אַרבעט, האָבן אויסגעטרייסלט פֿון די פֿאַרשמאָלצענע בייטעלעך די לעצטע פֿאָר סו און אַוועקגעלייגט אַ קרומע חתימה אויפֿן פֿאַרפֿלעקטן זאַמל־בויגן. מען האָט זיך אָבער אַרומגעקוקט, אַז מיט די אָרעמע פֿאָר פֿראַנק וועט מען ווייט נישט דערגיין. אין דער קאַפֿע ביי שמיל הווי האָט זיך מער פֿון אַלעמען געקאָכט יאָשקעלע:

— די אָנגעשטאָפּטע „פּאַטראָנען", אַ רוח אין זיי, פֿאַרוואָס זאָלן זיי נישט געבן צו־שטייער? — איך וועל אַוועקגיין צו זיי און לאָזן זיי אויפֿטרענען די בייכער.... ווער גייט מיט מיר?

נאָך גוט, וואָס זשאַקל האָט אים צוריקגעהאַלטן, אַנישט וואָלט ער אָנגעמאַכט ווי־סטע אַוואַנטורעס. פֿאַר זשאַקלען האָט ער דרך־ארץ געהאַט. אים אייגעם האָט ער געהערט.

דערווייל אָבער האָבן שוין עטלעכע פֿילאַנטראָפּישע קאָכלעפֿל, יידן, וואָס דרייען אַרום די סאָסיעטעס, האַלטן עם־האַרצישע רעדעס און זאָרגן נאָר וועגן אַ „קאַוואָ" ווו צו באַגראָבן די לאַנדסלייט, זיך געפֿעדערט, צוזאַמענגענומען זיך אין אַ קאַפֿע אויפֿן בעלוויל צו באַטראַכטן מיט וואָס מען קען אַרויסהעלפֿן „די אָרעמע ברידער", וואָס גייען, נעבעך, אויס פֿון הונגער. נאַטירלעך האָט מען אין זשאָזעפֿן אויך נישט פֿאַרגעסן, אַלע האָבן אים געקענט מיט זיין שטעלן זיך גרויס, געוווסט, אַז ביי אים שפּילט נישט קיין ראָלע דער הונדערטער, אַבי עס גייט נאָר אויף אַ וויכטיקן צוועק און בפֿרט, אַז מען וועט נאָכדעם שרייבן וועגן אים אין די בלעטער. מען האָט אים באַצייטנס געלאָזן וויסן און ווי אַלע חשובֿע מענטשן, איז ער אַראָפּגעקומען, אַן אויסגעפּוצטער, אַ פֿריש־געגאָלטער, מיט אַ האַלבע שעה נאָכדעם, ווי עס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן די פֿאַרזאַמלונג. ער האָט זיך ברייט פֿונאַנדערגעזעצט פֿונפֿאָרנט, ווו אַ ייד מיט אַ קליין ווייס קאָמעץ־בערדעלע האָט, רעדנדיק פֿאַרן קאַרגן צענדליק מענטשן, אַלעמאָל אַ גרויסן זופּ געטון פֿון דער גלאָז ביר אויפֿן טיש. נישט לאָזנדיק אים פֿאַרענדיקן, האָט ער אַ זעץ געטון מיט דער פֿויסט אין טיש אַריין:

— וואָס טויגן מיר די לאַנגע רעדעס, מסיע? איך גיב דעם ערשטן פֿינפֿהונדערטער און אַראָפּ פֿון מאַרק... ווער גיט נאָך!

און ער האָט לאַנג נישט געלאָזן וואַרטן אויף זיך, אַרויסגעכאַפּט פון בוזים־טאַש דעם שווערן טייסטער און אויפן אָרט אַוועקגעלייגט דאָס געלט. די אַרומגעזעצטע חשובע יידן האָבן זיך אויסגעקרעכצט און צו די בייטלעך האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן באַלד נישט גענומען.

— מען דאַרף ערשט די זאַך גוט באַטראַכטן.... עס כאַפּט זיך נישט אַזוי איינס און צוויי ! — האָבן זיי געטענהט מיט פאַריבל צו זשאַזעפן.

אונטערגענומען זיך צו באַזאָרגן די אַרבעטספּלאַצע האָט דער ייד מיטן ווייסן קאַמעץ־בערדל, דער, וואָס האָט שוין אַמאָל געהאַט אַ רעסטאָראַן אויפן בעלוויל, נאָר ער האָט אים צוגעמאַכט, ווייל ס'איז נישט געגאַנגען. ער האָט אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע די עטלעכע טויזנט פראַנק, וואָס מ'האָט צוזאַמענגעקליבן און אויפגעמאַכט אויף די ביסאָן, אַ געסל ביים בולוואַר, אַ ביליקע קיך, וו מען האָט געטיילט זופּ מיט ברויט, אָבער יעדער איינער האָט געדאַרפט צוצאָלן. ווער עס האָט נישט פאַרמאָגט צוצוצאָלן, האָט קיין עסן נישט באַקומען. הינטערן באַריערל האָט דער ייד, מיט אַ יאַרמולקע אויפן שפּיץ קאָפּ, געבלעטערט צווישן די האַריקע הענט אַ נומעראַטאָר און זיך געקראַצט מיטן בליישטיפט דאָס ווייסע בערדל.

—מ'עט אומזיסט נישט קריגן — האָט ער גערעדט פלעגמאַטיש — איינ־צאָלן, איינצאָלן, סט'ענק גאָרנישט העלפן...

די עטלעכע גאַרסאָנען, הויכע, שטאַרקע יונגען, האָבן אָפּגעשטופּט מיט כוח פון באַריערל און נאָר צוגעלאָזט די, וואָס האָבן אויסגעקויפט צעטלען. דער פאַרצאַפּלטער, אויסגעהונגערטער עולם איז שטיין געבליבן אַרום די טישלעך מיט אַרופּגעלאָזטע הענט, שווייגנדיק. אין די נאָזלעכער האָט זיי געריצט דער ריח פון אַ געשמאַקער אַרבעס־זופּ. די ערשטע זענען די ווייבער אַרוים מיט פינצטערע קללות און געוואַלטן.

מען ווייסט נישט פונוואַנען ס'איז דאָ פּלוצים אויסגעוואַקסן יאַשקעלע און האָט געגעבן אַזאַ שטאַרקן זעץ אין טיש, אַז אַלע גלעזער און אַלע קאַראַפ־קעס זענען אונטערגעשפּרונגען.

— שטילער ! — האָט ער אויפגעמאַכט אַ מויל מיט געזונטע ריים־ציינער

— צ'עט לאָזן רעדן, אָדער נישט ?

דער עולם האָט זיך באַלד איינגעשטילט. אַפילו די קינדער אויף די הענט ביי די מאַמעס האָבן אים אָנגעקוקט מיט די אויסגעוויינטע, ליכטיקע אויגע־לעך און פאַראַצטע נעזלעך. און איידער נאָך זשאַקל האָט דאָ אַלעמען געוואָגט, אַז מאָרגן ווערט געעפנט אַ קיך, וו מען וועט קיין איין סאַנטים נישט דאַרפן צוצאָלן און אַז דאָ זאָל קיינער מער נישט עסן, האָט יאַשקעלע, רויט פון רציחה, אַרויסגעפּלאַצט :

— זאָל ער זיך שטיקן מיטן ביסל עסן ! זאָל ער עס אַרויסגיסן פאַר די הינט. אַ פּרנסה, זעסטו, געמאַכט זיך פון אונזערע צרות !

דרעווייל האָט מען אין איינעם פון די האַלב־חרובע הייזער אויפן הויכן בעלוויל, אין אַ פינצטער געסל, וווּ די פּאַסאַדן זענען אונטערגעשפּאַרט מיט בעלקעס, אָפּגעדונגען צוויי גרויסע צימערן מיט אַרומגעפליקטע ווענט. געווען איז דאָרט אַמאָל אַ בעמישע פאַבריק, נאָר צוליב אומזיכערקייט, דאָס הויז זאָל אַמאָל נישט איינפאַלן, האָט מען זי ליקווידירט. יאַשקעלע האָט זיך גלייך אַוועקגעשטעלט ריין מאַכן די ווענט, אָפּקראַצן די פּאַדלאָגעס, און אויסווישן די שויבן, וואָס זענען געווען אָנגעזעצט מיט שפּינוועבס און טויטע פליגן. מען האָט אָנגעברענגט לייטערס, געשטעלן, ברעטער, בענק, ציגל; עטלעכע טעג האָט מען געשייערט, געדוימט, געקלאַפּט, ביז ס'זענען פּאַרטיק געוואָרן צוויי ליכטיקע צימערן, קלאָר אויסגעווייסטע, מיט אַ גרויסן איינגעמויערטן קעסל אין אָפּגעצוימטן קיכל און מיט לופטיק־אויפגעשפּאַרטע פענצטער. זשאַקל האָט צעווירעט אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר און מיט גרויסע געדרוקטע אותיות אויסגע־כתיבהט: „בעלווילער קלוב פאַר אַרבעטסלאָזע" און האָט עס אויפגעהאָנגען אויף דער אָפּגעווייסטער וואַנט, באַלד ביים אַריינקום. יאַשקעלע, אַ פאַר־שפּריצטער מיט קאַלך, מיט פאַרקאַשערטע הענט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ שיינענדיקער, שווערלעך דורכגעלייענט און געזעצט זשאַקלען איבער די מאָ־גערע פּלייצעס:

— דו, אַ רוח אין דיין — פּאַרזיצער וועסטו ביי מיר זיין!

זשאַקל האָט עניוותדיק געשמייכלט, אַנטפּלעקנדיק דאָס לײדיקע מויל.

אין דער קאַפּע ביי שמיל הוי איז זשאַקל פון איצט אָן געוואָרן זייער חשוב און אָנגעזען. אים, זשאַקלען, וואָס האָט זיך דאָ אַלעמאָל געשאַרט אַרום די ווענט, האָט זיך אָפּגעזוכט אַ ווינקעלע מען זאָל אים נישט אַרויסזען, האָט מען מיט איינמאָל גענומען באַמערקן. אפילו שמיל הוי אַליין, מיט אַן אויס־געקרימטער, שמעכיקער וואַנץ, מיט דער הויכער פּלייצע, צוליב וואָס מ'האָט אים גערופן פאַרצוויגן שמיל הוי, איז זייטיק אונטערגעקומען צו אים, אָפּגערופן אים אין אַ זייט און צווויסן געטון:

— קאַמראַד זשאַק! איך, שמיל הוי, באַשטייער מיך מיט 200 פראַנק פאַר דער קעך. שוואַרץ אויף וויים זאָל עס שטיין געשריבן אין זשורנאַל. הערסט? — 200 פראַנק פון שמיל הוי...

אויך זשאָזעף האָט נאָכדעם זשאַקלען אָנגעקוקט מיט שמייכלענדיקע אויגן שפּעלטעלעך:

— באַדאַרפסט אַרויפקומען צו מיר אויך. וואָסי, כ'בין נישט קיין ייך? כ'וואָלט מיך ליבערשט געלאָזן קאָסטן פאַר אייך. די דאָזיקע יידן כאַפּן זיך נישט שנעל צו די בייטעלעך. נעמען געלט — דאָס יאָ...

פונדעסטוועגן האָט זיך זשאַקל געשאַרט אינאַזייט און אין „בעלווילער קלוב פאַר אַרבעטסלאָזע" איז ער מיטאָג־צייט געזעסן צוזאַמען מיט אַלע

ארום די לאַנגע טישן, פאַרשפּרייט מיט ווייסן פּאַפּיר, און געוואַרט אַז יאַש־קעלע, וואָס האָט געטראָגן אַ ווייסן פאַרטוך און האָט סערווירט, וועט אים צודערלאַנגען אַן אָרעמען מאַלצייט — אַ טעלער זופּ מיט אַ ריפּטל ברויט.

קאַפּיטל צען

דאָס פינצטערע לעבן פון אַ „פּאַסאַניער"

פון די שכנותדיקע טירן, ווו יידן „פּאַסאַניערס" האָבן פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין געקלאַפּט מיט די שטריקער און שניידער־מאַשינערלעך און וואָס צוליבן ביטערן קריזיס, זענען איצט ביי זיי די מאַשינען געשטאַנען שטילע, מיט איבערגעדעקטע קעפּ, האָט מען נייגעריק אָנגעהויבן נאָכצוקוקן דער יונגער, טומלדיקער חברה, וואָס האָט דאָ ברייט אויפגעריסן די טירן, מיטברענגענדיק מיט זיך אַ פרייל‍עכן רעש.

אפילו דעם קאָנסיערזש מיט די גאַליער־וואָנסן, איז אוונט־צייט שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָס ליכט אין דער אייביקער שטאָק־פינצטערניש, אינעם הויף מיט די אונטערגעשפּאַרטע באַריערן. ער איז פון צייט צו צייט שטיין־געבליבן אין דער אָפענער טיר, דרייענדיק צווישן די פאַרהילצערטע פינגער אַ וואָנס און אַ סיגאַרעטל.

דער שטילער פאַרוואַקסענער ייד מיטן צעקנייטשטן קאַפּעלאַטש, מיט די איינגעקוועטשטע ברילן־גלעזלעך, דודל „מאַרשאַו", וואָס איז שוין לאַנג געוואָרן אויס „מאַרשאַו", נאָר פלעגט אַרויסנעמען ביי זשאָזעפן אביסל „פּאַסאַן" האָט זיך אין די ערשטע טעג אויך געפלעגט אַריינצוכאַפּן אין קלוב פאַר אַרבעטסלאָזע, אָפּצועסן אַ זופּ. דערנאָך, אַז ער האָט איינגעזען, אַז עס קומט זיך צונויף יונגוואַרג, מען זינגט און מען לאַכט און מען מישט זיך צופיל אין דער פּאָליטיק, האָט ער זיך שוין מער נישט געפילט אזוי דרייסט אַריינ־צוקומען. טאַקע, וואָס קער ער זיך אָן מיט אָט דעם יונגן אַפּיקורסישן עולם? עס פּאַסט נישט פאַר שכנים, וואָס וווינען אַ טיר אין אַ טיר און ס'איז סתם גלייכער אַז מ'איז פונדערווייטנס.

מיט אַ קורצע צייט צוריק איז דער ייד געהאַט אַריבערגעקומען אַהער פונעם שטעטל דיבאָווע אין דער גאַליציע, ווו גראַבסקי, דער טרויעריק־באַרימטער פינאַנס־מיניסטער אין פּוילן, האָט אים מיט די שטייערן די רעשט געהאַט אויסגעליידיקט די פּאָליצעס פונעם בידנעם שניט־געוועלבל. די לאַד־זשער וועקסעלעך זענען איינס נאָכן אנדערן געגאַנגען צו פּראָטעסט און גע־

בליבן איז אים דאָס איינציקע — פאַרוואָרפן אַ שטריקל אויפן האַלדז, אָדער אַראָפּוואַרפן זיך פון פענצטער. האָט ער אָנגעוואָרפן ס'ווייב מיטן קינד אויפן האַלדז פון דער משפחה, האָט גענומען דאָס אונטערגעוואָקסענע יינגל, בע־מיעלען, און ביידע האָבן זיי זיך אויף טריף אַריבערגעשוואַרצט קיין פּאַריז.

דער ייד איז דאָ גרייט געווען צו טון כל עבודת פּרך, אָבער מחלל־שבת־זיין — דאָס נישט. שוין דעם ערשטן ווינטער אין דעם זינדיקן פּאַריז האָט ער באַוויזן צו וואַרפן זיך אויף אַלערליי פּרנסות. זיינס אַ קרוב אויפן „פּלעצל", צו וועמען ער איז פאַרפאָרן, האָט אים גלייך אויפן אַנדערן טאָג געהייסן נעמען זיך ס'פּעקל און גיין זוכן אַ תכלית. דאָס האָט ער אים יאָ געטון — ער האָט אויסגעבעטן אַביסל אַרבעט פאַר אים ביי זייערס אַ לאַנדסמאַן אין אַ מעבל־פאַבריק אויפן סט.־אַנטואַן. אין דער פאַרפעטסטער, אָפּגעשליסענער קאַפּאָטע, האָט דער אויסגעמאָגערטער, פאַרוואָקסענער ייד געשלעפּט ברעטער אויפן פּערטן שטאָק אַרויף, האָט צוגעוואָרמט דעם לאָם, געהאָלפן איבערדרוקן די שווערע, מאַהאָנענע מעבל און איז געלאָפן אַ גאַנג. און כדי צו קענען אָפּ־דאַווענען אויך, האָט ער זיך איינגעבעטן ביים פּאַטראָן, אַז ער וועט קומען באַ־גינען, פריער פון אַלעמען און ער וועט שוין אויפמאַכן די אַטעליע. דער אויס־געגאָלטער ייד מיטן גראָבן סטאָלערישן נאָגל, אָן אַרויפגעאַרבעטער, האָט זיך צעלאַכט מיט אַ פול מויל גאָלדענע ציין און האָט אַראָפּגעקוקט צום אויסגע־מאַרעטן ייד, אין דער אָפּגעפליקטער קאַפּאָטע, מיט די איינגעקוועטשטע ברילן־גלעזלעך:

— מיסיע — האָט ער וואָרנדיק צולעצט ערנסט אַרויסגעבאַסעוועט — פּאַריז איז נישט דיבאָווע. ראָטשילד האָט אייך טאַקע באַזאָרגט מיט אַ שולכל, אָבער אַליין ציילט ער, נישקשה, געלט אום שבת אויך...

ווי נאָר ס'האָט גענומען בלויען אויף טאָג, האָט זיך דער פאַרוואָקסענער ייד אויפגעריסן פון קויטיקן געלעגער, פון אויפלייג־בעטל, וווּ ער איז גע־שלאָפן צוזאַמען מיט בעמיעלען, האָט אָפּגעגאָסן ביים קראַן נעגל־וואַסער און איז מיט דער ערשטער מעטראָ, אַרום זעקס פאַרטאָג, אַנטלאָפן צו דער אַר־בעט. דער גאַנצער עול־פּרנסה איז שווער געלעגן אויף זיינע דאַרע, יינגלישע פּלייצעס. דער יינג בעמיעלע איז צוויי מאָל אַזוי גרויס געווען ווי דער מאַ־טע. דאָס בעטל איז פאַר ביידן געווען ענג און אינדערפרי האָט אים, דודלען אַלעמאָל ווי געטון אַן אָפּגעקוועטשטע זייט. אָבער דער יאָך האָט געטריבן. צום ווייב מיטן קינד האָט מען געמוזט אהיים שיקן, דעם „טערם" האָט מען געמוזט באַצאָלן, מילא מיטן עסן האָט מען זיך שוין אַן עצה געגעבן...

אַריינפאַקנדיק זיך אין דער פאַרטאָגיקער, אָנגעפּראָפּטער מעטראָ, וואָס וואַרפט פונאַנדער די אַרבעטס־מענטשן אין די פאַרשידענע שטאָט־טיילן, האָט ער באַקלערט, אַז פאַר אים איז נישט קיין פּלאַן ווייטער אַזוי צו האָרעווען.

ער וועט דאָ גאָרנישט דערלעבן. צווישן די לאַנדסלייט אין דער קאַפּע, וווּ מען קומט זיך זונטיק צונויף, הערט ער אַלץ, אַז מענטשן, נאָרוואָס אַרונטערגעקומענע, ווי ער, לעבט זיך דאָ גאָרנישט אַזוי שלעכט. מען באַדאַרף נאָר צו האָבן אַביסל געלט, איינקויפן די ערשטע פּאַרטיע סחורה און אַרויספאָרן אויף אַ „מאַרשע" (אַ מין יריד). ער האָט דעריבער אָוועקגעלייגט אַ פראַנק צו אַ פראַנק, געשפּאָרט פונעם ביסן און געהאָפט, אַז אויפן זומער, מערטשעם, וועט ער זיך נעמען פאַרן האַנדל — אַביסל זאַכן, אַביסל שקאַרפּעטן, — וואָס גאָט וועט צושיקן....

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער גרויסער, אָנגעשטעלטער אַטעליע, פאַרקליבן זיך ביי אַ פענסטער, וווּ עס האָט נאָך געקלעפּט דער פינצטערער ווינטערדיקער פאַרטאָג, פאַרוויקלט אינם ברודיקן טלית. פאַרגראָבנדיק דאָס שוואַרצע, האָריקע פּנים אין אויסגעפליקטן קעשענע-סידורל, וואָס ער האָט דאָ איינגעהאַנדלט אין שפּייזערס ספרים-געוועלב, אויפן „פּלעצל", האָט ער אינעם האַוונען אויסגעגאָסן זיין גאַנץ ביטער האַרץ, זיין גאַנץ עלנט לעבן אין דעם גרויסן און פרעמדן פּאַריז. אָבער איינמאָל איז געשען מיט דעם ייִד אַ מאָדנער פאַל. דאָס דאַווענען פלעגט ער, געוויינלעך, אַריינשלינגען באַלד פאַרטאָג, אויפהערניך, כדי די פראַנצויזן, וואָס קומען זיך צונויף צו דער אַרבעט, זאָלן נישט אָפּלאַכן פון אים. געקומען איז ער דאָסמאָל פונקט אַזוי פרי, אַ שפּראָץ אויף טאָג. אינדרויסן איז געשטאַנען אַ פויל, ווינטערדיק וועטער. אין קאַלטן, פינצטערן נעפּל זענען די אויטאָבוסן און טאַקסים אָנגעפאָרן איבער דער גליטשיקער גאַס מיט אָנגעצונדענע פייערן. דער טאָג האָט זיך אויפגעכאַפּט אויפן סט. אַנטואַן, וואָס איז אַ פאַבריקס-געגנט, מיט געקלאַנג פון אויפגעריגלטע טירן, מיט גאַסן-גערודער און הילכיקער פאַרעריי.

ער האָט זיך געשאָרט אינאַזייט פון די מאַסיווע הייזער-בלאָקן, גרוי-אָפּגעקראָכענע און אַלטע, און דער שלאָף איז אים נאָך געלעגן אין די ביינער. אין דער גרויסער, טונקעלער אַטעליע, וווּ ער האָט קיין ליכט נישט אָנגעצונדן, האָבן זיך נעפּלדיק אַרויסגעשיילט די סקעלעטן פון די שאַפּעס, שענק, שענקלעך און בעטן. ער האָט בלינדערהייט אָנגעטאַפּט דאָס באַשטענדיקע ווינקל ביי די פאַרלאָפענע שויבן, אַריבערגעצויגן אויף זיך דעם טלית און פאַרגראָבנדיק זיך מיט אָנגעשטרענגטע אויגן, מיט די אָנגעקוועטשטע ברילן-גלעזער אינם אויסגעפליקטן סידורל, האָט ער בלחש און מיט ווייטיק גענומען אויסגיסן זיין גאַנץ ביטער האַרץ פאַר גאָט. דאָס דאַווענען מיט האַרץ און מיט כוונה האָט זיך דאָסמאָל, זעט אויס, אומבאַמערקט פאַרצויגן. ער האָט זיך נישט געכאַפּט ווי אין דער נעפּלדיקער שויב האָט ביסלעכווייז גענומען ליכטיקן. ער האָט אויך נישט באַמערקט, ווי עס האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר און עס איז אַריינגעקומען איינער פון די פראַנצויזן, וואָס אַרבעטן דאָ; יענער, דערזעענדיק פּלוצים עמיצן איבערגעדעקט אין ווייסן און הערנ-

דיק דאָס מאָדנע גאָרגלדיקע געזאַנג, איז געבליבן בלייך ווי די וואַנט. גיך און מיט אַ האַסטיקייט, האָט ער צוגעקלאַפּט די טיר און, אַן איבערגעשראָקענער אויף טויט, איז ער מיט איין שפּרונג אַרונטער פון אַלע שטיגן.

דערמאָלבן אויפדערנאַכט נאָך האָט אים דער פּאַטראָן אויסגעצאָלט פאַר די עטלעכע טעג און אים געזאָגט, אַז מער קיין אַרבעט פאַר אים האָט ער נישט.

איצט איז אים פאַרבליבן, ווי ער האָט שוין פונלאַנג געהאַט גערעכנט, צו נעמען זיך פאַרן האַנדל. האָט ער פאַרן אָפּגעשפּאָרטן געלט איינגעקויפט אַביסל סחורה און איז אַרומגעפאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך אויף די „מאַרשעס". אויפגעשטאַנען מיט טאָג צוגלייך, האָט ער זיך אַרומגעהאָנגען מיט פּעק און וואַליזעס און איז אין גרויען נעפּל אַוועק צו די ליכטיקע מעטראָ־שטיגן אויפן בולוואַר. געקומען אַנצופאָרן איז ער נאָכן האַלבן טאָג, מיט אַ חלושדיקער מראה און מיט אַן אָנגעזעצטן קאַלטן שוויים אויפן לייב. איבערדערבענענדיק אויף פאַרפּאַטשקעטע פּאַפּירלעך דעם טאָג לייזונג, האָט ער אַריינגעשלונגען אַ טרוקענעם אָנבייסן, פאַרטרינקענדיק מיט אַ טאָפּ וואַסער. פאַרדינען האָט ער פאַרדינט, וואָס אַן אמת, אָבער די גאַנצע האָרעוואַניע, דאָס שלעפּן די פּעק, דאָס דרייען, דאָס קאָמבינירן, איז צו שווער געווען פאַר זיינע שמאָלע, יינגלשע פּלייצעס. ס'איז געווען פאַר אים אַ צו גרויסער יאָך. מען האָט באַדאַרפט צו קענען ביישטיין די קאָנקורענץ פון די געניטערע און פלינקערע פון אים, וואָס האָבן געריעדט אַ געזונטן פראַנצויזיש, האָבן געשלעפּט די קונים צו זיך, איינגערעדט, אויסגערופן די סחורות, געלויבט זיי אין הימל אַריין. דאָס אַלץ האָט ער נישט געקענט. ער האָט געדאַרפט מען זאָל אים צוהעלפן.

אָבער פון דעם יונג כּמעלע האָט ער קיין גרויסן נחת נישט געהאַט. פון דאַנען ביז אַהער האָט ער דעם מאָטן נישט געוואָלט אַרויסהעלפן. די וועגן פון זעכצן יאָריקן יונג אין די אויסגעוואַקסענע ספּאָרט־הייזלעך, מיטן אָנגער קטן קעשקעטל און מיט פאַרשוירענע פּיאה'לעך, זענען דאָ, אין דעם פרעמדן פּאַריז, געווען קומע. ער האָט זיך סקאָמפּאַניעט מיט אַ באַנדע יונגען פון פּאָסאָזש, יינגערע און מיט צוויי קעפּ נידעריקער פון אים, און ער האָט עס אָנגעפירט צווישן זיי. זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ מושל. פון אונטער זיין פאַרשאַרצטן דאַשיק האָבן די גנבישע שוואַרצע אייגעלעך אומרואיק נאָכגעבלינצלט די שכנות'דיקע מיידלעך. מיט איינער פון זיי, די בלאָנדע כּיזאָן, האָט ער זיך געטראָפן אין די ווינקעלעך פון הויף און זיי האָבן געהאַט צווישן זיך גאַנצע געטועכצן. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבערן געסל מיט אַ פוסבאָל, געשפּילט מיט דער חברה יאַטן אויף די אָפּגעברענטע פּלעצער פון די הויכע בעלווילער הייף און צום אויסגעמאַרעטן טאַטן, וואָס איז דאָ פאַרשוואַרצט געוואָרן, איז ער בלויז געקומען נעכטיקן

און אויסגעקלאפטענע די שיריים פון זיינע פרוקענע איבערבייסנס. דער טאטע, דוידל, האט אינגאנצן אויפגעהערט צו וויסן ווו דער יונג קומט אהין גאנצע טעג. זינט ווען מ'האט אים פון דער מאראקינערי-פאבריק ארויסגעווארפן דערפאר, ווייל ער האט גייענדיק ליפערן, אראפגענומען א סאק פארן בלאנדן מיידל סיזאן, האט ער אינגאנצן נישט געוואלט הערן פון ארבעטן, ארומגעדרייט זיך פוסט און פאסט.

— נחמיה'לע, זאג מיר, וואס וועט זיין דיין תכלית? — האט זיך דער פארפארעטער ייד, באהאנגען מיט פעק און וואליזעס, געבעטן ביי אים אינדערפרי — קום כאטש מיט אויף דער „מארשע“, העלף מיר צוטראגן א פעקל, כ'וועל פאלן ווי א פערד אין שפאן, וועל איך פאלן...

— זשע מאן פו, מאמע! (איך לאך מיך אויס), איך פייף אויף דיינע געשעפטן! — האט דער יונג, אנגעטון אין ספארט-לייבעלע, ארויסגעווארפן די האריקע פיס פון אונטער דער צעשונדענער קאלדרע, האט פארויכערט א סיגארעטל, געגעבן א צי, א בלאז און א שפיי פון צווישן די שיטערע ציין.

שלאגן האט ער געוווסט דוידל איז נישט פאר פאריז. אין פאריז שלאגט מען נישט קיין קינדער. ס'איז נישט די היים, ס'איז נישט דיבאווע, ווו פאר נישט פאלגן א טאטן, האקט מען איבערן נאקעטן לייב מיט א פאר פאסטראמקעס. האט ער געקרעכצט אין די פארטאגן, דער אויסגעמארעטער ייד, און האט זיך גארנישט געקענט העלפן.

— עס ארט דיך גארנישט — האט ער זיך געבעטן ביים יונג — וואס די מאמע מיטן קינד מאטערן זיך דארט? עס ארט דיך גארנישט וואס איך ווער דא אויסגעריסן און פארשווארצט? וועסט אבער דערנאך באדויערן. געדענק!

דאס שלעפן די פעק און די ארומגעשנורעוועטע וואליזעס אויף דער „מארשע“ איז צו שווער געווען פאר אים, ער האט זיך אפגעריסן דאס געזונט; א חוץ דעם, וואס ס'איז שווער געווען, איז זיך אינעם שטעטל, ווו ער איז אפט געפארן האנדלען, פארלאפן מיט אים א געשיכטע, אז ער האט אינגיכן געמוזט אנטלויפן פון דארט קוים מיטן לעבן. די פאליאקן, וואס ארבעטן דארט אין די קוילן-גרובן, האט ער אין איינעם א זונטיק פארקויפט א פארטיע טאנדעטנע אנצוגן צו זייער ביליקע פרייזן. די סחורה איז ממש צעכאפט געווארן. באקומען האט ער די דאזיקע וואזשנע סחורה אין מאגאזין ביי זיינעם א לאנדסמאן. דאס זענען געווען פארקירצטע און פארשמעלטע אנצוגן פון א גאר ביליקן שטאף. די פאליאקן, אפגעשליסענע, פארוואקסענע מיט איינגעגעסענעם קוילן-שטויב אין די פנימער, האבן זיך אנגעכאפט אין דער ביליקער סחורה און ער האט אלצדינג אפגעלייזט ביי זיי. אבער ווי נאר זיי האבן אנגעטון די הויזן, ארויפגעצויגן די מארינארקעס אויף זייערע ברייטע פלייצעס, האבן די שטעפ גלייך געפלאצט און די הויזן זענען

ארויסגעשפארט געווארן אין די קני. דעם אנדערן זונטיק, ווען ער איז, ווי געוויינלעך, אראפגעפארן אין שטעטל אריין, האבן זיי אים שוין אפגעוואַרט מיט ביר-פלעשער אין די הענט, גרייט אים דורס צו זיין. זיי האבן זיך אויפן ארט געהייסן צוריקצאלן דאס געלט. דווידל האט קיין ברירה נישט געהאט, אניש וואלט ער שוין קיין לעבעדיקער פון זייערע הענט נישט ארויס. ער האט שנעל פארפאקט דאס ביסל סחורה און איז אנטלאפן. דאס איז געווען זיין לעצטער ארויספאר.

פון דעמאלט אן האט ער אוועקגעווארפן די „מארשעס" און איז ארומגעגאנגען מיט א קליין וואליזקעלע איבער די יידישע אטעליעס. ער האט שוין געוווסט אויפצוזוכן די אלע פארשטעקטע ווינקלען אויפן בעלוויל, וווּ יידישע יונגעלייט און מיידלעך ארבעטן אין דער ענגעניש, בגנבה, אין איין צימער, כ'זאל חלילה נישט אריינפאלן קיין אגענט. זיינע שטילע, שעמעוודיקע טריט האט מען שוין אומעטום, הינטער אלע פארהאקטע טירן, דערקענט און מען האט זיך פאר אים נישט געשראקן.

ווען ער איז אריינגעקומען, האבן זיך די פלינקע יונגען, די מאשינערס די פרעסערס, שוין באציִיטנס איבערגעוואונקן הינטער זיינע מאגערע פלייצעס, ווען ער איז אזוי געשטאנען, א געבויגענער, מיד פון קריכן איבער די שטאקן, אן אפגעגאסענער פון שווייס, איבערן אויסגעשפרייטן וואליזקעלע און ער האט אויסגעלייגט זיין גאנץ געוועלבל. די אויסגעמאגערטע מיידלעך, די „הענט", האט ער פארגעלייגט זיידענע דאמען-וועש, די יונגען — שקארפעטן, נאז-טיכלעך, אנדערע קלייניקייטן. ער האט זיך מער גערוּטעלט ווי די מיידלעך, האלטנדיק פארזיכטיק, מיט צוויי דארע פינגער, א פאר ראזע וויבערישע אונטער-הויזן, באקוקנדיק זיי מיט קורצזיכטיקע אויגן קעגן ליכט, און האט גענומען אפלויבן מיט א שטיל, פארשעמט קול:

— שטארק ווי אייזן, מאדמואזעל. איר וועט אין זיי אוועקגיין א יאר צוויי-דריי, אויב נישט מער....

די יונגען האבן אויסגעשאסן מיט א געלעכטער און זענען ארוים מיט די צוויי-דייטיקע וויצן:

— וואס מאכן זי אזוי ס'געלאכטא? — האט זיך ביי א מיידל גערוגזט א גאלדענע „קאראנע" אין סאמע פראנט מויל — מיסיו, זי טראגן אפשר נישט קיין הויזן?

פונדעסטוועגן האבן זיי זיך מיטן אויסגעמארעטן ייד ארומגעדונגען לאנג, ביז זיי האבן עפעס איינגעהאנדלט ביי אים. ארהאפקריכנדיק פון די שטאקן, האט ער נישט געוווסט וואס עס טוט זיך מיט אים. אין צופאלנדיקן אוונט איז דער ייד ערגעץ שטיין געבליבן אינדערמיט פון א רוישיקן בולוואר, ביי א טומלדיקער מעטרא, אויף א קרייז פון גאסן, און עס האט

זיך אים נאָך עפּעס נישט געגלוסט אַריינצופּאַקן זיך אין דער ענגעניש, אַהיימפאָרן צו די ליידיקע, פאַרחושכ'טע פיר ווענט. קיינער, האָט ער גע־ ווסט, וועט אים נישט אָפּוואַרטן ביי דער שוועל, קיינער וועט אים נישט אונטערטראָגן קיין שיסל וואַסער, אַ קלאָרן האַנטוך, אוועקשטעלן פאַר אים אַ טעלער עסן, אויסבעטן אים דאָס בעט, איינהענקען אים די צעבראָכענע, אויסגעפרירענע ביינער, זאָגן אַמאָל אַ גוט וואָרט. דער ייד איז גע־ ווען עלנט ווי אַ שטיין אין דעם גרויסן, פרעמדן און זינדיקן פּאַריז. ער האָט אפילו נישט געהאַט פאַר וועמען צו קלאָגן זיך, ווען ער האָט אינדער־ פרי דערפילט, אַז ער קען זיך פון געלעגער נישט אויפהייבן. פאַרן יונג אינעם כפּאָרט-לייבעלע וועט ער זיך קלאָגן?

אַמוּמערסטן אָפּגעשראָקן האָבן אים די רויטע לאַמטערלעך, וואָס צינדן זיך אָן אָוונט-צייט אין די שאַנדיקע ווינקלען פון בולוואַר, איבער די היי־ זער מיט די פאַרהאַנגענע פענסטער צו דער גאַס. ער האָט זיך קוים אויס־ געריסן פון די לוסטיקע, אויסגעפּוצטע מיידלעך אין די ראָגן פון די טונ־ קעלע געסלעך און איז, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, ווי אַ שעמעוודיק יינגל, אַנטלאָפן פון זיי, אַרומקוקנדיק זיך אויב אַ באַקאַנטער האָט אים נישט אַמאָל באַמערקט. פון דעם אַלעם, האָט ער געוווסט, שמעקט מיט מיאוסע קרענקען, מיט שפּיטאָלן, מיט פאַרפאַלן גיין אויף אייביק, אויף אייביק.

נאָך אַזאַ טרעפעניש איז ער די נאַכט שלעכט געשלאָפן. ער האָט זיך געשלײַדערט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ס'איז אַלץ צו אים קיין שלאָף נישט געקומען. דער יונג בעמיעלע, צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי דער טאַטע, האָט פאַרנומען דאָס גאַנצע בעטל און איז געשלאָפן, ווי אַ געקוילעטער. ס'איז אים זייער טרויעריק געווען דעם ייד, ווייל ער האָט גע־ טראַכט אַז פון אַזעלכע פּרנסות וועט ער דאָס ווייב מיטן טעכטערל קיינ־ מאָל נישט בכוח זיין אַרונטערצוברענגען אַהער און אַז פון אַזאַ הינטיש לעבן, וועט ער דאָ סוף כל סוף אונטערגיין, פאַרפאַלן ווערן.

טאַקע דעמאָלט האָט ער דערשמעקט, אַז אין שכינות דאָ, אין האָטעל „פעקין", אויפן לעצטן שטאָק, קלאַפּט אַן איטאַליע פון מאַראָקינערי און ער איז אַרויפגעקומען צו זשאַזעפן בעטן אַ ביסל אַרבעט. אַ מאַשין האָט ער זיך ווי נישט איז איינגעשאַפט, האָט גיך געכאַפּט ווי אַזוי דאָס ביליקע סעקל ווערט געמאַכט און האָט אָנגעהויבן אַרויסצונעמען אַביסל „פּאַסאָן". אויף קיין פרייזן, פאַרשטייט זיך, איז ער אין ערגעץ נישט געגאַנגען זיך נאָכפרעגן און דערפון איז זשאַזעף געווען נישט אומצופרידן. דער ייד האָט זיך אָפּגעגראַבלט אַ גאַנצע וואָך ביים צעבראָכענעם טישל ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, געקלעפּט, געשמירט, געשניטן און געניית. שבת האָט ער באַקומען אויסגעצאָלט די עטלעכע פראַנק; און כאָטש דעכעלע האָט אים דעם טויט געמאַכט, געטשעפּעט זיך צו אים, צוריקגעוואָרפן אים די אַרבעט,

פאַרבראַקירט און אַראָפּגערעכנט פון לוין, איז ער צופרידן געווען מער ווי אַלעמאָל. ער איז מער נישט געלאָפן איבער די שטאָקן, איז מער נישט געווען פאַרקויפט ביי יענעם; ער האָט געוווסט, אַז וואָס שפּעטער ער וועט זיך לייגן און וואָס פריער ער וועט אויפשטיין, אַלץ מער וועט ער פאַרדינען. ביז ס'האָט זיך נישט אונטערגערוקט אָט דער ביטערער, אַרבעטלאָזער זומער, האָט ער אפילו נישט פאַרשטאַנען, אַז ביי זיך אַליין איז ער אויך פאַרקויפט.

קאַפּיטל עלף

אַ טריט צום ציל.

אינמיטן חודש אויגוסט, ווען איבער פּאַריז זענען געשטאַנען מוראדיקע היצן, ווען דער אַספאַלט איז ווייך געוואָרן אונטערן טראָט פון מענטש און אונטערן ראָד פון מאַשין, האָט זיך זשאַזעף מיטן ווייב אַוועקגעצויגן אויף אַ קליינער זומער־וווינונג, אין אַ שיין און רואיק ווינקל, נישט ווייט פון פּאַריז. ווי יעדעס יאָר, האָבן זיי אָפּגעדונגען איבערן זומער דאָסזעלבע איינשטאָקיקע הייזל פאַר זיך אַליין. ווען די באַשטעלונגען האָבן נישט געלאָזן רוען, ווען מ'האָט געריסן פון הינטער די הענט, פלעגט ער זיך טעווייגלעך, זומער־צייט נישט אַזוי שטאַרק איילן, זשאַזעף. ער האָט צוערשט אַרויסגעשיקט רוזשעלען אַליין זייענדיק שטאַרק פאַרנומען אין שטאָט, האָט ער זיך סוף וואָך קוים אָפּגעריכן און איז אַרויסגעפאָרן צו איר אויף אַ טאָג, אַדער צוויי. ער האָט בעסער ליב געהאַט אין די הייסע טעג פון „מאַרט סעזאָן" אַראָפּכאַפּן זיך צו דער ביורא־טאַבאַק, צו דער קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל", וווּ עס האָבן זיך געקליבן די מאַראָקינערישטן פון בעלוויל, אויסגעהאָרעוועטע, מיט די קנאָביקע פינגער, מיט די שוואַרצע, פאַרוואַקסענע נעגל, פונוואַנען דער לאַם איז קיינמאָל נישט אַרונטערגעקראָבן; ער האָט ליב געהאַט צו זיצן מיט די אַלע, וואָס האָבן שוין די ציין אינעם פאַך אויפגעגעסן, זיצן מיט זיי צוזאַמען ביי אַ גלאָז ביר, וויצלען זיך און אַנדערציילן זיך מעשות „פון יענע צייטן".

היינטיקן זומער אָבער, ווען אַלץ האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט צוליבן קריזיס, ווען די גרויסע „הייזער" וווּ ער האָט געליווערט גאַנצע סטאָקן, האָבן אויפגעהערט אויסצוצאָלן און אויסגעשטעלט טערמינען ביז סוף יאָר, האָט ער פאַרהאַקט די אַטעליע פריער ווי יעדעס יאָר און איז אַרויסגעפאָרן אין דאָרף אַריין אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. ער האָט געוואָלט איבער-

וואַרטן, זיין ווייט פון פּאַריז, כדי דערנאָך, אַז אויסגערוטער, קענען אויפנעמען די אומזיכערע צייט, וואָס האָט זיך אומגעריכט אָנגערוקט. ער האָט עס נישט געקענט פאַרשטיין: אַ ווייל לעבן, אַ פריי לעבן, דער פראַנקגלימשט זיך לייכט פון דער האַנט אַרויס און דאָ נאָדיר — אַלץ בלייבט מיט איינמאָל שטיין. צי האַרפן שוין מאַקע די דאַמען מער קיין סאַקן נישט טראָגן? ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס ס'איז עפּעס דאָרט אין דער מאַשין, אין די הויכע פענסטער, קאַליע געוואָרן אַ שרייפל — ווייל אַזוי האָט ער אַלץ געהערט שמועסן. אין די בלעטער און אין דער פּאָליטיק האָט ער זיך אַלעמאָל ווייניק אויסגעקענט און ס'איז אים נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין אויך. ער האָט געהאַט גענוג אייגענע קאָפּברעכענישן. ער האָט אַלץ געזוכט פּלענער, דער קליינער מוח איז ביי אים געווען אָנגעשרויפט און אין דער סאַמע לעצטער מינוט נאָך איז ער געקומען צולויפן צו בעניין און צווייפּלדיק אים געגעבן אָנצוהערן, אַז איצט, אַרויספאָרנדיק, וואָלט גלייכער געווען אַלץ אָוועקצולאָזן מיטן פייער, אָפּנעמען אין דער אַסעקוראַציע-געזעלשאַפט אַ שטיקל פאַרמעגן און צו ווינטער צו אַלץ אָנהויבן פונדאַסניי; אַ סך האָבן שוין אַזוי געמאַכט און עס האָט זיך זיי איינגעגעבן. אָבער בעני האָט נישט געוואָלט דערפון הערן און גערעדט, איז געבליבן קאַלט און האָט זיך אין די שווינדלערישע עסקים נישט געוואָלט אַריינלאָזן. ער האָט אים אָפּגערעדט דערפון. „אַז ס'איז באַשערט — האָט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין — וועט עס קומען. נאָר נישט פאַרלירן דעם קאָפּ". ער האָט אים אויסגערעדט, בעני, געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז די פון דער אַסעקוראַציע-געזעלשאַפט זענען פונקט אַזוי קלוג ווי אַנדערע און נאָך קלוגער אפשר פון אַנדערע. זיי נאַרט מען נישט. זיי אַנדערע — יאָ.

און כאָטש די אַטעליע איז געווען געשלאָסן אויף זיבן-אַכט וואָכן און אפשר נאָכמער, איז רעכעלע נישט מיטגעפאָרן מיט זיי. זי איז פאַרבליבן איבערן זומער אין איר דעמפּיק האָטעל-צימערל, איין שטאָק נידעריקער ווי די אַטעליע, ווי דער אָנגעגליטער דאַך איז געלעגן איבערן קאָפּ. זי האָט געלעבט מיט אן אייגן משונה-אָפּגעשלאָסן לעבן. די ווענט האָט זי אויסגעצירט מיט סערווועטקעלעך, געבלימלטע פאַרהאַנגלעך אויף די פענסטער און שווערע פאָרטיערן, וואָס האָבן דאָס שטיבל געהאַלטן אין אייביקער פינצטערניש. זי האָט געהאָדעוועט אַ בייזן, געפלעקטן קאָטער, ווי די אַלע קאַנסיערזשקעס, מיט אַ גלעקעלע אויפן האַלדז, וואָס האָט פאַר אַלעמען מורא געהאַט, אפילו פאַר איר אַליין אויך. זי האָט אים, פון גרויס ליבשאַפט, געקניפּן, אויסגעריסן אים שטיקער שערשטש און צערטלעך גערופן אים „פּיפּי". מיט אים האָט זי זיך אויסגעטענהט, געניאַנטשעט אים ווי אַ קינד און די שכנים איבער דער וואַנט האָבן אָפט געהערט אַ ווילדע געיאָמערי. דער קאָטער „פּיפּי" האָט נישט פאַרזוכט עפּעס אַנדערש ווי לעבער און

קליינע פֿישעלעך — עפּעס אַנדערש האָט ער צום מויל נישט גענומען.

גאַנצע טעג איז רעכעלע געלעגן אויפֿן הויך־אָנגעגאַרטן בעט מיט די קישעלעך, געהאַלטן אין דער שויס דעם בייזן קאָטער, געלייענט דעטעקטיוו ראָמאַנען און אילוסטרירטע זשורנאַלן פֿון אַ געוויסן מין. דאָס קליינע קעפּל — קאַרביהט, מיט אָן אַ שיעור לעקעלעך, איז טיף געזעסן אין די שפּיציקע אַקסלען, איינער נידעריקער און דער אַנדערער העכער. געקליידט האָט זי זיך אין לאַנגע, שוואַרצע מלבושים, ווי אַ נאָנע, האָט קיינמאָל נישט אויסגעטאָן דעם בייטש גרויסע, שוואַרצע קרעלן, אַרומגעדרייט אַרום איר דאַרן האַלדז צוויי־דריי מאָל. מיט די שכנים פֿון קאָרידאָרל האָט זי קיין שום מגע־ומשא נישט געהאַט, איז זעלטן אַראָפּ פֿון איר צימערל.

איין רעכעלע האָט מיט איר געניט אויג באַלד דערשמעקט, וואָס דאָ קומט פֿאָר צווישן בעניין און רוזשעלען. מיט דער נאָז האָט זי עס דערשמעקט. זי איז גראָד דעמאָלט געווען אין דער אַטעליע, ווען רוזשעלע איז אַרויפֿגעקומען אַן אומגעוויינלעך־באַלעבאַטע. אָנזאָגן, אַז די וואָך פֿאָרט מען שוין אַרויס אויף וואַקאַנס. זי האָט זיך צוגעקוקט פֿון דער זייט, ווי רוזשעלע, אַן אויסגעפּוצטע, בלאָזט לאַנג אויפֿן בענקל, ביז זי לאָזט זיך אַראָפּ. און גראָד האָט זי אויך געכאַפּט באַמערקן, ווי בעניין פֿאַלט אַלץ פֿון דער האַנט, ווי ער האָט נישט ווו אַהינצוטון זיינע הענט, ווי ער האָט זיך אַליין אינגאַנצן נישט ווי אַהינצוטון. פֿון דעמאָלט אָן האָט זי אָנגעהויבן זיי נאָכצוקוקן פֿונדערווייט. אָבער זי האָט פֿאַר קיינעם נישט גערעדט, נישט ווייזנדיק געמאַכט זיך, האָפֿנדיק צו דערלעבן די אמתע נקמה אין זשאַזעפֿן. אָבער ווען זי האָט געזען אַז בעני הויבט אָן צופֿיל אַריינצוקריכן אין דער אַטעליע, מישט זיך דאָרט, ווו ער האָט פֿריער נישט געוואָגט צוצוגיין, האָט זי אויפֿגעהויבן אַ גוואַלד, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. וועגן דעם, אַז בעני איז אַ גלייכער שותּף צו דער אַטעליע, האָט זי זיך דערוווּסט ערשט נאָך אַלעמען, ווען ער האָט שוין ביי זיך אין קעשענע פֿונלאַנג אַרומגעטראָגן אַ קאָנטראַקט מיט אונטערשריפֿטן. האָט זי פֿון גרויס רציחה אינגאַנצן אויפֿגעהערט צו מישן זיך, אָוועקלייגן די כּוחות אומזיסט און געפּאָדערט מען זאָל איר צוגלייך מיט אַלע אַרבעטער, אויסצאָלן איר לוין יעדע וואָך, זי איז נישט קיינעמס שקלאַף. די אַטעליע האָט איר שוין פֿון איצט אָן מער נישט אינטערעסירט, אָבער דער כּעס האָט געברענט אין איר נאָך שטאַרקער ווי פֿריער.

אין די הייסע, דעמפּיקע זומער־אָוונטן, ווען זי איז פֿאַרבליבן אַליין האָט זיך איר אויסגעדוכט אַז עמעץ שאַרט זיך אַרום די טירן פֿון דער אַטעליע, זי האָט געהערט ווי מען טרעט דאָרט איבער איר קאָפּ. פֿאַרקוועטשענדיק די אויגן און איינגראָבנדיק זיך אין די קישנס, האָט זי שוין געזען, ווי בלויע ציגעלעך רייסן זיך פֿון אַלע ווינקעלעך, אַלץ אַרום איר פֿלאַמט

אויף. זי האָט זיי גוט געקענט דעם טאַטנס פּלעצער...

בענק איז נאָך פאַרבליבן אין שטאָט ביז סוף וואָך צו הערליידיקן עטלעכע קלייניקייטן און שבת נאָכמיטאָג איז ער אַרויסגעפאָרן צו זיי אין דאָרף אַריין. ס'איז געווען פאַרנאַכט, ווען די באַן האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן שטילן, אָפּגעשטאַרבענעם פּראָווינציעלן וואָקזאַל. ער איז אַרויס אויפן פּעראָן און רוזשעלע איז אים מיטאַמאָל אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ בוקעט פעלד־בלימעלעך. זי איז געווען אַליין, אָן זשאַזעפן. אויף די האָר — אַ געבלימלט קאָפּ־טיכל, אַ פאַרברוינטע, מיט פּוכע, אָפּגעדעקטע אָרעמס, אָן זאָקן, אין לייכטע שטוב־פּאַנטאָפל. פון וואָקזאַל ביז צו די קליינע, ווייסע הייזלעך אויפן אַפּרים איז אַ האַלבע שעה אָנגענעמער שפּאַציר, באַרג־אַרויף, אינאַזייט פון די קלעטערנדיקע סאָסנע־וועלדלעך.

דאָס דאָרף איז געלעגן צווישן נישט הויכע בערג, ביי אַ קליין, שטראָמיק וואַסערל. די געגנט איז געווען אַ זאַמדיקע, באַדעקט מיט שיטערע סאָסנע־וועלדלעך. דער רינג ווייסע געקאַלכטע הייזלעך מיט די וועראַנדעס פון פאָרנט, איז ווי אַ נעכט, געלעגן צווישן די בערג, אויף אַ באַגרינטן אַפּריס, איינגעטונקען אין הויבס־סעדער.

געגאַנגען זענען זיי מיט דער אויסגעטרעטענער סטעזשקע, אינדערווייט, ערגעץ הויך, האָבן אין אָנגעפאַלענעם בלוי פון פאַרנאַכט געשימערט די פּייערלעך פון שטעטל און אַרום זיי האָט דער וואַרעמער אָוונט זיך געלייגט מיט לעצטע גאָלד־פלעקן הינטער די וועלדלעך. מאָדנע־שטיל איז דאָ געווען. ער האָט דאָס רעקל פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען, לויז געמאַכט דעם קראַוואַט און אויפגעשפּילעט דאָס אויבערשטע קנעפּעלע פון העמד. ער האָט געשפּאַנט געלאַסן און אַזוי ווי מיטשוועבנדיק, איז רוזשעלע האַלב־געהאַנגען אויף זיין אַקסל. אַ שטיק וועג האָבן זיי געשוויגן, אָנגעפילט מיט שטומען דערוואַרטנדיקן גליק.

אונטערן איינפלוס פון רוזשעלעס נאָענטקייט, האָט ער איצט גיכער גענומען אַכטונג געבן אויף זיין קליידן זיך, איז שוין נישט געווען אַזוי אָפּגעלאָזן ווי אין די ערשטע פּאָר יאָר, ווען ער האָט אַלץ געוואָלט אַריינכאַפּן, פאַרזאָרגן זיך. ס'איז אים איצט אָפּט אויסגעקומען צו פאַרברענגען מיט רוזשעלען צווישן מענטשן, גיין אין אַ קינאָ, אין אַ טעאַטער. ער האָט זיך דעריבער פּינקטלעכער אַרומגעגאַלט דעם שטעכיקן אויסוווּקס, באַמיט זיך גוט אויסצובינדן דעם קראַוואַט, גיין אָנגעטאָן אָרטיק. אַריינקוקנדיק אין שפּיגל אַפּטער, האָט ער ערשט איצט גענומען באַמערקן, אַז די קלייניקע אויפן נידעריקן שטערן גיבן אים צו אַ באַזונדערן חן, ענערגיע און מענלעכקייט; און ער האָט איצט געהאַט אַ פאַרלאַנג געפעלן צו ווערן. אײדער ער איז אַרויסגעפאָרן, האָט ער זיך איינגעקויפט אין אַ מאַגאַזין אויף די גרויסע בולוואַרן אַ העלן, זומערדיקן ספּאָרט־אַנצוג, עטלעכע זיי־

דענע העמדלעך און א חנעוודיקן באד־קאסטיום. מיט שרעק האט ער באקוקט זיינע האריקע פיס, געפרווט זיך פארשטעלן ווי אזוי ער וועט אויסזען, ליגנדיק ביי דער זייט פון רוזשעלען אויפן זאמד. ביים שפיגל האט ער אנגעהויבן צו באטראכטן אין זיך א מאדנע ענלעכקייט צו זיין טאטן, דעם טאטנס שטענדיק־פארכמורעטער בליק, די פארזארגטקייט...

— ס'איז היים אין שטאט — האט ער זיך געווישט דעם שטערן און פעסטער זי א נעם געטון — ווי נאר די באן איז ארויס פון צווישן די פארקאפטשעטע מויערן, האב איך אפגעאטעמט. ס'איז דא לופטיק ביי אייך. פארוואס איז זשאזעף נישט ארויסגעקומען?

— כ'האב אים געשלעפט, אבער ער האט נישט געוואלט מיטגיין. האט ער זיך דא אפגעזוכט א באנדע פראנצויזן און יונגעלייט פון בעלוויל און שפילט גאנצע טעג און אוונטן אין קארטן. ס'איז מיר שוין געווען ארמעטיק אן דיר — האט זי קוקנדיק אויף דער ערד זיך אפן מודה געווען — גיי, מאכט ער, רוזשעלע, צו דער באן, בעני וועט נישט וויסן דעם וועג... דא איז פאראן א שלאס — האט זי גערעדט אפגעריסן — אן אלטער שלאס די ווענט קרישלען זיך. אינדערפרי גייען מיר זיך אלע באדן. ס'איז דא אזוי פריילעך — האט זי פארגעסן אז מיט א מינוט פריער איז איר דא געווען אומעטיק — פאראן דא איינער, כ'זאג דיר, אזא קאמישער... וואס מיר לאכן זיך אלע אן...

זי האט אים געפירט צווישן די שטעכיקע קוסטן פון ווילדע מאלינעס און זי האט זיך כסדר פארטשעפעט דאס קלייד. הינטער זיי, אויפן וועג, איז אלעמאל אנגעפארן אן אויטא, אפגיסנדיק זיי מיט א זייל ליכט און זי האט אים אלעמאל א צי־געטון צו זיך.

איבער דער אפענער ווערשנדע האט זיי שוין זשאזעף אפגעווארט. ער איז געשטאנען א לאכנדיקער, א צעקנעפלטער. דורכן אויסגעשניטענעם לייבעלע האט זיך ארויסגעזען זיין פארוואקסן לייב, די האריקע הענט.

— אונזער בעני איז אפגעמאטערט — האט ער ארויסגעלאכט און געהאלפן אים אריינטראגן דאס וואליזקעלע אין פאדער־צימער — וועסט אים דא אביסל צוזען, רוזשעלע, זאל ער קומען צו די כוחות!

צו אוונט־ברויט האט מען געגרייט דעם טיש אויף דער ווערשנדע. ס'איז געווען אנגענעם נאך אזא הייסן טאג צו דערפילן אויף זיך א דערפרישנדיק ווינטעלע, דעם ווייכן ריח פון עפל פונעם אויבסט־סאד הינטערן הויז. די דארפישע גאס, דער זאמד־וועג, וואס איז שיף געלאפן בארג ארויף, די העלע, שטיינערנע הייזלעך, האבן אונטער דער פאררויטלטער לבנה אויפגעלעבט אין א מיסטיש ליכט. דאס ווינטל האט אנגעבראכט א דופיקן אראמאט פון אקאציע. אין לעבלעכן טונקל, האט מען זיך נאכן אוונט־ברויט געטראגן איבער דער גאס אין טומלדיקע גרופעס. מען האט

געהערט ווי די גאָרטן-טירלעך קלאַפּן זיך צו. עס האָבן געשימערט ווייסע, לופטיקע קליידער און עס האָבן זיך געהערט באַלעבאַטע גערעדערייען. פון אָפן, באַלויכטן פענסטער האָט טינאַ ראָסי זיך געריסן דעם האַלדז פון אַ פּאַטעפאָן אין אַ זיסלעך-סענטימענטאַלן קאָרסיקאַנישן ראָמאַנס וועגן אַ פּיראַט און אַ יונגער קאָרסיקאַנערין. מען האָט דאָרט געטאַנצט. די קליינע, שטיינערנע קירכע אויפן בערגל האָט אויסגעקלונגען די שעה. פון די ווערענדעס אויף דער אַנדערער זייט גאַס, האָבן זיך געהערט טומלדיקע שטימען, האַלב-ייִדיש, האַלב-פראַנצויזיש. לויטן אונטערזינגען, האָט מען זיך גלייך געקענט אָנשטויסן, אַז דאָס זענען ייִדן און ייִדענעס פון בעלוויל.

— „טאַן פּי", מאָריסל! איז נישט געטאַנצט...

— וואָס האָב איך דען געזאָגט, מאַדלען? אַ „טשאַסטע" אַזוי ווי אַלע „טשאַסטעס"... איך מעג זיך נאָך אַמאָל „קאַמעס" מאַכן אַ שפּאַס אויך...

— „לעס מוזאָ", האָק מיר נישט אין טשייניק אַריין! געטראָפן, זעסטו, יעמען צו נעמען פאַרן יאָלד...

זשאָזעף האָט אומגעשפּרייזט איבער דער ווערענדע אין שטעק-לאַטשן אַ פולער, אַ פרייכנדיקער, אָנגעגאָסן מיט אַ זיסער מידקייט אין אַלע גלידער נאָכן אָוונט-ברויט.

— רוזשעלע — האָט ער זי גערופן דורכן אָפענעם פענסטער — איך וועל שוין היינט אין ערגעץ נישט גיין. וועסט מיר דאָ אויסבעטן, איך פאַל פון די פיס. ווילע פראַנצויזן — איך בין מאָרגן ווידער פאַרבעטן צו זיי אויף אַ דערדל.

ווי נאָר די אויגן האָבן זיך אים גענומען קלעפּן, האָט ער שוין געשנאָרכט אויף אַלע זיינע ביי-קעלעכלעך. אַ שטיק דערפאַר אפשר האָט אים רוזשעלע נישט געקענט פאַרטראָגן. די ערשטע צייט, איידער זי האָט זיך צוגעוווינט, האָט זי ביינאַכט קיין אויג נישט געקענט צוטאָן. וויפל מאָל זי האָט אים נישט געוועקט „זשאָזעף, זשאָזעף", האָט ער געגעבן אַ קורצן מרוטש, אַ רעד געטון פון שלאָף עפּעס מכוח דער אַמעליע און האָט שוין ווידער געשנאָרכט. אויף דער ווערענדע, אין דערפרישנדיקן ווינטל, איז אים דער שלאָף זייער זיס געווען. פון דער שכנותדיקער ווילע, וווּ עס האָבן געוווינט פראַנצויזן, האָט זיך באַלד דערנאָך דערהערט, ווי מען קלאַפּט דאָרט צו די לאָדן מיט אַ בייזן טראַסק...

זיי ביידע האָבן זיך געלייגט אַ סך שפּעטער, ווען זשאָזעפס שנאָרכערייען האָבן זיך שוין פון לאַנג געהאַט דערטראָגן צו זיי פון דער ווערענדע. בעניין האָט רוזשעלע אויסגעבעט אויף דער סאָפּקע ביים פענסטער, האָט קלאָר איבערגעצויגן דאָס קישן, די קאָלדרע, געלייגט אַ ריינעם ליילעך און לאָזנדיק ברענען בלויז דאָס מאַטע גלי-לעמפּל, איז זי אַוועק צום פענסטער, וווּ בעני האָט שווייגנדיק אַראָפּגעקוקט צום שלאָפנדיקן דערפל. געקומען

אַהער איז ער מיט אַ פעסטן און פּאַרטיקן באַשלוס, זי נישט אָנצורירן, אָפּוואַרטן ביז אַלץ וועט זיך אויסשטיין. צוביסלעך האָבן מענטשן שוין סיי־ווי אונטערגעפּלאַמפּעוועט אויף זייער חשבון און אויך זשאַזשע אַליין האָט פון צייט צו צייט אומשולדיק זיך געוויצלט איבער זיי. אַז דאָס זאָל צעשטערן זיינע פּלענער וועגן אַ גרויסע אַטעליע אין די רוסישע האַנדלס־געגנטן, ווען ער אַליין וועט אַ נעם טון דעם רודער אין דער האַנט אַריין, האָט ער נישט געוואָלט. האָט זיך אויסגעהיטן. ער האָט אַפילו אַ סך מאָל רוזשעלען פאַרבייגעלאָזן, נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט איר אין די אַלטע ערטער, ווו מענטשן קענען זיי באַמערקן. אָבער אַצינד, אַז אויסגערוטער, ווייט פון דער שטאָט און פון די געשעפטן, פאַרנעמענדיק דאָס שטילע שווּדערן און דעם ווייניקן אַראָמאַט פון די עפּל־ביימער הינטערן הויז, האָט ער דערפילט, אַז ער איז שוואַך ווי אַ קינד. ער האָט דערפילט די ווייבערישע וואַרעמקייט נאָענט לעבן זיך, דעם אָפּברעקענדיקן אָטעם אירן, וואָס האָט אַ שלאָג געטון איבער אים. בלייבנדיק אָפּגעטיילט פון איר בלויז מיטן פאַרהאַנג, האָט ער געפילט אַז זי קען קיין איין וואָרט מער נישט אַרויסברענגען און ער האָט, דוכט זיך, אויך פאַרנומען דאָס הויכע שלאָגן פון איר האַרץ. דער זיסער נעפּל האָט זיך שוין מער נישט אָפּגעטון פון אים. דאָס ווינטל האָט אַנגענעם געקילט זיין ליב אונטערן לייכטן העמדל. בלינדערהייט איז ער נאָכגעגאַנגען אירע שוועבנדיקע טריט ביז דער הינטערשטער וועראַנדע, אין סאָד אַריין. אין דער טונקל האָט ער זי מער נישט געזען. פאַר אים האָט בלויז געשימערט איר העל קלייד, אירע אָפּגעדעקטע אָרעמס, איר שטילער, ווייכער טראָט איבערן גראָז האָט אים פאַרלאָקט.

— בעני — האָט זי אים ווייך געמורמלט, צופאַלנדיק צו אים — בעני... — און מער האָט זי נישט געקענט.

אויף די הענט האָט ער זי דורכן פינצטערן סאָד אַוועקגעטראָגן איבער דער גראָז־אַליי, צווישן די קוסטן; קיין צווייג האָט נישט געשאַרכט איבער זיי און זי איז אים גרינגער געווען ווי אַ פעדערל. ער האָט זי געטראָגן, ווי אַ חיה, וואָס טראָגט אַוועק אויפן רוקן די פאַרציקונג. איר האַנט איז געווען פאַרוואָרפן אַרום זיין האַלדז, איר הייס פּנים — איינגעגראָבן אין זיינס און ער האָט מערניש געפילט דעם נאָגנדיקן ווייטיק אין לינקן אויער פון אירע שאַרפע, איינגעביסענע ציינדלעך.

— ייִנגל, ייִנגל מיינס — האָט זי אים הייס געמורמלט — ביסט אַזאַ שטאַרקער... איך האָב ליב שטאַרקע... וועסט מיך אייביק ליב האָבן, אַיאָ? אייביק...

דאָס צוויטשערן אין גראָז האָט זיי איבערגעוועקט. אין דער גאָרער האַלב־נאַכטיקער שטילקייט האָט ערגעץ אַן איבערגעלאָזענע צווייג אַ

קרעכץ־געטון און די שטייענערנע קירכע אויפן בערגל האט פאמעלעך אויסגעקלונגען די שעה.

— טאמער וועקט ער זיך דארט איבער — איז ער געווען אומרואיק.

— ער האט א פעסטן שלאף. קיין זאך וועט אים נישט איבערוועקן, ווען ער שנארכט.

צום אויסגעלאשענעם הויז זענען זיי דערנאך אוועק באזונדער. זי איז אריין די ערשטע און אפווארטנדיק אים אויף דער שוועל, לאנג נישט געקענט אפרייסן אירע ליפן פון זיין האלדז.

— הערסט ווי ער שנארכט? דא גלייך טרעט. ניין, וועסט זיך אנשלאגן אין טיש. מארגן אינדערפרי גייען מיר צו דער פליאזשע. ב'והעל דיך וועקן!

אויסגעליידיקט פון אירע ווילדע צערטלענישן, מיט א מידן רויש אין די אויערן, איז ער באלד איינגעשלאפן.

דער שטארקער גאס־רעגן און די מוראדיקע דונערן פארן פענסטער, האבן אים איבערגעוועקט. ס'איז שוין געווען גרויסער טאג און די עלעקטרי אין צימער האט איבער עפעס געברענט. זשאזעף, פארוויקלט אין א קאלדרע, א האריקער און א שוועבערדיקער, איז געקומען אריינצולויפן פון דער ווערענדע. ער האט פארביי אים דורכגעאיילט אין צימער, ווו רוזשעלע איז געשלאפן. בעני איז צופרידן געווען וואס זשאזעף האט נישט באמערקט, אז ער איז וואך. דער זומערדיקער רעגן האט געשוועקט די פארהאקטע שויבן אן ערך א האלבע שעה, און איז דערנאך מיט איינמאל שטיל געבליבן. מער האט שוין בעני קיין אויג נישט געקענט צוטון. און ווען די זון האט א שיין געגעבן אין ווינקל סיפיט, האט ער זיך אויפגעריסן, געכאפט עפעס אויף זיך און איז ארוים אויף דער ווערענדע. די אנגענעמע קילקייט נאכן רעגן האט דעם טשאד אין קאפ ביי אים גענומען אויסלייטערן. די פארגאנגענע נאכט האט אים אויסגעזען אזוי ווייט און אזוי נעפלדיק. „נו, ס'האט זיך, הייסט עס, אנגעהויבן, אויף אן אמת אנגעהויבן", — האט ער אפגעריסן געטראכט — „און קיין צוריק, ברודער, איז שוין נישטא. זאל זיין". נאשלאסן האט ער אבער, פעסט באשלאסן, אז מארגן באלד אינדערפרי פארט ער צוריק אין שטאט אריין.

ביים פרישטיק האט ער זיך נישט געקענט באפרייען פון אירע אפבריענדיקע בליקן פונדערווייטן. זי האט געהאט שמייכלענדיקע חן־גריבעלעך און געווען איז זי אין א ראז סיטצן קליידל, מיט אפגעדעקטע הענט; זי האט אים אצינד אויסגעוויזן נאך מער באחנט, ווי די גאנצע צייט זינט ער קען זי. און ווען זשאזעף האט זי, ווי אלעמאל, פאר אים אין די אויגן, צוגעצויגן צו זיך און כאבאטשענדיק געקושט, האט ער געפונען עפעס אן אויסרייד און איז באלד אוועק אין סאד אריין. זי האט אים אבער באלד אויפ-

געזוכט אין סאַד און מיט אַ שמייכעלע, וואָס געהערט נאָר זיי ביידן, האָט זי אים צוריק אַוועקגעזעצט בײַם טיש. סוף כּל סוף איז זי געווען די ער־שטע פרוי, וואָס האָט זיך מיט געוואַלד אַרײַנגעריסן אין זײַן אָפּגעשלאָסן, איינזאַם בחוריש לעבן. זי האָט צעגאָסן שמעקנדיקע קאַפע אין די וואַזע־לעך און זשאַזשעפּן האָט זי אָנגעזאָגט:

— וועסט דאָ אַ ביסל אויפראַמען פון טיש. מיר גייען צו דער פּליאַזשע.

פון יענער זײַט פּלויט האָט זי נאָך אים באַפוילן:

— זאָלסט נישט קומען נאָך מיר, הערסט? צו מיטאָג וועלן מיר זײַן צוריק. בעני לערנט מיך אַ ביסל שווימען.

אַ לייכטע, אַ שוועבנדיקע, האָט זי אַראָפּגעטענצלט דורכן טאָל, פאַר־בײַ די סעדער, צו דער ליכטיקער פּליאַזשע בײַם שטראָמיקן טײַכל. זי איז געלאָפן איבערן שטויב מיט באָרוועסע פיס און ער האָט זי קוים דעריאָגט. נאָך אַ שטיק פאַר די זאַמדן האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס לייכטע קליידל און איז געבליבן אין אַ בלויען, טיף־אויסגעשניטענעם באָד־קאָס־טיום, איבער דער שמאָלער פּלייצע פאַרנומען אין אַ קרייץ מיט בענדעלעך. דער נישט הויכער ביוסט האָט זיך בולט אויסגעטיילט. זי האָט אַרויסגע־לאָזן אַ קוויטש, ווען ער איז, אַן אויסגעטועטער, אַ גיי געטון פאַרבײַ איר צום וואַסער, האָט זי געכאַפּט אויף די הענט און צוזאַמען מיט איר אונטער־געטונקט זיך. דערנאָך זענען זיי לאַנג געלעגן אין אויסגעבריטן זאַמד. איר הענטל האָט זיך געשפּילט מיט זײַנע ברוינלעכע שויבערן און זי האָט גע־רעדט אימעטיק:

— פאָר נישט אַוועק, בעני. ניין, וועסט נישט פאָרן. איך וויל עס נישט.

— איך מוז זײַן אין שטאָט, נאַרעלע. די אַמעליע איז אויף הפקר. פאַר רעכעלעך האָב איך מורא. ווער ווייסט וואָס זי קען נאָך דאָרטן אָפּטון. זי איז פּעיִק אויף אַלץ — קענסט זי נאָך נישט...

אויפן ליידיקן, אויסגעקאַרטשעוועטן שטח האָבן זיך דאָ איבערן זו־מער אויפגעהאַלטן אין בײַדלעך אַ גרופּע יונגעלײַט און מיידלעך. זיי האָבן דאָ געהאַט זייער קאַסינאָ און אַרום אַ בינטל ביימער — אַ קליינע אויס־געפּלאַסטערטע עסטראַדע. אינאָוונט האָט אַ פּאַטעפאָן געשפּילט טאַנץ־מוזיק און האַלב־נאַקעטע פּאָרלעך האָבן זיך געדרייט. נאָכן אָוונט־ברויט זענען אַלע דאַטשניקעס פון דערפל אַרויסגעקומען צום לאַגער. רוזשעלע האָט זיי ביידן מיטגעשלעפּט אַהין. עס זענען אָנגעצונדן געוואָרן פײַ־ערן פון טרוקענע צווײַגן, מען האָט געזונגען אין כאָר און די קליינע באַ־לויכטענע עסטראַדע איז פול געווען מיט טומל פון יונג און אַלט. פון די פינצטערע וועראַנדעס אויפן אָפּריס האָט דאָס פייער אין טאָל און די טאַנץ

מוזיק צוגעצויגן. אין לאַכנדיקע און טומלדיקע גרופּעס האָט מען זיך כסדר באַוועגט איבערן טראַקט, אונטער דער לבנה-שײַן. זשאַזשע איז פֿאַרבליבן צווישן די לאַכנדיקע בעלווילער ווײַבלעך און יונגעלײַט, וואָס האָבן דערציילט וויצן, באַקלאָגט דעם ביטערן „מאַרט-סעזאָן“ און זיי מיט בעניין האָבן זיך אויסגעמישט מיט די טאַנצנדיקע פּאַרלעך.

באַלד צומאָרגנס איז בעני צוריקגעפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן.

קאַפּיטל צוועלף

דאָס ערשטע מיידל אין האָטעל

אויסגעפֿאַלן איז עס ווינטער-צײַט, נאָכן ביטערן, אַרבעטסלאָזן זומער, ווען צווישן די פֿינצטערע דורכגענג צום הויכן בעלוויל האָבן פּלוצים אַ בלענד-געטאָן מיט אַ באַזונדערער יום-טובֿדיקייט די ליכטיקע שויבן פֿון יידישן אַרבעטער-קלובֿ און עס האָט דאָרט אַ רויש-געטאָן מיט היימישן, יונגן געטומל. די אײַנגעגעסטיקטע יידישע און פֿראַנצויזישע אָרעמקייט האָט זיך דאָ נײַגעריק צוגעקוקט, ווי איבער די אויסגעבראָכענע שטיגן פֿון דער רויער, רויט-ציגלדיקער פֿאַבריק-חורבה איילן אַרויף און אַראָפּ פֿלינקע יאַטן אין אָפּגעטראָגענע מאַרינאַרקעלעך און פֿאַררוקטע קאַשקעטן. זיי ברענגען פֿון ערגעץ אָנצושלעפּן בענק, טישן, לייטערס, ווײַסן אויס די ווילגאַטנע ווענט און סופּיטן באַצירן זיי מיט פּאַפּירענע קרענץ און פּאָרטרעטן, שטעלן איבער די ווענטלעך און הייבן די אײַנגעטרעטענע פּאָדלאָגע פֿון דער אײַנגעגעסענער בלאָטע. אויפֿהויבנדיק זיך מיט די אַרומגעבראָכענע שטיגן צום דורכגאַנג-הויף, אַרומגעשטעלט מיט מויערן, האָט שוין איצט אָוונט-צײַט אַ הילך-געטאָן פֿון אינעווייניק אַ פֿריילעכער און ליכטיקער רעש.

די דערעפֿענונג איז פֿאָרגעקומען אָנהויב סעפּטעמבער, אין אַ פֿאַרכמאַרעטן זונטיק-נאָכמיטאָג. אויפֿן פֿייערלעכן באַנקעט לכבֿוד דעם דערעפֿענען דעם קלובֿ, האָבן אַלע מיטאַמאָל באַמערקט זשאַקלען אין אַ ניי, אויסגעוואַקסן אָנצוגל, אין אַ האַרטן קאָלנער, וואָס האָט זיך אים שאַרף אײַנגעשניטן אונטער דער פֿריש-אויסגעגאָלטער גאָמבע. ער איז פֿײַערלעך געשטאַנען בײַ דער טיר, דורך וואַנען דער עולם האָט זיך געפּאַקט, און האָט אָפּגעריסן די בילעטן. עמיצער פֿון די לצים דאָ, נישט קיין אַנדערער פֿאַרשטייט זיך, ווי יאַשקעלע, האָט אים פּאָר אַלעמען אין די אויגן אַ פֿרעג-געטאָן, וואָס ס'איז אויף אים די גדולה און צי גרייט ער זיך נישט אַמאָל

אויף אַ זעעניש מיט אַ כלה. און זשאַקל האָט, פאַרלירנדיק דעם בליק אויף דר'ערד, ליכט זיך געריוטלט און געלאַכט מיט אַ ווערגנדיק געלעכטערל.

— און אַז יאָ — קרענקט עס דיר?

אָבער דער אמת איז פאָרט געווען, אַז אויסגעפוצט האָט ער זיך דאָס-מאָל נישט נאָר צו דער פייערלעכער דערעפענונג פון קלוב, נאָר אויך צוליבן נייעם לאָקאַטאָר, וואָס איז אומגעריכט צוגעקומען אין זיין פאַרחור-שב'טן האָטעל „פעקין". געווען איז עס אַ הויך, דאַר מיידל, אַ גייטערקע וואָס האָט זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט אַריבערגעפּעקלט אַהער פון פוילן. זי איז אַריינגעפאַלן אַהער קיין פּאַריז צו עפּעס אַ מומע, איז אָפּגעווען ביי איר צוויי טעג, ביז זי האָט אָפּגעזוכט זשאַקלען און דערנאָך האָט ער עס זי שוין געבראַכט צופירן אין זיין נאָמענלאָזן האָטעל-אַריין. מיט דעם מיידל איז צוגעקומען נאָך איין „בלינדער פּאַסאַזשיר". ער האָט געבראַכט אַנצושלעפּן איר וואַליזע, אָפּמאַכנדיק האַלב אויף שטום-לשון מיטן אַלטן „קאָנסיערזש", אַז אויך דער נייער לאָקאַטאָר איז נישט פון די, וואָס האָבן פאַרצייכנט ווערן אין די ביכער. אַ צימערל האָט זי פאַרנומען אין עקסטן ווינקל קאָרידאָר, בשכנות מיט זשאַקלען.

פונוואַנען זי האָט זיך דערנומען אַהער האָט יאַשקעלע נישט אָנגעהויבן צו ווּסן. דערשמעקט האָט ער עס אָבער באַלד אינעם ערשטן אָוונט, ווען זשאַקל האָט זי געבראַכט אָנצופירן. אין דעם אָוונט איז עפּעס זשאַקל לענגער אָפּגעשטאַנען ביים אָפּגעקראַצטן שאַפע-שפּיגל און אויסגעגאָלט זיינע שיטערע, בלאָנדע הערלעך. ער האָט פון ערגעץ אַרויסבאַקומען אַ געפּרעסט העמדל און צורעכט געמאַכט זיך דאָס צעקנייטשטע קעלנערל, די קלאַפּקעס פון דער אָפּגעטראָגענער מאַרינאַרקע. און ווען זשאַקל איז אַזוי געשטאַנען, אַ צוגעפּוצטער, מאַכט זיך אויף די טיר און עס פּאַלט אַריין יאַשקעלע. ליכטן געמיינעם שמייכל, האָט מען זיך גלייך געקענט אָנשטויסן, אַז ער ווייסט שוין עפּעס.

— אין אַנדערן צימער איז עפּעס ליכטיק... ווייסט נישט, אַ נייער לאָקאַטאָר? — האָט ער, אַרומקוקנדיק זשאַקלען פונדערזייט, באַקומען שמייכלענדיקע אויגן-שפּעלטלעך.

— אַזוי... אַ מיידל, אַ באַקאַנטע נאָך פון דער היים... איך האָב זי האָ געבראַכט צופירן — און זשאַקל האָט זיך גענומען פינקטלעכער ווי אַלעמאָל, אויסצובינדן דעם קראַוואַט. אָבער דער קראַוואַט איז שוין געווען היבש צעקנייטשט און אויסגעצויגן און האָט זיך בשום-אופן נישט געוואָלט אויסבינדן לייטיש.

— איי, ביסט אַ שלימזל! אַז מען האָט צוטון מיט אַ מיידל, דאַרף מען זיך אויסטויגן צום קראַוואַטל אויך. קום אַהער, כ'וועל דיר צורעכט-

מאַכן. זי איז כּמעט עפּעס אַ שיינע ? — מאַכט ער צולעצט, פֿאַרענדיק זיך אַרום זיין קראַוואַט, ווי נישט דאָס איז דער עיקר.

— אַזוי זיך... איך מאַך זיך צורעכט אויף מאָרגן, צום באַנקעט...

— דו פֿאַרהער מיר נאָר נישט די ציין... האָט יאַשקעלע אַרויסגעלאַכט — אָבער מיט אַזאַ הילוך וועסטו סיי־ווי גאָרנישט אויפֿטון...

אויסגעבונדן אים ליטוויש דעם קראַוואַט, האָט זיך יאַשקעלע גענומען אָפּציִען אים דאָס מאַרינאַרקעלע. ער איז צופֿרידן געווען, אַז ער קען אים מיט עפּעס דינען, אַוועקגעשלעפּט אים אין „קאַראַ די מאַמפּל“ און איינגעהאַנדלט פֿאַר אים דעם אויסגעוואַקסענעם אָנצוג, אין וועלכן ער האָט זיך באַוויזן אויפֿן באַנקעט; און צומאָרגנס, ביי דער פֿייערלעכער דערעפֿענונג, האָט זיך זשאַקל נישט אומזיסט געפֿילט אַזוי יום־טוב'דיק — אַז דער אַרבעטער־קלוב, אַז דאָס איבערגעוואַקסענע מיידל, וואָס גערופֿן האָט זי זיך קריינדל, האָבן אין זיין איינזאַם פֿאַריזער עמיגראַציע־לעבן נישט קיין קליינע ראָלע אָפּגעשפּילט.

פֿון דעמאָלט אָן האָט יאַשקעלע אַלע מאָל באַגעגנט זשאַקלען אַרויסגיין איבער די שטיגן מיט אַ הויך, חאַר מיידל. דאָס איבערגעוואַקסענע מיידל האָט אויף אַ שטיקל צייט אַריינגעבראַכט אַ לעבעדיקייט אינעם אָפּגעלעגענעם האָטעל. דאָס קאָרידאָרל האָט אָנגעצייכנט, ווען אַלע זענען זיך צונויפֿגעקומען פֿון דער אַרבעט, צוריק אויפֿגעלעבט. די טירן האָבן זיך געהאַלטן אין איין אויפֿמאַכן און צוקלאַפּן. מען האָט געהערט פֿון אינעווייניק ביי איר, ווי ס'זידט אַ משיניק, ווי ס'קלינגען אַזוי היימיש גלעזער, שיסעלעך. דאָס אומעטיקע צימערל מיט די אָרעמע־שוואַרצע ווענט, וואָס דאָס מיידל האָט פֿאַרנומען, האָט זיך אינגיכן געענדערט, נישט צום דערקענען; טערוועטקעלעך, פֿאַרהענגלעך, טישטעכלעך און אַ פּינקטלעך־צוגעגלעטע בעט. ס'איז אָנגענעם געווען פֿאַרן אויג און אַזאַ וואַרעמקייט האָט אָרומגענומען זשאַקלען, אַז ס'האָט זיך אים גאָרנישט געגלוסט אַוועקצוגיין צו די גרויע פֿינצטערע ווענט פֿון זיין איינזאַם, בחורי'ש צימער.

אַז יאַשקעלע האָט זיך נאָכדעם אַריינגעשטעלט צו זשאַקלען, האָט ער זיך פֿריִער איינגעהערט און דערנאָך פֿאַרזיכטיק אָנגעקלאַפּט. פֿרעמדיק ביידן פֿאַרטון אין אַ שמועס, האָט ער זיך איידל צוגעזעצט אויף אַ שפּיץ שטול און האָט זייטיק, פֿון הינטער אירע פּלייצעס, אַ ווונק־געגעבן צו זשאַקלען, אַ גנבֿיש ווונקעלע, וואָס האָט אומגעפֿער געזאָלט באַדייטן:

„אָט דאָס איז זי ? אַבי איך האָב געמיינט...“ אָבער זשאַקל האָט אַרויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַראָפּגעשלונגען אַ שמייכל און מער נישט געוואָלט צונויפֿטרעפֿן זיך מיט יאַשקעלעס פֿאַרשעריִשע בליקן. ביידע, זשאַקל און דאָס הויכע, האַרע מיידל זענען כּסדר פֿאַרנומען געווען מיט איינאָרדענען דעם קלוב. ביז אַ שטיק אין ווינטער אַריין, ווען דער הונגעריקער עולם פֿון בעל-

ווײַל איז אַהער אַרויפֿגעקומען אַפֿעסן דאָס ביסל שימערע געקעכץ, איז נאָך דאָ אַלץ געווען אַזוי ווי אויף דערווײַל, פּראָוויזאָריש. אַצינד האָט מען באַדאַרפֿט נעמען זאָרגן וועגן אַ לייען-זאַל, אַ דאָמינאָ, אַ שאָך, פֿאַרבינדן אַ רעפֿערענט, זאָרגן וועגן אַ ווירטשאַפֿט-קאָמיסיע. זשאַקל איז געווען אומעטום, געאַרבעט אין אַלע קאָמיסיעס, אין דער קולטור-קאָמיסיע , אין דער ווירטשאַפֿט-קאָמיסיע. און אויך זי, קרײַנדל, האָט זיך באַלד אַרײַנגעוואָרפֿן מיט לײַב און לעבן אין דער אַרבעט. זי איז געווען אין קאָמיטעט צו שטיצן די פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס זענען כסדר געקומען פֿון פּוילן און פֿון אַנדערע לענדער. זי האָט מיטגעאַרבעט אין די פּרעסע־פּרײַנט, אַרומגעלאָפֿן זאַמלען פֿאַר דער מאָגערער אַרבעטער־צײַטונג, וואָס איז דערשינען צוויי מאָל אַ וואָך.

יאָשקעלע האָט זיך מיטאַמאָל דערפֿילט איבעריק צווישן זיי. האָט זיך שוין איצט געשעמט אויסצושיטן זײַנע חכמהלעך פֿאַר מײדל אין די אויגן, אָבער אין קלוב איז ער געווען אַן אייגענער און אַלע שווערע אַרבעטן האָט ער זיך אונטערגענומען צו טון.

דאָס איבערגעוואַקסענע מײדל, קרײַנדל, איז מיט אַ לענגערער צײַט צוריק געהאַט אַרײַנגעפֿאַלן קיין פּאַריז; צוגעפּאַרטיקט זיך מיט דער איבערגעטריבענער פֿרײַנטלעכקייט פֿון די גוטע מומעס און העפֿלעכע קוזינען, האָט זי שוין בײַם צווייטן אָוונט-ברויט אויפֿגעכאַפּט די זייער באַלערנדיקע עצות פֿון דער קלוגער מומע לואיז, וואָס אין דער היים האָט מען זי גערופֿן לאהלע די גבאיטע — אַ פֿאַרנעמע פֿרוי מיט גוידערס, רינגלעך און כוואַליענהאַפֿט אָנדולירט האָר:

— הער מיך אויס מיט קאָפּ, קרײַנדל! אין פּאַריז דאַרף מען זיך נאָר אויסטויגן! מען עסט אָפּ דעם ערשטן מיטאָג בײַ קרובים, מען פֿרעגט זיך נאָך וווּ ס'איז דאָ פֿאַראַן אַ רעסטאָראַן, אַ האָטעל און מען גייט זיך גלײַך זוכן אַ סיטואַציע!...

דאָס נישט זײַן אין אָרדנונג מיט די פּאַפּירן, דאָס קומען „געשוואַרצט“, אויף טריף, האָט די מומע לואיז שוין גאָר לחלוטין נישט פֿאַרשטאַנען:

— דאָס יונגוואַרג, ווײ איז מיר... וואָס הייסט ? און טאָמער פֿאַלט אײַן דעם ערשטן־בעסטן פּאָליס צוצוגיין און אָפּשטעלן דיך... ווי אַזוי וועסטו אויסזען ?

מיטן אויסזוכן זיך אַ האָטעל ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, האָט זי אָבער באַלד נישט געוואַרט אויף די באַלערנדיקע עצות פֿון דער קלוגער מומע לואיז — די „אינטעליגענטישע“, די ברייטע מאַדאַם, די שטרענגע מאַמע פֿון דרײַ פֿראַנצויזיש־רעדנדיקע טעכטערלעך, וואָס זענען דאָ געווען באַשעפֿטיקט אין ביוראָען, אין מאָדע-מאַגאַזינען, אין פֿילם-געזעלשאַפֿטן.

גלייך אויף דעם אַנדערן טאָג האָט זי אָפּגעפונען זשאַקלען, וועלכן זי האָט נאָך געקענט פון דער היים, און ער האָט זי שוין געברענגט צופירן אַהער אין האָטעל אַריין: און דאָ, אינעם צימערל מיט די פאַרקאָפּטשעטע ווענט, האָט דאָס מיידל מיט דער גאָלדענער „קאָראָנע" אין סאַמע פראָנט פון איר מויל, צום לעצטן מאָל זיך פאַראַנקערט מיט איר צעשטויסענער וואַליזע.

זי איז געווען אַ ספּריטנע, דאָס מיידל, האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר גילדענע הענט און איז פאַרבליבן דער זעלבער עקשן פון אַמאָל. מיט יאָרן צוריק, איז זי איינמאָל געהאַט אַנטלאָפן פון דער היים, האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַרשע פון עם טאַטן, דעם ווילדן חסיד, וואָס האָט זי, קוים אַ דרייצן-יעריקע, געוואָלט פאַרקנסן מיט עפּעס אַן אויסגעווייקטן ישיבה-בחור. אירס אָבער האָט זי אויסגעפירט, — זי האָט זיך נישט געלאָזט בלינד צוהענקען דעם קאָפּ, אַלעמען אויף צולהכעיס, אַנגעדונגען זיך אויף דער לער צו צוויי עלטערע פריילנס, נייטאָרנס, אויף דער ניזקע גאַס. אינאָוונט האָט זי אומגעשוווּמען איבער די טומלדיקע אַרבעטער-בערזעס, אויף דער דזיקע און אויפן מוראַנאָוו, איז בייגעווען אויף אַלע קאָנספּיראַטיווע „סבאָדקעס", האָט אָנגעהערט צו אַ זעלבסטבילדונג-קרייז און איז פאַרליבט געווען אינעם בחור מיטן סאַטינענעם העמדל — דעם אָנפירער פון קרייז. אַנטפּלעקן פאַר אים איר האַרץ האָט זי אָבער נישט באַוויזן, ווייל מ'האָט אים איינמאָל, אינמיטן נאַכט, אַראָפּגענומען פון עפּעס אַ קאָנספּיראַטיווער דירה און איינגעזעצט אים. הערמיט האָט זיך אַלץ פאַר איר געענדיקט.

פון דעמאָלט אָן האָט זי אויסגעמיטן יעדע נענטערע באַקאַנטשאַפט, האָט אַפילו צוזאַמענגענומען אַ גרופּע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אויך געבונטעוועט קעגן זייערע פאַנאַטישע עלטערן, ווייל מ'האָט זיי געוואָלט יונגערהייט „צודעקן די קעפּ" און אַלע האָבן זיי ביי זיך פעסט אָפּגעמאַכט קיינמאָל נישט חתונה צו האָבן. אָבער ביסלעכווייז האָבן די מיידלעך אויפגעהערט צו ווייזן זיך און אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט מען איינע פון זיי באַגעגנט פירן זיך מיט אַ קינדער-וועגעלע אין גאָרטן, אַן אַנדערע האָט מען געזען אַרומשפּאַצירן אויף די „פּרינציפּאַלנע" גאַסן; אַ דריטע, האָט מען דערציילט, האָט גאָר חתונה געהאַט אין אַ שטעטל אַריין פאַר אַ „טאַטנס אַ קינד", אַ פיינער יונגערמאַן, מיט סמיכות אויף רבנות.

ס'האָט זיך אַפילו איינמאָל געמאַכט, אַז אינעם דאַך-שטיבל אויף דער גענשע, וווּ זי האָט שוין געהאַט אירס אַן אייגענע מאַשין, האָט אָפּטערם אָנגעהויבן אַריינצוקומען אַ גאַנץ לייטישער יונגעמאַן, אַ שוסטער פון פאַך. ער איז אַזוי אומשולדיק זיצן-געבליבן אויף אַ שפּיץ שטול ביז שפּעטלעך, האָט זי האַרט אָנגעקרעכצט וועגן דער איינזאַמקייט אין לעבן, וועגן אַ תכלית און בכלל — וועגן דער בימערער אויסקומעניש פון אַ

מענטש ביי היינטיקע צייטן. אויסגעהערט האָט זי אים נישט גערן, נישט געבעטן אים זיצן און האָט אים אפילו נישט מכבד געווען מיט קיין גלאָז טיי. די שכנות, יידענעס מיט בלויע ליפּעלעך, האָבן שוין אומשולדיק גענומען פֿאַרבלאָנדזשען צו איר, אויסצובאָרגן כלומרשט אַ גלעזל זאַלץ, אַ פֿאַרסאַדזשעטן ראַנדל.

— וואָס טרייבן זי דעם יונגנמאַן פֿון דער שוועל אַראָפּ ? — האָבן זיי זיך מוטערלעך אונטערגעבייזערט — צ׳זענט דאָך אַ גזלן אויף זיך אליין... אייביק, מיינען זי, שטייט די פֿאַרב אין די באַקן ? דער יונג איז אַ נילדענער פֿאַרדינער ! ער האָט דען אַ גאַל, דער יונג ?

זי האָט זיי געטריבן פֿון דער שוועל אַראָפּ, די ווייבער, און אָפּקריגנדיק זיך, פֿאַרקלאַפּט נאָך זיי די טיר מיט אַ טראַסק.

די יידענעס זענען דאָרט שטיין געבליבן און האָבן פֿאַרצווינגן מיט די שנעבעלעך.

נאָכן אָפּקריגן זיך, האָט זי נערוועז פֿאַרדרייט אַ לעקעלע פֿאַרן שפּיגל און איז שטאַרק צופֿרידן געווען פֿונעם בייזן צולהכעיס. צווישן די פֿלאַצן פֿון אַלטן שפּיגל האָט געציטערט דאָס בלייכע, מאָגערע פּנים, אירע שפּיציקע אַקסלען און ווי אין אַ כמאַרע רויך זענען אומגעשוואומען אירע פֿאַרלאָשענע אויגן. איר איבערגעוואַקסענע פיגור האָט געקרעכצט איבער די פֿאַרלאָזנ-ברעטער.

זי האָט געשפּאַרט אַ גראַשן צו אַ גראַשן, אַלצדינג אַראָפּפֿאַרקויפֿט פֿון זיך, פֿאַרהאַנדלט די ניי-מאַשין און מיט דער הילף פֿון מאַכערס און פֿאַלשע פּעסער, אַריבערגעשמוגלט זיך קיין פּאַריז.

אין אירע וואַסערדיק-פֿאַרבלוטע אויגן איז נאָך געזעסן די ווייטע צערודערטקייט פֿון די אַלע פּריש-אָנגעפּאַרענע פּוילישע בחורים און מיידלעך, וואָס פֿאַלן אַזוי אומגעריכט אַראָפּ אינדערמיט פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן געליאַרם אויפֿן „נאָרד"-וואָקזאַל, אין פּאַריז.

אין אַ נעפּלדיקן פֿאַרנאַכט פֿון שפּעטן האַרבסט האָט זי צום לעצטן מאָל געשלעפּט איר טשעמאָדאַנעס באַגאַזש איבער איינער פֿון די בויגנדיקע בריקן פֿון דער סען. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט צו פֿאָרן מיט דער מעטראָ, נאָכגעקלונגען אין די קעשענעס מיטן ביסל פֿאַרבליבענעם קליינגעלט און האָט גלייך פֿון אָנהייב אָן באַשלאָסן, אַז צו די קרובים מיט זייערע זיסע ריידעלעך וועט זי מער קיין פֿוס נישט אַריינשטעלן.

דער קילער ווינט פֿון טייך האָט לייכט צעבלאָזן די ברייטע ראַנדן פֿון איר זומערדיק-אָפּגעטראָגענעם פֿרעמדן, פּוילישן הוט. שווימענדיק אין ווייכן נעפּל אַריין, האָט זיך דער שפּיציקער פּלעק פֿונעם מיידל פֿאַרלוירן צווישן אַ שורה טאַקסים מיט אויסגעלאָשענע בוידן.

זי האָט זיך געמיאוסט פֿון האָטעל-בעטגעוואַנט, וואָס איז געווען אָנ-

געזאַפּט מיט פֿרעמדע מײַכלע ריחות; און ביז זי האָט נישט אַלץ אויסגע-וואַשן, איבער־געצויגן אויף ווײַן, איז זי די ערשטע נעכט געשלאָפֿן דערווײַל אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע, אונטערגעבעט מיט איר שווערן, ווינטערדיקן פּאַלטאָן. צום רינג פֿינצטערע שטאָקן און דעכער האָבן פֿון די טונקלדיקע קאַפּעס אינעם געסל אַרויסגעהילכט צו איר אָפּגעריסענע האַריאַ-גרילצן, גערעדערייען און האָבן זי נישט געלאָזט צו-רו מיט קיין אויג. אי-בערן סופֿיט זענען אומגעלאָפֿן פֿאַרבלאָנדזשעטע ראָזע און גרינלעכע ליכט-העלעך און פֿון דינעם, מידן הרעמל האָט זי אַלעמאָל איבערגעוועקט דער טויבער רימש, וואָס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט צווישן די דיקע, אַלטע מײַערן.

דערנאָך איז זי געקומען איינמאָל מיט צוויי טאַבורעטלעך און דאָס טישל האָט איר זשאַקל נאָכגעטראָגן. אַ פּאַרטייעטער, מיט אויפֿגעשטעלטע קלאַפּקעס, האָט ער זיך דאָ אַזוי אומשולדיק אַ זעץ געטאָן אויף איינער פֿון די טאַבורעטקעס. אין בלויען שמייכל, האָט ער אויפֿגעמאַכט דאָס מויל, אַרומגעקוקט די נאַקעטע ווענט און האָט שוין דערנאָך גערעדט סתם אַ.יו און אַביסל אומעטיקלעך:

—פֿרעמדע ווענט האָבט זיך, און מען פֿילט זיך ווי נישט דאָ היימיש! דאָס האָסטו עס דורכגעשוווענקט די עטלעכע ברעטער? אַ דיוואַניק פֿעלט נאָך, בילדלעך, אַ שפּיגעלע...

— ס'וועט נאָך זײַן, ס'וועט נאָך אַלץ זײַן! — האָט זי אומגעדולדיק אָפּגעהאַקט.

דאָס האָט ער זי די ערשטע עטלעכע וואָכן אַרויסגעפֿירט אין סינ-דיקאַט, וווּ מען שטופּט זיך אויף די טרעפּ, אַרום די טירן און אין די פּאַר-רויכערטע צימערלעך פֿון די באַך־גרופּן. אינעם העלן מאַנטל, וואָס האָט אַרומגענומען אירע שמאָלע לענדן, מיט איר איבערגעוואַקסנקייט, מיטן בערעטל אינאַזייט און מיט דער גאָלדענער „קאָראָנע" אין סאַמע פֿראָנט מויל, האָט זי דאָ שוין לחלוטין נישט אויסגעזען ווי קיין פֿרעמדע.

און אַלעמאָל אָונט-צײַט איז שוין אויסגעקומען, אַז זשאַקל האָט אומ-געירן באַרבלאָנדזשעט צו איר טיר אין קאָרידאָרל. זי האָט געפֿונען אַלערליי אידעלע תירוצים אָפּצורוקן זיך פֿון אים, ווען ער האָט זיך אַזוי אומשולדיק אַראָפּגעלאָזט לעבן איר אויפֿן בעטל. נאָך זײַן אַוועקגיין האָט זי לאַנג גע-וואַשן דאָס גלאָז, אין וועלכן ער האָט אַמאָל אויסגעטרונקען אַביסל וואַסער; לאַנדיק אים טײַקמאָל שטיינבלייבן אינמיטן דער גאַס, איז זי אַנטלאָפֿן אָן „אַ גוטע נאַכט" אפֿילו.

זי איז מאַקע געווען שטאַרק פֿאַרנומען איצט, דאָס מיידל. נאָך אַ טאָג אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין איינע פֿון די ווינקל-אַטעליעס אויפֿן בעל-וויל, וווּ מען האָט געהאַלטן אין איין ציטערן ס'זאָל נישט אַריינפֿאַלן קיין אַגענט, האָט זי געהאַט טויזנט געשעפֿטן אויפֿן קאָפּ. יעדן אָוונט איז זי

געלאָזן אין סינדיקאַט, איז אָפּגעזעסן אין די פּאַרשפּאַרטע צימערלעך, אויף זיצונגען פון פּאַטראָנאַט, בון דער רויטער הילף, פון די פּרעסע-פריינט. די יידישע צייטונג האָט זי קיים באַוויזן דורכצובליקן שפּעט אינ-אוונט ליגנדיק שוין אין בעט, און האָט זי באַלד הערנאָך אַוועקגעוואָרפן, ווייל די אויגן האָבן זיך ביי איר געקלעפּט.

און טיילמאָל, ווען זי האָט שוין יאָ געהאַט אַ פרייען אָוונט, איז זשאַקלען אויסגעקומען אַנדערעמלט צו ווערן, זיצנדיק אַזוי אַן אומעטיקער אויפן בעטל ביי איר. זי האָט אים געוועקט אײדל, מיט בולמן פּאַריבל:

— ס'איז שוין שפּעט, חבר, — האָט זי אים אָנגעריהט ביים אַרבל — זיבן אַזייגער שוין איך שוין אויף די פיס. איך האָב נאָך היינט אַ וועלט מיט אַרבעט אָפּצוטון.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און געלאָזן זיך גיין דורכן פינצטערן קאָרידאָרל, אַנטשאַפנדיק בלינדערהייט די טיר פון זיין איינזאַם האָטעל-צימערל.

קאַפּיטל דרייצן

דער ריס איז געמאַכט

צום ווינטער-סעזאָן איז געווען אַביסל בעסער. עס האָט זיך געקענט דוכטן אַז בעני רעכנט אויף אַן אמת אַוועקצושטעלן די געשעפטן אויף פאַרבונדעווטע יסודות. זאָרגט זיך פאַר אַ שטענדיקער, געזיכערטער קליענטעל. אַלצאיינס זענען שוין אַצינד די אַלע פּאַרטנערס מיט די קאָמבינאַציעס נישט אָנגעגאַנגען. מען האָט באַדאַרפט צושטעלן העלע כחורה, פון גוטער קוואַליטעט, נישט געפּאַלשעוועט. זיי האָבן גוט נאָכגעקוקט, די איבערגעשפּיצטע דירעקטאָרן, האָבן אונטערגעהייבן די „דובלע", באַקוקט דאָס לעדער און טאַמער עפּעס אַ קלייניקייט האָט נישט געשטימט, האָבן זיי צוריקגעשיקט גאַנצע טראַנספּאָרטן. אַחוץ דעם האָבן זיי אויך געריסן פון פּרייז. בעני האָט דעריבער געמוזט זוכן אַנדערע וועגן ווי אַזוי צו דערהאַלטן זיך אויפן פּלאַץ. ער האָט דעריבער אַליין אויך געריסן פון פּרייז, ווו נאָר ער האָט איינגעקויפט אַביסל כחורה, פון אַ גרויסן טראַנספּאָרט שלעסער, ביז אַ בידנע מעטער „דובלע". אמת, אויסגעשטעלט האָט ער איבערהויפּט אויפן איינקויפן גרויסע טראַנספּאָרטן און דאָס — פאַר קאַפּע-געלט. דאָ האָט ער די סוחרים ממש צוגעשטיקט.

זשאַזעף האָט זיך מיט צופרידנקייט אַרומגעזען, אַז נאָר אַ דאַנק

בענים ענערגיע און געשיקטקייט צו קירעווען — און אויך א דאנק זיין אפגעשפארטן שטיקל קאפיטאל, וועלכן ער האט אריינגעלייגט אין געשעפט — איז מען דאס שווערסטע שטיקל צייט אריבערגעקומען; מען האט געדעקט די חובות, דער קרעדיט אויף ווייטער איז געווען א זיכערער — האט ער דערפאר איינגעפונען אז איצט, נאך איצט, איז די העכסטע צייט ענדלעך א סוף צו מאכן צו דער פינצטערער אמעליע אין — דאס, וועגן וועלכן ער האט די גאנצע צייט געחלומט — אריבערצוציען זיך אין דער טומלדיקער האנדלס-געגנט, ארום די גרויסע בולווארן, אנהויבן אויף גרויס. אבער די הויפט-דעה האט איצט געהאט ער בעני, און מיטן איבערציען זיך האט ער זיך נאך עפעס נישט אזוי געאיילט. ער האט אלץ געהאלטן אין איין אפלייגן:

— מען וועט נאך באטראכטן — האט ער אלעמאל שנעל אפגעהאקט, ווען זשאזעף איז צוגעשטאנען — דערווייל איז נאך סעזאן. צו זומער צו, די ארבעט וועט ווערן שוואכער. דעמאלט.... אפשר.... מעט נאך זען..

אבער שטילערהייט, אן רוזשעלעס וויסן אפילו, האט ער זיך שוין גערייט צום איבערדריים, געגרייט זיך איועקצוגיין פאר-זיך. ער האט געלעבט אין שטילן פיבער. רוזשעלע האט זיך איצט מיט א נייעם פלייס אריינגעווארפן אין געשעפט, איז אוועק אין די „הייזער“ פארלייגן מוסטערן און האט טאקע געברענגט גרויסע באשטעלונגען. איצט, ווען רעבעלע האט זיך שוין מער נישט געמישט, איז שוין מער נישט געווען די גאנצע רעהזאגערן, האט זיך רוזשעלע גענומען אפטערס באווייזן אין דער אטעליע. איצט — האט זי געלעבט מיט דער פארטייעטער האפענונג — ארבעט זי פאר זיך אליין, פאר זיך און פאר בענין. אביסל אומפארשטענדלעך איז אפילו געווען זשאזעפן רוזשעלעס פלוצימדיקער פלייס, אבער ער האט קיין סך נישט געטראכט דערפון. ער האט בכלל ווייניק איבערגערעכנט. דערפאר זענען זיי ביידע, זי און בעני, אצינד מער ווי שטענדיק, געווען אומרואיק. זיי האבן דערפילט, אז לאנג אזוי אנגיין קען עס נישט, דער בלאטער מוז אויפפלאצן.

הינטער זייערע פלייצעס האבן שוין מענטשן אפן גערעדט דערפון: אין דער רעזורע ביי די „פאטשעיאווער בראטשיקלעך“ האט מען שוין געוווסט צו דערציילן גאנצע פלאטקעס. זשאזעפן האט עס אפילו רעבעלע געגעבן אנצוהערן מיט שטעכווערטלעך, מיט זייטיקע געלעכטערלעך, אבער עפעס איז ער טויב און בלינד געווען צו אלעס, וואס הינטער זיינע פלייצעס איז אפגעטון געווארן. ער איז מיטגעשווומען אין אויבנאויפיקן רעש, וואס האט אים ארומגערינגלט, איז צופרידן געווען פונעם כבוד, וואס ווערט אים צוגעטיילט אומעטום פאר זיין ברייטער האנט, פאר זיין ווארפן זיך מיט די הונדערטערס אין דער פראגער סאסיעטע, כאטש אויסצווויילן אים פאר

פּרעזידענט, האָט עס נאָך ווייט נישט געהאָלפן. האַלבע נאַכט איז ער אַהיימגעקומען פון די פאַרזאַמלונגען און האָט נאָך רוזשעלען אין שטוב נישט געפונען. טײלמאָל האָט ער זי געטראָפן זיצן אין בעט, אַ האַלב-אויסגעטיענע, מיט ציטערדיקע אַקסלען, דעם קאָפּ אַריינגענומען צווישן די הענט.

— וואָס איז שוין ווידער פאַר אַ געקלאָג? — האָט ער נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין — זאָג, וואָס פעלט דיר? זעסטאָך אַליין, אַז מיר גייען איצט צום גוטן.

זי האָט לאַנג און פאַרעקשנט געציטערט מיט די אָפּגעדעקטע אַקסלען, נישט אָפּגערופן זיך מיט קיין איין וואָרט, פאַרדרוקט אין ווינקל בעט, האָט דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן. „ווייסעך, ווייבערישע טרערן" — האָט ער זיך געטראַכט און זייענדיק מיד, באַלד איינגעשלאָפן. טײלמאָל, ווידער, איז זי געווען צו אים גוט, איבערגעטריבן-גוט, איז אים געפאַלן אויפן האַלדז, נאָכגעקראָכן אים יעדן טראָט, גערעדט צו אים מיט ווייכע רייד און האָט געוויינט. ער האָט זי טעמפּ אָנגעקוקט, נישט פאַרשטאַנען די פלורצימדיקע ענדערונגען אין איר.

זי האָט אַלץ נישט געפונען אין זיך קיין מוט צו רעדן מיט אים אָפן, זאָגן אים, אַז איר לעבן איז פאַרשפּילט, אַז זי-קען נישט מער אַזוי. זי האָט מער נישט גערוימט די צימערן, איז אויף האַלבע נעכט אַוועק פון שטוב. די ליידיקע ווענט האָבן זי געטריבן פון דאַנען. געוויינט צו איר̇ע אָפּטע אויסברוכן, האָט ער איר אויך דאָסמאָל אַלץ נאָכגעגעבן, געמיינט ס'וועט איבערגיין, זי וועט זיך איינשטילן. ער האָט אָבער לחלוטין נישט געטראַכט, אַז אַלץ דערנענטערט זיך שוין איצט צום סוף.

אייך צו בענין איז זי אויף די טרעפּונגען געקומען מיט רויטע פאַרוויינטע אויגן, אַן אָנגעברוגזטע, ווי אַ באַליידיקט קינד.

— בעני, טייערער, איך קען שוין נישט מער איבערטראָגן, די ווענט טרייבן מיך אַרויס. נעם מיך אַוועק פון דאָרט, בעני... איך וועל שטאַרבן...

דער קליינער, רוישיקער קאַבאַרעט, וווּ זיי האָבן אין דעם זונטיקדיקן אָוונט פאַרבלאָנדזשעט, האָט זיך געפונען ערגעץ אַרום די „האַליעס" — דער גרויסער צענטער פון אַלע עסנווארגן, וואָס ווערט אָנגערופן „דער מאָגן פון פּאַריז". צו די הויכע, טונקעלע געביידעס מיט די דורכגאַנגסטויערן פאָרן זיך צו האַלבע נאַכט אָן פון אַלע פאַרשטעט און וואָקזאַלן פולגעפּאַקטע לאַסט-אויטאָס מיט עסנוואַרג. ביזן בלויען פאַרטאָג, איידער עס ווערט אויסגעלאָדן דאָס גרינוואַרג, די שפּייזן, די פליישן, די פיש, די קעסטלעך עופות, רוישן שוין די אַרומיקע גאַסן פון טויבן געליאַרם. עס פאָרן זיך צונויף מיט די ערשטע מעטראָס, אַרום האַלב־זיבן אינדערפרי, די קויפערס און די פאַרקויפערס. די לאַסט־וועגן זענען פול-איבערגעפּאַקט

עס פאַרן צוועק קליינע וועגעלעך מיט אָנגעשטאָפּטע זעק פּאַר די גרויסע עסנוואַרג־מאַגאַזינען אין שפּייז־געוועלבן אין אַלע ווינקלען פון פּאַריז.

דער קליינער, רוישיקער קאַבאַרעט אויפן שיטער־באַלויכטענעם פּלאַץ פון די „האַליעס" איז אָפן אַ גאַנצע נאַכט. דאָסדאָזיקע ווינקל האָט צוגעצויגן פיל פּאַריזער, באַזונדערס די ליבהאָבער פון פּ קאַטעריע, צוליבן אָריגינעלן געמיש פון פאָלקסטימלעכער, פּאַריזער גאַסן־פאַרווײַלונג און מיסטישער שיין פון גרויס־שטאָטישן נאַכט־לעבן. אַזוי איז דאָ טאַקע געווען איינגעאָרדנט אַז עס זאָל אָנוואַרפן די געהעריקע שטימונג. אויף דער נידעריקער עסטראַדע, אין טונקלסטן ווינקל פון זאַל מיט די שאָטנדיקע שפּיגלען, האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ אַ קליינער נעגער־אָרקעסטער — דריי לאַנגע, מעלאַנכאָלישע נעגערס, אין שטייפע סמאָקינגען: אַ פּיאַניסט, אַ פידלער און אַ וויאָלאָנטשעליסט. די רויטע שיין געקומען ערגעץ פון אונטערן סופיט. אַהער האָבן זיך נאָך האַלבער נאַכט אַריינגעכאַפּט אַפּעסן אַ קנאָבל־זופּ, אויסטרינקען אַ „רוזש" און איינלאַדן אַ ווילד־פרעמדן פּאַרטנער צום טאַנגאָ, די פרייליכע, אויסגעפרווירענע האַל ע־ווייבער, וואָס זענען באַצייטנס געקומען אויסלאָדן דאָס גרינוואַרג צום אינדערפרי'יקן פאַרקויף; פאַרוואַקסענע קלאָשאַרן, די אָריגינעלע פּאַריזער באָהעמיע־פילאָזאָפן, האָבן דאָ געהאַט זייערס אַ באַשטענדיק ווינקל; ברוין און בלוי־פאַרפּודערטע גאַסן־מיידלעך, מיט צעוויייעטע שאַלעכלעך, האָבן זיך דאָ אַרום דריי ביינאַכט באַוויזן מיט זייערס אַ פאַרדעכטיקן קאַוואַליער. זיי זענען געקומען זיך דערוואַרעמען און אויסרויכערן אַ סיגאַרעטל. זיי האָבן זיך נערן געלאָזן איינלאַדן צום טאַנץ און זייערע באַגלייטער האָבן זיי נאָכגעבליקט פונדערווייטן. געקומען זענען אויך אַהער רויקע, סאָלידע בירגער, געקומען טייל מאָל מיט ווייב און קינדער, ווי אַ צולאָג צום פרייען, זונטיקדיקן פאַרברענגען.

אַהער, אינעם קאַבאַרעט מיט די טונקל־פאַרהויכטע שפּיגלען, האָבן זיי אין דעם רעגנדיקן אָוונט פאַרבלאָנדזשעט, ווייל דאָ, האָבן זיי גערעכנט, וועט זיי קיינער נישט באַמערקן; די לעצטע צייט האָבן זיי זיך מיט די טרעפונגען זייער אויסגעהיטן. אַ ווינקל האָבן זיי פאַרנומען איינס פון די טונקלסטע. אין שפּיגל פאַר זיי האָט זיך קוים אָנגעזען דער זאָל מיט די מאַנצנדיקע פּאָרלעך. אירע ברעמען זענען געווען אָנגעזעצט מיט טראָפּעלעך רעגן. ער האָט זי געהאָלפן אַרונטערנעמען דעם מאַנטל און האָט נערוועז אָפּגערוקט פון זיך די באַשטעלטע קאַווע.

— כ'וואָלט רעדן מיט אים אַליין — האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט, איידער נאָך זי האָט זיך צוריק איינגעזעצט, פאַרריכטנדיק זיך פאַרן שפּיגל די פריזור — היינטיקע וואָך וועט עס געשען.

— אָבער ווי אַזוי? ביי וואָס וועסטו דערנאָך בלייבן אַז ער וועט דיך הייסן גיין פון דער אַמעליע אויך?

— דערפאַר זאָרג זיך נישט... — האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט צו דער

בוזים־קעשענע — דערפאַר האָט איך שוין געזאָרגט. אַלע „הייזער“ קענען דעם פּסיע בײַן גרינבערזשעי, נישט זשאָזעף העכט... מיר געפּרויעט מען סחורה, נישט — אים... כ׳איז נישט פאַר דריי־יאָרן. מיין נישט, אַז בעני איז אַזאַ נאַר...

און קיין מינדסט שמייכעלע האָט זיך ביי אים נישט באַוויזן, נאָר אַ דין אָדערל האָט די גאַנצע צייט אָנגעשטרענגט געקלאַפּט אַרום זייגע שלייפן, דער נידעריקער שטערן איז געווען פיל מיט קנייטשעלעך. ער איז געווען אַנטשלאָסן און זיכער, מיט דער זעלבער אַנטשלאָסענער זיכערקייט, ווי אין יענער טויבער נאַכט, ווען ער איז אָפּגעצויגן פון „זבאָרניאַק“, פון די זעלנער.

פאַרבליבן זענען זיי דאָ ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, אין העגגענדיקן נעפּל, אין דער רויטלעכער מינקלעניש, אין הייסן משאַד פון נאַגנדיקער טאַנגאָ־מוזיק און פון די פּרילינגדיקע וואַלסן. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט צו גיין און רוזשעלע האָט אים אַנטשלאָסן געזאָגט, אַז זי וויל שוין מער קיינמאָל נישט צוריקגיין צו די אומעטיקע ווענט דאָרט, וואָס טרייבן זי אַרויס, צו זשאָזעפּס ווילדע שנאָרכערייען. ער האָט גאָרנישט מער געענטפערט, געהאָלפן זי אָנטון דעם מאַנטל און האָט זי, אַזאַ מידע, אַ דערשעפּטע און אַ נאָכגיביקע, אָנגעלענט אין זיין ברייטן, מענערישן אַקסל, ענערגיש געפירט אונטערן אָרעם פון די שטיגן אַראָפּ. זיי האָבן זיך ערגעץ אַרויסגעפּלאָנטערט פונעם האַלבנאַכטיקן רעש אַרום די האַלייכ, און מיט דער גאַס, וואָס פירט אַראָפּ ביז פּלאַץ „שאַטלע“, זענען זיי אַרונטער צו דער סען. דער קרומער רעגן האָט געוואַשן די אַלטע, פינצטערע געביידעס, אָנגעזאַפּט מיטן שטויב פון דער געשיכטע און די לאַמטערן, צעשטעלטע אין די נישעס פון דער בויגנדיקער בריק, האָבן געוואָרפן צעשוווימענע פלעקן אויף זייער וועג. אויף יענער זייט בריק האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין אַ טאַקסי און רוזשעלע האָט צום ערשטן מאָל אויפגעכאַפּט פון בעני, אָנווייזנדיק דעם שאָפער ווו צו פאָרן, אַן אומבאַקאַנטע גאַס און אַ נומער פון אַ הויז. אומגעריכט האָט זי זיך דערוווסט, אַז ער וווינט שוין נישט מער אין האָטעל, ווו זי האָט סיי־ווי זעלטן ווען אַריינגעשמעקט.

און נאָך אַ גרעסערע איבעראַשונג איז געווען פאַר איר, ווען זיי זענען באַלד דערנאָך אויסגעשטיגן פאַר אַ פיל־גאָרנדיק הויז און ווען ער האָט זי מיט דער ווינדע אַרויפגעפירט אין שיינעם קאָרידאָר מיט שפּיגלען. אויף דער טיר האָט זי מיטאַמאָל באַמערקט אַן אויסגראַווירט בלעטל מיט זיין נאָמען: „בען גרינבערזשע“. אויף אַזאַ סורפּריז האָט זי זיך נישט געריכט. און דאָ האָט ער שווייגנדיק, אָן איין וואָרט אויף די פאַרפרעסטע ליפּן, אויפגעמאַכט פאַר איר איין טיר נאָך דער אַנדערער, געמאַכט ליכ-

טיק און געפירט זי איבער די שיין־אויסמעבלירטע צימערן, וואס זי האט נאך אזעלכע נישט געזען. צולעצט האט ער זי אריינגעפירט אין שלאף־צימער. ער האט זיך צוגערירט צו א קנעפל, און דאס צימער האט זיך באלד אנגעגאסן מיט א טונקל פיאלעטער שיין. ראזלעכע שטארן האבן האלב־צוגעדעקט דאס גרויסע, ווענעציאנישע פענצטער, זי האט דערזען א ברייט, קלאר־איבערגעצויגן בעט.

— ס׳געפעלט דיר? דא וועלן מיר שוין וווינען, רוזשעלע! — מאכט ער מיט זייער זעלבער קאלטקייט — טו זיך אויס, ס׳איז שפעט. מיר וועלן ביידע גוט מיד....

— בעני, טייערער! מיין בעני! — איז זי צוגעפאלן צו אים און א שטראמל טרערן האט א שפריץ געטון פון אירע פארשאמטע וויעס — דאס הארץ האט מיר אבער באלד געזאגט...

— וואס איז עס פאר א וויטען ווידער?

— פון גליק, נארעלע.

ער האט זי א כאפ געטון אויף די הענט און אוועקגעטראגן זי צום בעט. אין דערדאזיקער נאכט האט זיך בעני פונדעסטוועגן דערפילט אביסל אומרואיס. ער האט זי איצט געהאט לעבן זיך, אן אויסגעווארעמטע, א מידע און איינגאנצן זיינע; אבער קיין שלאף איז צו אים נישט געקומען. ענדלעך געפינט ער זיך ביי זיך. צווישן זיינע אייגענע פיר ווענט. דאס שווערסטע, הייסט עס, שוין אריבערגעקומען. אבער אצינד הויבט זיך אלץ אן פונדאסניי, מיט פרישע כוחות און מיט א נייעם מוט.

מען וויסט גארנישט פון וואנען, נאר באלד אויף צומארגנס האט שוין דער גאנצער בעלוויל געקאכט, אז רוזשעלע האט אנגעפייפט זשאזעפן, האט אים איבערגעלאזן מיט אלע זיינע גליקן און איז אוועק וווינען מיט בענין. אין דער רעזורע ביי די „פאמשעיאווער בראטשיקלעך“ האט פאר אלעמען די בשורה אויסגעפויקט דער עלטערער, דער ארטיק־צוגעפוצטער, ווי אן אקטיארל, פייוועלע „לאלקע“. ער האט איצט דערלעבט די גרעסטע נקמה אין זשאזעפן. ווער נאר ס׳האט אויפגעמאכט די טיר, איז ער, שמייכלענדיק מיט די שיטערע ציינדלעך, אנטקעגנגעלאפן:

— שוין געהערט דאס נייעס? אט דאס שטילע בחורל, וואס קען קיין צוויי נישט ציילן, האט זשאזעפן „אויסגעטרענט אן ארבל“... נו, וואס זאגסטו נישט דערצו? מעג מען האבן אט אזויפיל „קאנפיאנס“ צום בעסטן „פרוינד“ אפילו?....

און ער האט אפגעמאסטן א פיצעלע פינגער.

— פונדעסטוועגן איז מיר א וואונדער!

— וואס הייסט א וואונדער? הער נאר...

— ס׳איז מיר א וואונדער וואס זי איז פריער נישט אנטלאפן פון אים.

איין זשאַזעף האָט זיך דערוווּסט דערפון שפּעטער פון אַלעמען: גע־כאַפּט האָט ער זיך ערשט אויפן אַנדערן אינדערפרי, ווען ער איז, אָן אַ ביסל אָטעם, געקומען אַרייַנצולויפן אין דער אַטעליע און — האָט בענין נישט געטראָפן. דאָס איז שוין געווען זיין סאַמע גרעסטע פאַרוווּנדערונג — בענין נישט צו געפינען אויפן פּלאַץ. ער האָט אים געוואָלט גלייך אויס־דערציילן, אַז רוזשעלע איז די נאַכט אינגאַנצן נישט אַהיימגעקומען, און ער ווייסט נישט וואָס מיט אים טוט זיך. אָבער אין דער אַטעליע, ווו יעדער האָט, ווי געוויינלעך, פאַרנומען זיין פּלאַץ, האָט זיך עפּעס קיינער מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן, שווייגנדיק האָבן אַלע אויסגעמיטן זיין בליק. איין רעבעלע איז אַרויס מיטן אמתן ברוך־הבא פאַר אַלעמען אין די אויגן:

— יאָ ברעבעניש האָב איך שוין נאָך דיין קאָפּ, זשאָזעפל... כע־כע, דאָס פייגעלע איז דיר אַרויסגעפלויגן...

ער איז באַלד אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן, באַגלייט פון איר שפּיציק געלעכטערל. ווען עס עפנט זיך פאַר אים אַ גרוב, וואָלט ער גלייך אַהין אַריינגעשפּרונגען. יאָ, ער האָט שוין איצט פאַרשטאַנען ווו רוזשעלע איז אַהינגעקומען. אויף אַזאַ אומגעריכטן קלאַפּ פון זיין איבערגעגעבנסטן פריינט האָט ער זיך נישט געריכט קיין. ער איז אַרויף אין שטוב, אויפגע־ריסן די אונטערשטע שופלאָדן און האָט באַלד דערזען די גרויסע בראָך — אַלע אירע זאַכן, וועש און אַנדערע קלייניקייטן האָבן געפעלט. איז זי, הייסט עס, אַוועק אויסגערעכנט, אַלץ איז צוגעגרייט געוואָרן פון פריער. ווי אַזוי האָט ער עס די גאַנצע צייט נישט באַמערקט, ווי אַזוי? ער האָט זיך אַוועקגעוואָרפן אויפן בעט, איז אָפּגעלעגן אַזוי ביז פאַרנאַכט, איינגע־גראָבן אין קישן. „אַלץ איז געענדיקט, געענדיקט... און פאַרוואָס האָבן זיי עס מיר אָפּגעטון? פאַרוואָס? צי האָב איך זיי שלעכט באַהאַנדלט? פאַר וועמען האָב איך דען אַלע יאָרן אַזויפיל געהאָרעוועט — צי בלויז פאַר זיך אַליין? אַלע זענען זיי מיר שונאים, אַלע — אפילו דאָס אייגענע קינד איז מיר אַ שונא, וויל נאָר זען מיין בלוט“.

ער האָט מער נישט געהאַט קיין שום פאַרלאַנגען, קיין שום ווילן. אַלע זיינע גרויסע פּלענער זענען מיט איינמאָל אויסגערונען, צונישט געוואָרן. וואָס פאַר אַ זין האָט דען ווייטער אַזוי צו לעבן? נישטאָ אפילו פאַר וועמען אויסצורעדן זיך דאָס האַרץ, אויסצוויינען זיך.

ס׳איז שוין געווען טיפער אָוונט, ווען ער האָט זיך אויפגעריסן, אויס־געמיטן דאָס עס־צימער, די צערודערטע שופלאָדן, אָנגעטאַפּט אין דער פינצטער די קאַריהאָר־טיר און פאַרקלאַפּט זי הינטער זיך. ער האָט אין גרויס צעטומלטקייט אַליין נישט באַמערקט, ווי פאַרבייגייענדיק, האָט ער דאָס ליכט אין גרויסן צימער געלאָזן ברענען נאָך פון בייטאָג. ביז שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך אומגעדרייט איבערן רעגנדיקן בולוואַר, און

איינגעקנוילטער. ער האָט נישט געוואָלט מער אויפהויבן דעם קאָפּ צו די אויסגעלאָשענע פענסטער, וואָס קוקן אַראָפּ צום בולוואַר. ער האָט אַלץ נאָך געהאָפט אַז ס'וועט געשען אַ נס, ער וועט אַרויפקומען און וועט מיט אַמאָל דערזען אין אַלע פענסטער די געמיטלעכע, באַרשטעלטע אָוונטיקע שיין אַדורך די שטאָרן, ווי ער פלעגט עס אַלעמאָל, מיט פרייד־יקער האַרצ־קלאַפעניש, דערזען פון ווי ווייט, ווייסנדיק אַז רוזשעלע וואַרט שוין גראָד אויף אים מיטן נאַכט־עסן, אַז דער טיש איז שוין געגרייט און עס איז אַזאַ היימלעכקייט אין אַלע ווינקעלעך. און כאָטש ער האָט פּלוצים דער־זען דאָס ליכט אין אַלע פענסטער, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, איז קיין שום נס נישט געשען. ער האָט אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן, אַז ס'ברענט זיך נאָך אַזוי פון בייטאָג.

מיט איין אָטעם איז ער אַרויפגעלאָפן אין שטוב און שטייענדיק נאָך הינטער דער טיר, האָט זיך אים געדוכט צו פאַרנעמען טריט פון אינע־ווייניק. ער איז געלאָפן פון איין צימער אין אַנדערן, אָבער ער האָט אַלצ־דינג אָנגעטראָפן צערודערט, ווי בײַטאָג. קיין שום זאַך האָט זיך אין שטוב נישט געענדערט, קיין זכר פון אַ לעבעדיקן מענטש האָט ער אין שטוב נישט געפונען. די זעלבע אויפגעריסענע שופלאָדן, די פאַרשאַרצטע מיש־טעכער, דעם אָנגעזעצטן שטויב אויפן מעבל, פון וואָכן לאַנג נישט גע־רוימט, דאָס איבערגערודערטע בעט אין שלאָפצימער. זיין שאָטן האָט זיך איבערגעבראָכן אין די שפיגל־ראַנדן פון דער וואַנט־שאַפע. די שטול האָט געקרעכצט אונטער אים. זיין מידער, צעמישטער בליק איז געשווומען אי־בערן ליידיקן, פאַרלאָזטן הויז און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז מען האָט דאָ נאָרוואָס אַרויסגעטראָגן אַ מת פון דאַנען.

אָנקוקנדיק זיין חורבן, האָט אים דווקא אַצינד אַרומגעכאַפּט אַזאַ גרויסע בענקשאַפט נאָך אַ רואיק לעבן, נאָך אַ קליינער, וואַרעמער היים, אַ שטילע פרוי אין הויז, אַ קינדעלע, וואָס זאָל אַרויפקריכן אויף דער שויס, גראַבלען זיך מיט די פּוכיקע הענטלעך אין מויל, אַרויסשטעלן דאָס חנעוודיקע מילך־ציינדעלע און פּישטשען: פּאַפּאַ! נאָכוואָס דאָס איינ־רייסן, דאָס וועלן זיין פון אויבן? קיינמאָל, קיינמאָל איז אים אָבער דאָס דאָזיקע גליק נישט באַשערט געווען. די יאָרן זענען אַוועק אין רעש, אין טומל. אַנדערע, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, קנאַפּערע אײַנהייסערס פון אים, האָבן איינגעפונדעוועטע, ליכטיקע היימען, האָבן פאַר וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, עצה'נען זיך אַמאָל אין מאַקע — צו וועמען אויסצולאָזן אַמאָל דעם כעס אויך. די אַלע בוזים־פריינט זענען פאַלש, העדן זיך צו, שאָקלען מיטן קאָפּ און אונטן אַרומעט וועלן זיי דיך דערשטיקן, הרגענען. יאָ, דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט ער געשפּילט אויף אַ פאַלשע קאָרט און דאָס קליינע פּיצעלע גליק, נאָך וועלכן ער האָט זיך אַזוי געיאָגט, איז בסדר פון

אים אנטלאָפן, איבערגעלאָזן אים אַן אַלטן, אײַסגעלאַכטן מאַן אין די יאָרן, ווען צוריקכאַפּן איז שוין צו שפּעט. וואָס זשע בלײַבט אים איצטער איבער?

שפּעט אין דער נאַכט האָט ער זיך אויפגעריסן פון דער וואַקלדיקער שטול און זײַן מידער בליק האָט אַ בלאָנדזשע געגעבן איבער די אויסגעליידיקטע ווענט. די פאַרלאָזנע האָט זיך געוויגט אונטער זײַנע פיס. לאַנג איז ער אַזוי שטיינגעבליבן. דערבליקט זיך אין פאַרשטויבטן שפּיגל און האָט עפּעס זיך אַליין מער נישט דערקענט. די קרײַזלדיקע הערעלעך אויפן שאַרבן בײַ אים זענען געוואָרן שיטערער און די טאָגיקע באָרד האָט פינצטער פאַררויכערט זײַן פול פּנים, דורכוים אין קנייטשן. די עלטער האָט זיך מיטאַמאָל געלייגט אויף אים. אַן אויסגעלאָשענער, מיט מידע שפּרייזן, ווי אַ זקן, האָט ער זיך געלאָזן גיין צום בעט. ער איז געוואָרן קלענער, איינגעשרומפּענער, זײַן אײַנגעקורטשעטער גוף האָט איצט קוים פאַרנומען אַ נישטיק ווינקל אינעם גרויסן און ליידיקן בעט. די זלידנע מידקייט האָט אים פאַרטויבט, די גאַרע, האַלב-נאַכטיקע שטילקייט האָט אים אַרײַנגעוואָרפן אין לייכטן הינערפלעם. און דאָך איז ער וואַך געווען, מאָדנע אָנגעצויגן-וואַך.

אין אַזאַ אומבאַשטימטער, מיטנאַכטיקער שעה האָט ער יזך צום לעצטן מאָל אויפגעריסן פון געלעגער. דער באַשלוס איז בײַ אים געווען אַ פאַרטיקער. ער האָט פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר, קיינמאָל שוין מער נישט אומצוקערן זיך צום דאָזיקן טרויעריקן, אויסגעליידיקטן הויז. אַ פאַרוויקלטער, האָט ער זיך געטראָגן איבער די שמאָלע בעלווילער געסלעך, בלינדערהייט אָפּגעריגלט די הויז-טיר צום האָטעל מיט די פינף אויסגעלאָשענע שטאָקן. איין שטאָק, אַ צווייטער, אַ דריטער.

— אונטערצינדן! — האָט עס אים די גאַנצע צײַט געהאַמערט אין די שלייפן — אײַוועקלאָזן אַלץ מיטן פײַער.... נישט מיר און נישט דיר...

אָבער אין דער דאָזיקער נאַכט איז אויך רעבעלע נישט געשלאָפן. אין דער שטאָק-פינצטערניש פון איר צימערל האָבן גזלאָניש געלויכטן די פאָספאָרישע אויגן פונעם אָפּגעפּרעכענעם קאָטער „פּיפּי“. ער האָט זיך עפּעס בסדר געריסן צו דער טיר און אומהיימלעך געמיאוקעט. ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז ער וועט זיך באַלד וואַרפן אויף איר און אַן אומרואיקייט איז איר באַפאַלן. דער אײַנגעגעסענער רעגן האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן מיט דאַרע פינגער אין די שויבן. אויפגעריסן האָט זי זיך ווען זי האָט מיט אַמאָל דערהערט אַ שטילן געריודער אויף די שטיגן. זי האָט געכאַפּט עפּעס אויף זיך און איז אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר. אין דער פינצטער האָט זי זיך אַקוראַט אָנגעשטויסן אין זשאָזעפס פאַרטײַטער

פיגור און זי האָט אויפן אָרט מער העדפילט, ווי פאַרשטאַנען, וואָס ער גייט דאָ אָפּטון.

— זשאָזעף..... טאַטעשי.... — איז זי צוגעפאַלן צו אים מיט אַן אומהיימלעכן געשעפּטש, אַ ספּאַזמע איז געבליבן שטעקן ביי איר אין האַלדז. זי האָט שוין אַלץ געוווּסט. אין העלן פּאַס, וואָס איז געפאַלן פון דער אויפגעשפּאַרטער טיר, האָט זי דעם טאַטן דערזען, ווי נאָך קיינמאָל נישט — אַן איינגעהויקערטן, אַלטן מאַן, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. ער האָט זיך אָבער באַלד אַ ריס־געטון פון איר, ווי אַן אָקס פון דער פּענט.

— לאָז מיך !

זי האָט זיך אַ שטעל געטון אין דער ברייט און ווייטער אים קיין שפּאַן נישט געלאָזן פון זיך.

— וועסט עס נישט טון, טאַטעשי.... מען טאָר נישט אַזוי.... ס'האָט אפשר אַזוי באַהאַפט צו זיין... ס'איז אפשר בעסער אַזוי...

מער קיין ערהלבע רייד האָט זי נישט געפונען. אָבער ביידע, טאַטע און טאָכטער, האָבן זיך צום ערשטן מאָל דערפילט נאָענט אין זייער אומגליק און זיי האָבן שטיל אין זיך אריינגעהעשעט.

אין ליכטיקן דורכגאַנג פון טירל איז דער קאָטער „פיפי" שטיינגעבליבן מיט אַ פאַרהויבענעם עק און האָט גזלניש געבלינצלט מיט די באַספּאַרישע איגן־פייערן אויף ביידן....

קאַפּיטל פערצן

צוויי אַדוואָקאַטן

ס'איז שוין אַלעמאָל אַזוי אויסגעקומען, אַז ווען זשאָזעף האָט געהאַט עפּעס צו פאַרריכטן אין די ביכער, פאַרצייכענען אַ קלענערן אומזאַץ, כדי וואָס ווייניקער שטייערן צו באַצאָלן — ווען ער האָט זיך סוף יאָר געריכט אויף אַ קאָנטראָל פון פינאַנס־אַמט — איז ער באַלד אַריבערגעלאָפן צום יידישן ווינקל־אַדוואָקאַט, צו דר. בילים, וואָס האָט געהאַט זיין אויפנעם־ביוראָ אין אַ געסל ביים בולוואַר בעלוויל, און ער האָט עס אים שוין פאַר אַ קליניקייט אַלץ געבראַכט אין אָרדענונג. ער איז געווען אַ היימישער, דער אַדוואָקאַט, אַ צוגעלאָזענער, אַן דער פריצישער פאַרריסנקייט, אַ שטילער און גוטמוטיקער מענטש. קיין רעכט צו פּראַקטיצירן, אַחוץ־ברעטן אין געריכט, האָט ער נישט געהאַט, האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט די סאָרבאָן; און ווייל ער איז נישט געווען נאַטוראַליזירט, האָט ער

דערווייל איינגעאָרדנט ביי זיך אַ קליינע ביוראָ, וווּ מען איז געקומען נאָך פאַרשיידענע יורידישע עצות וועגן „פּאַפּירן“, דורכפירן אַ „מערי“ (חתונה), אַ ביטע אָנשרייבן, אָדער פאַריכטן עפּעס אין די געשעפט-ביכער. אַז די געשעפטן זענען געגאַנגען שלעכט און ס'האָט קיין לעבעדיקער הונט זיך נישט באַוויזן אין דער ביוראָ, האָט ער זיך אַפילו אַרויסגעהאָלפן מיט אָננעמען פּריוואַטע לעקציעס פון פראַנצויזיש. דינגען האָט ער נישט געקענט און דערפאַר טאַקע האָבן אים די ווייבער פון בעלוויל נישט איינמאָל פאַרדרייט דעם קאָפּ אומזיסט און קיין לעבעדיקן פראַנק האָט ער ביי זיי נישט אָנגעקוקט. אַפילו ווען ער איז בייז געווען, האָבן זיינע מילדע אויגן אונטער די ביינאָקלען גוטמוטיק געשמייכלט אין די בלאָנדע וואָנצן אַריין, וועלכע ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן, אַ שטיק דער־נאַר טאַקע, כדי כאָטש אויסצוזען אַביסל חשובער און בייזער פאַר אַ פרעמדן באַזוכער. אָבער גלייך פאַראַטן האָט זיין אויסגעריבענער סטודענטישער קאָסטיום און די דריי ענגע צימערלעך אויף אַ הויכן שטאָק, וווּ ער האָט געוווינט. די עטלעכע אויסגעריבענע שטולן און דאָס קוילעכדיקע טישל אין קליינעם וואַרטע-צימער זענען אודאי איינגעהאַנדלט געוואָרן פאַר קליינע געלטער אין אַ געשעפט פון אַלט מעבל אויפן פליי-מאַרק. קיין געהויבענע פּאַציענטן, קען מען זיך פאָרשטעלן, זענען צו אים אויך נישט געקומען. אויסגעבליכטע און פאַרהאָרעוועטע מיידלעך האָט מען דאָ אָפט געטראָפן זיצן, יונגעלייט, שלעכט-געגאָלטע, וואָס האָבן געהאַט צרות מיט „פּאַפּירן“ — אַן אַגענט האָט זיי געטראָפן ביי דער אַרבעט און זיי האָבן באַקומען אַן אויסווייז, זענען זיי אַרויפגעקומען נאָך אַן עצה צום היימישן אַדוואָקאַט פרעגן זיך וואָס זיי זאָלן אָנהויבן צו-טון. קיין שום שטייפקייט איז דאָ אין וואַרטע-צימער נישט געווען. די מענטשן האָבן זיך שנעל באַפריינדעט, פונאַנדערגערעדט און אויסדערציילט זיך איינער פאַרן אַנדערן, ביז דער אַדוואָקאַט אַליין האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל און אַריינגערופן דעם קומענדיקן.

אויך דער קאַבינעט איז געווען אָרעם און באַשיידן איינגעאָרדנט. דער קלוגער וואָלטער-קאָפּ האָט אַראָפּגעקוקט פון קאַמין, וווּ צווישן דעם באַרג אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן און טעקעס, זענען אַלעמאָל געווען פרישע בלומען אין אַ וואַזעלע. אַ געוויינלעכער טיש איז דאָרט געשטאַנען, צוויי געפלאָכטענע שטולן. הינטערן טיש האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ דער אַדוואָקאַט אַליין. ער איז נאָך יונג געווען אין דער פּראַקטיק און עס האָט זיך געדוכט אַז ער רויטלט זיך ביים אויסהערן, שפּילנדיק זיך בשעת-מעשה מיט עפּעס אַ קלייניקייט אויפן טיש.

נאָך דעם אומגעריכטן קלאַפּ, איז דער איינציקער, צו וועמען זשאַ-

זעף איז געלאָפן, געווען דער אַדוואָקאַט ביילים. אַרויפגעקומען איז ער אין אַ שפּעטער שעה, נישט אָנצוטרעפן קיינעם פון די אינטערעסאַנטן, אַרום ניין אַוונט. דער אַדוואָקאַט האָט אים אינגאַנצן נישט דערקענט. זשאַזעפן, אַזוי פאַרענדערט איז ער געווען. ער האָט אים אַריינגעפירט אין קאַבינעט צו זיך, איינגעזעצט אים אין אַ שטול קעגן זיך און פאַרמאַכנדיק ביידע טירן, איז ער צוגעטרעטן צו אים נעענטער:

— מיט וואָס קען איך אייך דינען, מסיע העכט? איך פאַרשטיי, אַז אייער אומגעריכטער באַזוך ביי מיר איז פאַרבונדן מיט עפּעס גאָר אַן אומאָנגענעם געשעעניש.

— אַן אומגליק, מוסיע־לעבן, אַ גרויס אומגליק! — איז זשאַזעף זיצן געבליבן אין דער שטול אַ צוזאַמענגעבראָכענער, אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט. ער האָט זיך אָבער גלייך אויפגעריסן:

— איך ווייס, אַז איר זענט אַן ערלעכער מענטש, וויל איך איר זאָלט זיך אָנעמען מיין קרייוודע. עס איז, ווי מען זאָגט — פאַר ברויט גיט מען אָפּ שטיינער...

און ער האָט אים גיך און צעפּלאָנטערט אַלץ אויסדערציילט. ער איז געזעסן פאַר אים אַ צעבראָכטעטער און זיך געווישט די אָנגסטן. דער אַדוואָקאַט אָבער האָט נישט געקענט אַרויסקריכן פונעם פּלאָנטער סיי וואָס שייך דער אַטעליע, און סיי וואָס שייך רוזשעלעס אַוועקגיין פון אים.

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך — אויסער אַ יידישע חופּה, האָט איר די „מערי" אויך דורכגעפירט מיט איר?

— ניין, קיין „מערי" מיט איר האָב איך נישט געמאַכט. ווען מען זענען דעמאָלט געלעגן אין זייער אַזעלכע נאַרישקייטן, און ס׳איז אפשר גלייבער...

— קענט איר, אויב אַזוי, קיין שום טענות נישט האָבן צו זיי. דאָ, אין פראַנקרייך, גילט נאָר אַ ציווילע חתונה. די רעליגיעזע חתונה איז אַ פּריוואַט־זאַך, ווי איינעם געפעלט. און אויב, ווי איר דערציילט — פאַרשפּאַרט איר אַמיזיסטע קאָפּ־פאַרדרייעניש... זי איז אַ פויגעלע, ווי איך הער.

אויך וואָס שייך דער אַטעליע האָט דער אַדוואָקאַט נישט פאַרשטאַנען:

— האָט איר וועלכע סאָרט דאָקומענטן, אַז ער איז געווען אייערס אַ שותּף און צי קענט איר באַווייזן, אַז ער האָט אייך פּאַקטיש באַגנבעט, באַרויבט, צוגענומען?

— איך האָב מיזנטע עדות, מיסיע־לעבן, — האָט אים זשאַזעף אויסגערעכנט אויף די פינגער — אַז איך האָב אים אַריינגענומען צו מיר, אויסגעלערנט אים אַ פאַך, ווי אַן אייגן קינד אים געהאַלטן, צוגענומען אים

צולעצט פאַר אַ שותף. אודאי איז עס געווען מיין פעלער, וואָס כ'האָב אים געלאָזן צופיל אַריינקריכן. ער האָט מיך געקוילעט אָן אַ מעסער. איך ווייס נישט ווי אַ טיר מאַכט זיך אויף, אַלץ האָט ער מיט זיך פאַרכאַפּט, אַלע „הייזער", אַלע קליענטן. זיין געלט, איר פאַרשטייט, האָט ער ביסלעכווייז אָפּגעצויגן און דאָס געשעפט הרוב געמאַכט. אָ, צו שפּעט זיך געכאַפּט — האָט ער אָפּגעזיפצט — צו שפּעט....

— איין וועג איז נאָך פאַראַן, מיסיע העכט: אַנקלאָגן אים, אַז ער האָט אייך אַלע סודות פון געשעפט אַרויסגעטראָגן. פאַר אַזאַ זאַך וועט ער מוזן אָפּצאָלן אַ היפּשע אַנטשעדיקונג, אויב, נאַטירלעך.... — האָט דער אַדוואָקאַט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן.

— וואָס מיינט איר? — האָט זשאָזעף אויפגעשפּיצט איבערגעריסן.

— אויב, נאַטירלעך, ער וועט זיך נישט כאַפּן פריער און פּרוּוון אייך אַנקלאָגן פאַרן זעלבן.... דעמאָלט איז אַ מעשה אָן אַ סוף.... עס וועט אייך אָפּקאָסטן אַ פאַרמעגן און איר וועט קיינמאָל פון די פּראָצעסן נישט אַרויסקריכן. אויב ער איז אַזאַ כיטראַק, ווי איר דערציילט....

און אַזוי איז עס טאַקע געווען אויך. ניין, ער איז נישט געשלאָפן, בעני. ער האָט זיך גלייך פון אָנהויב אָן באַוואָרנט פון אַלע זייטן, פאַרזיכערט זיך די לאַנגע מיטאַרבעט פון אַדוואָקאַט גאָלדבלאַט, ווי עס האָבן זיך געפירט די מערסטן גרויסע פירמעס, וואָס האָבן געהאַט זייערע אייגענע פאַרטרויענע אַדוואָקאַטן. נאָך מיט וואָכן פריער איז דער אַדוואָקאַט גאָלדבלאַט אינפאָרמירט געוואָרן, גאַנץ דיסקרעט, וועגן דעם וואָס גרייט זיך און אַלץ איז פאַרטיק געווען אָנצוקלאָגן, נאָך איידער זשאָזעף וועט זיך אַפילו כאַפּן. דערביי האָט בעני געוווּסט, אַז זשאָזעף וועט נישט לויפן צו קיין אַנדערן, ווי צו אַדוואָקאַט ביילים. דערהערט דעם נאָמען ביילים, האָט זיך דער אַדוואָקאַט גאָלדבלאַט אָנגעכאַפּט מיט היץ:

— ס'איז גוט! איך קען אים. דער ענין איז ווי אויף דער האַנט. ער איז אַפילו אַביסל אַן עקשן, אַ פאַררעסענער, מיר וועלן אים שוין מאַכן. פאַרט אַ געוועזענער אוניווערזיטעט־קאָלעגע — האָט ער דיסקרעט אַרויסגעלאַכט — פאַרלאָזט אייך אויף מיר. איך וועל שוין די זאַך „אַראַנזשירן". קומט מיר נאָר אָנזאָגן, ווען איך דאַרף זיך צו נעמען פאַרן ענין און איך וועל אָנקלינגען צו ביילים, כ'וועל שוין מיט אים דורכקומען.... ס'וועט צום געריכט נישט דערגיין....

אַזעלכע וויכטיק־געריכטלעכע פּראָצעסן האָבן שוין, איבעריקנס, געהערט צו דער ספּעציאַליטעט פון אַדוואָקאַט גאָלדבלאַט. אין זיין קורצער פּראַקטיק האָט ער עס באַלד דערשמעקט. מיט די יידישע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן צוטון מיט פּאַפּירן און אויסווייזן, האָט ער זיך גלייך פון אָנהויב אָן נישט אַנגאַזשירט. ער האָט זיך אויך נישט געוואָלט פאַרנעמען

מיט די יורידישע עצות ביי די יידישע אָרגאַניזאַציעס, פונוואַנען מען האָט זיך געוואָנדן צו אים. וואָס ווייטער פון יידישן בעלוויל, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַלץ געזונטער איז. אַ קליינער, אַ זשוואַווער, אַ דרייער, האָט ער אַלעמאָל אָנגעהאַלטן אַ בליענדיק שמייכעלע אויף די ראָזע ווייבערישע בעקלעך. אויך ער איז נישט זייער לאַנג געווען אין דער פּראַקטיק. כמעט די זעלבע צייט ווי אַדוואָקאַט ביילים, האָט ער שוין פונדעסטוועגן באַוויזן צו נאַטוראַליזירן זיך, חתונה צו האָבן מיט אַ גבירישע טאָכטער און אויפצומאַכן זיך אַן אייגענעם קאַבינעט מיט גרויס קאָמפאָרט. זיינע אַנאָנסן זענען נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון יידישן בלאַט.

זיי האָבן זיך גוט געקענט, די ביידע יונגע אַדוואָקאַטן, נאָך פון דער סאָרבאָן", פון די אָרעמע סטודענטישע יאָרן אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, וווּ זיי האָבן ביידע געוווינט אין איין האָטעל, אין טוכלע, פינצטערע צימערלעך. ס'איז שוין אַלעמאָל אַזוי איינגעקומען אַז דער קליינער און פלינקער סטודענט גאָלדבלאַט האָט זיך בעסער אַן עצה געגעבן פאַרן ערנסמין, שטענדיק פאַרטראַכטן ביילים. קיין געלט פון דער היים האָבן זיי ביידע נישט באַקומען. אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען ביילים האָט געשמאַק אונטערגעהונגערט פון די עטלעכע מאָגערע לעקציעס, האָט זיך דער קליינער גאָלדבלאַט באַזאָרגט מיט די בעסטע קאָנדיציעס, איז געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער אין די רייכע יידישע אַסימילירטע הייזער, האָט פאַרברענגט מיט די מיידלעך, זיינע שילערנס. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט ליב געהאַט, די ביידע, און נאָכן פאַרענדיקן דעם שטודיום, זענען זיי אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט געוואָרן איינער פון צווייטן.

אַ קליינער, אַ רירעוודיקער, האָט דר. גאָלדבלאַט אומעטום אָנגעשטעקט, איז געגאַנגען צו זיין קאַריערע מיט זיכערע און פעסטע טריט. די אָרעמע, האַלב-אויסגעהונגערטע סטודענטקעס האָבן אים קיינמאָל נישט אינטערעסירט. ער האָט בכלל נישט ליב געהאַט די סטודענטקעס מיט זייערע פּרעטענזיעס אויף געבילדעטקייט. ער האָט נישט געזוכט אַט די מיידלעך פון דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ. ער האָט בעסער געזוכט אַזאַ, וואָס זאָל אים דער עיקר קענען פאַרזיכערן אַ סיטואַציע. העלפן אים איינאָרדענען זיך. ער האָט זיך אויך געהאַלטן פון דערווייטנס פון די ראַדיקאַל־געשטימטע גרופּקעס צווישן די סטודענטן, האָט דערפאַר אים, ביילים, אויך אויסגעמיטן, האָט גלייך געזען אַז עס פירט נישט צו קיין תכלית, אַז עס קען נישט מער ווי פטרן די קאַריערע. ער האָט מאַקע רייך חתונה געהאַט, באַקומען אַ היפּשן נדן צו קענען אויסהאַלטן די ערשטע, נישט זיכערע טריט, ביז ער וועט זיך פאַרשאַפן פּאָפּולאַריטעט, אָפּגעדונגען זיך אַ גרויסאַרטיקן אַפּאַרטאַמענט אין די רייכע האַנדלס-געגנטן אַרום די גרויסע בולוואַרן, אים האָט אָפילו נישט געאַרט וואָס מען מוחמלט אונטער, אַז זיין

ווייב איז נישט קיין איבעריקע קראַסאַוויצע. פאַר געלט האָט ער שוין געוווּסט ווו אָנצוקומען, שנעל זיך נאַטוראַליזירט. כּדי צו קענען פּראַקטיצירן פריי, און שטערונגען, כּדי נישט צו האָבן אויף זיך קיין שום חשדים פון פּאָליציישער טעטיקייט, האָט ער זיך אויף אַ שטיק צייט איינגאַנצן צוריקגעצויגן פון יעדער געזעלשאַפט, האָט געלעבט גוט מיט דער „קאָנסיערזשקע“ פונעם הויז, אונטערגעטראָגן איר מתּנות, זי זאָל גוט זאָגן אויף אים, ווען מען וועט קומען דורכפירן די אַנקעטע, נאָכפרעגן זיך און נאָכפאָרשן. אין זיין קאַבינעט, אין זיין אויפנאַמס-צימער זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן מיט גרויס לוקסוס און פאַרנעם. די מאָדערנסטע ווייכע מעבלען זענען אַריינגעשטעלט געוואָרן אין די גרויסע, ליכטיקע צימערן, דיוואַנען אויף דער פּאָדלאָגע, גאָבעלינען אויף די ווענט, בילדער פון עטלעכע מאָדערניסטן, גוטע קאָפּיעס פון די קלאַסיקער און ביי דער טיר — אַ סימפּאַטיש שטוב-מיידל, וואָס האָט אויף יעדן קלונג אַ אייל-געטון דורכן קאָרידאָר מיט דראָבנע טריט, אויפגעמאַכט, אַריינגעפירט מיט אַ שמייכל אין וואַרטע-צימער, באַזאָרגט מיט די אילוסטרירטע צייטונגען פון דער לעצטער וואָך.

די קליענטן זענען געווען מערסטנס פון דער רייכער סוחרים-וועלט, וואָס זענען געקומען צו אים סיי אין געשעפט-אָנגעלעגנהייטן, סיי אין אַנדער געלעגנהייטן פון אַ גאָר באַזונדערן, פּריוואַטן כאַראַקטער; געווען זענען עס גאַנץ דיסקרעטע ענינים פון ווייבער, געליבטע, גט-פּראָצעסן. גאָרנישט ווי קיין פרעמדע, הדרית פערזאָן האָט ער זיך דערמאָלט באַצויגן, נאָר ווי אַ נאָענטער, פאַראינטערעסירטער צד. אַ סך פּאָפּולאַריטעט האָט ער זיך אויך פאַרשאַפט מיטן אָנגעהערן צו די פּאַרישער בירגערלעכע ווילטעטיקע קאָמיטעטן, האָט זיין וואָגיק וואָרט אָפט געלאָזן הערן אין און אינטערוויו וועגן אַ יתומים-הויז, אַ זומער-קאָלאָניע פאַר קינדער, וועגן וואָס מען האָט זיך ברייט געשריבן אין אַלע יידישע און יידיש-פראַנצויזישע בלעטער. איין גרויסע שוועריקייט האָט ער געהאַט בייצושטיין — און דאָס איז געווען דער פאַמיליע-נאָמען. ווי ער האָט אים נישט געדרייט, דעם נאָמען, איז ער פאָרט אַרויסגעקומען יידישלעך, נאָך ערגער — פּויליש-יידישלעך. און דאָס איז געווען אַ געפאַר און אָפטע אומאַנגענעמלעכקייטן אין די צייטן פון אַנטיסעמיטיזם און אויסלענדער-פיינטלעכקייט. ער האָט זיך טאַקע לאַנג געקווענקלט אַרויסצוזעגן דאָס אויסגראַווירטע שילדל פון פאַרנט אין גאַס אַריין.

אַז אים, דעם אַדוואָקאַט ביילים, זאָל אַצינד אויסקומען האָבן צו טון מיט אָט דעם גאָלדבלאַטן, האָט ער זיך נישט גערעכנט, בשום-אופן נישט. ער האָט זיך דעריבער שטאַרק געוווּנדערט, ווען גלייך צומאָרגנס, נאָכדעם ווי זשאָזעף העכט איז פון אים אוועק אַזאַ באַרביטערטער, אַזאַ צעבראָכע-

נער, האָט ער אין טעלעפאָן־בײַבל מיטאַמאָל דערהערט גאָלדבלאַטס צוגע־לאָזן, זיס־צוקערדיק שטימעלע. צוערשט, פאַרשטייט זיך — וואָס מען מאַכט, ווי עס גייט, ווי מען האָט זיך איינגעאָרדנט; דערנאָך — אויב ער קען אים נישט באַשטימען אַ קליינע ראַנדעווו וועגן אַן ענין, וואָס האָט, דוכט זיך, אַ שייכות צו זיי ביידן. וועגן וואָס, וועלן זיי זיך שוין דורכרעדן פערזענלעך, אונטער פיר אויגן, ס'איז גלייכער אַזוי.

באַלד אויפן אָרט איז דעם אַדוואָקאַט ביילים איינגעפאַלן, אַז דאָס, וואָס ער האָט פאַרגעסן, איז הונדערט איינס פּראָצענט ריכטיק. נאָר אינ־טערעסאַנט איז, ווי אַזוי יענער, דער גרינבערגער, האָט עס אָבער אָנגע־טראָפן אויפן ריכטיקן אַדרעס, ווי ער האָט עס געוווּסט אַקוראַט צו וועמען מען דאַרף זיך ווענדן. נאַטירלעך, האָט ער נישט אָפּגעזאָגט צו טרעפן זיך ערגעץ ווו מיט אים; נישט אַזוי זיס־צוקערדיק אַפילו האָט ער אים צוגע־זאָגט, קאַלט, מיט דער זעלבער קאַלטקייט פון זייער אַמאָליקער איבערגע־ריסענער פריינטשאַפט. ער האָט אויך צווישן געגעבן זשאַזעפן, באַרואיקט אים און צוגעזאָגט, אַז אויב מען האָט זיך צו אים געווענדט, וועט זיך נאָך געוויס עפּעס לאָזן מאַכן. אַז ס'איז אפשר גלייכער, וואָס אַזעלכע זאַכן פאַרלויפן זיך וואָס פריער און וואָס פריער מען האַקט אָפּ מיט אַזעלכע מענטשן, אַלץ געזונטער איז...

מיט אַ באַזונדער לעבהאַפטער פּראַינטערעסירטקייט איז דר. ביי־לים דאָסמאָל אַוועק אויף דער טרעפונג. ער איז אַוועק פאַרטיידיקן דעם ענין פון זיין קליענט, ווי עס וואָלט זיינס אַ פערזענלעכער ענין געווען. גיין, זיי האָבן אַזוי לייכט נישט געקענט אַדורכקומען צווישן זיך.

באַגעגנט האָבן זיי זיך אין אַ רוישיקער קאַפע אין לאַטיינישן קוואַר־טאַל, אויפן זעלבן סען־מישעל, וווּ זיי האָבן צוזאַמען דורכגעמאַכט די סטו־דענטישע הונגער־יאָרן. ווי ווייט זיי זענען שוין אַצינד ביידע געווען דער־פון. איבערהויפּט ער, דר. גאָלדבלאַט. כאָטש אין זיין אויסגעריבענעם אָנצוג, האָט דר. ביילים נאָך אַפילו איצט אויסגעזען ווי אַן אָרעמער סטו־דענט. כאַפּנדיק זיך מיט אַ ראַשער באַוועגונג צו באַצאָלן פאַר דער קאָנ־סאָמאַציע אין שטילן, אָפּגעזונדערטן ווינקל פון דער קאַפע, האָט זיך דר. גאָלדבלאַט שמייכלענדיק אָנגעבויגן צו ביילים.

— געדענקסט — האָט ער אים געדוצט — וויפל מאָל מיר האָבן זיך דאָ געדרייט אין דער נאַכט אַרום קאָנטואַר, הונגעריקע, ווי די וועלף. דאָס האָב איך דיך אויסגעלערנט די קונסט אויפצועסן אַ פיר־פינף קרואַסאַנען און באַצאָלן נאָר פאַר איינעם — האָט ער שיער אַרויסגעלאַכט.

— אַזעלכע זאַכן געדענקען זיך! — האָט ביילים גערעדט פלעגמאַ־טיש, געשמייכלט אין די בלאָנדע וואָנסן אַריין און באַצאָלן אויך פאַר אים האָט ער בשום אופן נישט געלאָזן.

ער האָט אויסגעזען נישט אין אכט צו נעמען די בולעטע באַליידיקונג, ד״ר. גאָלדבלאַט, און געפּרוווט ווייטער אָנהאַלטן דעם פריינטלעכן שמועס. לאַזנדיק דעם אייגנטלעכן ענין אויף צילעצט. ביילים האָט גאַרנישט דער־מאָנט, געוואַרט, אַז יענער זאָל אָנהויבן. ער וועט אים דעקן פאַרן אָנעמען שווינדלערישע עסקים, באַמיען זיך צוצושפּאָרן אים צו דער וואַנט, אַרויס־קריגן וואָס מער. אָבער יענער האָט זיך נאָכנישט אַזוי געאײַלט.

אַז ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן שפּעט, האָט זיך דער קליינער, זשוואַ־ווער גאָלדבלאַט אָנגערוקט צו אים נענטער, אַז זייערע קניען האָבן זיך אָנ־גערירט, און כמעט אויפן אויער איינגערוימט אים:

— דו ווייסט שוין אוודאי וועגן וואָס עס האנדלט זיך, דאָס הייסט וועגן וואָס אייגנטלעך אונזער היינטיקע טרעפונג איז געווען. מיין עצה איז — אויסגלייכן... דער גרינבערגער איז אַ סימפּאַטישער מענטש. ער האָט מיר אַלץ אָנדערציילט, ווי ער און זיין ווייבל זענען אויסגעשטאַנען. ער איז אפילו גרייט זיך צו לאָזן קאָסטן.....

— דאָס זעסטו, גייט נישט! זיך לאָזן קאָכטן? — איז ביילים אויפ־געשפּרונגען אַ צעקאָכטער, — איך וועל זיך אָננעמען די עולה. איך קען דעם מענטש. איך ווייס ווער עס איז דער שולדיקער....

— ביסט מיר היינט זייער „דאָסיק" — האָט יענער שפּאַטיש אַוועק־געמאַכט — אַ הייליקער צאָרן, זע איך, האָט זיך אין דיר אָנגעצונדן. יושר, יושר... מיר האָבן שוין געזען ווי דער סאָציאַליסטישער יושר זעט בײַ אייך אויס... אויף וואָס פּאַרא וועגן דו גייסט, מילא, דאָס איז דיין זאַך. אָבער, אַז דו וועסט זיך איבערשלאָפן, וועט מען נאָך שמועסן דערפון.

און זיי האָבן זיך קאַלט צעזעגנט.

ער איז נישט איבערראַשט געווען דר. גאָלדבלאַט, פון ביילים'ס עק־שנות, ער האָט אים גוט געקענט, געוווסט אַז מען קען אים בייגן, מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי. ער איז שוין איצט אַליין אויסגעקאָכט געוועזן אינעם גאַנצן ענין, געגומען אַלץ אויף דער אייגענער האַנט, צוזאָגנדיק בענין, אַז עס וועט צום געריכט נישט דערגיין, ס'מאַר נישט דערגיין, ווייל בײַם סאַמע אָנהויב פון שטעלן זיינע טריט אַליין, מאָר ער זיך אַזאַ נאָמען נישט מאַכן.

קודם האָט דר. גאָלדבלאַט דערשמעקט, אַז דאָס גרעסטע פאַרגעניגן בײַ די אַרויפגעאַרבעטע בעלוויליער ייִדן, איז שבת נאָכמיטאָג אַראָפּצוכאַפּן זיך אין דער רוימישער באָד, וו מען קען זיך אויסרוען, זיצנדיק אין דער פּיזשאַמע, אין אַ באַקוועם-איינגעריכטן סאַלאָן, לאָזן זיך סערווירן פון שיי־נע שיקסעס אַ גלעזל, זיצן אין די ווייכע סאָפעלעך און אַריינכאַפּן אַ קאָרטל, געווינען, אָדער פאַרשפּילן היפּשע עטלעכע פראַנק, אָנעם וויסן פון ווייב, נאַטירלעך. וועגן דער דאָזיקער שוואַכקייט זשאָזעפס האָט אים בעני נעגעבן אָנצוהערן און עס איז אים גוט צונויף געקומען. ער האָט זיי אַלעמען

געוואַלט צונויפירן און דעמאָלט וועט ער שוין וויסן ווי אַזוי ער האָט צו רעדן. זיי וועלן שוין, נישקשה, ווייבער ווערן.

שבת אינדערפרי האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעקלונגען צו ביילין.

— פאַרשטייסט דאָך אַליין — האָט ער אים זאַכלעך אויפגעקלערט — אַז ס'איז געזונטער דעם ענין אויסצוגלייכן מיט גוטן... פאַרגעס נישט, אַז מיר זענען דאָ אויסלענדער. מיר האָבן אויף זיך אַזוי אויך גענוג צרות... מען דאַרף נאָך, אַז די צייטונגען זאָלן עס אונטערכאַפּן, מער פעלט נישט... און דו מיין נישט, אַז מיר גייט דאָ בלויז אינם פאַרדינסטל. מיר וועלן זיך היינט באַגעגענען אין „באַן דע ראָם" (רוימישע באָד) אויף רי סען-דעני און איבערשמועסן די זאַך נאָכאַמאָל.

דערויף איז ער מסכּים געווען און האָט גלייך צווויסן געגעבן זשאַ־זעפן. צו דער ריכטיקער שעה האָבן זיך אַלע פיר צוגעשטעלט אין געראַמען זאַל פון באָד־אַנשטאַלט. כ'איז פונדעסטוועגן מאָדנע געווען צוצוקוקן זיך, ווי די פיר מענטשן אין די פּיזשאַמעס, אָפּגעצוואָגענע, פאַרוויטלטע און אַרומגעגאַלטע, האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, אַרום אַ קאָרטן־טישל, מיט צוויי באַקוועמע סאָפּקעלעך אין ביידע זייטן. מען האָט זיי לייכט גע־קענט אונטערשיידן פון די צעוואָרפענע גרופּקעס איבערן זאַל. נישט קיין „פּאַטראָנען" פון איין און דער זעלבער בראַנזשע זענען זיך דאָ צונויפגע־קומען, נישט קיין גוטע־ברידער אַ הוליע צו טון. ס'איז געווען אין שבתדיקן נאָכמיטאָג, ווען דער אָפּרו־זאַל איז פול געווען מיט די דאָזיקע סאָרט געסט. כּדי ווייניק באַמערקט צו ווערן, האָבן זיי זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל, הינ־טער די זיילן, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט די באַלקאָנען אַרום די ווענט. אונטערן גלעזערנעם דאַך האָבן אָפּגעהילכט די פרייִלעכע קולות פון באַסיין. דער ווינטערדיקער פאַרנאַכט איז פרי צוגעפאַלן. איבערן גלעזערנעם דאַך האָט געקלאַפּט אַ נודנער רעגן און דאָ, אין וואַרעמען זאַל, וווּ די טריט זענען פאַרלוירן געוואָרן אין ווייכע דיוואַנען, איז דאָס ליכט געקומען ער־געץ פון הינטער די באַלקאָנען, אַ ווייך און אָנגענעם ליכט. דאָ איז געווען דער זאַל פון אָפּרו און קאָרטן־שפּיל. פון אַ זייטיקן זאַל האָט זיך געטראָגן טאַנץ־מוזיק. בלאָנדע מיידלעך אין ווייסע, חנעוודיקע קאַפּ־הייבלעך, אין קורצע פאַרטעכלעך, האָבן געפלאַטערט דורך די טירן, וואָס האָבן קיין שום גערויש נישט אָנגעמאַכט, מיט די געטראַנקען אויף די טאַצן. זיי האָבן פאַרוויטלטע געשמייכלט און זייער געלעכטער האָט זיך אויך נישט געהערט. אַ פולער זאַל מיט מענטשן און — ווי אַ סוד וואָלט דאָ געשוועבט איבער אַלעמען, ווי אַלע קלאַנגען וואָלטן איינגעזאַפּט די ווענט, די ווייכע דיוואַנען.

ס'איז שוין איצט נישט געווען ביי זשאַזעפן די אַמאָליקע באַלעבאַטסקייט, ווען ער האָט זיך דאָ שבת נאָכמיטאָג באַוויזן אין באָד־אַנשטאַלט. די מיידלעך דאָ האָבן אים שוין גוט געקענט. ער האָט זיך אַלעמאָל צווייִדייטיק גע־

ווילט מיט זיי, אָנגענומען איינע ביי דער טאַליע, צוגעצויגן צו זיך און זיי אַלע אַרום האָבן געלאַכט, פאַרהאַלטן זיך לענגער ביי זיין טישל. זיי האָבן געוווּסט, אַז עס דערוואַרט זיי אַ שיינער „פּורבואַר". אַצינד איז ער דאָ געזעסן אַן איינגעהויקערטער, אָפּגעצוואָגן, ווי מען וואָלט אים נאָר־וואָס אַרויסגעצויגן אַ טרינקענדיקן. ער האָט עפּעס נישט געקענט קוקן אין יענער זייט אַריין, וווּ בעני איז בריוולעך געווען צעזעצט. אָבער זייער האָ־פּערדיק האָט בעני אויך נישט אויסגעזען צו זיין. האָפּערדיק איז געווען בלויז איין גאָלדבלאַט. אַ באַזונדערע זיכערקייט איז געווען אין זיין באַ־וועגן זיך אין דער צו־לויזער פּיזשאַמע, אין וועלכער אָט דאָס רונדע מענ־טשעל איז אַרומגעשוווּמען. אַ קליינע ווייַלע האָט ער עפּעס אַריינגעסודעט אין אויער אַריין ביילישן, וועלכער איז דאָ געזעסן ווי אַ פּרעמדער, פאַר־רוקט איין אַרבל אין אַנדערן.

— הכלל — מיין עצה איז : אויסגלייכן ! — האָט גאָלדבלאַט זיך דערנאָך געווענדעט צו זשאַזעפּן און בענין, וועלכע זענען געזעסן ווייט אָפּ־געטיילט איינער פון אַנדערן — אַזוי ראַט איך — האָט ער אונטערגע־שטראָכן, קוקנדיק אין זשאַזעפס זייט אַריין — טאַקע, נאָך וואָס זאָלן מיר אָנקומען צום געזעץ, ווען יעדער פון אונז איז זיכער נישט אין אָרדענונג מיט עפּעס קעגן געזעץ ?... און איר מסיע העכט, זענט דען אַזוי אינגאַנצן כשר ? לאָמיר זיך נישט נאַרן.... אַז זיי וועלן נעמען נאָכזוכן, וועלן זיי געפינען ביי אייך מענטשן, וואָס אַרבעטן אָן פּאַפּירן, אפשר וועלן זיי אין די ביכער אויך עפּעס אויסגעפינען... איר ווייסט מיט וואָס דאָס אַלץ שמעקט היינט ? איך ווייס יאָ, איך האָב מאָנטעגלעך צו טון דערמיט...

אַזוי בלייך און צעשראָקן ווי זשאַזעף איז געווען, האָבן אים נאָך פלו־צים אָנגעהויבן ציטערן הענט און פיס.

— איר ווילט מיך אינגאַנצן קוילענען ? — נאַט, קוילעט ! — האָט ער אויפגעריסן דאָס העמד און האָט זיך באַלד, אַ באַגאָסענער מיט שוויס, צוריקגעוואָרפן צום אָנלען. ביילים האָט זיך געוואָרפן אים ראַטעווען פון חלשות. ווען ס'זענען אָנגעלאָפן די מיידלעך, האָבן זיך שוין ביידע, גאָלד־בלאַט און בעני, געהאַט אויפגעשטעלט פון טישל.

— איר קענט שוין גיין ! — האָט זיי ביילים אָפּגעמאַסטן — איך האָט שוין אייערס אָפּגעטון....

קאַפּיטל פופצן

זי וויל נישט, זי וויל יאָ

צום ערשטן מאָל, דוכט זיך, ווי ס'איז אויסגעקומען אַז זשאַקל זאָל אַמאָל נעמען טראַכטן וועגן זיך אַליין אויך, וועגן זיין אייגן בידנע, פֿאַראיינזאַמט לעבן. ווי מיט עפּעס אַ שטאַרקן כישוף, אַזוי האָט עס אים אַ ציי געטון צו דער שטילער, וואַרעמער היים, צו דער אָפּגעלעגענער נעסט, וואָס דאָס פֿליסיקע מיידל קריינדל האָט זיך מיט אַזויפֿיל געדולד און פּינקטלעכקייט איינגעאָרדנט. מיט זיכער האַרץ-קלאַפּעניש האָט ער צוגעזען, ווי די נאַקעט-העלע טאַפּעטן האָבן די פֿרעמדע, פֿינצטערע ווענט געמאַכט היימישער, מיידליש-אינטימער. דאָס ציכטיק-פֿאַרגלעטע בעטל, די מוסלינענע פֿאָרהענגלעך, די פּאָליצקעס מיט די צעשטעלטע, פֿינקלדיקע גלעזער און די שטילע, אָוונטיקע שיין פֿונעם אַבאַזשורל איבערן טיש מיטן אויסגעשפּרייטן סערוועטל. אָוונט-צייט האָט ער זיך לאַנג געדרייט אַרום איר טיר, ביז ער האָט אָנגעקלאַפּט.

אין אַזאַ וואַרעמער נעסט, האָט זיך געטראַכט, איז ליב, אַז מען קאָכט דיר אָפּ אַ ביסל עסן, אַז מען שפּיליעט דיר צו אַ ספּינקע, אַז מען פֿאַרלאַטעט דיר אַ העמד. ווייל וואָרום די אַלע עסנס אין די רעסטאָראַנען פֿאַרדאַרבן סוף כל סוף דעם מאָגן און די טעלעכע העמדער. וואָס אַ מאַמע האָט נאָך מיטגעגעבן פֿון דער היים אין וועג אריין, זענען שוין פֿון לאַנג צעשאָטן געוואָרן פֿעדימווייז אין די כעמישע וועשעריען פֿון די אַלע דורכגעוואַנדערטע לענדער און שטעט. קיין קנעפּל אָנגייען זיך איז נישטאָ קיין געדולד, שטעקט מען זיך כסדר אַרום מיט נאָגראָפּקעס און שפּילקעלעך.

דאָס מיידל אָבער איז פֿאַרבליבן צו אים שטרענג, קאַלט און הילפֿלעך. זי האָט כלומרשט נישט באַמערקט דאָס אומעטיקע גלענצל אין זיינע פֿייכטע אויגן און האָט זעלטן-ווען געפֿונען אַ מינוט צו זיצן און צו שמועסן מיט אים. פֿון אונטערן צוגעקלעפּטן פֿודער האָט זיך אַרויסגעשלאָגן ביי איר די פֿאַרוויכערטקייט, די קנייטשעלעך. פֿון זיצן איבער דער מאַשין, האָבן אירע וואַסערדיק-פֿאַרבלוטיקע אויגן, מיטן צופּאַלן פֿון דער נאַכט, געזוכט און גענישטערט אַרום זיך. אַ בלענדעניש האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר איר, ווי אַ וואַנט און זי האָט זיך געמוזט צופּאַסן אַ פּאָר גרויסע האָרן-ברילן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגערוקט איבער איר קליין, רונדיק נעזל.

זי איז, איבעריקנס, געווען גענוג פֿאַרפֿאַרעט מיט זיך אַליין אויך. נאָך איידער זי האָט באַוויזן אָנצוזאַמלען די ערשטע עטלעכע הונדערט פֿראַנק אויף פּאַפּירן, האָט מען זי דאָ איינמאָל סוף כל סוף געכאַפּט אַר-

בעמן אין דער ווינקל-אמעליע אויפן בעלוויל און זי האט געמוזט דערמיט אונטערקויפן דעם אגענט.

דערנאך האט זיך אנגעהויבן א טועניש מיט די „מאכערס“. אפילו אין יענע יארן איז שוין דאס ארויסבאקומען א שטיקל „קארטע“ אנגעקומען שווער. האלבע יארן האבן זיך געצויגן די אנקעטעס, מען האט נאכגעפארשט פון וואס מען לעבט, צי ארבעט מען נישט, חלילה, פון וועמען מען באקומט געלט און וויפל.

דאס מיידל האט מורא געקריגן אהיימצוקומען שפעט, איז געלעגן אין בעט, אן איבערגעשראקענע, טאמער האט זי אוונט-צייט פארנומען עמיצנס טריט. ווייל געהערט האט מען, אז עס ווערן אפט איבערגעפאלן האטעלן, מען ארעסטירט, מען גיט אויסווייזן און מען שיקט אפ צו דער גרענעץ. זי האט דעריבער געשפארט א פראנק צו א פראנק און האט אנגעהויבן ארומצולויפן צו די „מאכערס“.

אריינגעפאלן איז זי צו די בעסאראבערן פון רו דע ראזיע, אויפן „פלעצל“. דאס האזיקע מאגערע, אויסגעקינדלטע ווייבל האט זיך שוין אביסעל צופיל אויסגעזארגט איבער די פארפאלגטע, פארוואגלטע און פאפירנלאזע יידישע בחורים און מיידלעך, וואס האבן זיך ארומגעוואגלט אין די אלע בלינדע, זייטיקע האטעלעכלעך און אויף די פארשטעקטע פליגל-מאנסארדעס. איר איבערגעטרוקנט מאנסבילש קול, מיטן בעסאראבער, קאציקן יידיש, האט טויב פארזשומעט די אויערן; און זינט ווען זי האט אנגעהויבן צו פירן די געשעפטן מיט איר, איז זי, קריינדל, אלע פאר טעג געקומען צו לויפן מיט רויטע פלעקן אונטער די אויגן און מיט די קאלירטע קוויטלעך, צוגעשיקט פון דער פרעפעקטור. דאס פארשלאכטע ווייבעלע האט זי פארשטופט אין א ווינקל אריין, האט זיך געהאלטן אין איין ארומקוקן און זי האט פארשפריצט מיט די ריידעלעך, וואס האבן זיך יעדן איינעם געמוזט לייגן אויפן שכל.

— מאמואזעל! — האט זי אין איר אריינגערעדט — ד ע ר קאפ זאל נאך אזוי לעבן, ווי איר וועט, מיט גאטס הילף, זיין ביי מיר א „פאלנע“ פראנצוסקע !...

— אבער די קוויטלעך.... — האט קריינדל אנגעהויבן אירס. זי האט איר אבער נישט געלאזן פארענדיקן.

— וואס קוקט איר מיך אן, וואס ? אט מיט דעם פארזשאווערטן פנימל — האט זי געוויזן אויף זיך — קום איך שוין, נישקשה, אן דארט, ווו מען דארף. געדולד, פריילנשי, אביסעלע געדולד.....

איר זיץ-ארט איז געווען א קליינע, פארויכערטע קאפע, פארוקט ערגעץ אין איינס פון די ווינקל-געסלעך, וואס פארפירן שמאל און בלינד צום „פלעצל“. אין א זייט פונעם באלאגערטן „קאנטואר“ האט מען זיך אויפ-

געהויבן מיט א שווינדל־שטיג צום ערשטן גאָרן, ווו דער סופיט איז קרום געלעגן איבערן קאָפּ. צווישן שיטער־באַזעצטע טישלעך, קרומע דאַשיקעס און שפּיציקע, אַנטבלויזטע מיידלשע קניען. איז אָנגעשוווּמען אַ בלוילעכער ציגאַרעטן־רויך. פאַר דער באַשטעלטער קאַווע האָט זיך דאָס ווייבעלע אַלץ מאָל געכאַפּט צו באַצאָלן ערשט נאָכדעם, ווי דאָס מיידל האָט זיך שוין פון אַ היפּשער רגע געגראַבלט מיט דאָרע פינגער ביי איר אין בייטל.

— אָ, איר צאָלט שוין ! — האָט זי פאַרצויגן די דינע פּאַרטרעקנטע ליפּעלעך.

— שאַדט ניטשט! — האָט יענע פאַרחושט אוועקגעוואָרפן ס'קליין־געלט אויפן טישל — איז וואָס זשע, זאָגט איר מיר צו ? מיר דערגייען נאָך עפּעס אַלץ נישט צו קיין טאָלק. שוין די דריטע וואָך, אַז עס קומען די קוויטלעך. נעכטן האָט מען זיך ווידער געפרעגט ביי דער קאָנסיערזשקע, ווי איך בין געמאָלדן.

— אָ געזונט אין אייך, פריילנשי, איר זייטער נישט קיין קינד. גע־דולד, זאָגט מען אייך. קיין איין פראַנק וועט אייך נישט פאַרלוירן גיין.

דאָס מיידל האָט איר געטראָגן די אָפּגעשפּאָרטע פראַנקן פון דער שוּוערער האָרעוואַניע אין די אָפּגעלעגענע טריקאָ־פאַבריקלעך אויפן בעל־וויל. זי האָט זיך אַליין נישט פאַרגינען אָנצוטון קיין רעכט קליידל, קיין פּאָר זאָקן, און אַלע פּאָר טעג איז זי געקומען אויפזוכן דאָס פאַרשלייאָבעטע ווייבעלע אין דער פאַרהיכערטער קאַפע. די האָרן־ברילן זענען איר אַרומגע־פאָרן איבערן קליינעם, רונדיקן נעזל און די רויטע פלעקן אונטער די אויגן זענען אַרויסגעטרעטן שאַרפער. און יענע האָט אַלץ אין איר אַריינגע־טענהט :

— אַזויפיל גוטע יאָר זאָל איך האָבן, וויפל מאַדמואַזעלן עס דרייען זיך אַרום אין פּאַריז נאַטוראַליזירטע און מיט אַרבעטס־פּאַפּירן.... אַ פראַנ־צויז, אַ „מערי" — וואָסי, שלאָפט מען זיך איין מאָל איבער מיט אים.... שאַט, האָט איר אייך מיין וואָרט — די אַנדערע וואָך זענט איר דער־לייגדיקט....

כ'איז אַוועק די אַנדערע, די דריטע און די פערטע וואָך — נישט זי האָט אָנגעזען דאָס ווייבעלע, נישט די קאַרטע. דאָס ווייבעלע האָט עפּעס מיט אַמאָל אָנגעהויבן פאַרשווינדן צו ווערן — זי האָט זיך אינגאַנצן אויפ־געהערט צו ווייזן.

— וואָס ווילט איר, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט ? — האָט זי גע־ליאַרעמט, ווען קריינדל האָט זי קוים מיט צרות אָפּגעזוכט — כ'האָב מיינע אייגענע קאָפּ־פאַרדרייעניש. אָנגעזעצט זיך, זעסטו....

פון דעמאָלט אָן איז שוין קריינדל מער נישט געגאַנגען אין דער קאַ־

פּע. האָט געלאָזן פֿאַרפֿאַלן גיין די עטלעכע הונדערט פֿראַנק און האָט נאָך דערצו אײַנגעבראָכן באַקומען אַן אויסוויז.

עטלעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד האָט זי מורא געהאַט אַרויסצורירן זיך פֿון שטוב. עס האָט זיך איר אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז מען גייט איר בסדר נאָך, אַז אַט לייגט מען אַרויף אַ שווערע האַנט בײַ איר אויפֿן אַקסל. אַחוץ זשאַקלען האָט קיינער קיינמאָל נישט געוווּסט וווּ זי וווינט, קיינער איז צו איר נישט געקומען. און גראָד זענען אויך אויסגעפֿאַלן עטלעכע זייער אומרואיקע טעג. אין די קוואַרטאַלן, וואָס זענען געדיכט באַוווינט געווען דורך אויסלענדער, אויפֿן בעלוויל און איבערהויפּט — אויפֿן „פּלעצל“, איז פּאָליציי אײַנמיטן העלן טאָג פֿאַרפֿאָרן אין גרויסע וועגן, אָפּגעצוימט גאַנצע גאַסן, לעגיטימירט און אָפּגעפֿירט אין צענטראַל־אַרעסט. זשאַקל איז, לויפֿנדיק אָוונט־צײַט פֿון איין זיצונג צו דער אַנדערער, אויך, פֿאַרשטייט זיך, געווען צווישן די פֿאַרהאַלטענע. דעם וויפֿלטן אויסוויז ער באַקומט, האָט ער שוין דאָס מאָל אַליין נישט געדענקט.

דערצו האָט זיך דאָסמאָל, פֿריער ווי אַלע יאָר, אָנגערוקט דער גרויער „מאָרט־סעזאָן“ און קריינדל האָט שוין אַ וואָכן פֿיר־פֿינף נישט געאַרבעט. דעם מאָגערן מיטאָג האָט זי נאָך באַקומען אויסגעבאָרגט אין קלוב מיט די אַרומגעשיילטע ווענט. אָבער פֿאַרן צימערל אין האָטעל האָט זי געמוזט אײַנצאָלן. דער קאָנכיערזש מיט די גרויע וואָנסן האָט זי אַלע אָוונט, ווען זי איז אַרויף, זײַטיק נאָכגעקוקט דורכן פֿענצטערל, פֿון אונטערן געלן פּאָרהאַנגל, און אַזוי ווי זי האָט נישט געהאַט קיין לעבעדיקן פֿראַנק בײַ דער נשמה, האָט ער זי איינמאָל גאַנץ שיין געלאָזט זיצן אין דער פֿינצטער.

ס'איז געווען אין שפּעטן, קאַלטן דעצעמבער. איבער די דעכער און איבער די שפּיציקע טורעמלעך פֿון דער פֿונאַנדערגעשאָטענער שטאָט אין דער נידער, האָט געהויערט אַ שטעכיקער נעפּל. דער אָוונט איז אין מיטן העלן טאָג צוגעפֿאַלן צו דער שויב. אין געדיכטן טונקל, האָבן צעשמירט אויפֿגעבליצט ווײַטע, פֿאַרשידנקאָלירטע פֿײַערן און האָבן זיך אַלע ווײַלע צוריק פֿאַרלאָשן... אַ ווינט האָט געוואָיעט אין די לופֿטעס פֿון די אַלטע, דיקע מויערן, געריסן די לויזע בלעכן פֿון משופּעדיקן דעכל איבער איר קאָפּ. פֿון נאָך האַלבן טאָג אָן האָט זי געברענט שטיקלעך ליכט אויף אַ גרין, אָנגעטריפֿט פֿלעשל, איז געלעגן אין בעט, אַ פֿאַרקילטע, מיט אַ קרייענדיקן כריפּ און זי האָט נישט געהאַט ווער עס זאָל איר צו דערלאַנגען אַ לעפֿל וואַרעם וואַסער צום מויל.

בײַנאַכט זענען איבער איר ברענענדיקן לײַב אַדורך הייסע שטראָמען, אָנגעגליט אירע שלייפֿן, געשטאָכן אין די ברוסט־וואָרצלען. זי האָט מיטאַמאָל דערפֿילט אַ נאָגעניש פֿאַר איר גאַנץ איינזאַם, אָפּגעפֿינצטערט לעבן. ווי אין קינדערישן יאָמערן מאַמע, איז זיך דער ווינט פֿאַרגאַנגען איבערן

צוגעשפּאַרטן דאַך־פֿליגל, האָט פֿריי אומגעשפּאַצירט אינעם אָפֿענעם קאָרידאָר און אין די לופֿטעס פֿון די אַלטע מויערן. ערגעץ האָט זיך אַ הויזטיר צוגעקלאַפּט מיט אַ טראַסק און אירע אויערן, וואָס זענען געווען אָנגעשפּיצט צו אַ ליאַדע גערויש, האָבן דײַטלעך פֿאַרנומען, ווי אין לאַנגען, פֿינצטערן קאָרידאָר רופֿט מען זי בײַם נאָמען.

אַלע טויטע זאַכן אינעם צימערל, וואָס איז פֿול געווען מיט שאָטנס, האָבן מיטאַמאָל אויפֿגעלעבט. האָבן זיך גענומען באַוועגן און אַרויסברענגען קלאַנגען. דאָס איבערגעטריקנטע מײַשל, אַ צעפּרעסטע פֿון מאָלן, האָט געקרעכצט, האָט זיך געשאַרט אינדערמיט שטיבל אַרײַן. די עטלעכע קליידער מיטן מאַנטל, וואָס זענען געהאָנגען אויפֿן משוואָק בײַם טירל, האָבן זיך צעפּאַכט, אָנגעבלאָזן, ווי אַ וואָרעמער גוף פֿון זײ געהאָנגענעם וואָלט נאָך געצאַפּלט אונטער זײ. אַ קאַלטער שוויס האָט זי אָפּגעגאָסן. זי איז ליגן געבליבן אָן אָטעם.

ערשט אויפֿן אַנדערן טאָג איז אַרויפֿגעקומען זשאַקל. ער איז, ווי אַלעמאָל, געגאַנגען מיט ווייכע קאַץ־שריט איבערן קאָרידאָרל, האָט פֿאָרזיכטיק אָנגעקלאַפּט און צוערשט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ. אינדערמונקל האָט זי אים נישט באַלד דערקענט.

— צו מײַנע שונאים קעפּ. — האָט ער זיך צעלאַכט ווייך און שיקעלדיק, ווי אַן אַלטיטשקער — קראַנק גאָר !!

אין צופֿאַלנדיקן חושך, האָט זי זיך האַסטיק אויפֿגעריסן פֿון דער אײַנגעפֿאַלענער קישן און פֿאַרוואָרפֿנדיק דעם שויבערדיקן קאָפּ אַהנטער, האָבן אירע הייסע, בלאָנדזשענדיקע פֿינגער אומגעזען אָנגעטראָפֿן די אָנגעפּראָמיקטע הענט בײַ אים.

— גוט וואָס ביסט געקומען ! — האָט זי געזאָגט מיט אַ וואַרעם קול — מען קען דאָ אויסגיין און קיין מיר זאָל זיך נישט אויפֿמאַכן.... זשאַקל. — האָט זי אים דערנאָך צום ערשטן מאָל אַזוי היימיש אַ רופֿנעגען בײַם נאָמען — דערלאַנג מיר אַ גלאָז וואַסער, וואָרן איך חלש...

קאַפּיטל זעכצן

דער טויט פֿון אַ פּאַסאָניער

נאָך איין און איינציק מאָל האָט דאָס לעבן פֿאַרן קליינעם, פֿאַרהאָרעוועטן ייד אַ שיין־געטון. דאָס איז געווען אין סאַמע ברען פֿון פֿרילינג־סעזאָן, ווען ער האָט, אַ דאַנק דעם געהעכערטן לוין, אָנגעהויבן ווי עס איז צו

פאַרדינען אויף זיין אויסקומעניש, אָפּגעשפּאָרט פון ביסן עטלעכע פראַנק, אָנגעבאָרגט זיך אין דער ליי־קאַסע פון דער גאַליציאַנער סאָסיעטע און אין איינע זעקס וואָכן אַרונטערגעברענגט פון דיבאָווע דאָס ווייב מיטן אונטערגעוואַקסענעם טעכטערל. אין די טעג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי שיינענדיקער. דאָס שוואַרצע גלות־בערדל — צוגעקעמט, אין אַ העלן ספּאָרט־אַנצוג, נישט גענייט לויט זיין מאָס און איינגעהאַנדלט אין „קאַראַ־די־טאַמפּל“. אויפן שטייף־געפּרעסטן העמד האָט זיך געשאָקלט אַ דין, אויסגעצויגן קראַוואַטל.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער שוין זיין אייגן שטיבל נישט דערקענט; דאָסזעלבע שטיבל, וווּ ער האָט די ערשטע דריי יאָר אָפּגעפּינצטערט. די ווענט — באַצויגן מיט ליכטיקע טאַפּעטן, צוגעקערט, אַרומגעראַמט. פון דער פליי־מאַרשע, אויפן כּמעט. אַנטואַן, האָט ער געבראַכט אָנצושלעפּן עטלעכע אָפּגענוצטע בעטן, אַ לייטישן טיש, אַ פּאָר שטולן. פון גרויס פלייס און צופרידנקייט, האָט ער אַפילו איינגעהאַנדלט אַ פּאָרטרעט אין אַן אַלטער גאָלדענער ראַם, וווּ אַן אויסגעצויגענע פרוי מיט צעלאָזטע האָר ליגט און לייענט אַ בוך....

אַ סך שנעלער ווי ער, דוידל, האָבן זיך דאָ דאָס ווייב מיטן אונטערגעוואַקסענעם טעכטערל אויסגעגרינט. נאָכן ערשטן האַלבן יאָר האָט זיך שוין דאָס ווייב גערופן ראָז (פריער רייזע) און דאָס מיידל — סיזאַן (סאָרמישע). פון דעם טעכטערל, וועלכע איז דאָ די ערשטע אַנדערהאַלבן יאָר געגאַנגען אויף אָוונט־קורסן, האָט דאָס ווייב שנעל אויפגעכאַפּט די עטלעכע פראַנצויזישע ווערטער פאַרגרייזט, אַראָפּגעוואָרפן דאָס שייטל, האָט איבערן פאַרגרויטן קאָפּ אָנגעצויגן אויף אַ זייט אַ ממזריש בערעטל, צו עטלעכע און פערציק יאָר געקומען צופאַרבן זיך די ליפּן און האָט דעם מאַן יעדן שבת אויפדערנאַכט ביגוואַלד מיטגעשלעפּט צו לאַכטיגערן אין „טיאַטר“ אַריין אויף אַ שטיק, וואָס מ'האָט דאָרט געגעבן.

די פראַנצויזישע עסנס דערפאַר זענען אין שטוב נישט אַריינגעקומען. „זייערע זשאַבעס מיט די באַרישטאָנקענע קעזן“ — האָט זי זיך געטרייסלט פון עקל, דאָס ווייב. צו יעדן פרייטיק־צונאַכטס האָט מען געקאָכט ווי אין דער אַלטער היים, פיש, מייערן־צימעס, פלוימען־קאָמפּאָט און איינגעקויפט אַ פּאָר פאַרדאַרטע חלהלעך אין יידישן „בוטיק“ קעגנאיבער.

אויך אויפן יינג בעמיעלע האָט די מאַמע געהאַט אַ גוטע ווירקונג, האָט אים איינגענומען מיט גוטע רייד, האָט אים נישט געלאָזן מער אַרומלויפן מיט די יינגען און האָט אים צוזאַמען מיט אַלעמען אַוועקגעשטעלט ביים טיש. פרייטיק צונאַכטס האָט זי אים אַרויפגעוואָרפן אויפן קאָפּ אַ בערעטל און ער איז געזעסן ביים טיש. ווי עס האָבן געברענט די היימישע מעשענע לייכטער, און ער האָט געריבן אויף ביידע באַקן חלה מיט פיש.

טאָר ווען דער טאַטע האָט בײַם צעעפנטן פענצטער, זומער־צײַט, גענומען זינגען זמירות און זײַן שפּיציק שטימעלע האָט זיך צעשמאָלצן אין עונג־שבת, זענען בײדע — דאָס ײנגל מיטן מײדל — באַלד אַנטלאָפן פון טיש. זײ האָבן זיך געשעמט פאַר די פראַנצױזישע שכנים, װאָס האָבן פּונקט דעמאָלט, װען דודל האָט זיך אַזױ האַרציק צעזונגען, אױפגעריסן די פענצטער און אָנגעשטעלט זיך קאָפּ אױף קאָפּ. זײ האָבן נישט געקענט פאַרשטײן דעם מרה־שחורה'דיקן און אײביק־פאַרהאָרעװעטן ײד, װאָס איז פלוצים, פון דער העלער הױט, אַזױ האָפערדיק געװאָרן. נישט אַנדערש — האָבן זײ געמײנט — ער האָט דאַסמאָל אַביסעלע צופיל אױסגעטרונקען....

— איל שאַנט פאַ מאַל די טו (ער זינגט גאָרנישט אַזױ שלעכט) — האָבן זײ געזאָגט מבינות — ס'איז דאָך אַזױ מאָדנע, פּונקט װי אין דער אַראַבער־קאַפע, װי די „ביקאָס"...

אַרבעט איז איצט דודל געלאָפן ברענגען פון רי סען־דעני, בײ די גרױסע בולװאַרן, װו בעני גרינבערגער האָט איצט געהאַט זײַן „הױז". געפאָרן, פאַרשטײט זיך, איז ער מיטן טראַם, אױף דער ליניע „עגליז־בעלװיל — רעפּובליק". שבת פאַרמיטאָג, װען ער איז געפאָרן ליװערן, אָפּנעמען די „פעי" און ברענגען אַ פרישן ביסל אַרבעט, איז אױפן „פּיניקילער" געװען אַזאַ געפּאַק, ביז צום דערשטיקט װערן. אין דער צײַט זענען אַלע ײדישע „פאַסאָניערס"" פון בעלװיל, קאָנפעקציע־שנײדערס, טריקאָ־ניקערס, מאַראָקינעריסטן, אָראָפּגעפאָרן ליװערן אין די גאַכן, װאָס ליגן אַרום פּלאַס דע לאַ רעפּובליק און אַרום די גרױסע בולװאַרן. דער גאַנצער טראַם איז פול געװען מיט ײדן. דער „פּיניקילער" האָט, דורכשנײדנדיק די ענגע רי דע בעלװיל, פאַבור די טאַמפּל, װאָס זענען פאַרשטעלט געװען מיט גרינס־װעגעלעך, טאַקסים און אױטאָבוסן, געמוזט יעדע עטלעכע מינוט אָפּשטעלן זיך און לאַנג קלינגען, ביז מען האָט דעם געפּאַקטן טראַם דורכגעלאָזט. און אַזױ װי די רײזע האָט היפּש געדױערט, האָבן אַלע ײדישע פאַסאָניערס מיט די באַהאָנגענע פּעק אין די שװאַרצע טאַלעטן, צײַט געהאַט דורכצוװאַרפן זיך מיט אַ װאָרט.

— דידאָן, האַנדרי — האָט מען זיך איבערגעשריגן פון אײן עק טראַם אין אַנדערן — איך האָב געהערט אַז ביסט געװאָרן יענער „שיסער". נעמסט אָפּ יעדן שבת אַ טױזנטער....

— װאָס װילסטו, מאָן װיע, אַ „קאָמפּלע" מוז מען אָנטון, דאָס װײַב מיט די צװײ יאַטן מוז מען געבן צו עסן און אַלײן איז מען דאָך אױך אַ שטיקל מענטש — האָט יענער צװײדײַטיק אונטערגעװונקען — מעגסט עס צוזאַמען מיט מיר פאַרדינען װיפל איך „לאָז אַדורך" דעם אײנעם זונטיקדיקן טאָג. מען קען נישט זײַן אױסגערעכנט אױפן „זו". קײן קניפּלעך, װי דו, געלער גנב, מאַך איך נישט....

דוידל איז דאָ געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו אַ שויבן-וואַנט, אַן אָפּגעגאָרסענער פון שוויים. פון דער שטיקעניש און פון דער מאַסע אויף זיך, איז אים דער אָטעם פאַרהאַקט געוואָרן. ער האָט קוים דערלעבט אַרונטערצוגיין פון „פיניקילער" און דערקריכן מיטן פּאַק ביז רי סען-דעני. אויפן מעשענעם אויסגעגראַווירטן בלעטל פונפאַרנט האָט ער שווערלעך אָבערגעלייענט: בען גרינבערגער, און ער איז אַרויפגעפאָרן מיט דער ווינדע. עס איז שוין דאָ נישט געווען דאָס פאַרוואַלגערטע בוידעם-שטיבל אין האָטעל „פּעקין", צווישן די קרומע געסלעך פון בעלוויל. דאָ זענען געווען געריימע, ליכטיקע צימערן, בלאָנדע פראַנצויזישע מיידלעך, וואָס האָבן אויפגענומען, אַ ביוראָ, ווו עס האָבן געקלאַפּט שרייב-מאַשינען און בעני אַליין — שוין גאָרנישט דאָס שטילע, פאַרשעמטע בחורל. פון הינטערן טיר האָט מען געהערט זיין שטים, פּאַרטון אין טעלעפאָן־געשפּרעכן. באַטראַכטנדיק אָט דעם יונגערמאַן וואָס האָט זיך ערשט נעכטן געוואַלגערט אין האָטעל און היינט איז ער שוין אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער פאַבריק, האָט דוידל פאַרשטאַנען, אַז נישט בלויז דאָס שטיקעלע מזל שפּילט דאָ צו אין דעם פּאַריז, נאָר מען מוז טאַקע צולייגן קאָפּ, האַרעווען, קאָמבינירן און אַז מען האָט נאָך דערצו ווער עס זאָל צוהעלפן, קען מען מיט דער צייט ווערן לייט, קומען צו אַ שטיקל אייגנס.

האָט ער זיך אַליין איינגעשפּאַנט, איינגעשפּאַנט דאָס ווייב, דאָס טעכטערל און דעם יונג בעמיעלע. ער האָט געהאָרעוועט טאָג און נאַכט און אפילו אין דעם הייליקן טאָג שבת געלאָפן ליווערן. דער ייד האָט זיך אויף אַן אמת פאַרנומען נאָכצולויפן דאָס זשעדנע שטיקעלע גליק אין דעם פּאַריז.

ער איז אָבער איינגיכן, ווי אַן אויסגעמאַטערט פערד, געפאַלן אונטער דער לאַסט, נישט אויסגעהאַלטן. די ערשטע עטלעכע שווערע יאָר אין פּאַריז האָבן דעם ייד קראַנק געמאַכט און אַ ליאַדע ווינטעלע, אַ ליאַדע פאַרקילונג, האָט אים אונטערגעבראָכן די פיס. ער האָט זיך אָבער אַזוי לייכט נישט אונטערגעגעבן, נישט פאַרגינט אַפילו אַוועקצולייגן זיך אויף אַ טאָג אין בעט אַריין. שטענדיק האָט מען באַדאַרפט צוזאָגן ביז שבת, ווען מען ליווערט, ווען עס ווערט אויסגעצאָלט די „פּעי". האָט מען געאַרבעט גאַנצע נעכט ביי פאַרהאַנגענע פענצטער, ביז מען איז אַוועקגעפאַלן פון די פיס.

דאָס ווייב האָט אים איינמאָל ביגוואַלד אַוועקגעשלעפּט צום יידישן דאָקטאָר אויפן בולוואַר בעלוויל. אין וואַרטע-זאַל, פּונקט ווי אין בית-מדרשל, זענען געווען צעשטעלט רויטע, געהובלטע בענק, די פּאָדלאָגעס באַשפּיגן, אָנגעוואָרפן מיט סיגאַרעטן־עקלעך. אַרום פיר אַזייגער, צו „קאַטרער", איז אַ יידענע אַרויפגעקומען פאַרקויפן בייגל. קליינע קינדער זענען אַרומגעקראָכן אויף דער ערד און אַלעמאָל איז אַן אַנדערע מאַמע צוגעלאָפן מיט אַ געוואַלד:

— אוי ווי, מיין ליכטיקער קאָפּ האָט זיך שוין ווידער באַנעצט !

ווען דער דאָקטאָר האָט דאָ אויפגעמאַכט די טיר פון קאַבינעט, איז אים די באַנדע ווייבער באַפאַלן פון אַלע זייטן.

— יאַכנעס, לאָז זיין אַביסל שטילער ! — האָט ער זיך אָפּגעטריבן פון זיי.

דערנאָך איז דוידל, בלייך און צעשראָקן, געשטאַנען אַן אויסגעטוענער אין דער העלפט אין ליכטיקן זאַל, דער דאָקטאָר האָט זיך איינגעהערט צו זיין דאַרן, פאַרוואָקסענעם ברוסט-קאַסטן, צו די מאָגערע, יינגלשע פּלייצעס, געהייסן איינאָטעמען, אויסאָטעמען און האָט צולעצט אַ מאַך-געטון אויף זיין האַרטן, ליטווישן יידיש :

— מיישע, דו מעקעכט שוין אין פעלד אַריין.... וואָלסט נייטיק געדאַרפט איבערליגן זיך אין בעט אַ שטיקל צייט און דערנאָך וועט מען זען. אַלץ איז ביי דיר אָפּגעשוואַכט. האָסט אַזוי לאַנג געלעבט אָן דיין יידענע?

— אַריבער דריי יאָר איז ער דאָ אַזוי פאַרשוואַרצט געוואָרן, מיסיו !

— איז דאָס ווייבל אַרויסגעשפּרונגען — ער איז נאָך אין דער היים געווען אַ „זדעכליאַק". ווען איך זע אים נישט צו דאָ, דאָקטאָר-לעבן...

— נו, אַט דאָס איז עס טאַקע !

— אָבער ווי אַזוי קען איך איצט, אין סאַמע ברען פון סעזאָן, אַוועקלייגן זיך פּלוצים אין בעט אַריין, פּאַניע דאָקטאָר ? — האָט דוידל, רויט פון בושה, געוואָלט וויסן.

— וועסט נישט ליגן אין בעט, מיישע, וועסטו ליגן אין דר'ערד — האָט דער דאָקטאָר קורץ און גלייכגילטיק אָפּגעהאַקט.

אָבער דער קליינער, איינגעשרומפּענער ייד האָט בשום-אופן נישט געקענט איינליגן אין בעט. עס האָט אים אונטערגעהויבן. דאָס קליינע שטיבל, פול אָנגעוואָרפן מיטן ביסל אַרבעט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַפּטייק, אָנגעשטעלט מיט פלעשלעך און כלאָיקלעך. און עס איז אים גאָרנישט בעסער געוואָרן אויך. ער האָט זיך שוין צולעצט אַליין געבעטן, מען זאָל אים זען אַוועקנעמען אין ראָטשילד־שפּיטאָל. דאָרט האָט ער געמיינט, וועט ער כאָטש זיין צווישן יידן. אָבער די קראַנקן־שוועסטערן האָבן קיין וואָרט יידיש נישט פאַרשטאַנען און די דאָקטוירים האָבן אים קיין שום האָפענונגען נישט געגעבן. קיינער האָט זיין קרענק גענוי נישט געקענט פעסטשטעלן. איין דאָקטאָר האָט געזאָגט : בלינדע קישקע, אַן אַנדערער — מערידן. לאַנג האָט מען אים דאָ נישט געקענט האַלטן אויך — ער האָט אָנגעהויבן צו וואַנדערן פון איין שפּיטאָל אין אַנדערן.

פון דעם ייד איז שוין פאַרבליבן בלויז הויט און ביינער. דאָס פאַרוואָקסענע פּיצל פּנים — געל, ווי אַ פּאַרמעט און די גרויכע, גליענדיקע

אויגן, אין וועלכע ס'איז נאך געלעגן דער חסידישער ברען, זענען אים שיעור נישט ארויסגעשפרונגען פון די טיפע אויגן־נעסטן. די דאקטוירים האבן אלץ נישט געקענט דערגייען וואס אים איז. פון צייט צו צייט האט אים עמיצער פון די שטובן אויפגעזוכט ערגעץ אין א פארווארפענעם שפיטאל, אויסער דער שטאט. ער האט זיך קוים דערווארט די שעה זאל אריבערלויפן, געקוקט אין א זייט, אן אויסגעלאשענער, האט זיך שוין מער נישט נאכגעפרעגט אפילו וואס אין דער היים טוט זיך, ווי עס גייט די ארבעט, נישט געזען מער די פארגליווערטע טרער אין אויג ביים ווייב, ווי ער וואלט שוין לאנג נישט באלאנגט צו די לעבעדיקע. דאס לעצטע, וואס ער האט נאך געדענקט, איז געווען אנצוזאגן דעם יונג, בעמעלען:

— זאלסט זיין א מענטש, הערסט? זאלסט נישט לאזן פאלן דער מאמען.... זאלסט זארגן אז שרהלע זאל טון א שידוך....

פון דער גאליציאנער סאסיעטע, וואס אין זייער סטאטוט איז דא א בפירושער פונקט צו קומען מבקר־חולה זיין אן עלנטן לאנדסמאן, האט זיך קיינער די גאנצע צייט נישט געוויזן. אבער אצינד, נאך זיין טויט, זענען זיי מיטאמאל זיך אלע צונויפגעקומען און גענומען זיך מתעסק זיין מיט דער לויה, צוגרייטן זיך מיט גרויס פאראד.

צום בית־עולם אין דער פארשטאט „באניע”, ווו דער שווארצער אויטא מיטן מת איז פארפארן, זענען אלע לאנדסלייט ארויפגעקומען אויסגעפוצט אין זייערע שענסטע קליידער, ווי אויף א חתונה און אזוי ווי עס איז דער שטייגער ביי די פראנצויזן. באגלייטנדיק אין א צעווארפענער גרופע דעם ארון איבער די שטילע אלייען, ביז צום אייגענעם „קאווא”, וואס איז פארעטלעכע יארן נאך אפגעקויפט געווארן דורך דער סאסיעטע, איז דער פרעזידענט, אן ארויפגעארבעטער ייד, א קאנפעקציאנער, חשיבותדיק געגאנגען פארויס מיט דער גאלד־אויסגעשטריקטער טריקאלארפאן, מיט דער ווייס־בלויער באנד איבער דער ברוסט. דוידלס ווייב, א צעשויבערטע, אין א שווארצן, צעפלויגענעם שאל, האבן געפירט אונטער דער האנט פון איין זייט — א גראבע „מארשאנקע” און פון דער צווייטער זייט — א יונג ווייבל מיט א בערעטל און מיט רויט־פארשמירטע ליפעלעך. א טריט הינטער זיי זענען נאכגעגאנגען ביידע קינדער, סיזאן און בעמיעלע, אויסגעבליכטע און שווייגנדיקע. ביים אפענעם קבר האט זיך דער סאסיעטע־פרעזידענט אויפגעשטעלט און געהאלטן אזא רעדע:

— שוועסטער און ברידער! אונטערן דאזיקן דעק־טוך ליגט נישט נאר דוידל מארשאן, דא ליגט די יידישע טראגעדיע, דער ייד, וואס וואנדערט אייביק. מען דארף נישט לאזן פאלן די אלמנה מיט די יתומים. היינט טרעפט עס ביי מיר, מארגן — ביי א צווייטן.

דערנאָך האָט עפּעס אַ גאַליציאַנער רבילע, אַן אויסגעווייקט יידל, אָפּ־געזאָגט מיט בעמיעלען קדיש און האָט פאַרענדיקט מיטן פּסוק:

— ה׳ נתן, ה׳ לקח ! (גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט צוגענומען).

צווישן די נאַקעטע ביימער, וווּ עס איז נאָך געשטאַנען אַ פאַרשטיקט געוויין, האָבן די בית-עולם-באַאַמטע גיך גענומען פאַרהאַקן דעם קבר.

קאַפּיטל זיבעצן

אַ טרייער געהילף

ביים סאַמע אָנהויב פון יענע עטלעכע זיסע יאָר אין פּאַריז, נאָכן איי־בערגעקומענעם קריזיס, ווען די פּאָסט האָט ווידער גענומען פּאַרוואַליען מיט באַשטעלונגען אויף די שווערע טריזנטער, איז דער איינטויש פון בעני גרינבערגער פון אַלעמען באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ העכסט-געלונגענעם שריט. פון אַ פאַרוואָרפענער אַטעליע אין די צוויי ענגע האַך-שטיבלעך, ערגעץ אויפן הויכן בעלוויל, פון אַ שלימזלדיק שותפות, ביז — אַ גאַנצן פּראָנטאָוון פליגל שטיבן אין גוטדיכטסטן האַנדלס-צענטער, אַרום די גרוי־סע בולוואַרן.

אַ נידעריקער, אַ קרעמפּער, מיט איבערגעוואַקסענע קינען, מיט עק־שנותדיק פאַרפּרעסטע, דין־געשניטענע ליפּן, מיט אויסגעשיטע וואָנסעלעך, האָט דאָ בעני איצט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די איינגעשמירטע בלוז, האָט אויפגעהערט אַרויסצוהעלפן ביים טיש און איז אַריינגעקראָכן, שוין אויף שטענדיק, אין אַ געפּרעסטן אָנצוג, אין אַ זיידן העמד מיט שטרייפעלעך, אויסגעבונדן מיט אַ סאָליִדן, נישט־שרייעוודיקן קראַוואַט. די ברוינע, שטייפלעכע האָר זענען איצט אַלעמאָל געווען צוגע־גלעט אין אַ שורונט. אַליין האָט ער זיך שוין אַלץ זעלטענער אַרויסגעוויזן פון דער ביוראָ, וווּ עס האָבן געקלאַפּט די שרייב און רעכן-מאַשינען, וווּ דער טעלעפאָן האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען.

די העפלעכע קאָמערסאַנטן, די וואָיאַזשאָרן און די פאַרשיירענע פאָר־שטייער פון גרויסע און רייכע „הייזער“ אין שטאָט, וועלכע האָבן פון אים אומגעריכט אָנגעהויבן צו באַקומען באַשטעלונגען אויף גרויסע טראַנס־פּאָרטן שלעסער, דובלע, לעדער און אַנדערע קליינקייטן, האָבן, אַראָפּ־לאָזנדיק זיך אין די ווייך־געבעטע פאָטעלן, אין דער ביוראָ ביי אים, עפּעס אַזוי ווי צוריקגעהאַלטן געשמייכלט.

— איר פאַרשטייט, מעסיע גרינבערזשעי — האָבן זיי זיך געקרעקט

מיט די רייד — מיר לעבן אין אזא צייט, אין אזא סיסטעם, וואס איר הויפט־פרינציפּ איז קרעדיט. אט אזוי, מיר האבן נחת פון אייך — א הויז, א פאבריק און נישט קיין פארוואָרפן בוידעם-שטיבל ערגעץ אויפן בעלוויל.

געענטפערט האט ער בלויז מיט א דינעם שמייכל, און שנעל, ווי נישט דאס איז דאס וויכטיקסטע, איז ער איבערגעגאנגען צום עיקר ענין. ס'איז זיי דעריבער פארגעקומען אביסל אומפארשטענדלעך דאס האלטן זיך פון אזא איינעם, וואס איז נאך נעכטן געשטאנען ביים טיש מיטן פענזל אין דער האנט.

און ווירקלעך, דאס הויז און דער צופאר האבן א גאנצן טאג נישט גערוט. דאס טויער, דורך וועלכן ס'האבן געהאלטן אין איין פארפארן הויכע, אנגעלאדעוועטע סחורה־לאמיאנען, טאקסיס, האנט-וועגעלעך, איז באַקלעפּט געווען מיט פיל שילדן פון פארשיידענע האנדלס-פירמעס; און צווישן זיי האט פארנומען א חשובן אויבנאן דאס אויסגראווירטע שילדל פון דער מאראקינערי־פאבריק: בען גרינבערזשע.

אין די באשטימטע נאכמיטאג-שעה'ן האט אינעם צעמענט-בלאק די באלויכטענע ווינדע, וואס האט זיך פלינק געהויבן ביז צום פינפטן שטאק ארויף, אויף קיין איין רגע נישט איינגערוט. ביים טירל האבן שוין דערמאלט אפּגעווארט אין א לאנגער ריי, באהאנגענע מיט וואליזעס און פעקלעך, די אויסגעמארעטע „פאסאזשירן", וואס האבן זיך געברענגט אהער אנצושלעפּן פון די ווייטע שטאָט־ווינקלען — ווער מיט דער מעטרא, ווער מיט די שנעל-קורסירנדיקע אויטאבוסן און ווער — צופוס. מען מוז זאגן, אז אמווייניקסטן העפלעך זענען דא געווען די יידן און די ווייבלעך פון בעלוויל: צעפלאשעטע, אנגערויטלטע, מיט ארומפארנדיקע בערעטן, האט מען זיך געהאלטן אין איין שטופּן, געשטויסן זיך מיט די עלנבויגנס און פארשטעלט די אריינגענג. די עטלעכע פראנצויזן, וואס זענען געווען צווישן זיי, האבן זיך געבייזערט און זייטיק געגעבן אנצוהערן, אז זיי זענען אויסלענדער.

אבער אנקלאפנדיק אויבן אין דער ליכטיק-אפגעווייסטער טיר, איז מען פאראמאל שטיל געוואָרן. מען איז ווארטן־געבליבן אין פאדער-קארידאר און איינעם נאכן אנדערן האט מען אויפגענומען אין לאגער־צימער מיט די אנגעהויפטע פאליצעס. דורך די צוויי ליכטיק-בלאנדע און טייוולש-פלינקע פראנצויזישע מיידלעך, וואס האבן שנעל צעפּאקט, שנעל געציילט און נאך שנעלער אויסגעפונען פארשיידענע קליינע חסרונות'לעך אין דער ארבעט; דא איז פארבליבן א פלעקעלע פונעם קלייד, דא איז סתם שטיין־געבליבן א פלאץ אין סאמע שפּיגל פון סאק.

ביי די צעפלאשעטע ווייבלעך האט געשלאגן א פלאם אין די באקן אריין,

ביי די מענער זענען די קאַשקעטן פאַרוקט געוואָרן אין טיפן שטערן אַריין, מען האָט דאָ אויסגענוצט דעם גאַנצן „זאַפּאַס" פון די עטלעכע אויסגע־לערנטע פראַנצויזישע ווערטער, צו פאַרענטפערן זיך, ביז מען איז שטום־געבליבן. ניין, ס'האָט קיינעם גאָרנישט געהאָלפן — אַזוי איז געווען דער שטרענגער אָנזאָג פונעם שעף: יעדן בראָק צוריקגעבן, אָפּרעכענען פון דער סומע און דערצו נאָך — שטרענג וואָרענען פאַר קאַליע מאַכן.

אָבער דאָ ערשט, ביים אַרויסבאַקומען אַ פרישן פעקל אַרבעט, האָט זיך אָנגעהויבן די אמת'ע פּלאָג.

אינעם זייטיקן, אָנגעוואַליעטן צימער, וווּ ס'האָט דעם גאַנצן טאָג געברענט די עלעקטרי, הינטער אַ באַריערל, האָט פאַרנומען זיין שטענדיקן פּלאַץ אַ קליין יידל, מיט רויטע, פיצינקע אויגן, מיט אַ נאַקעט, געקנייטשט פּנים און זילבערדיקע האָר. גערופן האָט מען אים דאָ אינדערשטיל — דאָס פעטערל. זיין אָנטון איז אַלעמאָל געווען פעדאַנטיש־ריינלעך, זיין האַלטונג — קאַלט, שטייף, קאָרעקט. אַ האַרטער קראַגן האָט איינגעשניטן זיינע הויטיקע באַקן. פאַרמאַגט האָט ער אָבער דערפאַר קורצע, קרעמפּע הענט, גיכע און פלינקע, וואָס אַז זיי האָבן געוואָלט, זענען זיי טאַקע גע־ווען גיך און פלינק. האָבן אַ מיש געטון צווישן די איינגעשנירלטע פעקלעך לעדער — אויסגעקליבן, פאַרצייכנט און צוגעוואָרפן עס דעם, יענעם, אַרויסקוויטשענדיק מיט אַ דינטשיק שטימעלע:

— סאַיע! (גענוג).

און אַז זיי האָבן געוואָלט, האָבן זיי (זיינע הענט) זיך באַוועגט פויל, נישט געקוקט מיט וועמען אפילו ער האָט דאָ צו טון און האָט נישט גערן געענטפערט.

— שוואַך אַרבעט.... קומט אַן אַנדערש מאָל....

באַלד די ערשטע צייטן האָט מען עפּעס נישט פאַרשטאַנען זיין נאָכ־לעסיק ענטפערן. אָבער ערשט היפּש שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אַרבעט איז דווקא פאַראַן גענוג, איבערגענוג, עס ברענט ממש הינטער די הענט, נאָר גאַנץ פּשוט — ער וואַרט מען זאָל אים אונטערוקן זייטיקע עטלעכע פראַנק....

געווען איז ער בענים אַ ווייטער קרוב. אָנקומענדיק קיין פּאַריז, איז ער אים אפילו נישט געגאַנגען אויפזוכן, ער איז אים נישט נויטיק געווען, נאָר פאַרקערט — ווען ער איז אַראָפּ פאַר זיך, בעני, האָט זיך צו אים אָפּ־געזוכט אָט דער פעטערל, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ שמש אין איינס פון די שולכלעך אויפן „פּלעצל"; האָט ער אים אָנפאַרטרויט צו זיין אויפ־זעער ביים אויסטיילן אַרבעט די „פּאַסאַזשיערס". זיין פליכט, מוז מען זאָגן, האָט ער אויסגעפילט זייער פּינקטלעך און איבערגעגעבן. ביים דורכפירן די

יערלעכע בילאַנסן האָט ביי אים דאָס ביכעלע אַלעמאָל געשטימט גענוי, ביז צו די קלענסטע קלייניקייטן.

— באַן, סאַוואַ ! (גוט, אויסגעצייכנט) — איז בעני געווען צופרידן

— איר, פעטער, וועט זיך נאָך ביי מיר דערדינען — איז ער פּלוצים געוואָרן מיט אים היימיש, היימישער ווי אַלעמאָל — מיט פרעמדע הענט, ווייסט איר, דאָך איז גוט פייער צו שאַרן... אָבער מיט אייגענע — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש...

אויפן טיש אין דער ביוראָ איז אויסגעוואַקסן אַ פלעשל, גלעזלעך און מען האָט לכבוד דעם נייעם יאָר אויסגעטרונקען צו קאַפּעטשקעס.

— אַ טרונק בראָנפן — האָט ער געמאַכט דער אַלטער אונטערפאַנ־פענדיק — מאַכט קיינמאָל נישט קאַליע !...

אַרבעט איז אין די וואָכן ווי געווײנלעך געווען קנאַפּ, און מער ווי אַן אַנדערשמאָל האָבן זיך דערמאָלט די „פּאַסאַניערס" געשטופּט אַרום באַ־ריערל, הינטער וועלכן דאָס פּעטערל האָט פאַרנומען זיין שטענדיקן פּלאַץ; און ספּעציעל נאָכלעסיק האָט ער דערמאָלט געענטפערט די, וואָס האָבן אים נאָך קיינמאָל שבת, ביים אָפּנעמען די „פּעי" אויף קיין גלעזל נישט אַראָפּ־גערופן און האָבן אים נאָך זייטיק קיין פאַר פראַנק נישט אונטערגערוקט...

עס זענען אָבער געווען צווישן די יידישע „פּאַסאַניערס" אויפן בעל־וויל אַזעלכע, וואָס האָבן באַלד געכאַפּט דעם „שניט" ווי אַזוי אומצוגיין זיך מיטן אַלטן. קודם, האָבן זיי זיך גאָר אַרום באַריערל נישט געשטופּט, מען האָט איבערגעוואַרט ביז אַלע האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט און ערשט דער־מאָלט איז מען זייטיק אונטערגעקומען צו אים.

— באָנזשור, מסיע דירעקטאָר ! — האָט מען אויף איין רגע פאַר־געסן זיין געווײנלעכן צונאָמען „דאָס פּעטערל", און מען האָט דערביי זייער פאַרלעגן געשמייכלט — שבת, נאָכן אָפּנעמען די „פּעי", וויל איך, נישט אַנדערש איר זאָלט מיט מיר אויסטרינקען אַ פלעשעלע „כרמל". מ'איז דאָך עפּעס יידן....

— ניי, ניי ! — האָט דאָס יידל אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי נישט דאָס איז ביי אים דער עיקר — מען דאַרף זען אויסזוכן פאַר אייך אַביסל אַרבעט... ס'איז איצט אַפילו זייער שוואַך, נאָר — גאָרנישט.... ווי זאָגט איר, וואָס טוט מען נישט פאַר אַן אייגענעם ?...

און ער האָט יענעם אָפּגעשטעקט אַ היפּש פּעקל אַרבעט, פון די נישט קאָמפּליצירטע מאָדעלן, וואָס אַרבעטן זיך שנעל, לייכט און לאָזן ביי זיך פאַרדינען.

גרויס דערפאָלג האָט דאָ ביי אים געהאַט איינע אַ לאַכנדיק ווייבל מיט אַ צוגעמאַליעוועט פּנימל, מיט אַ גנביש־פאַרשאַרצט בערעטל און מיט

אומרואיקע הענט. אַלעמאָל האָט זי פאַרשפּעטיקט מיטן וואַליזקעלע אַר־בעט, איז געקומען דעמאָלט, ווען אַלע זענען שוין געהאַט אַוועק. מיט די ליכטיק־בלאָנדע מיידלעך האָט זי אַרומגעפּיסקעוועט אַ געזונטן פּראָנצוי־זיש, אונטערגעחכמעט זיך מיט זיי און צוקומענדיק דערנאָך צום פּעטערל, האָט זי אים נישט אָפּגעלאָזן: ער זאָל זיך כאַטש איינמאָל זען אַראָפּכאַפּן צו זיי אויף אַ גוט שטיקעלע פיש.... אַז איר מאַרים איז אַ שלימזלדיקער מאַן.... אַז זונטיק, באַלד נאָכן עסן, פאַלט ער אַוועק שלאָפן.... אַז עס איז נישטאָ מיט וועמען אַרויסצורירן זיך אין אַ סינעמאַ....

דער אַלטער האָט אַריינגעכיכיקעט אין זיין ווייסער וועסט, אַז אַלע קנייטשעלעך אויפן שטערן ביי אים האָבן זיך אָנגעצויגן. אַרבעט האָט שוין, נאַטירלעך, דאָס ווייבל באַקומען אַפילו דעמאָלט ווען אַלע זענען פּשוט אויסגעגאַנגען נאָך אַ בידנע טוצל סאַקן.

ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די „פּאַכאַניערס" האָבן פּלוצים אָנ־געהויבן שיקן מיט די וואַליזקעלעך און מיט די שוואַרצע טיכער זייערע ווייבער; צוגעפּוצטע, מיט פּאַרוקטע בערעטלעך, מיט אָנגעקלעפּטן „רוזש" אויף די בלייכע, אָפּגעוועלקטע באַקן, האָבן זיי יעדן טאָג, אין די נאָכמיטאָג־שעהן, אָנגעפּילט דעם פּאָהער־צימער. איינער אַ ייד מיט אַ צעקנעפּלט העמדל, אַ פּאַרוואַקסענער, האָט דאָ נישט אויפגעהערט צו קלאָגן:

— אַן אומגליק.... און אַז מיין ווייב איז אַ שקראַב, נו, איז נישט אַ בראָך צו מיינע יאָרן.

— עס וועט זיך דאָ טון „ריסעס" — האָבן די נישט שיינע ווייבלעך, אַראָפּקומענדיק פון דאָרט, געקוויטשעט — דער אַלטער שיקסע־קריכער וועט נאָך באַקומען אַ כאַפּ אין זיינע יאָרן אַריין....

— שאַט יידן! — האָט דער ייד מיטן צעקנעפּלטן העמדל, אַ פּאַר־וואַקסענער, געברומט — מען ווייסט נאָך נישט וואָס פאַר אַ נייער רשע עס קען אונז צוגעשיקט ווערן....

זיי זענען איצט מקנא געווען די אַלע, וואָס אַרבעטן אין דער געררוי־מער, ליכטיקער אַטעליע און גייען זיך אינאָוונט אַהיים אַן קאָפּ־ברעכענישן. די אַלע מענטשן האָט אָבער געטריבן אַן אינערלעכער כוח.... דאָך.... אפשר וועט מען זיך פאַרט דערשלאָגן אַמאָל צו אַ שטיקל אייגנס, אַרויפאַרבעטן זיך.... ווי ער, דער מסיע גרינבערגער, וועלכן זיי האָבן נאָך אַלע געדענקט, ווען זשאָזעף האָט אים אַרונטערגעבערענגט פון „גאַר די נאָר", ווען ער האָט נאָך נישט געוווסט ווי אַזוי צו האַלטן דעם פענזל אין דער האַנט.

איצט האָבן זיי אים שוין זעלטן אַמאָל געזען אויפמאַכן די טיר פון דער ביוראָ און רופן איינע פון די בלאָנדע מיידלעך. וואַרפנדיק אַ בליק צום

פּאָדער-צימער, ווו די „פּאַסאַניערס" האָבן זיך שבת נאָכמיטאָג געזאַמלט אָפּצונעמען די „פּעי" פאַר אַ וואָך אַרבעט, האָט ער זיי יאָ דערקענט און נישט דערקענט.

אין דער צייט איז שוין די ביוראָ געווען איינגעשטילט פונעם וואָכעדיקן טומל. ס'האָט שוין געשמעקט מיט זונטיק-רו. געוווינט שבת פאַרנאַכט נאָך פון די ערשטע יאָרן דאָ אין פּאַריז, ווען ער איז געווען אונטער זשאַזעפּס פליגלען, אַראָפּצוכאַפּן זיך אין יענעם אַנגענעמען דושאַריין, ווו מען קען עטלעכע שעה געמיטלעך פאַרברענגען, אויסרוען זיך, אַריינכאַפּן אַ פּאַרטיע „בעלאָט" — האָט עס שוין איצט בענין מער נישט אינטערעסירט. ער האָט געאײַלט אַהיים, צו די אָוונטיק-באַליבטע צימערן, ווו רוזשעלע האָט שוין געוואַרט אויף אים ביים געגרייטן טיש. געאײַלט אַהיים האָט ער לעצטנס אויך מיט אַ באַזונדערס-פּריידיקער האַרצקלאַפּעניש, זינט ווען רוזשעלע איז געקומען אין די הויכע מאָנאַטן און זי האָט שוין מער פון שטוב נישט געקענט אַרויסגיין.

אַליין האָט זי שוין איצט אין שטוב גאָרנישט מער געטון. עס איז צוגענומען געוואָרן אַ דינסט־מיידל, וואָס האָט געוואַשן, געראַמט, געקאָכט און זי, רוזשעלע, האָט זיך באַצייטנס גענומען גרייטן אין קימפּעט אַריין — אויפגענייט העמדעלעך, אַנגעריסן וויקל־שנורן, ווינדעלעך; אַז בעני האָט איר בעסער געהייסן רוען און אויף די אַלע קליינינקייטן געשטופּט געלט אין דער האַנט אַריין, זי זאָל גיין און איינקויפן, האָט זי נישט געוואָלט הערן דערפון. זי איז אויך געווען אָפּגעשוואַכט און איז מער געלעגן אין עס-צימער אויף דער סאָפע, ווי אַרומגעגאַנגען, כּסדר זיך געמוזט שאַפן מיט דער דינסט.

געווען טעג, ווען אין דער שטאַרקער פאַרטונקייט פון געשעפט, האָט ער אַ ווייל אַלץ פאַרגעסן און פאַרבענקט גענומען אויסקוקן דעם פאַרנאַכט, ווען ער וועט זיך אומקערן צו דעם ליכטיקער, וואַרעמער היים, צו רוזשעלען. ער האָט זי איצט צערטלעכער, ליבער באַקומען און מיט זיסן פּלאַטער אָפּגעוואַרט דעם טאָג, ווען זי וועט ברענגען זיין קינד אויף דער וועלט. ס'איז אים געווען אַנגענעם נייגעריק איינצוקוקן זיך פון דער זייט, ווי איר שלאַנקע, מיידלשע פיגור האָט זיך אויסגערונדיקט, ווי דער איינגעשטייפטער מיידלשער ביוסט האָט אויפגעקוועלט. די ליניעס פון איר לענגלעך, שוואַרץ חנעוודיק געזיכט זענען ווייך און מוטערלעך פאַרשוואומען געוואָרן און אין איר געלעכטער איז צוגעקומען דער וואַרעמער ניואַנס פון אַ מאַמע. ער האָט אַנטדעקט אין זיך אַ קוואַל פון נייע צערטלעכקייטן.

פאַרברענגענדיק אין געמיטלעכקייט צוזאַמען מיט איר אין וואַרעמען אָוונטיקן הויז, אין ליכטיקן עס-צימער, אויף דער סאָפע, אונטער דער ווייכער שיין פון זשיראַנדאָל, האָט ער אויף קיין איין מינוט נישט געוואָלט געדענקען אין דעם, וואָס איז געשען — אין דער אַטעליע, אין די קאָפּ-דרייעניש, אין

די טראַנזאַקציעס, מיט וועלכע זיין קאָפּ איז דעם גאַנצן טאָג אָנגעפּילט. האַלטנדיק מיד־צוגעלענט די אויגן, האָט ער געפילט, אַז דאָס הויז, רוזשעלע, אַלץ געהערט צו זיין יום־טוב און אַלדאָס איבעריקע איז וואָך, הוילע וואָך. אָבער אַלץ האָט אים געטריבן אַרויף, אַרויף, די מענטשן די אָנגעשטעלטע, די וואַיאַזשערן, די גרויסע באַשטעלונגען, די סוחרים, וואָס האָבן אים, נישט פרעגנדיק אפילו אויף דעקונג, געליווערט גרויסע פּאַרטיעס לעדער, דובלע און אַנדערע קלייניקייטן — זיי אַלע האָבן שוין כמעט אָן זיין אָנטייל גע־טריבן זיין געשעפט פאָרויס.

און דאָך איז אים אין די נעכט פון מידער רו אויסגעקומען צו טראַכטן וועגן דער צווייאיקייט, וואָס וואַקסט אין אים. ער האָט געדענקט די איינגע־פונדעוועטע היים אויפן מוראַנאָוו, דאָס געשעפט אויף דער גענשע, דער גי־כער און אומגעריכטער פונאַנדערפאַל פון דעם אַלעם. ער האָט זיך ערשט איצט אומגעקוקט אויף צוריק, אויף זיין שטאַרקן, פאַרעקשנטן ווילן צו שטייגן אַרויף. ער האָט אויף אַ סך געטרעטן, אַ סך אומגערעכטיקייטן האָט ער אויף זיין געוויסן. האָט ער דאָך אַמאָל, אין יענע יאָרן, אין וואַרשע, ווען ער פלעגט אַרויפצוקומען אין אָנגערויכערטן אַרבעטער־קלוב. אויף דער קאַרמעליצקע, צווישן דער פרייַלעכער, הפקר'דיקער קינסטלער־באָהעמיע, אַנדערש געטראַכט. אין די דיסקוסיעס וועגן אַ גערעכטער וועלט, וואָס זע־נען דאָרט געפירט געוואָרן מיט אַזאַ היץ און מיט אַזאַ ברען, ווי זי, די גע־רעכטערע וועלט, וואָלט שוין אָט־אָט מאָרגן געקומען, האָט ער טאַקע, ווי ער דערמאָנט זיך, קיין שטאַרקן אָנטייל נישט גענומען, ווייל געווען זענען זיי מער פאַנטאַזיאָרן, טרוימער, ווי רעאַלע מענטשן, אָבער דעם גרויסן אמת האָט ער דאָך אין זיי געפונען. צוקוקנדיק זיך צו זייער אייגן הויז, וואָס ווערט צעטראָגן דורך אַלערליי שווינדלער און מלחמה־שפּעקולאַנטן, האָט ער דאָך דעמאָלט אויך נאָכגעטראַכט, אַז ס'איז אפשר רעכט אַזוי — ווייל ווער ווייס ווי אַזוי זיין טאַטע און זיין זיידע זענען צו דעם רייכטום גע־קומען... נאָר ס'איז שוין אַזוי — עפּעס אַנדערש איז טראַכטן און עפּעס אַנדערש איז טון.

פונדעסטוועגן טרייבט עס אים יעדן אינדערפרי פון בעט אַרויס, צו דער אַטעליע, צו דער ביוראָ, צו דער פרימאָרגנדיקער קאָרעספּאָנדענץ. לענגער ווי ביז זיבן קען ער אין בעט נישט איינליגן. ער קושט רוזשעלען אין שטערן, ווייל גאָרנישט הערן וועגן אויסטרינקען אַ גלאָז קאַפע און לויפט אַוועק. ער נעמט גאָרנישט אין מויל אַריין ביז מיטאָג. אַ געוווינטשאַפט נאָך פון די ערשטע יאָרן אין פּאַריז, און דער הונגער מאָנט אים עפּעס איינגאַנצן נישט. דאָס יאָ — סיגאַרעטן נאָגט ער בסדר, צוגעוווינט זיך לעצטנס, דאָס ליימערט אים אַביסל אויס דעם מוח, און ער קען פריי טראַכטן. אָבער די מאָגן־קרענק, די נערוועזיטעט פון מאָגן, מאַטערט, — דאָס איינציקע שלעכטע,

וואס ער האט זיך אפגעשפארט אין דעם פאריז פון די ערשטע יארן, ווען ער האט געקליבן א פראנק צו א פראנק, אונטערגעהונגערט. פאלגן פון אונטער־דערנערונג — זאגן די דאקטוירים. די דיעטע, די פילן זענען פאר אים סם. דאס מעג ער יא, דאס טאר ער נישט. ער וויל זיין פריי. אים ציט עס, ווי אין יענע יארן, אריינצוכאפן זיך, א גוט־אויסגעהונגערטער, אין ערשטן בעס־טען רעסטאראן און א כאפ טון פון קאנטואר, וואס עס קומט אים אונטער דער האנט. אז ער טוט עס אמאל בגנבה, אן רוזשעלעם וויסן, מוז ער דער־נאך א האלבן טאג ליגן אין בעט, שלינגען די פארשידענע ביטערע פראשקעס און עס הויבט אים אונטער — די אטעליע, די ביורא, די קארעספאנדענץ.

זי שטייט זיך פון אים אויך גענוג אויס. ער ווערט נערוועז, צערייצט און צולעצט — אפגעשוואכט, צעפיעשטשעט ווי א קינד.

יא, זי ליידט פון אים. ער וועט איר מאכן, טראכט ער, א שיינעם סורפריז. צוריק פון דער פריוואטער געבורט־קליניק, ווו זי ליגט שוין די אנדערע וואך און ווו זי האט אים געבוירן א געל־קעפלדיק יינגעלע מיט פונקט אזא נידעריקן שטערן ווי זיינער, און מיט רוזשעלעם שווארצע לע־בעדיקע אויגן, וועט ער זי קומען אפנעמען אין אן אייגענעם „רענא". אלע באקאנטע פון דער סוחרים־וועלט האבן אייגענע וואגנס. דעם וואגן וועט ער זיך אליין אויסלערנען פירן. וואס אים קאסטן אפ די טאקסיס, וועט ער זיך נאך אפשר פיל איינברענגען. און אן אייגענעם וואגן איז גוט ארויסצופארן זומער־צייט אויף „קאט־ד'אזיר". דעמאלט, ווען די ארבעט שטעלט זיך אפ, אדער אויף די אנדערע שיינע פלאזשעס, וואס פראנקרייך פארמאגט אלץ. ער האט נאך, אייגנטלעך, פראנקרייך נישט באקוקט, מען זאגט אז עס זענען פאראן אזויפיל שיינע ערטער און ער איז אלע זומערן פארויכערט געווארן אין פאריז.

קיין אנדערע דאגות זענען דערווייל פאר אים נישט געווען, ווי די איי־גענע — וואס באקוועמער איינצוארדנען זיך, אבער אין שטענדיקן טומל, אין שטענדיקן געיעג, האט ער אין דעם אויך פארגעסן. ס'איז געווען א מינוט נאר, ווען ער האט אזוי געטראכט. די פאליטיק האט אים קיינמאל נישט אינטערעסירט, פון דער פאליטיק איז ער שטענדיק אנטלאפן. דאס איז אן עסק פאר די, וואס האבן גארנישט, וואס האבן נישט קיין שום אמביציעס, אדער וואס זייערע אמביציעס דערגרייכן העכסטנס אויסצוקעמפן זיך א בעסערן לוין, אדער „א בולקע מיט פוטער", ווי ער האט עס אמאל, אין יענע יארן נאך, געלייענט ביי פרצ'ן. אט דער זשאקל, צום ביישפיל, איז אים דורכגעפלויגן — אן ארעמער, ערלעכער יונג, מוז מען מודה זיין. ער האט אבער נישט קיין אמביציעס, כאטש קוילע אים; ס'הייסט, אמביציעס האט ער שוין דווקא יא, אבער גאר פון אן אנדער שניט. שיין וואלט ער היינט אויס־געזען, ווען ער לאזט זיך דעמאלט, ווען זיי האבן נאך געוווינט צוזאמען אין

פינצטערן האָטעל־צימערל, אויפֿן בעלוויל און גענעכטיקט אויפֿן זעלבן בעטל, פירן פון אים. וואָס האָט ער דערגרייכט? ער ווינט נאָך אודי אינעם זעלבן לאָך און האָט נאָך אַלץ נישט פאַר דער וואָך האָטעל צו באַצאָלן. אָבער פונדעסטוועגן זענען זיי מערקווירדיק, די דאָזיקע. זיי ווילן דאָך עפּעס, שענקען זיך אינגאַנצן אַוועק דערפאַר.

טראַכטנדיק אַזוי וועגן זשאַקלען האָט זיך אויפגעוועקט אַ מאָדנער דרך־ארץ פאַר אים. ווו געפינט ער זיך ערגעץ, וואָס איז מיט אים געוואָרן? ער האָט געזוכט געלעגנהייטן אויפצוזוכן אים, טון פאַר אים אַ גוטע זאַך, ארויסהעלפן אים. ער איז געווען זיכער, אַז דער יונג דרייט זיך נאָך אַרום, פון דעמאָלט אָן, אָן פאַפירן און ציטערט, ווי דעמאָלט, ווען עס קומט אים אויס שפּעט אַהיימצוגיין פון גאַס, פאַר די רעדלדיקע, וואָס פאָרן אָן ביינאַכט אי־בער די אָפּגעלעגענע געסלעך פון בעלוויל און שטעלן אָפּ אויסלעגיטימירן; און פאַר אים ציט דער קאָמיסער אַליין דאָס היטל: „מסיע גרינבערזשעי אַהער, מסיע גרינבערזשעי אַהין"...

און עס איז טאַקע געווען אַזוי אויך. דערזעלבער זשאַקל, דיזעלבע צרות, אויף אַ האָר נישט געענדערט.

אַראָפּלאָזן זיך אַליין אויפן בעלוויל און אויפזוכן אים ערגעץ אין אַ קאַפע, איז אים נישט אַנגעשטאַנען. מען האָט אים דאָרט צו־גוט געקענט. אי פון די גראַטשקעס מיט זשאָזעפן, אי די באַנדע „פאַסאַניערס", וואָס בייגן זיך איצט פאַר אים אין דרייען. האָט ער טאַקע דורך איינעם פון זיינע „פאַסאַניערס", וועלכער האָט נאָך אַרויסגענומען אַרבעט, ווען ער איז געווען צו־זאַמען מיט זשאָזעפן, באַפוילן אויפצוזוכן אָט דעם זשאַקלען און אים געבעטן ארויפקומען אין ביוראָ וועגן אַ זייער וויכטיקער אַנגעלעגנהייט.

זשאַקל האָט זיך אַפילו געקווענקלט, אָבער דאָך איז ער אַרויפגעגאַנגען. פאַרנאַכט־צו, ווען בעני איז איינער אַליין איבערגעבליבן אין ביוראָ, מיד פון אַ גאַנצן טאָג קאָפּדרייעניש, האָט איינע פון די בלאָנדע סעקרעטאַר־קעס אים געמאָלדן, אַז עמיצער פרעגט זיך. ער האָט געהייסן אַריינפירן און באַלד איז טאַקע זשאַקל אַריינגעקומען. עס איז געשטאַנען פאַר אים דער זעלבער זשאַקל, נישט געענדערט אַפילו אויף אַ האָר. אין זיין ערשטער איבעראַשונג האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עס שטייט נאָך פאַר אים דער־זעלבער זשאַקל, צוגעשפּאַרט צו דער זשאַווערנדיקער מויער ביים „גאַר די נאַר", ווען זיי זענען אין יענעם גרויען פרימאָרגן, מיט אַ יאָר זיבן־אַכט צו־ריק אויסגעשפּיגן געוואָרן פונעם אַנגעפּראָפּטן וואָקזאַל. דיזעלבע אויפגע־שטעלטע קלאַפּקעס, דיזעלבע נישט־זיכערקייט אין בליק, אין די באַוועגונגען. אַ רגע לאַנג האָט עס אַזוי אָנגעהאַלטן, ביז ער האָט זיך אויפגעריסן און מיט אַ באַזונדערע וואַרעמקייט, ווי ס'וואָלט קיינמאָל צווישן זיי גאָרנישט

פאַרגעקימען, איז ער צו און האָט זשאַקלען אַריינגעזעצט אין קעגנאיבערדיקן פאָטעל.

— טאַקע אַ בורזשואַזער פאָטעל אָבער באַקוועם — האָט בעני נישט נאַטירלעך אַרויסגעלאַכט. אָבער זעענדיק זשאַקלס גלייכגילטיקע מינע, האָט ער באַלד אָפּגעהאַקט — איך האָב דיר געלאָזט רופן צו זיך ווי אַ פריינט, נו, ווי אַ פריינט פון אַמאָל. פאָרט אַמאָל איניינעם דורכגעליטן אַ שטיקל צייט, נאָ? עס אינטערעסירט מיך שטאַרק צו וויסן ווי דיר גייט עס היינט, ווי דו לעבסט. קענסט עס אויסטייטשן ווי די ווילסט.

— דעם גאַנצן ווינטער במעט אַרבעטסלאָז — מאַכט זשאַקל אַזוי אומ־שולדיק, נישט איבעראַשט — גאָרנישט, מען לעבט צוביסלעך. אַבער כ׳פאַרשטיי, אַז נישט דער בלויזער אינטערעס האָט דיר באַפוילן מיר אויפ־צוזוכן. האָסט זיך דערמאָנט אין עפּעס איז דיר דאָ אויפן האַרצן... איך שטעל מיך געגוי פאָר . . . — און זשאַקל האָט אַרויסגעלאַכט מיט דער־זעלבער היימלעכקייט, ווי דעמאָלט, ווען זיי זענען צוזאַמען געזעסן נאָך דער אַרבעט.

— סע פעלט ביי מיר אַקוראַט אויס אַ מאַשינער אין דער אַטעליע — פאַרלעשט בעני דעם סיגאַרעט און פאַרויכערט אַ נייעם — אויף קיין „פאַ־פירן" וועל איך דיר נישט פרעגן, כאָטש ס׳איז לעצטנס זייער שטרענג, ווי דו ווייסט. און מיטן פרייז וועל איך זיך אויך ביי דיר נישט דינגען. נאָר ווער שוין אַמאָל אַ שטיקל מענטש — האָט ער אַרויסגעלאַכט — אין דער היים, פאַרשטיי איך, — ס׳איז געווען אידעאַליזם, מ׳איז געווען יינגער, מ׳איז געווען אויפן אָרט און מען האָט געוווסט פאַר וואָס מען קעמפט. נישט איינמאָל, גלויב מיר, בענקט זיך מיר נאָך יענע צייטן — שיינע צייטן גע־ווען. וואָס ווייסטו ? איך ליג אַמאָל אָפּ נעכט און־דערמאָן זיך אַלץ. אָבער דאָ אין פאַריז? פאַריז, זאָלסטו וויסן, איז אַ ניכטערע, פּראָזאַאישע שטאָט, יעדער איינער טראַכט נאָר פאַר זיך, אפילו דיינע חברים, די פראַנצויזן... פאַרן „ביפטעק" וועלן זיי דיר אַלע רעוואָלוציעס אוועקגעבן . . . אַז זיי דאַרפן גאָרנישט די רעוואָלוציע. וואָסי? ס׳לעבט זיך זיי שלעכט אַזוי? מהיכי תיתי, דעמאָנסטראַציעס,טראָגן די רויטע פאָן, זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. אָבער . . .

— קיין מענטש וועל איך שוין, זעט אויס, קיינמאָל נישט ווערן, אויב דאָס הייסט ביי דיר ווערן אַ „מענטש" און אַזוינע רייד באַליידיקן מיך, בע־ני. פּאַפּירן, פרייז . . . ס׳איז פאַראַן אַ סינדיקאַט און ס׳איז פאַראַן אַ טאַ־ריף. ס׳איז נישט אין יענע יאָרן, ביי זשאַזעפן, ווען מ׳האָט געאַרבעט „גאָטס שאָען"... דו אַליין וואָלסט שוין כ׳לעבן געמעגט ווערן אַ שטיקל מענטש . . . דיינע טענות זענען מיר צו־גוט באַקאַנט, שוין געהערט דאָס

לידל, בענקעניש אהער, בענקעניש אהין — טו ווי דו פארשטייסט און איך וועל שוין גיין מיין וועג, ווי ביז איצט.

ביידע האבן זיך צולעצט אנגעקוקט און האבן אפגעהאקט.

נאך די אלע שיינע, זיסע טראכטענישן און נאבעלע האנדלונגען, כאפט ער זיך פונדעסטוועגן בעני, אריין אין דער אטעליע, אין דער טיף פון די שטיבן, פארלוירן צו ווערן, א קוק טון, צי מען שטעלט אים דארט נישט ברלות, צי מען גייט ארויס די ארבעט. מיט די אייגענע אויגן וויל ער אלץ זען און קאנטראלירן ווי עס קלאפט. ניין, בלינדערהייט טאר ער זיך נישט לאזן פירן. אהא, ער געדענקט אים נאך גוט, דעם הויפט-משרת ביי זיין טאטן אין געשעפט אויף דער גענשע, דעם געלן גנב הערמאנדל, וואס צוליב אים אפשר, צוליב זיינע שטילע מאכינאציעס, איז אלץ צוגרונט געגאנגען. מיט פרעמדע הענט, געדענקט ער, איז גוט פייער צו שארן. אלץ זעט ער, אויף אלץ האט ער אן אויג, אפילו דער אלטיטשקער קרוב זיינער, דאס פעטערל, ווי מען רופט אים הינטער די אויגן, איז אויך צו־קלוג געווארן, איז ביטרע און קוקט נאר אויס ס׳זאל אים זייטיק ארייננפאלן א פאר פראנק אין דער קע־שענע . . .

די אטעליע איז גרעסער געווארן פארן לעצטן יאר, עס זענען צוגעקומען פרישע „הענט" — „קופערס", טיש־מענטשן, מאשינערס, קלאפערס, קורס־יינגלעך, מערסטנטייל יידן. נאר לפנים ווערן ארבעטן עטלעכע פראנ־צויזן אויך. זיי זענען פויל, די פראנצויזן, רירן זיך שווער, האבן ליב א סך צו רעדן און כאפן זיך אפט אראפ אינמיטן דער ארבעט אויף א גלעזל אין ביסטרא. זיי שפילן זיך אפ דעם טאג און אז ס׳קומט סוף וואך — צאל! אויף א יידן קען מען גיכער אנשרייען, אונטעריאגן אים, אפילו א דראגע טון. אויך די „פאסאניערס" ברענגען יעדער וואך אריין א שפאר ביסל ארבעט. מיט זיי איז אמוויניקסטן קאפ-פארדרייעניש און מען האלט זיי שטענדיק אין דער מורא. אחוץ דעם — שטיק-ארבעט, זיי ארבעטן נישט אויפן חש־ון פון זיינע שעהן, ווען מען קען זיך אונטערפוילן, פאלשעוועו, „אפקראצן" זיך דעם טאג. און אז מען דארף אונטעראיילן א באשטעלונג, ארבעטן זיי טאג און נאכט און צו דער מינוט איז די סחורה געליווערט. ווען נישט די דרינגנדיקע באשטעלונגען, וואלט ער אפשר איפגאנצן ליקווידירט די אטע־ליע. טאג און נאכט קאפ־דרייעניש. דא קען ער נישט אדורכקומען מיטן מאדעליסט. — א שיינער מאדעל, א פיינער מאדעל, נעמט זייער גוט אויס, אבער צופיל ארבעט, צום טייוול, פארברויכט ער. די טייערסטע זאך איז ארבעטס-געלט. אביסל וויניקער צאצקעלעך און דריידלעך, אבי ס׳זאל גיין פון דער האנט. שיינע טויזנטער ווערן שבת מיטאג-צייט אויסגעצאלט. און דא קומען זיי צום אנהויב סעזאן פון סינדיקאט מיט א העכערונג. פאר איי־

נעם דרייסיק פראנק אויף דער וואך זעט זיך נישט אן, אבער פערציק מענטשן העכערן — וויפל דאס מאכט אויס איבערן יאר: א פארמעגן...

נאר פאר זשאקלען, וועלכן ער האט דא אוועקגעזעצט צו דער מאשין, זשענירט ער זיך עס ארויסצוווייזן אפן. ער כאפט, פארבייגייענדיק, אומעטום א בליק און קערט זיך באלד אום צו דער ביורא. ס'מוז פונדעסטוועגן איינגעהאלטן ווערן די דיסטאנץ צווישן אים און זיי. און אלעמאל אזוי. ווען ער קערט זיך אום פארנאכט, איז ער, אליין נישט וויסנדיק פארוואס, אביסעלע אויפגערעגט. פארזינקענדיק אין דער שטול ביים ביוראטיש, זעט ער נאך פאר זיך זשאקלס אויסגעדרייטן רוקן, א פארהויקערטן. שוין יארן לאנג, דאכט זיך, ווי ער לאזט נישט אראפ פון לייב דאס גרויע מארינארקעלע, ווי אויף צו-להכעיס עמיצן, טוט ער עס נישט אויס. שטענדיק, ווען ער באווייזט זיך אין דער אטעליע, קערט אפילו דער זשאקל נישט אום דעם קאפ אין זיין זייט אריין, ווי ער וואלט אים אינגאנצן נישט באמערקט. אלע, דערבליקט ער, ארבעטן דעמאלט מיט א באזונדערן פלייס, נאר איין זשאקל יאגט זיך נישט, טוט זיך זיין ארבעט, ווי קיינמאל גארנישט. צווערשט נעמט אים ארום א געפיל פון צופרידנקייט — פארט אויפגעטון א גוטע זאך פאר א הונגעריקן מענטשן. דערנאך ווערט ער בייז. א שונא, טראכט ער, אריינגעזעצט זיך, א שונא אין הויז אריין, און א געפערלעכן שונא... וויפיל האט ער זיי דא? דאס געלט, טענהן זיי, איז געפאלן, א טייערקייט צו אלעם, צו וואס מען רירט זיך נאר צו. און ער וועט דען נישט מוזן אונטערשרייבן, נאכגעבן זיי? „ער האט טיילמאל אפילו געפרווט צו טראכטן און ס'האט זיך אים אויסגעוויזן גאנץ ווארשיינלעך, אז אפשר, אפשר וועט דא זשאקל פארט קענען מיט עפעס מיטווירקן. ער וועט רעדן צו אים ווי צו אן אייגענעם, ווי צו א חבר, פארט צוזאמען אמאל דורכגעליטן א שיין שטיקל צייט. ער איז דאך א גאנצער מאכער ביי זיי. פארנאכט, ווען די מענטשן שיטן זיך פארביי דעם קארידאר, ווילט זיך אים איפמאכן די טיר פון ביורא און פארהאלטן זשאקלען, א רעד טון מיט אים אויג אויף אויג. ער האט עס אבער קיינמאל נישט געטון, געוווסט, אז ס'איז אומזיסט, געווען זיכער, אז ער וועט אים נאך אפבאדן ווי גרויס ער איז. איז שוין גלייכער אז מען בלייבט נישט דער שלעכטער און דער נאר.

ס'איז געווען פרילינג און דער סעזאן — אין פולן ברען. דורך די גרויסע פענצטער איז די אטעליע פארגאסן געווען מיט זון. די ווענטערן איבער פאריז האבן זיך געשטעלט שיינע. די נאקעטע, אנעמישע ביימלעך ביים זייטן, אויף די בולווארן, האבן אויפגעשפראצט, ארויסגעלאזן פון זיך א בלייכן גרינס. די טראטוארן פאר די גרויסע שוי-פענצטער, אנגעשטעלט מיט שיינע זאכן צום פרילינג-סעזאן, זענען געווען אומגעוויינלעך-באלעבט. דער פולס פון דער מיליאנען-שטאט האט געקלאפט אין אלע ווינקעלעך,

אין אַלע אָפּגעלעגענע הינטערגעסלעך און פּאַסאַזשן, ביז צו די ברייטע, רויִשיקע פּלעצער. נאָכן קאַלטן, רעגנדיקן ווינטער איז דער מענטש אַרויס אין דרויסן פון די פאַרשטעלטע, פילשטאָקיקע הייף, איינצוזאַפּן אַביסל זון, ווי אַ בלייכע קעלער־פלאַנץ.

קאַפּיטל אַכצן

האַלוצינאַציעס

אין אַזעלכע העלע פרילינגס־אָוונטן, ווען די בולוואַרן און די אַוועניוס גיסן זיך איבער פון רוישיקער באַוועגונג, איז זשאַקל מער ווי שטענדיק פאַרטומלט געווען, האָט קיין פרייע מינוט נישט געהאַט פאַר זיך. ער איז געלאָפן פון איין זיצונג צו דער אַנדערער, פון בעלווילער אַרבעטער־קלוב אין דער „ליגע, פון דער „ליגע", אין סינדיקאַט. צום ערשטן מאָל ווי ער האָט געלעבט אויף אַ רואיק, זיכער שטיקל ברויט. ער האָט געוווסט, אַז אָפּזאָגן אים סתם אַזוי, וועט אים נישט פּאַסטן; און אויב אפילו יאָ — מוז די ליזין־העכערונג דורכגעפירט ווערן.

ס'האָט זיך דערנענטערט דער ביטערער „מאַרט"־סעזאָן און פריער ווי אַלע יאָר האָט ער זיך געלאָזט פילן. צוליב די אָפטע רעגירונגס־קריזיסן איז דער ווערט פונעם פראַנק כסדר געפאַלן. און כאָטש אַרבעט איז געווען גענוג, איז מען האַלבע וואָכן אַרומגעגאַנגען ליידיק. ווען האָט זיך עס געגלוסט אין אַזאַ אומזיכערער צייט צו אַרבעטן אויפן „סטאָק"?

פונדעסטוועגן האָבן זיך אין דער לעצטער צייט ווידער גענומען ווייזן פרישע פנימער אין דער „ליגע". מען האָט געשוואַרצט גרענעצן, געקומען אויף פאַלשע פּאַפּירלעך. ס'רוב איז מען געקומען אַנצולויפן פון פּוילן צוליבן מוראדיקן קריזיס און פיל, דער גרעסטער טייל — אַנטלאָפענע פון די תפיסות. די פנימער אין דער „ליגע" האָבן זיך כסדר געביטן, ס'האָט זיך כסדר געביטן דער אַקטיוו אין די קאָמיסיעס און אין די קולטור־סעקציעס. אַ סך האָבן שוין פאַר די עטלעכע יאָר אויסגעגרינט זיך, פאַרנומען געווען מיטן שווערן יאָך פון דער אַרבעט, וואָס איז געפאַלן אויף זיי אין פּאַריז — דער יאָך פון אַ פאַמיליע, פון באַצאָלן פינקטלעך פאַרן „טערם", פון אויסהאַלטן אַ קינד, וואָס איז גאַנץ אומגעריכט אונטערגעקומען; מען האָט דאָס קינד אַוועקגעגעבן ערגעץ אויפן דאָרף, צו אַ פּויערטע, ווייל אַליין אָפּגעבן זיך דערמיט האָט מען נישט געקענט. אַליין האָט מען געמוזט שווער און ביטער האָרעווען, יאָגן, אויסגעריסן ווערן אין די שוויץ־אַטעליעס, אָדער ביי זיך אַלס „פּאַסאַזשיער" כדי דאָס אַלץ צו קענען דעקן. איז מען שוין דערפאַר

וויניקער געקומען אין דער „ליגע“ און זעלטן־ווען, אויף א יום־טובדיקער פארוויילונג אמאל, האט מען זיי אנגעקוקט. געקומען אהער זענען די אויסגעהארעוועטע מיידלעך, צוגעפודערטע, און אויסגעבלייכטע יונגעלייט, וואס האבן געוווינט אין שמוציקע האטעלן און נאך נישט געפילט אויף זיך דעם יאך פון א פאמיליע־לעבן.

איבער זשאקלען זענען דורכגעגאנגען אט די אלע עמיגראציע־שטראמען. ער האט שוין דא געהערט צו די וויניקע פון דעם אלטן אקטיוו. זיין פנים איז שוין דעריבער אין דער „ליגע“ אלעמען באקאנט געווען. ווי תמיד, האט מען אים געזען שארן זיך אין ד ווינקעלעך, מיט די אויפגעשטעלטע קלאפקעס, מיטן גרויען בליק פון א היימלאזן, ווי ער וואלט ערשט נעכטן ארונטערגעקומען פון „גאר די נאר“.

ער איז אפגעזעסן אין די קליינע, פארריכערטע צימערלעך פון סינדיקאט. עס איז געווען ערב א לוין־העכערונג, ערב א שטרייק. שפעט אין אוונט האט ער קוים געפונען א האלבע שעה אריינצוכאפן זיך צו קריינדלען. דאס פלייסיקע, איבערגעוואקסענע מיידל, איז איצט אויפסניי פארנומען געווען מיט אירע זארגן, וואס האבן זיך גאר קיינמאל נישט אויסגעלאזן. ארבעטן אין דער אטעליע האט זי שוין איצט, נאכן באקומען דעם אויסווייז, מורא געקריגן. האט זי נישט גערוט, איז ארומגעלאפן צו אלע באקאנטע, צוזאמענגעשלעפט די וואנט מיט יענער און האט געברענגט איינמאל אנצושלעפן אין האטעל אריין אן אפגענוצטע זינגער־מאשין. זי האט אנגעברענגט פעק מיט לייכטע זומער־העמדלעך, וואס זענען דעמאלט געווען אין דער מאדע, און ביי א פארשלאסענער טיר, מיט ציטערניש און הארציקלאפעניש, איז זי געזעסן און גענייט. זי איז ווייס געווארן פון שטויב, וואס האט זיך געהויבן פון די צוגעשניטענע באלן שטאף. די האר זענען ווייס געווארן, די ברעמען, די ברילן־גלעזער, אנגערוקט אויף איר קליין, רונדיק נעזל. נאר מיטן ליווערן איז שווער געווען — אי זי האט די פעק נישט געקענט דערשלעפן און זי האט אויך מורא געהאט טאמער שטעלט מען זי אפ און מען פרעגט זי אויף פאפירן. מען האט באדארפט פלינק ארויפשפרינגען אויף אן אויטאבוס, שנעל אריבערלויפן א טומלדיקע גאס. מען האט זי שוין אבער אין אלעם ארויסגעהאלפן. ווו א נייער אימיגראנט, וואס האט נישט אנגעהויבן צו וויסן צו וואס מען נעמט זיך, האט ער זיך דערפרעגט צו קריינדלען, וועלכע איז באקאנט געווען פאר א גומער פאכמאנקע, און זי האט זיי שוין אויסגעלערנט נייען אויף דער מאשין, אנייען א קנעפל, אבי צו פארדינען דעם ערשטן פראנק, די נשמה צו דערהאלטן. פון צייט צו צייט האט דער „קאפ“ פון דער מאשין אוועקגעוואנדערט צו א בעל־חוב, וועלכן זי איז שולדיק געווען עטלעכע הונדערט פראנק, געבארגט עמיצן פון די פרישע אימיג־

ראַנטן, צו באַצאָלן פאַר אַ וואָך האָטעל, אויסצולייזן דאָס דערווייליקע שטיקל פּאַפּיר אין דער פּרעפעקטור.

זי האָט שוין אָבער דערקענט אין דעם פּאַרזיכטיקן קלאַפּ אין דער טיר, ווען אַזאַ איינער האָט זיך צו איר דערפרעגט און זי האָט באַלד אויפגעמאַכט. געזעסן איז מען אויפן בעטל, אויף די אָנגעבראַכטע פּעק און צוזאַמען מיט איר צוגעביסן אַן אָרעמען מאָלצייט, דערוואַרעמט זיך מיט אַ גלאָז טיי. הער-פּאַר, אַז מ'האָט באַדאַרפט אָפּליווערן אַ פּעקל, האָבן זיך שוין געפונען פלינקע בחורים, איינשטעלערס. וואָס האָבן זיך געריסן צווישן זיך, ווער פריער.

— קריינדלשי, — האָבן זיי זיך געבעטן — לאָזט, באַאומרואיקט אייך נישט. איך נעם דעם אויסוויז אויף מיין חשבון... פון הינטער די הענט וועל איך זיי אויסגעטרוקנט ווערן, פאַרלאָזט אייך.

די פלינקע בחורים זענען אריין אין די אַטעליעס פאַר האַלבע פרייזן. איינער אַזאַ, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אַנונג ווי אַזוי מען מאַכט הויזן, האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן ערשט-קלאַסיקער הויזן-נייער. ער האָט זיך דרייסט אוועקגעזעצט צו דער מאַשין און ווען דער פּאַטראָן איז אונטער-געקומען, באַקוקן דאָס שטיקל אַרבעט און געזאָגט:

— ניין, חבר, איז מאַכט עס שלעכט...

האָט זיך יענער נישט פאַרלוירן:

— ביי אונז איז וואַחשע האָט מען מען געאַרבעט אויף אַן אַנדער סיס-טעם!

ער האָט זיך דערביי גוט איינגעקוקט, ווי דער פּאַטראָן ווייזט אים. דער סוף איז געווען, אַז דער פּאַטראָן האָט אים אָפּגעזאָגט. אין אַ שטיקל צייט אַרום, ווען זיי האָבן זיך צופעליק געטראָפן, האָט אים דער פּאַטראָן אַ פרעג-געטון:

— נו, ווי גייט עס?

— אַ דאַנק, ווי זאָל עס גיין? נישט שלעכט. אָבער אייך קומט פונ-דעסטוועגן אַ דאַנק פאַרן אויסלערנען מיר. כ'בין איינגאַנצן קיין הויזן-נייער נישט געווען....

און ביידע האָבן זיך צעלאַכט. דערנאָך איז יענער אַרויפגעקומען צו קריינדלען דערציילן דעם פיינעם איינפאַל. אַלע פּעק האָט ער זי אין יענעם טאָג אָפּגעליווערט. מיט זשאַקלען דערפאַר, אַז ער איז געווען אַנגעשפּאַרט אויף אַ שפּיץ שטול ביי איר, האָט זי זיך שוין געשאַפן, ווי מיט אַן אייגע-נעם, באַפוילן אים איבערצודרייען די קעלנער, אָפּליווערן דאָס פּעקל, אָבער פאַרבליבן איז זי צו אים אויך אויף ווייטער קאַלט, פיל קעלטער ווי צו די פרעמדע יונגעלייט, וואָס זענען אָפּגעזעסן ביי איר אינעם ענגן שטיבל גאַנצע טעג און נעכט. זשאַקלען האָט עס אפילו טיילמאָל פאַרדראָסן אויך; עס

האָט אים פאַרדראָסן, וואָס איר גייט אין גאַנצן לעבן צוצונייען עמיצן פון די ייִנגלעך אַ קנעפּל, געבן אָפּצועסן, ווען זי האָט געוווסט, אַז יענער פאַרדינט נישט קיין „סו" און פון צייט צו צייט אַוועקגעשענקט אַ העמדל, וואָס איז ביי איר זייטיק אַראָפּגעפאַלן פון דער אַרבעט. אויף זשאַקלען האָט זי זיך איצט כמעט אַזוי ווי נישט אומגעקוקט, צי ער אַרבעט, צי גייט ער אָפּגערים. דאָס איינציקע נאָר — היימישער און זיכערער ווי צו אַליימען, האָט זי זיך געווענדעט ער זאָל אָפּליווערן דעם פּאַק העמדלעך . . .

פונדעסטוועגן האָט עס זשאַקל נישט געקענט פאַרשטיין און אַ סך שעהן אין די נעכט איז ער צוליב דעם וואַך געווען. פאַרוואָס איז זי צו אים אַזוי? פאַרוואָס טרייבט זי אים, ווען ער פאַרגעסט זיך אַמאָל און בלייבט זיצן לענגער אינאָוונט אויפן בעט ביי איר? איינמאָל נאָר, דאָ נישט לאַנג, ווען ער האָט זיך געהאַט שטאַרק צוגעקילט און געהוסט מיט אַ כריפּ, ס'האָט אים געשטאָכן אין די זייטן, איז זי אַריינגעקומען צו אים, אַרויפגעהאַקט אויף אַ פּלייצע באַנקעס, אויסגעריבן אים מיט אַלקאָהאָל און צודערלאַנגט אים קאָכעדיקע גלעזלעך מילך אין בעט אַריין. אונטער דער בלויזער באַרירונג פון אירע אויסגעהאָרעוועטע, ביינערדיקע פינגער, אָבער אַזעלכע וואַרעמע און מאַמישע, ווען זי האָט אים איינגעריבן די פּלייצעס, האָט ער זיך שוין דערפילט לייכטער. ס'איז אָנגענעם געווען צו ליגן אין פאַרדרעמלטקייט און פילן ווי זי פאָרעט זיך ביי אים אין צימערל, פילן איר שאָטן אויף זיך, פילן ווי זי דעקט אים גוט אַרום מיט דער קאָלדרע. ווען ער איז איינגעשלאָפן, איז זי אויף די שפּיץ נעגל אַרויס. דער שלאָף איז אים זיס געווען און אין חלום איז ער געווען אין דער ווייטער היים, ביי דער מאַמען, וועלכע ער האָט שוין לאַנג נישט געזען. ווער איז דען אַזוי גליקלעך געווען אין יענעם אָוונט ווי ער?

גאָר אַן אַנדערע איז זי געוואָרן ערשט דעמאָלט, ווען מען האָט זשאַקלען אין איינעם אַ זונטיק, אין מאַי, בעת דער דעמאָנסטראַציע צו דער קאָמונאַרן-וואַנט, אויפן „פּער-לאַשעז", אַרעסטירט, גוט צעשלאָגן, אָפּגעהאַלטן אים עטלעכע טעג און אַרויסגעלאָזן אים מיט אַ ווייסן אויסווייז אין דער קעשענע. דאָסמאָל האָט זי שוין מער נישט איינגערוט. זי איז אַרומגעלאָפן צו אַלע אַדוואָקאַטן, איינגעלייגט וועלטן, ביז מען האָט אים נישט באַפרייט. געקומען אין האָטעל אַריין, איז ער מיטן זעלבן שמייכעלע אויפן פּנים, באַוואַקסן מיט אַ בלאָנדן פוך, אויפגעשטעלט די קלאַפּקעס און מיד און צעבראָכן, אָנגעשפּאַרט זיך ביי איר אויפן בעט. ער איז געווען מיד אין אויסגעמאַטערט פון די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען. נאָך צוויי מעת-לעת פאַסטן, האָט אַרויסגעקוקט אַ הונגעריקער גלאַנץ פון זיינע אויגן און די באַקן זענען ביי אים געווען איינגעפאַלן.

זי האָט אים שוין אין דעם אָוונט מער נישט אַפּגעלאָזן, אַריינגעלייגט אים צו זיך אין בעט, ווייל אין צימער ביי אים האָט געוויִעט אַ קעלט, אַראָפּגעלאָזן דעם פֿאָרהאַנג, אַליין אַרומגעוואַשן אים אין אַ שיסל וואַרעם וואַסער. זי האָט זיך שוין מער נישט געשעמט צו קוקן אויף זיין אַנטבלויזטן, אויסגעמאָרעטן גוף, אויף זיינע מאָגערע פּלייצעס, וווּ ס'זענען פֿאַרבליבן רויטע, אויפֿגעלאָפּענע פֿאַסן פֿון די מאַטראַקן. אַזוי האָט אויך מיט אים זיין מאַמע אַמאָל געטון, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל און ווען ער איז קראַנק געווען. אָבער אַזאַ צערטלעכע, וואַרעמע האַנט האָט ער נאָך קיינמאָל אויף זיך נישט געפֿילט און שטילערהייט איז ער גאָר צופֿרידן געווען פֿון דעם אַלעם, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ער האָט אויפֿגעמאַכט שמאָלע אויגן-שפּעלטלעך, באַקוקט די היימלעכע ווענט, וואָס זענען געווען פֿאַרגאָסן מיט ווייכן, אָוונטיקן ליכט פֿון אַבאַזשורל און האָט זיך אַליין, אין האַלבן הינערפֿלעט, נישט געוואָלט צוגלויבן, אַז דאָס געפֿינט ער זיך טאַקע ביי איר אין קלאָרן, ווייסן בעט. ס'איז געווען שפּעטע נאַכט און איר פֿאַרטוענער שאָטן האָט זיך נאָך לאַנג אַרומגעוויגט אויפֿן סופֿיט. נאָך אַ טאָג שווערע האָרעוואַניע, האָט זי נאָך אַלעמאָל געהאַט וואָס צו טון, אויסצוּוואַשן, צוצורוימען און אַריינקוקן מיט אָנגעבלענדטע אויגן אין דער צייטונג, ביז די צייטונג האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון איר האַנט.

די אַלטע שכנים האָבן זיך מיטן אָפּגעלעגענעם האָטעל „פּעקין“, מיט די פֿינף טוכלע, מרה-שחורה'דיקע שטאָקן, נישט אַזוי לייכט אָפּגעזעגנט — װעלט-װוער פֿון די איינגענעסטיקטע ס'איז, אַריינקומענדיק איינמאָל אַהער, אַוועק צו די רייכע און שיינע געגנטן. מען האָט זיך אַזוי צוגעוווינט אַז עס האָט זיך געדוכט — קיין בעסערס עקזיסטירט שוין גאָרנישט. פֿאַרקערט, דעם לעצטן זומער, ווען עס האָט פּלוצים אַ שטראָם געטון אַהער אַ פֿרישע עמיגראַציע פֿון פּוילן, זענען אַלע ליידיק-געבליבענע צימערן גיך פֿאַרנומען געוואָרן. דער קאָנסיערזש, אַ טויבלכער און שטענדיק אַביסל בגילופֿין, האָט זיך, ווי אַלעמאָל, געמאַכט אַזויווי נישט ווויסנדיק ביים איינמעלדן זיי, געווישט זיך די וואָנצן, ווי נאָך אַ געשמאַקן טרונק און אויס אַלטער געוווינהייט, כסדר צוגעוווּנקען מיטן לינקן אויג, צי מ'האָט יאָ באַדאַרפֿט, אָדער נישט באַדאַרפֿט. ביי אים איז געווען דער עיקר — מען זאָל אים איינצאָלן פֿאַר דער וואָך און אָפּשמעקן זייטיק אַ פּאָר פֿראַנק.

אַזוי איז אויך געווען מיט זשאָזעף העכט און מיט רעכעלען, זיין טאָכטער. פֿון האָטעל זענען זיי שוין נישט אַוועק. נאָכן אומגעריכטן אומגליק, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט, ווען בעני האָט שטילערהייט אָפּגעצויגן זיין חלק פֿון געשעפֿט, צוגענומען רייזשעלען, די קליענטן, די „פּאַסאַזשירן“, האָט ער זיך שוין מער נישט אומגעקערט צו דער אויסגעליידיקטער דירה אויפֿן בולוואַר. פֿאַר שפּאָט-ביליק האָט ער אויסגעפֿאַרקויפֿט פֿון דאָרט דאָס גאַנצע

ביסל מעבלווארג, ביז צו די קלענסטע שטוב־קליייניקייטן, וואָס האָבן אים נאָך געקענט דערמאָנען אין איר, און אַליין האָט ער איצט געגעכטיקט אויף אַ בעטל אין אָפּגעצוימטן דאַך־שטיבל פון דער אַטעליע. די עלטער האָט זיך מיטאַמאָל געלייגט אויף אים, ער איז גרוי געוואָרן און ער איז געגאַנגען אַ געבויגענער, ווי אונטער אַ שווערער לאַסט. נישט די סאָסיעטע און נישט די גוטע ברידער אין דער קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל" האָבן אים גע־צויגן. צוזאַמען מיט רעכעלען האָט ער זיך געפּאָרעט אין דער ליידיקער אַטעליע. ער איז איצט אַליין געוואָרן אַ „פּאַסאַניער". אין די הייסע זומער־טעג, ווען די אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַלע זענען אַרויסגעפאָרן אויף דער פרישער לופט אויסער דער שטאָט, איז ער צוזאַמען מיט די אויס־געדינטע באַלמעלאָכעס, וואָס די הענט האָבן זיך שוין ביי זיי געטרייסלט און קיינער האָט זיי שוין מער נישט געוואָלט אַריינעמען צו דער אַרבעט, אָפּגעזעסן ביי אַ טישל אויף דער טעראַסע ביי אַ קאַפע אויפן בולוואַר און האָט געהאַלטן אין איין דערמאָנען זיך אין יענע גאָלדענע פאָר יאָר, ווען אַ קערבל איז געווען „אַ שפּיי אין ים אַריין", ווען מען האָט צעריסן אַ געטרזל מיט די הענט. פון זיינע אַמאָליקע גרויסע פּלענער, האָט ער איצט אַליין גע־מוזט אָנקומען אין אַ „הויז" אַריין נאָך אַביסל „פּאַסאָן". פאַרפאַלן, דאָס לעבן זעט אויס, האָט געשפּילט מיט אים אַ פאַלשע קאָרטע, אַ סך צוגעזאָגט און געלאָזן אים אויף דער עלטער אַ קראַנקן, צעבראָכענעם, אַן אָרעמאַן...

אַז ווייל און גוט איז שוין דעריבער געווען צו די אַלע יונגעלייט און מיידלעך וואָס האָבן דאָ געוווינט אין האָטעל, אומלעגאַל, אין אַ זייט פון אַ פּאָליצייאיש אויג. זיי האָבן קיינמאָל נישט געחלומט אַרויפצואַרבעטן זיך האָבן געלעבט מיטן טאָג און זענען אַלעמאָל געווען פריילעכע קבצנים... עס איז געווען צו וווּנדערן זיך אָפּטמאָל איבער דער זאָרגלאָזיקייט פון אָט די אַלע אויסגעוואָרצלטע יונגע מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין יוגנט נישט געהאַט און האָבן קיינמאָל קיין רעכט נישט געהאַט יונג צו זיין.

די טירלעך אין טיפן קאָרידאָר זענען אָוונט־צייט געשטאַנען צעעפנט און מען האָט געהאַלטן אין איין גיין פון איינעם צום אַנדערן. ס'האָט עמי־צער דאָרט געהאַט אַ מאַנדאָלינע און האָט פלינק אַרויסגעזשומעט אַלערליי פריילעכע און אומעטיקע לידער. הויכע און פריילעכע גערעדערייען האָבן זיך אַלעמאָל געהערט פון דאָרט, געלעכטערן. ס'איז זומערדיקער אָוונט, נאָך אַ הייסן, אָנגעגליטן טאָג. די לופט שטייט אומבאַוועגלעך, אַז דאָס פאָרהאַנגל אין אויפגעשפּאַרטן פענצטער מוט זיך נישט קיין באַוועג. אַלע פענצטער שליסן זיך איין אין אַ קליין, פיר־קאַנטיק הויפל, אַרומגעשטעלט מיט בלינ־דע מויערן. אַרויסכאַפּן זיך אין דרויסן איז אַ מורא. אין די שמאָלע געסלעך און אויפן בולוואַר קומען כסדר פאָר אַבלאַוועס.

צווישן די אַלע שכנים אין האָטעל, איז איבער דער וואַנט ביי זשאַקלען

צוגעקומען א נייע, לוסטיקע שכנטע — א דיקלעכע פרוי ווייט אין די דריי־סיקער, מיט לאנגע אויערינגלעך און מיט א שיכורלעכן גלאנץ אין די העלע, אויסגעלאשענע אויגן. נאך ניטננאכט, ווען אין קארידאר איז שוין געווען שטארק פינצטער, האט זי טיילמאל פארבלאנדזשעט מיט א גאסט צו זיך אין צימערל. געוויינלעך אבער פלעגט זי אהיימקומען פארטאג און שליסנדיק די טיר, האט זי פריילעך צוגעברומט א לידל. אויפגעשטאנען איז זי שפעט און ביז א שטיק אין טאג אריין אומגעדרייט זיך אין קארידאר אין פארביקע, טיף־אויסגעשניטענע אונטער־קליידלעך, מיט דיקע, נאקעטע הענט, בלאזנדיק דעם רויך פון סיגארעטן צום סופיט. צו די פרעמדע, יידישע שכנים האט זי אפט געשמייכלט, אנטרעפנדיק עמיצן פון זיי אין קארידאר, אריינגערעדט אין זיי עפעס לאנג, כאטש זיי האבן קוים פארשטאנען איין ווארט פון צען. אנווייזנדיק אויף רעבעלעס טיר און צוליינגנדיק א פינגער צום שטערן, וואס האט באדייט, אז זי, רעבעלע, איז נישט אינגאנצן נאר־מאל, האט זיך לכוף ארויסגעלאכט מיט א ווייך, הייזעריק געלעכטער.

פאר א שכנה האט איצט זשאקל געהאט פון דער צווייטער זייט טאקע אט דער רעבעלען. אירע גענג און אירע פירעכצן זענען פאר די איינוווינער פון האטעל געווארן אלץ מער אומפארשטענדלעך. נישט זי און נישט דער בייזער קאטער „פיפי" האבן גאנצע מעת־לעתן אריבערגעטרעטן די שוועל פון קארידאר. זי האט זיך פון אינעווייניק געלאזן אנשמידן שווערע, אייזער־נע פרענטן און אויך פון דרויסן אויפגעהאנגען א מאסיוון שלאס. ווען איי־נער פון די שכנים האט זיך צופעליק אויסגעמיטן מיט איר, האט זי יענעם א באקוק־געטאן מיט ווילדע, גרעסער־געווארענע אויגן, אז יענעם זענען אלע בלוטן אנטלאפן. באלד האט זי געטון א לויף און א פארקלאפ דאס טירל און מען האט הערנאך לאנג געהערט, ווי זי ריגלט די טיר פון אינעווייניק. אמאל, צווישן טאג און נאכט, האט מען זי באמערקט ארונטערקייקלען זיך פון די שטיגן און אריבערלויפן אין קעגנאיבערדיקן „בוטיקל" — א קליינינקע, אן איינגעשרומפענע, ווי א זקנה.

מיט דער ארבעט אין דער אטעליע האט זיך איצט פארנומען זשאזעף און זי האט אים פונדעסטוועגן צוגעהאלפן. מען האט אבער אפט געהערט שארפע קריגערייען פון בוידעם־שטיבל און — ווי עס וואלטן זיך געשאטן בענקלעך. רעבעלעס געוואלטן האבן זיך געלאזן הערן און באלד הערנאך איז זי, א צעשויבערטע, ארונטערגעלאפן, ריגלענדיק לאנג ס'טירל פון אינעווייניק. עפעס אין זייער נישט קיין אנשטענדיקע זאכן האט זי דעם אלטן, צע־בראכענעם טאטן באשולדיקט; אזוי האט מען זיך געקענט אנשטויסן פון די געוואלדן, וואס זי האט דארט אויפגעהויבן. זשאזעף, גרוי ווי א טויב, פול מיט בושה, האט זיך פאר די שכנים פארענטפערט:

— וואָס פרעגט איר, קיין גרעסערע קלאָג האָט מיר שוין נישט געקענט טרעפן!

עס זענען געווען נעכט, ווען דער גאַנצער האָטעל, די פינף אויסגעלאָשענע שטאָקן, איז געווען אויפגערודערט פון די געיאָמערן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון הינטער איר פאַרריגלטער קאַמער. די לוסטיקע, אויסגעלאַסענע שכנה האָט נישט געקענט פאַרליידן די גערודערן און זי האָט אַריינגעקלאַפּט צו איר דורך דער וואַנט. עס איז איצט קיין שום ספק נישט געווען, אַז דאָס מיידל איז אַריינגעפאַלן אין אַ משוגעת־קאָנווולסיע, אַז זי קען נאָך אָפּטון דאָס ערגסטע. די מיידלעך זענען אָוונט־צייט מיט ציטערניש דורכגעלאָפן דעם פינצטערן קאָרידאָר און, אַריינפאַלנדיק צו קריינדלען, האָבן זיי קוים אָפּגעאָטעמט.

קריינדלס צימערל איז געווען דער זאַמל־פּונקט יעדן אָוונט, ווען מען איז זיך צונויפגעקומען פון גאַס. ביז האַלבע נאַכט איז מען דאָ אָפּגעזעסן, געטרונקען טיי, אויפגעקאָכט אויף דער נאַפט־מאַשינקע, און יעדער איינער האָט געהאַט אָנצוהערציילן זיך ווי אַזוי ער האָט זיך דורכגעקריגן די געסלעך און אַרויסגעדרייט זיך פון אַן אָבלאַווע. איז עמיצער אַ נאַכט נישט אַהיימגעקומען, האָט מען שוין געוווסט, אַז ער זיצט. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז טאַקע יענער געקומען, אַן אויסגעבלייכטער, אַ שמייכלענדיקער, און געוויזן דעם ווייסן אויסוויי. מען האָט אים גראַטולירט, וואָס ענדלעך וועט ער זיבן טעג דורכאַנאַנד זיין לעגאַל און קענען דורכגיין דעם פייער פון די אָבלאַוועס. אין די צימערלעך האָט מען זיך פונדעסטוועגן אומגעקערט מיט אַ פּלאַטער, טאָמער האָט מען אין שפּעטער נאַכט פאַרנומען פרעמדע טריט אויף די שטיגן.

אין דעם אָוונט האָט זיך זשאַקל שפּעטער פון אַלעמען אומגעקערט אין האָטעל אַריין. די זיצונגען האָבן אים מיד געמאַכט, ס׳האָט אים מיד געמאַכט זיין עלנט לעבן און דאָס ציען זיך כסדר מיט אַלע פּיבערן צו קריינדלס אויסגעוואַקסעמטער נעסט. ער האָט שוין גענוג געהאַט זיין בחורישע איינזאַמקייט, וואָס האָט אים נישט געגעבן קיין רו אין די נעכט.

ביידע, אי זשאַקל, אי קריינדל, זענען אַרומגעגאַנגען מיט בלויע שאָטנס אונטער די אויגן. נעמען דאָס לעבן, האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט, דאַרף מען אַ סך דרייסטער און זיכערער, ווי אַ זאַך, וואָס קומט, נישט ווי אַ זאַך, וואָס מען בעטלט אויס, אָדער מען גנבעט עס. דאָס האָבן זיי יעדער איינער פאַר זיך באַשלאָסן און פונדעסטוועגן איז נאָך אַלץ דערצו נישט געקומען. זיי האָבן ביידע דורכגעלעבט וואַכע נעכט, איינער פאַרן אַנדערן נישט צו וויסן. ס׳האָט שוין אפילע איינמאָל געטראָפן, אַז זשאַקל איז שפּעט ביינאַכט שטיינגעבליבן ביי איר טיר און איז לסוף אַוועק מיט פאַרזיכטיקע טריט. ס׳האָט אים פאַרפעלט מוט שטיל אָנצוקלאַפּן. מיט דינע, אויסגעלאָשענע

טריט, האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין איינזאַם בעט און איז שווער אַריינגעפאַלן דערין. ס'איז אים נמאס געוואָרן דאָס איינזאַמע, אויסגעקילטע בעט, איז אָפּגעלעגן ביז אינדערפֿרי מיט וואַכע, אָנגעשפּיצטע חושים. מיט אַ ביסל נייגער און מיט אַ ביסל שרעק האָט ער זיך איינגעהערט צו די שטילע גערוישן אַרום די ווענט. אין טיפֿן קאָרידאָר סקריפּעט אַ טירל, און אַלע ווענט הויבן פּלוצים אָן צו רוישן. איבערן סופֿיט קייקלט זיך אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע שיין. האַרט ביים פענצטער לעשט זיך און ס'צינדט זיך אָן די שילד מיט דער אויפשריפט פֿון אויסגעלאָשענעם האָטעל „פּעקין". אינדרויסן איז אַ ווינטיקע האַרבסט־נאַכט. צי רייסט זיך עס דער ווינט אַזוי דורכן אויכגעבראָכענעם שייבל, אָדער צי הערן זיך עס טאַקע פאַרטייעטע שטימען און שלייכנדיקע טריט אויף די שטיגן? מען הערט דייטלעך טריט פֿון צווייען. פּיהט עס נישט אַמאָל די לוסטיקע שכנטע פֿון איבער דער וואַנט נאָך האַלבער נאַכט אַ „גאַסט" צו זיך? מען שליסט די שכנותדיקע טיר, אָדער — צו הוליעט עס אַזוי אומהיימלעך דער צוג־ווינט אין אָפענעם קאָרידאָר מיט דער לוזער, אויסגעצעצטער פורטקע. זיין אָנגעהיצטן מוח הוכט זיך אפילו צו פֿאַרנעמען פֿון הינטער שלאָפנדיקע ווענט אַ געלעכטערל, ווייכע טריט. פֿון דער פינצטערניש שניידן זיך אַרויס הייכע, בלאָנדזשענדיקע הענט, זיי זוכן זיך אַרום און געפֿינען זיך. ווי דאָס רינע ווענטל, וואָס טיילט זיי פֿונאַנדער, וואָלט פּלוצים דורכזיכטיק געוואָרן. ער הערט טאַקע עפּעס אַ ווייך פאַלן. ער הערט, דוכט זיך, נאָענט לעבן זיך דעם אויפגערעגטן, אויסגייענדיקן אָטעם. און אויך אים, זשאַקלען אַליין, ווערט אַזוי גוט, ביזן מידן איינדרעמלען.

נאָר זייער פּלוצים — אַ טויבער פאַל פֿון אַ בענקל, אַ צאַפּלען זיך, ווי די פליגלען פֿון אַ געפענטעטן פויגל, אַ פאַרשטיקט, כאָרכלענדיק געשריי און אַ יעמערלעך מיאַוטשען. צי איז עס טאַקע רעבעלעס בייזער קאָטער „פּיפּי"? זענען טאַקע די אַלע פאַרשטיקטע גערוישן געקומען פֿון יענער זייט ווענטל, נישט פֿון דאַנען, וווּ עס ווינט די פּריילעכע, אויסגעלאַסענע שכנטע?... אַזאַ שאַרפֿן גערודער האָט מען געווים אין גאַנצן האָטעל דערהערט. עס רייסן זיך אויף עטלעכע טירן, עס הערן זיך פרעמדע, ניכטערע שטימען. מען קומט אָנצולויפֿן איבער די שטיגן. נאָר אים איז נאָך אַלץ אַזוי שווער אויפצוריסן זיך. ער וויל זיך אויפהויבן, נאָר אַ זיסע מידיקייט שלעפּט אים צוריק צו דער קישן אַריין. אַלצאיינס, טראַכט זיך אים, וואָס עס זאָל נישט האָבן געשען, איז בעסער צו שלאָפֿן.

קאַפּיטל נײַנצן

זאָשקע

דעם שטילן זשאַקלען אין דער גרויער מאַרינאַרקע, מיט די אייביק־אויפֿגעשטעלטע קלאַפּקעס און דעם פּלייסיקן מיידל מיט די „גילדערנע הענט", קריינדלען, איז נאָך אַלץ זעט אויס, נישט באַשערט געווען רואיק איינצואָרדענען זייער שטילע נעסט, ווי ס'האָט זיך אינדערמיט אָנגערוקט אַ נײַ אָנשיקעניש.

סוף זומער האָט זיך פּלוצים אַראָפּגעיאָוועט אַהער פֿון וואַרשע די בלאָנדע זאָשקע און איז גלײַך אינעם זעלבן אינדערפֿרי פֿאַרפֿאָרן צו קריינדלען אין ריינטשינקן האָטעל־צימער. דעם מיידל מיט די שפּיציקע אַקסלען האָט זי זיך אָנגעקערט אַ ווײַטע גליד־קוזינע. ווען זי איז אַוועק פֿון וואַרשע, קריינדל, איז זי נאָך געווען, די זאָשקע, אַט אַזאַ קליין, פֿאַרדאַרט מיידעלע מיט צעפֿלויגענע מייזן־צעפּלעך, אָנגעטון אין אַ שילערישער בלוז, מיט ווײַסע פּאַסן אויפֿן פֿאַרוואָרפֿענעם קעלנערל. פֿאַר דער צײַט אָבער האָט זי געטון אַ וואַקס־אונטער, האָט זיך גענומען אַרומפֿאָרען אין די סטודענטן־קרייזן, איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון זעקסטן קלאַס גימנאַזיע, איז אָפּגעזעסן אַ יאָר מיט דריי מאָנאַטן אין דער „סערביאַנקע" און אַרויסקומענדיק אויף קויציע, איז זי גלײַך אַנטלאָפֿן קיין פּאַריז.

געהערט, אַז קריינדל איז אין פּאַריז און אַז עס גייט איר נישט שלעכט, האָט זי איר איינמאָל אָנגעשריבן אַ בריוול, אַז זי קומט און נאָך איידער זי האָט איר באַוויזן צו ענטפֿערן, האָט זי זיך אין אַ שיינעם, העלן פֿרימאָרגן געטון אַ שטעל אַרײַן.

דאָס בלאָנדע מיידל, אַ נידעריקע, אויף דיקלעכע פּיס, מיט אַ גלאַט־פֿאַרשרונדיקט קעפּל, איבערגעוואָרפֿן מיט קונציק - פֿאַרפֿלאָכטענע צעפּלעך, ווי בייגל, איבערן קליינעם שטערן, וואָס איז געווען פֿול אָנגעזעצט מיט קלייענדלעך, האָט קריינדלען פֿאַרגלושעט די אויערן מיט איר זשומענדיקן פּויליש. אירע ווײַכע, קעצישע גלידער זענען געווען אָנגעגאָסן מיט פֿוילקייט; זי האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם, ליב געהאַט צו שלאָפֿן אין טאָג אַרײַן, אויפֿשטיין שפּעטלעך, אַרומפֿאָרן זיך אין צעפֿלויגענעם שלאָפֿראָק בײַ די שמינקע־שאַכטלעך און שפּיגעלעך. צווישן מענטשן, פֿאַרקערט, איז זי געווען זייער באַוועגלעך, דאָס פֿאַרשרונדיקטע קעפּל אירס פֿאַרוואָרפֿן אויף אַ שטול, בלאָזנדיק פֿון זיך דעם סיגאַרעטן־רויך אין סופֿיט אַרײַן. אָנגעקוקט האָט זי אַלעמען פֿרעמדלעך, שאַרף, מיט פֿאַרקוועטשטע אויגן־שפּעלטלעך, ווי זי וואָלט טאַקע אויף אַן אמת געווען קורצזיכטיק.

בײַנאַכט האָט זי פֿאַרנומען כמעט דאָס גאַנצע בעט און קריינדלען האָט

זי אַריינגעשטופּט אין העַר וואַנט אַריין. דאָס ריינלעך־צונעקליבענע צימערל איז שוין איצט נישט געווען צו דערקענען. אויפן צערודערטן בעט האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעוואַלגערט אירע ראָזלעכע נאַכט־העמדער, זאָקן־בענדלעך און אַלערליי ווייבערישע שמאַכטעס. אַלץ אַרום איר איז געשווומען. די פינקל־דיקע גלעזער אויף העַר פּאָליצקע האָט זי פאַרפאַטשקעט מיט צאָן־פּראָשעק, מיט זייף־מילינעס. זי האָט זיך דעם גאַנצן אינדערפרי געצערעוועט די אויס־געפליקטע פּיענטעס, געצויגן די נאָדלען פון אויסגעצאַצקעטן פּלושענעם קישע־לע און האָט זיי איינע נאָך דער אַנדערע צעבראָכן. די פּודלע מיט גאַרן האָט זי פאַרגעסן אויפן טיש, האָט זיך אויסגעסטראָיעט, צוגעפּודערט דאָס פּאַרי־סענע נעזל, אָנגעשטעלט אין שפּיגעלע זייער אַ וויכטיקע מינע און אין אָוונט־צייט, אַ שמעקנדיקע, אַ ריינלעכע, אַנטלאָפן אויף אירע טרעפּונגען.

אומגעקערט פון גאַס האָט זי זיך שפּעט, געקלאַפּט מיט די טירן און פונאַנדערגערוקט די בענקלעך. זי האָט געשאָרעוועט צווישן דעם באַרג אָנגע־בהענגטע צייטונגען, געשלעפּט פון דער שאַפקע די פאַרבליבענע ברויט־שטי־קער און האָט געגריזשעט זשעדנע, אויסגעהונגערט. ביים שפּיגעלע האָט זי זיך איינגעגלעט די ברעמען און האָט לאַנג און דין געשמייכלט אין זיך אַריין.

אינדערפרי איז קריינדל אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט אַ נישט־אויס־געדוטע, מיט רויטע אויגן. עס האָבן איר געבראָכן די פּלייצעס און אַ ווייטיק האָט זיך איר אַריינגעכאַפּט אין אַ זייט — פון ליגן אַ גאַנצע נאַכט אויפן קאַנט פון בעט. אין שטיבל איז נאָך געווען טונקל, די פאַרהענגלעך אַראָפּגע־לאָזן און זאַשקע. וואָס האָט זיך געלייגט זייער שפּעט, איז נאָך געשמאַק גע־שלאָפן. קריינדל האָט זיך אָנגעוואַרעמט אַ גלאָז טיי אויף דער נאַפּט־מאַשינקע, צוגעביסן אַ שטיקל טרוקן ברויט און פינף מינוט פאַר אַכט האָט זי זיך אַרויס־געיאָגט די נשמה — זי האָט זיך געמוזט אָוועקזעצן צו דער אַרבעט, ווייל אַ סעזאָן איז גראָד געווען אַ גוטער. מען האָט געריסן פון אונטער די הענט און זי האָט געמוזט ביז סוף וואָך אַלץ אַרויסליווערן, אירע מידע אַקסלען האָבן זיך אַלץ מער אָנגעבויגן און מיט די גרויסע גלעזער איבער איר קליינעם, רונ־דיקן נעזל, האָט זי אויסגעקוקט ווי אַ סאָווע. טיילמאָל האָט זיך זאַשקע אי־בערגעוועקט און געזען ווי קריינדל פאַרצערט אויף העַר גיך דאָס ביסל טיי, צו־געביסן מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט.

— כ'פאַרשטיי נישט ! — האָט זי זיך אויפגעריסן — ווי אַזוי עסט מען עס טרוקן ברויט, אָן אַ שטיקל פּוטער ?

— מען קען זיך נישט אַלץ פאַרגינען, טייערינקע ! דער סעזאָן, איידער מען קוקט זיך אַרום, איז ער שוין נישטאָ ; און באַלד רוקט זיך אונטער אַזאַ ביטערער „מאַרטסעזאָן”. אפשר ביסטו ביי דיין מאַמעשי בעסער געווינט געוואָרן.... איך קען זיך נישט דערלויבן צו ליגן אין בעט ביז צען דעם זייגער

און אהיימקומען פאר האלבע נאכט — האט זיך געפילט בולטע בייזקייט אין קריינדלס ענטפערן — אז לעבן, טייערע, איז אויפן ווינט...

— גיי שוין, ביסט א קליינבירגערין — האט זי ארויסגעלאכט — אט ווי טיף די אלע פאראורטיילן שטעקן נאך אין דיר... „נא פראוודען" — איז זי איבערגעגאנגען אין פויליש — כ'האב געמיינט דו האסט שוין אלע אויסגעלעבט אין זיך. פארשטייי: ווער, נארעלע, ס'ארבעט פיזיש און ווער — גייסטיק...

אבער סוף־כל־סוף האט זי אליין געמוזט אנקומען צו קריינדלען זי זאל איר רעקאמענדירן פאר א „האנט" אין אן אטעליע, ווו מען האט געארבעט מריקא. קריינדל האט עס געטון זייער גערן, האט איר צוגערשט צוגעוויזן, גע־לערנט, איינגעשטעלט זיך פאר איר ביים „פאטראן", ווען יענער האט, באַ־קוקנדיק די אפגעטוענע ארבעט זאשקעס, געדרייט מיט דער נאז. א חוץ דעם איז סתם געווען מיט איר געבראטענע צרות ביי דער ארבעט: זי האט פאר־ליארמעט די אטעליע מיט איר שפיציק שטימעלע, גערעדט נאר פויליש, פאר אלעמען געוואלט ארויסווייזן איר אינטעליגענטישקייט, אויסגעקריגט זיך מיט יעדערן און א גאנצן טאג געהאלטן אין איין פירן פאליטישע דיסקוסיעס מיט מאריסן, דעם פרעסער, וועלכן אלע מיידלעך און אלע ווייבלעך אין דער א־טעליע האבן גוטמוטיק געשאלטן:

— געהרגעט זאל ער ווערן, מאריסל! ער איז אויסגעריסן־קלוג. נאר אזא ווי ער טויג זיך אוים צו אט די מיידעלעך...

ער איז געווען שטארק אומצופרידן, דער פאטראן, פון אט דער זאש־קען. מילא, וועגן איר ארומטומלען אין דער אטעליע, האט ער שוין גישט גערעדט — וואס פאר א קאפריזן מ'איז אלץ געוווינט אויסצושטיין פון זיי. נאר עפעס האבן זיך די הענט ביי איר נישט געלייגט צו קיין ארבעט, זי איז נישט געווען געשיקט „פונדאנען ביז אהער" און צוגייענדיק אמאל צו דער מאשין, האט דאס רעדל געטון א שפרונג פון הינטער איר, אז די נאדל האט זיך צעבראכן אויף פיץ־פיצלעך.

אינאוונט איז זי שוין איצט אומגעשוווימען אויף די טרעפ און איבער די קארידארן פון דער „ליגע", האט צעקעמט אירע בלאנדע צעפלעך און געלאזן זיי ארומוויגן איבער אירע שמאלע פלייצקעס, איינגעשטייפט אין א זיידן העמדל מיט קורצע ארבעלעך. זי האט גערויכערט א סיגאַ־רעטל, האלטנדיק עס פארקוועטשט צווישן די פינגער, ווי א פארברענטער רויכערער. זי האט זיך שוין צוביסלעך גענומען אפגעווינען פון איר פוי־ליש רעדן, לאזנדיק הערן איבער אלע צימערן איר אומנאטירלעכן ליטווישן אקצענט אינעם יידיש.

מיט די יינגלעך דא, וואס גאלן זיך נישט אפט און טראגן נישט אלע־מאל קיין ריינעם קאלנער, האט זי זיך וויניק־וואס געחברט. זי האט זיי

העפּלעך אָפּגעטרעטן דעם וועג אין שמאָלן קאָרידאָרל, ווו ס'איז שטענדיק, אָוונט־צייט, אַ געפּאַק. דיזעלבע, האָט זי געוווּסט, האָבן אודאי זייער נאָכטלעגער אין איינעם פון די בלינדע, פינצטערע הינטערגעסלעך אויפן בעלוויל, און אַרבעטן אַרבעט מען אוודאי אויך נישט.

— עך, לאַנגווייליקע יידן! — האָט זי געזיפצט און אײַנגעהילט פאַר־וויקלט זיך אין רויך פון סיגאַרעטל.

דערפאַר האָט זי שמייכלענדיק נאָכגעקוקט די אַלע, וואָס האָבן דאָ באַשעפטיקט אָנגעאײַלט מיט די מעקעס, מיט די אײַנגעשטייפטע ברילן־גלעזער — וויכטיקע און אָנגעזעענע. מיט איינעם אַזאַ בחורל האָט זי זיך אַלעמאָל טומלדיק באַגריסט אויפן גוטמוטיקן, לאַבוזעוואַטן פּוילישן שטייגער, אָפּשציקנדיק אים אַ פּעסטן הענטל:

— סערוווס, סמאַרקאַטשו!

זיי האָבן נאָך דאָ לאַנג אַרומגעפּלאַפּלט. יענער האָט זי געריסן ביי די צעפּלעך און זי האָט איידל אָנגעשריגן אויף אים:

— נאַר אָן הענט, מיין טייערער!

דזשעק, דער וויכטיקער חבר דזשעק, איז איר פון ערשטן אויגנבליק אַן געפעלן געוואָרן, אַריין אין האַרץ אַריין. בכלל האָט ער געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די אַלע מיידלעך, וואָס זענען אַרויפגעקומען אין דער „ליגע“ אויסזוכן זיך אַ יונגערמאַן. זיין אויסזען, זיין האַלטונג, האָט אַרויסגערופן אינטערעס. ער האָט זיך אַלעמאָל געקליידט ספּאָרטיוו, קורץ־געשניטענע הויזן, אַ לעדערן זשילעטל מיט אַ שנאָל. אַ שיינע באַזילבערטע־קייט האָט זיך מיט דער צייט געלייגט אויף זיין שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ; פונדעסטוועגן, האָט ער נאָך אויסגעזען יונג, מער ווי די דרייסיק וואָלט מען אים נישט געגעבן. זיין אמתן נאָמען האָט דאָ קיינער נישט געוווּסט — ס'איז געווען די צייט, ווען אַ פּאַרטייאישער פּסעוודאָנים איז זייער גע־ווען אין דער מאָדע. אָבער געלאָקט האָט די מיידלעך דווקא דאָס, וואָס מען האָט אויף אים אונטערגעמורמלט, אַז ער האָט שוין נישט איין מיידלס האַרץ צעבראָכן. צו אים האָבן זיי געצויגן ווי אַ פלאַטערל אַרום אַ לאָמ־טערן; דאָס פלאַטערל ברענט זיך סוף כל סוף אָפּ די פליגעלעך און פונ־דעסטוועגן קריכט עס אין פייער אַריין. די אַלע מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט צום ערשטן מאָל אויסגערעדט אַ וואָרט, האָט ער גלייך גענומען דוצן, ווי ער וואָלט זיי שוין געקענט פון וויי־לאַנג. זיין שטים איז געווען וויכ־טיק, האַרט און באַפעלעריש, אפילו ווען עס האָט זיך גאָרנישט געהאַנדלט אין קיין אָרגאַניזאַציאָנעלן ענין.

— דיר, חברטע, קליידט בעסער אַ בערעטל און נישט קיין הוט. אַן אויסגעפּילט אָוואַל פּנים מאַכט דער הוט נאָכמער רונדיקער און פולער. אַ

בערעטל, הערסטו ? אזוי וואלסטו מיר בעסער געפעלן ! געשמאק, א קליין ביסעלע געשמאק ! — האט ער הארב געפאדערט.

עס האט געהייסן, אז ער איז אין אן אויפגעלייגטער שטימונג און אפצו-געבן זיך מיט אזעלכע קלייניקייטן, ווי א פלירט. און די, וואס האבן דאס געשפרעך נישט אונטערגעהערט, האבן זיך מאקע צומארגנס געוואונדערט, וואס די זעלבע חברטע דרייט זיך עפעס ארום אין דער „ליגע" מיט א בלוי, באשיידן בערעטל, זייטיק אנגערוקט אויפן שטערן. שוין. און מער האט ער זי שוין קיין בליק נישט צוגעווארפן. ער איז אונטערצייט פארשוואונדן אין די טירן, אויף א זיצונג, אויף א פארזאמלונג. נאר אמאל, אינגאנצן אומגעריכט, האט ער, אראפגייענדיק פון די טרעפ, זי באמערקט; און נישט פרעגנדיק גאר, ווי א זעלבסטפארשטענדלעכקייט, גענומען זי אונטערן ארעם און איז מיט איר אוועק.

זאשקע האט זייער אויפמערקזאמקייט נישט געצויגן אויף זיך מיטן באַ-שיידן־אנגערוקט בערעטל אינאזייטן, נאר מיט אירע איינגעצויגענע בלוז-קעלעך און מיט אירע בלאנדע צעפלעך.איבער די קארידארן און אויף די טרעפ האט זי געלאכט הויך, ברוסטיק. דושעק האט זיך דא איינמאל אפ-געשטעלט, געהערט איר געלעכטער פון אנדערן צימער און איז א רגע ארויס א קוק טון ווער עס לאכט דארט אזוי פריי.

ס'האט טיילמאל געטראפן, אז ווען קריינדל איז אין אוונט אהיימגע-קומען פון גאס, האט זי דעם שליסל, וואס ליגט געוויינלעך אונטערן די-וואניק ביי דער טיר, נישט געפונען. ס'איז געווען אוונט. דאס מיידל האט זיך נאך א רגע איינגעהערט אין קארידארל אריין און איז באלד, אן אר-מעטיקע, ארונטער פון די טרעפ.

פארקליבן האט זי זיך אינעם גערטל אויף א באנק ארום די זשא-ווערנדייקע ווענט פון דער גאטישער קירך. אין שפעטן פארנאכט האט דא ערגעץ אן אלטפרענקישער זייגער־מעכאניזם אויסגעגראבלט עטלעכע פאמע-לעכע און שווערע קלונגען. אלע שיף־אויפגעשפארטע דאך־פליגלען, צווישן די שפיציקע מורעמלעך אין פארקאפּמשעטע קוימענס, האבן זיך לעבעדיק געצויגן נאכן ביסל פרומען, שיטערן גרינס ארום די מויערן. ערגעץ האט זיך אויפגעכאפט א טויבער ריטש פון א לאסט־וואגן, שווערע רעדער זע-נען היליק געפאלן אויפן ברוק. ס'איז געפאלן אויף איר די גרינגע שיין פון א וואנט־לאמטערן. נאך א גויאגטן טאג ארבעט, איז זי מיד געווען און איר קאפ איז אראפגעפאלן אויף דער באנק־פארענטשע. זי האט געלאזן גיין איבער זיך דאס דערפרישנדיקע ווינטל, וואס האט אנגעווייעט מיט א האלב־פארגעסענע אראמאטן פון אפגעבליטע זומערן און פארגייענדיקע בעז ריחות. נאר באלד האט זי זיך אויפגעכאפט, ווייל ס'האט גענומען ווערן

שפעט אין אומקערנדיק זיך אהיים, האט זי עגערגיש באטראכט, אז מען דארף איינמאל פאר אלעמאל זען א סוף מאכן מיט אט דער זאשקע.

אבער יענע האט בלומרשט נישט באמערקט קריינדלס פארדריסלעכע באמערקונגען, האט זיך פריי אומגעוויגט אין צעפלויגענעם שלאף־ראק אי־בערן שטיבל מיט א זשומענדיק ניגונדל צווישן די ציינער.

דערנאך האט זי זיך איינמאל אויף עטלעכע טעג אריינגעלייגט אין בעט אריין, געזאגט, אז ס'איז איר גארנישט, אזוי זיך, א פארקילונג דארטן, אז ס'וועט מסתמא איבערגיין. אין א וואך ארום איז ז אייופגעשטאנען פון בעט, אן אויסגעבלייכטע, מיט בלויע רינגען אונטער די אויגן, האט זיך אנגהעאלטן ביי די ווענט און איז, צום לעצטן מאל שוין, ארונטער פון די שטיגן.

קאפיטל צוואנציק

דאס הויז אויף רי סט. דעני

דאס העל - ציגלדיקע און פיל־שטאקיקע הויז אויף רי סט. דעני, אריינגעשטופט צווישן די מאסיווע, אלטע געביידן, האט זיך געפונען נישט ווייט פון די פאריזער טומלדיקע הויפט־ארטעריען, ביי די גרויסע בולווארן. עס איז געווען איינס פון די מאדערן־איינגעריכטעטע הייזער, וואס ווערן ביים איבערוואַרפן און איבערבייען אריינגערוקט, כדי מיט דער צייט אויסצובריי טערן די שמאלע גאס, געבויט נאך אין אלטע, אומהיימ־לעכע סטילן, אודאי מיט א יארהונדערט צוריק. די שורה פענצטער פון פאסאד אויפן פערטן שטאק האט געהערט צו דער וווינונג, וואס בעני האט פאר עטלעכע יארן אפגעדונגען און אריינגעבראכט אהין רוזשעלען צו אלעם גרייטן. ביז צו די קלענסטע קלייניקייטן האט ער אין דער וווינונג פריער געהאט צוגעגרייט — פון א ראזן ביוסט פון א מוטער מיט א קינד אויפן קאמין אין סאלאן, ביז א בערן־פעל פאר זייער בעט, אין שלאפצימער, ביז די נייטיקסטע שטוב־כלים אין דער קיך־באלעבאטישקייט. ס'איז אים די גאנצע צייט נאכגעגאנגען זייער איינגעפונדעוועטע היים אויפן מוראנאוו. אצינד בויט ער אלץ, האט ער געהאט דאס געפיל, אויף א סאלידן אין זיכערן פונדאמענט, אויסגערעכנט און קלוג. דאס הויז זייערס איז חרוב געווארן, אונטערגעגאנגען, ווען ער איז אוועק. אצינד בויט ער זיך אייס אן איינענע, אויסגעווארעמטע היים. אבער אויף קיין פאל נישט מיט אזעלכע מאסיווע, סקריפנדיקע מעבלען — לייכט, מאדערן, ליכטיק, אן די שווערע

גאַרדינען איבער די געוועלבטע פענצטער, וואָס האָבן תמיד די צימערן בײַ זײַ געהאַלטן אין אַ פֿאַרנאַכטיק, געדעמפּט ליכט. שױן באַלד פֿון אָנהייב אָן האָט ער זיך געהאַט פֿאַרגענומען אײַנצואָרדנען זײַן הויז מיט אַ סך זון און ליכטיקייט, וואָס מער ליכטיקייט.

אַ שטראַלנדיקע העלקייט האָט זיך דאָ אַראָפּגעגאָסן פֿון די ווענט. אַפֿילו אין די פֿאַרכמאַרעטע טעג האָט זיך געדוכט, אַז עס שײַנט דאָ אַרײַן די זון. דער קאַמין אינמיטן צימער איז געווען פֿון ווײַס־געשניצטן מאַרמאָר, דער טיש און די שטולן — פֿון אַ העלן ברויז. אויף דער פּאָדלאָגע — אַ העלער טעפּיך. נײַ און יום־טובֿ'דיק האָט געשטראַלט דער ניקלנער קאַנדעליאַבר אונטערן סופֿיט; און אָוונט־צײַט, ווען מען איז געזעסן אַרום טיש, האָבן זיך די לאָמפּן אָנגעגאָסן מיט אַ העל ליכט, געמילדערט אַביסל דורך די דיסקרעטע שירעמס פֿון געשליפֿענעם גלאָז.

אוודאי איז דאָס הויז דאָ אײַנגעאָרדנט געוואָרן מיט פֿיל מער געשמאַק ווי בײַ זשאָזעפֿן, ווען ער האָט אַרײַנגעבראַכט צו זיך אין שטוב אַרײַן רוזשעלען. זשאָזעף האָט זיך אינגאַנצן נישט אויסגעקענט אויף די אַלע זאַכן און די מעבל־הענדלער האָבן אים אײַנגעשלייערט, וואָס ס'איז זײ נאָר געקומען הינטער דער האַנט. ס'איז רעכט געווען, אַז אין גרויסן עס־צימער לעבן די מאָדערנע און אײַנפֿאַך־שיינע טיש־און־שטולן, זאָל שטיין אַ שווערע, געשניצטע קאָמאָד פֿון אַ ברוינער, אומעטיקער קאָליר, מיט באַ־האַלטענע פֿאַכן אין פֿאַכעלעך — אַ באַנייט שטיק מעבל, וואָס איז אוודאי אײַנגעהאַנדלט געוואָרן ערגעץ אויף אַן אויספֿאַרקויף. נישט זשאָזעף האָט זיך געקענט דערויף און נישט רוזשעלע איז געווען פֿאַראינטערעסירט צו קוקן אויף דעם. ס'איז איר דאָרט איבעריק געווען דער טאָג. אחוץ דעם האָט זי זיך טאַקע נישט אויסגעקענט אויך. זי איז איז געווען אַ פֿאַרוואָגלטע יתומה פֿון אַן אָרעמער היים אויף דער סמאָטשע אין וואַרשע, האָט זיך אויפֿגעהאָדעוועט בײַ פֿרעמדע טישן און בײַ דער אַלטער מומען אויפֿן „פּלעצל", ווו זי האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אַ שטיק צײַט. ווען זי איז נאָך געווען אַ „גאַרסאָנקע" אין יידישן רעסטאָראַן אויפֿן בעלוויל און אין איר האָבן זיך געליבט די יינגעלײַט, האָט זי אוודאי אַזעלכע זאַכן קיינמאָל נישט אָנגעקוקט פֿאַר די אויגן. בעני האָט דעם אײַנגעבוירענעם געשמאַק געירשנט בײַ דער בריה'דיקער מוטער דבורה'לע, וועלכע האָט אַלע יאָרן געפֿירט דאָס ברייטע הויז לויט איר אייגענעם און לויט איר פֿעסטן שטאַט.

אָבער דאָ ערשט האָט רוזשעלע זיך גענומען איבערשטעלן די מעבלען און האָט דאָס דינסטמיידל גאַנצע טעג קיין רו נישט געגעבן. זי האָט זיך גענומען דערצו ווי נאָר זי איז אַהיימגעקומען פֿון דער פּריוואַטער געבורטס־קליניק, ווו זי האָט געבראַכט אויף דער וועלט אַ קליין, רויט־האָריק נפֿש'ל. פֿריער, ווען זי איז געווען אין די הויכע חדשים, האָט זי דערצו קיין געדולד

נישט געהאט. אצינד אבער האט זי שוין געהאט גענוג צייט אפילו צו לאנגוויליקן זיך אין די גרויסע, ליכטיקע צימערן און דאס איבערשטעלן די מעבלען האט איר אביסל באשעפטיקט. מיטן קינד האט זי זיך סיי-ווי נישט פארנומען. דאס דינסט-מיידל האט עס געקארמעט פון א פלעשל, געוואשן עס און געלייגט עס שלאפן. רוזשעלע אליין האט עס נישט געטארט זויגן, ווייל עפעס איז ביי איר א ברוסט קאליע געווארן און דער דאקטער האט געזאגט, אז די מילך אירע איז שעדלעך פארן קינד. האט זי זיך פארנומען מיטן איבערשטעלן די מעבלען אין שטוב. אז בעני איז אינאוונט צוהיימגעקומען און עס דערזען, איז עס אים נישט געפעלן געווארן און ער האט געהייסן צוריק אוועקשטעלן דאס מעבל ווו ס׳איז פריער געשטאנען. ס׳איז אפילו גקומען צו א קליינער אמפעריי און אויף מארגן איז אלץ ווידער געווען איבערגעשטעלט. געזען אזוי, האט זיך שוין בעני מער נישט ווידנדיק געמאכט. געפארט מיט דער מאמעס ענערגיע, איז ביי אים אויך געווען די שטילע נאכגיביקייט פונעם טאטן. און אזוי־ווי אין שטוב איז אים אלצאייגס אויסגעקומען ווייניק צו פארברענגען, האט ער א מאך אוועק געטון מיט דער האנט און זי געלאזן פירן ווי זי וויל און ווי איר געפעלט. ער האט זיך אויך נישט געוואלט שטארק קעגנשטעלן, ווייל זי איז אין דער לעצטער צייט געווען שטארק אויפגערייצט. קיין סיבות צו זיין אויפגערייצט האבן מסתמא נישט געפעלט. זי איז נישט אזוי שטארק געניט געווען אומצוגיין זיך מיטן קינד און עס איז אפט קראנק געווען. דאס קינד האט זי אויך געהאלטן צוגעשמידט צו דער שטוב; און זי איז דאך אלעמאל געווינט געווען פריי ארומצולויפן און ווייניק צו זיצן אין דער היים. אצינד, אז דאס קינד איז קראנק געווארן אויפן מאגעלע און דאקטוירים האבן געזאגט, אז ס׳דארף אומבאדינגט זויגן פון דער מוטערס ברוסט, אז דאס געוויינלעכע מילך דערנערט עס נישט גוט, האט מען עס אפגעגעבן צו א פויערטע אויפן דארף און אליין איז זי שוין איצט ווידער געווען א פרייער פויגל.

ס׳איז איר אבער פארט לאנגוויליק געווען א גאנצע וואך ארומצודרייען זיך אין די ליכטיקע שטובן, אנגעשטעלט מיט די מעבלען. אין „הויז“ אריין האט זי נישט געהאט נאכוואס צו קומען. ס׳איז שוין נישט געווען אמאל, ווען מען האט באדארפט לויפן אין די „הייזער“ מיט „שאנטיאנען“ און ברענגען די באשטעלונגען. דאס האבן היינט שוין געטון פלינקע וואיאזשארן, וואס האבן די באשטעלונגען געברענגט נישט פון די אויפקויפער אין פאריז, נאר פון דארט, ווו די אויפקויפער אליין פארקויפן — פון אלע עקן פון פראנקרייך און פון די קאלאניעס, פון אלזשיר, מאראק, טוניס און אפילע פון אויסלאנד. אין די אלע ערטער האט מען איצט באדארפט קענען אויסשטיין די קאנקורענץ פון אט די אויפקויפער און איבער דעם האט זיך בעני אממערסטן געבראכן דעם

קאָפּ. אודאי האָט ער בעסער געקענט שטיין אויפן פּלאַץ ווי די אַלע אויפקוי־
פער, ווייל ער האָט זיין סחורה אליין אויסגעאַרבעט אין זיין אַטעליע און צום
זעלבן פּרייז, אויב נישט אַ פּיל קלענערן, האָבן אים די אויסגעמאַרעטע „פּאַ־
סאַניערס" געליווערט זייער אַרבעט, וואָס איז ביליקער געוואָרן פון טאָג צו
טאָג. און דאָך איז צוליב דער אַנוואַקסנדיקער קאָנקורענץ שווער געווען. אין
אַזאַ מאָמענט העכערן דעם לוין פון די אַרבעטער האָט צייטווייליק צעשטערט
אַ סאַך פון זיינע פּלענער. ער האָט אָבער געזוכט עצות, כאָטש די אונטערגעקו־
מענע קריזיסן האָבן אַ סך צעשטערט — מען האָט קיינמאָל ניט געקענט זיין
זיכער. עס האָט געקענט אונטערקומען אַ טאָג, אַז אַלץ זאָל זיך מיט אַמאָל
אָפּשטעלן — אַזוי אומרואיק און נישט סטאַביל איז געווען אין לאַנד.

בעני, וואָס איז געווען שטענדיק פאַריאָגט, האָט זי דעריבער אַ גאַנצע וואָך
נישט אָנגעקוקט פאַר אירע אויגן. אויסער אין אַ זונטיק, ווען זיי זענען צוזאַמען
אַרויסגעפאָרן צום קינד אין זיין נייעם „סיטראָען". פון דאָרט זענען זיי אַמאָל
פאַרפאָרן אין אַ סינעמאַ, אָבער מערסטנטייל — צוריק אין שטוב אריין. קיין
שום פריינט, קיין שום באַקאַנטע האָבן זיי נישט געהאַט, מיט קיינעם זיך נישט
אָפּגעגעבן. און זינט ווען זיי האָבן איבערגעריסן מיט זשאָזעפן און מיטן בעל־
וויל, האָבן זיך אַלע אַלטע באַקאַנטשאַפטן אָפּגעהאַקט.

איז זי געזעסן אין שטוב, רוזשעלע, און האָט זיך גאַנצענע טעג אַרומגע־
קריגט מיטן דינסט־מיידל, צוגעציילט איר דעם ביסן אין מויל אריין און געהאַל־
טען זי אין איין חושד זיין, אַז זי באַגנבעט איר. דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעגאָסן
מיט רויטקייט יעדעס מאָל, ווען רוזשעלע האָט איר געגנבי און זשעדנע נאָכגע־
רעכנט דעם רעשט, וואָס זי האָט איר אַרויפגעבראַכט פון געוועלבל. לאַנג האָט
זיך אַ דינסט־מיידל אין הויז נישט געקענט אויפהאַלטן. רוזשעלע האָט זיי נישט
פאַרגינען כ'לעבן. בעני האָט זיך ביי איר געבעטן:

— נאָכוואָס זאָלסטו זיך אַזויפיל אַרומקריגן מיט די דינסטן? לאָז זיי
צורו. מילא, גנבענען זיי. מיר וועלן דערפון אָרעמער נישט ווערן.

אָן אויסגעהונגערטע פון קינדווייז אָן, האָט זיך איר געדוכט, אַז זיי האָבן
ביי איר אין שטוב אַ צו גרינג לעבן, די דינסטן. אַליין הערפאַר האָט זי זיך אָפּ־
גענומען, געקאָכט פולע טעפּ מיט פלייש, געגעסן, געהאַלטן אין איין עסן. זי
איז דיקלעך געוואָרן נאָכן קימפּעט און נאָכמער פונעם עסן, האָט זיך שווער
גערירט און אין איינעם אַ טאָג האָט זי, אָנקוקנדיק זיך אין שפּיגל, זיך אַליין
דערשראָקן פון דער שמאַלציקייט, וואָס איז אויף איר אָנגעוואָקסן. זי האָט באַ־
דאַרפט צו האָבן אַ חברטע, מיט וועמען זיך צו באַראַטן, נאָכפרעגן זיך מכוח
פאַרשידענע ווייבערישע זאַכן און טאַקע ווי אַזוי איינצוצערן זיך אַביסל. עס
האָט איר איצט פשוט פאַרשאַפט האַרצווייטיק אָנצוקוקן די פראַנצויזישע פרוי־
ען, די לייכטינקע, די באַוועגלעכע, מיט די בויגיקע פיגורלעך, וואָס ווערן גאָר
קיינמאָל נישט אַלט.

ווי האָט עס דען איצט געפּאַסט רוזשעלען צוריקצוגיין צו די קאַפּע-ווייבער, וואָס זיצן אָפּ האַלבע טעג אַרום די טישלעך אויף די קאַפּע-טעראַסן אויפן בעלוויל און פּלוידערן רכילות? אָבער אין איין ווייבל האָט זי זיך יאָ דערמאָנט און זי האָט באַשלאָסן צו גיין זי אויפזוכן, אָנקניפּן מיט איר באַקאַנטשאַפט. יענע, האָט זי געהערט, וווינט שוין אויך נישט מער אויפן בעלוויל. איר מאַן, אַ קליינער „קאָנפעקציע"-שניידער, האָט זיך פאַר די פּאָר יאָר אַרויפגעאַרבעט צו אַ גרויס געשעפט מיט אייגענע שטאָפן אויפן בולוואַר סעבאַסטאָפּאָל, אין סאַמע קאָך פון די רוישיקע האַנדלס-גאַסן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַ פאַרבעטעניש אויף אַ קליינעם, אינטימען טיי-אָוונט צו דער מאַדאַם זשינעט. ווי יענע האָט זיך איצט גערופן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי, די מאַדאַם זשינעט, אַ נידעריקע, אַ פולבלעכע, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע, קאַרבירטע לעקעלעך, איז נישט אַזוי איינזאַם ווי רוזשעלע. אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע און אינטערעסאַנטע געזעלשאַפט האָט זי דאָרט אָנגעטראָפן. אין הויז ביי איר זענען צו די אינטימע טיי-אָוונטן געקומען עטלעכע פיין-דערצויגענע יונגעלייט, וואָס האָבן געהאַט אַ שטיקל שייכות צו דער קינסטלער-וועלט אויפן מאָנפּאַרנאַס און צו דער סטודענטיאַדע אויפן סען-מישעל. אַ גענייט אויג האָט גלייך געקענט באַמערקן דעם אָפּגעטראָגענעם גלאַנץ אין זייערע אויסגעפּרעסטע אַנצוגן און אַ היפּשע אויסגעהונגערטקייט ביים איידעלן פאַרצערן דעם מיטאָג, אָדער דעם אָוונטברויט, צו וועלכע זיי זענען אָפט איינגעלאַדן געוואָרן אַהער. זיי האָבן די דאַמען ביים טיש פאַרווײַלט מיט פּעפּערדיקע אַנעקדאָטן מכוח יידן און איבערהויפּט — וועגן פרויען. רוזשעלע האָט געשטראַלט. די איידל-דערצויגענע יונגעלייט זענען איר זייער געפעלן געוואָרן און אַ גאַנצן אָוונט האָט איר געפלאַמט דער קליינער, אָפּגעדעקטער אויער.

פון דעמאָלט אָן איז עס רוזשעלע צוגעפאַלן צו זשינעטן; קיין טאָג האָט איינע אָן דער אַנדערער נישט געקענט לעבן. מען האָט זיך געהאַלטן אין איין קלינגען דורכן טעלעפאָן, באַשטימט ראַנדעוווען, אַרומגעקראָכן גאַנצע טעג איבער די געשעפטן, איינצוהאַנדלען מציאות. רוזשעלע האָט איינגעקויפט אין שטוב אַריין נייע פאַרהאַנגען, טישטוכער, שפּיצן, וועלכע מען האָט גאָר קיינמאָל נישט גענוצט און וועלכע זענען ליגן געבליבן באַגראָבן ערגעץ אין די אונטערשטע שיפלאָדן. זי האָט זיך גענומען סטראָיען אין פאַרביקע פּיזשאַמעס, סאַטינענע, מיט גרויסע, רויטע בלומען, אויסגעשניטענע, מיט יאַפּאַנישע קימאָנאָ-אַרבל. זי האָט ווייך באַטרעטן די ריוואַנען אין די לעטשעלעך פון שלאַנגען-לעדער.

אויפן נאָענטסטן טיי-אָוונט האָט זי אַלע געסט פאַרבעטן צו זיך.

מיטאָג איז זי אוועק צו בענין אין דער ביורא אַריין און האָט אים אַ שטראַלנדיקע אָנגעזאָגט:

— היינט אין אָוונט קומען צו אונז געסט, בעני! זייער אינטערעסאַנטע מענטשן. זאָלסט כאָטש וויסן ווי אַזוי זיך צו פירן ביים טיש, הערסט... געמעגט אָנקוקן פּאַצעטן! איך ווייס גאַרנישט ווי עס קומען אַזוינע־אַ צו אָט דער זיסעלען. דאַכט זיך אַ שליאַך, אַ שטיק גאַרנישט און זאָלסט היינט געווען אָנקוקן אַ שטאַט ביי איר פירט זיך. זי אַליין וועט אויך זיין מיט איר מאַן. ער איז אַפילו אַ פּראָסטער שניידער, איר מאַן, נאָר מען זאָגט, אַז ער פאַרמאָגט אַ סך געלט...

אויסגעהערט האָט ער זי מיט איין אויער, נישט געהערט אַפילו ווי זי הייסט אים אויפירן זיך לייטיש ביים טיש. ער איז שטאַרק פאַרטון געווען און ערשט אין אָוונט, ווען ער האָט זיך שוין געגרייט אַהיימצוגיין, האָט ער זיך דערמאָנט אין רוזשעלעס אָנזאָגן און עס איז אים מאָדנע פריקרע געוואָרן. ער איז מיד געווען פון מענטשן דעם גאַנצן טאָג, האָט קיים דערצייגן דעם אָוונט אויסצורוען זיך אַביסל פון זיי. וואָס מער ער איז אַריינגעקראָכן אין די געשעפטן, מיט אַלץ מער פאַרשטעלטער פאַלשקייט האָט ער זיך אָנבאַגעגנט. נאָך קיינמאָל נישט, ווי אַצינד, האָט ער פולשטענדיק פאַרלוירן דעם גלויבן און דעם צוטרוי צו מענטשן. ער האָט געזען ווי ווייט מענטשן קענען פאַלש זיין. מילא, וועגן זיך אַליין האָט ער נישט געטראַכט.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָבער פאַרגענומען צו האַלטן זיך אָרטיק ביים טיש, און נישט אָנטון רוזשעלען קיין עגמת-נפש. עס איז איר געגאַנגען אין גאַנצן לעבן, האָט ער באַמערקט, אויסצונעמען, געפעלן צו ווערן. ער וועט זי צוליב-טון. און ס'איז אים ווידער געקומען אויפן זינען די אַמאָליקע סביבה אין וואַרשע, די מענטשן, וואָס האָבן מקריב געווען זייער פערזענלעך לעבן פאַר אַן אידעאַל — אַנדערע מענטשן, אַנדערע צייטן געווען. וויפל מאָל האָט ער געהאַט אַ פאַרלאַנג דורכצורעדן זיך מיט זשאַקלען, דערציילן אים וואָס אים קוועטשט, דערמאָנען זיך, נאָר ער האָט זיך אַלע־מאָל צוריקגעהאַלטן, אַליין אַריינגעקראָכן אין שווינדלערייען, געפעלשט, ליגן געזאָגט, ווייל אַזוי האָט מען געמוזט, אַזוי האָט עס געטויגט פאַרן געשעפט.

אָנקומענדיק אין אָוונט צום הויז, האָט ער גלייך פון דרויסן שוין באַמערקט, אַז אין אַלע פענצטער איז דאָסמאָל ליכטיקער, ווי געוויינלעך. עס איז געווען שבת אינאָוונט און דער מוח האָט זיך ביי אים, נאָך אַ וואָך אָנשטרענגונגען, גענומען אויסלייטערן. אויפן האַרץ איז אויך פריילעכער געוואָרן.

אָבער גלייך אויפֿן ערשטן בליק זענען אים די יונגעלייט, וואָס זיצן אַרום טיש, אויף קיין האָר נישט געפֿעלן געוואָרן. ס'איז אים גלייך נישט געפֿעלן געוואָרן זייער איבערגעטריבענע העפֿלעכקייט און דאָס געשיקטע, אומבאַמערקטע איבערווינקען זיך הינטער זיינע פּלייצעס. וואָס ער האָט גאַנץ גוט באַמערקט, אַראָפּגעלייענט עס פֿון זייערע אומשולדיקע מינקעס און וואָס האָט געזאָלט באַדייטן: „אָט דאָס, הייסט עס, איז ער, דער שלימזל פֿון דעם געשמאַקן ווייבל ?"... אומגעדרייט צו זיי האָט ער זיך דערנאָך אָפּגעלאַנגווייליקט אַ האַלבן אָוונט מיטן מאַן זשינעטס — אַ קליין מענטשעלע מיט אַ נאַקעטן שאַרבן, אַ געוועזענער „קאָנפֿעקציע"-שניידער פֿון בעלוויל. עפּעס האָט ער דאָרט אָנגערעדט וועגן ביכלעך, און וועלכע ער האָט זיכער קיינמאָל נישט אַריינגעקוקט, וועגן קונסט, וועגן קינסטלער. ער ווייסט נישט פֿאַרוואָס, נאָר עס איז אים עפּעס אַ רחמנות געווען אויפֿן דאַזיקן ייִד, דעם שניידער, וואָס איז אַזוי פֿייערלעך געווען צעזעצט אַרום טיש ביי אים. הינטער זיין רוקן האָבן עפּעס די ווייבער, פֿאַרגייענדיק זיך יעדע ווײַלע, געלאַכט, געזעסן אויף איין שטול, צוזאַמענגעטוליעטע, און די יונגעלייט האָבן זיי נישט אויפֿגעהערט צו פֿאַרווײַלן מיט פּעפּערדיקע אַנעקדאָטן. אינצווישן צייט האָט ער באַמערקט, אַז די סערוויז אויפֿן פֿול-אָנגעשטעלטן טיש זענען דערווייל ביסלעכווייז אָפּגעליידיקט געוואָרן. ער איז צולעצט אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש, אַנטשולדיקט זיך פֿאַר די געסט, אַז ער איז מיד און איז מיט אַן אַנטשלאָסענעם טראָט אַוועק צום שלאָפֿצימער. אויפֿן וועג אַהין האָט ער נאָך באַוויזן אויפֿצוכאַפּן רוזשעלעס בייזן בליק, וואָס האָט קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט...

פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיך די יונגעלייט פֿאַרפֿירט אין שטוב אַריין און זענען דאָ געוואָרן גאָר אָפּטע באַזוכער. אָבער מיט אים האָבן זיי זיך, זעט אויס, אויסגעמיטן. אַריינפֿאַלנדיק טײַלמאָל אין שטוב אַריין, האָט ער נאָך אָנגעטראָפֿן אין עס-צימער דעם הענגענדיקן סיגאַרעטן-רויך און דעם טיש — אָנגעשטעלט מיט די אויסגעליידיקטע גלעזער און סערוויזן. ביי רוזשעלען האָט ער דערבליקט אַן אומרואיקייט אין בליק, אַמאָל אַ רויטן פֿלעק אויף איר שיינעם האַלדז און אַ פֿאַרשולדיקט שמייכעלע.

— האָסט זיי שוין דאָ היינט ווידער געהאַט, דיינע געסט, זע איך !

— האָט ער איר צוגעוואָרפֿן מיט בולטן פֿאַרדרוס.

— וואָס געפֿעלן דיר נישט אַזוי מיינע געסט, בעני ? זיי קומען צו מיר און נישט צו דיר — האָט זי זיך צולעצט אַ ברוגזע גענומען וואַרפֿן — קומען אַמאָל אַרויף אײדעלע יונגעלייט, קרענקט עס אים... ס'טע געזען ? וואָסי, כ'זאָל זיך אפשר אַפּשלִיסן אין שטוב און קיין מענטש נישט אַריינלאָזן, אָדער אפשר זיך חברן מיט די ייִדענעס פֿון דער קאַפּע „דאָס ליכט פֿון בעלוויל". זאָל איך זיך אפשר מיט דיר פֿאַרווײַלן, אַז שטענדיק האָסטו

נאָר אויפֿן קאָפּ די אַטעליע, די געשעפֿטן. און אַז דו קומסט אַהיים אינ־אָוונט, פֿאַלסטו גלייך אַוועק שלאָפֿן. איך בין נישט דיין שקלאַף פֿאַר דיר צו האָבן קינדער און פֿאַרען זיך נאָר אין דער קיך, אויסרייסן זיך דאָס האַרץ מיטן מיידל...

— אָבער מיט וואָס האָב איך דיך אַזוי באַליידיקט. וואָס דו וואַרפֿסט זיך אַזוי — האָט ער זיך גענומען אָפּבעטן — די געסט זענען דיר אָנ־געגעסן, טאָ לאָד זיי דיר איין געזונטערהייט. ווער שטערט דיר דען?

נאָר זי האָט זיך שוין געהאַט אַוועקגעשליידערט אויף דער סאָפֿע, פֿאַרגראָבן אין די קישעלעך און אים מער קיין איין וואָרט נישט געענט־פֿערט.

— אַזאַ פֿינצטערער מזל האָב איך שוין! — האָט זי דערנאָך אַרויסגע־וויינט — אַזוי פֿיל וויכטיקע יינגלעך האָבן זיך געריסן איבער מיר, נאָכ־געגאַנגען מיר יעדן טריט, אויסגעגאַנגען פֿאַר מיר. און פֿון אַלעם האָט מיר געדאַרפֿט אויספֿאַלן אַזאַ שוואַרץ, וויסט מזל....

ער האָט זי נאָך געמוזט איינעמען מיט גוטע רייד, אַוועקטראָגן זי אין שלאָפֿצימער, איינדעקן זי. ער האָט אַלץ פֿאַר ליב גענומען, אַבי זי זאָל זיך איינשטילן. און איינמאָל, ווען ער איז אינאָוונט אַהיימגעקומען, איז זי אים שמייכלענדיק אַנטקעגנגעלאָפֿן, אָנגענומען אים ביי דער האַנט, פֿאַרטייעט צוגעפֿירט אים צום קליינעם כאַלאַן, געמאַכט דאָרט ליכטיק און אַריינגע־פֿירט אים אַהין מיט אַ סודותדיקער מינע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און עס האָט זיך מיט אַמאָל אַנטפּלעקט פֿאַר אים איר פּאָרטרעט אויף דער וואַנט, איינגערעמט אין אַ שווערע, גאָלדיקער ראַם. זי איז דאָרט געווען אינדער־העלפֿט, אויף אַ טונקל-בלויער פֿאָן, מיט צעלאָזענע האָר, ווי אַ וואַלד־מיידל, מיט אַ זיסן, פֿאַרחלומטן בליק, ווי מען זעט עס אַמאָל אויף די ביי־ליסע רעקלאַמע-עטיקעטן. צו דער ברוסט צו זיך האָט זי געטוליעט אַ בוקעט פֿלאַמענדיקע רויטע רויזן.

— זעסט? — האָט זי אינגאַנצן געשטראַלט — אַ שטיק נשמה ליגט דאָ... בעני, טייערער.... — און זי האָט זיך אינגאַנצן אָנגעוואָרפֿן אויף זיין אָרעם.

אינגיכן זענען די ווענט באַדעקט געוואָרן מיט נאָך עטלעכע געמאָלע־נע לייוונטן, אויסגעהאַמערטע בלעכן, אַ קליינע סטאַטועטקע און אינעם פֿאַרשטויבטן ביכער־שענקל, צו וועלכן מען איז גאָר קיינמאָל נישט צוגע־גאַנגען, זענען צוגעקומען עטלעכע נייע בענדלעך לידער, פּאַרזען מיט חני־פֿהדיק געגראַמטע דעדיקאַציעס. געצאָלט פֿאַר דעם אַלעם, נאַטירלעך, האָט בעני, ער האָט זיך אַפֿילו געקרומט, אָבער געצאָלט האָט ער, אַ ברירה האָט ער געהאַט?

ערב די געשעענישן

מיט היטלערס קומען צו דער מאכט, איז א גרויסע אויפרודערונג אריינגעקומען אין דער פאריזער יידישער אימיגראציע. איבער דער נאכט האבן זיך מיט אמאל באוויזן פרישע פנימער, נייע מענטשן. ס'זענען געקומען אנצולויפן יונגעלייט אין אפגעטראגענע, אבער ריינע, פינקטלעך אויסגעפרעסטע מלבושים און ייִנגלעריש-אונטערגעשוירענע מיידלעך. זיי האבן גערעדט א צעקאליעטשעטן יידיש, דורכגעווארפן מיט א סך הארטע דייטשע ווערטער. די אלע זענען אין די אויסגעלאשענע נעכט געקומען אנצולויפן פון יענער זייט גרענעץ, אויסגעמאטערטע, הונגעריקע. מיט א גרויל פייערל אין די אויגן פון די דורכגעלעבטע וואל-טעג און פון דער רייכסטאג-שריפה אין בערלין. אין אלע הילפס-קאמיטעטן, וואס זענען אינדערשנעל געשאפן געווארן, אין אלע קלובן, אין אלע עפנטלעכע אינסטיטוציעס, האט מען זיי באגעגנט, די פליכטלינגע, מיט אמת-דייטשער געדולדיקייט ווארטן אין דער ריי. די גרעסטע טייל פון זיי — יידן. באוויזן שנעל זיך איינצואָרדענען האבן נאר די, וואס האבן פארטייט אין די קליידער, מיטגעברענגט אביסל געלט. זיי זענען באלד געקומען צו זיך, געדרייט, געמסחרט. שלעכט איז נאר געווען אזעלכע, וואס האבן געמוזט גיין אין די יידישע אטעליעס נאך אביסל ארבעט.

און גראד האט דאך לאנד זיך דערוויטערט צו א נייעם, פארשארפטן קריזיס, צו א ביטערער ארבעטסלאזיקייט. די קאבינעטן פון דער רעגירונג האבן זיך אפט געביטן. צו א גרויסער אויפרודערונג אין לאנד איז געקומען מיטן אויפדעקן די אפערע פון שווינדלער סטאוויסקי. דאס איז געווען אין ווינטער, ענדע 1933.

האלבע נעכט איז מען דעמאלט אין האטעל „פעקין” אפגעזעסן און מען האט דיסקוטירט. מען האט אלץ געזידלט דער דייטשער סאציאל-דעמאקראטיע און פארגעזאגט היטלערס שנעלן סוף. די פריש-צוגעקומענע האבן זיך גיך איינגעבירגערט אין האטעל, ביי קריינדלען אין צימערל, ווו אויך זשאקל האט שוין אצינד געוווינט. טיי מיט צוקער האט דא קיינמאל נישט אויסגעפעלט און מען האט אלעמאל צוגעגאסן צום גרויסן טשייניק, וואס האט נישט אויפגעהערט צו זידן אויף דער נאפט-מאשינקע.

אין בעלווילער ארבעטער-קלוב, ווי אין יענעם ביטערן הונגער-יאר, איז ווידער איינגעארדנט געווארן א קיך פאר ארבעטלאזע און פאר די פליכטלינגע פון דייטשלאנד. מען איז געזעסן און געשיילט גרויסע סאגאנעס קארטאפל, ארומגעגאנגען צו די יידישע בעקערס נאך ברויט, צו די קצבים —

נאָך פליש און ביינער. די בעקער-אַרבעטער האָבן זיך אַליין באַשטייערט מיט צען ברויטן אַ טאָג. צוויי מאָל, צו מיטאָג און צו אָוונט-ברויט, האָט מען דאָ געגעבן צו דער זעט זופּ מיט ברויט, צעזעצט אַרום די לאַנגע טישן. דער קלוב איז געווען איבערגעפּאַקט, די ווענט האָבן געשוויצט. אינדערמיט צווישן ביידע גרויסע צימערן, האָט מען אָפּגעשטעלט אַ פּאַרקאָפּטשעטן אויוון, וואָס איז געווען רויט-אָנגעגליט. סימעלע די קעכן, וואָס איז געווען פּאַרפּאָרעט מער ווי שטענדיק, האָט זיך אַמאָל אָפּגעריסן אויף אַ מינוט, איז אַרויסגעקומען פון אָפּגעצוימטן קיכל מיט פּאַרקאָשערטע הענט און אַ רויט-צעפלאַמטע, פון פּאַרען זיך ביי די טעפּ אַרום פייער.

— כ'האָב שוין נישט קיין כוח פאַר ענק צו האַרעווען אַזויפיל — האָט זי גוטמוטיק געשפּאַסט, פאַרלייגנדיק די הענט אויף די באַקעס — אַזאַ כאַליאַסטרע, קיינעהאָרע, אָנצוקאָרמענען! צ'וואָלט כאָטש געגאַנגען אין גאַס אַריין מאַכן די רעוואָלוציע...

אָנקוקנדיק די אויפגעהונגערטע מענטשן, וואָס שלינגען אַריין אין זיך מיט אַזאַ גיריקייט דאָס הייסע ביסל זופּ, איז ביי די אַלטע איינגייער דאָ געקומען דאָס שפּייעכץ אין מויל אַריין. געווען אַפילו דאָ צווישן די יידישע פּליכטלינגען איינער אַ הויכער דייטש, אַן אַמתער אַריער, מיט אַ שניט אין דער לינקער באַק, וואָס ער האָט באַקומען אין אַ געשלעג מיט די נאַצים. גערופן האָט ער זיך האַנס. ער איז אַריבערגעקומען אַהער מיט זיין גרויסן וואָלף-הונט, וועלכן ער האָט אָנגערופן „היטלער", מיט זיין גיטאַרע און מיט אַ קליין, שוואַרץ יידיש מיידל, צוליב וועלכער ער האָט געמוזט אַוועק פון דאָרט. יאַשקעלע, וואָס איז דאָ ווידער געווען דער סערוויהער, האָט אים, ניט איבערפּרעגנדיק גאַר, צום צווייטן און צום דריטן מאָל אונטערגעטראָגן די טעלער זופּ, אָנגעלייגט מיט ביינער און מיט שטיקער פליש.

אַזאַ טומלדיקייט, אַזאַ באַלעבאַטקייט, ווי דעמאָלט, האָבן נאָך די אָרעמע ווענט פון קלוב, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן אָפּגעלאָזן, אַרומגעשיילט, קיינמאָל נישט פאַרנומען. אומעטום, אין אַלע ווינקעלעך, ביי יעדן טישל — זיצונגען און סתם רעדלעך. זיצונגען פון דער רויטער הילף, זיצונגען פון דער קולטור-קאָמיסיע, פון פּאַטראָנאַט און איבער אַלעם — דער געליאַרעם פון די דיסקוסיעס אַרום די פרישע אָוונט-צייטונגען.

ס'איז געווען אין די טעג, ווען די סמאָווסקי-אַפּערע האָט אַראָפּגע-שריגן פון די גרויסע צייטונג-קעפּ און איז זיך אַלץ מער צעוואַקסן אין אַוואַנטורע. מיליאָנען געזעלשאַפטלעכע געלטער זענען פאַרשווונדן גע-וואָרן, אין דער זעלבער צייט, ווען עס זענען געריסן געוואָרן די לוינען פון די אַרבעטער, די פאַבריקס-האַליעס האָבן זיך געשלאָסן אויף וואָכן, אויף חדשים. די גאַס איז געווען אויפגערודערט. אומעטום — רעדלעך, גרופּ-קעס. דער שווינדלער סמאָווסקי איז נישט אַראָפּ פון די ליפּן ביי דער מאַ-

סע אַרבעטלאָזע, וואָס האָבן פאַרפילט די טראָטואַרן אויפן בולוואַר בעל־וויל. אין דער אַפּערע זענען מיטאַריינגעצויגן געוואָרן מיניסטאָרן, פּרע־פעקטן, וואָס האָבן פאַרלייכטערט דורכצופירן זיינע טונקעלע געשעפטן. יעדן טאָג — נייע רעוועלאַציעס. ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן געפערלעך. די העכ־סטע צייטונגען האָבן גלייך אָנגעהויבן צו ווענדן די קאַמפּאַניע אין דער ריכ־טונג, אַז סטאַוויסקי איז בלויז אַן אויסלענדער; זיי האָבן עס צוגע־שפּיצט אין דעם זין, אַז דעם גאַנצן דעמאָקראַטישן רעזשים דאַרף מען ענדלעך פאַרוואַנדלען אין אַ פעסטער מאַכט, אַ דיקטאַטור. ווי אַלעמאָל, איז עס געווען אַן אויסגעפּרוווט מיטל צו דיסקרעדיטירן די דעמאָקראַטישע רעגירונג, אויפדעקן איינע פון די פילע שווינדלערייען, הינטער וועלכע זיי אַליין שטייען און האָבנדיק די סימפּאַטיע פון פאָלק — אַרויפזעצן די רעכטע.

יעדעס מאָל בעת די וואַלן, זיגט נאַטירלעך, פון דער מערהייט דעמאָ־קראַטישע שטימען, דער אַזוי גערופענער „לינקער בלאָק". אָבער הינטערן פאַראַוואַן פון אָט דער רעגירונג ווערן אָפּגעמאַכט אַלע שווינדלערייען. די ווייכטיקסטע פּאָסטנס ווערן באַזעצט מיט אייגענע מענטשן, וואָס באַשטי־מען זיך אַליין גוטע און פעטע לויגען. אין לאַנד ווערן די באַנען, די מעט־ראָ, די גרויסע עלעקטרישע סטאַנציעס, קאָנטראָלירט דורך פּריוואַטע אַק־ציע-געזעלשאַפטן, הינטער וועלכע עס שטייען די הייכסטע מענער פון לאַנד, טיילמאָל מיניסטאָרן אַליין. זיי גיבן אָפּ אין אָרענדע דער רעגירונג די אַלע אונטערנעמונגען. עס טרעפט אָפט, אַז די וואַגאָנען געהערן צו איין געזעל־שאַפט, די וועג-שפּאַלן — צו אַ צווייטער, דער עלעקטרישער שטראָם — צו אַ דריטער געזעלשאַפט. זיי ווערט אָפּגעצאָלט פאַרן אָפּנוצן דעם וואַגאָן, פאַרן אויסרייבן זיך פון די שינעס, פאַרן רעמאָנט, פאַרן שטראָם און אפילו פאַרן רוים פון די מעטראָ-האַליעס. פאַר דעם אַלעם צאָלט דער בירגער קודם־כל אָפּ מיט אומדירעקטע שטייערן. די קאָמפּאַניעס, ווו עס זיצן טויט־באַצאָלטע שעפן, שטעלן צונעצט אויס דער רעגירונג אַ רעכענונג פון גרוי־סע דעפּיציטן און דאָס אַלץ מוז אויפסניי גערעקט ווערן. מיט איין וואָרט — איין האַנט וואַשט די אַנדערע.

דאָס אַרויסברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט פון לאַנד איינע פון די אומצאָליקע שווינדלערייען אין דער פּערזאָן פון סטאַוויסקי, וועלכער איז צוזאַמען מיט איניקע מיניסטאָרן פאַרמישט געווען אין אַן אַפּערע פון פאַלשע אַקציעס פון אַ פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט, איז אָבער נישט פאַר־אויסגעזען אויסגעוואַקסן אין אַ פאָלקס-כוואַליע קעגן דער רעגירונג, אונ־טערגעהאַלטן סיי פון די לינקע פּאַרטייען און סיי פון די עקסטרעם-רעכ־טע, וועלכע האָבן געפאָדערט איינצופירן אַ דיקטאַטור, אויפן מוסטער פון דייטשלאַנד.

פון ביידע זייטן איז דער אזוי גערופענער „צענטער פון רעגירונגס־בלאק“ געשטירצט געווארן. געבליבן איז איין אפענער וועג — בירגער־קריג. פון ביידע זייטן האט מען זיך דערצו געגרייט. קודם זענען די ארבעטער ארויס אין א גענעראל־שטרייק. אויפן רוף פון די אוניטערע סינדיקאטן, האבן דעם 22־טן יאנואר מיזנטער ארבעטער, פונקציאנארן און ארבעטס־לאזע זיך פארזאמלט אויפן פלאץ ביים „האטעל דע וויל“, אונטער רויטע פענער און מיט לאזונגען קעגן דער רעגירונג. די גאנצע באוועגונג אין שטאט איז אפגעשטעלט געווארן. אלע זענען געווען אויף דער גאס. עס איז געקומען צו צוזאמענשטויסן מיט דער פאליציי. מען האט אויסגעריסן שטיינער פון טראטואר, בענק פון די סקווערן, אייזנס פון די גערטל־שטאכעטן און יונג־פארזעצטע ביימלעך.

עס זענען אויך אויסגעבראכן אומרוען אין לאטיינישן קווארטל, אויפן מאנפארנאס, אויפן קאנקארד. עס זענען ארויס די „קאמלא די רוא“. די פאשיסטישע גרופעס פון „קרוא דע פע“, האבן געלייגט אייזנס אויף די אמניבוס־שינעס, כדי ארויסצורופן קורצשלוסן. אומעטום איז געקומען צו בלוטיקע געשלעגן מיט דער פאליציי. דער פרעמיער האט אויסגענוצט דעם סקאנדאל און האט געשטעלט אין זיין דינסט אלע פאליציי־כוחות, וואס זענען פריער געווען אונטערגעארדנט דער פרעפעקטור, דעם אינערן־מיניסטעריום און דער געריכט־מאכט.

דער סטאוויסקי־סקאנדאל האט צופיל קאמפראמיטירט די אדמיניסטראציע און עס איז פארגעקומען א קליינע רייניקונג צווישן די באאמטע. אבער גלייכצייטיק הערמיט זענען אויך ארייגעטראגן געווארן נייע באגרענעצונגען פאר דער ארבעטער־פרעסע, לוין־פארקלענערונג, פארעטערונג פון די ארבעטס־באדינגונגען. עס איז פארגעקומען א קער אויף רעכטס אין דער אינערלעכער און אויסערלעכער פאליטיק. אין אנבליק פון די אויפגעדעקטע אפערעס, האט די רעגירונג געמוזט דעמיסיאנירן. פאשיסטישע דעמאנסטראנטן האבן זיך געפרווט ווארפן אויף די רעדאקציעס פון די ארבעטער־צייטונגען. פון די גאסן־געשלעגן איז אין משך פון עטלעכע טעג די גרויסע בולווארן נישט געווען צו דערקענען. אויסגעריסענע ברוק־שטיינער, באריקאדן. איבער די בולווארן האט געהילכט דאס ליד פון דער פאריזער קאמונע, די „קארמאניאלע“, און לאזונגען פארן איינהייט־פראנט קעגן פאשיזם.

ערשט סטאוויסקיס זעלבסטמארד, אין דער ווילע ביי שאמאניקס, איז אויסגענוצט געווארן כדי צו ליקווידירן דעם ענין, וועלכער האט אנגענומען פארמען, געפערלעכע פאר דער רעגירונג. אבער די געבליטן זענען שוין געווען אויפגעקאכט. די אמתע געשעענישן האבן זיך אינצט פאנאנדערגעוויקלט אין די ערשטע טעג פון פעברואר.

מען האָט זיך מיט שפּאַנונג געגרייט צו די געשעענישן. אין די אָוונטן זענען אַלע הויפּטרעצנטערן באַוואַכט געווען פון פאַרשטאַרקטע פּאָליציי־ און מיליטער־אָפּטיילונגען, באַוואָפנט אין די העלמען, און אַלע טונקעלע זעסלעך זענען זיי געווען פאַרשטעקט, און די פול־געפּאַקטע קאָמיאָנען האָבן געוואַרט אויפן ערשטן באַפעל. די פאַרשטאַרקטע עלעקטרישע סטאַנציעס, די וואַסער־ליטונג, גאַז, זענען באַזעצט געוואָרן פון מיליטער און איבער דעם האָט געפעלט אין שטאָט ליכט, וואַסער, באַהייצונג, אַפילו די הויפּט־גאַסן זענען ווייניק באַלויכטן געוואָרן און אין די הינטער־געסלעך איז די חשכות געווען אָנצוטאַפּן.

אַמערסטן געפערלעך, פאַרשטייט זיך, איז אין די אָוונטן געווען פאַר די אויסלענדער דורכצוגיין די גאַס. אין אַלע ראָגן האָט מען אָפּגעשטעלט, קאָנטראָלירט, פאַרהאַלטן. אין אַלע יידישע קלובן, וואָס זענען געווען איבערגעפּאַקט צוליב דער אָפּגעשטעלטער אַרבעט, האָט מען געפיבערט מיט די געשעענישן, געגרייט זיך צוזאַמען מיט די פראַנצויזישע אַרבעטער אַרויס אין גאַס אַריין, ווען עס וועט נויטיק זיין.

אַז מען האָט באַדאַרפט, האָט זיך זשאַקל שפּעט ביינאַכט אומגעקערט פון אַ קאָנספּיראַטיווער פאַרזאַמלונג, ווו עס זענען געגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס, ווי מען זאָל זיך האַלטן, וואָס מען זאָל טון. ער איז געווען אין די קאַפּעס, איז געווען אין קלוב, אין אַלע זייטיקע האָטעלן, וואָס זענען אים באַקאַנט געווען, אַז דאָרט וווינען אַ סך אייגענע יאַטן און אומעטום איבערגעגעבן מען זאָל זיך גרייטן. ער האָט אין די טעג נישט ווייניק פאַרנאַכלעסיקט דער אויסגעמאַטערטער קריינדלען, וואָס איז קראַנק געווען. זי האָט אים נישט פאַרהאַלטן. זי האָט נאָר געזאָרגט ער זאָל איצט אַלעמאָל האָבן צו דער צייט אַן אויסגעוואַשן העמד, זאָל מער נישט דאַרפן עסן אין די רעסטאָראַנען, וואָס האָבן אים פאַרדאָרבן דעם מאָגן.

צוזאַמען מיט זשאַקלען איז צום בעלווילער ראַיאָן צוגעטיילט געוואָרן דזשעק. דער דזשעק האָט זיך פריער גענוג אָנגערעדט מיט פּייער און מיט ברען, אַז מען דאַרף אַרויס אויף דער גאַס און צוזאַמען מיטן פראַנצויזישן אַרבעטער, פאַרטרייבן די פאַשיסטן, נישט דערלאָזן, אַז דאָ זאָל פאָרקומען דאָס אייגענע, וואָס אין דייטשלאַנד. אָבער וויפל מאָל מען האָט אים אַליין באַשטימט צו קומען, איז ער עפּעס פאַרפאַלן געוואָרן, צוגעשטעלט זיך מיט אַ טאָג שפּעטער און מיט פאַרשיידענע אויסריידן אַרויסגעדרייט זיך. ס'איז זשאַקלען אויסגעקומען אומעטום אים צו פאַרטרעטן, די איבעריקע זענען נישט צופרידן געווען און עס האָט זיי געווונדערט, וואָס אַזאַ אָנגעזעענער חבר ווי דזשעק איז נישט פּינקטלעך, קומט נישט אינגאַנצן. זשאַקל האָט עס אַראָפּגעשלונגען און האָט געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט די זאַך אַוועקצושטעלן אָפן.

אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט האָט ער זיך געפֿונען, דזשעק. מיט חשד האָט ער גענישטערט אין אַלע זייטן מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן, פאַרביי־איילנדיק די גאַס. ער האָט איצט קיינעם גלייך אין פּנים אַריין נישט גע־קענט קוקן. ער האָט געזען, אַז וואָס מער ער פאַרענטפערט זיך, אַלץ ווײַ־ניקער גלויבט מען אים. איבערהויפּט — זשאַקל. דאָס ערשטע מאָל זינט ער קען אים, זשאַקלען, האָט ער זיך איינגעקוקט פונדערווייט אין אָט דעם שטילן בחור מיט די אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס און באַמערקט, אַז אַלץ זעט ער, אַז זיין כלומרשט־גלייכגילטיקער בליק זעט אים דורכדרינגלעך און — ווי ער וואָלט געשמייכלט אין זיך אַריין. ער האָט עפּעס מורא געקריגן פאַר אים און אַלעמאָל אין זיין אָנוועזנהייט געפילט זיך מאָדנע אומבאַקוועם, אַראָפּגענומען די ברילן, צוריק אָנגעטון זיי. אַמערסטן דענערווירט האָט אים זיין קלוגע, איינגעהאַלטענע רויקייט — וואָלט ער כאָטש געשריגן אויף אים, געבייזערט זיך.

אַצינד, ווען מיט יעדן טאָג האָבן זיך דערנעענטערט גרויסע געשעענישן, האָט ער געפילט, אַז וויכטיק אַרויסצוקוקן זיך אין דער שפּיץ, ווייזן אַ מוסטער פון איבערגעגעבנקייט. ער האָט זיך אַליין אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז אין אים לעבט אַ נישט־געצוימטער געפיל פון פּחדנות פאַרן אייגענעם שטיקעלע בידנע עקזיסטענץ. אָפּגעהאַלטן אַ סך האָט אים אויך זי, זשאַקע. זיי האָבן שוין איצט געוווינט צוזאַמען. זי איז געווען די איינציקע פון די אַלע מיידלעך, וואָס האָבן אים שוין אַזוי לייכט נישט אָפּגעלאָזן, געהאַלטן אים לעבן זיך, נישט אַוועקגעלאָזן אים אויף קיין שריט פון זיך. ער איז גע־ווען שוואַך, שוואַכער ווי אַלעמאָל, און האָט נאָכגעגעבן. פּאָליטישע עמיג־ראַנטן פון פּוילן האָט מען לעצטנס נישט גערן אויפגענומען, אָבער פאַר איר האָט ער געמוזט איינשטעלן זיך, איז געלאָפן ווו מען דאַרף און האָט אויסגעפּועלט פאַר איר ביי אַ דעפּוטאַט וווין־רעכט. אַזוי צעטראָגן ווי זי איז געווען, די זשאַקע, איז זי געוואָרן אויסגערעכנט, געזעצט, געהאַלטן אים אין דער האַנט, צוגעבונדן אים צו זיך, צו דער שטוב, וואָס זי האָט איינ־געאָרדנט און פאַרפּוצט לויט אירע אינטעליגענטישע געשמאַקן. די בלאָנדע צעטראָגענע גימנאַזיסטקע האָט געקענט זיין אויסגערעכנט, אויסנוצן אַלע שפּאַרעס פון דזשעקס כאַראַקטער, וואָס איז שוואַך געווען, זייער שוואַך. אָנשטאָט אַוועקצוגיין אין די אָוונטן אויף די באַשטימטע ראַנדעוווען, האָט זי אים אָפּגעהאַלטן, נישט געלאָזן אים אַרויסרירן זיך פון שטוב, איינגענו־מען אים מיט צערטלערייען און מיט סצענעס.

זי האָט זיך שוין איצט ווידער אומגעדרייט איבער די קאָרידאָרן פון דער „ליגע“ — אַ וויכטיקע, אַן אָפּגעפּרעמדטע, אַן אומצוטריטלעכע. זי האָט שוין מער נישט געלאָזט הערן איר קולכל איבער די צימערן, איר אומ־נאַטירלעכן ליטווישן אַקצענט אינעם יידיש. זי האָט שוין באַוויזן צו כאַפּן

דאָס פראַנצויזישע לשון און אַז מען האָט זי געפרעגט עפּעס אויף יידיש, האָט זי פאַרקוועטשט די אויגן, ווי וועלנדיק אַנשטרענגען זיך וואָס יענער מיינט. זי איז איצט פריי און אָפן פאַר יעדערן געווען די פרוי פון דזשעקן און האָט עס אַלעמען געלאָזן פילן מיט איר וויכטיקן באַוועגן זיך, מיט איר אַרומטענצלען. זי איז פול געווען אין די סטודענטן־קאַפעס אויפן סען־מישעל, אין די קינסטלער־קאַפעס אויפן מאָנפאַרנאַס. אין דראַמקרייז, וווּ מען האָט געזוכט אַ פעיקן מענטש מיט ליכט, האָט מען זי אָנפאַרטרויט קליינע ראָלן. זי האָט געוויזן דעם זאַל אירע ציינדלעך, געדרייט זיך און גישטשלעכט אימיטירט די אויפגעקומענע נגידית׳טעס ביי שלום עליכם׳ען.

— זי שפּילט נישט שלעכט די ראָלע! — האָט מען זיך צווידייטיק געוויצלט אויף איר חשבון — זי וואַקסט און זי וועט זיין!

אין דידאַזיקע טעג האָט זי דזשעקן אויף קיין טריט נישט אָפּגעלאָזן פון זיך, אָפּגעוואַרט אים ביז ער וועט אַרויסגיין פון די זיצונגען און צוזאַמען מיט אים איז זי אַרונטער פון די טרעפּ. איר גאַנצע ווייבערשע צערטלעכקייט האָט זי מיטאַמאָל אָנגעוואָרפן אויף דזשעקן און געזאָרגט פאַר אים, ווי פאַר אַ קינד. זי האָט אים געטאַפּט דעם שטערן, אָפּגעהאַלטן אים ווי־לאַנג, ביז די טאַקסיס זענען אַדורכגעפאָרן. אין די ראָגן, וווּ די פּאָליציי איז געווען געדיכט פאַרזאַמלט, האָט זי זיך געטוליעט צו אים.

— ביסט בלאַס — האָט זי אים אַריינגעקוקט אין די אומרויקע אויגן — האָסט פיבער. אַ מענטש קען זיך נישט אינגאַנצן אַוועקשענקען פאַר אַנדערע. און ביסט נישט מער אַליין, דזשעק, האָבסט עס נישט פאַרגעסן.

ער איז געגאַנגען לעבן איר שווייגנדיק, מיד, לאָזנדיק זיך פירן פון איר. אינדערהיים האָט זי אים אַריינגעלייגט אין בעט, אַרומגעלייגט אים מיט וואַרעם־פלעשער, איינגערעדט אים אַז ער איז געפערלעך־קראַנק און איז דריי טעג נאָכאַנאַנד נישט אָפּגעטרעטן פון אים. און כאָטש ער האָט זיך געפילט אינגאַנצן געזונט, האָט ער שוין צוביסלעך אַליין אויך אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז ער איז טאַקע געפערלעך־קראַנק, אַז ער קען זיך שוין אויף די פיס ניט האַלטן. אַליין איז זי צומאַרגנס געלאָפן אומעטום איבערגעבן, אַז ער קען נישט קומען. אָבער עס איז שוין נישט געווען צו וועמען צו רעדן. אין דער בהלה, וואָס האָט זיך אין די לעצטע טעג געמאַכט, איז אומעגלעך געווען עמיצן אויפצוזוכן.

אין שאַרפן נעפּל, וואָס איז סוף יאַנואַר אַנגעפאַלן איבער פּאַריז, האָט זי, אַראָפּקומענדיק פון די בעלווילער געסלעך, פון פאַרהאַקטן קלוב, פאַרהאַלטן זיך אַ ווײַלע אויפן ראָג, אַרום אַן אויסגעזעצטער לאַמטער. פּאָליציי־קאַמיאָנען זענען אַלע ווײַלע, ווי אַ ווינט אָנגעפלויגן אַראָפּ בולוואַר, קעטשלעך פון דער גיכער הילף און אין דער גרויסער ראַגאָווער קאַפע האָט מען

כסדר געברענגט צופירן פאַרבלוטיקטע מענער, אין בלויע אַרבעטס־קליידער, צעשויבערטע.

זאָשקע האָט אָנגערוקט דאָס בערעטל אינאַזייט און פאַרן צעטראָגענעם בליק האָט איר אַ שווינדל־געטון די אָפגעשטאָרבענע גאַס; און כאָטש ס'איז געווען האַלבער טאָג, איז די נאַכט גיך צוגעפאַלן. צעשמירטע פייערלעך האָבן דאָ און דאָרט אויפגעלויכטן. הוראַ־קולות און זאַלפן האָט אויפגעריסן די נעפלדיקע גאַס. פון די פענצטער האָט זיך צעבראָכן גלאָז געשאָטן אויפן טראָטואַר. פאַרוויקלט אין רעגן־מאַנטל, אַ שויבערדיקע, האָט זי מיט אַ פאַרקירצטן וועג דורכגעשניטן די געסלעך פון מעניל־מאָנטאַן, צום הויז, וווּ דזשעק האָט זי אָפגעוואַרט מיט פלאַטער.

קאַפיטל צווייאונצוואַנציק

די אָנגענעמע לאַסט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט

נאָכן טאַטנס אומגליקלעכן טויט, איז פון בעמיעלען גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. ער האָט נישט בלויז פאַר ליב גענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער שטוב, נאָר אַליין האָט ער זיך אויך גענומען אויפירן לייטיש. ער האָט אַראָפגעוואָרפן די אויסגעוואַקסענע האַלבע־הויזלעך, דאָס געפאַסקעוועטע לייבעלע און האָט זיך שוין מער, אפילו אין דער פרייער צייט, נישט אַרומגעשלעפט מיט די יונגען פון געסל. דאָס שכנישע מיידל סיזאַן מיט די קרום־געשניטענע מאַנדל־אויגן, מיט די צוגעמאַליעוועטע ליפעלעך, האָט ער שוין איצט אינגאַנצן אויסגעמיטן. אַריינגיין אין אַן אַטעליע אַרבעטן האָט ער נישט געקענט. ער וואָלט נאָך צו ווייניק פאַרדינט אויסצוהאַלטן די שטוב. צוזאַמען מיט דער מאַמען און מיטן שוועסטערל איז ער ווייטער געגאַנגען אַרויסנעמען אַביסל „פאַסאַן". ער איז געווען פלינק, פלינקער פון די אַלע בעלווילער יידן און ווייבלעך, וואָס האָבן זיך געברענגט אָנצושלעפן מיט די וואַליזעס און מיט די שוואַרצע טאַלעטן אין „הויז" אַריין, צו בעני גרינבערגער. ער האָט זיך דאָרט אויך פלינקער אויסגעטענה'ט מיט די בלאָנדע, פראַנצויזישע מיידלעך. אויפגעוואַקסן כמעט צווישן די בלינדע געסלעך פון בעלוויל, האָט ער גערעדט אַ גוטן פראַנצויזיש, דורכגעוואָרפן מיט די אַלע צווידייטיקע און וויציקע ווערטלעך, וואָס ווערן געווינלעך אין די ביכער נישט באַנוצט.

די ווייטע היים אין גאַליצישן שטעטל, פונוואַנען ער איז אַזוי פרי אַוועק האָט ער שוין כמעט נישט געדענקט. ער האָט שוין מער נישט גע־

דענקט וואָס דער קליינשטעטלדיקער מלמד האָט אים דאָרט אַריינגעהאַקט אין קאָפּ אַריין. זיין היים און זיין שול איז געווען די הפקרדיקע גאַס, דער פּלאָנטער פון די פינצטערע בעלווילער געסעלעך, וואָס האָבן אים אויסגעלערנט דעם פּאָלקסטימלעכן זשאַרגאָן און האָבן אים, אָנשטאָט בעמיעלע אַ נאָמען געגעבן האַנרי. האַנרי איז דאָ אָפּט געווען דער העלד פון אַלערליי געשלעגן, פון אַלערליי אַוואַנטורעס איבער אַ מיידל. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיך געזען ענלעך צו די, וואָס ווערן באַשריבן אין די דינע אילוסטרירטע ביכלעך, צו די, וואָס ווערן געוויזן אין די סינעמאַס פון די אָרעמע קוואַרטאַלן. אַ שוואַרצער שויבער אַרויסגעלאָזט פון אונטערן אָנגערוקטן דאַשיק, מיטן טאַטנס הייסע, חסידישע אויגן, מיט אַ חוצפּהדיק־פּאַרקאַשערטער ליפּ, אינעם געפּאַסקעוועטן ספּאָרט־לייבעלע, צוויי פּוס די הויך, איז ער דאָ געווען דער העלד, וואָס האָט געוועלטיקט איבער די פינצטערע געסלעך. דער אַקצענט איז ביי אים געווען אַזאַ נאַטירלעכער, זיין אויסזען — אַזאַ היימישער, אַז אַלע האָבן אים אָנגענומען פאַר אַ ריכטיקן פראַנצויז.

דער קליינער, פאַרזאָרגטער טאַטע, וואָס האָט געטראָגן אויף זיינע מאַגערע פּלייצעס דעם עול־פּרנסה, האָט דאָ מער קיין שליטה נישט געהאַט איבער אים. אַ מאַמע האָט אים געפעלט, וואָס זאָל אים, נישט אַזוי מיט שטרענגקייט, ווי מיט גוטע רייד, איינעמען, צוימען און צובינדן אים צו אַ תכלית. באַלד נאָכדעם, ווי די מאַמע איז אַריבערגעקומען אַהער, האָט ער עס מאַקע גלייך דערפילט. זי האָט מיטגעברענגט מיט זיך אַ שטיק פאַרגעסענע היים. עס האָט אים אַ ציגעמון צום פייערלעכן פרייטיק־צונאַכטס, צו דער צוגעקערטער שטוב — דער איבערגעדעקטער וואַרשטאַט, די שבת־לייכטער אויפן טיש, פאַרשפּרייט מיט אַ ווייס טישטעך, די געשמאַקע שבת׳דיקע מאכלים. אין קיין אַנדער שטוב, אפילו זונטיק, האָט ער אַזאַ געמיטלעכקייט, נאָך אַ גאַנצע וואָך האָרעוואַניע, נישט אָנגעטראָפן. די היים האָט אים צוגעבונדן.

אָבער נאָכן טאַטנס טויט איז צוריק אַריינגעקומען די וואָך אין שטוב אַריין. ס׳איז שוין ביי דער מאַמען נישט געווען דאָס אַמאָליקע געמיט, ווען זי האָט, קומענדיק קיין פּאַריז, פאַרן קראַנקן מאַן מיט אַלע כוחות געוואָלט צוריקברענגען דאָס ביסל היימישע רו און דערהאַלטן אים ביים לעבן ווי שוואַך און ווי נישט־אָנגעזעען דער טאַטע איז נישט געווען ביי די קינדער, ביי פרעמדע מענטשן, האָט זי זיך באַמיט אים צו דערהויבן פאַרן קאָפּ פון דער משפּחה. אַלץ האָט זיך ביי איר אויסגעלאָזן מיט זיין טויט. און קינדער זענען נישט מער ווי קינדער — זיי ווערן עלטער און זוכן זיך זייער אייגענעם תכלית. דאָס מיידל האָט זיך אויסגעזוכט אירע חברטעס, איז געוואָרן אַ גאַנצע פריילן, איז געגאַנגען אויף טאַנץ־ליעקציעס, אויף בעלער און יעדן פאַרנאַכט, ווען זי האָט דערהערט אַ פּאַטשן מיט די הענט פון דרויסן, האָט

זי שנעל פֿאַרענדיקט איינצושמירן די ליפּן, צופֿודערן זיך דאָס נעזל און איז באַלד אַרונטערגלאָפֿן פֿון די שטיגן. פֿאַריז האָט עס איר גיך אויסגעלערנט, דער מאַמען נישט צו לאָזן קווילן די קינדער, נישט נאָכצוקוקן זייער צופּיל.

פֿאַר אים, פֿאַר כעמיעלען, האָט זיך איר מאַמיש האַרץ געשראָקן. דער שפּייזער פֿון שטוב איז אָפּגעשטאָרבן, מאָ ווער וועט ווייטער טראָגן די לאַסט פֿון אַ פֿאַרזאָרגער ?. זי האָט זיך אויך געשראָקן, אַז עס זאָל אים אַמאָל נישט נעמען ציען צוריק צו זיינע אַמאָליקע גענג. אַז דודל האָט גע-לעבט, האָט זי שוין צוגעזען, אַז ער זאָל אים פֿאָלגן, אַז ער זאָל דרך-ארץ האָבן פֿאַרן טאַטן. זי האָט זיך אָבער, צום גליק, גענאַרט אין אים. פֿאַרקערט, דער יינג האָט אַלע לאַסטן פֿרייוויליק גענומען אויף זיך. ער האָט זי נאָך גע-טרייסט און דאָס גאַנצע פֿאַרדינטע געלט געבראַנגט איר אין דער האַנט אַריין:

— זאָרג נישט, מאַמע — האָט ער זי איינגענומען — איך וועל ווייטער פֿירן די אַטעליע און שׂרה׳לען וועל איך אויך חתונה מאַכן...

ער האָט געטריי געהאַלטן דעם טאַטנס אָנזאָג, ווען ער איז שוין געלעגן אויפֿן טויטן-בעט.

זי איז דעריבער שטאַרק צופֿרידן געווען, די מאַמע, ווען זי האָט געזען, אַז ער האָט זיך אָפּגעזוכט לייטישע חברים, יינגלעך, וואָס כאָטש קינדער נאָך, טראָגן זיי שוין אויף זיך דעם עול פֿון אַרבעט און פֿון זיין אויסלענדער אין לאַנד. דאָס אַלץ האָט ביי זיי פּרי אָפּגענומען די קינדערישקייט און אַרויפֿגעלייגט אויף זיי דעם שטעמפּל פֿון זאָרג. ביז דער עלטער האָבן זיי אפשר נישט געוואַקסן, אַז זיי זענען נישט גלייך צו די אַלע פֿראַנצויזישע יינגלעך, מיט וועלכע זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען אין שול. כאָטש אַפילו אויך אין שול האָט זיך דער שאַרפֿער אונטערשייד לעצטנס געלאָזן מערקן. די לערער און די שילער האָבן שווערלעך אויסגערעדט זייערע פֿאַרדרייטע יידישע פֿאַמיליען-נעמען און אין זייערע אויערן האָבן זיי געקלונגען מאָדנע-קאָמיש; אָבער די שׂנאה צו די יידישע שול-קינדער איז דער עיקר געווען דערפֿאַר, וואָס כמעט אַלע האָבן זיי געהאַט גוטע קעפּלעך און האָבן צום סוף לערניאָר באַקומען די ערשט-גראַדיקע צייכנס און שיינע מתנות פֿאַר גוט לערנען זיך. זעלטן-ווער אָבער פֿון די דאָזיקע סיהאָט, ענדיקנדיק די שול, גע-האַט אַ מעגלעכקייט אָנצוקומען אין אַ ליציי און ווייטער פֿאָרזעצן דאָס לער-נען. דאָס זענען געווען קינדער פֿון בידנע יידישע באַלמעלאָכעס און פֿאַר-האָרעוועטע „פּאַסאָניערס“ אויפֿן בעלוויל. נאָך איידער דאָס קינד האָט פֿאַר-ענדיקט די שול, האָט מען שוין אין שטוב באַצייטנס גענומען טראַכטן צו וואָס פֿאַרא פֿאַך עס אָפּצוגעבן. און דאָ ערשט איז זיי דערמאָנט געוואָרן, אַז זיי זענען דאָ פֿרעמדע. צוגלייך מיט די עלטערן, האָבן זיי געמוזט גיין שטויסן זיך אין דער רייע אין פּרעפֿעקטור ביים אַרויסבאַקומען אַ קאַרטע מיט רעכט

צו דער ארבעט. די ביוראָען און אינסטרומציעס, די גרויסע פאַבריקן, זענען פאַר זיי געווען אָפּגעשלאָסן. האָבן זיי דעריבער, ווי די עלטערן, זיך גענומען נעמען צו איינס פון די יידישע פאַכן: שניידעריי, שטריקעריי, מאַראַקינעריי.

בעמיעלע האָט איצט אָנגעהערט צו אַ קלוב, וווּ די אַלע זענען זיך צו־זאַמענגעקומען. מען האָט זיך דאָרט פאַרנומען מיט ספּאָרט און מיט קולטו־רעל־פּאָליטישער אויסבילדונג. עס זענען געווען קורסן, רעפעראַטן, אויס־פלוגן און איבער די זומער־חדשים, אין די לאַנגע „מאַרט"-סעזאָנען, האָט מען געלעבט אין ביידלעך, אויסער דער שטאָט. דער עולם דאָ האָט שוואַך גערעדט יידיש און האָט זיך בכלל אין יידיש שוועך אויסגעלעבט.

אין דעם יוגנט-קלוב איז בעמיעלע געוואַקסן און ער איז, פּונקט ווי פריער, אין די בעלווילער געסעלעך, אויך דאָ גיך געוואָרן אָנגעזען. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט דער סאָוויעטישער פילם „דער וועג אין לעבן", וווּ מען ווייזט היימלאָזע קינדער, וועלכע ווערן דערצויגן צו נוצלעכע און פּראָדוקטיווע מענטשן. דער אָנפירער פון קלוב, פיער, אַ נידעריקער, פלינקער בחור, מיט אַ בערעטל אינאַזייט פון געקרויזטן קאָפּ, אַ פעיקער פּעדאַגאָג, האָט בעמיעלען אין שפּאַס אָנגערופן מוסטאַפאַ, לויטן הויפּט־העלד פונם פילם. און בעמיעלע איז שטאַרק צופרידן געווען דערפון. ער האָט דערפילט, אַז דערמיט לייגט ער ארויף אויף אים גרויסע האָפענונגען. מען האָט אים אָנפאַרטרויט פאַראַנטוואָרטלעכע ארבעטן, געגעבן אים צו ליי־ענען ביכער און אינגיכן איז ער צוגעטיילט געוואָרן צום אויסדערוויילטן קרייז, וואָס איז געווען דער קערן פון יוגנט-קלוב.

אָט דער קרייז, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צענ־צוועלף בחורים און מיידלעך, האָט אין די עטלעכע פרייע זומער־חדשים אומגעוואַנדערט מיט זייערע אויפּשטעל־ביידלעך איבער די פּליאַזשעס פון דער פּראַווינץ, גע־נעכטיקט אין די „אַבערזשן", יוגנט־היימען, „הארבעריקן", ווי זיי ווערן אָנ־גערופן אין אַלט-יידיש — צעוואָרפן איבער די שיינע נאַטור-ווינקלען פון לאַנד, אין די וואָגעזן, אין די אַלפּן און ביים ביסקיי. אין די „היימען" האָט קיינער גאָרנישט געפרעגט ווער און נאָכוואָס, געזעצט זיך גלייך מיט אַלע־מען צום טיש, זיך פאַרווײַלט צוזאַמען מיט אַלעמען און טענץ ביים שוויטער־פלאַם און אויף מאָרגן ביכטו ווייטער אַוועק דיין וואַנדער-וועג.

זיין שוואַכקייט איז איצט געווען דאָס מיידל בערט, מיטן בלאָנדן צאָפּ און מיט די געזונטע, לאַכנדיקע ציינער. דורך די זומער-חדשים איז איר גוט־געפאַרמטער קערפּער געוואָרן אַליוו-ברוין. איר נישט הויכער ביוסט האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג. זי איז געווען אַ „דאַקטילאָ" אין אַ קליינער האַנדלס־ביוראָ און איז דערמיט געוועזן אומאָפּהענגיק פון אירע עלטערן — ביידנע „פּאַסאָניערס" אויפן בעלוויל. יעדן פון די יינגלעך האָט זי געלעבערט דאָס האַרץ מיט איר גליקלעכע געלעכטער און האָט קיינמאָל קיינעם גאָרנישט

צוגעזאגט — ווי א שמעטערלינג האט זי געפלאטערט צווישן זיי, אייפער־זיכטיק געמאכט די חברטעם און אוועקגעשטעלט א וואנט צווישן די יינגלעך.

פיער, דער קליינער פיער, וואס האט געהאט א גענייט אויג, האט באלד באמערקט, אז האנרי שטארבט אוועק פארן מיידל. ער האט געוווסט אביסל פון בעמיעלעס פארגאנגענהייט און עס האט אים פונדעסטוועגן געוווּנדערט, וואס דער דריסטער באזיגער פון מיידלשע הערצער אין די בלינדע געסעלעך פון בעלוויל, איז דא מיטאמאל אזוי שעמעוודיק געווארן, פילט זיך אזוי פארלוירן אין דער אנוועזנהייט פון בערטן. באמערקט האט ער עס אויפן קליינעם, פראווינצער וואקזאל, פונוואנען זיי האבן זיך געקליבן אהיימצו־פארן קיין פאריז. ס'איז געווען אין א זוניקן פארנאכט, א האלבע שעה איידער דער צוג גייט אפ און די קליינע גרופע — פארברוינטע, מיט קורצע הויזלעך, מיט שווערע שיך פון בערג־קלעטערער, באהאנגען מיט רוק־זעק — האט זיך ארייגעשטופט אין ווארטע־זאל. צווישן די עטלעכע שוויגנדיקע פאסאזשירן, האבן זיי באלד ארייגעבראכט א היימישן טומל. די רוק־זעק זענען אוועקגעווארפן געווארן אין א ווינקל און ווי נאר פיער האט געטון א שפיל ארויס אויף דער מויל־הארמאניקע איינעם פון די באקאנטע שלאגערן, איז דער לופטיקער עולם שוין געהאט אוועק אין טאנץ. פונעם גאנצן פלאנ־טער, איז עפעס בעמיעלע שטיונגעבליבן אינאזייט. אלע פארלעך זענען שוין געווען פארכאפט. מיט בערטן האט געטאנצט אן אנדערער און פארבייפלי־ענדיק, האט זי אים אלעמאל אומישנע אנגעטראטן אויפן פוס, צוגעשטופט אים צו דער וואנט, ארויסלאכנדיק מיט א ווילד און העל געלעכטער. פיער האט אים געמונטערט:

— האנרי, וואס שטייסטו ווי א ליימענער גולם? טאנץ!

— איך האב נישט קיין פאר! — האט ער זיך באמיט צו שמייכלען און אומעטיק אוועקגעדרייט זיך.

געטאנצט האט ער שוין אויך נישט דערנאך, ווען די פארלעך האבן זיך געביטן. ער איז געזעסן אויף דער באנק און געקוקט דורכן פענצטער, צי דער צוג איז שוין אנגעקומען. אין וואגאן האט ער זיך פארוקט אין א ווינקל ביי דער שויב, געקוקט אויף די פארביילויפנדיקע פייערלעך, וואס שימערן אין דער צופאלנדיקער נאכט פון די אפגעלעגענע פארשטעט. וואס מער דער צוג האט זיך דערנענטערט צו פאריז, אלץ אומעטיקער איז ער געווארן. ס'האט זיך צוריק דערנענטערט די וואכעדיקייט, דער ארבעטס־טיש, די אומעטיקע שטוב אויפן בעלוויל, די ליפענישע נאכן ביסל ארבעט. ער האט נישט גע־הערט ווי הינטער זיינע פלייצעס איז פריילעך, מען זינגט און אלע שיסן מיטאמאל ארויס מיט א געלעכטער. ווען ער האט אומגעקערט דעם קאפ, האט ער דערזען, אז דאס לאכט זי אמערסטן, בערט. זי שפרינגט איבער אקס־לען און קניען און שרייט אויס הויך פאר אלעמען:

— שטילער, איר וועט באלד זען, אז איך וועל אים שוין צוריק מאכן פריילעך!

אבער פריילעכער איז ער שוין אין דעם אוונט נישט געווארן. אויפן וואקזאל האט ער זיך קורץ אפגעזעגנט און דורך די זייטיקע געסלעך געלאזן זיך צופוס אהיים. נאך קיינמאל נישט, ווי איצט, האט ער געטראגן אויף זיך מיט ליבשאפט די לאסט פון דער שטוב, געטראגן זי אויף די יינגלערישע אקס־לען פון א צוואנציק־יעריקן. די טרויעריקע געדעכעניש נאכן טאטן איז אוועק פונם הויז צוזאמען מיטן ליקווידירן די אטעליע. אפילו אויף דער מאמעס פנים האט זיך שוין איצט אפטער געזען א שמייכל. ער האט עס געהאט געגנוג און אויך די מאמע מיטן שוועסטערל זענען צופרידן געווען דערפון. ער איז צום פרישן כעזאן אוועק אין א גרויסער אטעליע, וווּ עס האבן געארבעט בלויז פראנצויזן, פארדינט נישט שלעכט און ער איינער כמעט האט אויס־געהאלטן די שטוב, נישט רעכענענדיק די קארגע פארדינסטן פונם שוועסטערל, וואס האט אהיימגענומען ארויסצוענדיקן הויזן און זיך צוזאמען מיט דער אלטער געגראבלט ארום זיי דעם גאנצן טאג.

מען האט שוין היינט גיכער געקענט אריינקומען אין שטוב אריין. די בעטן זענען שוין נישט געווען פארוואליעט מיטן ביסל ארבעט, דער טיש — איבערגעדעקט מיט א קלארן טישטעך, א בוקעטל בלומען אריינגעשטעלט אין א פלעשל, אויף דער שטיינערנער פאדלאגע אויסגעשפרייט א שטיקל ליי־נא, דאר בילד, וואס דער טאטע האט געהאט איינגעהאנדלט אויף דער פליי־מארשע — ארומגעשטויבט. מען האט אויפגערוימט דאס קעסעלע פון קליי, די געשטעלן און די ברעטער פונם לאנגן טיש, דאס ביסל געצייג; נאר טרוי־עריק, ווי א טרויעריקע געדעכעניש, האט נאך אלץ ארויסגעקוקט פון א ווינקל די צעשטויסענע וואליזע, מיט וועלכער דער טאטע האט אמאל געשלעפט זיך אין די פינצטערע פארטאגן אויף די מארשעס, איז שפעטער מיט א רחמנות'־דיק פנים ארומגעגאנגען איבער די יידישע אטעליעס פארקויפן א פאר זאקן, א פאר ווייבערישע הויזלעך און איז צולעצט געפארן מיט איר ליוועריר די סאקן אויף די סט. דעני. דיזעלבע וואליזע, אייגנטלעך, מיט וועלכער ער האט זיך געברענגט צושווארצן פונם גאליצישן שטעטל. מער נאך ווי דער מאמען, האט עס אים, בעמיעלען, א ריס-געטון ביים הארצן, ווען ער האט זי צופעליק ארויסגעזען פון אונטער דער פארשפרייטער קאלדרע. מען האט די וואליזע לייכט געקאנט ארויסווארפן פון שטוב, אוועקשענקען זי איינעם פון די „מאשאן ד'אבי'ס" (אלטווארג־הענדלער) וואס האבן זיך אפט מיט הייזעריקע, ימים־נוראים'דיקע ניגונימלעך געריסן אין הויף ביי זיי. אבער א שטראם טרויעריקע זכרונות האט אים נישט געלאזן צורירן זיך צו דער צעשטויסענער וואליזע

נאך דער ארבעט, אדער אין א זונטיק, זענען זיך צונויפגעקומען צו כעמ־יעלען זיינע חברים און חברטעס, לוסטיקע בחורים און מיידלעך. די מאמע האט

זיי זייער ווארעם אויפגענומען, אוועקגעשטעלט פאר זיי אין א געבלימלטן טעלער א פאר פרוכטן און איידל זיי געבעטן צו עסן.

פונקט אזוי ווי זי איז צופרידן געווען, די מאמע, פון כעמיעלעס חברים, אזוי האט זיך איר מאמיש הארץ געשראקן פאר סיזאנס באקאנטשאפטן. זי האט גוט געזען, אז ווי נאר ס'קומט דער פארנאכט, ווערט זי עפעס מאדנע אומרואיק, דאס מיידל, וואשט זיך, קעמט זיך און האלט זיך אין איין קרויזן אירע שווארצע קוטשערן. אזוי ווי זי דערהערט נאר די האנט-פאטשעריי פון אונטן, לויפט זי באלד ארונטער פון די שטיגן. זי האט אים שוין איינמאל באמערקט, דעם הויכן, דעם בלאנדן, וואס ווארט זי אפ ביי דער וואנט-לאמטער. „עס זאל אמאל נישט געשען קיין שלעכטס מיט דער מויד" — האט זי זיך געפארכטן, די מאמע. זי האט דאס מיידל אפילו מורא געהאט איבערצופרעגן און יענע האט זיך נישט־וויסנדיק געמאכט. נאר ווען דאס מיידל איז איינמאל אהיימגעקומען שפעט ביינאכט, מיט אן אומרואיקייט אין בליק, און אומגעוויינלעך־באלעבטע, האט זי שוין מער נישט אויסגעהאלטן, די מאמע.

— זאג מיר נאר, שרה'שי, וואס פארא סארט יינגל איז ער, דער, וואס ווארט דיר אפ? ער איז כאטש א באלעבאטיש קינד? א פאדינער?

— דא איז נישט דיבאווע, מאמע ... קיין שידוך וועל איך מיר נישט לאזן רעדן.. אין פאריז נעמט מען זיך דעם, וואס געפעלט...

— שוין, אז איך פרעג דיר שוין נישט מער — האט די אלטע מורא געקריגן פארן מיידלס אויסגעלאפענע אויגן — כ'וועל זיך פריער די צונג אפבייסן.... נאר געדענק, שרה'לע, אז ביסט אן עלנט מיידל, א יתומה... זאלסט עס אינזינען האבן, וויל איך... מער וועל איך דיר גארנישט זאגן, כ'וועל זיך פריער די צונג אפבייסן.

אבער געארט האט עס איר, דער מאמען, זי האט נישט געקענט איינרוען.

די לעצטע צייט איז שוין כעמיעלע ווייניקער געקומען אין יוגנט־קלוב. יעדן אוונט האט ער געהאט עפעס אנדערש — דא א זיצונג פון קעמערל, דא אן אקציע. א סך פאראנטווארטלעכע ארבעטן האט מען ארויפגעלייגט אויף אים. ביי דער גאנצער פארנומענקייט, האט ער נאך געמוזט געפינען צייט אריינצוקוקן אין א ביכל, דורכמאכן א פאליטישן קורס, לערנען זיך. אין יוגנט-קלוב, צווישן דער יידישער חברה, האט מען געשמועסט, אז ער שטייגט, האנרי, אז ס'וועט נאך זיין פון אים א לייט. דאס בלאנדע מיידל בערט, אז זי האט אים אמאל געטראפן, האט זי אים שוין נישט אפגעלאזן. אבער ער איז געווען פארנומען, קיינמאל קיין פרייען אוונט נישט געהאט. ס'איז אים אויך עפעס צוגעפאלן און עקשנות אויסצומיידן זי. ער איז איצט אויסגעקאכט געווען אין די אלע ארבעטער־שאפן, אין די קאאפע-

ראַטיווע קאַפעס און רעסטאָראַנען אויפן מעניל־מאָנטאַן, וווּ מען האָט אים היימישלעך גערופן ביים נאָמען — האַנרי. אין די ביר־שאַפן, אין די קאַפעס איז זיך צוזאַמענגעקומען דער אַרבעטער־עולם פון קוואַרטאַל, דאָס פאָלק. די ווייבער, צוגלייך מיט די מענער, צוגלייך מיט די פיצלעך קינדער אויף די הענט, אַנגעטון אין בלויע אַרבעטס־קליידער, זענען זיי געשטאַנען אַרום קאָנטואַר און געטרונקען איין גלעזל „רוזש" נאָכן אַנדערן. פון אונטערן נאַכלעסיק־פאַרקאַמטן שויבער, פון אונטער די נאָענט־צוזאַמענגעוואַקסענע שוואַרצע ברעמען, האָט דער קוק האַנרים געקוקט ערנסט, מיט דעם פרעמדן חסידישן ברען. דאָס ברוינע, ספּאָרטיווע קורטקעלע האָט איינגעשטייפט זיין יינגלש־אויסגעוואַקסענע פיגור. סיי מיט זיין אויסזען, סיי מיט זיין פלינקן, פאָלקסטימלעכן פראַנצויזיש — דאָס וואַרפן מיט די הענט, דאָס רעדן מער מיט זשעסטן און אויפן ווונק — האָבן אים דאָ אַלע אָנגענומען פאַר אַ געבוירענעם פון דער קאַרטיע, אַ פּאַריזער, אַ בעלווילער. גאָרנישט ווי קיין ייִד האָט ער מיטגעטרונקען ביים קאָנטואַר און ווען ס'איז געקומען זיין ריי, האָט ער צוגלייך מיט אַלעמען געשטעלט זיין „טור". נאָר איינצלנע האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַ „פּאָלאַנע". ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן און נישט אַראָפּגעשלונגען עס, ווען עס איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו הערן דאָ, דווקא צווישן די פּשוטע פאַבריקס־אַרבעטער, אַ בייסיקע באַמערקונג אויפן חשבון פון ייִדן און אויסלענדער. פּונקט ווי ער איז פריער דרייסט געווען אין די בעלווילער געסלעך אין אַ געשלעג אַריבער אַ מיידל, אַזוי האָט ער אַצינד די באַמערקונגען וועגן ייִדן אָפּגעשלאָגן און אַרויסשטעלנדיק די ברוסט, זיך אַליין פאַרגעשטעלט פאַר אַ ייִד.

— סע נע פּאַ פּאָסיבל! (אוממעגלעך!) — האָבן זיי, אַביסעלע אין פאַרלעגנהייט, נישט געוואָלט גלייבן.

— איך בין אַ ייִד! און נאָך וואָס פאַראַ ייִד! און פונהעסטוועגן ווערט איר בשום־אופן נישט צעבראָכן אין מיר די איבערצייגונג, אַז אונזערע אינטערעסן זענען דיזעלבע.

ניין, ער האָט זיי אַזוי ליכט נישט אָפּגעלאָזן, בעמיעלע, מיט עקשנות און מיט ברען האָט ער יענעם צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, ביז ער האָט געמוזט נאָכגעבן, אָנערקענען. ער האָט נישט גערוט, אויפגעהויבן די פראַגע אויפן קעמערל, אָנגעשפּאַרט ביז צו די אינסטאַנצן. מען האָט טאַקע נישט ווייניק געשריבן וועגן דעם אין דער אַרבעטער־פּרעסע, אויפגעקלערט, געוואָרנט ווי אַ געפאַר, וואָס פירט צום פאַשיזם, דערמאָנענדיק די גלייכבאַרעכטיקונג פון ייִדן בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, די דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט און בירגער־רעכט.

מיטגעהאַלטן מיט אים האָט דער שכן פון געסל, אַ פראַנצויז, דער גיסער קאָנסטאַנס — אַ מענטש אין די טיפע פערציקער, מיט ברוינע, אָפּ-

געסמאַליעטע וואַנצן, שטענדיק אין בלויען אַרבעטס-קאָמבינעזאָן, אַ מלחמה-קאָמבאַטאַנט. ער האָט געאַרבעט אין דער שווייסער אין גיסערײַ-אָפּטיילונג אין די „רענאָ"-פֿאַבריקן, ביי פּאָן-דע-סעוור. פֿון דער אייביקער היץ אין דעם גיסערײַ-קאָרפּוס, איז זיין קנאָכיק פּנים געוואָרן בראָנזיק-אויסגעטריקנט ווי ביי אַ מומיע. די גרויע, הייסע אויגן האָבן געפּלעמלט מיט אַ נישט-נאַטירלעכן גלאַנץ. זעקס פֿאַרטאָג, סיי זומער, סיי ווינטער, ווען ס'איז נאָך אינדרויסן נישט גאַנץ ליכטיק, האָט ער זיך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן אַלטן, אָפּגעקלאַפּטן ראָווער און אויסגעמישט זיך אויפֿן בולוואַר מיטן גרויען שטראָם, וואָס ציט אין דער צייט צו דער אַרבעט אין די ווייטע פֿאַבריק-פֿאָרשטעט. אַ קליין מאָגער ווייבל האָט ער פֿאַרמאָגט, וואָס האָט געוווסט אַלע פֿאַרטלען, ווי אַזוי קיין קינדער נישט צו האָבן. אָבער די לעצטע יאָרן, ווען זיי האָבן שוין ביידע געחלשט נאָך אַ שטיקל קינד, איז שוין געווען צו שפּעט. זי איז געווען אויסגעמאָגערט, דאַר, מיט קראַנקע פֿלעקן אויפֿן פּנים, פֿון צופֿיל אַריינגיסן אין זיך דעם רויטן וויין. זי האָט זיך אַרומגעראַנגלט מיט אַ באַנדע אויסגעפֿרעסענע קעץ, האָט זיי געקאָרמעט, געניאַנטשעט זיך מיט זיי און אָפּגעהיטן זיי ווי קינדער. זי האָט זיי אָנגעבראַכט פֿון דער יאַטקע רויע שטיקער פֿלייש און פֿאַר דער טיר האָט זי זיי צוזאַמענגערופֿן און זיי געקאָרמעט.

— דו ביסט אַ „קאָשאָן" (אַ חזיר) — האָט זי אָפּגעטריבן אַן עלטערן, געפֿלעקטן קאָטער, אַן אָפּגעפֿרעסענעם און אַן אויסגערוטן, וואָס האָט אַלע שטיקער פֿלייש פֿאַרכאַפּט פֿאַר זיך אין אַ ווינקל, איז געשטאַנען איבער זיי און בייז געוואָרטשעט, אַליין נישט עסנדיק און נישט לאָזנדיק זיך צורירן די איבעריקע. — אַוועק! — האָט זי אים געטריבן — די קליינע, די אָרעמע איז, נעבעך, אויסגעהונגערט און ער, דער גזלן, פֿאַרכאַפּט אַלץ פֿאַר זיך...

געוווינט האָבן זיי דאָ צווישן דער בעלוויל יידישער אָרעמקייט, אין די זעלבע האַלב-חרובע הייזער, וואָס שטייען שוין פֿונלאַנג אויפֿן פּלאַן פֿון דער שטאָט-פֿאַרוואַלטונג אַראָפּגערוימט צו ווערן. די דירות אינעם גרויסן, פֿאַרוואָרלאָזטן הויף זענען געווען ביליקע, ווילגאָטנע און אייביק האָבן די שכנים געהאַט צו טון מיטן זשעראַנט וועגן פֿאַרקלענערן דאָס דירה-געלט. אָבער די יידישע שכנים האָבן זיך געשראָקן, האָבן מורא געהאַט אָנצוהייבן זיך מיטן דער בייזער קאָנסיערזשקע און איבערהויפּט — מיטן זשעראַנט אַליין. פֿאַרקערט, מען האָט נאָך דער קאָנסיערזשקע באַדאַרפֿט אַלעמאָל אונטערקויפֿן, אָפּשטעקן איר זייטיקע מתנות, ווייל שטענדיק זענען צווישן די יידן אויסלענדער געווען אַנקעטעס דורכצופֿירן און מען האָט זיך שטענדיק געשראָקן זי זאָל נישט זאָגן קיין שלעכט וואָרט דעם אַגענט, ווען ער וועט קומען נאָכפֿרעגן זיך. מען האָט דעריבער פֿאַרביסן אַ ליפּ און געמוזט צאָלן

אַלע העכערונגען, וואָס דער זשעראַנט האָט צוגעשיקט, אַלע אָפּצאָלן פאַר די אַלטע אינסטאַלאַציעס פון גאַז, עלעקטרי, וואַסער, פאַר וועלכע מען האָט שוין לאַנג און פּילפּאַך אָפּגעצאָלט. דערצו האָט זיך דער זשעראַנט באַמיט וואָס מער אַרויסצופּרעסן פון די אויסלענדער־לאָקאַטאָרן, ווייל אַלצאַיינס האָט זיך אָנגערוקט דער טערמין, ווען די שטאָט־פאַרוואַלטונג וועט די אַל־טע, האַלב־חרובע הייזער אַראָפּרוימען, כדי אַריינצולאָזן אַביסל ליכט און לופט אין דער פאַרדומפּטקייט און אין דער אייביקער פינצטערניש פון די פאַבריקס־הייף און פאַרפּלאָנטערטע דורכגענג צום הויכן בעלוויל.

פון ציים צו צייט פלעגט ער זיך אַליין באַווייזן אין הויף, דער זשע־ראַנט. ער האָט זיך נישט פאַרלאָזן אויפן קאָנסיערזש מיטן איינקאַסירן די געלט־צאָלונגען. אַליין איז ער אַראָפּגעקומען, קלאַפּנדיק מיטן שטעקעלע אי־בערן הויף. אַ גרוילעכער, מיט אַ קליין בערדל אויפן שפּיץ־קאָפּ, אַ ריינ־לעך־צוגעפּוצטער, מיט אָרדנס און בענדלעך אין די קלאַפּעס, האָט ער גע־קלאַפּט מיטן שטעקעלע איבער אַלע פינצטערע שטאָקן, אַריינגעשמעקט אין אַלע קאָרידאָרן, אין אַלע טירן. די אָפּגעפליקטע יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין הויף, האָט ער געשטויסן מיטן שטעקעלע.

די אויסגעמאָרעטע יידישע „פּאַסאַניערס" האָט ער באַקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ און, ווי אַ פּאָליציי־אַגענט, גענומען אויספרעגן זיך צי מען האָט די פּאַפּירן אין אָרדענונג, צי האָט מען רעכט צו דער אַרבעט און צולעצט — פאַרוואָס זיי פאָרן נישט צוריק אין זייער לאַנד אַריין, פונוואַנען זיי זענען געקומען. די יידן האָבן געציטערט פאַר אים, פאַרריגלט די טירן, ווען זיי האָבן געהערט אויפן הויף דאָס קלאַפּן פון זיין שטעקעלע.

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

אויף די באַריקאַדן

דער שווייסער קאָנסטאַנט האָט נאָך געדענקט בעמיעלעס טאַטן, דעם קליינעם און אויסגעמאָרעטן, וואָס איז ביי דער האָרעוואַניע אַוועקגעפאַלן פון די כוחות, געדענקט ווי דער אייביק־מרה־שחורהדיקער ייד פלעגט זיך אַמאָל, ווי פון דער העלער הויט, צעזינגען, וואַרפן מיטן קאָפּ און צוקנאַקן מיט די פינגער. נישט פון האַפּערדיקייט, האָט ער פאַרשטאַנען, זינגט ער, דער ייד, ווייל באַלד צומאָרגנס האָט ער אים שוין ווידער געזען אַ צעשווי־בערטן, לויפן מיטן שוואַרצן טואַלעטל אונטערן אָרעם, ברענגען אַביסל אַרבעט, אַהער ליווערן.

דעם 22־טן יאַנואַר, ווען ס׳איז דערקלערט געוואָרן דער גענעראַל־שטרייק דורך די אוניטערע סינדיקאַטן, האָט קאָנסטאַנט איבערגעלאָזן זײַן אָפּגעקלאַפּטן ראָווער אויפֿן הויף און איז צוזאַמען מיט בעמיעלען אַוועק צום „האָטעל דע וויל״, וווּהין ס׳איז גערופֿן געוואָרן די מאַניפֿעסטאַציע. אומגעקערט פֿון דער אויפֿגערודערטער גאַס האָבן זיי זיך שפּעט אין אָוונט, צעביילטע, צעקאַלעטשעטע און מיט פֿאַרשטייפֿטע, אויסגעריסענע שטאַנגען אין די הענט.

— זאָלסט זיך האַלטן לעבן מיר, האַנרי! — האָט אים קאָנסטאַנט פֿאָטערלעך אין געלאַסן געראָטן — איך בין אַן אַלטער קריגער. איך האָב דעם „באָש״ אויך נישט שלעכט דערלאַנגט הינטער ווערדון...

און כאָטש געאַרבעט האָט מען נישט אין די טעג, איז ער ווי אַלעמאָל אויפֿגעשטאַנען זעקס פֿאַרטאָג און האָט זיך געלאָזן בלאָנדזשען איבער די טומלדיקע גאַסן, איז געווען אויף די מיטינגען בײַ די „רענאָ״־פֿאַבריקן, איז געווען בײַ אַלע גאַסן־געשלעגן. בעמיעלע האָט זיך שטילערהייט אַרויסגעגנבעט פֿון שטוב און איז אַוועק מיט קאָנסטאַנטן. די מאַמע האָט זיך צופֿיל געשראָקן פֿאַר אים. „כ׳ווייס, אַז אויסלענדער, וואָס דאַרף מען זיך די הײַנטיקע צײַטן מישן אין אַזוינע געשעפֿטן?״... ער האָט זי באַרויִקט, אויסגעזוכט אַלערליי תירוצים און האָט זיך אַרויסגעשאַרט פֿון שטוב. ער איז געווען דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר זײַן קאַמעראַד, ווי אויך קאָנסטאַנט איז געווען צוגעטיילט. און ער האָט אַלעמאָל געמוזט זײַן אויפֿן פּלאַץ.

פֿאַר די עטלעכע טעג איז דאָס לעבן אין דער מיליאָנען־שטאָט פֿאַראַליזירט געוואָרן. אַלע סטראַטעגישע פּונקטן זענען געווען באַזעצט פֿון מיליטער. צום פּלאַץ רעפּובליק האָבן פֿון אַלע ווינקלען אַרויסגעקוקט די גיריקע פּיסקלעך פֿון מאַשין־געווער. די געשעפֿטן זענען געשטאַנען פֿאַרהאַקטע, מיט אויסגעזעצטע שויבן, הפקר און פֿרײַ, אָבער קיינער האָט גאָרנישט גערירט. די פֿרימאָרגן און נאָכמיטאָג־צײַטונגען זענען מער נישט פֿאַרשפּרייט געוואָרן. די אַרבעטער פֿון די צײַטונג־פֿאַרשפּרייט־ביוראָען האָבן פֿאַרשטרײַקט. בלויז די אַרבעטער־צײַטונגען זענען איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט.

אין נעפּלדיקן טאָג פֿון 6־טן פֿעברואַר 1934 איז דער היסטאָרישער קאָנקאָרד־פּלאַץ, דער אַמאָליקער רעוואָלוציע־פּלאַץ, וווּ די גילאָטינע פֿון דער קאָנווענט האָט מיט 150 יאָר צוריק געהאַקט די קעפּ פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכט־פֿעלד. דער ווינטערדיקער טולערי־פּאַרק, די פּאַלאַצן, די שיינע רעגירונגס־געבײַדעס, דער פּאַרלאַמענט, האָבן אויפֿגעציטערט פֿונעם ווילד קעפּ און פֿונעם פֿאַרטויבנדיקן געשום, וואָס האָט געשפּאַרט אַהער פֿון אַלע אַרומיקע בולוואַרן

און אווענים. די צייטווייליקע רעגירונג האָט אויף דעם טאָג צוזאַמענגערופֿן דעם פּאַרלאַמענט. שפּעט נאָכמיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן די זיצונג. אין און אַרום פּאַרלאַמענט — אַ פֿיבער. פֿון פֿאַרטאָג אָן זענען די גאַלעריעס געווען איבערגעפּאַקט. פּאָליציי־קאָרדאָנען האָבן פֿאַרשטעלט די אײַנגענג, פֿאַרפֿולט די קולוארן. הינטער זיי האָט דער ווײַט־פֿונאַנדערגעוואָרפֿענער פּלאַץ געבראָמט, די באַריקאַדן־קאַמפֿן האָבן זיך צעפֿלאַקערט. די געפֿאַלענע און די פֿאַרווונדעטע האָט מען אַוועקגעטראָגן אויף די הענט אין די נאָענטע שפּיטעלער, אָבער אָפּגעטרעטן איז מען נישט.

אַרום דרײַ אַזייגער, ווען דער פּרעמיער האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע פֿון פּאַרלאַמענט, איז אויסגעבראָכן אַ פּייפּעריי. „זייט אַ מאָנאַט — האָט ער דורכן מעגאַפֿאָן זיך באַמיט איבערצושרײַען דעם זאַל — האָט אַ סקאַנדאַל פּאַראַליזירט די גאַנצע אַקטיוויטעט פֿון פּאַרלאַמענט, געשטויסן איין פּאַרטיי קעגן דער צווייטער, דעמאָראַליזירט דאָס לאַנד. מיר מוזן איצט פֿאַר אַלעם זען אויסצורייניקן די אַטמאָספֿער...“

אין יענעם טאָג האָט אַ ווײַטע געטאָן מיט דיקטאַטור אין פּאַרלאַמענט.

אַזייגער ניין אינדערפֿרי האָט בעמיעלע אָנגעיאָגט קאָנסטאַנטן אין ראָג, בײַ דער קאַפֿע־טאַבאַק מיט די פֿאַרלאָפֿענע שויבן. ס׳איז אים פֿונדעסטוועגן פֿאַרגעקומען מאָדנע צו זען קאָנסטאַנטן אין אַ מיטנוואָכיקן טאָג אַרומצודרייען זיך אין אויסגעפּרעסטן אַרבעטסקאָמבינעזאָן, פּוסט און פּאַס, מיטן סיגאַרעטל צווישן די אָפּגעסמאַליעטע וואָנסן. זיי האָבן פֿאַרקערעוועט צום בולוואַר, וואָס איז מאָדנע פֿאַרענדערט געוואָרן, אָפּגעשטאָרבן פֿון דער געוויינלעכער באַוועגונג. אין שאַרפֿן נעפּל, האָבן זיך דאָ און דאָרט געפֿלעקט גרופּקעס. קיין שום פֿאַרקער, קיין שום ראָד־באַוועגונג. דעם זעלטסטן טאָג, ווי דער שאָפֿערן־שטרייק האָט אָנגעהאַלטן. רויט האָבן געפֿינטעלט פֿון נעפּל אַרויס די אָנגעצונדענע לאָמפּן איבער די מעטראָ־שטיגן. מענטשן, באַלאָדענע מיט פּעק, האָבן זיך געשטויסן בײַם אַרײַנגאַנג. זוי אַ ווינט איז יעדע פּאָר מינוט פֿאַרבײַגעפֿלויגן אַ פּאָליציי־קאַמיאָן. באַגלייט האָט זיי אַ שאַרפֿע פּייפּעריי פֿון די אַרומגעשטעלטע גרופּקעס הינטער די מויערן.

אָנגעהויבן האָט זיך יענער פּרימאָרגן דערמיט, וואָס פּאַשיסטישע רופֿן האָבן אונטערגעצונדן די ברייטע, פּילשטאָקיקע געביידע פֿון פּלאַט־מיניסטעריום. די פֿלאַמען האָבן זיך פֿון פֿינצטערן פֿאַרטאָג געריסן דורך די האַלב־רונדע פֿענצטער, האָבן פֿאַררויכערט דעם העל־געשניצטן פֿאַסאַד, די פּלאַסטישע באַרעליעפֿן איבער די זײַלן און איבערן צופֿאַר מיט די הויכע, מאַרמאָרענע שטיגן. הינטערן נעפּלדיקן געמעל פֿון דער נאַקעטער בוימער־וואַנט, אויף יענער זײַט סקווער, איז איבערן טיפֿן פּלאַץ געווען פֿאַרזאַמלט אַ שוואַרצע, טומלדיקע מחנה. זיי זענען געשטאַנען צעוואָרפֿן אַרום

דער קירכע פון היילי̇קן אויגוסטין און הינטערן מאָנומענט פון „דער יונג־פרוי פון אָרלעאַן“, זשאַן ד'אַרק; סטודענטן אין אָנגערוקטע בערעטלעך, קליינע באָמבע אין אויסגעריבענע מאַנטלען און הויכע, פעסטע ספּאָרטלער, זין פון אינדוסטריעלער, מיליטער־לייט און רענטיערן. אין דער נעפּלדיקער לופט האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעריסן אַ ווילד ברומעריי:

— אַוועק מיט די ייִדן — באָלשעוויקעס!

— לאַ ראַק צו דער מאַכט!

נאָך איידער עס זענען אָנגעפאַרן די רויטע פּייערלעשער־אויטאָס, די פּאָליציי־קאַמיאָנען, איז פון בולוואַר האָסמאַן, פון מאַדלען, וואָס שנייִדן זיך קווער אין פּלאַץ אַריין, אָנגעפלאָסן, ווי אַ טונקעלע לאַווע, דער המון; אַ וואַנט פון בלויע, פאַרשמירטע אַרבעטס־קליידער, ווייבערישע גרויע, אָפּגעדעקטע קעפּ, טיכער, קאַשקעטן, פאַרבונדענע שאַלן אַרום העלדזער, ביילנדיקע פויסטן און אויפגעריסענע מיילער מיט אַ טויבן געשריי. די יונג־פאַרזעצטע ביימלעך ביי די טראָטואַרן, די אייזערנע פּלאַנקס, די ברוקשטיינער — אַלץ איז אויסגעריסן געוואָרן און אין געציילטע מינוטן איז אין דער מיט פּלאַץ, אַרום די אויפגעריסענע איינגעווייד פון דער מעטראָבויונג, אויסגעוואַקסן אַ באַריקאַדע פון אָנגעוואַלגערטע בענק, קלעצער, טעלעפאָן־סליפּעס. אַ געזשום, אַ פייפעריי, אַ ווייבערישער קוויטש. די אָנגעפאַרענע פּאָליציי־קאַמיאָנען האָבן זיך אַריינגעריסן אינדערמיט. דורכן געדיכטן פעברואַר־נעפּל האָט זיך פון הינטער די קופּאָלן פון „היילי̇קן אויגוסטין“, וואָס איז געווען צעלייגט אין דער מיט פּלאַץ, דורכגעריסן אַ קרומער זון־שטראַל און האָט אויף אַ רגע אָפּגעגילדעט די העלמען, ווי די זשומענדיקע גרופּעס זענען פאַרבליבן אַזוי ווי צוגעקלאַפּט. פון דער הויך־אַראָפּ האָט דער פּלאַץ אין גרויען נעפּל אויסגעזען, ווי אַן אַלטע גראַווור, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, ווי דאָס פאָלק פון פּאַריז שטורעמט די באַסטיליע.

דורכן בולוואַר האָסמאַן האָט זיך די מאַסע צוריקגעצויגן צום אָפּערע־פּלאַץ. אין געזשום פון קולות, האָט זיך אַריינגעשניטן דאָס שאַרפע, דינע טרומייטערן, דער כאָר פון הונדערטער אויטאָ־טרויבן. דער גאַנצער קרייז פון גאַסן, דער פּלאַץ, איז פאַרשטאָפּט געווען און צעקעסטלט פון טאַקסיס, צעשטעלטע אין גראָדע רייען, ווי אויף אַ שאָך־ברעט. די שאָפערן האָבן זיך געזאַמלט אין גרופּקעס. דעם זעקסטן טאָג, ווי דער שאָפערן־שטרייק האָט אָנגעהאַלטן. ס'איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ פאָדערונג: עס זאָל אָפּגעשאַפן ווערן דער ספּעציעלער בענזין־שטייער. די אייגנטימער פון די טאַקסיס, ביי וועלכע די מערסטע זענען געווען אָנגעשטעלטע, האָבן זיך פאַרן אויסברוך פון די געשעעניש סאָלידאַריזירט מיט זיי, אַצינד אָבער האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן. דער שאָפערן־שטרייק איז געווען אַ פּלאָג פאַרן פאַרקער. עס

איז פּאַראַליזירט געוואָרן די גאַנצע באַוועגונג אין שטאָט. אַלץ האָט זיך געשפּאַרט אין דער מעטראָ; טרעגערס, באַלאָדענע מיט פּעק, מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך. ס'זענען אויסגעבראָכן וויסטע קריגערייען ביי די איינגענג.

ווי אַ פּאַרביקע פּאַרפּלייצונג אינמיטן פון גרויען נעפּל, האָט זיך די מאַסע אַריינגעגאָסן אין פּלאַץ אַרייך. מיטאַמאָל האָט זיך דורכגעריסן אַ געברום:

— אַ שטרייק־ברעכער!

ביי די גרויסע בולוואַרן האָט אַ גרופּע שאָפערן פּלינק דורכגעקרייצט דעם וועג אַ טאַקסי אין געלע פּאַסן, וואָס איז געפלויגן איבערן אָפּגעלייריקטן ברוק. ביים פּאַרדריי, איז די טאַקסי אַרומגערינגלט געוואָרן. עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון גלאָז און אַ טויבער פּאַל. פון די דורכגעלעבערטע רעדער איז, ווי אַן אויפרייס, אַרויסגעלאָזן געוואָרן די לופט. פון אונטער דער טאַקסי האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַ הויכן, גרוילעכן מענטש. די צעקלאַפּטע פענסנע זענען אים געווען איינגעקוועטשט אין פלייש און דאָס דאַרע, פּאַרויבערטע פּנים — אין בלוט־פלעקן. ער האָט געפינטלט מיט די רויטלעכע אויגן און געשטאַמלט. מען האָט אים אָפּגעשטופּט אַהינטער, ווייל באַלד האָט פון בענזין־רעזערוואַר אַ זעץ־געטון אַ פייער־פלאַם. דער קרייז פּנימער האָט אויפגעלויכטן אַרום שייטער פון דער ברענענדיקער טאַקסי.

אַרום פינף פאַרנאַכט האָט זיך דער נעפּל נאָך געדיכטער אַראָפּגעלאָזן איבער דער אויסגעלאָשענער שטאָט. די קאָנטורן פון די מאַסיווע באַנקהייזער, ברייט־פענצטערדיקע בלאָקן, מאַגאַזינען און רעגירונגס־געביידעס, זענען פּאַרווישט געוואָרן. די געבייען זענען געשטאַנען שטומע, אויסגעלאָשענע און דראָענדיקע. אין די כמאַרנע ווינטער־טעג ווערט געוויינלעך דער נעפּל פּאַרטרונקען אין אַ ים ליכטער, וואָס גיסט זיך פון די באַזעצטע קאַפייען, פון די סינעמאַס, פון די שויפענצטער. איצט איז אַלצדינג געשטאַנען אויסגעלאָשן. אין נעפּל אַריין זענען אַוועקגעשוווּמען קליינע גרופּעס, געשפּרונגען איבער די אומגעלייגטע לאַמטערנס, געשאַרט זיך האַרט ביי די מויערן, אַריינגעגאָסן זיך אין די זייטן־געסלעך, צום „גאַר דע ל'עסט", וווּ די געשלעגן מיט די גרופּן פון „קרואַ דע פּע" האָבן אָנגעהאַלטן פון בייטאָג. צוליב דער פּאַרשפּעטיקונג פון די צוגן, האָט זיך פּאַרנאַכט אויפגעקליבן ביים צופּאָר פון וואָקזאַל אַ געדיכטע מאַסע, וואָס וווינט אין דער פּעריפעריע און ווייט אַרום די פּאַרשטעט פון פּאַריז. אונטער די פּאַרנטיקע זיילן זענען אַרונטערגעהאַנגען בליצנדיקע לעמפּ, דער פּלאַץ אָבער איז געבליבן איינגעהילט אין האַלבן טונקל. דער געדראַנג האָט זיך אַ וויג־געטון רעכטס, וווּ איבער דער גיי־בריק, צווישן די אַרקאַדן, האָט אַ קליינע גרופּע, אין בע־

רעטלעך, מיט צעפּאַכעטע רעגן־מאַנטלען, באַוואָפנטע, געפּרוווט אַרויסצורופן אַ געשלעג. פון ביידע זייטן וואָקזאַל האָבן זיי זיך געריסן צום פּלאַץ. נאָר זיי האָבן שוין נישט באַוויזן — פאַר זיי איז אויסגעוואַקסן אַ וואַנט.

ווען קאָנסטאַנט מיט בעמיעלען האָבן אָנגעיאָגט די בעלווילער גרופּע, איז שוין דער פּלאַץ געווען איין גרויסער כאַאָס. דער צופאַר פאַרן וואָקזאַל איז געווען שיטערלעך־אָפּגעליידיקט. געשפּאַרט האָבן זיך אַלע צו די זייטן־גאַסן, עס האָבן זיך אָפּגעריסן שאַרפע פייפעריייען און פון מינוט צו מינוט — אַ יאַלפּ. די גאַנצע צייט האָט קאָנסטאַנט נישט אָפּגעלאָזן בעמיעלען, געהיטן אים, ווי זיינס אַן אונטערגעוואַקסן יינגל, וואָס קען אָפּטון נאַרישקייטן. זיי זענען געטראָטן איבער צעפּיצלט גלאָז. קאָנסטאַנט האָט אומגעדרייט דעם באַנדאַזשירטן קאָפּ:

— האַלט זיך לעבן מיר, האַנרי!

— שפּרייז! — איז בעמיעלע אַרומגעגאַנגען אַן אומגעלייגטע לאַמטער און אין געדראַנג באַמיט זיך צו דערכאַפּן דעם העלן פלעק פון באַנדאַזש אַרום זיין קאָפּ. די ווונד האָט ער אינדערפרי באַקומען אין געשלעג פאַרן פלאָט־מיניסטעריום.

דורכן פּלאַץ רעפּובליק איז שווער געווען דורכצוקריגן זיך, זענען זיי אַוועק מיט די הינטערגאַסן און מיטן קאַנאַל, וואָס שניידט אַדורך אַ נאַקעטן בולוואַר, דערקריגן זיך צו רי ידע לאַריאָן, די היימישע גאַס פון די קליינע בוטיקלעך און בעקערייען.

די גאַנצע נאַכט פון 6־טן פעברואַר איז בעמיעלע אָפּגעלעגן הינטער דער אָנגעוואַלגערטער באַריקאַדע, וואָס די שויבערדיקע ווייבער פון רי דע לאַריאָן און פון פאָבור, האָבן, צוגלייך מיט די מענער, געהאָלפן אויפשטעלן. צווישן די פאַרוואַקסענע פראַנצויזן אין די בלויע אַרבעטס־קליידער, זענען געווען אַ סך יידישע יינגעלייט פון בעלוויל און פון קלוב, וואָס האָט גערוישט אַ טיר אין אַ טיר מיט זיי. הינטער די אָנגעוואַלגערטע ברוק־שטיינער, אויסגעריסענע לאַמטערנס, צעפּליקטע מאַטראַצן און בעטאָן־זעק, האָט ער באַלד דערקענט דעם קליינעם, פלינקן יאַשקעלען און זשאַקלען, דעם שטילן, אין הער גרויער מאַרינאַרקע, מיט די אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס. ער האָט זיי גוט געקענט, געוווסט אַז זיי האָבן פריער געאַרבעט ביי זשאָזעפן אויפן בוידעם־שטיבל, אין האָטעל „פּעקין", ווו זיין טאַטע האָט אַמאָל געפּלעגט אַרויסצונעמען אַביסל „פּאַסאָן". זיי האָבן אים אויך באַלד דערקענט, נאָר עס איז אַפילו קיין צייט נישט געווען אַדורכצוואַרפן זיך מיט אַ וואָרט.

ליגנדיק אָפּגערוקט פון זיי, פילנדיק נאָנט לעבן זיך קאָסטאַנטס וואַרעמען אָטעם, איז בעמיעלען דעם ערשטן מאָל געקומען אויפן געדאַנק אָט דער זשאַקל. ווי קומען זיי אַהער, די יאָזיקע? זיי שטעלן אומעטום אין קאָן זייער לעבן, זיי פאַרמאָגן גאָרנישט און ווערן אייביק פאַרפאָלגט. פון זיי

דאַרף מען לערנען די ביטערע עקשנות נישט אָפּצוטרעטן. און ווי קומט ער אַליין אַהער? מיט אַזאַ קלאָרקייט פאַר זיך אַליין איז בעמיעלען אין יענער אַנטשיידענער נאַכט ליכט געווען צו קוקן דעם טויט אין די אויגן אַריין. דער פּיבערדיקער גוף פונם יינגל האָט אויפגעשוידערט, ווען הינטער דער אַנגעוואַלגערטער באַריקאַדע איז אַדורך אַ פּאַרטייעטער געשאָרך. די גאַס האָט אויפגערוישט — אַ געשטעפּעריי פון מאַשין־געווער, ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ האָגל פון ברוק־שטיינער. די געשרייען זענען שוין מערנישט אַנטשטומט געוואָרן. און ווען דער פּאָליציי־קאַמיאָן האָט זיך האַסטיק פאַרהאַלטן ביים קרייז פון דער גאַס, האָט מען ווי אויף אַ ליידיקן עקראַן באַמערקט די אויסגעצויגענע שאָטנס אָפּשפּרינגען אַהינטער. די פינצטערע מאַסע האָט זיך שווער גערוקט פאָראויס. איבער זייערע קעפּ האָבן געזשוומעט קוילן. פון צייט צו צייט — אַ קרעכץ און עמיץ איז פאַרבליבן צוגעשפּאַרט צו אַ מויער. העכער פון די פייפערייען און העכער נאָך פונם געזשום פון קולות, האָבן געהילכט די שפּיציקע ווייבערישע קללות. אַ פלינקער שאָטן איז אונטערגעשפּרונגען צום קאַמיאָן און באַלד דערנאָך האָט זיך געהערט אַן אויפרייס — דער פּאָליציי־וואָגן איז געשטאַנען אין פלאַמען. ווייט איבער דער אָפּגעליידיקטער גאַס האָט אין די אויסגעזעצטע שויבן אויפגעטוקט אַ פלאַם.

אין גרויען פאַרטאָג האָט קאָנסטאַנט בעמיעלען אַוועקגעטראָגן אויף די אַקסלען.

— דער פּוס בלוטיקט נאָך?

— ניין, דער ווייטיק! — האָט בעמיעלע געשוידערט מיט די ציינער.

— האָסט נאָך גוט אָפּגעשניטן — האָט ער געטרייסט — מיר וועלן אויסטרינקען, קליינער, אַן אַפּעריטיוו און ס'וועט איבערגיין.

קאַפּיטל פיראונצוואַנציק

... און דאָס לעבן גייט ווייטער

די רעגירונג, וואָס איז נאָכדעם געקומען, האָט טאַקע אַ טייל פון די פאָדערונגען נאָכגעגעבן, געמוזט נאָכגעבן; אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט זי אויסגענוצט אַלע שפּאַרעס פון געזעץ און — געדריקט. אַ ספּעציעלע לאַסט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די אויסלענדער. די אויסלענדערגעזעצן האָבן זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן. מיט גרויסע קעפּ אין די אונטצייטונגען, האָט מען פאַרטומלט דעם דורכשניטלעכן פראַנצויז; מען האָט

הייסט עס, געזאָרגט פאַר אים און אויפגעהויבן אַ טומל, אַז די אַרבעט ווערט פאַרכאַפּט פון די אויסלענדער. אָבער דערפון האָט זיך די אַרבעטסלאָזיקייט אין לאַנד אויף אַ האָר נישט פאַרקלענערט.

ס'איז געווען אין דער צייט, ווען פּיער לאַוואַל איז געזעסן אויפן בענקל. איבער דער יידישער אימיגראַציע איז כסדר געהאָנגען די מורא פון געזעצן און דעקרעטן. אַלערליי באַגרענעצונגען האָט מען אויסגעפונען און פאַר אַ ליאַדע נישט-פּינקטלעכקייט ביים טוישן די פּאַפּירן, האָט מען אומברחמנות'דיק באַקומען אַן אויסווייז. מענטשן, וואָס האָבן שוין דאָ זינט צען יאָר און מער אָוועקגעגעבן די כוחות, די אויסגעהאָרעוועטע פאָר פראַנק איבערגעלאָזן ביי די „מאַכערס", זענען מיט איין פיר פון דער פעדער פון עפּעס אַ באַאַמטן אין מיניסטעריום, מיט איינמאָל צעבראָכן געוואָרן, זענען פאַרבליבן אויסערן געזעץ. דער פּוילישער קאָנסולאַט איז באַלאַגערט געווען פון דרויסן און פון אינעווייניק. יעדן אָוונט זענען פון „גאַר די נאָר" אָפּגעפאָרן צוריק קיין פּוילן פול-געפּאַקטע צוגן. עס זענען אויך צוריקגעפאָרן פּוילישע לאַנד-אַרבעטער און קוילן-גרעבער פון „נאָרד" צוזאַמען מיט די מיזערנע קינדער, אויסגעקינדלטע פרויען און מיטן אָרעמען ביסל באַלעבאַטישקייט. צוליב אַ ליאַדע קלייניקייט, צוליבן רעדן אַ הויך וואָרט, זענען אַנולירט געוואָרן די קאָנטראַקטן און די, וואָס האָבן דאָ אָפּגעהאָרעוועט צען-פופצן יאָר אין די קוילן-מינען, ביי ערד-אַרבעט, זענען צוריקגעפאָרן צום מאָגערן שטיקל ירושה-ערד, אַזוי אָרעם און אַזוי אָפּגעשליסן, ווי זיי זענען געקומען. צווישן די אויסגעבליבטע יידישע יינגעלייט און אָפּגעמאָרעטע ווייבלעך, וואָס זענען דאָ פאַרשוואַרצט געוואָרן ביים ביסל „פּאַסאָן", מיט צעשטויסענע וואַליזעס אין די הענט, האָבן זיך אויסגעטיילט די וואָנסאַלע פּאָליאַקן, מיט אַן איינגעפּרעסענעם קוילן-שטויב אין די פּנימער; די מאָגערע פרויען מיט די סלאַוויש-פּאָריסענע נעזלעך, מיטן קרענקלעכן גלאַנץ אין די וואַסערדיק-פאַרבלויטע אויגן. ביי דער האַנט האָבן זיך מיטגעפּלאָנטערט די פלאַקס-האָריקע קינדער. די מענער זענען געקומען צו דער באַן טויט-שיכור, האָבן געזידלט די באַן-באַאַמטע און אַרויסגערופן געשלעגן. פאַר איינעם אַ לאַנגן פּאָלים האָט זיך אַ קוילן-גרעבער אַוועקגעשטעלט אויף צעוואַקלטע פיס, דעם קאַשקעט אַראָפּגערוקט ביז איבער די אויגן, און האָט אָפּגעקלאַפּט אין פּויליש אַ „ראַפּאָרט", וואָס ער האָט נאָך געדענקט פון מיליטער-דינסט. דער פלעגמאַטישער פּאָלים האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, געשטאַנען ווי אַן אויסגעגאָסענער, און האָט מיט קיין אויג קיין פּינטל נישט געטון.

אָבער די מערסטע אויסגעווייזענע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, געלעבט אומלעגאַל אין די האָטעלן אויפן בעלוויל און, ווי אַלעמאָל, האָבן די „מאַכערס" פאַרדינט ביי זיי שטיקער גאָלד, דורך אַלערליי קונצן און שווינד-

לערייען, ארויסבאקומען א שטיקל פאפיר, ווייל די זייטיקע טירן אהין, וווּ מען דארף אנקומען, זענען, ווי אלעמאל, געבליבן אפן, מען האט בלויז באדארפט „אונטערצושמירן". אמווייניקסטן געשראקן האט זיך דער האטעל „פעקין". און דער פריילעכער עולם פון בעלווילער ארבעטער־קלוב. זיי זענען שוין פון לאנג געווען געווינט צו די אלע אנשיקענישן...

צווישן די נייע, פארשארפטע געזעצן קעגן אויסלענדער, איז אויך געווען איינער, וואס זעט פאר בלויז צען פראצענט אויסלענדער אין אלע אונטערנעמונגען און פאבריקן. אין די יידישע פאכן האט זיך דעריבער אויפגעהויבן א בהלה. פאטראנען פון קליינע אטעליעס, וואס האבן באשעפטיקט צוויי־דריי געזעלן, האבן אנגעהויבן צו ציטערן און כדי צו זיין פארזיכערט פון קאנטראלעס און פון צוטשעפענישן, האבן זיי אלע אויסלענדער אפגעזאגט און צוגענומען פראנצויזן. קרובים האבן זיך צוליב דער נייער אנשיקעניש צעקריגט, לייבלעכע קוזינען זענען געווארן טויט־ברוגז, טאטעס און זין זענען געווארן אויף מעסער־שטעך.

א קליינער רוים איז אויך פארגעקומען אין דער אטעליע פון בעני גרינבערגער אויף רי סט. הענרי. אין אזעלכע זאכן איז ער אלעמאל געווען שטרענג־אפגעהיט און באווארנט — מען איז דא אין דער פרעמד און ס'איז גלייכער אז מען האט נישט צו טון מיט זייטיקע „זאטשעפקעס". מיט זשאקלען, וועלכער איז אפשר צוויי, אדער דריי מאל טריף געווען — ער האט נאך אלץ מער נישט פארמאגט ביי זיך ווי אן אפגעלאפענעם אויסוויז — האט ער זיך לאנג גע'ישובט אפצוזאגן אים. וואלט אים כאטש חער מענטש געקוקט גלייך אין פנים אריין, אויסגערעדט אמאל צו אים אווארט, אונטערגעקומען, געבעטן. זשאקל האט זיך אבער איינגאנצן נישט ווייסנדיק געמאכט, ווי נישט אים מיינט מען. אפגענומען שבת פארמיטאג דעם קאנווערט, האט ער אים פארשטעקט אין אויבערשטן קעשענקעלע פון דער גרויער מארינארקע און אזוי, מיט אויפגעשטעלטע קלאפקעס, ארונטערגעשאטן זיך צוזאמען מיטן עולם פון די שטיגן. די איינציקע אויסלענדער, וואס זענען דא פארבליבן ארבעטן, האבן צוגעשוויגן — אבי מען האט זיי נישט געטשעפעט...

און דאך האט ער אים ווייטער געלאזן ארבעטן, בעני. קיין שום געזעץ און קיין שום געלט־שטראף, האט ער געפילט, וועט אים נישט צוברענגען צו קוקן זשאקלען אין פנים אריין און אפן אים צו מעלדן, אז ער איז אפגעזאגט. ער האט אבער געוווסט, זשאקל, אז סוף כל סוף וועט דער בלאטער פלאצן און ער האט זיך באצייטנס געזוכט ארבעט ערגעץ אנדערשוו. אבער ס'איז הערצו נישט געקומען. ס'איז נאך פונדעסטוועגן געווען אין אים עפעס גוטס ,אין אט דעם בעני'ן, מען קען נישט זאגן. אביסל געוויסן האט זיך נאך ערגעץ פארוואלגערט ביי אים און אט דאס קליינע שטי־

קעלע געוויסן האָט אים זייער געפּייניקט דוקא דעמאָלט, ווען זשאַקל איז אים געקומען אויפֿן זינען.

ער האָט איצט אַ סך פֿרייע צייט געהאַט נאָכצוטראַכטן, איבערצוקלערן, ווייל די אַרבעט איז סיי־ווי געגאַנגען שוואַך און דער פֿרילינג־סעזאָן האָט זיך צוליב דער אומרואיקער צייט, ווי ס׳האָט איצט אָפּט געטראָפֿן, היפּש פֿאַרשפּעטיקט. שטאַרק גענומען צום האַרצן דערפֿון האָט ער זיך נישט. אַלץ, וואָס מען קען נאָר דערגרייכן מיט די ליידיקע צען פֿינגער, האָט ער שוין דערגרייכט. לויט די אַלע, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָט ער עס מיטן ניכטערנעם שׂכל פֿאַרשטאַנען, נאָכגערעכנט, אַז ער איז פֿון די, וועלכע מען רופֿט גליקלעכע. אַז דאָס, וואָס ער האָט דערגרייכט, הייסט גליק, אָבער אַליין האָט ער עפּעס דאָס דאָזיקע גרויסע גליק נישט געפֿילט. אין די טעג, ווען די אַטעליע איז געווען געשלאָסן, איז ער אָפּטער איבערגעבליבן אַ שעה לענגער אין שטוב, איז פֿאַרנאַכט אַהיימגעקומען אַביסל פֿריִער פֿון גאַס. עס האָט אים כּסדר געטראָגן, ער האָט אויף קיין אָרט נישט געקענט איינזיצן. די שטוב, האָט ער זיך איצט געכאַפּט, בינדט אים מיט גאָרנישט צו. בלייבנדיק ליגן אויף דער סאָפֿע אין עס־צימער, האָט ער נייגעריק באַטראַכט די באַנאַלע ליטאָגראַפֿישע בילדלעך אויף די ווענט, די סערוועטקעס, די אויסגענייטע קישעלעך, דאָס נייע גלאָז־שענקל, און עס האָט אים אַליין געוווּנדערט, וואָס ער האָט די אַלע צוגעקומענע קלייניקייטן, וואָס וואַרפֿן זיך דוקא אין די אויגן, ביז איצט אַזויווי גאָרנישט באַמערקט. ער האָט אַפֿילו נישט באַמערקט ווי דאָס רויט־האָריקע ייִנגעלע האָט געטון אַ וואַקס אונטער, ווי ער האָט באַקומען אויפֿן קאַרטאָפֿלנעזל און אויפֿן שיינעם שטערן די זעלבע אויסגעשיטע קלייענדלעך וואָס ער, ווי גיך די זיבן־אַכט יאָר זענען איבערגעלאָפֿן.

— ווייז מיר נאָר, מאָריסל, דיין סערטיפֿיקאַט פֿון „סקאָל“, איך וויל זען! — האָט ער אַ רוף געטון דאָס ייִנגעלע.

גוטע צייכנס האָט ער געפֿונען אין דער שול־צייגניש ביים ייִנגל, אָבער דאָס ייִנגל אַליין איז שטיינגעבליבן לעבן אים קאַלט און פֿרעמד, ווי איינער פֿון די שול־לערער וואָלט עס ביי אים געפֿאָדערט. באַאומרואיקט שטאַרק האָט אים דאָס, וואָס דאָס ייִנגל איז איינמאָל אַריינגעקומען צו אים מיט עפּעס אַזאַ מאָדנער פֿראַגע:

— וואָס איז אַזוינס אַ ייִד, פּאַפּאַ?

— נאָכוואָס פֿרעגסטו עפּעס פּלוצים? — האָט ער זיך האַסטיק אויפֿגעזעצט, שאַרף אָנגעקוקט דאָס קינד, גענומען עס אויף די קני און האָט חערנאָך עפּעס לאַנג אויסדערציילט וועגן ייִדן, וועגן ייִדישקייט, וועגן אַ זיידן מיט אַ באָבען, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט אין ווייטן „פּאָלאָן“. דאָס ייִנגל האָט זיך עפּעס צוגעהערט און עס איז קענטיק געווען, אַז ס׳איז אים

נישט אינגאַנצן קלאָר, וואָס ער הערציילט אים און אויך דעם טאַטנס אומרואיקע באַלעבאַטישקייט קומט אים פֿאָר מאָדנע, ווי ער, דער טאַטע, וואָלט נאָך עפּעס אויסבאַהאַלטן, ווי ער וואָלט אים דעם גאַנצן אמת נישט דערזאָגט. ער האָט טאַקע הערנאָך באַמערקט דעם אומצוטרוי ביים ייִנגל אין די אויגן און ווי ער ברענגט צולעצט אַרויס אַזוי ווי מיט באַדויערן:

— זענען מיר הייסט עס, אויך ייִדן? אבי איך האָב געמיינט...

— אוודאי זענען מיר ייִדן, קינד! ס׳איז גאַרנישט, וואָס צו שעמען זיך, אַז מ׳איז אַ ייִד!

— און איך האָב געמיינט, אַז מיר זענען פֿראַנצויזן! — איז דאָס ייִנגל אַנטוישט, צולעצט אַוועק אין קינדער־צימער, און אַזויווי דערשלאָגן פֿון אומגעריכטן קלאַפּ.

רוזשעלען האָט ער ווייניק געפֿונען אין הויז. זי האָט זיך מיטן ייִנגל כמעט אינגאַנצן נישט אָפּגעגעבן. איבערגעלאָזט עס אויף דער דינסט. זי איז געוואָרן פֿולער, דיקלעכער און וויפֿל זי האָט זיך נישט באַמיט אײַנצוציען מיט פּאַסקעס, צו דערהאַלטן איר שלאַנקע מיידלשע טאַליע, האָבן די אָנגעקוואָלענע פֿליישן אַרויסגעשפּאַרט פֿון די אַלע ענג־געפּאַסטע קליידלעך און טיף־אויסגעשניטענע דעקאָלטן. אויף אירע פֿינגער זענען די אָנגעזעצטע רינגלעך אַריינגעוואַקסן אין די אויפֿגעלאָפֿענע קישעלעך. סודות׳דיק האָט געשאָרכעט דער זייד פֿון אירע אָריגינעל־צוזאַמענגעשטעלטע באַל־קליידער, אַראָפּגעגאָסן זיך פֿון איר פֿול, אײַנגעשטייפֿט לייב. זי איז געוואָרן לייכט־אויפֿרעגנדיק און ביי יעדער מינדסטער געלעגנהייט, אָנגעגאָסן זיך מיט בלוט, טיף באַדויערט, וואָס זי האָט אים גאָר אינגאַנצן געבוירן אַ קינד און וואָס דורכדעם האָט זי פֿאַרלוירן איר שלאַנקע, מיידלשע ליניע. אין די טעג, ווען ער איז לענגער פֿאַרבליבן אין שטוב, האָט זי זיך היפּש געלאַנגווייליקט לעבן אים.

— דאַרפֿסט מער אַכטונג געבן אויפֿן קינד, רוזשעלע! — האָט ער זי איידל, נישט צו פֿאַרטשעפּען חלילה, אָנגעזאָגט — עפּעס דרייט ער זיך דאָ אַרום ווי אַ פֿרעמדער.

— און נאָך וואָס דרייט זיך אַרום אַזאַ געזונטע דינסט אין הויז? זי איז קראַנק אַכטונג צו געבן אויפֿן קינד? זי היט עס אָפּ, גיט עס צו עסן, פֿירט עס און ברענגט עס צוריק פֿון „עקאָל". ס׳ליידט, חלילה, נישט. אָבער וואָס איז דיר פּלוצים אײַנגעפֿאַלן?

— גאָרנישט... כ׳מיין עס וואָלט גלייכער געווען, ווען מען לאָזט עס נישט מיט אַלץ אויף דער דינסט... אַ פֿרעמדער מענטש. מע דאַרף עס אַמאָל דערציילן וועגן ייִדישקייט אויך — האָט ער מער געדערט פֿאַר זיך — עפּעס אַזעלכע מאָדנע פֿראַגן האָט ער מיר לעצטנס גענומען שטעלן, דער קליינער...

די דאָזיקע טענות האָט זי שוין גאָר אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען:

— נאָכוואָס, בעני? ער וועט נאָך צייט האָבן געוווּיר צו ווערן דערפון. אַ וואַזשנע מציאה ביי היינטיקע צייטן צו זיין אַ ייד... איך וויל עס גאָרנישט! הערסט? ווען דו ווייסט וואָס עס טוט זיך אַלץ אָפּ! ווי אַזוי מען קוקט אויף אונדז...

אַזוי איז אַלץ געווען אין די אָוונטן, ווען זי איז באַזונדערס צוגעלאָזן געווען צו אים, ווען זי איז געווען אויפגעלייגט, האָט זיך נישט אַזוי אויפגערעגט פון יעדער נאַרישקייט און נישט אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעבלאָזענע, ווי אַ מיידעלע. ער האָט באַמערקט ביי איר אַ באַזונדערע באַשעפטיקטקייט. זי האָט זיך שוין מער נישט אויסבאַהאַלטן מיט אירע ראַנדע־וווּען, מיט אירע טרעפענישן מיט יענעם ווייבל דעם שניידערס, מיט דער פאַרדעכטיקער מאַנפּאַרנאַס־געזעלשאַפט, וועלכע איז דעמאָלט ־בענין אַזוי נישט געפעלן געוואָרן. פאַרנאַכט האָט זי זיך אויפגעהויבן, צוגעסטראָיעט זיך און איז אַוועק פון שטוב. ווען איז אים אַמאָל געלעגן אין זינען נאָכצוקוקן זי? אַצינד איז עס אים שטאַרק געווען טשעקאַווע און ער האָט אַמאָל אומישנע געוואָלט מיטגיין מיט איר, זען מיט וועמען זי פילט אויס אירע פרייע טעג און אָוונטן. מיט נישט קיין איבעריקן חשק האָט זי אים אַהינגעפירט אין דער קינסטלער־קאַפע אויפן מאָנפּאַרנאַס, ווו זי איז געווען אַן אָפטער גאַסט. ער האָט באַמערקט, ווי אַרום די טישלעך, אויף דער טעראַסע, איז אַדורך אַ געמורמל. אין איינעם פון די יינגעלייט, וועלכע זענען אונטערגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין טישל, האָט ער באַלד דערקענט דעם זעלבן, וועלכער איז אַמאָל געווען ביי אים אין הויז אויף דער ערשטער פּאַבעטעניש. אויך אַצינד איז אים דער יונגערמאַן אויף אַ האָר נישט געפעלן געוואָרן. הינטער די ראַנדן פון זיין קינסטלער־הוט, וואָס איז שוין געווען היפּש אָפּגעבליאַקעוועט, האָט ער באַמערקט דעם פאַרוואַקסענעם נאַקן, די צו־לאַנגע פּיאות, וואָס האָבן זיך קרום אַריינגעשניטן אין זיינע מאָגערע, אויסגעגאָלטע באַקן. ער איז אַרומגעשוווּמען אין אַ לויזן רעגן־מאַנטל, אַן אָפּגעטראָגענעם, און נעמענדיק דאָס קליינע עקל פון סיגאַרעט צו די ליפּן, האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די פאַרברוינטע שפּיץ־פינגער, ווי מען זעט עס ביי ליידנשאַפטלעכע, פאַרברענטע רויכערער. מיטן אַרומגעזעצטן עולם האָט זי עפּעס נאָכדעם געפּלאַפּלט וועגן קונסט, וועגן קינסטלער און ער האָט ממש געפילט, אַז ער שטערט זי, אַז זי פילט זיך שטאַרק זשענירט אין זיין אַנוועזנהייט. מער איז ער שוין קיינמאָל נישט מיטגעקומען מיט איר.

„ס'איז גאָרנישט מער אויסצובעסערן” — האָט ער באַשלאָסן און מער ווי אַלעמאָל, האָט ער פאַר זיך אַליין באַוווּנדערט זשאַקלס שטילע ענערגיע, וואָס רייסט זיך ווי אַ פאַרבאָרגן וואַסערל, די פאַרביסנקייט אויסצו־

פירן זיינס. ער איז אים אפילו טיילמאל אויך מקנא געווען מיט וואס, דאכט זיך, איז געווען מקנא צו זיין אט דעם שטילן, באשיידענעם מענטש, וואס האט זיך אלעמאל געשארט אין די ווינקעלעך און האט קיינמאל גארנישט פארמאגט, אחוץ די צען פינגער צו דער ארבעט ? פונדעסטוועגן... פונדעסטוועגן האט זיך אים טיילמאל צוריק פארבענקט נאכן האטעל „פעקין", צום בשותפות'דיקן בעט, וווּ ער איז געשלאפן צוזאמען מיט זשאקלען, נאך יענע צייטן ביי זשאזעפן אויפן בוידעם־שטיבל, נאך דער אונטיקער פריילעכקייט, נאך יאשקעלען; יא, אפילו נאך יאשקעלען האט ער זיך פארבענקט.

אבער יאשקעלע האט אים שוין לאנג מער אינזינען נישט געהאט. ער האט אפגערוישט די עטלעכע יאר און האט זיך צולעצט ארומגעזען, אז אזוי ווייטער איז קיין לעבן נישט. נאך אלע זיינע גלגולים, נאכן אויסגיסן זיך דעמאלט זיין ביטער הארץ פאר זשאקלען, נאך אלע זיינע דורכפאלן מיטן קוועקזילבערדיקן מיידל גענקעלע, וועלכע איז ארויפגעקומען אין דער „ליגע" נישט מער ווי אויסצוזוכן זיך א שטיקל מאן, — האט זיך יאשקעלע סוף כל סוף דערטראכט צו א תכלית. ער האט אין א שיינעם פרימארגן אוועקגעווארפן די דערדל־שפיל אין דער קאפע ביי שמיל הוי, אוועקגעווארפן די שיינע חברימלעך, שוין מער נישט געהאט וואס אויסצוהיטן זיך פאר זשאקלס א זייטיקן בליק אמאל, האט אפילו אוועקגעווארפן כאצקלען מיט דער באנדע שלעגערס, וואס זענען געקומען אויף אלע קעגנערישע מיטינגען "דערלאנגען קלעפ". (אויך כאצקל איז ערגעץ אויסגעטרוקנט געווארן, ווייל זינט ווען ס'איז געקומען צו א פארשטענדיקונג און מען האט אנגעהויבן צו שמועסן פון פאלקס־פראנט, האט דער העלד כאצקל א מאך אוועקגעטון מיט דער האנט: „ס'איז שוין מער גארנישטא וואס צו טון אויף דער יידישער גאס" — און איז פארפאלן געווארן.)

יאשקעלע האט זיך דערטראכט, איינגעהאנדלט פאר קליינע געלטער אן אפגעפארענעם לאסט־וואגן, א צעטרייסלטן, פון א גרויער, אפגעשאסענער פארב, און פארנומען זיך מיטן איבערפירן דאס ביסל מעבלווארג ביי ארעמע עמיגראנטישע פאמיליעס, וואס ציען זיך אפט איבער פון איין עק שטאט אין אנדערן. צום בולוואר בעלוויל האט ער זיך אראפגעלאזן מיטן הויך־אנגעלאדעוועטן וואגן פון א הויקערדיקער גאס, געווארפן דעם שווערדיקן קאפ אין ביידע זייטן פון דער געפלאצטער צעלולא־שויב און אין זיין האנט האט לאנג און הייזעריק געקוויטשעט די טרויב, ביז ער האט ארויסגעקערעוועט די קאפריזנע מאשין פון צווישן די טאקסיס, אויטאבוסן, גרינס־וועגעלעך און פון די אפגעצוימטע שטיקער גאס, וווּ מען ווארפט אויפסנייז איבער דעם איינגעפאלענעם אספאלט. א מיאוסע טבע האט זי געהאט, די מאשין זיינע; בענזין האט זי אויסגעטרונקען מער ווי א נייער

„הענאַ“ און אַז ס'איז געקומען צו לאָזן זי אין גאַנג, האָט איינער לאַנג געמוזט שטיין און אָנדרייען דעם פּראָפּעלער און ער אַליין, יאָשקעלע, האָט געמוזט זיצן ביים רעדל, עטלעכע מאָל לאָזן דעם אָנצינדער, ביז זי האָט שוין דערלעבט אַמאָל צו רירן פון אָרט.

אַ שטיק דערפאַר טאַקע האָט ער זיך צוגענומען אָט די ביידע טרייע געהילפן, ער זאָל האָבן, ערשטנס, ווער עס זאָל אים לאָזן אין גאַנג די „מאַשין“ און צווייטנס — אים אַרויסהעלפן ביים אָנלאַדעווען דאָס צערודערטע ביסל מעבלווארג: שלעפּן איבער די שטאָקן די שאַפקעס, די טישלעך, די שטולן, די נײ־מאַשינען, די פּעק בעטגעוואַנט און פאַרפּעסטיקן אויפן דעבל מיט שטריק די שטוב־כּלים און די קינדער־וועגעלעך. אַרויסגענומען האָט ער זיי פון דער טומלדיקער קאַפּע אויפן ראָג, ביי שמיל הוי, ווו אַרבעטסלאָזע יידישע פּרעסערס און דאַמען־שניידער זיצן אָפּ אין די כמאַריקע ווינטער־טעג, אין מאַרטסעזאָן, ביי די פאַרלאָפענע שויבן צו דער גאַס, קניימשן די צייטונגען אין דער האַנט און אַמפּערן זיך.

ס'איז ווערט געווען אָנצוקוקן ווי אַזוי ער קריגט זיך אַרום יעדן אָוונט אין דער קאַפּע, ביים קאָנטואַר, מיטן קליינעם שלמהלע — איינער פון זיינע געהילפן — אַ זשוואַווע בחורל, מיט קרומע, גיך־לויפנדיקע פיסלעך, מיט אַ שטעכיקן אויסוווקס אויף די בלאַסע ביינקע באַקן; און ווי אַזוי דאָסדאָזיקע בחורל, אַזוי דאַר און אַזוי קליין ווי ס'איז, שפרינגט אים אונטער גלייך אין פּנים אַריין מיט אַ געביילטן פויסטל, ווי אַ קוואָקע, ווען מען טשעפעט איינס פון אירע קליינע.

— קריגסט באַלד ביי מיר אויסגעליאַפּעט די פּיסקעס — אַזויפיל געשווירן זאָל זיך דיר זעצן, וויפל פינפער פראַנקן דו האָסט געקריגן מער!

יאָשקעלע לאַכט גוטמוטיק, מיט אַ צעקרומט מויל. עס גייט אים דאָ נישט אין די פּאָר פראַנק, ער איז אים גרייט צו שטעלן „גלעזלעך“ וויפל נאָר ער וועט וועלן.

— זאָל איך דאָ אויפן אָרט אויסציען די קאָפּיטעס, שוין? — שווערט ער זיך מיט אַ פול מויל געלעכטער — זאָל איך שטאַרבן, אויב מען האָט מיר געגעבן מער ווי אַ פּופּציקער...

אָבער סוף כּל סוף בעט מען זיך צוריק איבער. יאָשקעלע שטעלט איין ביר, נאָך אַ גלעזל. מען קלאַפּט זיך אָן און יאָשקעלע שיינט:

— מיר האָבן אַ פיינע „יאַזדע“ אויף מאָרגן באַלד אינדערפרי.

און אין באַגינען שאָקלען זיי זיך זאַלבעדריט אין דער צעטרייסלטער „מאַשין“ איבער די פּלעצער און בולוואַרן פון פּאַריז. קיין געניטער שאָפער איז ער ניט, יאָשקעלע, און עס האָט שוין טאַקע נישט איינמאָל געטראָפן, אַז ער קירעוועט זיך אַריין אין אַזאַ שמאָל געסל, ווו מען טאָר גאָרנישט אַריינפאָרן. פון אַזאַ סאָרט „יאַזדע“ האָבן שוין די געהילפן זיי־

נע עטלעכע מאָל שיעור ניט מיאוס אָפּגעשניטן. זיי זענען געפאָרן מיט א הויך־אָנגעלאָדעוועטן וואָגן דורך פּלאַץ רעפּובליק און דאָ טוט יאָשקעלע פּונקט א פּאַרקערעווע אין דער רעכטער זייט און אַנטקעגן אים — שטעלט זיך אָפּ די גאַנצע באַוועגונג. עס קומט שוין צולויפן א פּאָליציאַנט, נאָך איינער, מען שרייט, מען הויבט אָן פאַרשרייבן אין א ביכעלע; און דאָ זיצן ביידע געהילפן מיט אָפּגעלאָפענע אויסוויזן אין קעשענע, און זיי וועלן נאָך דאָ באַלד דאַרפן זיין עדות. ביים קליינעם שלמהלע האָבן זיך גענומען דרייען די הייסע אויגן אונטערן שטערן. ער טוט אים זייטיק א צי, דעם אָבאָל, שפּרינגט דער ערשטער אַרונטער און נעמט נאָכלויפן דעם צייטונגס־פאַרקויפער, וואָס ליאַרעמט אויס איבערן טראָטואַר די אָוונט־נייעס.

— גוט אַרויסגעדרייט זיך, ממזרים! — האָט זיך יאָשקעלע נאָכדעם נישט געקענט שענקען און געשטיקט זיך פון געלעכטער — זיי זענען גע־ווען אינגאַנצן צעדרייט, די פּאָליציאַנטן: די עדות ווו זענען, די עדות...

דער קעכין סימעלעס געשמאַקע ברויט־קלאָפּסלעך האָבן , זעט אויס, נישט ווייניק מיטגעווירקט, אַז יאָשקעלע זאָל זיך טאַקע אויף אָן אמת פאַרליבן אין איר. ס'האָט לאַנג געדויערט, אָבער דער מאָמענט איז געקו־מען. ער איז איינמאָל אַריין צו איר אין אָפּגעצוימטן קיכל, ווו זי האָט זיך א פאַרויטלטע געפּאָרעט אַרום די טעפּ, א נאַש־געטון עפּעס פון הינטער איר האַנט־אָוועק און אַרומקוקנדיק זיך צו קיינער קומט נישט אָן, האָט ער אַרויסגעפּלאַצט טויט־ערנסט:

— ערלעך, סימעלע, ווי דו געפעלסט מיר! טאַקע, וואָס וועט זיי דער תכלית אייביק צו פּאָרען זיך אַזוי אַרום די טעפּ? מען דאַרף אַמאָל א קלער־טון וועגן זיך אַליין אויך... מיר וועלן דינגען א „טערם"־שטיבל און לעבן ווי די מענטשן. וואָסי, כ'קען זיך נישט פאַרגינען זאָלסט פאַר אונדז ביידן אָפּקאָכן א געשמאַק ביסל עסן? דער פראַנק שפּילט היינט ביי מיר קיין ראָליע נישט...

— הויבסט שוין אָן מיט דיינע געמיינע וויצן? — האָט זיך סימעלע אומגעדרייט צו אים מיט א בלייך־געוואָרענער נאָז, נאָר אָנקוקנדיק אים, ווי ער שטייט אַזוי מיט אַן אומגליקלעכער מינע, טויט־ערנסט, עפּעס א צוגעסטראָיעטער אַנדערש ווי געוויינלעך, איז זי פּלוצים רויט געוואָרן, אַראָפּגעלאָזן די הייסע אויגן צו דר'ערד און גענומען שטאַמלען:

— יאָשקעלע... איך בין א יתומה, בין איך... איך וויל דו זאָלסט אין דעם געדענקען...

— רעד נישט ס'אַנדער וואָרט... איך, יאָשקעלע, אַז כ'זאָג... זאָלסט נאָך היינט מעלדן זשאַקלען, אַז דו אַרבעטסט נישט מער אין קיך, הערסט?

— כ'וועל אים שוין זאָגן! — האָט זי אויפגעלויכטן און פון גרויס

צעטומלטקייט האָט זי אַראָפּגעלאָזן אויף דר'ערד און אויפן אָרט צעזעצט צוויי טעלער מיט אַ גלאָז.

ער האָט זי טאַקע באַלד אויף צומאָרגנס אַוועקגענומען פון דער קיך, אָפּגעדונגען אויפן בעלוויל אַ שטיבל און דער פּרנסה־געבער איז פון איצט אָן געווען ער, יאָשקעלע. זייער גיך, באַלד צום פרילינג, האָט אים סימעלע געבוירן אַ יונג מיט אַ שוואַרצן, געקרייזלטן לאָק. דער קליינער, ראָזער בחורעץ האָט געזשמורעט די ברוינלעכע אויגן און איז געשפרונגען פון די הענט אַרויס. אין אַ מיטן העלן מיטוואָך, אויפדערנאַכט, אַז ס'האָט זיך אים פאַרבענקט, איז יאָשקעלע פאַרפאָרן אין דער „מאַשין" צוזאַמען מיט סימעלען און מיטן יאַט, פאַר דער קאַפּע פון שמיל הוי און האָט דאָרט צווישן ראַיענדיקן עולם אָפּגעזוכט זשאַקלען.

— נו, וואָס זאָגסטו נישט צו מיין יאַט? — האָט ער געשטראַלט, געקלאַפּט אים איבער די מאָגערע פּלייצקעס — אַ פראַנצויז מיט די ביי־נער, אַ ? ווען דערלעב איך שוין פון דיר אַ שטיקל נחת?

זשאַקל האָט געלאַכט אָן אַ קול, אויפגעשטעלט דאָס קעלנערל און, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, אַריבערגעכאַפּט זיך דעם אַוונטיק־אָפּ־געליידיקטן בולוואַר, צום האָטעל מיט די פינף אויסגעלאָשענע שטאָקן. ווי לאַנג ער טרעט שוין איבער די דאָזיקע שטיגן. ער טאַפּט בלינדערהייט אָן די פאַרענטשע און טרעט דערנאָך אַריבער די שוועל פון זיין צימער. אַ רגע לאַנג ציטערט זיין האַנט ביים עלעקטרישן קנעפּל, זיין אויג ווערט צוגעוווינט צו דער פינצטערניש; ער הייבט אָן אונטערצושיידן די שאַנק, דעם טויטן בליאַסק פון שפּיגל. ער הערט קריינדלס הויך אָטעמען אין דעמפּיקן יולי־אָוונט. זי אָטעמט שווער, דערנאָך האַקט זיך דער אָטעם אָפּ, ווי זי וואָלט דערפילט זיין אָנוועזנהייט. דאָס צימער גיסט זיך אָן מיט אַ פאַרשאָטנטער ליכטיקייט. זי האָט זיך נישט איבערגעוועקט, קריינדל. איר שוואַרצער קאָפּ איז פאַרזונקען אין קישן. דאָס אַקסל־בענדעלע האָט זיך לויז אַראָפּגערוקט איבער איר איינגעפאַלענער מיידלשער ברוסט. אויף דער קאָלדרע ליגט אויסגעשפּרייט איר מידע האַנט, מיט אָנגע־צייכנטע אָדערן, ווי די טייכן אויף אַ מאַפּע. דער קליינער פינגער איז אַרומגעבונדן. אונטער דער קאָלדרע צייכנט זיך איר גוף; און דאָך פאַר־נעמט זי אינם בעט אַ קליין ווינקל. דער פאָרהאַנג איז אויפגעשפּאַרטן פענצטער ווייעט זיך נישט, די לופט שטייט אומבאַוועגלעך. עס דערגייען בלויז די פאַרשטיקטע, האַלב־נאַכטיקע גערוישן אַרום די ווענט.

„ווי מיד זי איז" — זאָגט ער זיך און זוכט אויף דר'ערד, דערלעבן נאַפּט־מאַשינקעלע, דאָס ביסל עסן, וואָס זי האָט פאַר אים איבערגעלאָזן. און אַ זונטיק אַמאָל האָט ער צייט צו זיצן און צו רעדן מיט איר אַ וואָרט,

אָבער געוויינלעך אַנטלויפן זיי ביידע אינדערפֿרי צו דער אַרבעט. ער איז נישט מקנא נישט בעניין און נישט יאַשקעלען. אָבער פּאָרט איז אַזאַ לעבן — אויפֿן ווינט.

קאַפּיטל פֿינפֿאונצוואַנציק

ס'איז נישט צו אַנטלויפֿן פֿון דער פּאָליטיק

זינט די עטלעכע טעג פֿון ליידנשאַפֿטלעכן וואַל־פֿיבער און פֿון די אומגעריכטע שטרייקן, וואָס האָבן פֿאַרגאָסן ווי מיט אַ כוואַליע אַלע צווייגן פֿון האַנדל און פֿון דער אינדוסטריע איבערן גאַנצן לאַנד, האָט בעני מער זיך נישט אַרויסגעריהרט פֿון שטוב, פֿון די פּאַרטונקלטע חדרים אינם נאַרוואָס אייגנגעהאַנדלטן „פּאַוויאָן". ער האָט געלאָזן ווייסן דורכן פֿעטערל, אַז ער איז כלומרשט נישט געזונט, וואָס דאָס האָט זייער זעלטן געטראָפֿן, און ער האָט קיינעם ביי זיך נישט אויפֿגענומען. די אָנגעקומענע פּאָסט, די באַשטעלונגען, האָט ער נערוועז אַוועקגעוואָרפֿן אויפֿן טיש; זיי זענען געווען אַרויסגעשיקט מיט צוויי און מיט דריי טעג פֿריער, איידער נאָך דער אומגעריכטער קלאַפּ איז געקומען. אין דער אַטעליע האָט ער איבערגעלאָזן דאָס פֿעטערל איינעם אַליין צו באַלעבאַטעווען. אויף אים, האָט ער געוווּסט, קען ער זיך פֿאַרלאָזן. ער איז אים טאַקע געטריי געווען ווי אַ הונט און איז אויף נישט אָפּגעטרעטן. דאָס געפּאַקטע יידל האָט געטראָגן אין דערקיין מינוט קורצער וועסט דעם בינט שליסלען און געגעבמיקט האָט ער אינם אָנגעהויפֿטן לאַגער־צימער, אויפֿן טיש, געהיטן דאָס פֿאַרמעגן, די גרויסע סטאָקן פּאַרטיקע און רויע סחורה. עטלעכע מאָל אין טאָג האָט בעני פֿונדעסטוועגן אָנגעקלונגען. ס'לעצטע מאָל האָט ער זיך אויסגעפֿרעגט קורץ:

— האַלאָ, אָנקל, ווי גייטס? ס'האָט קיינער נישט געפֿרעגט אויף מיר?

— ניין! ס'הייסט, דערווייל נישט... איך וועל אייך שוין פֿערזענלעך איבערגעבן.

ער האָט מער נישט געוואָלט אויסהערן ביזן סוף, אינדערמיט איבעקגעוואָרפֿן דאָס טרייבל. ער האָט שוין געוווּסט וואָס אַזוינס ער האָט אים פֿערזענלעך איבערצוגעבן. די פּרימאָרגן־צייטונגען האָבן אים שוין אַלצדינג דערציילט — די אַטעליע, די ביוראָ, פּונקט ווי אַלע „הייזער" אין שטאָט, אַלע פֿאַבריקן, איז באַלאַגערט דורך די אַרבעטער און דורך די „פּאַסאָניערס". זיי באַלעבאַטעווען איצט דאָרט. די באַדינגונגען, וואָס דער אַרבעטער־סינדיקאַט שטעלט אַרויס, זענען ווייט נישט אָננעמבאַרע: קאַ־

לעקטיווער קאָנטראַקט, 40־שעה'יקע אַרבעטס־וואָך, אָפּשאַפן די „פּאַסאַ־ניעריי" דורכן צוריינגעמען זיי אין דער אַטעליע און העכן די אַרבעטס־טעג פון שטרייק; קאָכן זיך, קומען צולויפן האָט דאָ קיין שום זינען נישט געהאַט. מען האָט רואיק באַדאַרפט אָפּוואַרטן דאָס גרייטע, זען ווי אַנדערע פירן זיך. די שטרייק־כוואַליע האָט אָנגענומען אַ צו־ערנסטן כאַראַקטער. גרעסערע קנאַקערס פון אים, גרויס־אינדוסטריעלער, האָבן אַראָפּגעלאָזן פון טאָן, זענען ווייכער געוואָרן...

איינער אַליין האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די גרויסע, אומהיימלעכע צימערן מיט די פאַרהאַקטע לאָדן, וואָס האָבן שוואַך דורכגעזיפּט דאָס טאָג־ליכט. ס'האָבן אים געשראָקן די שאָטנס פון פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געלעבט זייער אָפּגעשלאָסן לעבן. דאָ, אינם נייעם הויז, האָט ער שוין מער נישט אַריינגעברענגט די ליכטיקייט, דער קאָפּ איז אים מערנישט געלעגן דערביי. אויסער דעם האָט אים רוזשעלע גאָרנישט געלאָזן אָנרירן אין „פּאַוויאָן", געוואָלט איינהאַלטן די גאַנצע סודות'דיקע פּריציש־קייט פון אַלטן רענטיער, וועלכער האָט דאָ געלעבט און דאָ געשטאָרבן — אַזוי איז איר אָנגעשטאַנען פאַר אירע געסט. די אָנגעשטעלטע מעבלען, די שווערע און מאַסיווע, האָבן אָנגעוואָרפן אויף אים נאָכמער אומהיימלעכ־קייט. דער אָפּגעשלאָסענער „פּאַוויאָן" הינטער די אייזערנע שטאַכעטן, אין אַן אָפּגעלעגן ווינקל פון פּאַרט דע ווענסען, איז גרויס געווען, פאַרפאַלן צו ווערן; געוועלבטע צימערן, אָנגעשטעלטע זאַלן און טונקעלע קאָרידאָרן. ס'איז דאָ געווען צו רואיק. מען האָט נאָר געהערט, ווי הינטער די פאַר־האַקטע לאָדן רוישט פון צייט צו צייט פאַרביי אַ טאַקסי.

ער האָט געוואָלט די שטילקייט, ער איז צו איר אַנטלאָפן, ס'איז אים מיאוס געוואָרן דער טומל, דער אייביקער רעש פון דער אַטעליע אויף די סט. דעני. ער האָט קיין רואיקייט אין הויז אויך נישט געהאַט. האָט ער מיט אַ קורצער צייט צוריק איינגעהאַנדלט אָט דעם „פּאַוויאָן", אָפּגעקויפט אים צוזאַמען מיט די מאַסיווע, אומעטיקע מעבלען ביי דער אַלמנה פון אַן אַלטן רענטיער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט האָדעווען ראַסאָווע הינט. ער האָט די הינט געהאָדעוועט אין געוועלבטן קעלער אונטערן הויז, געהאַלטן זיי יעדן אָפּגעצוימט אין אַ באַזונדער קעמערל. אַ גרויער, מיט לויזע קישעלעך אונטער די אויגן, מיט אַ קרענקלעך־בראַנדיקער רויטקייט אין דער גערונ־צלטער הויט, האָט ער געשניטן קופּאָנען און געלעבט פון פּראָצענט. אַרום די הינט האָט ער זיך געפּאָרעט טאָג און נאַכט, געקרייצט די ראַסן, געגנוי פאַר־צייכנט יעדנס אָפּשטאַם, זיין יחוס־קייט — ענגלישע דאָג'ן אויף דאַרע דינע פיס, סיבירישע וועלף־הינט מיט אַ זילבערדיקן שימער אין דער גרוי־ווע און פעטע, פרייכנדיקע בולדאָגן. דאָס שטילע ווינקל, כמעט אויסער דער שטאָט, איז געשטערט געוואָרן פון דער אומהיימלעכער הינטישער בילעריי

וואָס איז פאַרשטיקט אויפגעגאַנגען פון די קעלערן. די זעלטענע פאַרבייגייער דאָ האָבן מיט מורא אויסגעמיטן דאָס קליינע טויערל. טאַקע פון דינט האָט זיך עס דער אַלטער אָנגעשטעקט מיט עפּעס אַ מיאוסער הויט־קראַנקהייט און איז מיט אַ קורצער צייט צוריק אַוועקגעשטאָרבן. די אַלמנה האָט פאַרהאַנדלט דעם „פּאַוויאַן“ און אַליין האָט זי זיך איבערגעקליבן אין הער פּראָווינץ, צו אַ טאָכטער. פאַרבליבן ווי אַ זכר אין אַן אויסגעקריצטע שויב אין קאָרידאָר — אַ קריצערייַ, וואָס שטעלט פאָר זיין סאַמע באַליבטן בולדאָג; ער שטייט דאָט מיט די פּעטע, קנופּיקע לאַפּעס און פון אונטער דער געפּעלבלטער מאָרדע מיט די שיטער־באַוואַקסענע הערעלעך קוקן אַרויס זיינע אָפּגעדעקטע רייס־ציינער.

אַ שרעק באַפאַלט אים אַלעמאָל, ווען ער דאַרף אָוונט־צייט פאַרביי גיין דאָס קאָרידאָרל. ער לאָזט ברענען ליכט אין אַלע צימערן און עס קומט אים אויס איבערצולעבן נעכט פון שרעק.

די לאָדן זענען געבליבן פאַרהאַקט, זינט ווען רוזשעלע מיטן קינד זענען אַרויסגעפאָרן אויף זומער־וווינונג. ער האָט עס איר צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך אָפּפאַרטיקן אין שטאָט, וועט ער אַרויסקומען. די אומגעריכטע שטרייקן האָבן אַלץ צעשטערט און ער האָט געהאַלטן אין איין אָפּלייגן פון טאָג אויף טאָג. לאַנג, האָט ער גערעכנט, וועט עס דאָך אַזוי נישט אָנהאַלטן. ס'איז נאָכנישט עק וועלט. פראַנקרייך האָט טאַקע אויסגעוויילט אַ סאָציאַליסטישן פּרעמיער — און נאָך אַ ייד צו די צרות — די אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן זיך פאַרברידערט, ס'איז פאָלקס־פראָנט, מען פראָנטעוועט אַהער, מען פראָנטעוועט אַהין, מען טראָגט די פאָן, מען זינגט דעם אינטערנאַציאָנאַל, אָבער צו דעם, וואָס ס'איז געקומען אין רוסלאַנד, האַלט עס נאָך פונדעסטוועגן נישט. ער האָט עס אָבער געוואָלט פאַרשטיין, באַנעמען מיט זיין אייגענעם שכל, אָט דעם גרויסן כאָאָס. צי קומט טאַקע אַמאָל נישט אין פראַנקרייך דער באָלשעוויזם? און אויב יאָ — צי איז נישט גלייכער אַמאָל וואָס פריער צו פּאַקן זיך דאָס פּעקל און לאָזן זיך ערגעץ ווייטער, איידער זיי וועלן ביי אים אַלץ צונעמען. אָבער וווהין? ער האָט געטראַכט וועגן דעם מיאוסן סוף פון די דייטשע יידן — אַזאַ זיכערקייט ווי ביי זיי איז געווען, אַזאַ דורת'דיקע איינגעפונדעוועטקייט. ניין, ס'איז טאַקע, זעט אויס, פון דער פּאָליטיק נישט צו אַנטלויפן. מען קען דאָ גאָרנישט קלוגער ווערן. נאָך די פעברואַר־געשעענישן מיט אָנדערטהאַלבן יאָר צוריק, האָט ער געמיינט, אַז שוין, ס'וועט זיך אַלץ צוריק איינשטעלן. דער אומגעריכטער אויסגאַנג פון די וואַלן, די מאַניפעסטאַציעס אין טאָג פון 14־טן יולי איבער די פּלעצער פון שטאָט, האָט זיך שווער געלייגט אויף אים. און די אומגעריכט־אַרויסגעשפּרונגענע שטרייקן...

עס איז אָן ספק געווען אַ געלונגענער איינפאַל פאַרצושטעלן די קליי־

נע גרופּע, דעם אויבערשטן שיכט, וואָס קאָנטראָלירט דאָס לאַנד, פון די קלענסטע שרייפּעלעך אין דער ווירטשאַפט און עקאָנאָמיק, ביז די גרויסע טרעסטן און אַקציע־געזעלשאַפטן, אין דער געשטאַלט פון די „200 אויסדערווײלטע פאַמיליעס". אומעטום, אין אַלע לינקע צייטונגען, אויף אַלע מיטינגען, איז געוואָרפן געוואָרן די באַשולדיקונג קעגן נייעם געשפּענסט — די „200 פאַמיליעס". עס זענען געווען טעג פון רעוואָלוציע־פיבער, דאָס פאָלק האָט דערשפּירט זיינע אייגענע מוסקולן; געבײלטע פויסטן קעגן די פאַרהאַקטע פענצטער אין די רייכע קוואַרטאַלן, וווּ די מאַגיפעסטאַציעס האָבן זיך שעהן־לאַנג פאַרביגעצויגן.

ער האָט שוין מער נישט געוואַרט אויפן אָנקל, בעני, נישט געקענט זיך דערוואַרטן. פאַרנאַכט האָט ער אויסגעפונען צווישן אַלטוואַרג אַן אָפּגענוצטע מאַרינאַרקע, אַרויפגעצויגן אַ קאַשקעט איבער די אויגן און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן בעלוויל, צוזען מיט די אייגענע אויגן, ווי די שטאָט האָט זיך איבער נאַכט געענדערט. אין דעמפּיקן יוני־אָוונט האָבן די פינצטערע געסלעך טויב און פאַרמאַטערט געזשומעט. אויף אַלע ראָגן פון בולוואַר זענען די ווענט נאָך געווען באַקלעפּט מיט די וואַל־אַפישן. יעדער פּאָר טריט — אַ טונקל, רוישיק געזעמל. בלויע אַרבעטס־קאָמבינעזאָנען, די זעלבע, וועלכע האָבן אין די נעפּלדיקע פעברואַר־טעג פאַרפולט אַלע פּלעצער און אַלע גאַסן פון שטאָט, געזאַנגען, קולות ; אין די קאַפעס האָבן האַרמאָניקעס געשפּילט דעם אינטערנאַציאָנאַל און די מאַרסעליעז. דער פּאַבור איז באַלעבט געווען, ווי אין דער נאַכט פון 14־טן יולי, ווען דאָס פאָלק פון פּאַריז טאַנצט און פרייט זיך מיטן שטורעמען די באַסטיליע דורך זייערע עלטער־זיידעס און עלטער־באָבעס. די גרויסע קליידער־מאַגאַזינען, די „אוני־פּרי'ס", זענען באַזעצט פון שטרייקנדיקן פּערסאָנאַל. די אייזערנע שטאַכעטן־טירן צו דער גאַס שטייען ליכטיק־צעצונדענע. די צוגעמאַליעוועטע מיידלעך און די אויסגעפּראַנטעוועטע יונגעלייט רופן אַרויס ספּאַזמען פון באַגייסטערונג ביים אַרומגעשטעלטן עולם. מען שטייט און מען קוקט אַריין ווי די שטרייקנדיקע יונגוואַרג מאַכט זיך פריילעך. זיי האָבן דאָרט געבראַנגט פון ערגעץ אַ פּאַטעפאָן, געלאָזן אין גאַנג אַ וואַלס, אַ טאַנגאָ. פונפּאַרנט וואַרפט מען געלט אין דער פּושקע, אַ פאָנד פאַר די שטרייקער.

טיף אַראָפּגערוקט דאָס קאַשקעטל איבער די אויגן, האָט זיך דאָ בעני פאַרביגעשאַרט. ער האָט עס שוין גענוג געהאַט, געוואָלט אַרויספּלאָנטערן זיך פון געטומל און מיט די פינצטערע בעלווילער געסעלעך אַפּטראָגן זיך אַהיים, אָנשרייבן רוזשעלען זי זאָל גלייך קומען צופאָרן, ווייל אַליין האָט ער שוין מער גאָרנישט געקענט צוטראַכטן.

— אָ, מעסיע גרינבערגער, איר דערקענט שוין נאָרנישט אַן אַלטן פריינט? — האָט ער מיטאַמאָל דערפילט ווי עמיצער צופּט אים ביי אַן

אַרבל. אַ קאַלטער שווייס האָט אים אָפּגעגאָסן. ווער האָט עס אים אין אַזאַ הילוך דערקענט? ער האָט אַרויסגעלאָזן פון האַנט דאָס פאַרהילצערטע בינטל פינגער, וואָס יענער האָט אים אָפּגעשטעקט, און אָנגעשטרענגט זיך צו דער־קענען דעם ייד מיטן פויגל־פּנים, ווו אַלץ איז געווען שפּיציק און אויסגע־צויגן — די נאָז, די גאָמבע מיטן פאַרגרויטן בערדעלע, אַפילו די אויגן, וואָס זענען געווען נאָענט צוגעשטעלט איינער צום אַנדערן, האָבן בלינד אַרויפגעקוקט צו אים, האָבן אויך פאַרמאָגט אַ פאַרשפּיצט, אויסגעהונגערט גלענצל.

— איר דערקענט מיך טאַקע נישט? מיך, אַן אַלטן „פּרוּינט”? איי, איי, איי, מען דערקענט שוין גאַרנישט מאָריסן, דעם „קופּער” (צושנייהער) וואָס האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אייך ביי זשאָזעפן אויפן בוידעם־שטיבל.. איך געדענק נאָך אַפילו דעם אינדערפרי, ווען זשאָזעף האָט אייך געבראַנגט צופירן פון „גאַר די נאַר”! איי, אַ פריילעכע צייט אַביסל געווען! מען האָט לייכט פאַרדינט דעם פראַנק און אים לייכט אויסגעגעבן. עט, קיין שכל נישט געווען, מענטשן זענען דעמאָלט לייט געוואָרן...

— אָבער אַז איך דערקען אייך פאָרט נישט ר' ייד! — האָט זיך בעני אַקוראַט און גענוי דערמאָנט דעם געעלטערטן ייד, וועלכן זשאָזעף האָט צו־לעצט אָפּגעזאָגט, ווייל די הענט האָבן זיך ביי אים געטרייסלט און ער האָט מער נישט אַרויסגעגעבן דעם סכום אַרבעט, וואָס ער האָט גענומען פאַר דער שעה. ער האָט זיך פּשוט געוואָלט אָפּטשעפּען פון אים און וואָס ניכער. נאָר יענער האָט זיך נישט אַזוי לייכט געלאָזן. ביים ראָג האָט ער אים פאַר־האַלטן, דאָרט, וו ס'איז געשטאַנען אַ ליכטיקע לאַמטער, פאַרלאָפן אים דעם וועג און אַלץ אַריינגערעדט אין אים, אַרויפקוקנדיק שיִף מיטן פייכטן גלענצל אין די אויגן.

— נו, אַ נפקא־מינא — האָט דער ייד צולעצט אָוועקגעמאַכט — איר וועט זיך שוין אַמאָל דערמאָנען... איר זעט מיינע טרייסלדיקע הענט? פער־ציק יאָר האָבן זיי אָפּגעהאָרעוועט, פערציק ביטערע יאָר! ער האָט מיר אָפּגעשאַפט, זשאָזעף, און פון דעמאָלט אָן מוז איך אָנקומען נאָך די אָרעמע פאָר פראַנק אַ וואָך פון אַרבעטסלאָזע־אונטערשטיצונג. ס'איז אים אָבער אויך נישט געשענקט געוואָרן. ווער ס'איז אים מקנא... איך טרעף אים דאָ אַלעמאָל זיצן אין דער קאַפע. ס'איז אַ ביטערער רחמנות אויף אים אַליין אויך. געגוג צרות און בזיונות האָט אים ס'טעכטערל פאַרשאַפט, ביז זי האָט זיך אָנגעטון ס'שטריקל אויפן האַלדז... און איר, מעסיע טריטבערגער, איר זעט אָט אָ די גאַנצע פריילעכקייט, דעם טומל? ס'איז ווערט געווען, זאָג איך אייך, שוין איינמאָל ווערט געווען. זאָלן זיי געבענטשט זיין דער־פאַר! עס זאָל נאָר לאַנג אָנהאַלטן, נאָר ווער ווייס...

מער האָט ער שוין נישט געקענט. ער האָט זיך ביגוואַלד אַרויסגעריסן, איבערלאָזנדיק דעם קליינעם, פאַרהויקערטן ייד צוגעשפּאַרט ביים לאַמטער.

ער איז שנעל אַרונטער די מעטראָ־שטיגן און נאָך באַוויזן צו כאַפּן דעם לעצטן צוג אַהיים.

ער האָט זיך עפּעס געשראָקן אויפצושליסן דאָס טויערל, אַרויפקוקנדיק צום אויסגעלאָשענעם בנין, ווו אַלע שויבן זענען, אין שיין פון דער פולער לבנה, געווען אויפגעהעלט מיט אַ קאַלטן אָפּגלאַנץ. אים האָט זיך געדוכט צו פאַרנעמען אין דער שפּעטער שעה אַ פאַרשטיקט הינטיש געביל אויפגיין פון די קעלערן, ווו דער אַלטער, קאַרגער רענטיער האָט זיי אַמאָל געקרייצט די ראַסן און איז אַוועקגעשטאָרבן דערנאָך פון אַ מיאוסער הויט־קראַנקהייט. ער האָט זיך געפּאָרכטן דורכצוגיין דאָס קאָרידאָרל, ווו ס'איז אויף דער שויב אויסגעקריצט דער בולדאָג. ער וועט די שויב אַרויסנעמען, האָט ער באַשלאָסן. מיטן הינטערשטן איינגאַנג איז ער אַרויף די טרעפּלעך, געמאַכט ליכט אין גאַנצן הויז און איז ליגן־געבליבן אַן אָפּגעמאַטערטער און אויפגעשפּיצט־וואַך, אַן אויג נישט צוצומאַכן. דערלעבן בעט איז שטיינגעבליבן דער אַש־בעכער, פול מיט סיגאַרעטן־עקלעך. דאָס גאַנצע צימער איז געווען איינגעהילט אין אַ וואָלקן רויך. ער איז געווען אַ נאַקעטער, אינגאַנצן מיט זיך אַליין. אין די שפּיגלען האָט ער נאָכאַמאָל אויסגעפונען אין זיך די ענלעכקייט צום טאַטן, ווען ער איז שוין געלעגן אויפן טויטן־בעט — די באַהאָרטקייט אויפן לייב, די אויסגעשפּיצטע קינען, באַוואַקסן מיט אַ דריי־טאָגיקער באָרד. די ערשטע באַזילבערטקייט האָט זיך געלייגט אויף אים. אָבער מער פון אַלץ האָט אים געשראָקן די געדרעכעניש נאָכן טאַטן, דער אומגעריכטער אונטערגאַנג פונעם הויז. ניין, ס'איז, הייסט עס, פון זיך אַליין אויך נישט צו אַנטלויפן.

און ווי ער איז אַזוי געזעסן פאַרשפּאַרט, אַלע לאָמפּן אָנגעצונדן, האָט עמיץ אין דער שפּעטער, אומבאַשטימטער שעה אָנגעקלונגען ביים טויערל. לאַנג און אומהיימלעך איז איבער די באַלויכטענע צימערן געשטאַנען דער אָפּהילך פון גלעקל. ער האָט זיך פונדעסטוועגן געפּאָרכטן גלייך אויפצוריגלען.

גאָרנישט קיין פרייטלעכע נייעס האָט ער אים געהאַט אויסצודערציילן, דאָס פּעטערל. ער האָט עס אַליין אויך גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אין דער אַטעליע האָט ער זיך נישט וואָס צו ווייזן. דער פּעדאַנטיש־ריינלעכער ייד איז שטיינגעבליבן אין דער טיר, ווי ער אַליין וואָלט שולדיק געווען אין דעם אַלעם. די גרויע פיש־אויגן, רויט פון נישט דערשלאָפן, היטנדיק דאָס פּרעמדע פאַרמעגן, זענען קלענער געוואָרן. ער האָט מער גאָרנישט געהאַט וואָס צוצוגעבן.

צופּוס — אויסגעבן אויף אַ טאַקסי איז ער קאַרג געווען — איז ער שפּעט ביינאַכט צוריק אַוועק צום „הויז" אויף די סט. דעני. אפשר מער נאָך ווי אים, בענין, האָט ער דעם אַלטן אַ שטיק געזונט אָפּגעקאָסט. ער איז

שוין נישט געווען קיין יינגעלע, ער האָט שוין אין זיין לעבן פאַרשיידנס מיטגעמאַכט, אָבער אַז די באַלמעלאָכעס זאָלן קומען און באַזעצן די אַטע־ליע, אומדרייען זיך ווי די באַלעבאַטים, אַלצדינג פאַרשרייבן, אַריינקוקן אין די ביכער און נישט לאָזן זיך צורירן זיך צו קיין זאַך...

געקרענקט האָט עס אים אַמערסטן אויף אָט דעם זשאַקלען, אָט דאָס שטילע, אומשולדיקע בחורל מיט די אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס איז אים קיינמאָל נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט, נישקשה, געוווסט, אַז ער האָט נישט קיין פּאַפּירן, אַז ער איז טריף ווי חזיר און אַז דאָס אַרבעט ער נאָר אויפן גנאָד פון „פּאַטראָן“, צוליב אַן אַלטער פריינטשאַפט. אַזאַ אויסוואָרף! אַזאַ שטיק גאָרנישט ! מען גיט אַ מענטש צו עסן אַ שטיקל ברויט און אָט ווי אַזוי ער דאַנקט אָפּ. ווען ער זאָל נישט וויסן, אַז אַלץ האָט זיך אַצינד איבערגעדרייט, וואָלט ער אַליין אַוועק און אַנגעוויזן, נאָר גיי מאַך...

שטאַרק איבערגעלעבט האָט ער עס, דער אַלטער, פיל שטאַרקער ווי בעני אַליין. אַן אויסגעשטאָרבענע שטילקייט איז דעם ערשטן טאָג געשטאַ־נען אין הויז, אין גאַנצן פליגל שטיבן אויף רי סט. דעני. דער טומל איז אויסגערונען. איינער אַליין איז דער אַלטער פאַרבליבן אין לאַגער־צימער און קיינער האָט צו אים נישט אַריינגעשמעקט. קודם זענען קיין זייטיקע מער נישט אַריינגעלאָזן געוואָרן. דאָס היטן דעם איינגאַנג האָט איבערגע־נומען איינער פון די בעלוווילער פאַרמאָרעטע „פּאַסאַניערס“, דער ייד מיטן שטענדיק־צעקנעפּלטן העמדל, אַ פאַרוואַקסענער. ער האָט זיך פרייוויליק אָנגעבאָטן צו זיצן ביי דער טיר און היטן. דאָס איז געווען דערזעלבער, וואָס איז אַמערסטן אויסגעשטאַנען פון „פּעטערל“ ביים אַרויסבאַקומען אַביסל אַרבעט, ווייל זיין ווייבל איז נישט געווען קיין איבעריק שיינע, קיין גע־שיקטע, אַ „שקראַב“ ווי ער אַליין האָט געקלאָגט. זי האָט נישט געקענט אַזוי צושטיין ווי יענץ ווייבל מיטן צוגעמאַליעוועטן פּנימל, מיט די אומ־רואיקע הענט. דער פאַרוואַקסענער ייד פלעגט אויך שבת, ביים אָפּנעמען די „פּעי“, נישט אַראָפּרופן אים אויף קיין „גלעזל“ אין דער קאַפע. איצט איז ער דאָ ברייטלעך געזעסן און פון צייט צו צייט אַריינגעכאַפּט זיך צום „פּעטערל“ אים אָפּעסן די לעבער...

באַלד צומאָרגנס, ווען עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די שטרייק־כוואַליע, דאָס באַזעצן די פאַבריקן, איז דאָ זשאַקל איינשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן פאַראַנטוואָרטלעכן אַטעליע־דעלעגאַט. פאַר די פראַנצויזן דאָ איז עס געווען אַן אמת׳ע פאַרוויילונג. זיי האָבן זיך גאָרנישט אַרומגעדרייט אַזוי פאַרכמורעט און אַנגעבלאָזן־אומגליקלעך, וואָס מען וועט פאַרלירן אַ פּאָר טעג אַרבעט. אָנגעטאָן און אויסגעפּוצט אין זייערע שענסטע קליידער, פאַרקאָמטע, אויסגעגאָלטע, ווי צו אַ באַל, האָבן זיי זיך גלייך אַוועקגעזעצט שפּילן אין קאָרטן. צוגעזעצט האָבן זיך צו זיי די בלאָנדע מיידלעך, אויסגע־

צאַצקעטע, אין די ווייסע אַרבעטס־פאַרטוכער, און זיי האָבן בייזאַמען גע־רויכערט און מיטגעשפּילט. פריי, פאַר אַלעמען אין די אויגן, האָט מען זיך געקושט, זינגענדיק די מאַרסעליעזע און דעם אינטערנאַציאָנאַל.

פאַרבאַריקאַדירט, נישט אַריינשמעקנדיק צו זיי דאָרט אין די גרויסע, ליכטיקע שטיבן, איז דאָס פעטערל איינער אַליין אַפּגעגעסן אין לאַגער־צי־מער, ווו עס האָט אַלעמאָל אין מיטן טאָג געברענט די עלעקטרי. ער האָט אפילו מער נישט געוואָלט אָנקוקן די בלאָנדע, לאַכנדיקע מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך געלעבט גוט און פלעגט אַלעמאָל אַריינכיכיקען אין דער ווייסער וועסט, ווען זיי האָבן זיך מיט אים אַ וויצל־געטון. טעמפּ, מיט דער טעמפּער פאַרטייעטקייט פון אַן אָנגערייצטן, האָט ער געקוקט פון אונטערן שטערן־זאַפּער, ווען זשאַקל מיט נאָך צוויי אויסגעווילטע פון אַטעליע־קאָ־מיטעט, זענען אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן און האָבן יעדע קלייניקייט פאַרשריבן, פאַרצייכנט. ער האָט עס מער נישט געקענט אַריבערטראָגן, דער אַלטער:

— ווי אַזוי — האָט ער זיך געקאָכט — קען מען עס? דערוויל איז דאָ נאָכנישט דער באַלשעוויזם... דערוויל איז נאָך מעסיע בען גרינבערזשעי באַלעבאָס... אַזאַ הפקרות...

אויף זיינע עלטערע יאָרן האָט ער נאָך געמוזט קומען צוגיין אין סינדי־קאַט אַריין, לאָזן זיך פאַרשרייבן און ווערן אַ מיטגליד, אַנישט, האָט מען אים געוואָרנט פון אַטעליע־קאָמיטעט, וועט ער דאָ ווייטער נישט קאָנען אַרבעטן. ווי עפּעס אַ שרץ, האָט ער דאָס רויטע סינדיקאַט־ביכל אָנגענומען מיט צוויי פינגער און באַגיסנדיק זיך איגאַנצן מיט שוויס, האָט ער שווערלעך איבער־געציילט פון זיין פאַרפעטסט בייטעלע די עטלעכע פראַנק מיטגליד־אָפּצאָל. ער האָט זיך אפילו געשעמט צו דערציילן דערבון בענין, געשעמט זיך צו קוקן אים דערנאָך גלייך אין די אויגן אַריין.

די בלאָנדע מיידלעך האָבן זיך מער ווי אַלעמאָל אַרומגעוויצלט מיט אים, גערופן אים „גראַן פּער" (זיידע); און איינמאָל, ווען די פּראָנצויזישע יונגעלייט האָבן געבראַכט צוטראָגן אַהער אַ פּאַטעפאָן און אין דער גערוימער, אויסגעקערטער אַטעליע־שטוב האָט מען געטאַנצט צום טאַקט פון די וואַלסן און טאַנגאָס, איז איינע פון די שטיפערישע מיידלעך געקומען צולויפן אין לאַגער־צימער צו אים און נישט אַנדערש געוואָלט אַריינשלעפּן אים אינדער־מיט, ער זאָל טאַנצן מיט זיי. דער אַלטער האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון אירע הענט. ער האָט כיכיקעט אין דער ווייסער וועסט אַריין און איז פונ־דעסטוועגן נישט געווען אומצופרידן.

זייער קאָמישע זאַכן זענען זיך דאָ פאַרלאָפן מיט די יידישע יונגעלייט, סיי די „פּאַסאָניערס", סיי די אַרבעטער, וואָס האָבן דאָ געמוזט נעבעטיקן. דער עולם האָט זיך געוויצלט אויף זייער חשבון, ווען די ווייבלעך האָבן זיי

בייטאָג אַרויפגעברענגט עפּעס איבערצוטאָפּן.

— שלאָפסט אין די זאַכן, מאָריסל? — האָט אַ „פּאַסאַניער" פּילדייטיק אונטערגעוואונקען צום ייד אינם שטענדיק־צעקנעפּלטן העמדל.

— וואָס ווייסטו? — איז דער ייד נישט שולדיק געבליבן — כ'זאָל האָבן דאָס געלד, וואָס דאָ, אויף די האַרטע טישן, איז מיר נאָך ווײַלער און בעסער. ווי אין מיין „לאַכטיקן" „אַפּאַרטאַמאַן"... די היץ מאַכט דעם טויט, די קינדערלעך, קיינענאַרע, היינט די וואַנצן...

— און דאָס ווייבל וואָס זאָגט, העַ?

— וואָס זאָל זי זאָגן? מילא, ווייסטעך...

ווי אַלע דאָ, איז אויך דאָס פעטערל איין מאָל אין וואָך אָפּגעלאָזן געוואָרן אַהיים נעכטיקן. אָן איבעריקן חשק איז ער אַראָפּ פון די שטיגן און צומאָרגנס באַלד באַגינען איז ער שוין צוריק געווען.

ס'איז אַוועק אַזוי אַ וואָך, צען טעג און מען האָט אַלץ נישט געזען דער שטרייק זאָל זיך אַזוי שנעל ענדיקן.

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

דער בעלוויל פּאַרט קיין שפּאַניע

אין פראַנקרייך האָט מען זיך נאָך געהאַלטן אינמיטן אָפּפרייען מיטן זיג פון פּאָלקס־פראָנט, ווען אויף יענער זייט פירינייען האָט אויפגעפלאַקערט דער בלוטיקער פּאַרטאַט דער בירגער־קריג. זייט יולי 1936 זענען צווישן פּוילן, טשעכיען, עסטרייך, שווייץ און פראַנקרייך פאַרשטאַרקט געוואָרן די גרענעצוואַכן. אין די אויסגעלאָשענע נעכט איז איבערן מיטל־אייראָפּעישן פלאַכלאַנד געשוווימען אַן אַנאָנימע אַרמיי, צוהילף דער שפּאַנישער רעפּובליק. וועלבירט האָט זי זיך ערגעץ, די אינטערנאַציאָנאַלע אַרמיי, אין ווייטן פּוילן, אין די ענגע געסלעך פון דער יידישער אָרעמקייט פון וואַרשע, אין די פאַרשלאָפענע דערפלעך פון ווייסרוסלאַנד און גרויס־פּוילן. אָן פּאַספּאָרטן, אָן וויזעס, מיטן איינציקן העמד אויפן לייב, זענען איבער די גרענעצן געלאָפן יידן, פּאָליאַקן, טשעכן. מיט דער הילף פון „מאַכערס", וואָס האָבן געשוואַרצט פּאַרטיעס יידן קיין פראַנקרייך, ווי זיי האָבן געהערט, אַז מען קען נאָך לעבן, האָבן זיך קליינע אָפּשפּליטערונגען פון דער אַנאָנימער אַרמיי מיטגעקייקלט. פון פּאַריז איז שוין דער וועג געווען לייכטער. דאָ האָבן שוין די קאָמיטעטן אַלץ באַזאָרגט.

אין דעם דאָזיקן זומער איז ליידיק געוואָרן אין די פּאַריזער יידישע אַר־

בעטער־קלובן און דעם בעלווילער קלוב פאר ארבעטסלאזע האט מען לסוף איינגאנצן געשלאסן, ווייל אלע כמעט זענען אוועק אויף די שפאנישע פראנטן. זשאקל האט דארט צום לעצטן מאל באקוקט די ליידיקע ווענט, די אפגעפליקטע אפישן פון א יידישער קולטור־אונטערנעמונג, פארמאכט די טיר הינטער זיך און איז אומעטיק ארונטער פון די שטיגן.

די קליינע, פיבערנדיקע בערזע פאר די אפפארנדיקע האט זיך איצט איבערגעטראגן אין דער קאפע צו שמיל הוי. אין די הארבסטיקע נאכמיטאגן, ווען די פענצטער צום בולוואר זענען געווען פארלאפן מיט א נעפל, האט זיך דארט געטומלט ארום די טישלעך אין הינטערשטן צימער. דער יידישער בעל־וויל האט אנגעטראגן אהער וואס מען האט נאר געקענט. פאר די אפפארנדיקע האט מען געהאלטן אין איין אנברענגען גראבע סוועטערס, ווארעמע אונטער־וועש, לעדערנע קורטקעס, שיך און עסנווארג אויפן וועג. ס'זענען געקומען אלטע הארעפאשניקעס פון בעלוויל, יידן מיט פארברוינטע וואנסעס און מא־גער־אויסגעגאלטע פנימער. זיי האבן אפגעטרייסלט פון רעגן די קאשקעטן און געשטעקט אלעמען די פארהילצערטע פינגער. ס'זענען געקומען אויסגע־מארעטע יידענעס, מיט פרעמדע, קלאפנדיקע ציינער אין די מיילער, מיט גרויע לעקעלעך פון אונטער ארומפארנדיקע בערעטן. זיי האבן אויפגעוויקלט פאפירן, פארשטופט איינעם אין א ווינקל, אפשטעקנדיק אים:

— א פאר ווארעמע גאטקעס.. זאלסט זיך דארט, חלילה, נישט צוקילן.

ס'זענען געקומען מיידלעך מיט צוגעקלעפטן פודער אויף די באקן. אן אויפגעריסן מויל מיט א גאלדענער „קאראנע“ האט נישט געוווסט צי זאל עס לאכן, אדער וויינען:

— ווען מען נעמט כאטש פרויען — האט דאס מיידל געפישטשעט — צו גארנישט טויגן מיר זיך...

שמיל הוי האט ארויסגעהאנגען א גרויסע מאפע פון שפאניע און זשאקל האט אנגעשטעקט אן א שיעור קליינע, רויטע פענדעלעך, וואס האבן אנגע־צייכנט די פראנט־ליניע. אלעמאל, אינדערפרי, האט דער עולם, ארייננשלינגענ־דיק די צייטונגס־טעלעגראמעס, באלד זיך געווארפן צו דער מאפע. געשלעגן זענען דא שיעור נישט אויסגעבראכן. מען האט איבערגעשטעלט די פענדע־לעך, אפילו ווען ס'איז בפירוש געמאלדן געווארן, אז די פאשיסטן האבן פאר־נומען די און די שטאט.

— ע, זיי וועלן דארט לאנג נישט האלטן! — האט מען געברענגט וויכ־טיקע ארגומענטן — זאל נאר אונטערקומען פארשטארקונג. מיט גרונגענע סאלדאטן קען מען קען א פאלק גארנישט אויפטון.

— וואס טויג מיר דיין לאנד־קארטע? — האט ער זיך געקאכט, דער שווארצער קלמן, דער, וואס אז ער רעדט פון א וויכטיקער זאך, קרומט זיך ביי אים אויס ס'מויל — א גוטע קרענק זיי, די פאשיסטן. קיין איין שפאן וועלן

זיי בײַ מיר ווײַטער נישט שטעלן! פֿאַרלאָז זיך אויף מיר. איך בין אין דער עסטרײַכישער אַרמיי געווען אַ לייטענאַנט — האָט ער אָפּגעבאַקן אַ ליגן אויפֿן אָרט — זאָל מען מיר נאָר צולאָזן צו אַ מאַשין־געווער...

עמיצער האָט אים אַ צי־געטון פֿון אונטן, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנס און אַלעמען פֿאַרזיכערט, אַז ער פֿאָרט נאָך די וואָך אָפּ קיין שפּאַניע.

זשאַקל האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט, אַ שטילינקער, אַזוי ווי שטענדיק, און אַזוי, שטילערייט, געהאַלטן זיך אין איין סוד'ען מיט דעם, מיט יענעם; מען איז אַוועק אומבאַמערקט, אַז ערעש, צו דער שפּאַנישער גרענעץ, מיט גענויע אָנווייזונגען און פֿאַרבינדונגען. עס איז שוין באַלד אַ חרפּה געווען אַרומצודרייען זיך אויפֿן בעלוויל. אין דער קאַפֿע בײַ שמיל הוי האָט מען זיך אַזוי אומשולדיק אַ פֿרעג־געטון:

— ביסט נאָך דאָ? אַבי איך האָב געמיינט ביסט שוין אין שפּאַניע...

קיינער האָט זיך פֿון אַזאַ מין פֿרעג נישט געפֿילט איבעריק גוט.

אין דעם טאָג, ווען ביידע געהילפֿן זײַנע, דער קליינער שלמה'לע און דער אַבאַל, האָבן זיך געקליבן אין וועג אַרײַן, איז יאַשקעלע פֿאַרנאַכט־צו פֿאַרפֿאָרן אין דער צעטרייסלטער מאַשין פֿאַר דער קאַפֿע. ער איז געווען אינגאַנצן צערודערט, נישט געוווסט אויף וועלכער וועלט ער איז. ער האָט זיי אָנגעשטאָפּט מיט גאַנצע פּעק זאַכן און עסנוואַרג, געשטופּט זיי געלט. צולעצט האָט ער אַראָפּגעצויגן זײַן לעדערנע שאָפּערסקע וועסט און ביגוואַלד אָנגעטון זי דעם קליינעם שלמה'לען. ער האָט געהאַלטן אין איין שטעלן ביר פֿאַר אַלעמען. ער האָט דערנאָך די געהילפֿן זײַנע, וואָס זענען געווען פֿאַרפֿאָרעט, אַ באַקוקגעטון פֿונדערווײַטנס, מאָדנע־פֿאַרשעמט און האָט עפּעס נישט געפֿונען קיין רייד.

— איר פֿאָרט גאָר „וואָיעווען"! — האָט ער אַרויסגעלאַכט הילכיק, נאָר ער האָט באַלד אָפּגעהאַקט, פֿאַרשטעלט זיך ס'מויל ווי צום הוסטן. ער האָט דערפֿילט, אַז לאַכן פּאַסט נישט אין דעם מאָמענט.

— גלויב מיר אויף נאמנות — האָט ער אין אַ ווינקל גערעדט פֿאַרשולדיקט צו זשאַקלען — איך וואָלט אויך געפֿאָרן, נאָר זעסטאָך — דאָס ווײַבל, די צוויי אַטן...

ער איז שוין דעם גאַנצן טאָג נישט געגאַנגען אינערגעץ, די מאַשין האָט ער געלאָזן וואַרטן בײַ דער קאַפֿע, אָפּגעפֿירט דערנאָך אַ פֿול־געפּאַקטן וואָגן צום וואָקזאַל. שפּעטער האָט ער זיך צוריק אומגעקערט אין דער קאַפֿע. ס'איז דאָרט הענגען־געבליבן אינדערלופֿטן אַ סיגאַרעטן־רויך. אַן עלנטע ליידיקייט האָט אַרײַנגעקוקט דורך די נעפּלדיקע שויבן, אַראָפּגעקוקט פֿון די פֿאַרהויכטע וואַנט־שפּיגלען. ער איז זיצן־געבליבן אויף אַ שפּיץ שטול, דערויכערט אַ סיגאַרעטל און האָט גערעדט אומעטיקלעך צו שמיל הוי, וואָס האָט זיך געשפּאַרט הינטערן קאָנטואַר:

— אויפן אָבאָל פאַרדריסט מיר נישט אַזוי. אויפן קלײנעם שלמה'לען פאַרדריסט מיר. ער איז געפאָרן פאַרגיסן זײן בלוט פאַר אונדז אַלעמען...

עס זענען דערנאָך אָנגעקומען בריוו, פאָטאָגראַפיעס. די אַרבעטער־פּרעסע האָט געבראַכט באַריכטן פון יידישע מיליציאָנערן פון דער „באָטווין"־קאָמפּאַניע. אַ גרויסן אויפגערודער האָט אַרויסגערופן, ווען מען האָט אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג דאָס בילד פון קלײנעם שלמה'לען, ווי ער רייט אויף אַ ווײַס פערד.

— וואָס זאָגסטו נישט צו דעם מזיק? — האָט מען זיך אין דער קאַפּע געריסן פון דער האַנט די צייטונג — שלמה'לע ממזר, ער וועט אין פייער נישט פאַרברענט ווערן!

און אינגיכן איז זשאַקל אַליין אויך אַוועק. ער איז פאַרשוווּנדן אַזוי שטיל און אַזוי אומגעריכט, אַז קײנעם איז גאָרנישט איינגעפאַלן נאָכצופרעגן זיך. געוווּסט האָט בלויז קריינדל און די פּאַרטײַטוּאַרטלעכע.

זי האָט נישט גערעדט, קריינדל, נאָר דאָס האַרץ איז איר מער ווי אַלעמאָל שווער געווען. אייביק פאַרפאָרעט, האָט זי פאַר אַלעמען אויסבאַהאַלטן איר בליק. זי האָט פאַר זשאַקלען אויספאַריכט אַלע זײַנע צעריסענע העמדער, אָנגענייט קנעפּלעך, אויסגעפרעסט, געבלענדט זיך די אויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט . ס'איז געווען דער לעצטער אָוונט, אויף צומאָרגנס האָט ער באַדאַרפט אַוועק. אויף די שפּיצן פינגער האָט זי זיך אַרומגעפאָרעט אינעם ריינלעך־צוגעקליבענעם האָטעל־צימער, זיך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע, צוגעהערט זיך צו זײַן רעגלמעסיקן אָטעם, איז געשטאַנען איבער אים, איינגעקוקט זיך. עפּעס איז ער איר מיטאַמאָל אַזוי נאָענט און ליב געוואָרן. ווען עס איז געשען האָט זי אַליין נישט געוווּסט. עס האָט זי אַלץ אַזוי געמאַטערט און אַפילו אין דער לעצטער מינוט האָט זי עס אים נישט געקענט אַנטפּלעקן, די צונג האָט זיך איר בשום־אופן נישט איבערגעדרייט. ווי לאַנג איז דען, אַז ער איז מיט שטילע טריט שטיינגעבליבן ביי איר טיר, צוגעהערט זיך אַ ווײַלע און נישט־דרייסט אָנגעקלאַפּט?

אומגעריכט פאַר זיך אַליין, האָט זי זיך צוגעבונדן צו אים, גענומען אַפּוואַרטן מיט האַרצקלאַפּעניש זײַנע שטילע טריט אין קאָרידאָר און אַרומגענומען אים מיט אַלע וואַרעמקייטן. ס'האָט זיך גענומען דוכטן, אַז שוין אַן אייביקייט ווי זיי זענען אַזוי פאַרבונדן. איר לעבן האָט אויך באַקומען עפּעס אַ נייעם זין. עס איז נאָך אַלץ שווער געווען — די „פּאַפּירן", די אַרומלויפעניש, דאָס אַרבעטן בגנבה אין די ווינקל־אַטעליעס אויפן בעלוויל. אינעם שבת'דיקן אָוונט, נאָך אַ וואָך אַרבעט, האָבן זיי זיך דערפילט גליקלעך אין שטילן האָטעל־צימער, אונטער דער שיין פון ראָזן אַבאַזשור. דער טשייניק האָט נישט אויפגעהערט פרײלעך צו זידן. זיי זענען געזעסן ביים טיש און געגעסן דאָס היימיש־צוגעגרייטע אָנטבּרויט. ווי מיד זיי זענען

געוועזן פון די טומלדיקע יידישע רעסטאָראַנען, פון די שווערע עסנס, וואָס פטרן דעם מאָגן. ס'איז ליב געוועזן דער געבלימלטער טעלער, דער שיינער קאַפּע־סערוויז, וועלכן קריינדל האָט מיט אַזויפיל געשמאַק צוגעקליבן, און האָט עס אַ שיינענדיקע אַהיימגעבראַכט. יעדע איינגעקויפטע קלייניקייט איז ליב געווען; די סערוועטקעס, די פאָרהענגלעך אַרום בעט און אויפן פענצטער. קריינדל האָט עפּעס אַזוי געשיקט אָפּגעווישט אַלץ, וואָס שמעקט מיט דער עלנטקייט פון די פּאַריזער האָטעלן. זי האָט געטראַכט וועגן דער ווייטער היים, וועגן די שוועסטערן, וואָס האָבן שפּעט חתונה געהאַט און זענען אפשר גליקלעכער ווי זי. נאָך עטלעכע יאָר אָפּזיין דאָ אין דער גרויסער, פרעמדער שטאָט, האָט זי זיך נאָך אַלץ געפילט אַזוי עלנט, ווי זי וואָלט נעכטן אַרונטער פון „גאַר די נאָר". יעדער איז פאַרטון מיט זיך, יעדער באַהאַלט זיך הינטער זיין אָפּגעשלאָסענער טיר. זי האָט אַ סך אָוונטן גערעדט דערפון מיט זשאַקלען; און ער האָט זי פאַרשטאַנען, זשאַקל, נאָך ווי פאַרשטאַנען. טאָקע אַ שטיק הערפאַר איז ער איר אַריין אַזוי טיף אין האַרץ אַריין.

— מיר זענען אפשר דער אומגליקלעכסטער דור — האָט ער גערעדט מיט האַרץ און אַזוויווי קיינער נישט — אָבער צי דען האָבן מיר געקענט אַנדערש? מען האָט נישט געלאָזט לעבן, איז מען געלאָפן אין דער וועלט אַריין. אַ סך מאָל טראַכט איך, אַז מיר האָבן, ווי יענע הייבאַם, אַרויסגעגאָסן דאָס וואַסער מיטן קינד צוזאַמען. אין אונזערע אַלטע היימען איז דאָך געווען אַ סך שיינס אין משפחה־לעבן, אין די פירעכצן, אין דער איינגעזעסנקייט. עס האָט אונדז אַרויסגעוואָרפן אין די גרויסע שטעט אַריין, וו אַלץ איז אויפסניי געווען אָפּגעשלאָסן. צי דען האָב איך געקענט, ווי מיין טאַטע און ווי מיין זיידע, אַרומגיין מיט אַ זעקל איבער די דערפער? אפשר וועלן די קינדער פון דער עמיגראַציע זיך פילן היימישער. מיר זענען — נישט דערפאָרן און נישט דערגאַנגען.

— טאַקע אַזוי — האָט קריינדל אויפגעלויכטן — זינט ווען כ'געדענק, איז מען געלאָפן פון פוילן. און דאָ, די פראַנצויזן, זע איך גאָרנישט, זיי זאָלן ערגעצוווּ לויפן. און אַלץ, וואָס באַזעצט זיך דאָ, נעמט איבער, נישט־ווילנדיק אפילו, דעם אופן פון זייער לעבן.

— אָט דאָס איז עס, ס'איז דער אייביקער געמיש פון פעלקער און קולטורן! ער קומט פאָר נאָכאַנאַנד, פאַר די אויגן פון אונדז אַלעמען און אומבאַמערקט. אַזוי זע איך אונזער עמיגראַציע דאָ. זי וועט זיך אָפּזעצן און פאַרשוואונדן ווערן, פונקט ווי אַ סך עמיגראַציעס. הערוויל זענען מיר דער שוים, דער געמיש. און דעם אמת געזאָגט — מיר פאַסן זיך גאַנץ שנעל צו, מיר נעמען דערוויל אפשר איבער דאָס אויבנאויפיקע און נישט אַלעמאָל דאָס בעסטע. נישט דאָס, פאַרשטייט זיך, איז בראַנקרייך. מיר זענען

דאָס געשמעלץ אין די גוס־אויוונס; אָבער אויך דאָס איז ביי אונז נישט אַזוי פּשוט, ווייניקער פּשוט ווי ביי אַנדערע עמיגראַציעס.

ס'איז געווען אַ מין ווידוי פֿאַר דער אָפּגעפֿרעמדקייט, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען צווישן זיי, ווי אַ וואַנט. זיי האָבן גערעדט וועגן אַלץ און דאָך איז נאָך עפּעס פֿאַרבליבן צווישן זיי נישט דערהערט.

אין לעצטן פֿאַרנאַכט האָט שוין קריינדל מער קיין כוח נישט געהאַט אַראָפּצוקומען אין דער קאַפֿע. זי איז געווען אויסגעשעפּט און מיד פֿון עגמת־נפֿש. אינאָוונט האָט זי זיך מיט דער גאַנצער גרופּע געשפּאַרט אין דער מעטראָ און זשאַקלען האָט זי ערגעץ געזען ביי אַ שויב, אַזוי ווי זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען אין פּאַריז — דער גלייכגילטיקער בליק, די אויפֿגעשטעלטע קלאַפּקעס. מען קען נישט זאָגן, אַז ער איז געווען טרויעריק. אין טומל, ביים אָפּגיין פֿון צוג, האָט זי אים געזען אַ פֿאַרפֿאָרעטן צווישן די פּעק און וואַליזעס. אינם געדראַנג האָט זי נאָך איינמאָל אים דערפֿילט נאָענט לעבן זיך. אין שיין פֿון פּעראָן־לאַמטער, האָט ער שוין מער נישט געזען דעם אומעט אין אירע אויגן און די אומרואיקייט. ווען אַלע האָבן זיך צע־שאָטן, איז זי אַוועק פֿון די לעצטע. זי האָט אים פֿאַרגעסן אַריינצולייגן די עטלעכע אויסגעוואַשענע נאָז־טיכלעך. דאָס פּעקעלע האָט זיך נאַכלעסיק געשאָקלט אויפֿן שנירל און מיט אַ מידן רויש אין די אויערן, האָט זי זיך אומ־געקערט צום נישט־פֿאַרבעטן בעט אין האָטעל־צימער. נאָך איידער זי האָט איבערגעטרעטן די שוועל, האָבן איר שוין געשראָקן די ליידיקע ווענט.

זי האָט ווייטער נישט גערוט, קריינדל, עס איז געווען אַזוי־פֿיל צו טון אין אָט דעם פֿיבערדיקן האַרבסט. עס זענען אַוועק קיין שפּאַניע מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלאָזן פֿרויען, קינדער, צערודערטע אַטעליעס. טייל האָבן אַפֿילו די פֿרויען נישט אָנגעזאָגט, מורא געהאַט, אַז מען וועט זיי נישט לאָזן פֿאָרן; עס זענען פֿאַרבליבן יונגע פֿרויען מיט אָפּגעלאָפֿענע אויסווייזן, אָן שום מעגלעכקייט צו לעבן. די, וואָס האָבן געבעטן מיטצופֿאָרן, ווערן דאָרט קראַנקן־שוועסטערן אויף די פֿראָנטן, האָט מען נישט אַקצעפּטירט. מען האָט זיי באַדאַרפֿט אויסטיילן הילף, באַשעפֿטיקן זיך מיט זיי, באַרואיקן די פֿרויען מיט פּיצלעך קינדער אויף די הענט. אין „שפּאַנישן קאָמיטעט" האָט מען קריינדלען גוט געקענט. נאָך די אַרבעטס־שעהן און אין די פֿרייע טעג איז קריינדל געקומען אָנצולויפֿן מיט זאַמל־ליסטעס, מיט פּעק קינדער־זאַכן: זי איז אַרומגעלאָפֿן און צוזאַמענגענומען פֿאַרן קליינוואַרג פֿון די שפּאַנישע מיליציאָנערן. די אַלע פֿרויען האָבן זי שוין אָפּגעוואַרט און זענען צוגעפֿאַלן:

— שוין פֿיר וואָכן, טייערע, אַז איך האָב קיין בריוול נישט. דאָס קינד האַלט מיר אין איין מאַטערן: ווען קומט שוין דער פּאַפּאַ?

פאַר אַלעמען האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט, זי האָט אַלעמען געקענט אויף די נעמען, געוווּסט וואָס זיי טוט וויי.

— צעשקע, אָט האָב איך אַ פּאָר שיכלעך, פּונקט אָנגעמאָסטן פאַר דיין זיסער פיערעט. אַ גאָלדן קינד. וואָס מאַכט זי, די מויד? זי דאַרף שוין באַלד גיין אין שולע.

זיי האָבן אַלע עפּעס געהאַט מער צוטרוי צו קריינדלען, ווי צו די באַבריליטע יינגעלייט, ווי צו די קורץ־אונטערגעשוירענע מיידעלך, וואָס האָבן געבלאָזן פון זיך דעם רויך פון סיגאַרעטן, געקלאַפּט אויף שרייב־מאַשינקעס און גערעדט ליטוויש.

אין קאָמיטעט אַריין האָבן אָנגעהויבן קומען פרויען מיט רויטע פלעקן אונטער די אויגן, מיט אַ פלאַם אין די באַקן, אָנגעטון אין טרויער. מען האָט זיי באַדאַרפט אויפנעמען, טרייסטן, זאָגן זיי דאָס וואָרט, וואָס קומט פון טיפן האַרצן. די ווערטער „ער איז געפאַלן פאַר אַ גרויסער אידעע“, מיט וועלכע דער חבר דזשעק האָט זיי באַגעגנט, האָבן זיי געלאָזן קאַלט; אַנדערע האָבן עס אפילו אויפגענומען מיט פאַרדרוס און מיט זידלערייען. קריינדל איז אַליין געלאָפן צו די אַלמנות אויף די שטאָקן, אָפּגעזעסן שעהן, גערעדט, באַרואיקט. מען האָט זי גאָרנישט געוואָלט אָפּלאָזן, די קינדער זענען געוואָרן מיט איר היימיש, זענען געזעסן ביי איר אויף דער שויס.

שפּעט ביינאַכט האָט זי זיך אומגעקערט צום ריינינקן צימער אין פינצטערן האָטעל, וווּ עס האָט אויף איר אַ יאָג געטון דער ווינט פון עלנט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ בענקל, אַריינגענומען דעם קאָפּ צווישן אירע הענט און האָט לאַנג נישט געקענט זיך אויפריסן. ס'איז איר געווען שלעכט, שלעכט און גלייכצייטיק האָט אַזאַ זיסער שווידער געמאַכט זי אויפציטערן. אירע הענט האָבן זיך עטלעכע מאָל געטרייסלט איבערן בייגעלע פּאַפּיר און זי האָט עס אים בשום־אופן נישט געקענט אָנשרייבן, זשאַקלען. ווי קען זי דען איצט ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט, ווי אַזוי? פונדעסטוועגן האָט זיך אויפגעוועקט ביי איר אַ מאָדנע נייגעריקייט. זי איז געוואָרן פולער, ווייבלעכער, אפילו שענער. אין „שפּאַנישן קאָמיטעט“ האָט דער חבר דזשעק, אַ פאַרטועכער אין דער ביוראָ, געפונען צייט אַ וויצל צו טון זיך מיט איר:

— זינט ווען זשאַקל איז אַוועק קיין שפּאַניע, ביסטו, אויף מיין וואָרט, שענער געוואָרן. שיינסט!

זי איז נישט געווינט געווען אויסצוהערן אַזעלכע קאָמפּלימענטן, האָט זי אָפּגעדעקט די גאָלדענע „קאַראַנע“, אין זייטיקן, פאַרלעגענעם שמייכל און פאַרלוירן אַוועקגעדרייט זיך. זי האָט אים נישט ליב געהאַט, דזשעקן, שטענדיק אויסגעמיטן אים. אַלע ווייבלעך פון די מיליציאָנערן, וואָס זענען אַרויפגעקומען אַהער, האָט ער געפרעסן מיט די אויגן, געהאַט מיט יעדערע

צו סוד'ען זיך. מען האט דערציילט וועגן אים זייער נישט קיין שיינע זאכן. זי האט געוווסט וועגן זשאקלס מיינונג וועגן אים שוין פונלאנג. מיט אט דער זאשקען, וואס איז אמאל ארומגעשוווימען אין דער „ליגע", האט ער שוין איצט אויך מער נישט געוווינט. קיינער האט זיך אפילו נישט געוווּנדערט. זי האט א שטיק צייט געהאט א שיכות מיט עפעס א פראנצויזישן מאלער אויפן מאנפארנאס; הערנאך האט זי געבאלעוועט אויף דער ריוויערע מיט אן ארויסגעארבעטן יידישן קאנפעקציאנער. פון הער יידישער סביבה אין פאריז איז זי אינגאנצן פארשוווּנדן געווארן.

קריינדל האט נישט ליב געהאט צופיל ארומצופלוידערן און שטארק אויסגעהיטן זיך צו בארעדן. זי האט מיטגעברענגט פון איר היים אין פוילן דעם רעספעקט פאר די, וואס גיבן אפ זייער צייט, זייער ענערגיע, זייער לעבן פאר דער זאך פון אלעמען. זי האט אפילו נישט געמאכט קיין רייד דערפון, ווען זי האט אלץ צוגעזען וואס עס טוט זיך אפ אין די נאמענלאזע האטעלן אויפן בעלוויל; דאס צופעליקע צונויפגיין און פונאנדערגיין זיך, די אומגליקלעכע קינדער, וואס קומען אויף דער וועלט. די באדינגונגען, האט זי געוווּסט, די הפקרדיקע אויסגעווארצלטקייט, דערפירן דערצו. כאטש ס'האט וויי־געטון זען ארומפלאטערן די צוגעפוצטע ווייבלעך פון די מיליציאנערן. זי האט א סך געלייענט וועגן משפחה־לעבן אין ראטנפארבאנד, די שארפע קריטיק פארן שלעכטן פארשטיין הען ענין פרייע ליבע. זי האט געוווּסט, אז דער מענטש, באפרייט פון אלע קייטן און פון אלע פאראורטיילן, האט זיך נאך אינערגעץ גרינטלעך נישט געענדערט, אז ס'איז א פראצעס אויף דורות. נאר דזשעקן מיט זיינע פירעכצן האט זי פונדעסטוועגן נישט געקענט פארליידן. פון אים, וואס האט אויף די פארזאמלונגען געווארפן אזויפיל שיינע פראזן, האט זי עפעס מער געפאדערט.

אויפן ניי־יאר־באל, וואס איז איינגעארדנט געווארן לטובת דעם „שפאנישן קאמיטעט", איז קריינדל געווען פארפארעט ארום בופעט. אויסגעסטראיעט אין לאנגע, זיידענע באל־קליידער, מיט אן אנגעזעצטן, פראסטיקן טוי אויף די אנדולירטע פריזורן, זענען די ווייבער אנגעפלאסן אין זאל אריין. די מוזיק האט נישט אויפגעהערט ביז פארטאג. ס'רוב איז זיך צונאמענגעקומען ערשט פאר האלבער נאכט. מען האט נאך געהאלטן אינמיטן אוועקרוימען די שטולן, נאכן ארטיסטישן פראגראם און נאך די פייערלעכע גערעדנק־רעדעס. אלע ווינקעלעך פון זאל זענען געווען אנגעגאסן מיט א שארף, רווישיק ליכט, וואס האט געשטאכן אין די אויגן. איבערן געוועקסטן פארקעט האט א פלאטער־געטון דער ערשטער וואלס און אלץ האט זיך אוועקגעוויגט אין טאנץ.

נישט ווילנדיק איז אויסגעקומען, אז א קליינע גרופע ברויען פון מיליציאנערן, וואס האט זיך דעם גאנצן אוונט געפארעט ארום בופעט, איז

פארבליבן אזוי אינאזייט. געווען איז עס דערפאר אפשר, ווייל ביי אייניקע פון זיי איז געווען א גלייכגילטיקער טרויער אין בליק, א בלייבקייט און דאמינירט האט אין זייער קליידונג דער שווארצער טאן. געהאלטן האבן זיי זיך פונדעסטוועגן פריי, געלאכט אויפן קול און אייניקע פון זיי, אייבערהויפט די בלאנדע מערי, האבן זיך צוריקגעהאלטן און נישט דרייסט געלאזן איינלאדן זיך צום טאנץ. ס'איז, זעט אויס, געווען די אמביציע פונם עולם נישט צו לאזן זיי אינאזייט. עס האט זיך דערנאך ארויסגעוויזן, אז אויף דעם דאזיקן אוונט האבן זיי געהאט הערפאלג מער ווי אלע אנהערע. זי האט געהאט לאכנדיקע גריבעלעך, די מערי, א לאנגן, ווייסן האלדז און געהילכט האט ברוסטיק איר שטים, ווי א גלעקעלע; נאר מען האט נישט געווסט צי דאס לאכט זי אלעמאל אזוי, צי בלויז איצט, ווען זי וויל באווייזן, אז טרויער נאך איר מאן, וואס איז געפאלן ביים פארטיידיקן מאדריד, קען מען טראגן טיף אין זיך און נישט פארוואנדלען אים אין קאקעטעריע. צי אפשר גאר דערפאר, ווייל צום טאנצן האט זי צופעליק פארבעטן זייער א סימפאטישער בחור, מיט א ראז פנים, כמעט א יינגל נאך. ס'איז געווען מער שפאס, ווי ערנסט, צו פארוויילן זיך דעם אוונט מיט אט דעם פארטנער; אבער טאנצן, האט זיך ארויסגעוויזן, קען ער אויסגעצייכנט.

זי האט אליין נישט געוווסט ווי פיין עס מאכן איר די טרויער־קליידער. אין די שפיגלען פון זאל, פאר וועלכע זי האט פארביינגעפלאטערט, האט זי זיך דערזען אזא צערויטלטע, א שיינענדיקע, א פארפלאמטע.

— ס'קליידט אייך, ווייסט איר, זייער שיין — האט דער בחור אין טאנץ אראפגעבויגן זיך צו איר קליינעם, ראזן אויער, צווישן אירע בלאנדע קוטשערלעך.

— איך פארשטיי נישט — האט זי געשמייכלט פארגאפט.

— דער שווארצער טאן שלאגט פיין אפ אייער בלאסטקייט... און אלץ...

און זי האט דערפילט מיטאמאל, אז זיינע הענט, וואס נעמען זי לייכט ארום אין פרילינגדיקן האלס, פיבערן, און אט דער פיבער גיט זיך איר אייבער; און עס איז איר מיטאמאל באפאלן אזא שוואכקייט. די אנגעהיצטע פנימער האבן א שווינדל־געטון פאר די אויגן, איר טראט האט זיך לייכט פארפלאנטערט און אלץ — דער זאל, די שפיגלען, דער בלויער, הייסער נעפל, שווימען אוועק פאר איר בליק. דער ארקעסטער האט געשפילט דעם לעצטן וואלס, ווען זיי זענען צוגעפאלן אין איינעם פון די פארשאטנטע ווינקלען. אין די הויכע פענצטער האט שוין געגרויט דער טאג.

אין ווינט פון אויפגעמאכטע טירן האבן פאר קריינדלען פארביינגעשווינדלט באקאנטע און אומבאקאנטע פנימער. אלע האבן געקלעפט ארום די מיליציאנערן, וואס האבן זיך אריבערגעכאפט אויף אורלויב, אין האלב־מיליטערישע, געפאסטע אוניפארמען. זיי האבן זיך אנדערציילט וונדער

פון די פראַנטן. מען האָט שוין הערנאָך נישט געזען, אַז די יונגע אלמנות זאָלן אַזוי שטאַרק טרויערן. זיי האָבן צוזאַמען מיט די אורלויבניקעס באַ־לייגט דעם בופעט, צווישן איין טאַנץ און אַנדערן, מיט געלעכטערן און מיט טומל; און דזשעק — צווישן זיי. ס'איז געווען איינער פון די לעצטע אָוונטן, ווען זי האָט אים זייטיק באַטראַכט, קריינדל, ווייל באַלד דערנאָך איז ער עפּעס פאַרשווונדן, איז אַוועק, מען האָט אים שוין מער נישט געזען, נישט אין „שפּאַנישן קאָמיטעט", נישט אין דער „ליגע". דערנאָך האָבן שוין אַלע געוווּסט. אויף די טרעפּ אין דער „ליגע" און אין דער קאַפע ביי שמיל הוי האָט מען שוין געוווּסט, אַז דזשעק איז פּלצים נישט מסכּים מיט די מאָסקווער פּראָצעסן, מיט ד ע ר טאַקטיק, מיט י ע נ ע ר טאַקטיק; מיט איין וואָרט — נישט מסכּים. אָבער דאָס וויכטיקסטע, וואָס אַלע האָבן געוווּסט — מען האָט אים באַשטימט, ער זאָל פאָרן קיין שפּאַניע און ער האָט מיט פאַרשיידענע אויסריידן אָפּגעוואָרפן. קריינדל האָט שווייגנדיק אויסגעהערט אַלע רײדערייען, גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַזוי דין געשמייכלט, ווי איר שטייגער איז. עס האָט איר נאָר געווונדערט, ווי אַזוי דער דזשעק האָט זיך יאָרנלאַנג אַרומגעדרייט אין דער „ליגע", פאַרוואָס ער איז נישט אַוועק אַ סך פריער.

אַ שטילער דרך־ארץ האָט זיך אויפגעוועקט ביי איר צו זשאַקלען, וואָס האָט זיך יאָרנלאַנג געמאַטערט אויף דער עמיגראַציע, אַליין אַמאָל געשאַרט זיך אין די ווינקעלעך און נישט געוואַרט אויף קיין כּיבודים. ס'האָט איר ווי געטון פאַר אים, פאַר זיך, פאַר זיין קינד, וואָס זי טראָגט אונטער איר האַרץ. די האַנט האָט איר לאַנג געציטערט, ביז זי האָט עס אים אָנגעשריבן: זי אַט אים געזאָגט אינם קרום-באַשריבענעם בייגעלע פּאַפּיר, אַז ס'איז אַ גרויס אומגליק איצט צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט, אַז זי זעט נישט קיין מעגלעכקייטן ווי אַזוי צו האָדעווען עס, אַז ס'איז איר זייער שלעכט און — אַז זי איז זייער גליקלעך. ס'איז אַוועק אַזוי פיר וואָכן, פינף וואָכן, נישט ס'איז געקומען אַ ידיעה און נישט זי האָט געהאַט אַ גרויס דורך ווע־מען. געוווּסט האָט זי אַז ער איז שוין לאַנג אויפן פראָנט. זי האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט גענוי וואָס אַזוינס עס איז אַ פראָנט; אָבער ווען זי וואָלט אפילו יאָ געוווּסט, וואָלט זי זיך אויך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס קען אַמאָל געשען, אַז זשאַקל זאָל שוין טאַקע מער קיינמאָל נישט צוריקקומען, אַז ער זאָל שוין האָרט בלייבן ערגעץ אין דער פרעמד, אַ פאַרגעסענער אויף אייביק, אַזוי פאַרבונדן האָט זי זיך דערפילט מיט אים.

זי האָט זיך נישט גענאַרט. ס'איז אינגיכן אָנגעקומען אַ בריוו מיט אַן אַ שיעור מאַרקעס און שטעמפּלען. זי האָט אים געלייענט און טרערן פון דערלייכטערונג האָבן געפּערלט אויף אירע וויעס. „פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרנישט דערציילט, קינד? אַזאַ סוד האָסטו אויסבאַהאַלטן פאַר מיר? איך

האָב דיין בריוו געלייענט אין דער טראַנשיי, נאָך אַ קאַלטער נאַכט, נאָך אַ טראָפּישן רעגן. דורכגעווייקטע, האָבן מיר אײַנדערפֿרי דעם שונא געענטפֿערט מיט אַ שטאַרק פֿייער. איצט ליגן מיר ביים קוילן־וואַרפֿער און מיר היטן. די לאַנדשאַפֿט איז דאָ אַ מאָדנע, עס דוכט זיך, אַז די בערג וועלן אונדז דערדריקן. איך ווייס, קריינדל, ווי שווער דיר איז געווען און ווי שווער דיר וועט זיין. איך האָב לאַנג געטראַכט וועגן דיר, וועגן אונדז. לאָז עס שוין איבער, קריינדל, עס איז אפשר בעסער אַזוי, ווייל מען קען קיינמאָל גאָר נישט וויסן..."

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

און אָט איז עס...

ער האָט זיך דערמאָלט אומזיסט אַזוי געשראָקן, בעני. ס'איז געווען אַ גרויסע כמאַרע און אַ קליינער רעגן.

— ווייסער וואָס, ס'איז ווערט אַ שמעק טאַביק! — האָט ער זיך אין פּאַטראָנען־סינדיקאַט אויסגעשמועסט אויף פּראָסט מאַמע־לשון מיט איינעם אַ קאָנפעקציאָנער, מעסיע מענק, וואָס האָט געטראָגן אַ קאָמעץ־בערדל און אַ גרויסן בריליאַנט אויפן האָריקן פינגער — איר זעט דען נישט אַליין ווי זיי בעטן זיך פֿאַרן לעפל עסן, ווי זיי חלשן מען זאָל וואָס שנעלער פֿאַרענדיקן מיטן שטרייק? מ'וועט זיי דאָרט נאָכגעבן דעם באַצאָלטן אורלויב, מען וועט זיי נאָכגעבן די 40 שעה, אָבער די פּרייזן פון יעדן מינדסטן קריש וועלן פליען אינדערלופֿטן. ס'וועט זיי דיזעלבע כלה, נאָר אַנדערש געשלייערט...

ער וואָלט אים דערמאָלט אָפּגעזאָגט, זשאַקלען, נאָר ער האָט זיך שוין איצט נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן דעם סינדיקאַט, וואָס איז אין יענע טעג אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער קראַפֿט. אָבער מער קוקן אים אין די אויגן אַריין האָט ער שוין נישט געקענט. ער האָט זיך מער נישט געוואָלט טרעפן מיט אים אויג אויף אויג. ער האָט שוין געקענט זיינע אַרגומענטן פון אויסנווייניק, זיינע שטעכווערטלעך, זיין געלעכטערל. אויסלענדער, איינגעבעטעטע געסט, האָבן זיי זיך נאָך באַדאַרפֿט צו מישן אין די אַלע גראַטשקעס, קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריין...

נאָר זשאַקל האָט זיך געטון זיינס; געפירט די אַרבעט אַלס דעלעגאַט פון דער אַטעליע און אַז ס'איז ווען אויסגעקומען, אַז מ'האָט באַדאַרפֿט אונטערהאַנדלען, אויסגלייכן, האָט בעני פון פֿאָראויס אַלץ אונטערגעשריבן,

אַבי נישט אָנצוקוקן אים. דערנאָך איז ער פּלוצים פאַרשווּנדן געוואָרן. זשאַקל. עטלעכע טעג האָט ער נישט געוווּסט וואָס ס'איז געשען. און ווען מען איז אים געקומען אָנזאָגן, אַז ער איז אַוועק קיין שפּאַניע, איז ער צו־ערשט צופרידן געווען, וואָס ער איז אים פּטור געוואָרן און האָט זיך פונ־דעסטוועגן פאַרטראַכט. אַזאַ געפיל האָט ער נאָכנישט געהאַט. ער האָט גע־קוקט דורך די מאַטע שויבן און געזען פאַרבייאַיילן שאָטנס. ס'איז דאָרט אַלעמאָל געווען אַ געגיי פון איין טיר אין דער אַנדערער. די אַטעליע האָט גערוישט. ער האָט אָפּגערוקט פון זיך די דאָסיעס, די רעכענונגען, איז זיצן געבליבן דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיטביידע הענט. געווען יאָרן, ווען ער האָט אים נישט געזען, נישט געוווּסט ווו ער איז אַהינגעקומען, שוין געהאַט פאַרגעסן אין אים. ערשט פאַר־צוויי־יאָרן האָט ער אים אויפגעזוכט און אַריינגענומען צו זיך אַרבעטן. "ער איז פון די אמת'ע, פון די, אויף וועלכע מען קען זיך פאַרלאָזן. אָבער פאַרט, ס'איז זיי נישט צו פאַרשטיין, דידאָ־זיקע... ער וואָלט אַ שטייגער, שטאַרק צופרידן געווען, ווען זשאַקל זאָל זיך דאָ מיטאַמאָל באַווייזן ביי אים מיט אַ ליסטע, מיט אַ זאַמלונג. ער וואָלט ברייט אויפגעמאַכט דעם טייסטער און געגעבן אַזאַ סומע, אַז ער אַליין וואָלט זיך געמעגט פאַרווּנדערן. זאָלן זיי וויסן, אַז בעני איז נאָכנישט פון די ערגסטע".

אָבער שפּעטער האָט ער, ווי דער שטייגער, ווידער אין אַלעם פאַרגעסן. די שטוב, די אַטעליע האָבן אים וויניק צייט געלאָזן נאָכצוטראַכטן דאָרט. ס'איז נאָר געווען אַ מינוט, אַן איבערגאַנג. אין דער אַטעליע איז אַלץ גע־גאַנגען ווי געווינלעך, אויסגערעכנט, פאַראויסגעזען, כאָטש זינט די גרויסע שטרייקן איז נאָך אַלץ גאָרנישט געווען סטאַביליזירט. אין די צייטונגען האָט מען אַלץ געשמועסט וועגן מלחמה און דאָס האָט אַלץ צעדרייט. דאָ האָט אויסגעפעלט דער אַרטיקל, דאָ זענען מיטאַמאָל די פּרייזן פון לעדער געשטיגן איבער נאַכט אויף טאָפּלט. דאָס געלט איז ביליקער געוואָרן, האָט נישט געהאַט דעם ווערט ווי אַמאָל.

די גרעסטע דאגה ביי אים איז נאָך אַלץ געווען די שטוב — רוזשעלע, אירע משונה'דיקע פירעכצן. זי האָט שוין באַלד אַליין נישט געוווּסט אויף וואָס זי גייט, געשפּרונגען פון דער הויט און אין דער שטאָט פון גרעסטן לוקסוס, איז שוין גאָרנישט מער געווען, וואָס זאָל איר זעטיקן. אַלערלעי מאָדעס, אַזוינע קליידער, אַזאַ משוגעת. זי האָט זיך נאָך אַלץ געפּוצט ווי אַ מיידע־לע. עס זענען געקומען מענטשן און האָבן אים זייטיק געגעבן אָנצוהערן, אַז זי פירט זיך צופיל אַרום מיט עפּעס איינעם אַ צעפלויגענעם קינסטלער. עפּעס האָט ער יאָ געגלויבט, נישט געגלויבט, אָבער אומרואיק האָט עס אים אויף אַ האָר נישט געלאָזן. "דיין באָרד שטעכט" — האָט זי אים נישט איינ־מאָל בייטאָגכט לייכט אָפּגעשטויסן. זי איז געוואָרן פאַר אים אַזוי ווי אומ־

צוטריטלעך און אזוי־ווי איינגעהילט אין א וואל פון פארפומען, וואס האבן געדייצט אין די נאזלעכער.

— רוזשעלע — האט ער זיך געבעטן — דריי זיך אום, איך האב מיט דיר עפעס אדורכצושמועסן. אז ווען איך קום אהיים, איז אדער ביסט נישטא, אדער דו שלאפסט.

— איך בין קראנק! — איז אלעמאל געווען דערויף איר ענטפער — לאז מיך!

ס'איז אים שלעכט געווען אין זיין אייגן הויז, ער האט זיך געפילט פרעמד אין די סאלאנען, ווו ס'איז אינמיטן העלן טאג געשטאנען א קילע טונקלקייט. דאס ווייב איז אים פרעמד געווען און דאס אונטערוואקסנדיקע יינגל, דאס רויט־האריקע, איז אים אויך פרעמד געווען. דאס יינגל מיט די גרויסע ברילן איבערן קליינעם קארטאפל־נעזל איז שוין איצט געשטאנען אין א ליציי, איז געווען פארנומען ביי זיינע ביכער, ביי זיינע קאלעגן. צו מיטאג האט ער זיך אלעמאל פארשפעטיקט, איז אריינגעקומען, קוים באריירט די שפיץ נאז דעם טאטן, דער מאמען, אוועקגעזעצט זיך אינאזייט און ווייניק גערעדט. פון צייט צו צייט האט ער נאר זייער איידל פאריכט דעם טאטן א ווארט אין פראנצויזיש. דאס האט אים שוין אינגאנצן ארויסגעברענגט פון די כלים.

— וואס? — האט ער זיך געקאכט — איך קען שוין נישט רעדן ביי מיר אין שטוב ווי אזוי איך וויל?...

און ער אז איבערגעגאנגען צו רעדן פראסט אויף יידיש, ווייל ער האט זיך געפילט פרייער אזוי. רוזשעלע האט זיך שוין אבער געקניפן די באקן:

— הער אויף! — האט זי אים אנגעקוקט מיט קיילעכדיקע אויגן — וועסט איבערפירן דאס קינד דעם „אקסאן". מען דארף נאך זען אין זיין רעדן, אז ער איז נישט קיין פראנצויז. מער פעלט מיר נישט....

ער האט אוועקגעשמיסן דאס עסן אינדערמיט און איז אנטלאפן צוריק אין דער אטעליע. אביסל איז ער געפארן מיט דער מעטרא און דירעשט איז ער געגאנגען צופוס, נישט געאיילט. אויפן וועג האט ער זיך באקוקט אין אלע שפיגלען, באמערקט די גרוי־ווערנדיקע שלייפן און זיך אליין עפעס נישט דערקענט. ווי מאדנע ענלעך ער ווערט צו זיין טאטן. אזוי צערודערט איז ער נאך קיינמאל נישט געווען. „זאל זי שוין קומען, די מלחמה" — האט ער זיך, א פארבלענדטער, אויפגעריסן פונם בארג נאכמיטאג־צייטונגען און אוועקגעשמיסן זיי פון זיך. אומעטום האט מען גערעדט פון מלחמה. אלע גרויסע צייטונגס־קעפ, אלע פאטאגראפיעס האבן געוויזן היטלערן און מוסאליני, דעם צוזאמענקום אין מינכען. ער וועט ליקווידירן אלץ און אוועק קיין אמעריקע. אפשר וועט זיך פארט עפעס ענדערן. שאט נישט, זאל אייראפע אביסל אפגייען אין בלוט, מילא, זארגן פאר אלעמען קען מען נישט.

יאָ, פונדעסטוועגן וואָלט מען באַדאַרפט זען אַריבערשיקן אַ פּאָר פראַנק דער שוועסטער מיט די קינדערלעך. זיי מאַטערן זיך דאָרט, דער מאַן גייט אַרום ליידיק. מען וואָלט אויך געדאַרפט שטעלן אַ מצבה דער מאַמען. דער ברודער פון אַרגענטינע איילט זיך אויך נישט צו־שטאַרק. יעדער איז פאַרטון מיט זיך.

די טעלעפאָנען האָבן אים פאַרווישט און ווידער האָט ער אין אַלעם פאַרגעסן. ס'איז ווידער געווען הויך־סעזאָן, מען האָט געריסן פון אונטער די הענט, מען האָט געקויפט מער ווי שטענדיק. קיינער האָט נישט געוואָלט האַלטן ביי זיך קיין געלט. ס'איז עפּעס אַזוי ווי שטילער געוואָרן אויך, מען האָט שוין נישט אַזויפיל געליאַרעמט מיט דער מלחמה. דער ווינטער איז אַדורך רויק, אַלץ האָט געלעבט, אַלץ האָט געהוליעט. זינט ווען מען רעדט וועגן מלחמה, וועגן די שרעקלעכע גאַזן, וועגן די אַוויאָנען, וואָס קענען אין געציילטע מינוטן אָפּמעקן שטעט און מיליאָנען, האָט מען זיך שוין צוגעוווינט דערצו. ס'האָט שוין קיין באַזונדערן איינדרוק נישט געמאַכט. נאָך אַ וויזיט פון אַן אויסערן־מיניסטער, נאָך אַ קאָנפערענץ. פאַריז, האָט ער געטראַכט, לעבט נאָר מיט אָט די סענסאַציעס, ס'איז אַ שטאָט, וווּ מען זוכט וואָס מער עמאָציע. ערגעץ אַנדערש קלערט מען אפילו נישט דערפון. די אַרויסגעטריבענע יידן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער גרענעץ פון זבאָנשין, די פּאָגראָמען אין פּוילן און אין דייטשלאַנד, די שיף מיט די יידן, וועלכע קיין לאַנד וויל נישט אויפנעמען — דאָס זענען געווען ווייטע אָפּקלאַנגען, וואָס האָבן אים פאַרביילויפנדיק אָנגערירט. פון צייט צו צייט האָט דאָרט עמיצער פון די יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אָנגעקלאַפּט ביי אים אין דער טיר. ער האָט זיי לאַנג געלאָזן וואַרטן, אויפגענומען זיי צווישן צוויי טעלעפאָנען אויף אַ רגע, אויסגעהערט מיט איין אויער וואָס יענער דערציילט אים דאָרטן, אָפּגעשטעקט אויף דער שנעל עטלעכע פראַנק און צופרידן געווען, ווען זיי זענען אַוועק.

אין מאָנאַט סעפּטעמבער, ווען פּוילן איז פּלוצים אַטאַקירט געוואָרן, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ קאָשמאַר. פאָרנדיק אין וואָגן פון דער ווילע, ערגעץ ביים פּאָרט ווענסען, ביז צו דער אַטעליע אויף רי סט. דעני, האָט ער אויף דער גאַס גאָרנישט באַמערקט, ס'איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן צו באַמערקן; ער האָט נישט באַמערקט די אומגעוויינלעכע באַלעבאַטקייט אויף די גרויסע בולוואַרן, די פאַרשטאַרקטע פּאָליציי־פּאַטרולן אויף אַלע ראָגן, דעם געליאַרעם פון די צייטונגס־פאַרקויפער, די לאַנגע רייען אַרום די באַנק־הייזער. דער גערויש פון צענטער שטאָט איז אים פאָרגעקומען ווי געוויינלעך, ווי ס'וואָלט גאָרנישט נישט פּאַסירט. ער איז פאַרפאָרן אין קליינעם גאַראַזש, אויפגעהויבן זיך מיט דער ווינדע און פאַרקלאַפּט די גלעזערנע טיר הינטער זיך. ער האָט געהאַלטן אינמיטן דורכבליקן די

בריוו, ווו איינציקע באַשטעלונגען זענען פּלוצים אָפּגערופן געוואָרן, ווו אייניקע „הייזער" האָבן דרינגענדיק געבעטן צו ליווערן די באַשטעלונגען, ווי ער האָט פאַרנומען נישט קיין קלאַפּן, נאָר אַזויווי אַ גראַבלען אין דער טיר. ער האָט דערקענט דעם געשאַרך פון זיין טרייסטן היטער, פון פעטערל. אַזוי פרי פלעגט ער קיינמאָל צו אים נישט אַריינקומען. אַלע זיינע סודות, אַלע זיינע באַריכטן פלעגט ער אים ברענגען אין שפּעטן פרימאָרגן, ווען אַלע טירן האָבן געקלאַפּט, ווען דאָס איבערשרייען זיך פון די אַרבעטער האָט פאַרטויבט, ווען די ניי־מאַשינען און די „קלאַפּערס" האָבן נישט געלאָזן אָפּט דערהערן וואָס מען רעדט. דעמאָלט ערשט האָט ער זיך שטיל אַריינגעשאַרט, שטיינגעבליבן און געוואַרט ביז בעני וועט אים הייסן זיצן.

— וואָס וועט איצטער זיין, מעסיע גרינבערגער? — איז ער געוואָרן נאָך קלענער, דער ריינלעכער ייד מיטן איינגעשטייפטן קאָלנער.

— וואָס? זיי שטרייקן שוין ווידער — האָט ער אויפגעמאַכט אַ פּאָר אויגן און אַזויווי צום ערשטן מאָל דערזען לעבן זיך דעם מענטש. ער איז אים אין דעם פרימאָרגן פאַרגעקומען אַ סך עלטער, ווי געוויינלעך.

— וואָס, איר קומט דען נישט פון גאָס? איר ווייסט נישט אַז מיר האָבן שוין מלחמה? וואָס וועט ווערן פון דער אַטעליע, פון די קליענטן, פון די „הייזער"? ...

ער האָט אים נאָך באַוויזן קאַלט אָפּצוענטפערן:

— הער מעסיע גרינבערגער וויים וואָס ער האָט צו טון. מירן אַרבעטן פאַר דער אַרמיי. איז נישט קיין סאַקן. פאַרלירט נאָר נישט דעם קאָפּ, אָנקל.

און מער האָט ער אים שוין נישט געזען פאַר זיך. אין די ליכטיקע אַטעליע־שטיבן איז שוין געווען פאַרזאַמלט דער גאַנצער פּערסאָנאַל. די בלאָנדע מיידלעך האָבן אפילו נישט אַראָפּגעוואָרפן די מאַנטלען, נישט אָנגעצויגן די ווייסע בלוזן אין דעם פרימאָרגן. מען איז געווען צעזעצט אויף די לאַנגע טישן, אַרונטערגעהאָנגען די פיס און איבער אַלעמען — אַ סיגאַרעטן־נעפּל. די אַלע פראַנצויזן, וואָס האָבן אַלעמאָל אַזוי נישט דרייסט אָנגעקלאַפּט ביי אים אין ביוראָ, געדעט איידל, האָבן אים איצט אַזויווי נישט באַמערקט; הויך גערעדט, געקנייטשט די צייטונג אין דער האַנט און געוויזן זיך די מאָביליזאַציע־צעטלען, וואָס זיי האָבן אין פרימאָרגן באַקומען צוגעשיקט. איינע פון די ביוראָ־מיידלעך, מיט אַ קאָפּ קאַרבירטע קוטשערלעך און קאַרשן־ליפּן, האָט זיך זייטיק אומגעדרייט צו אים מיט אַ געלעכטערל, וואָס איז געקומען נישט פון דער קעל:

— און איר, מעסיע גרינבערזשעי, איר האָט שוין באַקומען אייער מאָביליזאַציע־צעטל? האַנרי — האָט זי געוויזן — גייט היינט אַוועק, זשאַן גייט אַוועק. אַלע גייען נאָך היינט אַוועק. פון „גאַר דע ל'עסט" פאָרן שוין אָפּ די צוגן...

— כ׳וועל גיין — האָט ער געשטאַמלט — כ׳וועל גיין גלייך מיט אַלעמען...

און ער האָט דערפילט מיטאַמאָל ווי די פּאָרלאַגע ברענט אים אונטער די פּיס. ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן, געכאַפּט זיך וואָס ער האָט צו טון. קודם האָט ער די אַלע, וואָס גייען נאָך היינט אַוועק, ברייטלעך פאַר־בעטן זיי צו זיך אין בירא און אויסגעצאָלט זיי צווייטמאָל אַזויפיל וויפל ס׳קומט זיי. דערנאָך האָט ער דעם פּעטערל באַפוילן אַרויפצוברענגען וויי־נען, אַפּעריטיוון, פאַרבייסעכץ. די טישן אין דער אַטעליע זענען געוואָרן איבערגעדעקט און פונם גאַנצן טרויער האָט זיך גאָר אויסגעלאָזן אַ פריי־לעכער יום־טוב. מען האָט געטרונקען, צוגעקלאַפּט זיך און בעני האָט אויך מיטגעטרונקען. די מיידלעך האָבן זיך אים געוואָרפן אויפן האַלדז און אַלע האָבן זיי אַזויווי פאַרגעסן צוליב וואָס די גאַנצע שמחה איז אַרויסגעקומען.

— מיר וועלן אַלע גיין פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פון דער שענסטער דעמאָ־קראַטיע! — האָט ער געהויבן דאָס גלעזל, בעני — הונדערטער טויזנטער אויסלענדער וואַרטן נאָר אויף זייער רוף צו ווערן. היטלער איז אונ־זער אַלעמענס שונא און דער גרעסטער שונא פון פראַנקרייך.

ער האָט נאָך דאָרט עפּעס אָנגערעדט, נאָר קיינער האָט אים שוין נישט אויסגעהערט. מען האָט זיך געהאַלטן אין איין אָנקלאַפּן מיט די גלעזלעך. אינדערמיט האָט ער זיך דאָ ערגעץ אַרויסגעגליטשט, איינגערוימט עפּעס דעם פּעטערל און איז נעלם געוואָרן.

אויף דער גאַס האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט. די שטאָט איז ווירקלעך איבער נאַכט אינגאַנצן געווען פאַרענדערט. די גרויסע בולוואַרן האָבן זיך איבערגעגאָסן פון געדרויש. לאַנגע רייען פון אויטאָבוסן און טאַקסיס האָבן פאַרשטאָפּט אַלע דורכגענג. רעזערוויסטן, האַלב אין ציוויל, מיט בלויזע קעפּיס, האָבן געפירט לאַסט־פערד מיט פאַרוואַקסענע פּיס צום פאָרט סט. דעני. פון אויבן, ווו די טראָטואַרן זענען העכער, האָט מען זיי געזען ציען זיך אין אַ לאַנגער ריי, איינס הינטערן אַנדערן. די פערד האָבן געגאַוועט מיט אַ גרינלעכער, קלעפּיקער פליסיקייט און געשטעלט די פּיס אויפן אַספאַלט מיט אַ טויבן אָפּהילך. אַביסל ווייטער, ביים פּלאַץ רעפּובליק, האָט ער גלייך דערקענט די היימישע יידישע פּנימער. מען האָט זיך געקליבן אין רעדלעך אַרום די קאַפּעס, געמאַכט מיט די הענט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אינאַזייט, צוגעהערט זיך. ציוויל־פּאָלציי, צו הדיי, צו פיר פאַראַמאָל, זענען אויסגע־וואַקסן ווי פון אונטער דער ערד, אַרומגערינגלט זיי, אויסלעגיטימירט. זיי האָבן לאַנג און אויפמערקזאַם באַטראַכט די גרינע קאַרטעס, די פּאַפּירלעך מיט די אָנגעלייגטע שטעמפּלען, ווו מען האָט שוין באַלד גאָרנישט אַרויס־געזען.

— דעם אַנגאַזשירונגס־שיין! — האָבן זיי קאַלט געפאָדערט.

עטלעכע האָבן באַצייטנס באַוויזן אַרויסצוציען דעם באַדרוקטן בויגן, ווו מען האָט געקענט לייענען, אַז דער און דער אַנגאַזשירט זיך אויפֿן דויער פֿון קריג.

— אַלץ גייט אַוועק און איר דרייט זיך נאָך דאָ אַרום! — זענען זיי אַלץ נישט געווען צופֿרידן — אין דעם מאָמענט גיסט זיך שוין פֿראַנצויזיש בלוט ... און איר...

אָבער די מערסטע האָבן נאָך די אַנגאַזשיר־שיינען נישט געהאַט, פּשוט הערפּאַר, ווייל אַרום די אַלע ביוראָען האָט זיך זייט טעג שוין צוזאַמענגעקליבן אַזאַ המון, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען צו דערשפּאַרן זיך. די לאַנגע רייען האָבן פֿאַרשטאָפּט אַלע גאַסן אַרום. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט געצאָלט געלט פֿאַר באַקומען אַ נאָענטן פּלאַץ אין דער ריי אַריינצוגליטשן זיך אין ביוראָ אַריין. די אויסרעכענונגען ביים עולם זענען געווען פֿאַרשיידענע — מען האָט געוואָלט כּשר זיין מיטן ווינרעכט, קענען אַמאָל בעטן אַ נאַטוראַליזאַציע, ווייל געגלויבט האָט מען פֿונדעסטוועגן נישט, אַז מען וועט זיך טאַקע דאַרפֿן אַריינוואַרפֿן אינם זעלנערישן אָנטון און גיין אויף די פֿראָנטן. די געשיקטערע, די טויזנט מאָל איבערגערעכנטע, האָבן זיך גלייך פֿון אָנהויב אָן צוריקגעהאַלטן, אָפּגעוואַרט, געוואָלט זען וואָס עס וועט דאָ אַרויסקומען פֿון דער פּאַניק. זיי האָבן זיך פֿאַרשטעקט, אויפֿגערוימט און פֿאַרזיכטיק דורכגעשאַרט זיך די גאַס, ווו מען האָט נאָכאַנאַנד לעגיטימירט. עס זענען, פֿאַרקערט, אַרויסגעקראָכן פֿון די פֿינצטערע לעכער, פֿון די אָפּגעלעגענע האָטעלן, ווו זיי האָבן יאָרן געלעבט אומלעגאַל, מיט ווייסע אויסווייזן, מענטשן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז ס'איז געקומען דער מאָמענט צו לעבן אויף דער פֿריי. דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן אַ פֿינצטערן האַס צו די גרענעצן, צו די באַאַמטע, צו די קאָנסולאַטן, צום היטלער־רעזשים, וואָס האָט זיי אומעטום פֿאַרטריבן אין דער אונטערערד און אין דער אַרבעטסלאָזיקייט. אין די ביוראָען האָט מען איצט אַלעמען אויפֿגענומען, נישט געמאַכט קיין לאַנגע אויסהערענישן, נישט צופֿיל צוגעשטאַנען. מען האָט זיי פֿאַרשריבן און געהייסן וואַרטן אויפֿן קוויטל צוצושטעלן זיך.

אַ גרויסע מהומה צווישן די יידן האָט אַרויסגערופֿן דער באַפֿעל פֿון פּוילישן קאָנסול אין פּאַריז, וואָס איז נאָך דעם זעלבן טאָג צעקלעפּט געוואָרן אויף די מויערן און אויף די עפֿנטלעכע פּלעצער פֿון שטאָט. „זש'אָרדאָן" (איך באַפֿעל) — אַזוי האָט זיך דער אויפֿרוף אָנגעהויבן. ס'זענען גערופֿן געוואָרן אַלע פּוילישע בירגער גלייך צו רעגיסטרירן זיך, אַפֿילו די, ביי וועלכע מ'האָט ערשט מיט אייניקע טעג צוריק אָפּגענומען די פּוילישע בירגערשאַפֿט. צווישן די בינטלעך יידן, וואָס זענען געשטאַנען און געלייענט, האָט מען געקענט הערן:

— אַך האָב זיי ליב ווי אויגן־ווייטיק, די פּאָגראָמשטשיקעס!

— מיך וועלן זיי נישט אָנקוקן!

— איך בין שוין פאַרשריבן אין צווייי ביוראָען ביי די פראַנצויזן!

מען האָט זיך ערשט דערוווּסט, אַז עס עקזיסטירט אַ פאַריינדל פון פוילישע יידן אונטער דער אָנפירונג פון עפּעס אַן אַסימילירטן ייד, אַ דאָקטער, וואָס גיט אַרויס אַ בלעטל און מאַכט אַ טאַראַראַם, אַז יידן זאָלן גיין דווקא אין דער פוילישער אַרמיי, מען זאָל גיין „פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד".

— וואָסער פאָטערלאַנד, וועמ פאָטערלאַנד? — האָבן די יידן געלאַכט מיט ביטערניש און גאַל אין די לאַנגע רייען ביי די פראַנצויזישע ביוראָען — אַ שיין פאָטערלאַנד האָבן מיר געהאַט! אַז ברענען האָבן זיי געמעגט מיט אַזאַ פאָטערלאַנד...

נאָך דעמזעלבן פאַרנאַכט האָט בעני געהאַט אַ ראַנדעוווּ מיט זיין לייב־אַדוואָקאַט ראָזנבוים, מיט וועלכן ער איז נאָך פון דעמאָלט, ווען ער האָט אַזוי געשיקט אויסגעגלייכט דעם ענין מיט זשאָזעפן, פאַרבליבן מיט אים אין וואַרעמסטער פריינטשאַפט. ער איז געזעסן ביי ראָזנבוימען אין ראָז־מאַפּעטירטן קאַבינעט, די שווערע פאַרהאַנגען צו דער טומלדיקער גאַס פאַר־צויגן. אינם זשיראַנדאָל זענען בלויז צוויי מאַטע לעמפּלעך געווען אָנגעצונדן. ס'איז געווען אָנהייב קריג, ס'האָט שוין געשמעקט מיט פאַרטונקלונג.

— וואָס הויבט מען אָן צו טון? — האָט ער גערעדט צום מענטש אין די געטרעס, מיטן פאַרגלעטיקטן שרונט און מיטן אייביק־זיסן שמייכל אויף די ראָזע, ווייבערישע בעקלעך — איך פאַל נאָך אַלץ אַרונטער דעם מאָביליזאַציע־עלטער און זיי וועלן מיר נישט צורו לאָזן. און דווקא אַצינד, ווען מען קען לעבן, מען קען אַרבעטן און פאַרדינען. מיט אַ יאָר ניינצן צוריק האָבן איך זיך שוין איינמאָל געהאַט אַרויסגעדרייט, אַנטלאָפן, אויסגעקויפט זיך. וועער זאָל זיך געווען ריכטן...

— געדולד, אַביסעלע, געדולד! — האָט יענער אַרויסגעסאָפּעט און אַריינגעשטעקט די הענט אין די הויזן־טאַשן, קלינגענדיק מיט שליסעלעך — ווענן איך, מעסיע גרינבערזשעי, האָב איך געטראַכט גלייך אין דער ערשטער מינוט. קודם — נישט אײַלן זיך, נישט ווייזן זיך צופיל אין גאַס. לאָזט דעם שטורעם אַריבערגיין. פאַראַן גענוג יידן אָן אייך צו גיין זיך שלאָגן.

ער האָט עפּעס גערעדט ביים טעלעפאָן, לאַנג אַריינגערעדט אין טרייבל, דערנאָך האָט ער זיך געטון אַ דריי אויס:

— ס'איז געמאַכט! מאָרגן באַלד אינדערפרי פאָרן מיר אַריבער צו אים. אַ זייגער אַכט אינדערפרי, ווייל ער איז זייער אַ פאַרנומענער מענטש,

אַ קאָך־לעפל, אַ גאַנצער מאַכער אין קאָנסולאַט, קלאַפּט דאָרט אַלעמען גוט־ברודעריש איבער דער פּלייצע. זיי רופן אים דאָרט: „נאַש זשידעק"...

טאַקע דורך דער פאַרמיטלונג פון אָט דעם ייד האָט בעני איינגיכן אַרויסבאַקומען אַ זיכער קוויטל פון קאָנסולאַט, אַז דאָס רופן אים איז דערווייל אָפּגעלייגט אויף דריי מאָנאַטן, צוליב זיין נוצלעכקייט פאַרן פּראָפּאַגאַנדע־אַמט פון דער פּוילישער רעגירונג אין פראַנקרייך. נאַטירלעך האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן, בעני. מען האָט זיין נאָמען אַריינגעשטעלט אין די ליסטעס פון קאָמיטעט און פון קאָמיסעס, געשריבן וועגן אים אין בלעטל. צום ערשטן מאָל זינט ר'איז אין פּאַריז, האָט ער זיך, נישט־ווילנדיק, געלאָזן אָפּרייסן פון דער אַטעליע, פון דער היים און מיט־אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ קרייז פון צעפלויגענע מענטשן בכלל־טוערס, מ אַ כ ע ר ס. עס זענען אָפּט געווען אָפיציעלע אויפנאַמעס, פּאַרבעטעניש, דעלעגאַציעס. מען האָט פון ערגעץ אויסגעגראָבן פאַר אים אַן אָפּצייכן פון דער פּוילישער אַרמיי, לויט וועלכן ער זאָל זיך האָבן שטאַרק אויסגעצייכנט אין 1920 אין די שלאַכטן הינטער ראַדזימין קעגן די באָלשעוויקעס. ער האָט עס געטראָגן מיט שטאָלץ אין לאַץ, ביי פייערלעכע אויפנאַמעס האָט ער געצויגן דעם הוט, געבליבן מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ שיטערלעכע, גרוי־ווערנדיקע האָר און געדריקט די הענט מיט אַ פאַרנויג.

— דאָס איז אונדזער חשובער קאָמיטעט־מיטגליד, הער גרינבערגער, געוועזענער פראָנט־קעמפער אין דער פּוילישער אַרמיי...

ער האָט אַפילו מיט קיין אויג קיין פּינטל נישט געטון. ער האָט געמוזט שמייכלען אין זיך אַריין; אַזוי האָט געטויגט, מען האָט געמוזט נאָכטאַנצן, ווייזן אַ ווינטיקע מינע, האַלטן זיך שטייף. נאָך אַלעמען איז עס אים געפעלן געוואָרן אויך. צייט האָט ער איצט געהאַט גענוג. די אַטעליע איז דערווייל געווען געשלאָסן, ביז ווער־וואָס, ביז ער וועט זיך אַרומקוקן, ביז דער געפּילדער וועט אַריבערגיין. די וואָכן זענען דערווייל גאַנץ אָנגענעם אַוועק.

יעדן טאָג זענען אַנדערע גערופן געוואָרן צוצושטעלן זיך. די יידישע קאָפּעס אויפן בעלוויל און אויפן רעפּובליק האָבן זיך אויסגעליידיקט. די אַלע, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק געאיילט, געשטופּט זיך אין די רייען וואָס שנעלער אַרויסצובאַקומען אַן אַנגאַזשירונגס־שיין, האָט מען נאָך עטלעכע וואָכן צוגעשיקט קוויטלעך צוצושטעלן זיך אין די זאַמל־פּלעצער און פון דאָרט — אויף קאָמיאָנען אָפּגעשיקט זיי צו „גאַר דע ליאָן", אין צענטער פון לאַנד, צו די איבונגס־לאַגערן און קיין באַרקאַרעס, ביי די פּירענייען.

ווי אָנגענעם און זיס ס'איז איצט געווען צו שלאָפן אויפן אייגענעם בעט, אין דער שטילער, אָפּגעשלאָסענער ווילע, אויסער דער שטאָט. רוזשעלען מיטן יינגל האָט ער נאָך גלייך אין די ערשטע טעג פון די לופט־אַליאַרמען געלאָזן עוואַקואירן ערגעץ אין דער נאָרמאַנדי, ווייט פון די גרע־

נעצן. ער האָט זי קוים אַרויסגעפּטרט פון שטוב אַרויס. זי האָט געמאַכט אַזעלכע היסטערישע געוואַלדן, ווען די סירענעס האָבן זי אײַנמיטן דער נאַכט אויפגעוועקט, ווען זי האָט געמוזט כאַפּן אויף זיך אַבי־וואָס און לויפן אין די קעלערן אַרײַן. זי האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר די באָמבעס, רווּשעלע. דאָס יאָמערלעכע געוואָי פון די סירענעס האָט זי געבריענגט אויסער־זיך.

— איך וויל מערנישט בלײַבן אין פּאַריז — האָט זי זיך געוואָרפן — אַוועק פונדאַנען און שוין!

ער איז שטילערהייט צופרידן געווען אַרויסצופּטרן זי פון שטוב, זי מיטן יינגל בײַזאַמען, וואָס זענען אים, אין גרונט גענומען, געווען פרעמדע. יעדער פון זיי האָט געהאַט זײַן אייגן, אָפּגעשלאָסן וועלטל. איבערהויפּט — דאָס יינגל. „אַ פרעמדן מענטש אויסגעהאָדעוועט אין מײַן שטוב" — האָט ער זיך אַליין געזאָגט מיט האַרצווייטיק. ווען נישט די שווערע געלטער, וואָס ער האָט אָפּגעקאָסט, וואָלט ער אים מסתמא נישט געקומען זאָגן קיין „באַנזשור" יעדן אינדערפרי און נישט צורירן קוים די ליפּן צו זיינע שאַרסטקע באַקן. אויף אַ שטיקל צייט האָט ער זיך איצט דערפילט אינגאַנצן פריי. ס'איז אַנגענעם געווען אַוועקצולאָזן זיך אויף האַלבע נעכט אויף די באַנקעטן און אויף די פייערונגען, וווּ עס זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן הילפס־אַקציעס פאַר די „אָרעמע ברידער פון פּוילן", אָרונטערגעפּאַלענע, אונטערן נאַצי־יאָך, פאַר די יידישע וואָלאַנטירן, „וואָס זענען געגאַנגען אַוועקגעבן זייער בלוט פאַר פראַנקרייך". ער איז געזעסן צווישן די חשובע געסט אויבנאָן, בײַ פײַן־געדעקטע טישן און דער ייד מיט די גראָבע ברילן־גלעזער — ליפּער האָט ער זיך גערופן — האָט אים נישט אָפּגעלאָזן אויף קיין מינוט.

— איר וואָלט אַמאָל באַדאַרפט צו האַלטן אַ רעדע אויך, זאָגן אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער, פאַרוואָס נישט? — האָט דאָס פּנים, אין גלאַנץ פון די גראָבע ברילן־גלעזער, געקוועלט — ווערליק ווי איך הער אייך דערציילן, האָט איר זיך אַמאָל יינגלוויין געמישט אין די קהל'שע זאַכן. איר באַדאַרפט עס צו קענען. טאַקע אָנשרייבן אַמאָל אַן אַרטיקל פאַר אונזער בלאַט, פאַר וואָס נישט? מיר, געזעלשאַפטלעכע טוער... — איז ער נישט אײַנגעשטאַנען אויף קיין אָרט, געכאַפּט דעם פאַר אַ לאַץ, יענעם בײַ דער האַנט, געסוד'עט זיך, גערעדט און דאָס פולע פּנים האָט בײַ אים כסדר געקוועלט מיטן פינקלען פון די גראָבע אויגן־גלעזער. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער ווידער געווען בײַ אים:

— ווי־זשע האָבן מיר געהאַלטן? יאָ, עס ווערט איצט אײַנגעבן צונויפגערופן די „האַדאַ נאַראָדאָוואַ" (פּאָלקס־באַראַטונג) אין פּאַריז און עס האַנדלט זיך אין אַ זייער וויכטיקער דעלעגאַציע צו איינעם פון די גרויסע

קעפ פון דער פ. פ. ס. , צום אדוואקאט היראָנים פּערעל, וואָס לעבט שוין דאָ ווער ווייס וויפל יאָרן אויף דער עמיגראַציע. אַן אַלטער מאַן. ער איז אַ ייִד, שמועסט מען, אַן אַסימילירטער ייִד. צווישן אונדז גערעדט, ואַז מען דאַרף גיין דורך הינטערה־טירן, מוז מען פּאָרט אָנקומען צו אַ ייִדן, נישט אַזוי? ווייל די פּאָליאַקן, זיי ליגן שוין, דאַכט זיך, ניין איילן אין דר'ערד, נאָר די וואָנסן פונדעסטוועגן הערן זיי נישט אויף צו דרייען... נאָר רעדן דערפון איז נישט געזונט...

ער האָט זיך געלאָזן קאָסטן פאַר כלל־זאַכן, בעני; אָט דער ייִד האָט עס אַביסל געצויגן פון אים אויף פאַרשיידענע וויכטיקע צוועקן, כלומרשט. ער האָט עס גוט געוווסט און זיך געמאַכט נישט־ווייסנדיק. ס'איז אים גע־פעלן געוואָרן דער מסחר, די קאַלקולאַציע אין אָט דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער האָט זיך צוגעוווינט צו די מענשטן דאָ, וואָס זענען אים אין דער ערשטער צייט פאָרגעקומען מאָדנע. פאַר אים, פאַר לויפערן נאָר, האָט ער זיך אַמאָל אַרויסגעבאַפּט:

— כ'פאַרשטיי, מיר דאַרף מען נישט לייגן קיין פינגער אין מויל...

ער האָט אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און זיי האָבן ביידע גע־שמייכלט. דער ענין מיט דער דעלעגאַציע איז אים אויך שטאַרק געפעלן. ער האָט זיי געוואָלט קענען אָט די אַלע. ייִנגלווייז האָט ער זיך געגנוג אָנגע־לייענט און אָנגעהערט וועגן זיי. ס'איז געווען איין טאָג פאַרן צונויפקומען זיך פון דער פּוילישער "פאָלקס־באַראַטונג" אין פּאַריז, ווען די דעלעגאַציע פון „פאַריין פון פּוילישע ייִדן" האָט זיך פאָרגעשטעלט ביים אַדוואָקאַט היראָנים פּערעל.

דער אַדוואָקאַט היראָנים פּערעל, מיט וועלכן ס'האָט אַמאָל, אין די צאַרישע צייטן, אַזוי געקאָכט אין דער פּוילישער אונטערערד און צווישן דער פּאַריזער יונגער, קעמפערישער פּוילישער עמיגראַציע, אויף וועמענס בראָ־שורן און אַרטיקלען ס'האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט צוויי דורות, האָט איצט פאַרנומען אַ באַשיידענע וווינונג אין אַן אַלט הויז, אין שאָטן פון דער קירך סען־זשערמען, אין לאַטיינישן קוואַרטל. ביז דער מלחמה, שוין יאָרן אַזוי, האָט זעלטן־ווער אַ ריר־געטון דאָס טויבע גלעקל ביי זיין טיר. אַ האַלב־פאַר־געסענער, מיט געפלעגטע, פּריצישע וואָנסן, מיט אַ בריל אויף דער אָדלער־נאָז, איז ער אָפּגעזעסן אין דער וויג־שטול אין זיין קליינעם קאַבינעט, צווישן די ביכער, די עטלעכע פאַרשטויבטע קאָפּיעס פון יאַן מאַטעיקאַ און דעם בראָנז־ביוסט פון מיצקעוויטש. די אַדוואָקאַטור האָט ער שוין פונלאַנג גע־האַט אויפגעגעבן. דער זון מיט דער טאָכטער — ביידע מעדיצינער — האָבן עס אַזוי פאַרלאַנגט. די פרוי זיינע, זאָפיאַ, וואָס האָט אין יענע פיבערדיקע יאָרן, ווען זי איז נאָך געווען אַ סטודענטקע אויפן כעמישן פאַקולטעט, גע־האָלפן פּרעפּאַרירן באָמבעס אין די קאָנספּיראַטיווע לאַבאָראַטאָריעס אויפ־

צוריסן די קייזערלעכע קאַטשן און די באַנק־הייזער, איז איצט געווען אַ געעלטערטע פרוי, אַ שלאַנקע, אַ ריינלעכע, גרוי ווי אַ טויב. אין אירע אויגן איז נאָך פאַרבליבן עפּעס פון איר אַמאָליקער שיינקייט. צוזאַמען מיט אים, מיטן מאַן אירן, איז זי געזעסן אין די צאַרישע תפיסות, אויף פאַרשיקונג; און אויך דאָ, אויף עמיגראַציע, האָבן זיי מיטגעפּיבערט מיטן קאַמף פאַר אַ פרייע פוילן. אָבער דאָס „פרייע פוילן" האָבן זיי קיינמאָל פאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט. מיט האַרצווייטיק האָבן זיי צוגעזען ווי זייערע נעכטיקע חברים, וואָס האָבן געפלאַטערט מיט די שיינע טרוימען פון מיצקעוויטשעס מעסיאַניזם, מיט וויספּיאַנסקים מיסטיק פון פּוילישע לײַדן, זענען אַוועק, האָבן זיך ברוטאַל אָפּגעטיילט, זענען געוואָרן קליינע, נעבעכדיקע דיקטאַטאָרן און געגאַנגען צו דער מאַכט איבער די טויטע קערפּערס פון פאַגראָמירטע ייִדן. זיי זענען טאַקע פון ייִדישקייט געווען גאַנץ ווייט, נאָר אומדירעקט האָבן זיי זיך דערפילט אָנגעגריפן. ס'האָט פאַרט וויי־געטון. די אַרטיקלען פעדערלס — בייסיקע, אַזוי ווי נאָר ייִדן קענען זיין בייסיק — זענען כסדר דערשינען אין דער סאָציאַליסטישער פרעסע אין פוילן און די רעכטע צייטונגען פלעגן אים אָפט אַטאַקירן, אָנרופנדיק אים אופן געוויינלעכן ייִדישן נאָמען: הערשל, הערשל פערל ...

פרײלעך איז מיטאַמאָל געוואָרן אין הויז, ווען אַלטע, טריי־פאַרבליבענע חברים פלעגן דאָ פאַרבייפאָרן אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן. אין קליינעם, אינטימען סאַלאָן זענען אַלע לאָמפּן און אַלע זשיראַנדאָלן געווען אָנגעצונדן. פון דער קיך האָבן זיך געטראָגן געשמאַקע ריחות פון די פרעמדע פוילישע מאכלים, וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן לכבוד די געסט. דער אַלטער איז פייערלעך געווען צעזעצט אויבנאָן און מ'האָט געטרונקען היימישן 90־ער אין געפינגערטע גלעזלעך. די בריל ביים אַלטן האָט פּלוצים אויפגעפינקלט מיט נישט קיין געוויינלעכן גלאַנץ, ווען ס'איז געקומען צו רייד וועגן די נעבעכדיקע דיקטאַטאָרן, די נעכטיקע חברים זייערע, וואָס האָבן די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן אַרויסגעפירט פון סיים, באַגלייט מיט באַיאָנעטן און מיליטערישע שפּאָרן, און איינגעזעצט זיי אין דער פעסטונג ביים בוג...

— אויפן אַלטן וואָלף, אויף פּילסודסקין, איז אַלץ געווען צו גלויבן. אָבער אַז ער זאָל דערגיין צו אַזאַ ציניזם...

מיט דער דייטשער אינוואַזיע אויף פוילן, מיטן אונטערצינדן די נייע וועלט־שרפה און מיטן אָנפליסן פון דער פוילישער עמיגראַציע קיין פּאַריז, האָט דאָס זשאַווערנדיקע טיר־גלעקל מער נישט גערוט ביים אַלטן אַדוואָקאַט. פאַרשיידענע מענטשן זענען אין יענע טעג געקומען צו אים — מענטשן, וואָס זענען ביז דעמאָלט געווען געטרייע אָנהענגער פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי, געגלויבט אין איר פעסטער האַנט; מענטשן, וואָס זענען

שוין לאַנג געווען אין דער אָפּאָזיציע; מענטשן, וואָס האָבן אויפריכטיק געוויטיקט איבערן נייעם צוזאַמענבראָך פון פוילן; עס זענען געקומען דער עיקר אַ.עלטע, וואָס האָבן געהאָפט אויף זיינע גרויסע באַציאונגען און איינפלוסן אין פאַריז, אין די סאָציאַליסטישע קרייזן און אין די מיט זיי פאַרבונדענע רעגירונגס־ספערן. דער אינטערעס, וואָס אָט דער אַלטער, האַלב־פאַרגעסענער פוילישער סאָציאַליסט האָט אַרויסגערופן צו זיך, איז געווען פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער.

— איר, אייערע פאַרצווייגטע איינפלוסן צווישן דער הויכער פּאָליטישער וועלט אין אייראָפּע און אין אַמעריקע — האָט אים אַפילו איינער, אַ געוועזענער רעכטער סענאַטאָר, אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט, וואָס איז אין זיין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין אַלעמאָל געווען פאַר לאָיאַלע דיפּלאָמאַטישע און האַנדלס־באַציאונגען מיט גרויסן און שטאַרקן שכן, מיט רוסלאַנד, זייטיק געגעבן אָנצוהערן — איר, מער ווי אַן אַנדערער, קענט אין איצטיקן מאָמענט דינען פוילן... מיר האָבן אַלעמאָל פּאָלעמיזירט, זיך געקריגט, נישט מסכּים געווען איבער דעם און איבער יענעם; אָבער פוילן איז דאָך אונדז אַלעמען און אַלעמאָל געווען טייער, נישט אמת ?... איך מיין — האָט יענער זיך אַביסל געקרעקט — מיר האָבן נישט אַלעמאָל געקענט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פּאָגראָמען קעגן יידן אין פוילן... דאָס פאָלק... די מאַסע, די ווילדע סטיכיע... מיר, קולטור־מענטשן...

ביים אַלטן איז אויפגעלאָפן אַ בלויע אָדער אויפן האַלדז. ער האָט זיך פונעדסטוועגן איינגעהאַלטן נישט אויסצופּלאַצן.

— ס'איז, מיין איך, נישט דער מאָמענט צו רעדן וועגן דעם, וואָס איז געווען, ווען דאָס גאַנצע הויז ברענט. אָבער איינס אינטערעסירט מיך: האָבן מינדעסטנס, לויט אייך, די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן געטון אַלץ צו פאַרטיידיקן פוילן ?

— אַלץ, פאַניע פערעל, אַלץ ! די באַריכטן פון לאַנד דערציילן, אַז פרומע יידן האָבן אום שבת אָקאָפּעס געגראָבן אָפּצוהאַלטן די דייטשע טאַנקן...

— איך וואָלט פונדעסטוועגן געוואָלט איר זאָלט עס נישט אַזוי לייכט פאַרגעסן; איר, וואָס האָט אַזויפיל טינט אויסגעגאָסן צו באַווייזן פּונקט דאָס פאַרקערטע!... — איז ער געווען שטרענג, פאַרביסן און אומברחמנות'דיק.

ער האָט פונדעסטוועגן צוגעזאָגט צו טון אַלץ, אויסצונוצן זיין גאַנצן איינפלוס פאַרן לאַנד, פון וועלכן קיין שום האַס וועט אים נישט אָוועקרייסן.

ער איז אין יענעם טאָג געווען אָנגענומען איבעראַשט אויפצונעמען אַ דעלעגאַציע פון עפּעס אַ פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין פראַנקרייך. „דאָס זענען דאָך דיזעלבע — האָט ער זיך געזאָגט מיט וואַרעמקייט — וואָס האָבן געהאַנדלט אין פוילן אין די בידנע געוועלבלעך פון דער מילע און פון דער דזשיקע מיט הערינג און מיט נאָפט פאַר דריי גראָשן; דיזעלבע, מיט וועלכע

די צייטונגען זענען פֿול געווען; דיזעלבע, וואָס האָבן זיך אַזוי דרייסט גע־האַלטן אויף די קאָמוניסטישע פּראָצעסן און אָנגעפֿילט די תּפֿיסות פֿון לאַנד". ער האָט זיך עפּעס געפֿילט פֿאַרשולדיקט קעגן אָט די עקשנים, וואָס גיבן זיך קיינמאָל נישט אונטער. זאָגן זיי צו גיין איצט פֿאַרגיסן זייער בלוט פֿאַר אַ נײַ פּוילן, וואָס מען ווייסט נאָכנישט וואָס פֿאַראַ פּנים ס'וועט האָבן, האָט ער נאָך פֿונדעסטוועגן נישט געקענט פֿועלן בײַ זיך. ער האָט זיי נאָכנישט געזען, אָט די נײַע מענטשן, וואָס וועלן גיין אַרויסרײַסן דאָס פֿיל מאָל אויסגעפּרוווטע און אויסגעליטענע לאַנד פֿון די דײַטשע נעגל. ער האָט נאָר געזען דערווײַל די אַלע, וואָס זענען ערשט נעכטן מסכּים געווען מיט דער סאַנאַציע־רעגירונג, גליטשן זיך דאָ מיט „אויפֿן פּאַריזער ברוק", טוען זיך אָן אַ שעפּסן פּעלעכל און שמייכלען צו אַלעמען... ער האָט בכלל געצווייפֿלט, באַציִען זיך מיט אומצוטרוי און קאַלט צו אַלץ און צו אַלעמען.

די עטלעכע יידן פֿון דער דעלעגאַציע זענען אים עפּעס אויך נישט גע־פֿעלן געוואָרן. ער האָט אויסגעהערט די טענות פֿון אָט דעם גאַליציאַנער דאָקטער מיטן קאָמעץ־בערדל, געהערט זײַנע ליבעס־דערקלערונגען צום פּוילישן פֿאָלק, צו דער פּוילישער ערד, צו דער פּוילישער קולטור און ער האָט זיך געפֿרעגט, צי לעבט ער דאָס אַליין איבער, צי פֿילט ער זיך טאַקע פֿאַר־אַנטוואָרטלעך צו רעדן אין נאָמען פֿון די פּוילישע יידן. שוין בײַ דער ערש־טער פֿראַגע, איז דער דאָקטער מיטן קאָמעץ־בערדל אַביסל צעטומלט געוואָרן:

— צי מערקט זיך באמת צווישן די אַלע פּוילישע יידן אַזאַ דראַנג צו גיין דווקא אין דער נײַ־געשאַפֿענער פּוילישער אַרמיי אין פֿראַנקרייך?

— דאָס הייסט — האָט ער נישט באַלד געוווסט צו ענטפֿערן — זיי גייען, נאָר, איר ווייסט, די פּראָפּאַגאַנדע פֿון די לינקע עלעמענטן, פֿון די פּויליש־פֿײַנטלעכע עלעמענטן...

— צי האָבן מיר דאָס רעכט אָנצורופֿן „פּויליש־פֿײַנטלעכע עלעמענטן" מענטשן, וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן פֿריערדיקן רעזשים? — האָט ער אים שאַרף איבערגעהאַקט.

דער אַלטער אַדוואָקאַט האָט נאָך באַוויזן אַ בליק צו טון פֿון הינטער דער בריל אויפֿן דאָקטער מיטן קאָמעץ־בערדל, אויפֿן קרויזלדיקן קאָפּ מיט די גראָבע ברילן־גלעזער, אויפֿן מענטש מיט די רויטלעכע האָר, וואָס האָט דאָ אַלץ אַזוי חידושדיק באַטראַכט אין זײַן קליינעם, אָנגעשטעלטן קאַבי־נעט און באַמיט זיך צו האַלטן הינטער אַלעמענס פּלייצעס. אַזוי ווארעם ווי ס'איז געווען פֿאַר זיי די אויפֿנאַמע, איז דאָס אָפּגעזעגענען זיך געווען קאַלט. דאָס האָט ער זיי נאָך געזאָגט פֿאַרן אַוועקגיין:

— באַמיט אײַך צו זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעך אין אײַער אַרבעט פֿאַר די פּוילישע יידן... זיי זענען אומגליקלעך, זיי באַדאַרפֿן צו האָבן ערלעכע און איבערגעגעבענע פֿאַרשטייער...

אין די ערשטע טעג פון יאנואר איז אין פאריז פארגעקומען דער פייער־לעכער צוזאמענקום פון דער „פוילישער פאלקס־באראטונג" אין גלות. דער זאל, די בינע זענען געווען איינגעטונקען אין נאציאנאלע קאלירן און אין טרויער. צווישן די רעפרעזענטאטיווע פארשטייער אויף דער בינע האט ארויסגעלויכטן דער שיינער, גרויער פראפיל פונם גרויסן פיאניסט פאדע־רעווסקי. ער איז אין 1918 געשטאנען ביי דער וויג פון „נייעם פוילן" און אצינד — ביים נייעם פונאנדערפאל. אלע זענען אויפגעשטאנען מיט אפ־געדעקטע קעפ, ווען עס איז פייערלעך, אין דער הייליקער שטילקייט, גע־שפילט געווארן דער נאציאנאלער הימן. אין די ערשטע רייען האבן זיך גע־זען בלויז אוניפארמען, פאסקעס, שפארן, שטיוול, גלאט־פארשרונדיקטע קעפ; עטלעכע דאמען, אנגעטאן אין שווארצן, האבן זיך געווישט די אויגן. שיינע רעדעס, פראזן וועגן דעמאקראטיע, גלייכבארעכטיקונג, זארגפעליק־פרעפארירטע שטימונג־מאכעריי. דער אלטער היהאנים פערעל האט זיך צוויי מאל אפגעזאגט צו פארנעמען פלאץ אין פארזיץ מיטן אויסרייד פון שוואכקייט, פון מוזן זיך באלד אומקערן אין בעט אריין; און ווען איינמאל א יידישער פארשטייער, א געוועזענער סיים־דעפוטאט פון קראקע, האט זיך פארגעשטעלט פאר די פארזאמלטע מיט זיין געקינצלטן און אקאדעמישן פויליש, מיטן פייק־געשניטענעם און שיין־געפלעגטן בערדל, האט ער זיך שטיל ארויסגעשארט פון זאל און געהייסן זיך אפפירן אהיים.

אין פריי־צוגעפאלענעם אוונט האט אים די אויפגעמאכטע טאקסי גע־פירט איבער די בריקן פון דער סען, איבער די בולווארן מיט די אויסגעלא־שענע שויבן און פארשטעלטע לאמטערן. קליינע שניי־גרייפעלעך האבן זיך געשאטן פון פאריזער הימל, האבן זיך אנגעזעצט אויף די וויעס און זענען באלד צעגאנגען. „ס'פירט אלץ ווידער צום זעלבן — האט ער זיך אליין געזאגט מיט ביטערניש — אט די יידן האבן זיך גארנישט אויסגעלערנט. און נישט בלויז די יידן"...

קאפיטל ניינאונצוואנציק

די גרויע סאלדאטשינע

אין יענע מהומה־טעג איז כעמיעלען אייסגעקומען צו שפארן זיך אין די אנגעפראפטע קארידארן פון דער פרעפעקטור, צו פארלענגערן די אויסלענ־דער־קארטע. אין די ביוראען, אויף אלע פינף שטאקן פון דער אלטער געביי־דע אויפן סען־אינזל, וואס זעט אויס מיט די זשאווערנדיקע ווענט און פאר-

קראַטעוועטע פענצטער, ווי אַ פעסטונג, האָט מען זיך נישט איבעריק גע־איילט, געלאָזן וואַרטן הינטער די טירן פון אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט. צווישן עולם אין די טונקעלע, געוועלבטע קאָרידאָרן, האָבן זיך לייכט גע־וואָרפן אין די אויגן די יידישע יינגעלייט און מיידלעך פון פוילן, וואָס זענען אַריינגעקומען אַהער מיטן שטראָם צו דער וועלט־אויסשטעלונג אין 1937, אין די טעג פון פאָלקס־פראָנט, ווען מ׳האָט נאָך געלעבט מיט דער אילוזיע, אַז פראַנקרייך וועט פאַרבלייבן דער איינציקער אינזל פון אַזיל אין אייראָפּע. דאָס זענען געווען די אַלע, וואָס זענען געלאָפן פון די פּאָגראָמען אין פוילן, פון דער אַרבעטסלאָזיקייט, געצויגן צו די פראָנטן פון שפּאַניע. און איצט, ווען אַלץ איז געווען פאַרענדיקט, טרויעריק פאַרענדיקט, זענען זיי געבליבן שטעקן אין די נאָמענלאָזע האָטעלן אינם גרויסן און פרעמדן פּאַריז. כמעט אַלע האָבן זיי זיך אַרומגעטראָגן מיט אָפּגעלאָפּענע אויסווייזן, האָבן אויסגעמיטן די אומ־געריכטע אַבלאַוועס. איצטער איז שוין נישט געווען מער ווו צו לויפן און אויסצובאַהאַלטן זיך. די מלחמה, די פּאַניק האָט זיי אַרויסגעיאָגט אין גאַס־אַריין. דאָ האָט מען שוין מערנישט געפּאָרשט — געשיקט צו ווערן אין די רעגימענטן און אויפן פראָנט זענען אַלע גוט געווען.

פאַרנאַכט האָט מען בעמיעלען אַריינגערופן אינם צימער, ווו דער סור־פּיט איז שיעור נישט געלעגן אויפן קאָפּ. ביים טיש, ווו ס׳איז אַרונטערגע־האָנגען אַ לאָמפּ אונטער אַ גרינער אַבאַזשור, האָט ער דערזען פאַר זיך דאָס ענערגישע פּנים פון אַ גרויען מענטש. ער האָט אים אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט אים נאָר־וואָס געכאַפּט ביי אַ גנבה. אויפן טיש פאַר זיך האָט ער געהאַט אַן אויפגעמישטע טעקע, ווו בעמיעלע האָט זיך גלייך דערקענט אין אָנגעטשעפּעטן פאָטאָגראַפיעלע, אין פּראָפיל.

— אַ פּוילישער? — האָט יענער געפרעגט קורץ — אייער מיליטערישע סיטואַציע?

— כ׳בין שטאַטנלאָז, דער קאָנסולאַט האָט ביי מיר אָפּגענומען די פּוי־לישע בירגערשאַפט.

— וואָס רעכנט איר צו טון? איר קענט זיך אַנגאַזשירן אין דער אַרמיי, אָדער אַוועקפאָרן.

— איך מוז צוערשט באַטראַכטן. כ׳האָב אַ מאַמע און אַ שוועסטער, וועל־כע איך האַלט אויס.

— דאָס איז אייער זאַך. איר מוזט אייך נישט אַנגאַזשירן, אָבער מיר מוזן אייך אויך נישט פאַרלענגערן דעם אויפהאַלט אין פראַנקרייך.

און איידער וואָס־ווען, האָט ער זיך שוין געזען אַרויסגעשטופּט אין קאָרידאָר.

נישט בעמיעלען האָט מען באַדאַרפט שטויסן ער זאָל זיך גיין שלאָגן קעגן די פאַשיסטן. ווו ערגעץ אַ כוליגאַנישער אָנפאַל אויפן בעלוויל, אָדער

אויפן „פלעצל“, איז ער געווען אינדערמיט. מיט א טאג פריער האט ער זיך געהאט אפגעזעגנט מיט זיין בעסטן פריינט, מיטן שווייסער קאנסטאנט, מיט וועלכן ער איז צוזאמען געלעגן אויף די באריקאדן בעת די פעברואר-געשע־עניש. ער איז אוועק מיטן צווייטן רעזערוו, ווי אלע עלטערע יארגענג. ער האט געשפיגן פון צווישן די גאליער-וואנסן, געזידלט דאלאדיען און די גאנצע באנדע; ס'איז אים פונדעסטוועגן נישט אנגענעם געווען, בעמיעלען, וואס ער בלייבט. דאס האט אים דעמאלט פיער אפגעהאלטן ער זאל נישט פארן קיין שפאניע. „מיר דארפן דיך דא, האנרי. מיר שטעלן א סך אויף דיר“. פיער אליין איז אוועקגעפארן. אין דער יידישער קאמפאניע אויפן נאמען פון נפתלי באטוויי, ווו ער איז געווען אין אן אויסשפיר-גרופע, איז ער געפאלן ביים שטורעמען טערועל.

אין איבערגעפאקטן צוג, באוואכט פון די שווארצע סענעגאלער טרופן, וואס איז דעם 6-טן אקטאבער, שפעט אינאוונט, אפגעפארן פון „גאר דע ליאן“, האט בעמיעלע צוריקגעפונען א שטיק פון יידישן בעלוויל. במעט בלויז יידן איז געווען אין דעם טראנספארט. ווען דער צוג האט גערירט, האט מען אפגעזעגנט מיט האנט-פאכען דער אנגעזאמלטער מאסע פרויען און קינ־דער, אויף יענער זייט באריער. ס'איז געווען א מאדנע נאכט אין אט די וואַ־גאנען, אונטער די בלוי-פארשמירטע לעמפלעך. די ערשטע נאכט פון וואגל אין דער פרעמד. מען האט צעבונדן די פעקלעך און געזעסן יעדער אין זיין ווינקל. דערנאך איז מען אוועקגעפאלן אין מידן, הייסן דרעמל. אנדערע האבן באצייטנס געהאט אינזינען מיטצונעמען שטיקלעך ליכט, אנגעטריפט אויף א וואליזע און פינף-זעקס שאטנס מיט שארף-באלויכטענע פנימער זענען פארטון געווען אין קארטן-שפיל. פארווארפענע קעפ זענען געווען צוגעקלעפט צום גלאז און באטראכט די פרעמדע לאנדשאפט אונטער דער לבנה-שיין; אונטער אט דער לבנה איז שוין ערגעצווו אנגעגאנגען די מלחמה. שוין באלד נאכן דערווייטערן זיך פון פאריז, האט מען אנגעהויבן צו בענקען נאך די היי־מען אויפן בעלוויל.

די עטלעכע יאר אין פאריז, ווו מען האט געארבעט, געמסחרט, געטומלט, פארברענגט, האבן שוין איצט אויסגעזען ווייט. נישט אזוי, האט מען זיך פארגעשטעלט, וועט זיך פון דעם אלעם אויסלאזן. געגלויבט האט נאך אבער קיינער נישט, אז מען וועט זיך אויף אן אמת גיין שלאגן; אבער ווער וויים, אפשר איז עס פארט די לעצטע רייזע אהין, פונוואנען מען וועט זיך שוין מער קיינמאל נישט צוריקקערן.

נאך איידער ס'איז טאג געווארן, האט זיך דער צוג פארהאלטן אויף א קליינער סטאנציע. אין דער פינצטער האט מען געהערט געשרייען, איבערופן. קליינע שיין-ווארפערס האבן באלויכטן א פראווינצער וואקזאל מיט א פרעמדן נאמען פון א שטעטל. מען האט באפוילן ארונטערצוגיין פון די וואגאנען.

ס'איז אַביסל קאָמיש געווען צו זען די לאַנגע ריי ציוויל־געקליידטע, אויסגעשטעלט צו פיר. מען איז געגאַנגען און ס'האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען. ביי דער פערמע, וווּ דער וועג פאַרדרייט זיך באַרג־אַרויף, צו די פאָרטן און צו די טיפע קאַנאַוועס אַרום דער מיטלאַלטערלעכער פעסטונג, צו די הענגבריקן און אַרומגעשטעלטע מויערן, האָט אַ פויער, אין אַ שטרוי־הוט, מיט אַן אונטערגעבונדענעם גאַרטל, אין באַגינען אַרויסגעטריבן שוואַרץ־געפלעקטע קי פון יענער זייט פלויטל, געקנאַקט מיט דער בייטש אין דער לופט.

— היי, אַלטער, וווּהין פירסטו זיי אַזוי פרי? — האָט עמיצער פון דער ריי אַרויסגעלאַכט.

— אין שעכטהויז! — האָט דער אַלטער געוויזן אַ מויל געלע, שפּיציקע ציינער, געוויזן מיט דער האַנט צום האַלדז — צום קוילענען, אַזוי ווי מען פירט אייך!

מען האָט זיי דורכגעפירט אַ געוועלבטן טויער, ווו אַ סערזשאַנט מיט צוויי קאַפּאָראַלן האָבן געציילט די רייען מיט אַן אָפּגעשיילטער ווערבע־צווייג, אָנקלאַפּנדיק יעדן עקסטן, נישט טועה צו זיין זיך. צווישן די רויט־ציגלדיקע קאַזאַרמע־ווענט מיט די פאַרצייטיקע טורעמלעך אין די ווינקלען, האָבן זיי געוואַרט ביז מיטאָג, פונאַנדערגעזעצט אויפן פייכטן גראָז. עס איז געווען אַ קילבלעכער האַרבסט־טאָג און די זון האָט אַלעמאָל אויפגעפלאַמט מיט אַ בלענד אין דער שורה פענצטער, ווו עס האָבן געקלאַפּט די ביוראָען. צום ערשטן מאָל האָט זיי אַ רוף געטון דער טראָמפּייט צו מיטאָג. ביים איינגאַנג צו דער קיך, פונוואַנען עס האָט אויסגעזעצט אַ פּאַרע, איז געשטאַנען אַ יונג אין אַ ברודיק, געפּאַסקעוועט לייבעלע, מיט פאַרקאַשערטע האָריקע הענט, מיט אַ רויטן, אויסגעגאָלטן קאַרק און פאַר אים — אַ פּאַרעדיקער קעסל. ער האָט יעדן איינעם אַריינגעוואָרפן אין דער מענאַשקע אַ שטיק נישט־דערקאָכט פלייש און אַ לעפל געדיכטע אַרבעס־זופּ. די גרעסטע טייל האָט עס צום מויל נישט געקענט נעמען, געגענעצט, געצויגן זיך און לסוף אוועקגעשמיסן עס אין גראָז אַריין.

ביז אַזייגער צוויי האָבן זיי אונטערגעדרעמלט ווי באַנומענע. דערנאָך האָט דער טראָמפּייט אויפסניי אַ רוף געטון צו פאַרזאַמלען זיך אויפן געפּלאַסטערטן הויף, אינמיטן פון קאַזאַרמע־רינג. געציילט האָט מען אַ מאָל צען, גערופן פון אַ ליסטע די נעמען און צום ערשטן מאָל איז אַרומגעשפּרונגען אַ ווילערישער סו־לייטענאַנט פון פרעמדן־לעגיאָן, די העל־בלויע קעפּי פאַרוקט אינאַזייט. ער האָט יעדן שווערלעך־אויסגעלייענט, פרעמדן יידישן נאָמען צעקייט ווי פאַר זיך אַליין, מיט אַ לאַבעלע, געקלאַפּט זיך מיטן ים־שטעקעלע אין די שטיוול און אַ באַקוק־געטון זיי אַלע, אין די צעקנייטשטע ציוויל־קליידער. וואָס זענען נאָכן אויסלייענען אָפּגעטרעטן אינאַזייט.

— אלע זענען דא טאקע שניידערס? — האט ער געפרעגט מיט בולטן חוזק.

צווישן עולם, וואס איז געשטאנען מיט אראפגעלאזטע קעפ, האט איין בעמיעלע אויפגעכאפט העם שטאך. ער האט זיך נישט דערשראקן.

— אלע דא זענען יידן, אבער נישט אלע זענען שניידערס! איך, צום ביישפיל, בין א מאראקיניער...

יענער האט זיך פלינק א דריי-געטון אויף די קנאפל, שארף אנגעקוקט דאס שווארצע בחורל מיט דער פארקאשערטער, חוצפה'דיקער ליפ. ער האט געגעבן אזא שמייכעלע, וואס האט געהייסן: „אזוי? נו־נו, מירן זיך נאך זען, ווארט אביסעלע"...

די מעדיצינישע קאמיסיע האט א סך מאגערע און אויסגעבלייכטע יידי־שע שניידערס פארבראקירט, געפונען זיי פאר נישט גענוג שטארק צום סאל־דאטישן רעזשים. די וואס האבן זיך אין פאריז געשפארט און די ריי־ען, זענען שטילערהייט צופרידן געווען, וואס מען לאזט זיי דא ארויס פון גאנצן שווינדל. די ערשטע אויפנאמע איז זיי נישט שטארק געפעלן געווארן.

— זאלן זיי אלע ברענען אויפן פייער! — האבן די יידישע שניידערס פארנאכט שטילערהייט געשמועסט אין דער לאנגער, פינצטערער קאזארמע־באלאטע, אויף די צוויי־גארנדיקע בעטן, ווו זיי האבן ארונטערגעהאנגען די פיס. האלב־ליגנדיק און האלב־זיצנדיק, האט בעמיעלע אויסגעהערט די טענות און זיך דערנאך אפגערופן:

— כ'פארשטיי, ס'איז אנגעזאלצן אויף דער נשמה. ס'וואלט ליבער גע־ווען נישט אנצוקוקן די באנדע לעגיאנערן. די, וואס זענען געפארן קיין שפא־ניע, זענען אויך געווען פרייוויליקע. איך בין זיין מקנא, יענע פרייוויליקע...

ס'איז שווער געווען די ערשטע נאכט אנטשלאפן צו ווערן. עס האט דא געצויגן מיט א קעלער־פייכטקייט און מיט פארבאקענע ריחות זענען געווען אנגעזאפט די שטרוי־זעק און די קאלדרעס. טויזנט קליינע דערמאנונגען האבן געמאטערט דעם וואכן מוח, געגאגט. לינקס פון בעמיעלען, ביים אפענעם פענצטער, איז געשלאפן דער שעף פון דער באלאטע, א סערזשאנט פון רע־זערוו, א פראנצויז, וואס איז צוגעטיילט געווארן צום אויסלענדער־רעגימענט. ער איז אהער אנגעקומען מיט א טאג פריער, געהאלטן אין איין שרייבן בריוו און ביינאכט האט ער זיך געווארפן און צוגלייך מיט אלע דא נישט געקענט איינשלאפן.

— כ'פארשטיי נישט — האט זיך לסוף יענער אומגעדרייט צו בעמיע־לען — מילא, מיר האבן געמוזט גיין, אבער פארוואס זענט איר געקומען אהער? איך בין א פאסט־באאמטער אין א פאריזער קווארטאל, ווו איך זע אפט יידן. איר האנדלט, איר דרייט און אומעטום פארגיסט איר אייער בלוט מיט עפעס אזא לייכטזיניקייט, וואלט איך געזאגט.

— פאַר פרעמדע אונטערעסן ? דאָס, דאַכט זיך, ווילט איר זאָגן ? — האָט עס בעמיעלען אונטערגעהויבן — מיר פאַרשטייען זיך שלעכט; אין דאָס איז דאָס סאַמע טרויעריקסטע !

און ער האָט זיך אומגעדרייט, בעמיעלע און געמאַכט זיך, אַז ער שלאָפט; אָבער אײַנדרעמלען האָט ער קיין אויג נישט געקענט צו־טון. ער האָט גע־טראַכט וועגן דער מאַמען, וועגן שוועסטערל, וועגן פיערן און וועגן זײַן טאַטן, וואָס איז דאָ אויסגעגאַנגען אונטער דער שווערער לאַסט; און וועגן בערטן האָט ער געטראַכט, וועגן דער בלאָנדער בערט.

מיט טאָג־בלויען האָט אַ רוף־געטון דער פריִמאָרגן־טראָמפּייט. דאָס שטעכיקע ליכט פון לעמפּל איבער זײַן קאָפּ האָט אים באַלד וואָך־געמאַכט. ביים אײַנציקן קראַן אין קאָרידאָר איז אַ געשטופּ. מען טרינקט די קאַפּע אין דער שנעל, כאַפּטדיק, ווײַל דאָס פײַפל רעדלט שוין אין דער לופט. מען דאַרף שוין זײַן ביים אַפּעל. די שויבן האָבן זיך געטרייסלט פון דער שווערער פאָ־רעדיי צווישן דעם רינג רויט־ציגלדיקע מויערן. אַ לאַנגע ריי פּאָליציייאישע אויטאָקאַרן איז פאַרפאָרן אויפן פּלעצל. צווישן דעם קאָרדאָן זשאַנדאַרמען, האָבן זיי זיך דאָ גיך אויסגעלײדיקט. מען האָט זיי דאָ באַלד דערקענט, די שפּאַניער, אַרונטערגעבראַכטע פון די אינטערנירונגס־לאַגערן. שוואַרצע, פאַרוואַקסענע, אַרומגעשליסענע, מיט אַ ווילדן הונגער אין די הייסע אויגן. זיי האָבן זיך עפּעס געקאָכט, געוואָרפן מיט די הענט און גיריק אויסגעלעקט די קעסלען זופּ, וואָס זענען פאַר זיי צונויפגעבראַכט געוואָרן פון אַלע געביי־דעס. וויפל מען האָט זיי נישט אָפּגעזונדערט, אָפּגעטיילט זיי אין ווײַטסטן בלאָק, האָט זיך עטלעכע אײַנגעגעבן דורכצוגליטשן זיך צווישן די פּריוווי־ליקע. עס האָבן זיך גלייך אָפּגעפונען אייניקע צווישן די פּאַריזער, וואָס האָבן געהערט וועגן שפּאַניש, שטילן בחורים, וואָס האָבן זיך ביים לעצטן צוריק־צוג פון באַרצעלאָנע, אַריבערגעכאַפּט די גרענעץ אומבאַמערקט. עס איז קיין סך צייט נישט געווען אויסצורעדן מיט זיי אַ וואָרט. די קאַפּאָראַלן האָבן שוין געקאָמאַנדעוועט. ביים עולם, אָנגעטון אין ציוויל, זענען די פּאַריזער געפּרעס־טע אָנצוגן שוין געווען צעקנייטשט, פאַרבלאָטיקט און די דינע זוילן זענען פון טרעטן אין די בלאָטעס געוואָרן אויפגעשוואָלן. זיי האָבן געהאַט דאָס גע־פיל, אַז אין די ציווילע קליידער קוקט מען אויף זיי פון אויבן־אַראָפּ.

נאָכמיטאָג האָט זיי אַ פלינקער קאַפּאָראַל, צו פיר אין אַ ריי, אָוועקגע־פירט צו די מאַגאַזינען. קאַרגע טוזנט מענטשן האָבן אין משך פון איין שעה באַדאַרפט זיין אָנגעטון, צוגעשנאָלט, גרייט מיט האַק־און־פּאַק צום אָפּמארש. יעדן איינעם איז אויף דער שנעל, פון יענער זייט באַריער, צוגעוואָרפן געוואָרן זײַן פּעקל: העמדער, גאַטקעס, מאַרינאַרקעס, הויזן, פּאַסן, פּאַסיקלעך. זעלטן עמיץ האָט זיך געקענט אַן עצה געבן.

איבערן פּלאַץ איז אַרומגעלאָפן אַ יידישער שניידער, אַן איבערגעוואַקסע־נער, מיט אַן אויסגעאַרבעטער פּלייצע; ער איז געלאָפן ווי פון אַ שׂרפה.

— וואָס וועל איך דאָ טון מיט אַזויפיל טייסטערס? — איז ער געווען אומגליקלעך פונם באַרג קוילן־טעשלעך — יידן, גיט מיר אַן עצה!

עס האָבן זיך שוין דאָ אַרומגעדרייט די אַלטע לעגיאָנערן, אייביק פרייד־לעך, אַביסל אונטערגעטרונקען; זיי האָבן שוין די ציין אויפגעגעסן אין דעם טרוקענעם ברויט; זיי זענען שוין צום צווייטן און צום דריטן מאָל געווען אַנ־גאַזשירט אין די אַפריקאַנער רעגימענטן; זיי האָט שוין דאָס ציוויל־לעבן נישט געשמעקט, האָבן זיך דערפילט פאַרלוירן. פאַר אַ שאָפּין וויין האָבן זיי גע־האָלפן די יידן אַריינוואַרפן זיך אינם באַרג זאַכן, געהאָלפן זיי שנורעווען די פּאַסן און פּאַסיקלעך, ווייל אַלץ האָט באַדאַרפט זיין לויטן רעגולאַמין. און באַלד האָבן זיך שוין אויפן פּלאַצל, פאַרן קלויסטער, אַרומגעדרייט פרישגע־באַקענע מיליטער־לייט, אין אָפּגענוצטע, פאַרלאַטעטע אוניפאָרמען. איינער האָט העם אַנדערן נישט דערקענט באַלד און מען האָט געלאַכט:

— טיאַ, דאַכט זיך, אַז איך וויים שוין ווער דו ביסט! ווו האָב איך דיך געזען דאָס לעצטע מאָל? דאַכט זיך, אַז אויפן בעלוויל, אין דער קאַפע ביי שמיל הוי...

בעמיעלע האָט זיך אַליין אַן עצה געגעבן. ער איז געווען פלינק, פלינקער פון אַלעמען. ער האָט גיך געכאַפּט דעם טריק ווי די אַלע זאַכן דאַרפן ווערן צונויפגעשפּיליעט, ווי די וויקל־בענדער דאַרפן ענג איינציען דעם פוס. די איינגעשטייפטע אוניפאָרם, כאָטש אַן אָפּגעבליאַקעוועטע, פון אַן אָפּגעקראַ־כענעם בלוי, האָט אים צוגעגעבן חשיבות און פעסטקייט אין די מוסקולן.

יעדן טאָג זענען געקומען נייע טראַנספּאָרטן; בלאָנדע, קאַנטיקע פּאָליאַקן פון די קוילן־גרובן אין "נאָרד", עטלעכע פאַרבלאָנדזשעטע רוסן פון די פּאַ־ריזער שאָפערן און טעלער־וואַשער אין די רעסטאָראַנען, פון די האַלב־נאַכטיקע קאַבאַרעטן אויפן מאָנמאַרטר, פון די וויין־גערטנער אין טולוזער געגנט. קליינע, אָבער מוסקולירטע פּאָרטוגעזישע טעראַסן־אַרבעטער, יידן פון טער־קיי, פון גריכנלאַנד; וויפל זיי זענען נישט פאַרקליידט געווען אין זייער פּאַרי־זער־ישער עלעגאַנץ, איז פונם קאָכן זיך זייערס אַרויסגעשפּרונגען דער היציקער אָריענטאַליער. אַ גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט איבער די האַרבסטיק־אימעטיקע דערפלעך פון דער פראַנצויזישער פּראָווינץ.

מיט זשאַקלען האָט זיך בעמיעלע אומגעריכט באַגעגנט אין רייניקלעכן קאָרידאָר, ווו מען האָט זיי איינציקווייז אַריינגערופן אין דער ביוראָ אויס־פרעגן זיך אומשולדיק, וואָס מען האָט געטון אין לאַנד און צי מען האָט זיך נישט באַשעפטיקט מיט קיין פּאָליטיק. אויך די שפּאַניער, אימיגרעטוואַנע, האָט מען אַריינגערופן. צווישן די דאָזיקע איז אויך זשאַקל געווען. נאָך פאַרן אַוועקפאָרן פון פּאַריז, האָט ער געהערט, בעמיעלע, אַז דער זשאַקל זאָל זיך

ערגעץ געפינען אין א לאגער און אז די פרוי זיינע, וואס וווינט אין שכנותדיקן האטעל „פעקין", האט פאר דער צייט געבוירן א קינד. ער האט אים נאך געדענקט, זשאקלען, פון יענע טעג, אין פעברואר 1934, ווען זיי זענען צוזאמען געלעגן הינטער די אנגעוואלגערטע שטיינער אויף רי דע לאריאן און פארטיידיקט זיך קעגן די פאשיסטן. א באקאנט פנים פון בעלוויל, האבן זיי זיך צוערשט אנגעקוקט און געדריקט זיך די הענט. ער איז געווען פארענדערט, זשאקל, נאך מאגערער ווי ער איז געווען, פארברויגט פון הער זון און פון די געזאלצענע ים-ווינטן.

— איך האב באלד אריבערצוכאפן זיך אויף עטלעכע טעג צום בעלוויל. שוין איבער צוויי יאר ווי איך האב מיין פרוי און קינד נישט געזען. זיי היטן אונדז דא אויף טריט און שריט. דא איז נישט כדאי צו רעדן. פארנאכט...

פארנאכט האבן זיי אויסגעמיטן די טומלדיקע קאפע, וווּ די סאלדאטן זענען געזעסן און געשריבן די בענקענדיקע בריוועלעך צום ווייב און צום הויזגעזינד. זיי האבן זיך געלאזן מיטן שאסיי, אויף א זייטיקן שטעג, דורך די פעלדער. עס איז בעסער געווען צו האלטן זיך אינאזייט, ווייל מען האט געשמועסט, אז צווישן אט דעם גאנצן אנגעטריבענעם אינטערנאציאנאל דרייען זיך ארום „אויגן און אויערן", אז מען דארף נישט לאזן פאלן קיין איבעריק ווארט, אז פון די טראנספארטן זענען שוין פיל אפגעפירט געווארן אין ספעציעלע לאגערן; אז אויך צווישן די שפאניער איז פארגעקומען א באזונדערער אפקליוב. די אינטעליגענטערע צווישן זיי, די, וואס האבן אויסגעזען צו זיין אפיצירן — ווייל אליין האבן זיי זיך נישט אויפגעגעבן — האט מען באלד אוועקגענומען.

— ווארט, האנרי, איך זע שוין באלד נישט ווו איך בין פארקראכן — האט זשאקל אים דעריאגט — הונדערטער ליגן זיי דארט באגראבן אין די זאמדן, די שפאניער. נישט געווען מיט וואס ארומצובונדן די אייטערדיקע ווונדן. דער ווינט, די זאמדן, די טראפישע רעגנס אין גירס, ביים ים. מיר ווייסן שוין איצט ווער ס'האט אומגעברענגט שפאניע.

— מיר האבן עס אין פאריז אויך געוווסט. מסתמא ווייסן זיי וווהין זיי ווילן דערפירן. אבער איך טראכט, אז ס'איז נאך גלייכער צו זיין אין דער ארמיי. ס'שאדט נישט...

— א שטיק דערפאר האבן זיך די אלע געלאזן איבערערן. נאר — ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך נישט דארפן דערמאנען, אז מיר זענען יידן. איך האב שוין, דעם אמת געזאגט, געהאט פארגעסן. איז הען נישט גענוג, אז מען איז אן ארבעטער און א מענטש?

דורך די גערטנער האבן זיי צוריק דורכגעשניטן אין א קרומער ליניע צו דער איינציקער קאפע אין שטעטל. ער האט געשפאנט לעבן אים בעמיעלע, א הויכער , אן איינגעפאסטער אין דער אוניפארם. מען וואלט געזאגט, אז

ער איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ סאָלדאַט. זשאַקל איז אַפילו אין די מילי־
טערישע קליידער פאַרבליבן דער קליינער יידישער פּרעסער פון בעלוויל, מיט
די אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס.

סוף כל סוף האָט מען די אומעטיקע שטעטלעך, מיט דער קורצע אינדער־
מיט, מיטן האָן אויפן גלאָקן-טורעם, מיטן דענקמאָל פאַר די געפאַלענע אין
1914-18 געמוזט אָפּליידיקן. עס זענען שוין געווען געשלעגן צווישן נישט-
יידן און יידן, עס זענען געווען באַשטראָפונגען און שיינע אויסריידן פונם
אַדיוטאַנט מיטן רויטן קאַרק, אַז אין לעגיאָן איז נישטאָ קיין אונטערשייד
צווישן פאָלק, ראַסע און רעליגיע. אין אַ גאָלדיקן האַרבסט־טאָג האָט מען זיי
פאַרפּאַקט אין די וואַגאָנען „8 פערד און 40 מענטשן". די שפּאַניער האָבן
אויפן גאַנצן וועג געזונגען די שיינע, אומעטיקע לידער פון זייער היימלאַנד,
וואָס האָבן דעם יידישן עולם דאָ אַזוי שטאַרק דערמאָנט אין די ימים־נוראָ׳־
אימדיקע ניגונים אין די שולן פון זייערע היימישע שטעטלעך אין פּוילן. דער
לאַסט־צוג האָט געצויגן קיין דרום, צו די זאַמדיקע ברעגן ביים מיטללענדישן
ים, צופוסנס די פּירינייען.

אין חודש נאָוועמבער איז דער בלויער מיטללענדישער ים שוימיק, פינצ־
טער. די ווינטן אונטערן נידעריקן הימל אויפן פלאַכן, נישט־צוטריטלעכן פּי־
שער־ברעג, הויבן אויף אַ זאַמדיקן וואָלקן איבערן ווייט־פונאַנדערגעוואָרפּע־
נעם לאַגער. די פּראָוויזאָריש־צונויפגעקלאַפּטע באַראַקן און די שטעכל־דראָט־
צוימען זענען נאָך אַזוי פאַרבליבן פונם אָפּגעליידיקטן אינטערנירונג־לאַגער
פאַר די רעשטלעך פון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי פון שפּאַניע. אַהער זע־
נען אין אָנהייב אָקטאָבער צוגעקומען די ערשטע טראַנספּאָרטן פרייוויליי־
קע. האַלב אין ציוויל און האַלב מיליטעריש, מיט שטריקלעך אויף די ביקסן,
האָט מען זיי יעדן פאַרטאָג אַוועקגעטריבן אין די זאַמדן אויף איבונגען. דער
דינער זאַמד־שטויב איז געווען אין די אויגן, אין די אויערן, אינם עסן, איז
דורכגעדרונגען די קליידער, פאַרשאָטן די איינגענג צו די באַראַקן, אויפגע־
טורעמט זיך אין געאָמעטרישע פיגורן, לויט דער פאַנטאַזיע פונם ווינט. די
באַראַקן האָבן געקרעכצט אין רייסיקן ווינט און פון דער כמאַרע פליי, וואָס
זענען פאַרבליבן נאָך די שפּאַניער, איז נישט געווען אָפּצוטרייבן זיך.

דאָ איז געווען דער זאַמל־פּונקט פון די דריי רעגימענטן פון דער „שטריקל־
אַרמיי", ווי מען האָט זיי דערנאָך גערופן, ווייל זיי זענען אַרויף אויפן פראָנט
מיט ביקסן פון אַ פאַרעלטערטן מאָדעל. מיט שטריקלעך, אַנשטאָט ביקסן־
רימענס, אָן אַמוניציע, אָן דער אונטערשטיצונג פון דער אַרטילעריע און
אַוויאַציע, אויסגעליפערט פון פאָראויס דעם שונא. זיי האָבן זיך אָבער העל־
דיש פאַרטיידיקט, אָפּגעהאַלטן דעם מאָטאָריזירטן דייטש, איבערגעלאָזן ברודער־
קברים אויף דער סאָם, אין די אַרדענען און אויפן טייך ען, האַרט ביי די טוי־

ערן פון פאריז. די לעבן־געבליבענע זענען אוועק אין געפאנגענשאפט אויף פינף לאנגע, ביטערע יאר, אויף קאטארגע־ארבעט.

פון דעמאלט אן האבן זיי זיך שוין געהאלטן צוזאמען, זשאקל און בעמע־יעלע, געשלאפן אין זעלבן ווינקל אויף די ברעטער. ער האט געזען אינדערפרי, ווי זשאקל הויקערט זיך אונטערן 50-קילאדיקן מאשין־געווער אין דער ריי, אבער ער גייט פעסט, שטייט נישט אפ פון דער קאלאנע און גיט זיך נישט אונטער, ווי א פארהארטעוועטער סאלדאט דארף זיין. די עטלעכע יאר שפא־ניע האבן עס פון אים אזוי געמאכט. ער האט גוט געקענט פון אויסנווייניק אלע שרייפעלעך פון פראנצויזישן „האטשקיס", פון רוסישן „מאקסים", גע־קענט צענעמען אלע טיילעכלעך מיט פארבונדענע אויגן און צוריק צוזאמענ־שטעלן. דער לייטענאנט סוליס, מיטן שווארצן לעגיאנערן־בערדל, מיטן עפּט אויפן לינקע קין, וואס האט זיינע בעטלעך געוונען אין מאראק, האט אים באלד געהאט אויפן אויג און אים אנפארטרויט א גרופע יינגע רעקרוטן.

אבער די יידישע שניידערס און די מאראקינעריסטן איז אט די גאנצע „טיוול־מאשין", דער קוילן־ווארפער, נישט געקראכן אין קאפ אריין. זיי איז געלעגן אינזינען דאס ווייב, די קינדערלעך. זיי זענען יעדן טאג געלאפן צום דאקטער, אויסגעפונען אלערליי קרענק. אויפן שים-פלאץ האט זיך דער לייטענאנט אומגעדרייט צווישן די גרופן, געהאט יעדערן אויפן אויג:

— איר וועט אלע גיין ביי מיר פאר א מיליטערישן געריכט!

— ער האט רעכט און מיר האבן אויך רעכט — האט זשאקל גערעדט אויפן געלעגער צו בעמיעלען — ס'איז נישט דאס! מען דארף וויסן פאר וועמען און פאר וואס מען שלאגט זיך. די מלחמה קעגן דייטשן פאשיזם האט זיך אנגעהויבן מיטן דערשטיקן די ארבעטער־באוועגונג, מיט דער הילף פאר פינקאנד קעגן ראטנפארבאנד.

יאשקעלע, וואס איז אראפגעקומען אהער אביסל שפעטער, האט זשאק־לען איינגערוימט א סוד:

— מיר וועלן זיי דא באלד נישט אנקוקן. איך קען זיך אוים אביסל צו די דאקטארסקע שטיק. אלע קרענקען וועלן זיי ביי מיר געפינען...

ער האט אויסגעזען נאך ברייטער אין דער בלוזער, אפגעשאסענער מארי־נארקע, ווו אלע נעטלעך האבן ביי אים געפלאצט. די צוויי ווילדע שפיצן פון דער קעפּי האבן אים געגעבן דעם אויסזען פון א פורים־שפילער.

— הא, זשאקל — האט ער אים געקלאפט אין די מאגערע פלייצקעס — ביסט אוועק פון בעלוויל, איז דער בעלוויל צו דיר געקומען. שא, א גרוס דיר פון דיין געוועזענעם „פשיאטשעל", בעני גרינבערגער. וואס זאגסטו נישט צו אים? ער איז דאך געווארן פלוצים א גאנצער געזעלשאפטלעכער טוער, זארגט זיך פאר אונדז, פאר די יידישע פריוווליקע. די יידישע בלעטער זע־

נען פול מיט זיינע שפענדונגען, מיט זייטע פּאַטריאָטישע רעדעס, אָבער אַליין יאַקאָש איילט ער זיך נישט צו קומען אַהער אַפּפינצטערן אין די פליי־באַראַקן.

זיי האָבן שפּאַצירט פאַרנאַכט איבערן שאָסיי, ווו עס איז געווען אַ געגיי אַהין און צוריק, ווו אַלע לאַנדסלייט האָבן זיך ווידער צונויפגעטראָפן. מען האָט געלאַכט פון די אייגענע צרות, אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן אין דער הלבשה פון האַלבע סאָלדאַטן און האַלבע שלעפּערס.

— חיים־שמיל איז געוואָרן אַ סאָלדאַט! — האָט מען געלאַכט.

— און דו, דיין ווייבל וויל דיר גאָרנישט אָפּלאָזן. ביסט אַוועק פון פּאַריז, איז זי באַלד געקומען צולויפן אַהער.

די יידישע ווייבלעך האָבן זיך, זעט אויס, היפּש געלאַנגווייליקט אין פּאַריפז און זענען אַראָפּגעפאָרן די קנאַפּע טויזנט קילאָמעטער אינם באַר־וואָרפענעם פישער־דערפל ביים מיטללענדישן ים. אַלע הייזער, אַלע קאַפעס זענען געווען איבערגעפּאַקט מיט יידישע ווייבלעך. דער איינציקער האָטעל איז געווען פול־באַזעצט. די מענער האָבן זיך איינאָוונט אַדורכגעגליטשט די וואך ביים טויער און געגאַנגען נעכטיקן אין דערפל. מען האָט איבערגע־קויפט דעם קאַפּאָראַל, וואָס האָט ביינאַכט געמאַכט דעם אַפּעל אין די באַ־ראַקן. די שניידערס האָבן איבערגענייט אַ פּאָר הויזן, אָדער צוגעפּרעסט דעם אָנצוג פון לייטענאַנט, און אויסגעבעטן אַ דערלויבעניש צו גיין נעכטיקן צום ווייבל. זונטיק נאָכמיטאָג האָבן זיך די יידישע ווייבער אַרומגעפירט מיט זיי־ערע סאָלדאַטן. די קאַפעס אין פּאַרוואָרפענעם דערפל האָבן שיעור נישט העראָמאָנט דעם בעלוויל. די קאַפּע „דאָס ליכט פון בעלוויל" און די קאַפּע ביי שמיל הוי.

— פאַרוואָס ברענגסטו נישט אַראָפּ אביסל קריינדלען אַהער? — איז יאָשקעלע צוגעשטאַנען צו זשאַקלען מיט זיין פאַסקודנע געלעכטערל — וואָסי, דיר פּאַסט נישט אַרומצופירן זיך מיט דיין יידענע?

— האָסט נאָכנישט פאַרגעסן, יע איך, דיינע אַלטע שטיק — האָט זשאַקל בלאָס געשמייכלט און אין זיין שמייכל איז דאָסמאָל געווען אַ סך טרויער. יאָשקעלע האָט עס גלייך דערפילט און זיך צוריקגעכאַפּט:

— איך ווייס, אַז קריינדל וועט אַהער נישט קומען, אָבער וועסט זי אָני־גיבן זען און אָנקוקן דעם יאַט דיינעם. געמעגט אָנקוקן אַ יונגאַטש — דער גאַנצער טאַטע...

קאַפּיטל דרייסיק

דער פֿריילעכער ווינטער

סוף כל סוף האָט ער זיך אַרויסגעדרייט, יאָשקעלע, נאָך ווי אַזוי אַרויסגעדרייט! ער האָט זיך אָנגעמאַכט עפּעס אַ צרה, אַ קרענק, אַ געשווילעכטס אויפֿן פּוס, האָט געהאַלטן אין איין פֿאַרשרייבן זיך צום דאָקטער און איז לאַנג און געדולדיק, ווי אַ פּויער, וואָס קומט אין אַ שטאָטישן אַמט, אָפּגעזעסן אין פּאָדער־צימער מיט די אַלע, וואָס האָבן מאַנקערירט. די עלעבע יידישע דאָקטוירים און סאַניטאַרן, נאַר־וואָס געענדיקטע און אָן רעכט צו פּראַקטיצירן אין ציוויל, וואָס האָבן זיך אונטערגעלעקט דעם פּראַנצויזישן מאַיאָר און געוואָלט זען וואָס ווייניקער קראַנקע, האָבן געהאַט מיט אים אַ גאַנצן געטו. ער האָט זיך נישט געלאָזן, געזידלט זיי. זיי האָבן אים געגעבן אַלערליי מיטלען דער פּוס־געשווילעכץ זאָל אָפּגיין, אָבער אַ נעכטיקער טאָג, ס'האָט עפּעס נישט געהאָלפֿן. יעדן אינדערפֿרי, צום אַפּעל, האָט יאָשקעלע פֿיגורירט אין דער קראַנקן־ליסטע. די קאַפּאָראַלן און די סערזשאַנטן האָבן אים שוין גוט געקענט. ער איז אָפּגעלעגן אין לאַזאַרעט וואָכן, ביז ס'איז זיי דאָרט נמאס געוואָרן, די דאָקטוירים, און זיי האָבן אים באַפֿרייט.

גלייך אויפֿן וועג צו דער באַן, האָט ער אויפֿגעהערט צו שלעפּן דעם געשוואָלענעם פּוס. דעם שטאָק האָט ער אַוועקגעשמיסן, פֿריילעך געשפּאַנט די עטלעכע קילאָמעטער צו דער באַן און אויפֿן גאַנצן וועג אַרומגעפּלאַפּלט און געוויצלט זיך מיט אַ יינג, סימפּאַטיש ווייבל, וואָס איז דאָ אָפּגעזעסן שיינע עטלעכע וואָכן און יעדן אָוונט געזען זיך מיט איר מאַן. זי איז געווען זייער טרויעריק, דאָס יינגע ווייבעלע. אירע שיינע, בלויע אויגן זענען נאָך געווען פֿאַרוויינט פֿון אָפּגעזעגענען זיך. אַ קליינע, בלאָנדע פּאַריזערין, לייכט ווי אַ פֿייגעלע, איז זי דעם גאַנצן וועג געווען אָנגעהאָנגען אין יאָשקעלען. זי האָט געקלאָגט אויף איר מאַן, וואָס מוז דאָרט נעבעך בלייבן אין די באַראַקן מיט די פּליי. ער האָט איר געהאַלטן אין איין טרייסטן, יאָשקעלע, מיט זיינע פּראָסטע, גוטמוטיקע רייד און ביי זיך האָט ער געטראַכט: „אַ גאַנץ פֿיין ווייבלטשיגע, שוין אַזאַ יאָר אויף מיר“.

ביז נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיי באַדאַרפֿט צו וואַרטן אויפֿן קנאַפּ־באַלויכטענעם פּראָווינצער וואָקזאַל; זענען זיי געזעסן אין אַ ווינקל אויף אַ באַנק און אונטערגעדרעמלט. ווען זי האָט דערנאָך אין שיטער־באַזעצטן וואַגאָן אָנגעלעגט איר קאָפּ אויף אים און צוריקגעוואָרפֿן זיך צים אָנלען, אַזאַ מידע, האָט ער דערפֿילט, יאָשקעלע, ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיך עפּעס אַ ציטערדיקע זאַך, וואָס מען דאַרף זיך שטאַרק צו היטן זי זאָל נישט אַראָפּפֿאַלן אויף דר'ערד און זיך צעבּרעכן.

די צוגן זענען שוין מערנישט געגאַנגען נאָרמאַל. אין טולוז זענען זיי איבערגעשטיגן און נאָך אַ נאַכט טרייסלען זיך, זענען זיי אַרום פינף פאַר־טאָג אָנגעקומען קיין פּאַריז. יאַשקעלע האָט זיך געריבן די פאַרגליווערטע הענט, געצויגן די פאַרשלאָפענע גלידער און זיך אָפּגערופן סתם אַזוי:

— ס'וואָלט נישט שלעכט געווען אויסצוטרינקען עפּעס וואַרעמס!

— מען זעט גלייך, אַז איר זענט שוין לאַנג אַוועק פון פּאַריז. וווּ וועט איר דען עפּעס געפינען איצט אין דער פינצטערער, אויסגעשטאָרבענער שטאָט?

געהערט אַזעלכע רייד, האָט ער זיך מער נישט אָפּגערופן און געוואַרט.

אַ קלעפּיקער דעצעמבער־נעפּל האָט פאַרהוילט די שאַרפע קאָנטורן פון די ראָגן אויפן צופאַר־פּלאַץ ביים "גאַר דע ליאָן". די ברודיקע שיין פון עט־לעכע לאַמטערן האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן דורך דער געדיכטער חשכות. אַ טאַקסי מיט פאַרשטעלטע פייערן און מיט אַ פאַרמאַכטער בויד איז דאָ ערגעץ אָנגעפאָרן און עס האָבן זיך געהערט אָפּגעריסענע רייד.

— איך ווין אין יענעם עק פּאַריז — האָט זי געקלאָגט, דאָס פאַרשלאָ־פענע ווייבעלע.

— שאַט נישט! — מאַכט יאַשקעלע — מען געפינט נאָך אין פּאַריז וווּ איבערצושלאָפן אַ נאַכט.

ער האָט געוווּסט אַ האָטעל אין דער געגנט, וווּ מען קען פאַרבלאָנדזשען אינמיטן דער נאַכט אויך. מיט קיין באַזונדערע פראַגן שטייט מען דאָרט נישט צו.

שפּעט אויף טאָג האָט ער דאָס שיינע, צעפּיעשטשעטע ווייבעלע אי־בערגעלאָזן אין האָטעל־צימער און אַליין איז ער מיט הינטערגעסלעך אַוועק צו זיך אַהיים, צום ווייב סימעלע און צו די צוויי יאַטן. דעם גאַנצן וועג האָט ער זיך נישט געקענט שענקען: „אַ ווייבלטשונע, שוין איינמאָל אַ ווייבל־טשינע".

ווען ער האָט זיך צערייניגעשטעלט, איז די קאַפּע ביי שמיל הוי נעגאַנגען אויף רעדלעך. מען האָט אים געקלאַפּט אין די ברייטע פּלייצעס אַריין.

— וואָדען? כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז ווער־ווער, נאָר יאַשקעלע וועט זיך אודאי אַרויסדרייען.

— און איר? אויף וועמען וואַרט איר צו גיין פאַרזוכן אַביסל די פּליי פון באַרקאַרעס?

— ווו ברענט? — האָט מען אים געענטפערט פון אַלע זייטן — מען שלאָגט זיך דען מיט די דייטשן? מען זעט דען נישט אַז ס'איז אַ ריינע קאָמעדיע...

לאַזער פּרעסער, וואָס האָט נאָכנישט אַראָפּגעלאָזן די לעדערנע קורט־קע זינט ווען ער איז צוריקגעקומען פון שפּאַניע, וווּ ער איז געווען אַן אָר־

טילעריסט און געשניטן די פּאַשיסטן, האָט אים איינגערוימט אַ סוד, אַז אַלע זאָלן הערן:

— אין דר'ערד האָב איך זיי, הערסט, צי ניין? אין שפּאַניע האָב איך געוווסט פאַר וועמען איך שלאָג זיך! נישטאָ פאַר וועמען. איך בין פאַר־שריבן אפשר אין צען ביוראָען און פון פּוילישן קאָנסולאַט האָט מען אויך געשיקט נאָך מיר. רופט מען מיך צום לעגיאָן, זאָג איך, אַז כ'בין אַ פּויליש־ שער בירגער. ביי די פּאָליאַקן שריי איך, אַז כ'גיי אין לעגיאָן אַריין. זיי רעדן אַלע זייער איידל צו מיר. איך וויים מיט וואָס דאָס שמעקט. נישט ביי מאָ־טיען...

דער יידישער בעלוויל איז צוריק אַריין אין די שינעס, מען איז שוין נישט געווען אַזוי צעראָדערט. ווער ס'איז אַוועק, איז אַוועק. דער עולם האָט געאַרבעט צעזעצטערהייט. ס'האָבן איצט אויסגעפעלט הענט, אַזויפיל אַרבעט איז געווען. די יידישע קאָנפעקציאָנערן זענען פּאַרוואַליעט געוואָרן מיט מי־ליטערישע באַשטעלונגען. זיי האָבן נישט אַזויפיל פאַרדינט, אָבער עס האָט זיי פאַרט געלוינט. זיי זענען אַריינגעקראָכן און געקראָגן באַקאַנטשאַפטן איך די ביוראָען, אין די אינטענדאַנטסטוועס, מיט די קאָלאָנעלן און קאָמאַנדאַנטן. זיי זענען פריי געוואָרן פון קאָפּ־ברעכעניש צוצושטעלן זיך צום מיליטער, אַרויסבאַקומען פּאַפּירלעך אַלס „ספּעציעל־נויטיקע" פאַר דער קריגס־אינ־דוסטרי. זיי האָבן דערביי אויך אַריינגעדרייט אַלע זייערע בוזים־פריינט. יעדער איינער האָט זיך געדרייט ווי אַזוי ער האָט געקענט. די,וואָס האָבן זיך אויף אַן אמת אַנגאַזשירט צו גיין שלאָגן די היטלערישע בעסטיע, זענען שוין פונלאַנג געהאַט אַוועק. יינגע ווייבלעך, וואָס זייערע מענער זענען גערופן געוואָרן פון די ערשטע, האָט ווײ־געטון דאָס האַרץ; און איצט, ווען די פריילעכסטע צייט אין פּאַריז האָט זיך דערנענטערט, די מאַסקן־בעלער, די ניי־יאָר־פייערונגען, איז זיי באַפאַלן אַן אומעט. מען האָט זיי נאָך געשאָטן זאַלץ אויף די וווּנדן אויך:

— ווער האָט אים געהייסן יאָגן זיך, אינס מאָן? צו אַזעלכע זאַכן דאַרף מען זיך קיינמאָל נישט אײַלן, זיי אַנטלויפן נישט.

מען האָט גוט פאַרדינט. די ווייבלעך פון די אַרויפגעאַרבעטע קאָנפעק־ציאָנערן זענען אַרויסגעגאַנגען אין די עלעגאַנטסטע שטעטער און צום ניי־יאָר האָט מען זיך געגרייט, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, ווי ס'וואָלט אויף דער וועלט גאָר קיין מלחמה נישט געווען. פון צייט צו צייט נאָר האָט די סי־רענע אײַנמיטן דער נאַכט איבערגעוועקט, אָבער קיינער איז שוין אין די קע־לערן נישט געלאָפן. מען האָט געוווּסט, אַז קיין באָמבס וועלן נישט פאַלן און ווי אַלעמאָל וועט זיין — „גאָרנישט צו סיגנאַליזירן"...

פונקט ווי פריער, האָט זיך קריינדל אויך איצטער געמאַטערט, און נאָך דערצו מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט. די לעצטע איז זי אַוועק פון יענעם

האָטעל, זינט העמאָלט, ווען דער בעלווילער אַרבעטער־קלוב איז פאַרמאַכט געוואָרן, ווייל אַלע כמעט זענען אַוועק אויף די שפּאַנישע פראָנטן. זי האָט זיך אַוועקגעצויגן אין אַ צימער נענטער צו באַקאַנטע. זי האָט שוין איצט מערנישט געקענט אַזויפיל אַרומלויפן.

טאַקע אין דער קאַפּע ביי שמיל הוי איז יאָשקעלע געוויר געוואָרן ווו זי וווינט און איז אַ טאָג פאַר ניי־יאָר אַריינגעפאַלן צו איר. דאָס באַשיידענע צימערל איז פול געווען מיט ליכט און וואַרעמקייט. די ראָזינקע פאַרטעכ־לעך און העמדעלעך האָבן זיך געטריקנט אויף אַ שנירל, פאַרצויגן פון וואַנט צום שענקל, און אין בעטעלע האָט געלאַכט אַ שיין, בלאָנד ייִנגעלע מיט פּונקט אַזעלכע גרויע אויגן ווי ביי זשאַקלען. קריינדל אַליין איז געווען פאַרפאָרעט ביים געוועש. אָפּגעווישט די הענט, האָט זי אים דערלאַנגט אַ שטול און איז שטאַרק צופרידן געווען פון זיינע גרוסן.

— אַזאַ גליק צו זען זשאַקלען, אַזאַ גליק! ווען ער וואָלט כאָטש בלויז געקענט אָנקוקן דאָס קינד...

ער האָט זי איינגאַנצן נישט דערקענט. פונם איבערגעוואַקסענעם מיידל איז כמעט גאָרנישט נישט פאַרבליבן. אַזויפיל מאַמעשע וואַרעמקייט ווי עס האָט געשלאָגן פון איר. אָבער דער אומעט אין אירע וואַסערדיק־פאַרבלויטע אויגן האָט מער ווי אַלעמאָל אַרויסגעקוקט, ווי אַ שרייענדיקער הונגער. אַזוי־פיל שיינע און גוטע זאַכן האָט יאָשקעלע אָנגעבראַכט פאַר איר און פאַרן קינד: שיכעלעך, הויזעלעך, סוועטערלעך, נאַשוואַרג און פאַר קריינדלען — אַ שטיקל שטאָף. ער איז געווען אַביסל שעמעוודיק און גערעדט פאַרלעגן:

— נעמט עס, קריינדל, און זאָל עס אייך וויל באַקומען. איר דאַרפט מיר נישט דאַנקען, ניין. זשאַקל איז מיינס אַ לייבלעכער חבר, אַ ברודער, און איר, דוכט זיך, קערט זיך מיר אויך עפּעס אָן...

— איך בין צופרידן און נישט צופרידן פון זשאַקלס אַנגאַזשירן זיך. מען ווייסט דען וואָס פאַראַ ציַיטן עס רוקן זיך אָן?

די צייטן זענען שוין ווירקלעך געווען אַנדערע. ס'איז געווען דער אָנ־הייב פון פאַרשטעקן זיך אין אונטערערד, ווי אין אַ לאַנגן, פינצטערן טונעל, פון וועלכן מען האָט באַלד דעם סוף נישט אַרויסגעזען. מען האָט שוין גע־וואָרפן אין תפיסות, פונקט ווי אין יענע גוטע צייטן אין פוילן. אַ שטילע, נישט קיין רעדערן, האָט קריינדל, וואָס האָט נאָך געלעבט מיט דער אונטער־ערד אין פוילן, זיך זייער שנעל צוגעפּאַסט. מיטן קינד אויף דער האַנט, נישט ציענדיק קיין שום חשד אויף זיך, האָט זי אָנגעקלאַפּט אין אַלע קאָנספּיראַ־טיווע דירות. זי איז איצט געווען די איינציקע פאַרבינדערין שמוליקס.

ס'איז געווען דערזעלבער שמוליק, וואָס האָט אין יענע יאָרן פון דער־שפּאַלטונג, אַוועקגעגעבן זיין גאַנצן ענערגיע אין דער „קולטור־ליגע“. זייט חדשים האָט ער די ליכטיקע שיין נישט אָנגעזען, איז געלעגן הינטער אַ פאַר־

האקטער טיר, אין אַן אָפּגעלעגענער געגנט. ס'איז געווען דערזעלבער שמו־ליק, נאָר אַ ביסל אַ געעלטערטער, מיט שטאַרק־קורצזיכטיקע רויטלעכע אויגן אונטער די ברילן־גלעזער. זיין נידעריק־געשוירענער קאָפּ איז געווען פאַרגראָבן אין די שטיקלעך פּאַפּיר, וועלכע ער האָט באַדעקט מיט קליינע, דראָבנע אותיות. די מיידלעך, די שניידערקעס, די „הנעט", וואָס זענען פריער גע־לאָפן אויף שטאָקן צו די יידישע „פּאַסאַניערס" מיט אַ צייטונג, מיט אַ זאַמל־ליסטע פאַר שפּאַניע, פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּוילן, זענען דורך קריינדלען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט שמוליקן. דורך זיי האָט זיך די אומלעגאַלע צייטונג ווידער באַוויזן אויפן יידישן בעלוויל, אין די סאָלדאַטן־לאַגערן. ס'איז געווען אַ נייער פּיבער אין די דאָזיקע פּשוטע מיידלעך.

זי האָט זיך דערפילט מאָדנע יונג, קריינדל, יינגער ווי דעמאָלט, ווען זי איז אַנטלאָפן פון אירע קרובים און געשלעפּט איר צעשטויסענעם באַגאַזש איבער די בריקן פון דער סען. די עטלעכע עלנטע יאָר, אין בענקעניש נאָך אַ נאָענטן מענטש, מיטן פּיצל קינד אויף דער האַנט, האָבן זיך אָפּגערוקט. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי יונג, ווי אין יענע יאָרן, אויפן מוראַנאָוו, אויף די קעמערלעך, אויף די מאַסוווקעס, אויף די דעמאָנסטראַציעס. ס'איז ווידער געווען דער איינגעהאַלטענער סוד, ווי אויף יענע פאַרשטעקטע בוידעם־שטיבלעך אין וואַרשע. מען האָט זיך געטראָפן אויף אַ ראָג פון אַ טומלדי־קער גאַס, אין דער איבערגעפּאַקטער מעטראָ און איבערגעוואָרפן זיך קורץ:

— די קליינע גענקע איז דורכגעפאַלן... טריט ביי טריט זענען זיי איר נאָכגעקראָכן...

זי האָט אפילו נישט געהאַט קיין חשק צו גיין, נאָר מיט געוואַלט האָט מען זי אַוועקגעשלעפּט אויף אַן אינטימער ניי־יאָר־פייערונג. ס'האָט דאָרט גיכער אויסגעזען ווי אַ קאָנספּיראַטיווער צוזאַמענטרעף. דריי קורצע קלעפּ־לעך ביי דער טיר, האָט באַדייט — אַן אייגענער. מען האָט געגעסן היימישע יידישע מאכלים, געטרונקען וויין, שטאַרק־פאַרבריטן טיי. און אַרום האַלבער נאַכט, ווען מען איז געוואָרן שטאַרק צעוואַרעמט, האָט מען געזונגען יידישע לידער און מען האָט זיך פונאַנדערגערעדט וועגן יידישע צרות. שמוליק, נאָך וואָכן און חדשים אַן אָפּגעשלאָסענער, האָט געהאַט אַ וואַרעמע שטים. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַריכטן די ברילן־גלעזער.

ווען ס'האָט גענומען בלויען אויף טאָג, איז קריינדל, מיט אַ מידן רויש אין די אויערן, אַרונטער די שטיגן. דורך דער נאַכט איז איבער פּאַריז אָנגע־פאַלן אַ דינינקער שניי. זי האָט געאיילט צום רייגלעך־צוגעקליבענעם צימער, צום קינד. ס'האָט זיך דאָרט אודאי איבערגעוועקט און וויינט. זי איז געווען מאָדנע־וואַך נאָך דער פאַרברענגטער נאַכט צווישן חברים, כאָטש די מי־דיקייט און דער פּיבער איז געווען אין אַלע אירע גלידער. זי האָט אַליין נישט געוווסט, אַז אַט דער פּיבער לעבט אין איר צוזאַמען מיט דער האָפנונג צו

זען זשאַקלען, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, רעדן מיט אים, אויסהערן זיך פאַר אים, ווייל ער איז שוין געווען פאַר איר נישט מער ווי אַ בריוו, אַ קרום־באַשריבן בריוו־בויגעלע.

אָבער נישט זי און נישט דאָס קינד זייערס האָבן שוין זשאַקלען מער קיינמאָל נישט געזען.

קאַפּיטל איינאונדרייסיק

דער ערשטער קאָנטאַקט

אויף צומאָרגנס נאָכן 10-טן מאַי, ווען אַלץ אין לאַגער האָט געקאָכט מיטן איבערפאַל פון די היטלערישע מאָטאָריזירטע חילות אויף האָלאַנד און בעלגיע, האָט מען זיך אין באַראַקאַרעס געטרייט צו דער אויפנאַמע פון דיוויזיע־גענעראַל. דער ערשטער פון די דריי רעגימענטן איז מיט עטלעכע טעג צוריק מיט מוזיק אַרויסבאַגלייט געוואָרן. די וויכטיקסטע קאַדרן און די עקיפּירונג האָט מען אויסגעבאָרגט ביים פאַרבליבענעם אַקטיוו. מען האָט דאָ אויפסניי געזען אַרומדרייען זיך סאָלדאַטן אָן פאַסן, מיט שטריקלעך אָנשטאָט רימענס, אויף די ביקסן פון אַ פאַרעלטערטן מאָדעל, מיט בלויאָפּגעשאָסענע גאַליפע־הויזן און אויסגעוואַקסענע רעקלעך פון יענער מלחמה. די טאָג־סערזשאַנטן זענען אין דעם פרימאָרגן אַרומגעלאָפן צעיאַכמערט און נאָך פאַר דער קאַפע, אַרום האַלב זיבן, איז שוין אויסגעלייענט געוואָרן דער טעגלעכער ראַפּאָרט.

דער אַדיוטאַנט לואַזאָן, אַ לאַנגער, אַ טרוקענער, אַן אַריסטאָקראַט, אַ זון פון אַ טעקסטיל־אינדוסטריעלער אין רובע, האָט געלאָזן אויפזוכן זשאַקלען און אים באַפוילן צו זאַמלען די דריטע סעקציע פון דער קוילנוואַרפער־אָפּטיילונג, האַלטן זיי אין באַזונדערער אָרדנונג און אַכטונג געבן, אַז אַלץ זאָל קלאַפּן בעת דער רעווי. די דריטע סעקציע פון 2־טן באַטאַליאָן, וווּ זשאַקל איז געווען שעף פון אַ קוילנוואַרפער־אָפּטיילונג, האָט זיך גערעכנט פאַר דער סאַמע בעסטער אין גאַנצן רעגימענט.

— איך שטעל אויף דיר, זשאַק! — איז ער פּלוצים געוואָרן מיט אים פאַמיליאַר — מיר וועלן שוין, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל נישט מסכים זיין, כאָטש דיינע אַרגומענטן ליגן זיך טיילמאָל אויפן שכל. אָבער דאָ זענען מיר סאָלדאַטן...

— צו אייערע באַפעלן, מיין אַדיוטאַנט! — איז זשאַקל געשטאַנען אויסגעצויגן — אַלץ וועט קלאַפּן, אָבער... אָבער...

—איך ווייס — האָט יענער נישט געלאָזן פאַרענדיקן — איך ווייס:

די שיך און די פּאַסקעס צום פּאַרשנאַלן, איך זייט אַנגעטון אין שמאַטעס, ווי די בעטלער... דו צווינגסט מיך ווידער אויפצונעמען די דיסקוסיע גראָד, ווען מיר האָבן נישט קיין צייט. כ'האָב איינמאָל געזאָגט, אַז פראַנקרייך איז נישט צוגעגרייט צום קריג... אָרעם פראַנקרייך!...

און ער איז מיט שנעלע טריט אַוועק צו דער ביוראָ פון קאַלאָנעל, ווו ביים צופאָר האָט זיך אַ לאַנגע שורה קליינע, גרויע מיליטערישע אויטאָמאָ־בילן אייגעשטעלט אין די טיפע זאַמדן מיט אַ פלינקייט פון זשוקלעך און אויפגעהויבן אַ זייל שטויב ביז אין הימל אַריין.

אין די באַראַקן האָבן די צעטראָגענע קאַפּאָראַלן יעדע פאָר מינוט גע־ברענגט באַפעלן און גלייך דערנאָך זיי צוריק אָפּגערופן. אַלץ איז געווען אין אַליאַרם־צושטאַנד. יעדער איז געשטאַנען אַרום זיין רוק־זאַק, צונויפגעלייגט און איבערגעלייגט, געפּוצט דאָס געווער, פאַרצויגן די רימענדלעך. ס'איז קלאָר געווען פון די אומקאָנטראָלירטע ביישעסן, אַז די רעזערוו־פאַרן דיוויזיע־גענעראַל איז דערוויל אָפּגערופן; מען גרייט זיך פראָסט און פשוט צו פאַר־לאָזן באַראַקעס, מיט האַק און פּאַק, אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג... אין וועלכער ריכטונג — האָבן גלייך אַלע פאַרשטאַנען. אַלע אָן אויסנאַם זענען געווען צופרידן, אַבי מען וועט שוין ענדלעך פּטור ווערן די פאַרשאָלטענע זאַמדן פון באַראַקעס, די פליי, די דיסציפּלין, דאָס נודנע לאַגער־לעבן.

צום אָפּמאַרשירן פונדאַנען, האָט מען צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן פרישע זאַכן, אויסגעפּוצט אַלעמען פון קאָפּ ביז פיס אין נייעם; העמדער, גאַטקעס, פולאָווערן, הויזן, שיך און פריש־לאַקירטע קאַסקן. אין די רייען ביים מאַגאַזין, האָבן די יידישע שניידערס נישט פאַרלוירן זייער ביטערן הומאָר:

— מען סטראָיעט אונדז אויס צו דער חופּה... מ'שוין האָבן אַזאַ יאָר...

אָבער די רעזערוו איז יאָ פאָרגעקומען. דער גענעראַל איז געווען און איז באַלד צוריק אָפּגעפאָרן אין קליינעם, פאַרמאַכטן אויטאָ. אַסיסטירט די רע־זערוו ביז צום סוף האָט דער קאָלאָנעל בואַסאָן — אַ קליינער, אַ מאָגערער, מיט אַ פּאָר אָראַפּהענגענדיקע וואָנסן, ווי ביי די גאַליער, וועלכע מען זעט אין די שול־ביכלעך; מיטן בערעט טיף אָנגערוקט אינאַזייט, איז ער געשטאַ־נען אומבאַוועגלעך אויפן בערגל און האָט שטום, אַזוויווי פייערלעך, מיט דער האַנט ביים שטערן, נאָכגעקוקט אַלע דריי באַטאַליאָנען פאַרביימאַרשירן. אַריבער דריי טויזנט פּאָר זעלנערישע פיס האָבן אויפגעראָיעט די זאַמד־סטעזשקעס, אויפגעהויבן אַ געדיכטן וואָלקן שטויב; אַ געמיש פון פעלקער, אַן אינטערנאַציאָנאַל. דאָמינירט האָבן די שפּאַניער — טרוקענע פּנימער, גליענדיקע בליקן פון אונטער די קאַסקעס. ווו נישט ווו האָט זיך דורכגעוואָרפן אַ בלאָנדער אויסוווּקס פון אַן אוקראַאינער, פון אַ פּאָליאַק, פון אַ נאָרוועגער און אַלדאָס איבעריקע — יידן. זיי האָבן זיך לייכט געלאָזן דערקענען. נאָך

די נאַכט־מאַרשן צו 20-25 קילאָמעטער, האָבן זיי נאָך אַלץ צוגעהינקט, טראָגנדיק אויף זיך די שווערע מאַשין־געווערן, די טיילן פון „מאַרטיע"־קאַנאָן. די דריי־טויזנט-קעפּיקע מאַסע איז געווען צעשטעלט אין אַ האַלב־קרייז, דאָס געווער ביי די פיס. די קורצע, פּאַטעטישע אויסרופן פונם קאָלאָנעל, האָבן שוין אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט געמאַכט. די ידיעה, אַז דער 2־טן באַטאַליאָן גייט אָפּ נאָך היינט, האַלבע נאַכט, האָט אַלעמען מער צערודערט, ווי דעם קאָלאָנעלס באַנאַלע רעדע.

מען איז זיך דערנאָך פון פּלאַץ פונאַנדערגעקראָכן אין צעשאָטענער אָרדנונג. די אונטעראָפיצירן האָבן שוין אַכט נישט געלייגט. עס האָט זיך געמערקט, אַז זיי אַליין זענען אויך עפּעס צערודערט. דאָס זענען געווען ס'רוב פראַנצויזן, וואָס זענען דאָ צוגעטיילט געוואָרן ווי קאַדרן אין אויסלענדער־רעגימענט. ביים מאַרש 117 האָט זיך זשאַקל פאַרהאַלטן, דער ערשטער אַראָפּגעוואָרפן פון אַקסל דעם געשטעל פון מאַשין־געווער און אַ רוף געטון מאַרטינעזן, דעם איינציקן גאַלן צווישן די שפּאַניער:

— טראָג עס אָפּ אין מאַגאַזין אַריין, איך האָב נאָר אויף אַ ווײַלע צו זען סטעפּניאַקן, דעם איינגעשפּאַרטן אוקראַינער. וואַרט מיר אָפּ.

— כ'וועל וואַרטן! — האָט יענער פלינק און נערוועז, ווי נאָר שפּאַניער זענען, אַ כאַפּ געטון דעם 25־קילאָדיקן דריי־געשטעל און אָפּגעטראָגן זיך.

זינט ווען בעמיעלע איז צוגעטיילט געוואָרן צום דריטן באַטאַליאָן איז מאַרטינעז געווען זיין נאָנטסטער חבר. זיי זענען געשלאָפן איינער לעבן צווייטן אויף דער נאַרע, צוזאַמען געגעסן, צוזאַמען גערויכערט און געפירט די ענדלאָזע, אייביקע דיסקוסיעס. מאַרטינעז האָט זיך געקאַכט ווי אַ ייד און זשאַקל, גאָרנישט ווי קיין ייד, האָט אים שווייגנדיק געלאָזן אויסרעדן. זיי זענען צוזאַמען געקומען מיטן טראַנספּאָרט פון אינטערנירונגס־לאַגער. ווו זשאַקל איז געווען, איז ער נישט אָפּגעטרעטן. אַז די בעלווילער פריילעכע חברה שניידערס האָט פּסח מיטגעשלעפּט זשאַקלען צום אימפּראָוויזירטן סדר, וואָס די פּאַריזער ווילטעטיקע קאָמיטעטן האָבן איינגעאָרדנט, איז מאַרטינעז אויך מיטגעגאַנגען. אַלע האָבן געלאַכט זעענדיק ווי ער קייט אויף ביידע באַקן די דאַרע מצות.

— איך — „כודיאָ" (ייד) — האָט ער געוויזן אויף זיך און אויסגעפונען עפּעס אַ געשיכטע, אַז ער שטאַמט גאָר אָפּ פון די מאַראַנען.

שטיל, אָן איבעריקן גערויש, אין דער אויסגעלאָשענער מיטנאַכט, אונטערן אויסגעשטערנטן מיטללענדישן הימל, האָט דער צווייטער באַטאַליאָן, אין געוויינלעכער מאַרש־אָרדנונג, אַרויסגערירט פון באַראַקעס. ס'איז געווען אַ מאַרש פון איבער אַכצן קילאָמעטער מיטן געפּעק אויף די אַקסלען,

באַלאָדן מיט שווערע רוק־זעק, גאַז־מאַסקעס און ברויט־טאָרבעס. טויב האָבן אָפּגעהילכט די פערדישע קאָפּיטעס, די צוויי־רעדערדיקע אַמוניציע־וועגעלעך. די אונטעראָפֿיצירן און די באַנדע קאַפּאָראַלן האָבן אונטערגעאיילט, אָנגעטריבן די אַלע, וואָס זענען שוין באַלד ביי די ערשטע עטלעכע קילאָמעטער אָפּגעשטאַנען. פון דער זייט פון ים האָט דער רייסיקער ווינט דורך די אָפּענע, זאַמדיקע פליינען מיטגעברענגט אַ וואַרעמען, זומערדיקן רעגן. ס׳איז קיין באַהעלטעניש נישט געווען, מען האָט געמוזט ווייטער שפּאַנען. די קאָלאָנע, אַן אויסגעצויגענע, אַ פונאַנדערגעוואָרפענע, האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ לאַנגזאַמער באַוועגט פאָראויס; צום ערשטן מאָל האָט מען דערפילט דעם הפקר פון אַן אָפּראַכלאָזן פראָנט־סאָלדאַט.

אין לאַסט־צוג, פאַר די פונאַנדערגערוקטע טירן, האָט מאַרטינעז צוריק אויפגעזוכט זשאַקלען. ס׳איז געווען די קילקייט פון פאַר זון־אויפגאַנג און די מידקייט פון אַ נאַכט וואָגלען, וואָס האָט אַלעמען אַ ציִ־געטון צום אָנגעוואַלגערטן שטרוי. ס׳איז געווען אַ קליינער, פראָווינצער וואָקזאַל, אין אַ פאַרוואָרפענעם עק ביי דער שפּאַנישער גרענעץ, איבער טויזנט סאָלדאַטן, אַמוניציע־עשאַלאָנען און — קיין גערודער איז עפּעס נישט געווען צו הערן; אַ לאַנגער, איינגעשלאָפענער לאַסט־צוג, וואָס גייט אָפּ צום פראָנט, אַ צוג מיט אומהיימלעכע חלומות. און כאָטש ס׳איז געווען אַ מאָדנע געלבלעכע העלקייט אין דער לופט און אויף אַלעמענס פּנימער, האָבן זיך די פאַרשמירטע באַן־אַרבעטער אומגעדרייט מיט אָנגעצונדענע לאַמטערן. פון עקסטן וואַגאָן זענען נאָכדעם די צעחושטע קאַפּאָראַלן געלאָפן פון טיר צו טיר און גערופן צו דער פרימאָרגן־קאַווע. נאָר קיינער האָט זיך נישט געקענט אויפרייסן און ס׳איז, דוכט זיך, געווען ווי אין חלום, ווען מען האָט דערפילט, ווי די רעדער רייסן זיך אָפּ און מען רירט. דער קליינער וואָקזאַל דורך די טיר־שפּאַרעס רוקט זיך אָפּ, מען פאַלט אַריין אין ריטם פון ראָד און שינע.

מען האָט ביסלעכווייז פאַרלוירן דעם רעכענונג פון צייט. מען האָט געגעסן אינמיטן דער נאַכט, אויסגעליידיקט שאַכטלעך קאָנסערוון און פאַרטרונקען מיטן זויערלעכן וויין. דער מידער בליק האָט באַטראַכט די פרעמדע לאַנדשאַפטן, די רואינען פון מיטלאַלטערלעכע שלעסער אויף בלויע הויכקייטן, די קריכנדיקע ווייגערטנער. די זייטיקן באַן־ליניע האָט געפירט ווייט פון די טומלדיקע וואָקזאַלן, ווייט פון די גרויסע שטעט. אויף די וועגן, וואָס פירן צו נאָרד־אָסטן, האָט זיך שוין געלאָזן פילן די גרויסע צערודערונג. צוגן מיט ציווילע, דער עיקר פרויען און קינדער, האָבן געצויגן אויף צוריק, צום דרום. אויפן דריטן טאָג, באַגינען, איז געווען אַ לופט־אַליאַרם. ס׳איז באַפוילן געוואָרן אויסצושטייגן און לייגן זיך לענגאויס די שינעס.

— זשאַקאָ! — האָבן ביים געלן מאַרטינעז אויפגעבליצט די שוואַרצ־

אפלען — ס'הייבט אָן צו שמעקן מיט פראַנט. געדענקסט טערועל? געדענקסט די קאַנאַנאַדע פון די שווערע 75־ער און די דייטשע מעסרעשמידס?

זשאַקל האָט ארויסגערוקט דעם קאָפּ מיטן אָנגערוקטן קאַסק איבער די אויגן:

— איך טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. איך טראַכט וווהין זיי פירן אונדז. ס'איז מיר עפּעס איינגעפאַלן, זעסט נישט מיט וואָס עס שמעקט? צערודערונג.

פאַרנאַכט איז עס געווען, ווען דער שלעפּ־צוג האָט זיך פאַרהאַלטן עטלעכע הונדערט מעטער פון דער סטאַנציע ווייקירכען. ס'איז געווען אַ קליין שטעטל אין עלזאַס, וואָס מ'האָט נישט באַוויזן צו עוואַקואירן. קיין שום פאַראָרדנונגען זענען נישט געגעבן געוואָרן. מען האָט בלויז ארונטערגענומען פון יעדן וואַגאָן אַ פּאַטרול און צעשטעלט לענגאויס די שינעס. אין דער פאַרנאַכטיקער זון האָט געגלאַנצט דער שפּיץ פון דער קירכע אין טאָל, איבערן בריקל. ביים ראַנד פון די וועלדער איז מאָלעריש געווען פונאַנדערגעוואָרפן דאָס שטעטל. עס איז שטרענג אָנגעזאָגט געוואָרן נישט צו רויכערן ביינאַכט און נישט דערווייטערן זיך איבערגעץ.

אַרום האַלבע נאַכט האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ ווייטע קאַנאָנאַדע. מען האָט באַהאַרפט אַראָפּזעצן זיך נידעריק זי צו דערהערן. דער אַדיוטאַנט לוזאָן איז אָנגעקומען מיט די שינעס, געדרייט זיך אַרום די וואַגאָנען פון דער דריטער סעקציע און האָט זיך דערנענטערט צו די גרופּקעלעך אין דער שטאָקפינצטערניש. אויפן גאַנצן וועג פון באַרקאַרעס האָט ער קיין וואָרט נישט געלאָזן פאַלן, איז געווען ברוטאַל־אָפּגעשלאָסן. אַצינד האָט ער מער נישט אויסגעהאַלטן. אין דער פינצטער האָט ער דערקענט זשאַקלס סילועט.

— די מאַזשינאָ־ליניע, זי לאָזט זיך הערן, הע? — און ער איז באַלד צוריק אוועק.

זשאַקל האָט זיך צוריקגערוקט אין שאָטן, געשיקט איינעם פון זיינע מענטשן טוישן די וואַך און פאַרשטאַנען, אַז איצט איז גלייכער וואָס ווייניקער צו רעדן. אויפן עק פּלאַנט האָט ער געפונען מאַרטינעזן, פאַרגראָבן הינטער אָן ערד־אויפשיט, ליגן אויסגעצויגן אויפן בויך און, פאַרשטעלט מיט די דלאָניעס אין אַ דעכעלע, דערויכערן אַ סיגאַרעטל. ביים שפּאַניער איז עס שוין געווען און אַלטע מעטאָדע פון די פראָנטן אַרום טערועל אין די אויסגעשטערנטע נעכט, אַריינצוכאַפּן אַ פּאָר ציי, נישט קוקנדיק אויפן שטרענגן פאַרבאָט. דעם ניינצניעריקן יינגל פון קאָרדאָווע, וואָס האָט שוין געהאַט הינטער זיך יאָרן פון פראָנט, וואָגלענישן און לאַגערן, איז שוין דער סאָלדאַט געווען אין די ביינער. ער האָט זיך אומעטום לייכט אַן עצה געגעבן. ער איז אומעטום געוווינט געווען צו שלאָפן הינטער די שטערן, טרינקען פון קאַלוזשעס און זוכן זיך שפּייז, ווי אַ חיה.

— פּאַרצי, זשאַקע — האָט ער אים געפליסטערט און אים צודערלאַנגט

דאָס אָפּגערויכערטע עקל אין מויל אַריין. זשאַקל האָט איינגעשלונגען דעם
ביטערן רויך, אַרויסגעלאָזן אים דורך די נאָזלעכער און אָנגעבויגן זיך נאָנט
צום האַלב־פאַרשטיקטן פלעמל צווישן אַש, וואָס איז אויסגעגאַנגען צווישן
זיינע פינגער.

— נאַר־וואָס האָט זיך ווידער צוגעקלעפּט צו מיר דער אַדיוטאַנט לוא־
זאָן. נישט קיין נאַר. ער קומט פון די קרייזן פון די גרויס־אינדוסטריעלער.
כ'האָב געהערט ווי ער האָט אויפסניי געזיפצט. אַבי מיר האָבן געמיינט
זיך צו גייך שלאָגן קעגן דייטשן פאַשיזם.

— לייג צו דעם אויער צו דער ערד, וועסטו עפּעס הערן.

דער באַגינענדיקער טוי, פאַר זון־אויפגאַנג, האָט אָפּגעפרישט דאָס
פּנים און אַביסל אָוועקגענומען דעם שלאָף פון די מידע ביינער. זשאַקל האָט
זיך צוריק אויפגעריסן.

— עס דאַכט זיך דיר נאָר אַזוי, איך הער גאָרנישט.

דער גערויש איז מיטאַמאָל געקומען איבער זייערע קעפּ. ביים האָרי־
זאָנט, איבערן מאָלעריש־פונאַנדערגעוואָרפענעם שטעטל, ווו עס האָט קוים
גענומען ליכטיקן, האָבן קליינע, העלע פּונקטן געזעגט די לופט; און איידער
נאָך דער אַליאַרם איז געקומען, האָט שוין אַ גרופּע אויסשפּירער געקרייזט
איבערן קליינעם וואָקזאַל. איך שיין פון די לעשנדיקע שטערן, האָבן זיי גע־
גלאַנצט מיט אַ ניקלנעם בליאַסק. אויף די וואַגאָנען פון אַנטי־אַוויאַן איז
קיין שום באַפעל נישט געווען צו שיסן. ס'איז בכלל נישט געווען צו זען קיי־
נעם פון די אָפיצירן און פון די אונטעראָפיצירן.

— די מעסערשימד'ס! איך קען זיי, די פויגעלעך! — האָט זיך מאַר־
טינעז אָפּגעריסן פון דער ערד און אַרונטערגעשאָטן זיך פון ערד־וואַל. נאָך אים
איז זשאַקל געקומען צולויפן. דער טויבער אָפּהילך זאָל זיי נישט פאַרהאַקן
דעם אָטעם, האָבן זיי באַצייטנס פאַרשטעקט שטיקלעך צווייגן צווישן די
ציין. ס'איז געווען אַן אַלט, אויסגעפּרוווט מיטל, נאָך פון שפּאַניע. זיי זענען
געלעגן פאַרגראָבן מיט די קעפּ אין אַן ערד־לאָך און געפיבערט. דער אַלטער
פראָנט־סאָלדאַט האָט נאָך מער מורא, ווי דער פרישער. מען האָט שוין גע־
הערט געשרייען, קרעכצן און די זון, וואָס האָט גענומען אַרויסקריכן, איז פאַר־
שטעלט געווען דורך אַ געדיכטן, שוואַרצן רויך־זייל פון די העזערוואַרן הינ־
טערן וואָקזאַל. כוואַליעסווייז זענען זיי אָנגעקומען, צו גרופּעס פון דריי, פאַר־
הילכט די לופט מיט אַ שאַרפער, דינער סווישטשעריי, אַן אומהיימלעכע, ווי
אַ וועלט־אונטערגאַנג. זשאַקל האָט אָנגעטאַפּט נאָנט לעבן זיך מאַרטינעזן:

— לעבסט נאָך?

— די ערשטע באַגעגעניש, אַ? — האָט ער געלאַכט מיט בלאַנקע ציי־
נער און ס'איז מער נישט געווען צו דערקענען זיין געלע, שטעכיקן אויסוווקס.
די קליינע וואָקזאַל־געביידע האָט שוין געברענט און דער עק פון לאַסט־

צוג אויפן הויכן אַנשיט איז געווען צונויפגעדרענגט, מיט די רעדער אינדער־לופטן, ווי אַ ציה־האַרמאָניקע. פון אַלע זייטן איז געווען אַ לויפעריי. דער לייטענאַנט גאַפינאַ, מיט אַן אַנטבלויזטן נאַגאַן אין דער האַנט, האָט געקוויטשעט אויף צוויי סאַניטאַרן, וואָס זענען אומבאַהאָלפן געשפרונגען איבער די שינעס מיט אַ פעלד־בעטל.

— פאַראַן פאַרווונדעטע? — האָט זשאַקל אָנגעכאַפּט ביים אַרבל דעם לאַנגן דאַוויקדאָוויטשן פון דער 1־טער סעקציע.

— זיי האָבן צורעכט געמאַכט דעם דאַמסקע שניידער, לייבל וואַיאַק, מיין לאַנדסמאַן, מיין בעסטן „פרוינט" — האָט יענער געקלאָגט און ווייטער געלאָפן מיט זיינע פּלאַט־פיס.

די דריטע סעקציע האָט זיך געזאַמלט אין דער פערמע מיט די שפּיציקע דעכער, מיט די ווייס־געקאַלכטע שטעלער, אין דער טיף פון סאַד. אַלץ איז דאָ געווען ריינלעך. ס'האָט זיך געלאָזן מערקן די האַנט פון אַ שטרענגן באַלעבאָס. די ביימער אין סאַד זענען געווען אָרומגעקאַלכט, די יינגערע ביימלעך — פאַרוויקלט אין שטרוי, זיי זאָלן נישט פרירן אין דער ביינאַכטיקער קעלט. אַ געפלאַסטערטע סטעזשקע האָט געפירט צו די שטעלער און צום הויז מיט די גריינע לאָדן. דער באַלעבאָס פונדאַנען האָט זיך וויניק געוויזן, איז איינמאָל אַרויסגעקומען אויפן געשניצטן גאַניק — אַ הויכער, אין אַ פּאָר געלע יעגער־שטיוול, מיט אַ פאַרצעליינעטער פיפ צווישן די ציינער, מיט אַ נידעריק־געשוירענעם קאָפּ, ווי אַ באַרשט, און מיט באַקן־בערד, אַלאַ הינדענבורג. ער האָט זיך געהייסן באַצאָלן פאַר יעדן פאַרנוצטן שטרוי פון זיינע שטעלער. דאָס בלאָנדע מיידל מיטן שוואַרצן, צעפליגלטן הייבל, ווי ביי אַ זומער־פייגעלע, האָט פאַרטאַכט דורכגעטראָגן פון די שטעלער צוויי קאַנען פאַרעדיקע מילך. זי איז אַוועק צום גאַניק מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ. קיין פראַנצויזיש, האָט זי געענטפערט, פאַרשטייט זי נישט. עלזאַסיש רעדט זי. די יידישע שניידערס, וואָס ביי זיי שפּילט נישט קיין ראָלע אַ רעד צו טון אַ וואָרט דייטש, האָבן זי אויך געשיקט צום טייוול. אפילו אַ טרונק וואַסער איז דאָ שווער געווען צו באַקומען, ווייל גלייך צומאָרגנס אינדערפרי איז עפּעס די פּלומפּ קאַליע געוואָרן. דאַסמאָל האָט שוין דער אַדיוטאַנט לואַזאָן אויך נישט אויסגעהאַלטן:

— עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי מיר וואָלטן געווען אין אַן אָקופּירטער זאָנע, נישט אין פראַנקרייך! ...

אויפן בפירושן פאַרבאָט פון לייטענאַנט גאַפינאַ, איז ער דאָך אַרויף די עטלעכע טרעפּלעך צום גאַניק און געקלאַפּט מיט דער גלעזערנער טיר אויפן סאַלדאַטישן שטייגער. דאָס מיידל מיטן שוואַרצן הייבל איבער די בלאָנדע צעפּ האָט נאָכדעם אַלעמען פאַרקויפט מילך אין גרויסע ביר־גלעזער, אָבער פאַר אַ געפּאַכן פּרייז.

נאָך דער גרויסער באָמבאַרדירונג, וואָס איז געקומען פּונקט אַזוי אומגע־ריכט ווי די ערשטע, האָט מען נאָך האַלבער נאַכט אויפסניי געריכט אין וועג אַריין. מען איז שוין מער נישט געגאַנגען אין מאַרש־אָרדנונג, נאָר אָפּגערוקט איינער הינטערן אַנדערן, מיטן געווער אין דער האַנט, ווי צו דער אַטאַקע. די פּאָרטוגעזישע, די שפּאַנישע פּויערים, די פּוילישע הויף־אַרבעטער און פּאַ־ראָבקעס, האָבן זיך, מיט טאָג ווערן, קוקנדיק אויף די שטערן, גלייך געכאַפּט, אַז די ריכטונג איז עפּעס פּונקט אַ פאַרקערטע. לויט אַלעמענס אויסרעכענונ־גען, האָט מען גאָר באַדאַרפט גיין צו מזרח, דורכהאַקן אַ קילאָמעטער פערציק פונדאַנען, צו די באַשיצונגען און קאַזעמאַטן פון דער מאַזשינאָ־ליניע. אָבער גענומען האָט מען גאָר די ריכטונג פון צפון־מערב און אין דער צווייטער נאַכט האָט מען אָפּגעקערט דירעקט אויף צפון. גערוט האָט מען נאָר בייטאָג, אין שאָטן פון די יונגע וועלדלעך און אין די טיפע קאַנאַוועס, פאַרוואַקסן מיט קוסטן. אַ סך האָבן אין וועג אָנגעהויבן אָפּצושטיין פון מידיקייט, פון די איי־טערנדיקע ווונדן אויף די פיס. מען האָט מער נישט געזען די פעלד־קיך זאָל נאָכקומען, קיין שטיקל ברויט, קיין טרוק פאַסער.

אין די לעצטע טעג פון מאַי זענען אַלע וועגן, וואָס פירן קיין בעלגיע, שוין געווען פאַרשטאָפּט. אַלץ האָט געצויגן צוריק, אין אומאָרדנונג. אַר־טילעריסטן האָבן איבערגעלאָזן זייערע קאַנאָנען ערגעץ ביי סעדאַן, אויפן וועג אונטערגעכאַפּט אַ וועלאָ מיט געפּלאַצטע גומעס און גערעדלט איבער די שאָסייען צו דרום. די אינפאַנטעריע האָט זיך באַפרייט פון אַלע לאַסטן, אַרונטערגעוואָרפן דעם שינעל, אַוועקגעוואָרפן די ביקס. געלעבט האָט מען אויף די וועגן, ווי אַ סטאַיע פייגל, געשפּייזט זיך אין די אַלע עוואַקואירטע שטעטלעך און דערפער פון די איינגעפּונדעוועטע וויין־קעלערן און פול־אָנ־געשטאָפּטע שפּייז־קעמערלעך ביי רייכע מיטל־פּויערים און קליינע אייגנ־טימער, אין די אָפּגעשלאָסענע ווילעס און פערמעס, וואָס זענען געלאָזן גע־וואָרן אויף הפקר צוליבן שנעלן דערנענטערן זיך פון פראָנט.

ערשט אויף אָט דעם וואַנדער־וועג האָט זשאַקל דערפילט מיטאַמאָל, אַז ער איז שוין נישט קיין יינגעלע און אַז די פיס זענען שוין נישט אַזוי פלינק, ווי ביי די אַלע עטלעכע און צוואַנציקיעריקע, די צוואָקסענע פויערים־יינגען, די מוסקולירטע טעראַסן־אַרבעטער און די פלינקע יידישע שניידער פון בעל־וויל, וואָס האָבן אַלץ געטון נישט אָפּצושטיין. ביי די יידישע שניידער איז עס אויך געווען אַ באַזונדערע אַמביציע, זינט ווען זיי האָבן דאָ כסדר גע־הערט אַרום זיך די אומדירעקטע שטעכווערטלעך אויפן חשבון פון זייער יידיש פּאָך. פינף טעג און פינף נעכט האָט זשאַקל מאַרשירט מיט אַלעמען, ביז ער האָט דערפילט אַז די פיס בלוטיקן שוין. אחוץ אַלעמען, האָט ער זיך דערטראַכט, איז גאָר נישטאָ וואָס צו איילן זיך אויך.

נאַטירלעך האָט אים דער געלער שפּאַניער מאַרטינעז נישט געלאָזן

פאלן. די פיס האבן אים נאך גוט געטראגן, דעם געלן טייוול, נאר אונטערגע־פוילט זיך צו גיין האט ער מער פון אלעמען. אין די אויפגעבראכענע דאר־פישע קאפעס, ווו מען איז אפגעזעסן, האבן די ארומגעשליסענע סאלדאטן גע־פרעגט ביי זיי:

— איר גייט ארויף צו דער „ליניע“ ? ווו זענען די טאנקן מיט די אוור־יאנען ?

— מיר זענען די פארשטארקונג און נאך אונדז קומען גאנצע ארמייען!

— האט ער געבאקן איין ליגן נאכן אנדערן, דער געלער מארטינעז. געהערט דעם פרעמדלעכן אקצענט, זענען זיי געווארן נייגעריק:

— פון וואס פאר א רעגימענט ?

— אויסלענדער־רעגימענט, פרייוויליקע !

פ ר יי וו י ל י ק ע ! — האבן זיי אויסגעצויגן און געשמייכלט, גע־צוווּנגענע, אדער פרייוויליק־געצווינגענע ?

דא האט שוין זשאקל ארויסגעהאלפן. געזען אז עס גייט אין ציניש ענטפערן און פארענטפערן זיך, האט ער אויך צוגעווארפן א קנויטל:

— קעגן דער דייטשער בעסטיע גייט קיינער נישט געצוווּנגענערהייט!

— לאמיר אויסטרינקען פארן ארעמען פראנקרייך! — זענען זיי, האלב־שיכורלעך, געווארן סענטימענטאל, די אפגעשליסענע פראנצויזישע סאלדאטן, ווי זייער שטייגער איז. האבן אויפגעקארקעוועט איין פלאש נאך דער אנדערער און געווארפן זיך קושן. זיי האבן זיך דערנאך געוואלגערט אויף דער ערד און געקלאגט אויפן „ארעמען פראנקרייך“. באגינען האט מען זיך צעשיידט. זיי האבן פארטייעט געצויגן אין דער ריכטונג פון פאריז און אונזערע העלדן האבן געצויגן צופוס דעם מארש אין דער סאם, ווו דער גורל פון פראנקרייך איז אנהייב יוני פארזיגלט געווארן אויף פיר ביטערע יאר; ווו עטלעכע אויסלענדער־רעגימענטן, אן געווער, אן אונטערשטיצונג און אן עסן, האבן נאך אין משך פון צוויי וואכן העלדיש געשטעקט דעם שטעקן אין די רעדער דער אויסגעצייכנטער מאשין פון הונדערטפאך־שטאר־קערן שונא.

די רעשטעלעך פון די אפגעשטאנענע אויף די וועגן זענען לסוף אויפגע־נומען געווארן אויף קאמיאנען און אויטאבוסן. מען האט זיי געפירט איבער די געמינעוועטע בריקן פון דער מארנע, נעענטער צו דער פייער־ליניע, ווו מען האט , פארגראבן און פארשאנצט אין טראנשייען, געווארט אויף דער באגעגעניש מיטן שונא. אין קילן פרימארגן־נעפל האט זשאקל דערקענט די גרינע פאריזער אויטאבוסן. ער איז איינגעשטיגן און , שטייענדיקערהייט, אפגעשאקלט זיך א שעה־אנדערטהאלבן ביז צו די פארשעט פון סואסאן. די דריטע סעקציע האט ער געפונען כמעט קאמפלעט, צעלייגט אין גארטן, הינטער די ווענט פון אלטן שלאס. ער האט דערקענט פונוויטן דעם קליינעם

פּאָרטוגעזער ריבעראָ, דעם געשטופּלטן קאָזאַק קלוטשענקאָ, דעם בלאָנדן כמעט ווייסן שוועד טאָרסען, דעם לוקסעמבורגער — שמיד, דעם שווייצער שאַפּהאַוזער, די צוויי ברידער, די שפּאַניער לאָפּעז, דעם טערקישן ייד פּע־רעז און גרינבוים, מאַנדעל, וראַניאַ — יידישע שניידערס פון בעלוויל.

פון דער קיך אין רעכטן פליגל האָבן זיך פון באַלד אינדערפרי אָן גע־טראָגן געשמאַקע ריחות. איבערן אָנגעוואַלגערטן הויף פון דער דינערשאַפט זענען געפלויגן פעדערלעך פון געקוילעטע הינער און גענדז; מאָריס, דער פלינקער „גאַרסאָן" פון יידישע רעסטאָראַנען אויפן בעלוויל, אַלעמאָל מיטן סיגאַרעטל הינטערן אויער, אין אַ ווייס פאַרטוך, מיט פעטע ליפּן פון פאַר־זוכן כסדר אין די פולע קעסלען, איז איצט געווען דער קוכער ביי די אָפי־צירן. מען האָט זיך דאָ אַ ליאַדע מינוט גריכט אויפן קאָלאָנעל און פונקט 12 דעם זייגער זענען אויף דער פריצישער וועראַנדע, צווישן הענגענדיקן גרינס, שוין געווען צעשטעלט די איבערגעדעקטע טישן מיט די פאַרשפּייזן און מעניוס. אין די צערודערטע הויז־שופלאַדן האָבן די אָפיצירישע באַדי־נער אויסגעפונען די קלאָרסטע טישטוכער, און די הויז־שאַפעס — די שענס־טע כלים, די טייערסטע טיש־געשיר; פון די קעלערן זענען אַרויפגעבראַכט געוואָרן די עלטסטע טיש־ווייַנען. די אַלע, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום דער קיך, זענען אין דעם פרימאָרגן שוין אַרומגעגאַנגען שיכורלעך. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט אויסגעליידיקטע, צעבראָכענע סלאָיען פון די איינ־געלייגטע פרוכטן, געשטעלט אויף אַלקאָהאָל, פון די זעלטענע קאָנפיטורן, וואָס זענען זאָרגפעליק פאַרבונדן געווען מיט רויטע שנירעלעך, פאַרזען מיט אויפשריפטן און מיט אַלטע דאַטן. ס'איז טאַקע אויף זיי געלעגן דער קעלער־שטויב.

פאַר די סאָלדאַטן האָבן ביי די פערד־שטעלער געראָכערט די פעלד־קיכן. די יידישע קצבים פון דער דריטער סעקציע האָבן געהאַט אַ סך אַרבעט אין יענעם אינדערפרי. עס איז אָפּגעקליבן געוואָרן דער פעטסטער חזיר פון דער סטאַדע, וואָס האָט הפקר'דיק אַרומגענאַרעט אין די גערטנער הינטערן שלאָס. די אונטערגעטרונקענע אונטעראָפיצירן, די לעגיאָנערן, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, האָט זי צוגעגעבן קוראַזש:

— גאָרנישט איבערלאָזן פאַרן „באָש"!

די אָנגעצייכנטע טראַנשייען־ליניע, וואָס איז געגראָבן געוואָרן אַ גאַנ־צע נאַכט ביים וועלדל, אַ קילאָמעטער אָנדערטהאַלבן פון שלאָס, איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן פאַרענדיקט. נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַוויאַציע, האָט מען געוואַרט אויפן ערשטן שאָטן. די געדיכטע אַר־בעס־זופּ און די פעטע שטיקער חזיר־פלייש האָבן זיך געראָכערט אין די קעסלען און געוואַרט אָפּטראַנספּאָרטירט צו ווערן צו דער 3־טער, 4־טער און 5־טער סעקציע ביי די טראַנשייען. די אַמוניציע־וועגעלעך זענען פאַר־

פאַרן פאַר די שטעלער פונקט דעמאָלט, ווען דער אומגעריכטער אויפרייס איז געקומען. נאָך איידער מען האָט זיך צעזומגעקוקט, איז שוין דאָס טורעמל פון לינקן פליגל געפלויגן אינדערלופטן.

די אויסשפּירער, וואָס דער לייטענאַנט האָט פונאַנדערגעשיקט פאַר־טאָג, זענען נישט צוריקגעקומען און די נאָנטקייט פון שונא איז פאַר אַלע־מען געווען די גרעסטע איבעראַשונג.

אַרום די שיין־סערווירטע טישן, אויף דער וועראַנדע, האָט שוין קיינער אין יענעם טאָג נישט געגעסן. מאָריס גאַרסאָן האָט זיך פון די ערשטע אָפּגע־טראָגן מיט די הינטערשטע גערטנער, איבערלאָזנדיק די געשמאַקע מאכלים, גרייט צו סערווירן די הויכע לייט. ער האָט פאַרלוירן דעם סיגאַרעט פון הינ־טערן אויער, מיט איינמאָל פאַרגעסן אַ וואָרט פראַנצויזיש און געשאָלטן זיך אויף פּראָסט יידיש: „אַ כאַליערע, ביסט אַ מבין...“ די איינגעשפּאַנטע פערד אין די קעסלען, האָבן זיך צעבריקעוועט, געלאָפן אויף די גלייכע ווענט, מיט פאַריסענע ווידלען, די גריוועס צעשויבערט, מיט אַרויסגעזעצטע צייי־נער און איבערגעקערטע וויסלעכצן. ווי אַ ווינט האָט זיך אַלץ פונאַנדער־געשאָטן.

ביי דער געמינעוועטער בריק, איבער הער מאַרנע, האָט דער לייטענאַנט גאַפּינאָ אויסגעקליבן דעם הויכן ברעג צו באַשיצן די קולנוואָרפער־נעסטן. הינטער די מאַכיקע שטיינער איז די באַשיצונג געווען אַ נאַטירלעכע, קיין שום פאַרטיפונג איז נישט נויטיק געווען. ליגנדיק אויסגעצויגן אויף דר'ערד, האָט ער אַליין קאָמאַנדירט מיט דער ציל־שטרעקע. ער איז געווען דער איינ־ציקער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ בינאָקל. ער האָט זיך שוין מערנישט פאַר־לאָזן אויף די אויסשפּירער, וועלכע ער האָט אָנפאַרטרויט הער שיכורן סער־זשאַנט בובול.

— מאָן דיע! (מיין גאָט) זיי קומען מיטן נאַציאָנאַלן שאָסיי — האָט ער זיך אויפגעריסן פון דער צעקנייטשטער געגנט־קאַרטע — לויטן בויגן פון זייער געשאָס, באַדאַרפן זיך זייערע באַטעריעס צו געפינען אַ קילאָמעטער 4 פונדאַנען. נישט מער. זייער אויסשפּיר אַרבעט גוט. און אונזערע...

דער אַדיוטאַנט לואַזאָן, אַ אינגאַנצן אַ פאַרבלאָטיקטער, האָט זיך נישט געקענט שענקען און דעם לייטענאַנט געבעטן צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין דער באַשיצונג. ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון.

— שיקט די איבעריק צום ראַנד פון וואַלד — האָט ער געשריען גישט מיט זיין קול — זיי נויטיקן זיך דאָרט אין הילף. מיר וועלן זיי האַלטן אין אַ קרייץ־פייער, אויב זיי וועלן אָנקומען מיטן וועג.

אַריבערגעקראָכן דאָס געמינעוועטע בריקל אויף די בייכער, האָט זשאַקל, אין שפּיץ פון דער גרופּע, זיך אַ וואָרף־געטון אין תבואה־פעלד. דער אַדיוטאַנט האָט זיי אָוועקגענומען פון די אויסגעהאַקטע לעבער אין

דער געמויערטער וואנט פון הויף, וווּ זיי האָבן זיך שוין געהאַט איינגעמאָסטעט. זשאַקל איז געקראָכן איינגעבויגן איבערן תבואה־פעלד און שוין צום צווייטן מאָל אין זיין לעבן — דאָס ערשטע מאָל הינטער טערועל, אין שפּאַניע — ווי ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען די פייער־ליניע, וואָס טיילט אָפּ צוויי וועלטן. שוין צום צווייטן מאָל, ווי ער האָט קינדיש און אומבאַהאָלפן געזוכט אין דער לאַנדשאַפט אַרום דאָס, וואָס טיילט אָפּ די וועלט פון יענער. אין דער פאַרנאַכטיקער בלענדיקער זון־שׂרפה, וואָס איז געלעגן אויף די גאָלדיקע תבואות, אין ווייטע שייבלעך, האָט ער עס עפּעס נישט געפונען. ווען נישט דאָס פייער פון דער אַרטילעריע איבער זיין קאָפּ און די אומהיימלעכע פייפעריי פון די אויסשפּיר־אַוויאָנען, וואָלט דאָ אַלץ געווען אַזוי פרידלעך, כמעט אידיליש. אין אַזאַ טאָג אויף דער לאַנדשאַפט גייען פויערטעם איבערן דאָרפישן טראַקט ,ציט לאַנגזאַם דער אָקס די צוויי־רעדערדיקע וועגעלעך.

דאָס מאַשין־געווער, פון וועלכן זשאַקל איז געווען שעף, איז באַדינט געוואָרן פונם קליינעם פּאָרטוגעזער ריבערא און פון מאַרטינעזן, זיין לייבלעבער פרייַנט מאַרטינעז. די טראַנשיי איז געווען געגראָבן אין אַ קרייַץ און שמאָלע דורכגענג האָבן פאַרייניקט די גאַנצע ליניע, אויסגעשטעלט מיט די לופעס צום נאַציאָנאַלן שאָסיי. פאַרנאַכט איז דאָס אַרטילערישע פייער אביסל שטילער געוואָרן. ס'איז געווען אַ מאָדנע שטילקייט. דאָס געקעכץ מיט די אַמוניציע־וועגעלעך איז נישט דערגאַנגען, האָט מען אויסגעטיילט קאָנסערוון, ביסקוויט און אַלע כמעט האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דער „אייזערנער פּאָרציע", וואָס דאַרף געוויינלעך אויפגעגעסן ווערן נאָר אין אַ נויטפאַל. ליגנדיק אין די גריבער, האָט מען געשטילט דעם וועלפישן הונגער. די מורא איז נאָך אַלץ געווען אויסגעמישט מיט נייגער. מען האָט זיך שוין דאָסמאָל נישט געפוילט אויסצוגראָבן די טראַנשיי וואָס טיפער, אויסצובויען זי מיט שופלאַדן, אָנשלעפּן גראָז, אַרייַנצוכאַפּן אַ דרעמל אין די רויִקע מינוטן. פאַרפאַלן, קיין צוריק איז שוין נישט געווען, דאָ האָט מען זיך באַדאַרפט פאַרטיידיקן ביזן לעצטן, ביז די צוגעזאָגטע הילף וועט קומען. דאָס לעצטע מאָל האָט מען זיך אַרומגעגאָלט ביי די ליבטיקע סטאַוון אין יענעם ציכטיקן עלזאַסער שטעטל און איצט, נאָך צען טעג שלעפּן זיך צופוס, איז קיינעם נישט געווען צו דערקענען. זשאַקלען איז אָנגעוואַקסן אַ בלאָנדער פוך און דעם געלן שפּאַניער מאַרטינעז — אַ שטעכיקער, קופּערדיקרויטער אויסוווּקס אויף די קינען. דאָס גאַנצע פּנים זיינס איז געווען בלויז גליענדיקע אויגן. ער האָט געקלאָמערט דאָס צינגל פון „האָטשקיס", דאָס געווער, וואָס ער האָט נאָך געקענט אויסגעצייכנט פון שפּאַניע, און גערעדט האָט ער צו זשאַקלען, האַלב־ליגנדיק, מיט זיין הייסן, דרום'דיקן ליריזם וועגן דעם מיידל קאַרמענסיטאַ, פון אַ דאָרף ביי טערועל.

— זשאַקאָ! — האָט ער אַ סעקונדע אָפּגעלאָזן דעם קוילן־וואַרפער — מיינסט, אַז זי וועט נאָך וואַרטן אויף מיר? זי האָט עם מיר צוגעזאָגט... און אויב נישט — האָט ער זיך אַ וואָרף־געטון ווי אַ פישל אויפן זאַמד — ביי אונדז גייט עס נישט אַנדערש ווי מיטן מעסער...

דאָס האָט ער אים געזאָגט אין דער שטילער, אויסגעשטערנטער מיטנאַכט און פאַרטאָג האָט אים אַ פאַרבלאָנדזשעטע דייטשע קויל דורכגעלעכערט דעם שאַרבן. זשאַקל האָט אין דער פינצטער אָנגעטאַפּט דאָס וואַרעמע בלוט־שנירל, אָפּגעלייגט אים אינאַזייט און אים איבערגעדעקט מיט זיין אייגענעם שינעל.

ס׳איז מער קיין צייט נישט געווען, ווייל דער אָנגריף איז באַלד דערנאָך געקומען. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט אַ ווייטע פאַרעריי און ווי נאָר די ערשטע בלאַסקייט האָט זיך געלייגט אויף די שפּיצן־ביימער, האָבן די מאַשין־געווערן אָנגעהויבן צו בילן ווי אַ סטאַיע הינט. פון הינטערן אַנשיט, אויף יענער זייט שאָסיי, האָט מען דייטלעך געזען איבערלויפנדיקע סילועטן. זשאַקל האָט זיי באַלד דערקענט לויט די טיף־אַרונטערגערוקטע קאַסקן. ער האָט אויפגעכאַפּט פון ווייט זייערע קורצע, הייזעריקע איבערופן אין דייטש. ער האָט זיך אין ווילדן פיבער אַליין אַ וואָרף־געטון צו דער מאַשין־געווער, אָפּגעשרויפט אויף עטלעכע פונקטן נידעריקער די לופע, כמעט האָריזאָנטאַל. ער האָט אפילו נישט דערהערט דעם קורצן איבערוף פון אַדיוטאַנט לואַזאָן, וואָס איז געגאַנגען פון לאָך צו לאָך און טרוקן באַפוילן:

— פייער!

קאַפּיטל צוויאונדרייסיק

יוני 1940

אין דער צייט ווען דער דריטער באַטאַליאָן האָט פאַרנומען די ליניע לענגאויס דעם נאַציאָנאַלן שאָסיי און האָט שוין פאַר די ערשטע. צוויי טעג פון די דייטשע „שטוקאַס" און פון אַרטילעריע־פייער, באַוויזן אויפצוציילן געגנוג טויטע און פאַרוונדעטע, איז דער 2־טער באַטאַליאָן, ווו בעמיעלע האָט זיך געפונען, אויסגעלאָדן געוואָרן ביי שאַטאָ־טיערי. ביינאַכט איז דער באַטאַליאָן אין געוויינלעכער מאַרש־אָרדנונג אַריבער די געמינעוועטע בריק איבער דער מאַרנע און איבערגעבעכטיקט אין עוואַקואירטן שטעטל לאַ־ברוז. די הייזער זענען געשטאַנען אויפגערודערטע, ווי נאָך אַ פּאָגראָם. די טייערסטע שטוב־כלים, וועש און מעבלוואַרג האָט זיך געוואַלגערט אונטער די פיס. די אויספיר־גרופּן האָבן קיין שום באַאומרוקנדיקס נישט צוריקגע־

ברענגט. זיי האָבן נאָר דערציילט, אַז ביים דענקמאָל פאַר די געפאַלענע אין 1914-18, ביי דער בריק, האָבן זיי אָנגעטראָפן אַן אַלטיטשקע און האָבן זי געפרעגט אויב זי האָט דאָ געזען די דייטשן. „זיי זענען דאָ געווען בייטאָג, יונגלעך מיינע, אַרומגענישטערט אין אַלע שטובן און זענען צוריק אַוועק". אַזוי האָט זי דערציילט, די אַלטיטשקע, און האָט געגאָסן מיט טרערן. ס'איז באַפוילן געוואָרן צוצוגרייטן זיך די נאַכט, כדי מיט טאָג־ווערן ווייטער צו שפאַנען.

— איך האָב געפונען דעם ריכטיקן וויין־קעלער! — האָט דער אייביק־שיכורלעכער סערזשאַנט נערעי, אַרויסגייענדיק ביים שטערן-שיין פון אַ ניי־הויזיק מויערל, געגאַוועט מיט אַ פול מויל — קום האנרי, פריינט מיינער! מיר האָבן זיך אין באַרקאַרעס נישט צעשיידט... נאָר דער טויט אַליין...

געווען איז ער אַ שטיקל אַקטיאָר אין לעבן אויך, נאָר ער האָט זיך די קאַריערע געפטרט, ווייל צום דריטן מאָל שוין ווי ער האָט זיך אַנגאַזשירט אין פרעמדן-לעגיאָן אומגעריכט פאַר אים אַליין און אַזויווי נישט־ווילנדיק. איינמאָל די פינף יאָר אויסגעלאָזן זיך, אָפּגענומען די פאָר פראַנק, האָט ער באַלד אויפצומאָרגנס, אַליין נישט וויסנדיק גאָר ווי אַזוי, פאַרבלאָנדזשעט גלייך פון פאָרט אין דער אַנגאַזשירונגס-ביוראָ אין מאַרסעיל און אונטער־געחתמעט האָרט אַ פאַפּירל אויף פרישע פינף יערלעך. אין דער אַרמיי, דער עיקר אין פרעמדן-לעגיאָן, הייבט זיך אַלעמאָל אַלץ אָן פונדאָסניי. אין די וויסטע זאַמדן פון סאַהאַרע און מאַראָק, שפּילט מען נישט קיין טעאַטער — ס'איז אַן אייזערנע דיסציפּלין פון קאַטאָרזשניקעס און פאַר אַ ליאַדע עבירהלע, ווערן גלייך אַרונטערגעפליקט די אַזוי שווער פאַרדינטע בענדלעך. צוויי מאָל איז ער שוין דעגראַדירט געוואָרן פאַר סקאַנדאַליעוועז אין די הייז־לעך פון סידי־בעלאַבעס, אָבער פאַרן אַרויסגיין „אינדערהויך", האָט מען זיי אים צוריק אָנגענייט.

אין כעמיעלען האָט ער דערשמעקט אַ קאָלעגע נאָך אין באַרקאַרעס. ס'האָט נישט אויסגעמאַכט צו האָבן אַ גוטן פריינט צווישן די אייביקע סאָלדאַטן. מען האָט זיך לייכטער געקענט אַרויסדרייען פון די אַלע אומאָנ־גענעמע אַרבעטן, פונם אייביקן גייען מיט די קאַפּאָראַלן. אַ דאַנק אים איז כעמיעלע אויך געוואָרן קאַפּאָראַל. ס'וואָלט אים אפילו קיינמאָל נישט איינ־געפאַלן, ווייל קיין איבעריקן כבוד האָט עס נישט פאַרשאַפט. „אַ שטיקל בענדל קומט אַלעמאָל צונוץ — האָט ער אים געראַטן — דו, האנרי, ביסט נישט ווי אַלע, קאָמאַנדירט צו ווערן, דו דאַרפסט קאָמאַנדירן"...

דעם עקזאַמען האָט ער לייכט אויסגעהאַלטן, געוווסט אויף אויסנווייניק די טיילן פון מאַשין־געווער, פון דער ביקס, די אַלע נעמען אין פראַנצויזיש, וועלכע זענען ביי די יידישע שניידערס אין די מיילער אַרויסגעקומען עפּעס מאָדנע פאַרדרייט. אויך איז די אָפּצירן געפעלן געוואָרן זיין שטאַלטנער

וווקס און זיין איבערגעטרוקנטע שטים, וואָס קען אַ באַפעל-טון, שרייען. אפילו זשאַקל האָט אים אויך נישט אָפּגערעדט דערפון.

אַ חוש אויסצוזוכן די קליינע באַהעלטערלעך אין די קעלערן, ווו מען געפינט די פאַרשטויבטע פלעשער פון אַלטע און טייערע מאַרקעס, האָט ער געהאַט אייגנעם אין דער וועלט, דער סערזשאַנט. אונטער די שטערן, צעזעצט אויף דער וועראַנדע היטמערן הויז, האָבן זיי זיך משמח געווען און בעמיעלע איז אויף אַ האָר נישט אָפּגעשטאַנען. ס'איז אים געווען אָנגעזאָלצן אויף דער נשמה אויך, נאָר דעם קאָפּ פאַרלוירן האָט ער נישט. מיט קרומע שפּרייזן זענען זיי דערנאָך אומגעקראָכן איבער דער פינצטערער שטוב, אַריינגעשלעפּט די פיינע מאַטראַצן, אָנגעוואַלגערט בעטגעוואַנד און פאַרגאַנגען זיך אין זיסע שנאָרכערייען.

ווען עס וועקט זיי נישט איבער מיטאַמאָל די שיסעריי, וואָלטן זיי אוודאי אַזוי אָפּגעשלאָפן ביז אַ שטיק אין טאָג אַריין. נישט די צעשטעלטע פּאַטרולן און נישט די אויסשפּירער האָבן זיך געכאַפּט, פונוואַנען די שיסעריי קומט און נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז אין שמעטל זענען נאָך פאַרגעסן געווען פאַרשטעקט דייטשן.

אונטערן געשטעפּ פון קוילנוואַרפער, איז בעמיעלע גיך וואַך געוואָרן און ס'איז אים היפּש אויסגעקומען צו רייסן דעם סערזשאַנט נערעי. אויף יענער זייט פון די צעגראָבענע גערטנער, זענען זיי צוריקגעלאָפן מיטן שטעג, מיט וועלכן זיי זענען פאַרנאַכט אָנגעקומען. זיי זענען געלאָפן לאַנג, אָן אָטעם, אין דער אויסגעשטערנטער יוני-נאַכט. ס'איז זיי נאָכגעלאָפן אַן אָפּגעהאַקטער אָטעם, אַ געשאַרך פון הונדערטער פּאָר פיס. האַלטנדיק אין אויג בעמיעלעס סילועט, האָט ער נאָך געהאַלטן אין איין באַדויערן, דער סערזשאַנט נערעי:

— נישט אַזוי די הינער, ווי די קעלערן מיט ווייַן!...

פון דער נאַכט אָן האָבן זיך אָנגעהויבן זייערע וואַנדערונגען אינצווייען. זיי האָבן זיך שוין נישט צעשיידט. צוזאַמען געוואַלגערט זיך אין די שטרוי-שייערן, צוזאַמען אונטערגעכאַפּט די הפקר'דיקע הינער און גענדז, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס, און געבראָטן זיי אויף די קליינע שייטערס ביי אַ וואַנט. אויסגעמישט מיט נאָך אַזעלכע וואַנדערער, אָפּגעריסענע פון זייערע רעגימענטן און אייניקייטן, האָבן זיי איינגעאָרדנט קליינע, אינטימע בעלער אין די אָפּגעשלאָסענע הויפן, ווו זיי האָבן געפונען פון אַלדאָס-גוטס — קעלערן מיט געטראַנקען און עופות. דער סערזשאַנט האָט זיך נאָך אַרויסגעוויזן פאַר אַן ערשטקלאַסיקן קובער ביים פּרעפּאַרירן די געבראָטענע הינער אויפן שטייגער פון די גרויסע רעסטאָראַנען. דער צוד פעליקער עולם איז ברייטלעך געווען צעזעצט ביי די פּרעכטיקע טישן און גע־לאָזן זיך סערווירן אין די פיינע כלים פון די אָפּגעלאָזענע שענק.

— כ'האָב זיך, דעם אמת געזאָגט, אַביסל געשראָקן פאַרן פראָנט — האָט דער סערזשאַנט געפּינטלט מיט אַן אויג — ס'איז, ווייזט זיך אַרויס, גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, אפילו אָנגענעם...

אין די שטעטלעך, וווּ זיי האָבן אָנגעטראָפן דעם שטראָם עוואַקואירטע, זענען זיי אַרומגעגאַנגען צווישן די ווייבער, צווישן די אַלטע לייט, וואָס האָבן געשטופּט קינדער־וועגעלעך, און דער סערזשאַנט האָט זיך דער עיקר באַמיט אַרויסצורופן רחמנות און אכטונג פאַרן קוראַזש ביי די יונגע מיידלעך און ביי די ווייבלעך:

— איר זעט? אָט וואָס ס'איז געבליבן פון אַ גאַנצן רעגימענט! — האָט ער געוויזן אויף בעמיעלען און אויף זיך אַליין.

מען האָט זיך נאָך געטיילט מיט זיי מיטן ביסן און באַרויִקט. פאַר די זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן געפּרוווט צו פאַרהאַלטן דעם צוריקשטראָם פון סאָלדאַטן, אַנטלאָפענע פון די דורכגעריסענע פראָנטן, האָבן זיי געהאַט איין פאַרטיק ענטפער: „מיר זוכן דעם פאַרלוירענעם רעגימענט"; און מיט די אָנווייזונגען וווּ זייער רעגימענט געפינט זיך, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזן פונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. אַלץ האָט געצויגן אויף פּאַריז.

סוף כל סוף האָט ער איינגעזען, בעמיעלע, איז דאָס אַרומשלעפּן זיך אַ ווילטע שפּיל פאַרן טייוול. שווער געווען צו זאָגן אין דעם מאָמענט, וואָס פון דעם אַלעם וועט זיך אויסלאָזן. ס'איז קלאָר געווען, אַז פראַנקרייך איז פאַרלוירן. די גאַנצע אַרמיי, מיטן אויסנאַם פון קליינע גרופּן, וואָס האָבן נאָך דאָ און דאָרט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, איז געווען אין דעזערציע. פאַרשיידענע, נישט־באַשטעטיקטע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן. מיט גרויס האָפענונג האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אין דעם, אַז רוסלאַנד זאָל האָבן אַטאַקירט די דייטשן. פּאַריז, צו וועלכער מען האָט זיך אוממיטלבאַר הערנענטערט אינם מאַסן־צוריקשטראָם, אינם אימפּעטיקן שטורעם פון די מאָטאָריזירטע דייטשע חיילות, האָט אים איצט געלאָקט מיט טויזנטער חנ'ען. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס די מאַמע מאַכט, דאָס שוועסטערל סיזאַ און אויך וועגן העם בלאָנדן מיידל בערטע האָט ער געטראַכט. וווּ קענען זי זיין איצט?

דעם בגילופנדיקן סערזשאַנט האָט ער ערגעץ איבערגעלאָזן אין איינעם פון די שטעטלעך, אין אַ קאַפע, ביי אַ טיש, פול אָנגעשטעלט מיט אויפגעקאָרקעוועטע פלעשער און אַליין האָט ער זיך צופוס געלאָזן שפּאַנען קיין פּאַריז. די שטעטלעך פון פּאַריזער גאַרטל זענען אים נאָך גוט באַקאַנט געווען פון די אויספלוגן צו די פליאַזשעס אַרום דער מאַרנע. ער האָט געשניטן די זייטן־וועגן, אָנצוקומען צו די וועלדער פון ווענסען. דאָ האָט ער זיך שוין כמעט דערפילט אינדערהיים.

די פּאַרשטעט זענען שוין געשטאַנען אין פיבער פון עוואַקואַציע. די בולוואַרן און די אַוועניס זענען געווען פאַרפּאַקט פון דער ראָד־באַוועגונג און

פון פיל-פאַרביקן המון; און כאָטש ס׳איז געווען מיט־יוני, איז אין יענעם טאָג, מען ווייסט נישט פונוואַנען און וויאַזוי, אָנגעפאַלן אַ געדיכטער נעפל איבער דער שטאָט, וואָס האָט אָוועקגעלייגט אַ געלקייט אויף די פּנימער. מען איז געלאָפן ווי פון אַ ווולקאַן-אויסברוך, ווי פון אַן ערד־ציטערניש, ווי פון אַ פאַרפליצונג. מען האָט אָוועקגעגעבן פאַרמעגנס פאַר אַ קליינעם פּלאַץ אין אַ אויטאָ, וואָס האָט אָוועקגעפירט צום טיפן דרום. עס האָבן צירקולירט די ווילדסטע קלאַנגען און דער עיקר — דער איינגעשפּאַרטער קלאַנג, אַז רוסלאַנד זאָל האָבן געריסן קעגן די דייטשע גרענעצן.

די מיליטערישע אויטאָס האָבן זיך מער נישט געקענט דורכקריגן די פאַרשטאָפּטע גאַסן און ביי די מאַסיווע געביידעס פון ווענסענער פאָרט איז די בהלה געווען נאָך גרעסער. די שטענדיק־באַוואַכטע טויערן זענען איצט געשטאַנען צעפּראַלט, אינדערמיט פונם קאַזאַרמע־רינג — אַ פאַר־געכענער שווערער קאַנאָן, מיטן פאַרריסענעם פּיסק צום הימל. צו קיין מעט־רא איז זיך נישט געווען מער צו דערשפּאַרן. ווער האָט זיך דען איצט אומ־געקוקט אויף די אַלע פאַרוואַקסענע סאָלדאַטן, אויסגעמישט צווישן המון?.

אַרויסגעקריגן זיך ביז צום פּלאַץ „נאַסיאָן”, האָט בעמיעלע פריי גע־שפּאַנט צו זיין היימישן בעלוויל. אין וואַרעמען נאָכמיטאָג האָט ער אויפ־סניי, נאָך חדשים וואַלגערן זיך אין דער פרעמד, געשפּאַנט איבערן בולוואַר בעלוויל. ביים אַפּטייק־שפּיגל האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן אַ קוק צו טון. ער האָט זיך אינגאַנצן נישט דערקענט — ווי ער וואָלט דערפילט מיטאַמאָל אויף זיך דעם טאַטנס בליק, דעם אויסגעמאַטערטן גלי אין די אויגן, ווען ער פלעגט אַזוי אַריינפאַלן אין שטוב, נאָך אַ וואָך אומוואַלגערן זיך אויף די „מאַרשעס” אונטערוועגנס.

די קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל” איז געווען פאַרקלאַפּט, נאָר פאַר דער טעראַסע — צעשאָטענע גרופּקעס יידן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַריינגעקוקט אין די געזיכטער און געזוכט, אפשר וועט ער געפינען צווישן זיי דער מאַמען. ביז שטאָק־פינצטער האָבן זיך די רעדלעך געדרייט פאַר די פאַרמאַכטע קאַפעס. אין געדיכטן, וואַרעמען חושך איז מער קיינעם נישט געווען צו זען. דער אָרעמער יידישער בעלוויל האָט זיך שוין אין דער לעצ־טער מינוט מער נישט גערירט. מען האָט שוין מער נישט געקענט לויפן. מען האָט זיך פאַרהאַקט הינטער שלאָס און ריגל און געוואַרט.

קיינער פון יידישן בעלוויל איז אויף צומאָרגנס נישט געלאָפן זען די דורכמאַרשירנדיקע דייטשע טרופּן אויף די עליזעער פעלדער. צווישן טאָג און נאַכט האָט איינער ביים אַנדערן אָנגעקלאַפּט, מען האָט זיך לאַנג איינ־געהערט צו די שטיגן און שווער אָפּגעאָטעמט:

— יעקע גנב, האַ?

— אַזאַ שנעלע בראָך האָט זיך קיינער נישט געריכט!

— כ׳האָב מורא, אַז די בראָך איז מער אונדזערע ווי זייערע!

דאָס ערשטע געפֿיל ביי בעמיעלען איז געווען: אָפּשליסן זיך, אַנטלויפֿן פֿון דעם, וואָס האָט אים נאָכגעיאָגט, אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם סאָלדאַט. ער איז נאָך געווען צעטומלט. ער האָט אָנגעקוקט מיט פֿרעמדע אויגן דער גרויגעוואָרענער מאַמען. ער האָט זיך מער פֿון שטוב נישט אַרויסגערירט, מורא געהאַט פֿאַרן טאָג־ליכט, וואָס האָט זיך געריסן דורך די שפּאַרעס פֿון פֿאַרהאַנגענעם פֿענצטער.

דערנאָך איז דער ייִדישער בעלוויל צוריק אַרויסגעקראָכן פֿון די נאָרעס, גענומען באַווייזן זיך אין גאַס, אויפֿן בולוואַר, אין די קאַפֿעס. מען האָט אַ שמעק געטון די לופֿט:

— נישט אַזוי געפֿערלעך... אַבי מען האָט זיך געשראָקן...

די, וואָס האָבן נאָך געדענקט דעם דייטש פֿון יענע יאָרן אין פּוילן, האָבן זיך צעזונגען:

— איר וועט זען, אַז ייִדן וועלן נאָך מאַכן גאַנץ גוטע געשעפֿטן מיט זיי. יעקע נאַר, ער פֿאַרשטייט דען עפּעס?

מען האָט שוין אַפֿילו געשמועסט, אַז עטלעכע פֿיפֿיקע בעלווילער ייִדן, אַרויפֿגעאַרבעטע, הדריערס, האָבן אין די רייכע קאַפֿעס אויף „שאַנז עליזעע“ געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿט מיט הייטשע אָפֿיצירן און האָבן שוין פֿון זיי באַקומען באַשטעלונגען אויף שווערע מיליאָנען. נאָך עטלעכע וואָכן האָבן ייִדישע אַמעליעס אויפֿן בעלוויל, מאַראָקינערי־פֿאַבריקלעך, קאָנפֿעקציע־שניידער און טריקאָטערן, ווירקלעך אָנגעהויבן געשמאַק אונטערצואַרבעטן. עס זענען פֿאַרפֿאָרן דייטשע קאַמיאָנען און מען האָט זיי אָנגעלאָדעוועט ביז אַרויף. אַלץ האָבן זיי געקויפֿט, גאָרנישט איז פֿאַרבראַקירט געוואָרן. ייִדישע ווייבער האָבן געשמייכלט צו די שטאָלצע, אָנגעצויגענע אונטעראָפֿיצירן און אויסגעטענה׳ט זיך מיט זיי אין ריינסטן ייִדיש, נאָר מיט בלויז פּאַסאַכן.

די אמת׳ע פֿאַרברידערונג אָבער מיט די דייטשן איז פֿאָרגעקומען אין די פֿאַרוויילונגס־פּלעצער, אין די גרויסע קאַפֿעען, אין די קאַבאַרעטן, אין די נאַכט־לאָקאַלן. די קליינע, דראָבנע פֿראַנצייזישע קורטיזאַנעס האָבן זיך געוואָרפֿן אויף די העלדזער פֿון די ברייטע, צעוואַקסענע דייטשע סאָלדאַטן, געקושט זיך מיט זיי און געשיכורט. זיי האָבן זיך אויפֿגעפֿירט ווייער אײדל, די דייטשן, געשאָטן מיטן געלט. אַלע מאַגאַזינען אין פּאַריז זענען באַפֿאַלן געווען, זיי האָבן געקויפֿט אַלץ, נישט געדונגען זיך. פּאַריז האָט צוביסלעך גענומען פֿאַרגעסן אין די צוויי מיליאָן געפֿאַנגענע, די אָפּגעשליסענע, די פֿאַרוואַקסענע, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אין לאַנגע, טרויעריקע קאָלאָנען איבער די וועגן פֿון פֿראַנקרייך און דייטשלאַנד, צו די לאַגערן פֿון שטעכל־דראָט, געדיכט אַרומגעשטעלט מיט וואַכן און מאַשין־געווער. אָנגעשטאָפּטע לאַסט־צוגן זענען יעדן טאָג אָפּגעפֿאָרן קיין דייטשלאַנד, אין די אַמוניציע־

פאַבריקן, אין די קוילן־גרובן און, ווי שקלאַפן, פאַרטיילט געוואָרן צו די פּויערים אין די דערפער.

די ווייניקע, וואָס האָבן זיך אָפּגעטראָגן פון די פראָנטן, האָבן זיך נישט צוגעשטעלט אויף די שטרענגע אויפפאָדערונגען פון די דייטשן. מען איז געלאָפן איבער דער דעמאַרקאַציע־ליניע און די, וואָס זענען פאַרבליבן אין פּאַריז, האָבן זיך געדרייט האַלב־לעגאַל און באַזאָרגט זיך מיט די אַלע מינים פּאַפּירלעך, ווי עס מאַכט זיך, טאָמער טוט מען אַ פרעג. שווער איז געוואָרן מיטן לעבנסמיטל־קאַרטן־סיסטעם. מען האָט שוין מער גאָרנישט באַקומען אין פרייען פאַרקויף. די מוניציפּאַליטעטן פון די קוואַרטאַלן זענען יעדן טאָג באַלאַגערט געווען פון אַ כמאַרע מענטשן, צונויפגעשטופּטע רייען.

אין איינער אַזאַ ריי האָט כעמיעלע אין איינעם אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן באַגעגנט בערטן, דאָס בלאָנדע, לאַכנדיקע מיידל פון יוגנט־קלוב. ער האָט געטראָגן אַן איינגעשטייפטן ספּאָרט־אָנצוג מיט גרויע שפּריצעלעך, דעם שויבער — גלאַטיק־צוגעקעמט, אויסצוזען וואָס ייִנגער, ייִנגלערישער און נישט וואַרפן זיך אין די אויגן. זי — אין אַ העלן מאַנטל פון ביליקן שטאָף, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגאָסן פון אירע גלייכע, גוט־אַנטוויקלטע אַקסלען. פון אונטערן בערעט — אַ גאָלדיקער לאָק.

— האַנרי! — איז זי צוגעפאַלן — אַבי איך האָב געמיינט..

— וואָס האָסטו געמיינט? — האָט ער מיט שמייכלענדיקע גריבעלעך צוריקגעהאַלטן אָנגעקוקט זי — כ'בין אַביסל קראַנק געווען און איצט הייבן מיר אָן קומען צו זיך. ווייסט כאָטש וואָס ס'איז געוואָרן מיט פּיערן? איך האָב אין דער אַרמיי געהאַט פון אים אַ גרוס, אַ טרויעריקן גרוס..

זיי האָבן איבערגעלאָזן דעם שוואַרצן אָנגעלויף פון ווייבער און קינדער אַרום די ווענט פון דער מוניציפּאַליטעט און געלאָזן זיך אַראָפּ, מיט דער ביימערדיקער גאַס. ביים טויער פון פּער־לאַשעז, ווו ס'איז פאַרפאָרן אַ שוואַרצער אויטאָ, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. ס'איז געווען אַ פייערלעכער אומעט אין דער ווינטערדיק־נאַקעטער לאַנדשאַפט, אין דער טיפקייט פון די אויסגעקערטע אַלייען. ער האָט זי לייכט געהאַלטן אונטערן אָרעם.

— קום, לאָמיר אויף אַ שעה אַנטלויפן אין שאָטן פון די פאַרשטאָרבענע. זיי זענען נישט געווען אונזערע עלטער־זיידעס און נישט אונזערע טאַטעס, די, וואָס רוען דאָ אונטער די שיינע, קינסטלעריש־אויסגעהאַמערטע מצבות. אונזערע ליגן ערגעץ אין ווייטן פּוילן. מיט די פאַרשטאָרבענע איז נאָך טייל מאָל אָנגענעמער, ווי מיט די לעבעדיקע.

זי האָט זיך לייכט געלאָזן פירן איבער די אַלייען און ס'איז געווען אַזויפיל אומעט אין זייערע רייד.

— געדענקסט די „אָבערזשן", האַנרי? ס'איז פריילעך געווען, מען האָט זיך קינדעריש פאַרגעסן, מיר זענען נאָך אַליין געווען קינדער; און איצט —

ווי מיר וואָלטן זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שיינעם חלום. איך בין איינינקע אַליין פאַרבליבן פון מיין גאַנצער משפחה. דער ברודער — אין געפאַנגענ־שאַפט, די עלטערן — אין טולוז. איך קליב זיך אויך אַהין, נאָר עפּעס איז מיר שווער צו שיידן זיך מיט פּאַריז. אַ קליין מיידעלע בין איך געקומען אַהער און דאָ נישט ווייט, אויפן מענילמאָנטאַן, האָט מיר די מאַמע צום ערשטן מאָל געפירט אין „שקאָל". כ'האָב ליב די אַלטע געסעלעך, ווי איך וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן. מיר דוכט זיך, אַז ווען עס זאָל אונדז אַלעמען אויסקומען צו פאַרלאָזן פראַנקרייך, פּאַריז, וואָלט איך מער נישט געוואָלט לעבן. כ'שטעל מיך פאָר, אַז וויפל האָט מיינע עלטערן זאָלן נישט טראָגן צו אַט דעם פּוילן, בענקען זיי נאָך פונדעסטוועגן צו דער לאַנדשאַפט, וואָס זיי האָבן איינגעזאַפּט אין דער סאַמע פריסטער קינדהייט...

אויף דער באַנק, אין דער נאַקעטער אַליי, האָט עס בעטיעלען מיטאַמאָל אונטערגעהויבן:

— ווי מאָדנע דיינע געדאַנקען פאַלן זיך צונויף מיט דעם, וואָס איך פיל שוין פונלאַנג: בערט, טייערע, כ'האָב אַלעמאָל געפילט, אַז עפּעס פאַר־בינדט אונדז; נאָר איצט ווייס איך עס שוין, האָסט עס מיר אויף אַזאַ פּשוטן אופן דערציילט. ס'איז עפּעס קיינמאָל קיין געלעגנהייט נישט געווען צו רעדן, מיר זענען ביידע געווען קינדער. און כאָטש מיר זענען נישט אַזוי אַלט אין יאָרן, האָט אונדז די צייט רייף געמאַכט. נאָר וווהין מיר גייען, ווייסן מיר נאָך אַלץ נישט. כ'האָב עפּעס אַ מאָדנע פאָרגעפיל, נאָר גיסט מיר אַזויפיל זיכערקייט. איך וויל דיר אַלעמאָל פילן ביי מיין זייט, נישט אַזוי צופעליק — אויף שטענדיק.

ער האָט זי פאַרמאַכט דאָס מויל מיט זיינע הייסע ליפּן; און זי האָט געפונען נאָר איין און איינציק וואָרט אים צו זאָגן און ס'איז געווען אַזויפל מוזיק אין אַט דעם וואָרט:

— האַנרי!

קאַפּיטל פיראונדרייסיק

דער לעצטער ווידערשטאַנד

דעם 5־טן יוני אויפדערנאַכט איז געווען די אַנטשיידונג. נישט געווען קיין עסן און נישט קיין אַמוניציע. אַלע פאַרבינדונגען מיטן שטאַב פון באַ־טאַליאָן זענען געווען אָפּגעשניטן. פון זשאַקלס גרופּע האָבן געפעלט זיבן מענטשן, צווישן זיי מאַרטינעז, דער טייערער פריינט, וואָס איז געווען פאַר־בונדן מיט אים אויף טויט און לעבן. דאָס שרעקלעכסטע איז געווען די

לייכטע אַרטילעריע פון שונא. די קליינע אויסשפּירער זענען דעם גאַנצן נאָכמיטאָג איבערגעפלויגן די פּאָזיציעס, געלאָזן נאָך זיך קליינע, כמעט אומזעבאַרע רויכלעך צווישן די גאָלדיקע וואָלקנדלעך פון זומערדיקן הימל. באַלד דערנאָך האָבן די גראַנאַטן גענומען פייפן איבער די קעפּ. די 7-טע קאָמפּאַניע, וואָס האָט אין די ערשטע צוויי טעג צוריקגענומען די הויכקייט אויף יענער זייט נאַציאָנאַלן שאָסיי, האָט זיך געמוזט צוריקציען. ס'איז קלאָר געווען, אַז די דייטשן האָבן זיך דאָרט איינגענעסטיקט און באַטראַכטן מיט די לאָרנעטעס גענוי די טראַנשיי-ליניע. זשאַקל איז אויפסניי צוגע-שטאַנען צום אַדיוטאַנט לואַזאָ, וואָס איז געווען צעטומלט און פאַרטויבט:

— מען וואָלט זיך כאָטש אַריבערגעטראָגן נענטער צום וואַלד. די ביי-מער און דער שאָטן זענען אַ גוטע שוץ פאַר דער אַוויאַציע.

אָבער עס איז שוין נישט געווען צו וועמען אַפילו צו רעדן. אַלץ ווי-ניקער האָבן די טראַנשייען געענטפערט אויפן דייטשן פייער. מען האָט אַפילו נישט געקענט עוואַקואירן די געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. די אַלע, וואָס האָבן זיך אָנגעבאָטן צו ברענגען עסן און אַמוניציע, זענען מיט אַ טאָג פריִער געהאַט אַוועק מיט די הינטער-וועגעלעך און מען האָט זיי שוין מער נישט צוריקגעזען. מען איז בכלל געלאָפן, איינער אויסגעהיטן פאַרן אַנדערן. מען איז געלאָפן ביינאַכט, צווישן צעטראָטענעם תבואה-פעלד, און יעדער האָט געהאָפט אַרויסצורייסן זיך פון דער אַרומרינגלונג. אין לעצטן פאַר-נאַכט, איידער אַ גראַנאַטן-שפּליטער האָט אים אָפּגעריסן דעם שאַרבן, האָט דער קאַפּיטאַן ביסאָן פאַרזיכערט, אַז ס'קומט באַלד הילף, מען זאָל זיך האַלטן. די צוויי טאַנקען, וואָס זענען טאַקע באַלד דערנאָך אָנגעפאָרן אויפן שאָסיי, האָבן אויפגעמונטערט, כאָטש מען האָט נישט געוואָגט אַרויסצושטעקן די קעפּ. גרויסע, שווערע און האַמעטנע, האָבן זיי זיך גענומען דוקן איבערן תבואה-פעלד, מיט די קאַנאָנען-פּיסקעס פאַריסן. אָבער הינטער זיי האָבן מיטאַמאָל אויפגעטויכט דייטשע קאַסקן און ס'האָט אַ שימער געטון דער פעלד-גרוי.

צווישן די פינגער ביי זשאַקלען האָט זיך געוואָרפן דער קורצער מוס-קעטאָן, אָבער דער קליינער פּאָרטוגעזער ריבעראָ האָט זי אים אַ ריס-געטון פון דער האַנט. דאָס קליינע פּאָרטוגעזישע פויערל, וואָס האָט פאַרטויִשט מאַרטינעזן ביי דער מאַשין-געווער, האָט נישט אַזוי לייכט אויפגעגעבן. אָנ-געשפּאַרט אויף די קני, האָט ער מיט איין פאַרזשמורעט אויג געצילט צווישן די דייטשע טאַנקען. ער איז דערנאָך אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק און זיך אַ ציי גע-טון נאָך זיך זשאַקלען:

— מיין לעבן וועל איך טייער אָפּגעבן, עס געהערט נאָך דערווייל מיר!

מיט די שמאָלע דורכגענג אין דער טראַנשיי זענען זיי דערקראָכן ביז צום וועלדל. די קוילן זענען מיט אַ קליינעם זשום פאַרביי זייערע אויערן.

דער אונטעראָפיציר לואַזאָן איז געלאָפן און געפאַלן צווישן די שטעכיקע מאַלינע־קוסטן. וואָס ווייטער, איז דער וואַלד געוואָרן אַלץ געדיכטער, טונקעלער. הינטערן בריקל, ווו ס'האָט געמורמלט אַ שמוציקע ריטשקע, איז דער לייטענאַנט גאַפּינאָ געזעסן צעזעצט אויף דר'ערד, אַ פונאַנדערגעשפּיליעטער, דער לינקער אָרעם — אין באַנדאַזשן. ס'איז געווען אַ מאָדנער פּאַרנאַכט, מיט גאָלדיקע אָפשיינען, און ווען נישט די שיסערייַ הינטערן וואַלד, וואָלט גוט געווען איינצואָטעמען די שאַרפע, טרוקענע פעך־ריחות. מען ווייסט נישט פונוואַנען דער קאָלאָנעל אַליין איז דאָ פּלוצים אויסגעוואַקסן פון הינטערן בריקל. אַ מאָגערער, מיט לאַנגע וואָנסן פון אַ גאַליער, איז ער געווען פונקט אַזוי פאַרוואַקסן, ווי דער לעצטער פון די סאָלדאַטן. דער לייטענאַנט גאַפּינאָ האָט פאַרביסן פון ווייטיק אַ ליפּ, ווען ער האָט זיך געפּרוּווט אונטערהויבן.

— בלייבט זיצן! — האָט דער קאָלאָנעל גיכער באַפוילן, ווי פאַרגעלייגט — דער אַדיוטאַנט סולים איז אויף דעם סעקטאָר מיט אייך?

— ער פאַרטרעט דעם קאַפּיטאַן ביסאָן אין דער 7־טער קאָמפּאַניע. ער איז פאַרטאָג אַוועק מיט אַ פּאַטרול. קאַפּיטאַן ביסאָן... — האָט דער לייטענאַנט שוועך געפונען די ווערטער — דער האַלבער קערפּער האָט זיך נאָך דערווייל ניט אָפּגעפונען. ער ליגט דאָ הינטערן בערגל. מיר האָבן ביז איצט אָפּגעציילט עטלעכע און פערציק טויטע...

— ס'איז נאָרמאַל... נאָרמאַל... — האָט דער קאָלאָנעל גערעדט ווי פאַר זיך אַליין און איז אַוועקגעשוווּמען מיטן וואַלד־שטעג צום אַלטן שלאָס. ער איז געגאַנגען מיט אַזאַ רואיקער זיכערקייט, ווי די קוילן וואָלטן איבער אים איבערהויפּט קיין שליטה נישט געהאַט.

ביז אינדערפרי, דעם 6־טן יוני, האָט זיך שוין דאָס פייער נישט איינגעשטילט. ס'האָבן זיך נאָך, זעט אויס, געפונען קליינע רעזערוון. די יידן און די שפּאַניער האָבן נישט געוואָלט אַרויסקריכן פון די טראַנשייען. דורך די הויך־שפּרעכער האָבן די דייטשן פאַרטאָג צוויי מאָל פאַרגעלייגט זיך אונטערצוגעבן.

— מיר זענען סאָלדאַטן! — האָט דער לייטענאַנט גאַפּינאָ געפּרוּווט איינשטילן — מיר האָבן די שלאַכט פאַרשפּילט און מיר גיבן זיך אונטער. איך מיין, אַז קיין שום שלעכטס...

אַלע האָבן זיך אויפגעריסן פון אויסגעלאָשענעם שייטער, צערייצטע, גרייט צו צערייסן איינער דעם אַנדערן. די שפּאַניער האָבן נישט געוואָלט הערן דערפון און געשאָסן ביז דער לעצטער מינוט. די יידישע שניידערס פון בעלוויל האָבן געקלאַמערט די ביקסן מיט די שטריקלעך, ווי לייבלעכע פריינט. דער שוסטער גאָלדבערג האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד און די טרערן זענען אים אין ברודיקע ריטשקעלעך גערונען איבערן בלאָנדן, שטע-

כיקן פוך. מיט דער קאַסק איבער די אויגן, האָט ער, אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, אויסגעקוקט ווי אַ סטראַשידלע: „אַכט וואָכן מיט אַ טאָג איז ער אַלט, דער קליינער יאַט מיינער. איך האָב דאָס קינד נאָכנישט געזען"...

פון אַלע זייטן פון דער טראַנשיי זענען מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן די דייטשן — רויטע, פאַרגאָסענע צורה'ס. פונדערהויך־אַראָפּ האָבן אָן אַ שיעור קליינע, פינצטערע מיטראַיעטן־פּיסקלעך, ווי מייזן־אויגלעך, געלויערט אויף זיי.

— ר אַ ו ס ! — האָבן זיי צום ערשטן מאָל דערהערט דאָס וואָרט, וואָס האָט זיך דערנאָך אַזוי איינגעפּרעסן אין זייער געמיט. ביז צום אַלטן שלאָס זענען זיי געגאַנגען מיט אויפגעהויבענע הענט און אין רוקן האָבן געברענט די פינצטערע פּיסקלעך פון די מיטראַיעטן. אויפן הויף פון דער דינערשאַפט, צווישן די איבערגעקערטע, צוויי־רעדערדיקע וועגענער, איז אַרום די ווענט פון די שטעלער געווען אויסגעשטעלט אַ קאָרדאָן סאָלדאַטן מיטן געווער אין דער האַנט, ווי צו אַן עקזעקוציע:

— רעכטס ! — האָט דער אָפיציר באַפוילן; און ווען דער יידישער עולם האָט זיך אינסטינקטיוו אַ צי־געטון אויף רעכטס, האָבן זיך די איבעריקע געוואַקלט אין דער ערשטער רגע.

— רעכטס ! — האָט נאָכאַמאָל אַ דונער געטון דאָס מעטאַלענע קול און אין זיין האַנט האָט זיך געוואָרפן אַ גרויסער נאַגאַן. ער האָט באַמערקט וואָס דאָ קומט פאָר און באַלד זיך צוריקגעכאַפּט:

— ווער פון אייך פאַרשטייט דייטש ?

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, די יידן האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ; אָבער באַלד דערנאָך איז אַרויסגעשפּרונגען אַן אונטעראָפיציר, דער סער־זשאַנט מיללער, אַן עלזאַסער, וואָס האָט גערעדט אַ האַרטן פראַנצויזיש. ער האָט געהאַט ווייסע ברעמען, ווי פאַרפּראָשעט מיט מעל, און אַ רויטע צורה, אָנגעזעצט מיט בלעטערלעך. ער האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט:

— איך בין עלזאַסער ! — האָט זיין פּנים באַלד באַקומען עפּעס פון אַן אויסגעקרומטן שמייכל. ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין גענויע אויפ־קלערונגען פון לייטענאַנט און האָט באַלד געמאָלדן:

— ס'איז אַ באַפעל, אַז אַלע „איזראַעליטן" זאָלן זיך אַוועקשטעלן באַ־זונדער !

אַ שטילשווייגן. אַ בלאַסער, נערוועזער ציטער אויף די פּנימער; אַחוץ עטלעכע יידן פון אונגאַרן, פון אַלט־רומעניע, יידן, וואָס האָבן זיך אַלעמאָל געהאַלטן אינאַזייט פון די „אומקולטורעלע" שניידערס פון בעלוויל, זענען כמעט אַלע אַרויס און אַוועקגעשטעלט זיך אינאַזייט. עס איז גלייך אויפן אָרט געווען צו דערקענען אויף די פּנימער פון די נישט־יידן אַ דערלייכטערונג.

— אויסלענדער - רעגימענט... פרעמדן - לעגיאָן... אינטערנאַציאָנאַלע

וואַנטוריסטן... יודן... — איז דער לאַנגער דייטשער לייטענאַנט געשטאַנען און באַטראַכט זיי מיט אַ קאַלט שמייכעלע. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער אַליין רעדט נישט שלעכט פראַנצויזיש — צוליב די־אָ, האָבן מיר די קריג; זיי און די „ראָט־שפּאַניער"...

אין אַנדערן עק הויף האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן אַ קליינער טומל: די רייד פון לייטענאַנט גאַפּינאַ, מיט וועלכע ער האָט זיך געווענדעט צום דייטשן אָפיציר, האָט מען זיך באַלד דערנאָך איבערגעגעבן פון מויל צו אויער. „דאָ — האָט ער זיך געקאָכט — זענען נישט פאַראַן קיין יידן און נישט קיין שפּאַניער — דאָ זענען אַלע פראַנצויזישע סאָלדאַטן און אַלס אַזעלכע בעט איך..." דער אָפיציר האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, נישט געלאָזן אים פאַרענדיקן, געטופּעט מיט די פיס און צולעצט באַפוילן אים אָפּצופירן אויף אַ טאַנק, וואָס האָט פאַרבייגערוישט די דאָרפישע גאַס...

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די ערשטע מינוט טויט־שרעק פון יידן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. מען האָט באַפוילן אויסצוליידיקן אַלע קעשענעס, אַלץ אַוועקצוואַרפן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די לאַנגע, טרויעריקע מאַרשן, אונטער דער ברענענדיקער יוני־זון, אָן אַ טרונק וואַסער, אָן אַ שטיקל ברויט, אין דער ריכטונג נאָרד־וועסט. דער דורכשאָס אין לינקן אָרעם, וואָס זשאַקל האָט נאָך אין דער לעצטער מינוט באַקומען, האָט לייכט געבלוטיקט. דאָס צעריסענע העמד און די באַנדאַזשן זענען געווען דורכגעווייקט. דער קליינער ריבערא האָט אים מורא געהאַט אָפּצולאָזן אויף אַ טריט, ווייל די וואַך־סאָלדאַטן האָבן די פאַרווונדעטע, וואָס זענען אָפּגעשטאַנען אין וועג, דערשאָסן אויפן אָרט. פאַרנאַכט האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אין אַ שטעטל און באַגינען איז די קאָלאָנע ווייטער געטריבן געוואָרן. אויפן וועג איז די גרויסע, אָפּגעשליסענע מחנה געוואַקסן. מען האָט שוין נישט אַרויסגעזען נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף. דאָס באַזיגטע פראַנקרייך איז געגאַנגען דעם וועג אָפּצוריכטן פינף יאָר גלות. אַלטע לייט און פרויען מיט פּיצלעך קינדער אויף די הענט, האָבן נאָכגעקוקט מיט טרערן אין די אויגן, שטום.

דער ערשטער גרויסער זאַמל־לאַגער איז געווען דער פראָנט־סטאַלאַג אין טריער. פונדאַנען איז שוין געווען צוריק איינגעשטעלט די באַן־קאָמוניקאַציע מיטן דייטשן הינטערלאַנד. צווישן די קאַזאַרמע־מויערן האָט גערויבערט אַ קיך. אַ טרויעריקער, וועלפישער הונגער האָט אַרויסגעקוקט פון אַלעמענס אויגן. די קוכערס דאָ זענען געווען פּאָליאַקן. די פּוילישע געפאַנגענע האָבן שוין געהאַט אַ קליינעם סטאַזש הינטער זיך און האָבן דאָ געבאַלעבאַטעוועט ווי אַלט־איינגעזעסענע. זיי זענען געשטאַנען פאַר די פאַרעדיקע קעסלען אינדרויסן און אויסגעטיילט אַ וואַסערדיקע זופּ. פאַרדרייט דעם לאַנגן חשיק אינאַזייט, האָט אַ הויכער, רויטער פּאָליאַק צוגעגאָסן אין די אויפגעקליבענע קאָנסערוון־שאַכטלעך אַ שיטערע קאַרטאָפל־זופּ. „איר האָט

גוט געקעמפט — האט ער צוגעוואָרפן — די זופּ וועט אייך איצט גוט שמעקן, פּשיא וואַשאַ מאַטש"..

נישט־ווילנדיק האָט זשאַקל, שטופּנדיק זיך אין דער ריי הינטער דעם קליינעם ריבעראַ, אַ שמייכל געטון און נישט־ווילנדיק האָט ער זיך אַרויס־געכאַפּט:

— געקעמפּט האָבן מיר גוט, נאָר מען האָט אונדז נאָך בעסער פאַר־קויפט!...

אַזאַ גדולה איז אים באַפאַלן, דעם פּאָליאַק, אַז ער האָט שיעור נישט אויסגעגאָסן דעם זופּ דערלעבן.

— זשידקו! — זענען אים שטעלבע מיטאַמאָל באַפאַלן. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט אים. דער האַלב־פאַרגעסענער פּויליש אין זיין מויל האָט זיי דאָ, אין דער פרעמד, געקלונגען ווי מוזיק אין זייערע אויערן.

סוף כל סוף איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט פאַרבונדן דעם פּאָליאַק און דעם ייד אין דער פרעמד. דער פּאָליאַק האָט לייכט דערקענט צווישן דער אָפּגעשליסענער מאַסע דעם היימישן ייד פון פּוילן; ס'איז געווען אַ מין פייכט גלאַנצל אין די אויגן, אַ היימישער שטריך, שווער צו דעפינירן. זיי האָבן אַריבערדערלאַנגט דורכן פענצטער פון דער קיך אַ קריג זופּ, אַ שטיקל ברויט, אַ סיגאַרעט. ס'איז זיי ליב געווען צו הערן דאָס פּוילישע לשון אין דער פרעמד, צו הערן דערציילן פון אַ שטאָט, פון אַ שטעטל אין פּוילן. ביינאַכט, אויפן אָנגעוואָלגערטן שטרוי, פאַרקראָכן פון לייז, האָט מען זיך געטיילט מיט אַ פּאָר ציג.

לעבן זשאַקלען איז געלעגן אַ מאָגערער, קורצזיכטיקער בחור פון אַ יאָר דרייאונצוואַנציק, מיט אַן אויסשיט אויף די מאָגערע סלאַווישע קינען, מיט אַ פיבער אין די הייסע, גרויע אויגן. ער איז געווען אַ סטודענט אויפן לעמ־בערגער אוניווערזיטעט, געהערט צו די „נאַרא"־באַנדעס, וואָס האָבן אָרגאַ־ניזירט איבערפאַלן אויף יידישע סטראַגאַנעס אין די שטעטלעך, געשניטן מיט זשילעטקעס יידישע פאַרבייגייער און אַראָפּגעטריבן יידישע סטודענטן פון די אוניווערזיטעט־בענק. ער האָט עס זשאַקלען גלייך אין ערשטן אָוונט מודה געווען מיט אַ מין אויפריכטיקער שאַדנפרייד, אָבער זעענדיק, אַז אויף אים מאַכט עס לחלוטין נישט קיין איינדרוק, איז ער איבערגעגאַנגען צו ערנסטע אַרגומענטן:

—איר זייט צופיל, איר זייט אומעטום! מיר ווילן אַז דער האַנדל אין פּוילן זאָל זיין פּויליש, מיר ווילן נישט זען אַזויפיל קאַפּאָטעס אין אונזערע שטעט.

— זענען מיר, הייסט עס, אין פּוילן אויך נישט מער ווי אויסלענדער? וויפל יאָרהונדערטער דאַרף אַ פאָלק וווינען אין אַ לאַנד, כדי נישט באַ־טראַכט צו ווערן ווי אַן אויסלענדער? ווייסטו וועגן דעם, אַז יידן אין פּוילן

האָבן פונקט אַזוי ליב די ווייסל, ווי די פּאַליאַקן? ווי לאַנג מיר זאָלן נישט לעבן אין אויסלאַנד, בענקט זיך אונדז אַלעמאָל נאָך דער פּוילישער לאַנדשאַפט. צי האָט זיך אונדזער בלוט נישט געגאָסן אין אַלע באַפרייאונגס־קאַמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן? איז דען אונדזער יידישע ליטעראַטור אין פּוילן נישט דורכגעווייקט מיט ליבע צו דער פּוילישער ערד? איך קום פון פּאַריז, די שטאָט, וואָס זעט שוין צום צווייטן און צום דריטן מאָל אַן עמיגראַציע פון פּאַליאַקן. איך מיין די עמיגראַציעס פון נאָך 1830, נאָך 1863 און די איצטיקע, נאָך סעפּטעמבער 1939. מיט מיצקעוויטש, מיט טאָוויאַנסקין, די טרעגער פון פּוילישן מעסיאַניזם, איז געווען די הייסע סימפּאַטיע פון אַלע די, וואָס האָבן ליב די פרייהייט. לעצטן האַרבסט איז אין פּאַריז זיך צוזאַמענגעקומען די פאָלקס־פאַרזאַמלונג, די „ראַדאַ נאַראָדאָווא“. זעענדיק דעם גרויסן קאָפּ פון פּאַדערעווסקין אין די צייטונגען, איז מיר דערדאָזיקער פאַרגלייך געקומען אויפן זינען. ס'איז אַן עמיגראַציע פון מייז, ווען די שיף גייט אונטער. זי וועט שוין, האָף איך, די פּוילישע ערד קיינמאָל נישט צוריקזען, ווייל זי פאַרדינט עס נישט...

ער האָט זיי איצט שאַרף אויסגעמיטן, די פּאַליאַקן, כאָטש זיי האָבן געשמייכלט, גערעדט זיסע און פאַלשע רייד.

אַ גרויער לאַסט־צוג, פול אָנגעפּאַקט, האָט זיי אין אַ רעגנדיקן סעפּטעמבער־טאָג אַוועקגעפירט טיף אין דעם אומבאַקאַנטן לאַנד, צום ווייטן בייערן. דריי טעג און דריי נעכט האָט זיך דער צוג געשלעפּט. דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך, פאַרשפּינט אין שטעכל־דראָט, האָבן זיי שטום באַטראַכט די פרעמדע לאַנדשאַפט, די רויכערנדיקע קוימענס. די בלאָנדע קינדער האָבן זיי באַגעגנט מיט אַ פייפערײַ, געפירט מיט די הענטלעך איבערן האַלדז און געוויזן זיי, ווי אַזוי מען וועט זיי אַלעמען קעפּן.

קאַפּיטל פינפאונדרייסיק

דער פעלקער־יאַריד

„אַלע ווערטער זענען בלאַס. מיר זענען מיד פון די אַלע שיינע ביכער, וואָס האָבן אונדז אַזוי באַפליגלט פון אַלע אונדזערע אומגליקן וועט מסתמא געבוירן ווערן נאָך אַ דראַמע אויפצופירן, נאָך אַ קלאָגליד. אַלע זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייטן זענען אויפסניי געוואָרן אומקלאָרע רעטעניש. מיר האָבן געבויט אויפן זאַמד. צו וואָס האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט איבער די גרויסע,

פֿרעמדע שטעט, ווי אויף האַלב־נאַכטיקע וואָקזאַלן? אַוועק האָבן מיר באַדאַרפֿט, אַנטלויפֿן. אָבער וווּהין און נאָכוואָס?"

מער האָט ער שוין נישט געקענט, זשאַקל. אין די אויערן איז אים שטיינגעבליבן אַזאַ ווייטע, אויסגייענדיקע מוזיק, די דעמפּיקייט האָט שווער געמאַכט אַלע אבֿרים, אַנגעגאָסן דעם קאָפּ מיט בלײַ.

פֿאַרנאַכט איז עס געווען, ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון הינערפֿלעט אויפֿן דרײַ־גאָרנדיקן בעט, אונטערן סאַמע סופֿיט. הינטער די שויבן פֿון באַראַק האָט נאָך אַלץ, ווי אַן אײַנגעשפּאַרטע פֿליג, געזשומעט דער צוזאַמענגעטריבענער פֿעלקער־יאַריד. געווען איז עס אין אַ פֿאַרנאַכט, ענדע פֿון יענעם שײַנעם און טרויעריקן סעפּטעמבער 1940.

יינגלווייז האָט ער געלעבט מיטן שײַנעם חלום פֿון יידישער קולטור, מיטגעפֿיבערט אויף די אַרבעטער־בערזעס אין וואַרשע, ביז ער איז מיט איינמאָל פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין דער פֿרעמד. דערנאָך — דער בירגער־קריג אין שפּאַניע, דער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פֿראַנקרײַך, די קורצע אויסבילדונג אין אויסלענדער־רעגימענט און די פֿאַרשפּילט שלאַכט אין דער סאָם. דורכגעלאָפֿן איז עס אַלץ אין משך פֿון די עטלעכע יאָר ווי אין עפּעס אַן אומבאַשטימטער דערוואַרטונג. מאָדנע אויסגערעכנט האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפֿילט אַט־דאָ, צווישן די שטעכל־דראָטן, אין געפֿאַנגען־לאַגער 7־אַ, אין בײַערן. ביז אַהער האָט מען נאָך אַלץ געלעבט מיט אַ שטיקל האָפֿענונג, אָבער פֿונדאַנען איז שוין מער דערווײַל קיין צוריק נישט געווען. די אויסזיכטן זענען געווען ביטערע, גאָר ביטערע. אייראָפּע איז געלעגן אויסגעליפֿערט בײַ די פּיס פֿון דער היטלערישער חיה. ווען וועט זיך דער האַזיקער שווינדל ענדיקן? ווער וועט אונדז באַפֿרייען פֿונדאַנען?

דער לאַגער בײַם ראַנד פֿון די נאָדל־וועלדער איז נאָך געשטאַנען אין פֿולן בוי. אין טיפֿן, בלאָטיקן האַרבסט 1939 זענען דאָ אַראָפּגעקומען די ערשטע פּאַרטיעס פּוילישע געפֿאַנגענע. זיי האָבן דורכגעשווידערט די קאַלטע נעכט אין די פֿעלד־בײַדלעך, מיט טאָג־ווערן אַנגעגאָסן זיך מיטן הייסן ביסל וואַסער, פֿאַרבריט אויף נאָדל־צווײַגן, פֿאַרשלונגען דאָס זעקסטעלע ברויט און מיט קלעפּ און מיט קולות, אין שטעכיקן ליכט פֿון רעפֿלעקטאָרן אין פֿינצטערן באַגינען, אַנגעטריבן געוואָרן אויפֿצושטעלן איינעם פֿון די מוסטער־לאַגערן. זיי האָבן אַרײַנגעשלאָגן סלופּעס, פֿאַרלייגט אַ דראָטןצוים, אויפֿגעשטעלט וואַך־טורעמס, דורכגעשניטן גאַסן, געגראָבן קאַנאַלן און אײַנגיכן האָבן זיך באַוויזן די סקעלעטן פֿון אַ לאַנגער שורה באַראַקן.

פֿאַרנאַכט האָט זיך דער לאַגער געוויגט אין אַ ים פֿון פּנימער און קאָלירן. ווי מאָדנע די וועלט האָט זיך פֿאַרענדערט אויף דעם אָפּגעשלאָסענעם שטח, צווישן זעכציק־זיבעציק טויזנט הונגעריקע מענטשן, צוזאַמענגעטריבענע אין איין זשומענדיקן פֿעלקער־יאַריד. די פֿלינקערע, די ביטרע,

האָבן זיך אויך דאָ נישט פאַרלוירן. מען האָט געקויפט, פאַרקויפט און געטוישט. דער פּלאַץ פאַרן באַראַקן־רינג האָט דעם גאַנצן טאָג געזשומעט. זייגערס, האַנט־זייגערלעך, חתונה־רינגלעך, בריליאַנטן, גאָלדענע ציין, אויסגעריסענע פון די מיילער, דאָלאַרן, פונטן — פאַר ווערט־זאַכן און פאַר גוטער וואַלוטע האָט מען באַקומען געגנוג צו עסן און צו רויכערן. קילאָדיקע ברויטלעך, פּעקלעך פּוטער, וורשטן, דייטשע סיגאַרעטן. עס זענען געווען קאַנאַלן, דורך וואַנען דאָס אַלץ האָט זיך אַריינבאַקומען אין לאַגער.

יעדער טראַנספּאָרט פּריש־געקומענע פון פראַנקרייך איז געווען אַ נייער רויב־צוג. די הויפּט־רעוויזיע איז געווען פאַרן טויער. אין די פּעלדביידלעך, פאַרן דורכגיין די מאַטריקולאַציע און די באָד, זענען זיי באַפּאַלן געוואָרן פון דער חברה אויפקויפער, די, וואָס האָבן שוין געהאַט זייערע אָפּנעמער ביי די דייטשן. דאָס ווכטיקסטע, וואָס די קליינע, פלינקע פאַרמיטלער האָבן געזוכט ביי די פריש־געקומענע, זענען געווען די פאַרנאָגראַפישע פאָטאָס, די באַרימטע פאַריזער ספּעציאַליטעט. פאַר דעם האָבן די דייטשן געצאָלט אין טאָג אַריין.

— די הונטס־טויפל! — האָבן זיי זיך געשטיקט פון געלעכטער — קוק־מאָל, די איזט איינע גאַנץ היפּשע פראו.. יאַ־יאַ, באַקאָמסט שאָן פאָן מיר פוטער מיט שוויינען־פלייש...

מען האָט זיי געלאָזן גוט אויסהונגערן זיך די, וואָס האָבן נישט באַלד אַרונטערגענומען פון זיך די זייגערלעך מיט די חתונה־רינגלעך. ווען זיי זענען דערנאָך אַליין געקומען אויפן מאַרק, האָט מען עס אַלץ איינגעהאַנדלט פאַר אַ קילאָדיק ברויטל. קליינע, פלינקע אַראַבער פון פּראַנצויזישן מאַראָק און פון אַלזשיר, מיט די טורבאַנען און בופאָן־הויזן, האָבן זיך געוואַלגערט אויף די מיסטן, צוזאַמענגעקליבן ווו ערגעץ אַ סיגאַרעטן־עקל. הינטער צעשאָטענעם טאַבאַק געלאָזן טרוקענען, געוויקלט און מיט אַ ימים־נוראימדיק געזאַנגעלע, צעזעצט הינטער די באַראַקן, גערופן צו זיך קונים אינדערמיט פון פּעלקער־יאַריד. די פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין סטאַלאַג אויף אַ טאָג פון די דאָרפישע קאָמאַנדאָס, האָבן זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן אויפן פּרייז פון זייגערס, געוויגן זיי אין דער האַנט און מיט אַ גענייט אויג באַטראַכט די „שטיינער", דעם מעכאַניזם.

ס'איז געווען ווי נאָך אַ שיף־ברוך, וואָס האָט דאָ די יידן צוזאַמענגעקליבן אין די ווינקעלעך. די יידן פון בעלוויל זענען געווען פאַרשטעקט אין אַלע באַראַקן, צווישן פּראַנצויזן, פּאָליאַקן, סענעגאַלער, אַראַבער. עס האָט אָבער כסדר געצויגן דורכצוואַרפן זיך מיט אַ וואָרט. מען האָט זיך עס פונדעסטוועגן נישט פאַרגעשטעלט, ביז וואַנען מען איז נישט געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן אָפענעם האַס. פאַרביסענע שונאים פון די דייטשן, האָבן פונדעסטוועגן אַלע שטיל געשמייכלט, אויסהערנדיק דעם גאַנצן שמוץ קעגן

יידן. זשאַקל האָט עס גלייך אין די ערשטע טעג באַמערקט אין באַראַק פון די אינטעלעקטועלע, צווישן וועלכע ער איז צופעליק אַריינגעפאַלן. זיי האָבן פון דער ערשטער מינוט אָן געזוכט אויסצוטיילן זיך און געפינען לייטזעליקייט ביי די דייטשן. זיי האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט עטלעכע ווערטער דייטש און געקראָכן דורך אַלע הינטער־טירן. די פּאָסט, די מאַגאַזינען, אַלע ביוראָען, אַלע באַראַקן־שעפן, זענען באַזעצט געווען דורך זיי. זיי האָבן לייכט העדקענט די יידן פון די אויסלענדער־רעגימענטן, זיי האָבן לייכט דערקענט די „געפערלעכע" שפּאַניער פון די אינטערנירונגס־לאַגערן. זיי האָבן די דייטשן איינגעשפּאָרט אַ סך אַרבעט ביים קלאַסירן די קאַרטאָטעקעס. זעלטן־ווען עמיץ האָט זיך דורכגעגליטשט ביי זיי אָנצוגעבן זיך אַ פראַנצויזישן נאָמען און אַ פראַנצויזישן רעגימענט. אין די געהייצטע באַראַקן, וווּ אַלץ האָט נאָך געשמעקט מיט פרישן געהילץ, זענען זיי געזעסן הינטער די גרינע לעמפּ און באַטראַכט די גרויע, צעשראָקענע פּנימער, די לאַנגע רייען ביים דורכפירן די רעגיסטראַציעס.

— ביסט אויך אַ פראַנצויז ? — האָבן זיי געפרעגט און געפאָרשט אונטער־ערנסטן בליק פון אַ יונגן דייטשן אָבער־פעלדפעבל, וואָס איז געזעסן ביים צווייטן טיש, באַטראַכט פונדערזייט די פיזיאָנאָמיעס און מיט אַ רויטן בלייששטיפט געמאַכט קורצע שטריכן אויף די צורערלאַנגטע בויגנס.

— כ'בין אַ ייד! — האָט אים זשאַקל גלייך געקוקט אין די אויגן אַריין. יענער האָט אים באַטראַכט אַביסל פאַרוואונדערט און געהייסן גיין.

און ווען מען האָט די אויסלענדער אין איינעם אַ אינדערפרי גערופן און זיי געפרעגט צי זענען זיי געגאַנגען באמת פרייוויליק, האָבן אַלע אין איין קאָר געענטפערט, אַז זיי זענען פרייוויליק געגאַנגען פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, וווּ זיי האָבן געלעבט, געאַרבעט און געגעסן זייער ברויט.

דער אַדיוטאַנט לואַזאָן איז געשלאָפן אין זעלבן באַראַק ווי זשאַקל, אָבער ער האָט אים שוין איצט אַזוי ווי איגנאָרירט נישט באַמערקט. זיין בעסטער פריינט איז איצט געווען דער גראָבער סערזשאַנט־שעף נעגריע, דער אַרבעטס־אינספעקטאָר פאַר די געפאַנגענע ביי דער קאָמאַנדאַנטור. ער איז געזעסן אין דער ביוראָ מיט די אַרונטערגעלאָזנע לעמפּ און צוזאַמען מיטן אָבערלייטענאַנט שראָטקע — אַ בייזער, לאַנגער פּריים — צוזאַמענגעשטעלט די ליסטעס פאַר די אַרבעטס־קאָמאַנדאָס. ער האָט געוווּסט, אַז אַלע געפאַנגענע קוקן אויף אים אַביסל פונדערזייט אָבער ער האָט זיך באַמיט צו זיין מיט אַלעמען פּאַני־בראַט, געקלאַפּט אַלעמען אין פּלייצע, געשטעקט סיגאַרעטלעך און בייגאַכט, אַרום צען, ווען די לאָמפּן אין באַראַק זענען אויסגעלאָשן געוואָרן, פאַרוויילט זיך מיט אַלעמען, געזונגען די צווייַדייטיקע פראַנצויזישע לידלעך, געזונגען אפילו דעם אינטערנאַציאָנאַל און דערציילט גראָבע וויצן. ער האָט אַלעמען צוגעזאָגט גוטע אַרבעטס־קאָמאַנ-

דאָס, ביי אַ פּויער, וואָס האָט שיינע טעכטערלעך, אין אַ שטילער, מאָלערישער געגנט, ערגעץ אין טיראָל.

— מאָן וויע! (מיין אַלטער) — האָט ער געקלאַפּט אין דער פּלייצע און גערעדט מיט אַ לאַכעלע — אין דייטשלאַנד מוזן אַלע אַרבעטן. קיינער וועט דאָ נישט בלייבן. יידן און אויסלענדער פאָרן נישט דערוויילּ. פאַר זיי גרייט זיך עפּעס אַנדערש...

און אַזוי, מיט אַ לאַכעלע, אַ דיקער, אַ פרייכנדיקער, איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ באַוואָפנטער וואַך איבער די באַראַקן און אַוועקגעשלעפּט אויף אַרבעט. די לאַנגע קאָלאָנעס האָבן זיך באַגינען געקליבן אויף יענער זייט טויער, זענען דורכגעגאַנגען דעם דוש, די רעוויזיע און פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין די מינכענער אַמוניציע-פאַבריקן, אַרום די באַן-ליניעס, אויף די פליפעלצער, אין שטיין-קאַריערן און אויף שאָסיי-בוי.

מען האָט דערציילט, אַז ער איז געווען אַ גאַנצער מאַכער אין די סינדיקאַטן אין ליאָנער געגנט, אַ געפערלעכער ראַדיקאַל, אַ סאָציאַליסט. דעם שבת'דיקן און זונטיקדיקן טאָג האָט ער אין זיין ווינקעלע ביים פענצטער געפּראַוועט סעודות. מען האָט אויפגעמאַכט שאַכטלעך קאָנסערוון און אפילו שנאַפּס איז דאָרט געווען ביי זיי. אויסער דעם אַדיוטאַנט לואַזאָן, איז אין יענעם ווינקעלע געווען דער באַראַקן-שעף, דער קאָרסיקאַנער דרייבענדלדיקער אַרטילעריסט קאַזאַנאָוואַ, אַ היציקער, אַ צעקאָכטער, וואָס האָט פאַר אַ ליאַדע-וואָס באַלד געכאַפּט זיך שלאָגן; דער אַרטיסט דעליז, אַ שמאָלער, אַ שלאַנקער, ווי אַ פרייליַן, וואָס האָט געשטאַמט פון הויכן אַדל, באַגעגנט יעדערן מיט אַ נויג. אַחוץ דעם באַראַקן-דאָלמעטשער, איז נאָך דאָרט געווען אַ קליינער, אַ דראָבנער, וואָס האָט גערעדט מיט אַ ווייבעריש שטימעלע. אַלע האָבן אים גערופן: פּיפּי, מאַדמואַזעל פּיפּי. ער איז שוין געווען אויף אַ קאָמאַנדאָ ביי די אייזנבאַנען און האָט זיך מיט אַ פּאָר מוגשפּעטער אומגעקערט צוריק אין לאַגער אַריין. דער גראָבער נעגריטע האָט געלאַכט, אַז ער האָט שיעור נישט אויפגעפּלאַצט, און האָט אים געבראַכט צופירן מיט זיך אין באַראַק אַריין, איינגעאָרדנט אים אין זייער ווינקל. „זיי האָבן מיר געמאַכט אַרבעטן פּונקט אַזוי ווי אַ מאַן" — האָט ער געפּישטשעט. דער היציקער קאָרסיקאַנער אַרטילעריסט קאַזאַנאָוואַ און נעגריטע האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. ביינאַכט, ווען אַלע זענען געלעגן אויף די געלעגערס, דאָס ליכט פאַרלאָשן, האָט מען נאָך די טאָגנייעס איבער די דייטשע זיגן, אים געבעטן צו זינגען. ער האָט נישט שלעכט אימיטירט טינאָ ראָסי און די טיראָלישע לידער. די דאָרפישע לערערלעך, די קליינע באַאַמטע, די פּראָפעסאָרן פון די פּראָווינצער שולן און די יונגע גלחים-סעמינאַריסטן, האָבן דאָס דאָזיקע ווינקל אַ נאָמען געגעבן: „לע באָרדעל" און מען האָט שטיל געלאַכט אויף זייער חשבון.

צווערשט האט זשאקל געמיינט, אז ער איז דא דער איינציקער ייד אין באראק. האט זיך דערנאך ארויסגעוויזן, אז צווישן דער באנדע דארט אינם אפגעצוימטן ווינקל ביים פענצטער, איז דער דאלמעטשער פון באראק אויך א ייד. אין די דיסקוסיעס האט ער אלעמאל מיט אזא זיכערקייט באטאנט: „לא פראנס“, „מיר, פראנצויזן“. דער קליינער מאנאך פון א ברעטאנישן מאנאסטיר, לעפלאיג, וואס איז געשלאפן מיט זשאקלען א בעט ביי א בעט און האט אפט גערעדט מיט אים וועגן דער ביבל, האט אים איינמאל אזוי אומשולדיק אריינגעווארפן:

— דער דאלמעטשער פערעלים איז אויך אן איזראעליט, אן אייעריקער.

— איך ווייס נישט! — האט אים זשאקל גלייכגילטיק אנגעקוקט און עס האט אים עפעס א שטאך געטון דאס ווארט „איזראעליט“. ער האט נישט ליב געהאט די בוימלדיקע רייד זיינע און דאס איידעלע פארטוישן, אנשטאט דעם ווולגארן „זשוויף“ — „איזראעליט“, ביבל־מעסיק, הייסט עס.

זשאקל האט זיך דערנאך איבערגעצויגן אין באראק 31, ווו אלע זענען געלעגן אויף דר'ערד, צוזאמענגעפרעסט און פון די לייז איז זיך גארנישט געווען אפצוטרייבן. א שווערער, דעמפיקער נעפל איז ביינאכט געהאנגען איבערן באראק. אין דער פינצטער האבן זיך די בעלווילער יידן אפגעזוכט און אין זייערע שעפטשעריקע איז געווען די בענקשאפט נאך די ווייטע היימען, נאך ווייב און קינד. די אלע פון בעלוויל, וואס פלעגן זיך אין די מארטסעזאנען אריינכאפן צו שמיל הוי, האבן זשאקלען געקענט נאך פון די צייטן פון בעלווילער קלוב פאר ארבעטסלאזע.

— ווי מיינסטו, מיר וועלן נאך אמאל פטור ווערן זייערע? — האט דער שוסטער גאלדבערג געוואלט וויסן — ווען מען לאזט מיך איצט פריי — האט ער געזאגט — וואלט איך גענומען ס'ווייב מיט די קינדער און וואלט ערגעץ אוועק ווו די וועלט האט אן עק. איך וואלט זיך אויפגעבויט א שטיבל, באארבעט א שטיקל ערד און וואלט זיי מער קיינעם נישט געוואלט קענען.

ווי א חיה האט דא יעדער געזוכט זיין נערונג — א שיסל זופ, א שטיקל ברויט, א פאר צי. איינציקע נאר האבן געזוכט אומריינע עסקימלעך. מיט אומרואיקע בליקן האבן זיי זיך אומגעדרייט אויפן פלאץ הינטער די באראקן, געטוישט, געהאנדלט, געדרייט. זיי האבן געהאט פעק מיט לאגערמארקן, זייגערלעך, פינגערלעך, גאלדענע ציין. יעדער איינער פון זיי האט זיך געהאט זיין דייטש. מען האט אויך גיך דערשנאפט, אז פאר געלט קען מען זיך לייכט ארויסדרייען פונדאנען. ס'איז צוגעגאנגען שטיל, בסוד־יסודות. איינציקע נאר האבן געוווסט מיט וועמען מען דארף רעדן, אונטערשמירן. צווישן די האט זיך ארומגעדרייט א ייד מיט א נידעריקע שטערן, מיט דיקלעבע ליפן. די גרעסטע געשעפטן מיט די דייטשן זענען דורכגעגאנגען דורך

זיין האַנט. ער האָט זיך איינמאָל פאַרשריבן צום דאָקטער און איז באַלד באַפרייט געוואָרן.

— אַזאַ אַלטער ביין! — האָט דער „האַלבער יודע“, וואָס איז געווען אַ גרעסערער קנאַקער פון אים, זיך נישט געקענט שענקען — „קאַמראַד“ האָט ער מיך נאָך גערופן, „פריינד“. ער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט סיגאַרעטן און אַז האָסטו אים געבעטן אַ פּאָר צי, האָט ער אַ הויב-געטון מיט די אַקסלען: טוט מיר לייד... ארויסגעדרייט זיך, דער שווינדלער...

ער אַליין האָט שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ היפּשן ביסל גאָלד, אַריינצושטעלן זיך אַ שטוב מיט מעבל, צוריקקומענדיק קיין פּאַריז. ער האָט דאָס גאָלד פאַרשטעקט אין די אָפּצאַסן, קונציק פאַרנייט און פאַרקלאַפּט. מען ווייסט נישט פונוואַנען, נאָר אין איינעם אַ טאָג האָט מען אים גערופן אין דער קאָמאַנדאַנטור, געהייסן אים אויסטון דעם לינקן שוך און אַרויסגעטרייסלט דאָס גאָלד. מען האָט אים נאָך גוט צעשלאָגן און אַרויסגעוואָרפן. צווישן די בעלווילער יידן האָט מען זיך הערנאָך געוויצלט אויף זיין חשבון:

— וואָס הער „האַלבער יודע“ האָט אין אָפּצאַס, האָסטו נישט אין דיין גאַנץ לייב-און-לעבן!...

דריי גרויסע טראַנספּאָרטן זענען אין מערץ אָפּגעשיקט געוואָרן פון לאַגער אויף ספּעציעלע שטראָף-קאָמאַנדאָס. דאָס אַלץ איז געגאַנגען דורך דעם האַנט פון גראָבן סערזשאַנט-שעף נעגריע. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די באַראַקן, געשטעקט אַלעמען סיגאַרעטן, געוויצלט זיך אויפן חשבון פון די דייטשן. שטילערהייט האָבן די באַראַק-שעפן צוגעשטעלט אַ ליסטע פון „אומגעוווּנטשענע עלעמענטן“. די אַלע זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין באַראַק 40, וואָס איז געווען דער אַרעסט-באַראַק. די ריכטונג איז געווען — דיסציפּלין-קאָמאַנדאָ האָהענפעלז, פאַרוואָרפן ערגעץ אין ווייטן בייערן, אין דער וואַלדיקער פעלזן-געגנט פון ווייסן אָבערפּאַלץ, ווו עס גייען אויף שפּעט אין זומער אַריין, און די אומעטיקע טאָלן, נידעריקע, מאָגערע זאַנגען, ווו עס וואַקסן בלויז שטיינער, שטעכיק ווילד-גראָז און נאָדל-וועלדער.

קאַפּיטל זעקסאונדרייסיק

גאָלד

אין פּאַריז האָבן זיך יעדן טאָג געשאַטן נייע דעקרעטן און פרישע באַגרענעצונגען. אַלץ האָט זיך אָנהויבן מיטן וואָרט „פאַרבאָטן“. לאַנגזאַם, מיט מעטאָד, מיט פאַרשריפטן, מיט באַקאַנטמאַכונגען, האָבן די דייטשן באַהערשט אַלע צווייגן פון דער אַדמיניסטראַציע און פון לעבן אין דער

מיליאָנען־שטאָט. מיט גרויסע קעפּ אין די אָוונט־צייטונגען און מיט אַנטי־ייִדן־פּראָפּאַגאַנדע, האָט מען דעם געוויינלעכן פראַנצויז געוואָלט צעטומלען, מאַכן אים פאַרגעסן אין דער רויבערישער האַנט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן לאַנד. עס האָבן שוין געווילדעוועט די „לאַיאַלע מיטאַרבעטער" פון דייטשלאַנד, די „קאָלאַבאָראַטאָרן" . אין אַלע ייִדישע געשעפטן, פאַרזען מיט געהעריקע אויפשריפטן, זענען אויסגעקלאַפּט געוואָרן די שויבן. צוערשט זענען אַלע ייִדן גערופן געוואָרן צו רעגיסטרירן זיך אין די קאָמיסאַריאַטן. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער זענען זיי אויפסניי גערופן געוואָרן און מען האָט אויף זייערע דאָקומענטן אַרויפגעלייגט אַ גרויסן, רויטן שטעמפּל — „זשוויף".

דאָס אַלץ האָט גאָרנישט געשטערט בעני גרינבערגער צו זיין פּאַניבראַט מיט די דייטשע אָפיצירן, פאַרבינדונגס־אַגענטן פון די גרויסע דייטשע מלוכה־פירמעס, וואָס האָבן אויפגעקויפט לעדערוואַרג און שטאָפן אין פראַנקרייך. די אַטעליע אויף די סט. דעני, וואָס איז צוריק אויפגעמאַכט געוואָרן, איז נאָר געווען אַן אויסערלעך שילדל פאַר די מיליאָניקע געשעפטן און שפּעקולאַציע־טראַנזאַקציעס. די פלינקע דייטשע קאָמערסאַנטן האָבן גיך דערשנאַפּט דעם „ווירטשאַפטלעך־נוצלעכן יודע". מיטן רעקווידירן, האָבן זיי געוווסט, וועלן זיי קיין סך נישט אויפטון — מען וועט פאַרשטעקן, באַגראָבן, אויפרוימען. דאָס בעסטע מיטל ווי אַזוי אויסצולייִדיקן דאָס לאַנד איז נאָך הערוויל געווען צו גיין מיט גוטנס. די גרעסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון „שוואַרצן האַנדל" זענען, אייגנטלעך, געווען די דייטשן אַליין.

אין די קאָפּעס אויף די רישע, אויף די פּואַסאָניער, ווו די צעטומלטע ייִדן האָבן זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרייט, געקאָכט זיך, געוואָרפן די אומרואיקע אויגן אין אַלע זייטן, האָט זיך בעני אַריינגעכאַפּט עטלעכע מאָל דורך דער וואָך. אַלע האָבן געוווסט, אַז ער איז איצט דער כשרסטער מענטש אין פּאַריז, דרייט זיך אַרום מיט וויכטיקע פּאַפּירן אין קעשענע און אַז די אַלע אַבלאַוועס זענען אים ניט שייך. צווישן צוויי ווערטער זענען דאָ געשלאָסן געוואָרן געשעפטן אויף מיליאָנען. ער איז געווען אַ קונה־הכל: וואָל, שטאָפן, לעדער, אויסגעאַרבעטע סחורות מכל המינים.

— מען האָט זיי אין דר'ערד, די יעקעס! — האָט ער קוים געשמייכלט

— מען קען זיי, זאָג איך אייך, נעמען אין זאַק אַריין... „וואַרע, נאָך וואַרע"

— בעטן זיי. פון דינגען זיך איז אָפּגערעדט. לאָמיר שוין האָבן אַזאַ יאָר, ווי מען קען מיט זיי האַנדלען. זיי געפעלן מיר נאָך בעסער, הערט איר, ווי אונדזערע טייערע „פראַנעקעס"...

— נו, און מכוח ייִדן? זיי מיינען עס טאַקע אויף אַן אמת מיט אָט די גאַנצע „גראַטשקעס"? מען שמועסט, אַז...

— גייט שוין, גייט! עס טויג זיי נאָר אַזוי צום געשעפט. זיי האָבן נאָך בעסער ליב צו האַנדלען מיט אַ יידן, ווי מיט די אַלע אויסגעפּוצטע שנאָרערס...

דעם „פּאַוויאָן" אויפן פּאַרט וועגסען האָט ער געלאָזן אָפּגעשלאָסן, פּאַרקלאַפּט, דאָס גאָרטן־טירל פּאַרדראָטעוועט, מיט אַן אויפשריפט: „אַ בייזער הונט", און אַליין האָט ער זיך איצט צוריק אַריינגעצויגן אויף רי סט. דעני. די אַמעליגע האָט ווידער געקלאַפּט און די יידן, די „פּאַסאַניערס", זענען ווידער, כאַטש מיט גרויס שרעק און מיט ציטערניש, געקומען אַרויסנעמען אַביסל אַרבעט. אָבער דאָס אַלץ איז איצט געווען ביי אים אַ זייטיקע זאַך. די פּראָווינץ און די קאָלאָניעס זענען געווען אָפּגעשניטן; און נאָכוואָס האָט ער זיי דען איצט באַדאַרפט, אַז די קונים זענען געווען דאָ אויפן אָרט, זענען געקומען צו אים אין שטוב אַריין, האָבן געריסן ביי אים פון הינטער די הענט. די גאַנגבאַרע אַרבעט איז איצט געמאַכט געוואָרן פון ביליקע שטאָפן, פון אַזאַ אימיטאַציע, פון פּאַפּיר, נישט פון קיין לעדער. ער האָט דאָרט געלאָזן זיך אַרומפּאָרען דאָס פּעטערל און אפילו נישט אַריינגעשמעקט אַהין.

דער נייער מסחר האָט זיך איצט דער עיקר געשטיצט אויף גאָלד, וואַלוטע, „האַרטע" און „ווייכע", ווי מ'האָט עס גערופן. צו קיין שום וואַלוטע אין דער וועלט האָט אָבער דער עולם נישט געהאַט אַזאַ צוטרוי ווי צו אָט די קליינע, געגאָסענע שטיקלעך מעטאַל פון אַ געלן, יום־טובֿדיקן קאָליר, וואָס מ'האָט זיי געקענט פאַרשטעקן ערגעץ־ווו, אין שום שווערקייטן.

אַלע צימערן אויפן פינפטן שטאָק אין דער פריערדיקער גערוימער, ליכטיקער דירה, זענען פאַרוואַלגערט געווען מיט באַלן שטאָף, מיט לעדער, שוכוואַרג, וואָל. די פענצטער זענען געווען פאַרהאַנגען, די שטאַכעטן־לאָדן — אַראָפּגעלאָזן. ס'איז דאָרט געשטאַנען אַ שטויביקע טונקלקייט. געלעבט האָבן זיי איצט אין קיכל. דאָ האָט מען געגעסן, דאָ איז מען געשלאָפן, דאָ זענען פאַרהאַנדלט געוואָרן די מסחרים. געטון האָט מען עס אַלץ, כדי נישט אויפצורייסן די אויגן ביי מענטשן. אפילו אינמיטן טאָג האָט אין וואַרעמען קיכל, ביי אַרונטערגעלאָזענע פאַרהאַנגען, געברענט די עלעקטרי. אַהער האָט מען זיך אַרויפגעבאַקטן דורכן הינטערשטן איינגאַנג. אויפן קלונג ביי דער טיר, איז רוזשעלע אַלעמאָל אַליין געלאָפן אויפמאַכן. זי האָט איצט מיטגעפירט מיט בענין. דאָס האָט זי אים, אייגנטלעך, אַזוי אומגעריכט אַריינגעפירט אין נייע, גרויסע מיליאָנען־מסחרים מיט די דייטשע האַנדלס־פאַרשטייער.

ענדע יולי, ווי נאָר ס'איז געוואָרן אַביסל איינגעשטעלט, האָט זי שוין דאָרט מער נישט געקענט איינזיצן אין דעם פאַרוואָרפענעם עק, אין דער

נאָרמאַנדי. עס האָט זי מיטאַמאָל גענומען ציִען קיין פּאַריז, עס האָט זי אָנגעטרעגהויבן. קיינער האָט זיך אַזוי נישט אויסגעטויגט ווי זי — צוריקגעקערט פון דאָרט, צוזאַמען מיטן יינגל, האָט זי זיך אין אַ קליינעם, פלינקן מיליטערישן וואָגן. אַזויווי די צוגן זענען נאָכנישט געגאַנגען, האָט זי אויפן שאָסיי אָפּגעשטעלט דעם ערשטן־בעסטן אָפיצירישן וואָגן און געבעטן מען זאָל זי מיטן יינגל מיטנעמען קיין פּאַריז. דער העפלעכער אָפיציר האָט דין געשמייכלט און גערן איינגעשטימט; בפרט נאָך, אַז די סימפּאַטישע דאַמע האָט גערעדט צו אים אביסל אַ פאַרדרייטן דייטש פון אַ מאָדנעם דיאַלעקט, ווי ס'האָט זיך אים צוערשט אויסגעוויזן. ער איז געווען זייער אַן איידעלער מענטש, דער אָפיציר. ער האָט זי מיטן יינגל אָפּגעגעבן דעם הינטערשטן זיץ און אַליין איז ער איינגעשטיגן צוזאַמען מיטן שאָפער ביים רודער. זי האָט אינגאַנצן געשיינט, רוזשעלע: אַזאַ איידעלער מאַן, אַבי מען האָט געזאָגט אויף זיי, אַז זיי זענען די ערגסטע. ער האָט זי נאָך אויף אַן אָפּשטעל אין אַ שיין, מאָלעריש דאָטשע־שטעטל, ניט ווייט פון פּאַריז, פאַרבעטן אין אַ קאַפע. זיי זענען געזעסן אויף דער טעראַסע, איינגעטונקט אין גרינס, און האָבן געטרונקען עפּעס אַ זיס געטראַנק אין הויכע גלעזער, מיט שטרויעלעך. אינמיטן העלן יולי האָט זיך אַ טאָג־צוויי געמאַכט אַ טריב, רעגנדיק וועטער, האָט זי פון די וואַליזעס אַרויסגעשלעפּט איר פּאָקענעם זשאַקעט. זי איז געזעסן און געטוליעט זיך אינם הויכן קאָלנער. ער וואָלט זייער געוואָלט, האָט ער זיך אָפּגערופן, דער העפלעכער אָפיציר, האָבן פאַר זיין פרוי אָט אַזאַ מאַנטל ווי זי טראָגט. ער איז גרייט צו צאָלן וויפל מען באַדאַרף נאָר. אַזוי־ווי, הערט ער, זי קען גוט די האַנדלס־קרייזן אין פּאַריז, וועט זי אים זיכער רעקאָמאַנדירן אַזאַ געשעפט. ס'איז איר גלייך דורכגעפלויגן — דאָס פוטער־געשעפט אויף די גרויסע בולוואַרן, וווּ זי איז געווען אַן אָפטע איינגייערן.

זי האָט אפילו גערעדנקט, אַז דאָס איז אַ יידיש געשעפט, אָבער זי האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דערדאָזיקער ייד האַלט דאָס געשעפט איצט געשלאָסן און, ווי אַלע יידן, דרייט ער זיך אין די פּוריער־קאַפעס, אין די געסלעך אַרום „פּאָלי בערזשער". זי האָט אָבער געוווסט צו טרעפן אויך אַהין. זי האָט גלייך געבעטן צו פאַרקערעווען צו דידאָזיקע געסלעך און — נאָך איידער אפילו זי איז אַרויף אין שטוב אַריין — איינגעהאַנדלט פאַרן דייטשן אָפיציר אַ פוטער פאַר אַזאַ געזאַלצענעם פרייז, וואָס האָט זי אַליין פאַרוווּנדערט. די סוחרים האָבן זי אויפן ווונק אונטערגעגעבן קוראַזש און זיי האָבן איר דערנאָך אָפּגעשטעקט אַ שיינע מטבע מעקלעריי.

דער אָפיציר איז געווען צופרידן, האָט זי שיין באַדאַנקט און האָט אין זיין קליינעם בלאָק־נאָט פּינקטלעך פאַרצייכנט איר אַדרעס, צו באַזוכן זי, ווען ער וועט נאָר עפּעס האָבן נויטיק.

אַרויפגעקומען אין שטוב אַריין איז זי אַ שיינענדיקע, אַ צעשטראַלטע.

בעני אָבער איז געווען אין גרויס צערודערונג. נאָך די מהומות, האָט ער נאָכנישט געוווסט אויף וואָס פאַרא וועלט ער איז.

— בעני! — האָט זי אַרויסגעפּלאַצט — איך מאַך זיך אַ נײַ פוטער אויפן ווינטער!

— ביסט, אויף מײַן וואָרט, אַראָפּ פון זינען! — האָט ער זי אָנגעקוקט — קיין אַנדערע זאָרגן, זע איך, האָסטו נישט איצט. ווי אַזוי פּאַסט מען עס אַזוי פלוצים אַרײַן? פרעג זיך צוערשט וואָס איך מאַך, וואָס מיר האָבן דאָ איבערגעלעבט...

— איך מאַך זיך אַ פוטער אויפן ווינטער! — האָט זי זיך ווײַטער געהאַלטן בײַ אירס — דעם ווינטער וועלן זײַן „מודיש“ בערן־לאַפּן מיט ווײַדעלעך...

און זי האָט אַרויסגענומען דעם באַרג באַנקנאָטן, וואָס זי האָט באַקומען אי פון אָפיציר, אי מעקלערײַ. זי האָט זיך איצט אויף אים גענומען בייזערן:

— אַבי איך האָב געמיינט, אַז איך האָב גענומען אַ מאַן אַן אויסטויגער. מענטשן מאַכן איצט גאָלד און ער דרייט זיך אַרום ווי אין הינערפלעט. אַבי דו ביסט מיר געוואָרן אַ גאַנצער קהל׳שער מאַכער! אַ גליק האָט מיך באַטראָסקעט! וואָסי, עמיצער זאָרגט זיך עפּעס אַ סך פאַר אונדז? נישט אומזיסט האָט עס מיך אַזוי געצויגן קיין פּאַריז.

און צום ווינטער איז רוזשעלע אַרויסגעגאַנגען אויסגעסטראָיעט אין אַ פוטער פון בערן־לאַפּן מיט ווײַדעלעך. עס האָבן געהאַלטן אין איין פאַרפאָרן הויכע פּלאַטפאָרמעס אין אָפּגעשלאָסענעם הויף אויף רי סט. העני און הירכן הינטערשטן אַרויסגאַנג האָט מען געהאַלטן אין איין אַראָפּטראָגן פּעק. זיי זענען געקומען, די הייטשן, מיט זעק בײַנקעס באַנקנאָטן, פאַרשנירלטע, נאָר־וואָס פון דער באַנק. זיי האָבן די פּעקלעך נאָכלעסיק געוואָרפן אויפן אויפן טיש.

— נאָך וואַרע! — האָבן זיי אַלץ מער געפאָדערט — ס׳איז נישט גענוג!

די קנאַסנדיקע באַנקנאָטן זענען צווישן די מעקלערס אין דער קאַפע גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קליינע גאָלד־שטאַבעס, אין קאַראַטן. בײַ פאַרהאַנקענע פענצטער זענען זיי אָוונט־צייט געזעסן און געווויגן אין הער האַנט די גאָלד־שטיקלעך.

— מען וואָלט אפשר באַהאַרפט אָפּהאַקן, רוזשעלע — האָט ער זיך געבעטן — מיר האָבן שוין פון וואָס רואיק אָפּצולעבן ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר.

— זאָל מען זיך אפשר אָוועקזעצן מיט פאַרלייגטע הענט? — האָט זי אים אויסגעלאַכט — מענטשן ווערן איצט אָפּגעשאָטן מיט גאָלד. אַ ליאַדע שנאָרער ווייסט שוין נישט אויף וואָס ער גייט...

— דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּעס נישט קיין גוטס. מען שמועסט אין גאַס, אַז ס'גרייטן זיך שוין פּרישע אומגליקן אויף יידן. מען וועט אַלע יידן, זאָגט מען, פאַרמאַכן אין אַ מין לאַגער. לאָמיר אפשר אַוועק ערגעץ.

ס'האָט אים סיי־ווי גאַרנישט געהאָלפן. ער, דער אויסטויגער, דער איינרייסער, האָט געמוזט נאָכגעבן. זי האָט עס אָנגעשיקט אויף זיין קאָפּ די דייטשע אָפיצירן, וואָס זענען אַרויפגעקומען אָנגעטון אין ציוויל, און אין זייערע דייך האָט ער גענומען אַרויספילן מער דראָונג, ווי העפלעכקייט:

— די „וואַרע" מוז ביז שבת וואָך געליפערט ווערן!

זיי האָבן אפילו נישט באַקוקט רעכט די לעדערנע הענטשקעס, וואָס זענען אין די יידישע אַטעליעס אויפן בעלוויל אומישנע געמאַכט געוואָרן מיט פאַרקורצטע פינגער, די פאַרשמאָלטע סוועטערס, אָנצוטון אויף אַ קינד, די צעשניטענע אונטערוועש. גאַרנישט איז פאַרבראַקירט געוואָרן.

זי איז געווען אינגאַנצן צעדרייט, רוזשעלע:

— מאַכסט אונדז אומגליקלעך. מאָרגן פאַרנאַכט, האָבן זיי געזאָגט, וועלן זיי דאָ פאַרפאָרן מיט די קאַמיאָנען. ווי וועלן מיר אויסזען, אַז מ'עט זיי נישט האָבן צו געבן קיין קריש סחורה?

און זי האָט אים אַרויסגעיאָגט פון שטוב אַרויס. ער האָט אויפגעשטעלט דאָס קעלנערל און אַליין אַראָפּגעלאָזן זיך אויפן בעלוויל, צו די קליינע פּאַט־ראָנען פון טריקאָ, צו די קאָנפעקציע־שניידערס, צו די מאַראָקינערייסטן.

— נישטאָ! — האָבן זיי צעגומען די הענט — די אַרבעטער ליפערן נישט. זיי ווילן מער נישט אַרבעטן. אין גאַס איז אַ שוואַרצע מהומה. מען זאָגט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט מען נעמען יידן. נאָכוואָס טויג די אַרבעט, כ'בעט אייך, נאָכוואָס טויג ס'געלט, אַז מ'איז נישט זיכער מיטן לעבן?

ער איז פון חרטה אַליין געלאָפן צו די „פּאַסאָניערס", צו זיינע אַמאָ־ליקע „פּאַסאָניערס", וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוואָגט אָנצוקלאַפּן ביי אים אין דער ביוראָ. ער איז אַריינגעפאַלן צום שוואַרצן, פאַרוואַקסענעם ייִד, דער, וואָס האָט זיך אַלעמאָל געקלאָגט, אַז ס'ווייב זיינס איז אַ „שקראַב". ער האָט געטראָפן דאָס ביסל אַרבעט פאַרפּאַקט אין שוואַרצן טואַלעטל אויפן בעט, נישט גערירט, די מאַשין — איבערגעדעקט און אַן אומרואיקייט אויף די פּנימער. די פּיצלעך קינדער האָבן זיך געקלאַמערט אין פאַרטוך פון דער בלייכער פרוי. די געפּאַקטע וואַליזעס זענען געשטאַנען אינדערמיט שטיבל, גרייט ערגעצוו אַוועקצוטראָגן זיי.

— שוין, איר ווילט שוין נישט פאַרדינען קיין פּאָר פראַנק? — האָט זיך בעני אָנגענומען מיט מוט און געפרוווט צו געפינען דעם טאָן פון אַמאָל — איר זענט שוין רייך געוואָרן, ס'פּאַסט אייך שוין נישט צו אַרבעטן?

— וואָס טויג אונדז די אַרבעט? — האָט זיך דער ייד אויפגעריסן פון בענקל — איר ווייסט דען נישט וואָס ס'טוט זיך אין גאַס? מען לויפט, אַלע לויפן. איר האָט נאָכנישט באַקומען צוגעשיקט קיין קוויטל?

דאָ האָט זיך שוין דאָס פאַרחושכטע ווייבל אָפּגעריסן:

— איר מיינט, אַז אַלע זענען אַזעלכע אויסטויגערס ווי איר, נאָכצוקריכן די דייטשן? אַ שוואַרצע חוצפה, זעסטו! איך דאַרף נישט אַרבעטן פאַר די באַנדיטן — האָט זי דאָס פּעקל אַראָפּגעשמיסן פון בעט — גייט! לאָמיך אייך מער נישט אָנקוקן דאָ!

ער איז אַראָפּ פון דאָרט ווי אַן אויסגעפּאַטשטער, נישט געוווּסט מער וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער האָט געמאַכט אַלערליי אומוועגן ביז צו זיך אַהיים. אויפן דאַג ביי די סט. דעני האָט אים דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק אָנגעהויבן צו האַמערן, אַז ער האָט זיך געמוזט אָנשפּאַרן אין דער מויער. ער האָט פּשוט מורא געהאַט אַריבערצוטרעטן די שוועל פון זיין אייגן הויז. „וואָס ווו זי האָט מיך פאַרפירט מיט אירע דייטשע באַקאַנטשאַפטן, מיט אַלע אירע באַקאַנטשאַפטן... זי פאַרגעסט, אַז מיר געפינען זיך ביי זיי אין די הענט"....

מיטן פאָרנטיקן אַרויפגאַנג איז ער אָנהייב אָוונט קוים דערקראָכן אין שטוב אַריין. ער האָט שטיל אויפגעשלאָסן די טיר און ווי אַ גנב דורכגעשאַרט זיך דעם קאָרידאָר. די שטיבן זענען אַצינד געשטאַנען אויסגעליידיקטע, קיין ברעקל סחורה איז שוין מער נישט געווען. מיט אַ טאָג פריער האָבן די דייטשן אַלץ געהאַט אויסגערוימט. עס איז נאָך דאָ געשטאַנען אַ טוכלעקייט און אַ זויערער ריח פונם לעדערוואַרג. ער האָט דאָ ערגעץ אָנגעטאַפּט אין דער פינצטער אַ ווייכע אָנלען-שטול, אַריינגעוואָרפן זיך און איז פון מידיקייט אַנדרעמלט געוואָרן.

ס'האָט שוין אודאי געקענט זיין גוט שפּעט, ווען די פאַרשטיקטע קלעפּלעך פון הינטער צוגעמאַכטע טירן האָבן אים איבערגעוועקט. ער האָט זיך געוואָלט אויפרייסן און גיין אַ קוק טון, אָבער ער האָט זיך אַזויווי אין שפּעם דערמאָנט און איז צוריקגעפאַלן. ס'איז צוריק געווען שטיל. דאָס האַלב־נאַכטיקע, פאַרשטיקטע גערויש פון דער גאַס איז דורך די פאַרהעמערטע טיר־און-פענצטער נישט דערגאַנגען. די ווייטע קלעפּלעך הינטער טירן האָבן זיך ווידער איבערגעחזרט. „זי איז אין דער קיך, רוזשעלע, זי וועט אודאי נישט ווישן וואָס איבערצוקלערן... פאָרט... אפשר וועט מען געפינען אַן אויסוועג... זי זאָל זיך נאָר נישט איבערשרעקן"...

און ער איז מיט פאַרזיכטיקע טריט אַוועק צו דער קיך. אַלע טירן לייכט אָפּגעשפּאַרט. הינטערן טיר פון דער קיך האָט ער שוין דייטלעכער דערהערט די קלעפּ, ווי זי וואָלט דאָרט אויפגעריסן די מויער. אַזוי איבערגעשראָקן און בלייך האָט ער זי נאָך קיינמאָל נישט געזען. קיין וואָרט האָט זי מער נישט געקענט אַרויסברענגען. ביי די הערן פון קאָך־אויוון, וואָס איז

געוועזן ארויסגערוקט אינדערמיט קיך אריין, זענען די לופטעס געווען אויפגעריסן, א ציגל איז געווען ארויסגענומען. אויפן טישל האט זיך געבערגלט דאס גאלד, אין שטענגלעך, פארוויקלט אין פאפיר. זי האט געקוקט מיט א שטאר, פארלאפן אויג, ווי ביי א געהאנגענעם, צו דער פארשלאסענער הינטער־טיר, געקוקט אויף אים — ווי אזוי קומט ער דא פלוצעם אהער, פונוואנען, ווי אזוי?

— האסט מיך איבערגעשראקן אויף טויט — האט זי געהאלטן איין האנט ביים הארץ — כ'האב שוין געמיינט, אז די דייטשן... ווי איז מיר...

— די דייטשן — האט זיך עס ארויסגעגליטשט פון זיינע ליפן — דו שרעקסט זיך אויך פאר די דייטשן?...

זי האט אים אנגעקוקט מער מיט וווּנדער, ווי מיט בייזקייט.

— טא וואסזשע זאל איך טון, בעני? כ'קען נישט לאזן פארפאלן גיין מיינע אנגעהארעוועטע פארמעגנס... ווי עס מאכט זיך, זאל עס דערווייל זיין אין א גוטער באהעלטניש. האסט כאטש געהערט וואס עס טוט זיך? זיי גייען נעמען אלע מענער אין די לאגערן אריין. די ארעמע פרויען, נעבעך

— האט זי געפישטשעט און זיך באלד צוריקגעכאפט — איך וועל א רעדטון וועגן דיר מיטן אבערלייטענאנט שולצע... ער איז א זיידענער מענטש...

— רעד נישט מיט דיין זיידענעם פריינט, רעד נישט... כ'וועל גיין אין לאגער אריין... איך בין נישט ערגער און נישט בעסער פון אלע יידן...

און ער האט א פארקלאפ געטון די טיר, נישט אומצוקערן זיך מער צום קיכל, צו אירע באהעלטערלעך. ער האט ליכטיק געמאכט אין די טוכלע, אומבאוווינטע צימערן, וואס מער ליכט, זיך מערנישט אויסצובאהאלטן פאר די שכנים. זאלן זיי קומען, די דייטשן, ער מישט זיך נישט מער. זאל זי אליין פירן.

זי האט שוין אין די לעצטע טעג קיינעם מער נישט געזען, נישט אומגעקוקט זיך אויף בענין, וואס האט געשפאנט איבער די צימערן, א פארוואקסענער און א גרוי־געווארענער איבער נאכט. זי האט זיך דארט געלייגט אפרוען אינם אנגעוואלגערטן בארג קישנס און האט נישט געקענט איינרוען, אויפגעריסן זיך יעטלעכע מאל דורך דער נאכט. זי האט אפילו פארגעסן נאכאמאל איבערצופרעגן בענין וועגן די דייטשן, וואס דארפן דא מארגן זיין, וועגן דער סחורה, וואס דארף געליפערט ווערן — אזוי צעטראגן איז זי געווען. זי איז ארײַן אין שטוב, ארויס פון שטוב און דעם גאנצן טאג געוועןצעדרייט און פארפארעט. זי האט אינגאנצן פארגעסן, אז ארום זיבן איננאוונט וועט דא דער אבערלייטענאנט קומען מיט זיינע מענטשן.

בעני האט זי נאך אין ווייטער פארטראגנקייט געהערט ארונטערגייןאון ווען מען האט באלד דערנאך שארף א קלונג געטון ביי דער טיר, איז ער מיט א באזונדער אויפרעגונג געלאפן אויפמאכן. ער האט געוווּסט, אז דאס

קומען זיי. א הויכער און א פאסוואקסענער, האט ער זיי געפירט איבער אלע צימערן און געוויזן:

—איך האב מער גארנישט! נעמט אייך וואס איר ווילט!

דער העפלעכער אבערליטענאנט האט געגעבן א לאכעלע און צום ערשטן מאל נישט געבעטענערהייט, פונאנדערגעזעצט זיך ביים טיש אין עס-צימער, באפוילן איינעם פון זיינע געהילפן אויפצודרייען דאס ליכט. דאס צימער האט זיך באלד אנגעגאסן מיט א שארפער שיין, וואס האט געשטאכן אין די אויגן. דער אבערלייטענאנט האט געפירט איבערן טיש א לאנגן, ווייסן פינגער, געשריבן עפעס אין אפגעזעצטן שטויב, געקלאפט אומרואיק איבערן ברעט און זייטיק באטראכט דאס העלישע פיערל אין די אויגן פון העם „יודע".

— זיצן זי, ביטע! — האט ער מער באפוילן, ווי געבעטן, דעם באלעבאס פון הויז.

דער העפלעכער אבערלייטענאנט שולצע, וואס האט אלעמאל אזוי איידל גערעדט צו רוזשעלען, איז דא געוועזן צעזעצט, ווי ביי זיך. רוזשעלע האט זיך גארנישט געקענט אפלויבן פון זיין איידלקייט.

איצט האבן זיי געשטאנען איינער קעגנאיבער דעם אנדערן, שווייגנדיקע, מיט אנגעקליבענעם האס, צום אויספלאצן. ער — דער שטארקער, דער דייטשער אפיציר און — דער איינגעהויקערטער ייד, וואס ליגט ביי אים אין דער האנט, וואס אויף זיינע שפורן ווערט געלויערט אויף טריט און שריט.

— ווייסטו כאטש וווהין עס גייען יידן, וואס האבן אונדז שוין מער נישט נויטיק? — האט די שטים געקלונגען מעטאלערן.

—איך ווייס עס! איך גיי!

אין שארפן ליכט האט דער דייטשער אפיציר אויפסניי א באקוק געטון דעם שטויביקן מענטש, גרוי און איינגעבראכן, אבער די פייערלעך אין זיינע אויגן... ער האט זיך אזש צוריקגעצויגן און זיין האנט האט גענומען בלאנדזשען ארום קליינעם, עלעגאנטן שיידל פון רעוואלווער. מער האט ער שוין נישט געקענט איינזיצן. די שטול האט א קרעכץ געטון און האט זיך אוועקגערוקט אין העך מיט שטוב אריין... — — —

לאזנדיק זיך אוועקפירן אין טרייסלדיקן וואגן, עפעס אזא אנטשלאסענער און א אינערלעך בארואיקטער, איז אים, אליין נישט ווייסנדיק פארוואס, זשאקל פלוצים געקומען אויפן זינען — זשאקל, דער שטילער, מיט די אויפגעשטעלטע קלאפקעס, דער גרויער, גלייכגילטיקער בליק. איצט, האט זיך אים געדוכט, וואלט ער אים שוין רואיק געקענט קוקן אין די אויגן אריין.

געפארן איז מען לאנג, געטרייסלט זיך דורך די פאריזער פארשטעט, פארביי די פאבריק-קארפוסן און נידעריקע הייזלעך. ווען זיי זענען אנגע-

קומען צום באוואכטן טויער, איז שוין געווען גוט טונקל. ס'איז געווען א רעגנדיק און טריב וועטער. די רעפלעקטארן פון די וואך-טורעמלעך האבן זיי אפגעגאסן מיט א שניידנדיק ליכט און אויף א רגע האט אויפגעשיינט דער פילשטאקיקער קאסטן, דער צעמענטענער בלאקן־רינג, א פינצטערער, אן אויסגעלאשענער. אויף יענער זייט באריער פון שטעכל־דראט, אין א ליכ־טיקער טיר, האט זיך אויפגעהויבן א קליינער גערודער. דער וואגן, וואס איז די גאנצע צייט געפארן הינטער זיי, האט געפיפן, ביז די באריער האט זיך אפגערוקט.

איבערגעשווידערט די נאכט האט ער אין א פינצטער קעמערל, קוים אויסצודרייען זיך; און דאך איז אים לייכט געווען נאכן קאשמאר פון די לעצטע חדשים. „מילא — האט ער זיך געזאגט — איך בין נישט אליין, עס זענען דא פאראן נאך יידן". רוזשעלע מיטן יינגל האבן איצט געהערט צו אן אנדער וועלט, די וועלט פון יענער זייט דראטן, וווּ אלץ איז געווען פאר־ענדיקט.

דורך דער נאכט האט מען נאך צוויי מאל געשלאסן די פינצטערע צעלע און מען האט אריינגעשטופט עטלעכע מענטשן. מען האט נאך געהערט פונ־דרויסן דעם אויפגערודער ביי דער וואך און ווי די אויטאס פארן אפ. די מענטשן האבן זיך אנגעשלאגן אין אים, צוגעפאלן צו די וואנט, געקרעכצט.

— קרעכצט נישט, יידן! — איז אים מיטאמאל אויפגעקומען אן אלט יידיש טרייסט-ווארט פון זיין מוטער דבורה'לע — א ייד טאר נישט פאר־לירן דעם בטחון! מיר זענען שוין גרעסערע רשעים איבערגעקומען...

אזוי אויסגעלייטערט און ריין אויפן געמיט האט ער זיך דערפילט אין יענער נאכט.

קאפיטל זיבנאונדרייסיק
די נקמה

נאך דער גרויסער בהלה פון 16-טן יולי, אין 1942, האבן די רעשטלעך פון יידישען בעלוויל געלעבט צוריקגעצויגן, אין שטענדיקער טויט־שרעק, מיט דער פארטייעטקייט פון וועלף. עס איז שוין איצט געווען צו גלויבן אלץ, וואס מען האט נאר געזאגט אויף די דייטשן און אויף זייערע פראנ־צויזישע שיק-יינגלעך — די פלינקע פאליציילייט, וואס האבן אנגעווענדעט אלע כיטרע, מארעוויכערישע שפיצלעך אריינצובאקומען די יידן אין זייער נעץ, אויסצוליפערן זיי.. נאכוואס האבן זיי זיך באדארפט צו מישן, די דייטשן — זיי האבן אלץ געלאזן אויספירן דורך די הענט פון אט די פראנ־

צוויזן. אין די געסלעך און גאַסן האָבן זיך אומגעדרייט ספּעציעלע פּיזיאָנאָמיסטן, נאָכגעקוקט, באַטראַכט און אַ ליאַדע פֿאַרדעכטיקער איז לעגיטימירט געוואָרן. זיי האָבן זיך געשטופּט אין די לאַנגע רייען אַרום די שפּייזגעוועלבער, אין די מעטראָ׳ס, געניש טערט אין די טויערן, געקראָכן אויף די שטאָקן, אונטערגעהערט זיך הינטער די טירן, געקלעפּלט, גערופֿן די נעמען מיט אַ שטילער פֿאַמיליאַרישקייט און אַז זיי האָבן זיך שוין יאָ געלאָזן אונטערקויפֿן מיט געלט, מיט זייגערלעך, האָבן זיי אַ רגע געוויגן אין דער האַנט צו זיי נאַרן זיך ניט אָפּ.

אין דעם פֿאַרטאָג פֿון 16־טן יולי זענען אַלע קוואַרטאַלן אָפּגעשלאָסן געוואָרן און מען האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון די בעטן יידישע פֿרויען מיט פּיצלעך קינדער. קיין שום בעטענישן האָבן נישט געהאָלפֿן. אין די פֿאַרטאָגיק־צערודערטע שטיבן האָבן שאַרף און העל געבלענדט די עלעקטרישע לעמפּ און קרומע שאָטנס האָבן זיך געפּאָרעט הינטער די נידעריקע באַלקנס. די פֿאַרקראַטעוועטע פּאָליציי־וואָגנס זענען אָנגעפֿלויגן איבערן בולוואַר בעלוויל און פֿון דאָרט האָבן אַרויסגעקוקט איבערגעשראָקענע פּנימער, שווײַבערדיקע קעפּ פֿון קינדער. אויפֿן ברייטן טראָטואַר, פֿאַר דער קאַפֿע „דאָס ליכט פֿון בעלוויל“, האָט מען אין פֿריען באַגינען געקענט זען אַ הויכן פֿאַרשויז, מיט אַ פּירקאַנטיקער פּלייצע, מיט אַ פֿאַרלוירענעם בליק, אַזוי ווי אומשולדיק, פֿירן זיך מיט אַ קליין יידיש מיידעלע ביי אַ הענטל. דאָס בלאָנדע קינד האָט אַרויפֿגעקוקט צום פֿרעמדן פֿאַרשוין און געוויזן אים מיט פֿרייד דאָס אויסגעשטאָפּטע פּליושענע העזעלע, וואָס עס האָט נישט פֿאַרגעסן מיטצונעמען. ביי די באַוואַכטע טירן פֿון קאָמיסאַריאַט איז אַלעמאָל פֿאַרפֿאָרן דער שוואַרצער וואָגן. ער איז שנעל אָנגעפֿילט געוואָרן און באַלד דערנאָך פֿלינק הורכגעשניטן דעם אָפּגעליידיקטן בולוואַר. דער „וועלאָדראָם ד׳היווער“, דער ווינטער־ספּאָרט־פּאַלאַץ, אויף יענער זייט סען, איז יענעם טאָג געווען איבערגעפֿולט ביז אַרויף. אַלע קאָרידאָרן, אַלע גאַלעריעס זענען געווען באַלייגט. ס׳איז אויפֿגעגאַנגען צום גלאָזיקן געוועלב אַ געדיכטער, זויערלעכער נעפּל פֿון מענטשלעך שווייס און אַ פֿאַרטויבנדיק געזשום. מיט דריי טעג שפּעטער, נאָכן אָפּטיילן זיי מיט געוואַלט פֿון די קינדער, האָט מען אַלע פֿרויען איבערגעפֿירט אין די לאַגערן, אויפֿן וועג צו דער דעפּאָרטאַציע, צום אומקום.

די רעשטלעך פֿון יידישן בעלוויל האָבן זיך פֿאַרשאַנצט הינטער אָפּגעריגלטע טירן, אָפּגעוואַשן די דאָקומענטן פֿון גרויסן, רויטן שטעמפּל „זשוויף“ און געלעבט אין ציטערניש. עס איז אין יענע טעג אויפֿגעקומען אַ פֿרישע אונטערערדישע אינדוסטריע פֿון פֿאַלשע דאָקומענטן, מיט פֿרעמדע, אַרישע, אויסגעטראַכטע נעמען.

אין פּאַריז זענען שוין דעמאָלט געפֿאַלן די ערשטע שאָסן אויף דייטשע

אָפּיצירן, געסטאַפּאָ־לייט און עס זענען אַראָפּגערוימט געוואָרן פיל וואַך־סאָלדאַטן ביי די איינגענג פון די באַזעצטע גרויסע האָטעלן און מלוכה־געביידעס. עס האָט זיך געוויזן אַ אונטערערדישע האַנט, גרייט צו רעאַגירן קעגן פרעמדן ווילקיר. דער „אַלמעכטיקער" קאָמאַנדאַנט פון „גראָס־פּאַריז", פאָן שטילפּנאַגל, האָט איצט אָפטער געלאָזן פאַרעפנטלעכן זיינע פאַרשטעלטע דראָאונגען אין דער פראַנצויזישער פרעסע און דורך צעקלעפּטע בלעטלעך וועגן דערשאָסענע ערובניקעס. עס זענען געווען רייד פון אַ טיגער, איינגעוויקלט אין פאַרפומירטע פראַזן, און מען מיינט דאָ בלומרשט נישט די שטילע און פרידלעכע פראַנצויזישע באַפעלקערונג, אַז עס האַנדלט זיך וועגן יידן, קרימינעלע דעק־עלעמענטן, „ראָטשפּאַניער" און קאָמוניסטן. די פאַריזער גאַס, וואָס איז צוערשט אַזוי אַפּאַטיש געוואָרן, דערשראָקן זיך פאַרן שווערן טראָט פון דייטשן שטיוול, פאַרן בליאַסק פון די פריש־אויפגעקלעפּטע וואָרנונגען, האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט. די פראַנצויזן האָבן עס, ווי אַלץ, גענומען לייכט, מיט אַ וויץ. יעדע נייע באַגרענעצונג, יעדער דעקרעט, איז מיט דער געשיקטער פלינקייט פון אַ פאַריזער, גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין מאָדע, אַ מין ספּאָרט — ווי אין אָנהייב די רייטן ביי אַלע אָמטן און ביי אַלע שפּייז־געוועלבן, די ריקישעס אין די גאַסן, אָנשטאָט דער ראָד־באַוועגונג. די בייסיקע סאַטירע פון די קאַריקאַטוריסטן אין די צייטונגען איז געווען אַ צוויי־דייטיקע און די שטייפע, טויט־ערנסטע דייטשן, וואָס פאַרשטייען זיך שלעכט אויף אַ וויץ, האָבן זיך נישט אַלעמאָל געכאַפּט.

די טייערסטע שטאָפן פון די מאַגאַזינען זענען שוין פונלאַנג געווען פאַרשוווּנדן, אויסגערוימט; האָבן זיך די לייכטע, פלינקע פאַריזערינס געוויקלט און פאַרצירט אין ביליקע שמאַטקעס און ס'איז ווידער שיין געווען — מאָדע. אַ פרויען־זשורנאַל האָט געוויזן אַ נייעם מאָהעל פון אַ מאַנטל צום ווינטער־סעזאָן און אַ קורצער דיאַלאָג דערביי: „איז עס פון שטאָף?" — „ניין, מאַדאַם, פון האָלץ". און די האַרטע, געמיינע האָלץ־שטאָפן האָבן זיך אַראָפּגעגאָסן מיט אַ באַזונדער עלעגאַנץ פון זייערע אַקסלען. פון לעדער איז שוין אָפּגערעדט. מען האָט עס איבערהויפּט נישט געזען. פריילעך און זינגענדיק האָבן געקלאַפּט די הילצערנע לעטשלעך אויף די הויכע קנאַפּל אויף די געטאָקטע פיס פון די פאַריזערינס. מאָריס שעוואַליע, דער נישט אַלט־ווערנדיקער סטאַר, דער שאַנסאָניער פון די פאַריזער קאַבאַרעטן, האָט — טוישנדיק זיך בקו אין דער העלפט פאַר די דייטשע אָפיצירן, וואָס האָבן אָנגעפילט די לאָזשעס — שוין געזונגען אַ ליד וועגן די הילצערנע זוילן, וואָס קלאַפּן אויס אַ נייעם טאַקט אויף די פאַריזער בולוואַרן.

אָבער אין דער גאַנצער מאָדע פון אָרעמקייט, האָט זיך דווקא אין די יאָרן פון הונגער נאָך שמאָפּן און לעדער, אַרויסגעכאַפּט אַ מאָדע פון לוקסוס.

דאָס זענען געווען די געלע פרויען־שטיוועלעך. ס'איז גענוג געווען מען זאָל ערגעצווו אין די טעאַטערן דערזען מיט־אַמאָל אַזאַ פּאָר שטיוועלעך אויף די דיקלעכע פיס פון די בלאָנדע, פולע דייטשקעס, וואָס האָבן פאַרפולט די פראַנצויזישע הויפט־שטאָט, אַז די דאָזיקע מאָדע זאָל אָננעמען איבער נאַכט אין פּאַריז. מען האָט אויסגעזוכט פון אונטער דער ערד אַלערליי „ערזאַצן" און אימיטאַציעס, נאָכצוקומען דער נייער מאָדע.

פאַרן 16־טן יולי, ווען מען האָט נאָך יידישע פרויען געלאָזן מער־וויניק צורו, איז עס געווען די באַליבטסטע מאָדע אויפן בעלוויל צווישן די יידישע ווייבלעך. מען האָט זיך געוואָלט אָנטון וואָס מער פאַרגעניגן; בפרט, אַז דער פראַנק האָט נישט געפעלט, מ'האָט געאַרבעט, געמסחר'ט און שיין פאַרדינט. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די שענסטע שטיוועלעך פון העכטן לעדער האָט מען געזען אויף די פיס פון יידישע ווייבלעך. ס'איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז זיי רייסן דערמיט אויף די אויגן. אין די אַטעליעס און מאַגאַזינען, ווו די פראַנצויזישע מיידלעך, די „מידינעטקעס", ווען זיי האָבן געשמועסט אויף דער באַליבטער טעמע: אָנטון זיך, האָט זיך באַלד איינע אַרויסגעכאַפּט: „געלע שטיוועלעך? פע... ס'איז צופיל יידיש..."

ביזן 16־טן יולי איז אַפילו דאָס אויפקומען פון דער געלער לאַטע פאַר יידן באַלד אין די ערשטע טעג געוואָרן אַ שטיקל מאָדע אין פּאַריז. אויפצומאָרגנס, ווען מען האָט אין דער מעטראָ, אָדער אויף די גרויסע בולוואַרן, פלוצים דערזען אַרויסגיין שיינע, עלעגאַנטע יידישע מיידלעך, מיט פיל געשמאַק אָנגעטשעפּעט און איינגעפּאַסט אויף דער ברוסט די געלע לאַטע, האָט עס דאָס מאָדע־נייגעריקע פּאַריז גלייך אַ צי־געטון. אָבער ס'איז, פאַרשטייט זיך, געווען צו געפערלעך נאָכצוגיין אַזאַ מאָדע. מ'האָט גלייך דערפילט מיט וואָס עס שמעקט. מען האָט אָבער די יידן אין דער געשטופּעניש אין דער מעטראָ אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ, די יידישע קינדערלעך האָט מען גענומען אויפן שויס און אַלס צייכן פון סאָלידאַריטעט און האַס קעגן אָקופּאַנט, האָבן זיך אַפילו אין די ערשטע טעג פיל פראַנצויזן אויסגעצירט אין דער געלער לאַטע.

נאָכן 16־טן יולי האָט שוין קיין ייד נישט פּאַראַדירט אויף די גאַסן מיט דער געלער לאַטע. מען האָט זיך איצט באַדאַרפט פאַרשטעקן, אויפרוימען זיך, אַרויפציען אַ מאַסקע. די שוואַרצע קוטשערן פון יידישע מיידלעך האָבן זיך מיט איין מאָל פאַרוואַנדלט אין אַ פלאַמיקן ברוין, אין פאַרכאַפּנדיקן שימער פון גאָלדיקן בלאָנד, אין בלאַסן אַש־בלאָנד, ווי מען זעט עס ביי די פרויען פון הויכן נאָרדן. די מיט די שוואַרצע קוטשערן, וואָס פאַלן אַזש אַריין אין בלוי, האָבן זיך פונאַנדערגעקעמט ווילד די קעפּ, אָנגעשטעקט לאַנגע אויערינגען, אויסצוזען ווי די שפּאַניערינס.

די קליינע בערט פון יוגנט־קלוב, וואָס האָט איצט געלעבט איינע אליין

אין דער גרויסער, ליידיקער דירה פֿון אירע עלטערן, האָט זיך נישט באַדאַרפֿט צו פֿאַרבן, כדי אויסצומײַשן זיך מיט די בלאָנדע, טענצלדיקע פֿאַריזער רינס. זי איז געווען אַ שמאָלינקע, אַ פֿיין־געפֿאָרמטע און איר בלאָנדער שויבער, מיט אַ בליאַסק פֿון רייפֿן ווייץ, האָט מי׳ אַ באַזונדער פֿרישקייט אָפּגעשלאָגן די מאַטקייט פֿון איר הויט. ס׳איז איר גאָרנישט איינגעפֿאַלן, ווען מ׳האָט גערופֿן פֿון די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן, צו גיין רעגיסטרירן זיך אַלס יידישע און דערנאָך זענען איר טאַקע אַ סך דערמיט מקנא געווען.

בערט, דער קליינער, בלאָנדער „דאַקטילאָ", מיטן גויש־פֿאַריסענעם נעזל, איז גאָר קיינעם נישט איינגעפֿאַלן חושד צו זיין, אַז זי איז אַ יידישע. זי האָט פֿריי געלעבט אין דער גערוימער דירה פֿון אירע עלטערן, וואָס האָבן זיך נישט געאײַלט אומצוקערן זיך פֿון דער „פֿרייער זאָנע". נאָך יענער צופֿעליקער באַגעגעניש מיט האַנרין ביי דער מערי, האָט זי אים אַלעמאָל אָפּגעוואַרט אינדערהיים מיט הארצקלאַפּעניש און מיט אַן אומבאַשטימטן פֿיבער.

— דו ביסט אַזאַ גרויסער — האָט זי אים באַגעגנט, אַן אויפֿגעלעבטע, ווען ער איז אַלעמאָל אַריינגעפֿאַלן, אַ צערויטלטער, אַן אָנגעפּראַסטיקטער, און האָט פֿעסט געדריקט איר קליין, וואַרעם הענטל.

זי האָט געטיילט מיט אים דעם אָרעמען אָונט־ברויט און ביז שפּעט זענען זיי געזעסן אויפֿן סאָפֿקעלע, האַלב־פֿאַרדרעמלטע, אין דער שטילער טאַנץ־מוזיק, וואָס די לופֿט־כוואַליעס האָבן אַהערגעבראַכט פֿון קאַלטן, אומהיימלעכן דרויסן. ס׳איז גוט געווען צו פֿילן זיך דאָ אינאַזייט פֿון אַלץ.

בערט האָט זיך אָפּגערופֿן:

— מיינסט, אַז די מלחמה וועט זיך נאָך אַמאָל ענדיקן? איך גלויב שוין נישט מער.

— גלויב, נאַרעלע, מען מוז גלויבן! מען האָט אונדז דערמאָנט, אַז מיר זענען יידן, טאָ לאָמיר זיי ווייזן, אַז מיר שעמען זיך נישט הערמיט, אַז מיר זענען שטאָלץ מיט זייער האַס קעגן אונדז. אויסראָטן זיי, איז דער נייער זין פֿון אונזער לעבן און שטאַרבן.

און אַזאַ פֿייערל האָט זי געזען אין זיינע אויגן, אַז זי האָט עפּעס נישט פֿאַרשטאַנען. אפֿשר זאָגט ער איר נישט אויס אַלץ... דערנאָך איז ער עפּעס געוואָרן אומרואיק, ווען ער האָט זיך שוין געהאַט אויפֿגעשטעלט צו גיין.

— בערט! — האָט ער לסוף אַרויסגעפּלאַצט — איך וועל מאָרגן אַרויפֿמען אַהער מיט נאָך עטלעכע. קענסט זיי אפֿשר. ווויליע יאַטן. אַ מיידל איז אויך פֿאַראַן צווישן זיי.

זי האָט אַ רגע געקלערט, אָנגעקוקט אים און אַלץ מיטאַמאָל פֿאַרשטאַנען. „זאָלן זיי קומען — האָט זי געזאָגט — איך וועל אינערגעץ נישט

גיין..." ער האָט זי שטיפעריש געקושט אין דער שפּיץ נאָז און ווען ער איז אַוועק צו דער טיר אין געאייל, האָט זי אים לאַנג נאָכגעקוקט.

אַ שטיקל צייט האָבן זיך צום דאָזיקן שטילן הויז געצויגן די אומזעבאַרע פעדים פון דער באַוואָפנטער אויסלענדער־אָרגאַניזאַציע. מען איז געגאַנגען, געקומען און אַלעמאָל, ווען דאָס גלעקל אין נידעריקן טויער האָט זיך אַ ריר געטון, איז אין דער ליכטיקער שויב אויסגעוואַקסן דער גרויער קאָפּ פון דער הויז־וועכטערין — זי האָט אַלץ געזען, געהערט און געשוויגן. זי האָט שוין דערקענט די מענטשן לויט דער צעטראָגנקייט אין זייער בליק און נאָך איידער ביי יענעם האָט זיך שווער איבערגעדרייט די צונג, האָט זי שוין אָנגעוויזן צו דער פינצטערער אָפּיצינע, אויפן דריטן שטאָק, טיר רעכטס. ס'איז מער נישט געווען זיך פאַר איר וואָס צו היטן, פאַרקערט. זי האָט זיך געבייזערט אויף די פלינקע, כיטרע ציוויליסטן, ביי וועלכע די אויגן האָבן זיך געדרייט אונטערן שטערן, ווען זיי האָבן דאָ אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט און גענומען צושטיין מיט אומשולדיקע אויספרעגענישן.

— ביי מיר האָט איר גאָרנישט וואָס צו געפינען — איז זי געווען רויט פון כעס — נישט קיין יידן און נישט קיין קאָמוניסטן...

דער קליינער בערטן האָט זי די ערשטע צייט, נאָך איידער זי האָט פאַרשטאַנען וואָס פאַראַ סאָרט מענטשן עס קומען צו איר, אַ וואָרך־געטון, ווי אַ מאַמע:

— ביסט איינינקע אַליין, מיין אָרעמע. דער הויכער יונגערמאַן זעט מיר אויס צו זיין אַ גאַנץ סימפּאַטישער, נאָר אַ געפערלעכער דאָן־זשואַן... יעדע נאַכט זע איך אים דאָ פאַרן טויער מיט אַנדערע... ער איז, זעט אויס, נישט קיין גרויסער איבערקלייבער — אַלטע, יינגע. איך אַליין האָב אויך אַמאָל געהאַט צו טון מיט אַזאַ־אָ. איך קען זיי...

— ער וועט מיר נישט אַוועקוואַרפן, מאַדאַם לואיז — האָט די קליינע בערט געשמייכלט און זי באַרואיקט.

דערנאָך איז זי איינמאָל אַריינגעקומען, געפאַלן איר אויפן האַלדז און זיך צעוויינט:

— טאַכטער מיינע, אָרעמינקע... איך ווייס... אַבי מען רעדט אַלץ קעגן אייך... היינט האָבן זיי ווידער אויסגעפירט אַן אורטייל איבער פינף אייערע. אין אַלע גאַסן זענען די בלעטלעך צעקלעפּט...

מיט אַ שטילן האַרץ־פּלאַטער האָט די קליינע בערט אָפּגעוואַרט נישט בלויז האַנריס פאַרטייעטע טריט, נאָר אויך די קורצע, אָפּגערעדטע קלעפּלעך אין דער טיר, פאַרנאַכט-צייט, ווען די פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענטשן איז טיילמאָל אויסגעקומען צו פאַרבלאָנדזשען. זי האָט פאַרגעדענקט די קורצן שפּרוכן און פאַרבינדונגס־ווערטער, זי האָט פאַרגעדענקט די אומבאַקאַנטע פּנימער, וואָס זענען איר אומבאַקאַנטערהייט אַזוי נאָענט געוואָרן.

וואָס האָט זי דען געוווסט פון יידן און פון יידישקייט, די קליינע בערט?
אין שטוב איז אַלעמאָל געווען אַ גערעג מיטן אָפּליפערן דאָס ביסל אַרבעט
און דער יוגנט־קלוב איז דורכגעפלויגן אַזוי קורץ, אין פאַרליבטן יוגנט־
כאַאָס, אין זיסן, פרילינגדיקן פּלאַטער. ס׳איז איר אַלץ פאָרגעקומען אַזוי
זעלבסטפאַרשטענדלעך — די היים, די גאַס, די קליינע האַנדלס־ביורא, ווו
זי האָט געאַרבעט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די וועלט איז אָן שום קאָנ־
פליקטן, אַז אַלע מענטשן זענען גוט און אַז דער גאַנצער פאַריזער גערויש,
אין וועלכן זי איז אַזוי פאַרליבט אַרומגעשוווּמען, איז געמאַכט געוואָרן
נישט מער, ווי אינטערעסאַנטער צו מאַכן דאָס וועלטל, אין וועלכן די
קליינע „דאַקטילאָ“ האָט געשוועבט. צום ערשטן מאָל האָט זי אַזוי חידושדיק
באַטראַכט דעם מענטש מיטן נידעריק־געשוירענעם שאַרבן, מיט די איינ־
געקוועטשטע ברילן־גלעזער איבער די רויטע, אָנגעשטרענגטע אויגן, וואָס
האָבן נישט אויפגעהערט צו שמייכלען. צווישן טאָג און נאַכט האָט ער
שטיל אָנגעקלאַפּט אין איר טיר, לאַנג און געדולדיק געוואַרט און ווען האַנרי
איז באַלד דערנאָך אָנגעקומען, האָט זי זיי איבערגעלאָזן אַליין. אַ קליין
מיידל, אַ שלעכט־צוגעפאַרבטע בלאָנדינקע, האָט אים דאָ איינמאָל געזוכט,
האַנרין; אַ ברוינלעכער, מיט שפּיציק־פאַרשוירענע פּיאה׳לעך, מיט אַ רויטן
שאַל. לויט זיין אַקצענט, האָט ער געהאַלט זיין אַ שפּאַניער, אָדער אַן אי־
טאַליענער. אויפן הויכן, מיט די קרומלעכע, פיבערנדיקע אויגן, האָט זי זיך
שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן און נאָכגעפרעגט זיך ביי האַנרין. ער
האָט איר געענטפערט אַזויווי נישט־ווילנדיק: „אַן אַרמענישער חבר, מיינס
אַ באַקאַנטער“... פּינקטלעך צו דער מינוט האָט ער זיך אַריינגעשטעלט,
האַנרי, גערעדט מיט זיי עטלעכע מינוט אין קיכל און האָט זיך באַלד דער־
נאָך אָפּגעטראָגן.

געוווּנדערט האָבן זי דער עיקר די יידן. ווער זענען זיי, די דזשיקעס?
זיי קומען פון וויטן און פרעמדן פּוילן, ווו אויך איר וויג איז אַמאָל גע־
שטאַנען, און פון וואַנען זי האָט קיין שום זכרונות נישט מיטגעבראַכט.
פאַרוואָס כאַפּן נישט די פראַנצויזן זייערע נאַר־וואָס געבוירענע קינדער
צו אַנטלויפן ערגעץ אין עק וועלט? זיי זענען ביי זיך. פאַראַן, זעט אויס,
אַ שונא, וואָס פאַרפאָלגט אונדז אומעטום. זי האָט דעם שונא געזען דעם
16־טן יולי, אין דעם באַגינען, ווען די שוואַרצע קעטשלעך זענען אָנגע־
פלויגן איבערן אָפּגעליידיקטן בולוואַר, ווען מען האָט די שויבערדיקע פרויען
געפירט מיט די פּיצלעך קינדער אויף די הענט און ס׳איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ
דין געוויין; אָט האָט אומרו פלאַטערט שוין, זעט אויס, לאַג אין דעם ביטערן
עקשן, אין האַרץ. דאָסמאָל האָט זי שוין מער נישט געקענט. זי האָט גע־
וווּסט, אַז מען דאַרף נישט צופיל רעדן און דאָך איז זי אים באַפאַלן מיט אַ
ים פראַגן.

ס׳איז געווען אַ שטיקל צייט נאָכן באַווייזן זיך פון אָט דעם שטילן, מיט די רויטלעך־אָנגעשטרענגטע, לאַכנדיקע אויגן. האַנרי איז געווען אַזוי צעטומלט, ווי קיינמאָל ניט. ער האָט זיך איינער אַליין לאַנג געפּאָרעט ביים קלאַפּ־שלאָס, צוגעהערט זיך און צוריקקומענדיק אין קליינעם עס־צימער, טיפער אָפּגעאָטעמט.

— ס׳האָט דאָ קיינער נישט געקלאַפּט פאַר מיר?

און ווען זי האָט אים באַרואיקט, האָט ער זיך דערמאָנט אין אירע נאָכפרעגענישן:

— ס׳איז דער חבר שמוליק. ווער איז ער, פרעגסטו? דער מענטש האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אויסגעבערנט אין קאַמף. בערט, צי קען מען דען אַזוי לעבן? פאַרוואָס האָב איך עס אַ סך פריער נישט געוווסט? די וועלט פון דיראָזיקע מענטשן, וואָס זענען צוזאַמען מיט אונזערע טאַטעס און מאַמעס אַריבערגעקומען פון ווייטן פוילן, איז אונדז פרעמד געווען... ער לעבט נישט מער, שמוליק. נעכטן אינדערפרי איז ער דערשאָסן געוואָרן אין „שערש מידי“... דאָס איז שמוליק...

קריינדלען דערפאַר האָט זי שוין גוט געקענט. זי האָט דאָ איינמאָל לאַנג געוואַרט אויף האַנרין, יעדע ווײַלע אומרואיק באַטראַכט זיך אינם שפּיגל, פאַריכט זיך די גרויע פּאַסמעס, וואָס האָבן איצט באַשיינט איר קאָפּ. זי האָט געהאַט פאַרטיפטע אויגן־לעכער, ווי זי וואָלט זיך נאָר־וואָס אויפגעהויבן פון אַ קרענק. אָבער אַזויפיל אַנטשלאָסנקייט אין געווען אין דער אויסגעליטענער פיגור, אין איר פּראָפיל. זי האָט דאָ געוווינט ערגעץ נישט ווייט, ווייל בערט פלעגט איר אָפט זען פירן זיך דורכן בולוואַר מיט אַ קליין יינגעלע ביי דער האַנט, אַ קענדל מילך און אַ ברויט. נאָכן 16־טן יולי האָבן די שכנים אַ סך גערעדט וועגן אָט דער פרוי, וואָס איז אויף אַ מינוט אַרויסגעלאָפן פון שטוב, געלאָזן איר קינד און ווען זי איז דערנאָך צוריקגעקומען, האָט זי די שטוב געטראָפן אַן איבערגעדרייטע און דאָס קינד האָבן די אַגענטן געהאַט מיטגענומען.

— איך קען נישט מער, עפּעס פיל איך זיך פאַרשולדיקט קעגן די־דאָזיקע! — האָט בערט דעם לעצטן מאָל געזאָגט צו האַנרין; און ווען ער האָט נאָך לאַנגע נאָכטראַכטענישן און נאָכפרעגענישן איינגעשטימט, האָט זי געוויינט, די קליינע, בלאָנדע בערט, געוויינט פון דערלייכטערונג, כאָטש אויפן האַרצן איז אַזוי שווער געווען.

זיי האָבן זיך נישט געוואָלט פאַרלירן איינער דעם צווייטן, נאָר מען האָט זיך סוף כל סוף געמוזט צעשיידן. האַנרי איז אַוועק אויף אַ שטיקל צייט ערגעץ אין די בערג און זי איז צוגעטיילט געוואָרן אַלס טעכנישע פאַרבינדערין אָט דעם לאַגער, אָפּגעמאַרעטן כעמיקער יאַבראַשע. ער איז געווען אַ קורצזיכטיקער, מיט אַ פאַרביסן קנייטשל אַרום די מויל־ווינקלען. ער איז געוויינ־

לעך קאַרג געווען אויף רייד, נאָר בערטן האָט ער דאָ איינמאָל אַזוי־זיך אַ זאָג־געטון: „טויזנט דייטשן מוז איך פריער אָוועקלייגן, ביז זיי וועלן מיך אָנקריגן...” און דערנאָך, שוין אומעטיקלעך: „וואָס איז דען דאָס גאַנצע לעבן, אויב נישט אַ קליין ביסעלע גליק צווישן צוויי טעפּ?”

געענדיקט זיין שטודיום מיט יאָרן צוריק, אָן שום אויסזיכטן אויף אַרבעט, איז ער אָנשטאָט אַ כעמיקער, געוואָרן אַ פּרעסער. ערשט איצט, ביים אויספירן באַוואָפנטע איבערפאַלן אויף דייטשן, האָט ער זיך אויף אַן אמת צוריקגענומען צו זיינע כעמישע פאָרמולן. חדשים־לאַנג האָט ער די ליכטיקע שיין נישט אָנגעזען, געלעגן פאַרשטעקט ערגעץ אין אַן ענג, דושנע קעמערל — אַ פּראָוויזאָרישע לאַבאָראַטאָריע, וווּ עס זענען פּרעפּאַרירט געוואָרן די אויפרייס־שטאָפן.

בערט איז שטיל געקומען אָנצושווימען מיט די הינטערהויפן, אין די אויסגעלאָשענע פּאַריזער נעכט. פון יענער זייט טיר האָט ער באַלד דערפילט דעם אָפּגעהאַקטן אָטעם אירן און ער האָט אָן גערויש אויפגעשפּאַרט די רידלען. פּונקט אַזוי שטיל ווי זי איז געקומען, אַזוי שטיל איז זי פאַרשוואונדן. קיין איין איבעריק וואָרט. זי האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעזעגנט מיט אַ בלייכן שמייכל, ווי אויף שטענדיק שוין, אַוועקטראָגנדיק אין די געפאַלדעוועטע קליידלעך דעם געפערלעכן אויפרייס־שטאָף צו די באַשטימטע פּונקטן, וווּ חברים האָבן זי שוין אָפּגעוואַרט. זי האָט שוין איצט גוט געוווּסט פאַר וואָס זי גייט; ווי נישטיק איר אייגן לעבן האָט איר אויסגעזען.

האַנריך האָט זי שוין איצט באַגעגנט זעלטן, צופעליק און אויף אַ ווייל. ס'איז געווען צו געפערלעך — די אַגענטן זענען נאָכגעקראָכן, געלויערט. ער איז אַלעמאָל צוריקגעקומען פון ווייטע רייזעס, פון פאַרבינדונגען. אין טרויעריקן שמייכל, האָט ער אָפּגעדעקט זיינע געזונטע ציינער און פון זיינע קליידער האָט זיך געטראָגן מיט באַרג־לופט און מיט ווינט.

— ווערסט מיר אָפּגעפרעמדט — האָט ער גערעדט מיט בולטן ווייטיק — איך פיל ווי דו גייסט לאַנגזאַם אַוועק פון מיר... אָבער מען מוז אַזוי! אויב וועסטו כאָטש בלייבן לעבן, באַהאַלט פונדעסטוועגן אין האַרץ אַ קליין, וואַרעם ווינקעלע פאַר מיר.

נאָך איין און איינציק מאָל האָט ער זי געזען, איידער דער בלינדער גורל האָט זיי אויף אייביק פונאַנדערגעטיילט. נישט די מאַמע מיטן שוועסטערל האָבן געוווּסט, אַז ער געפינט זיך צוריק אין פּאַריז, נישט בערט האָט געוווּסט. ער איז געלעגן ערגעץ פאַרשטעקט. אָבער דעם האָזיקן לעצטן, גאַלדיקן זונטיק, אין אויסגעקלאָרטן, ווינטערדיקן יאַנואַר, האָט ער נאָך לאַנג געטראָגן אין זיך אין די גרויסע געפאַרן, צו וועלכע ער איז געגאַנגען מיט אַזאַ קאַלטער אויסגערעכנטקייט. דער מאַמען האָט ער מורא געהאַט צו גיין זען, נישט אַזוי צוליב אירע טרערן, ווי צוליב זיין אייגענער שוואַכקייט. אַן אומער־

טיקער ווינט האָט געבלאָזן אין שטוב ביי זיי, זינט ווען ער איז אַוועק. זי איז איצט געוואָרן נאָך קלענער, די מאַמע — אַ גרדיע זקנה, מיט אויסגעוויינטע אויגן־טאָרבעלעך. בעמיעלע האָט באַזאָרגט, אַז זי מיטן שוועסטערל זאָלן נישט הונגערן. וויפל מען האָט נישט אין איר אַריינגערעדט, האָט זי זיך נישט געוואָלט אַרויסרירן פון שטוב אַרויס. „אָט דאָ — האָט זי געזאָגט — וויל איך אומקומען”. זי איז געוואָרן נאָך פרומער, געבלעטערט זיך די אויגן איבער ווייבערישע ספרימלעך און געהאַלטן אין איין בעטן גאָט פאַר בעמיעלעס וועגן, אַז עס זאָל אים, חלילה, קיין שום בייז נישט טרעפן. וויפל די מיידלעך, די חברטעס, וואָס האָבן אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט צו איר, האָבן זי באַרואיקט, געפּרוווט דערציילן, אַז ער מוז זיך אויסבאַהאַלטן, אַז ער אַרבעט און פאַרדינט, האָט זי נישט אַרויסגענומען די אויגן פון די פאַרגעלטע בלעטלעך און געדרעדט אַזוי ווי פאַר זיך אַליין מיט אַ ניגון:

— קינדערלעך מיינע, איך בין נישט קיין היינטוועלטיקע, נאָר הלואי וואָלט איך נישט פאַרשטאַנען דאָס אַלץ, וואָס מיינע אויגן האָבן דערלעבט צוצוזען. און אויב לאָזט ער אומברענגען די מערדערס אונזערע, זאָלן אים די הענט געבענטשט זיין, ווייל ער טוט אַ הייליקע שליחות... איך וויין דען? די טרערן גיסן זיך סתם אַזוי...

האַנדרי האָט ווידער געשטעקט אויף די הויכע אַפּריסן, צווישן די בלינדע, פינצטערע געסלעך פון בעלוויל. אין יענעם פינצטערן פאַרטאָג — ס'איז געווען סוף יאַנואַר — האָט ער קוים דערצויגן די נאַכט, ביז צו דער ערשטער מעטראָ, איז אַרונטער און האָט זיך מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט אויסגעמישט מיטן עולם. ביים אויסשטייג אויפן אָפּערע־פּלאַץ, איז ער נאָכגעגאַנגען די צוויי סילועטן, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט. אין פינצטערן נעפּל פון פאַרטאָג, איז קיין איין פּיקערל נישט געווען צו זען. ער האָט אָבער געוווסט, אַז ערגעץ דאָ באַלד, אים אַנטקעגן, לאָזן זיך אַראָפּ די פינצטערע ווענט פון דער אויסגעלאָשענער אָפּערע־געביידע; דער פּאַסאַד, די זיילן און די ברייטע טרעפּן, וועלכע ער האָט צוריק מיט עטלעכע טעג באַטראַכט צוזאַמען מיט בערטן. ער האָט נישט געוואָלט געדענקען און דאָך האָט זיך עס אים פאַרגערעגט. דער העלער, ווינטערדיקער נאָכמיטאָג, די קילבלעכע זון הינטער דער נאַקעטער ביימער־וואַנט. די שאַרפע ליפּט האָט געהאַט אַנגעפּראַסטיקט אירע באַקן און אינגאַנצן איז זי געווען אַזוי ווי אַ שוועבנדיקע. אַזוי זעלטן ווי ער האָט זי געזען, איז אים מאָדנע אַ שאָד געווען צו קוקן אויף איר. ס'איז אַלץ געווען אויסגעפילט מיט דער נאָרדישער, קאַלטער און פייערלעכער וואַגנערישער מוזיק, אין וועלכער אויך בערט האָט זיך עפּעס מיטגעפּלאָנטערט.

— דו האָסט מיר אַזוי לאַנג געלאָזן וואַרטן און — ווער ווייס ווען מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל זען! — האָט ער געהערט איר שטים, ווי פון ווייט.

און ער האָט זי נאָך לאַכנדיק געענטפערט:

— אינגיכן וועלן מיר פֿריי אַרומשפּאַצירן איבער אָט די בולוואַרן און דערמאָנען זיך אין יענע שיינע טעג און אָוונטן אין די „אָבערזשן“. געדענקסט?

— ביסט עפּעס אַלעמאָל געווען אַן אומעטיקער — האָט זי אים געשמיסן מיט דער הענטשקע; אָבער זיין בליק האָט שוין געבלאָנדזשעט ערגעץ אויבן, ביי די לאָזשעס, וווּ ס'האָט אין דעמערדיקן האַלב־טונקל פֿון אָפּערע־זאַל אַרויסגעקוקט אַ פּעטער קאַרק און עפּאָלעטן. זי האָט נישט געוווּסט, די אָרעמע, נאָכוואָס ער האָט זי דאָסמאָל איינגעלאַדן אין דער אָפּערע צו גיין הערן די וואַגנערישע מוזיק. „ס'איז נויטיק — האָט מען אים אָנגעזאָגט — זאָלסט אים כאָטש איין מאָל אָנקוקן, זען דעם פּראָפֿיל זיינעם. מיט סאָלדאַטישער פּינקטלעכקייט גייט ער יעדן אינדערפֿרי האַלב־אַכט אַרונטער די שטיגן פֿון האָטעל און לאָזט זיך גיין אין דער ביוראָ אַריין“.

איצט איז ער געגאַנגען אויפֿן זעלבן טראָטואַר. לויטן זייגער אין דער מעטראָ, האָט ער אויסגערעכנט דעם פּאַמעלעכן גאַנג אויף גענויע פֿינף מינוט. דעם סיגאַרעט האָט ער באַדאַרפֿט אָנצוצינדן אַן ערך צען מעטער פֿאַר די שטיגן צום אַרויסגאַנג, כדי עס זאָלן קיין שום סיורפּריזן נישט זיין. אָט אַזוי איז געווען אויסגערעכנט די באַוועגונג: דערזעענדיק דעם באַקאַנטן סילועט, אָנבויגן זיך לייכט און מיטן סיגאַרעט אָנצינדן דעם קנויט; און ווען ער וועט אויפֿפֿלאַמען, אַ וואָרף טון אים ביי די פֿיס אַן, נישט אומקוקנדיק זיך, לאָזן זיך גיין צו דער מעטראָ, אויסצומישן זיך מיטן שטראָם ביי די איינגענג.

ער האָט נאָך באַוויזן צו דערזען דעם פּעטן קאַרק, די עפּאָלעטן און די צוויי הויכע וואַכלייט, ווי אויסגעגאָסענע, וואָס האָבן גענומען גיין אויף אים. אָבער פֿונעם זייטן־געסל, אַהינטער זיי, האָבן זיך מיטאַמאָל אויפֿגעכאַפּט, באַלד נאָכן טויבן אָפּהילך, עטלעכע קורצע, הייזעריקע רעוואָלווער־שאָסן, אַ קליינער געראַנגל, אַ טויב פֿאַלן און נאָך איין שאָס. דער הייסער נעפּל אַרום אים איז נאָך געדיכטער געוואָרן, געקראָכן אין האַלדז אַריין, געוואָרגן; די גאַס איז צוריק לידיק געוואָרן און ווען ער האָט זיך באַלד דערנאָך אויסגעמישט אין די אונטערערדישע קאָרידאָרן מיטן אָנפּלייצנדיקן עולם, האָט ער דערפֿילט בלויז, אַז דאָס העמד קלעפּט אויף אים. ערשט נאָכן אָפּפֿאָרן דריי סטאַנציעס, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָס לינקע קנעכל וואַרעמט אים, ווי ער וואָלט געשטאַנען ביי אַן אָנגעגליטן אויוון. ער האָט זיך זייטיק, קיינער זאָל נישט באַמערקן, אָנגעבויגן צו פֿאַריכטן כלומרשט דעם הויז און ער האָט באַמערקט, אַז דאָס קליינע, וואַרעמע שטראָמל רינט אים אין שוך אַריין. ער האָט זיך צעשטרייט אַרומגעקוקט און געזוכט, צי ס'זענען נישט פֿאַראַן קיין סימנים נאָך אים. קיין סימנים האָט ער נישט געפֿונען, נאָר ערשט איצט האָט אים אַ שאַרפֿער ווייטיק אָנגעהויבן צו נאָגן. ער האָט פֿאַרביסן אַ ליפּ און לאַנגזאַם זיך דערשלעפּט צו דער פֿאַרשטעקטער דירה, ערגעץ אין יענעם עק פּאַריז.

לאַנג האָט ער צווישן די פּרעמדע, אומהיימלעכע ווענט נישט געקענט פאַרבלייבן. ס'איז געווען אַן אַלט, אָפּגעלעגן הויז, און צווישן טאָג און נאַכט האָט אַמאָל אַ חבר צו אים פאַרבלאָנדזשעט.

בערהטן האָט ער שוין מער אין יענעם ווינטער נישט געזען. ער האָט זי שוין מער קיינמאָל נישט געזען.

ס'איז געווען אויפצומאָרגנס. אַראָפּלאָזנדיק זיך אין יענעם לעצטן, אויסגעקילטן אינדערפרי מיט דער רי דע בעלוויל צום בולוואַר, האָט זי געטראַכט מיט אומעט, אַז האַנריס שטים אפילו, אַזאַ הילכיקע און געזונטע, קלינגט איר שוין אַביסל פרעמד. זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, ווי קיינמאָל גאָרנישט, און דאָך האָט זיך אַ דינער פלאַטער איבערגעגעבן אין שטילן שאָרכן פון איר קלייד. אָט ווי אַזוי דאָס לעבן צעשיידט און ווי אַזוי די באַדינגונגען פירן צונויף מענטשן. האַנרי... און די אומעטיקלעכע רייד אַבראַשעס: „וואָס איז דען דאָס לעבן, אויב נישט אַ קליין ביסעלע גליק אַריינצוכאַפּן". ווי צופעליק ס'איז דער גורל פון יעדן אונזעריקן. דער קרייז ווערט וואָס אַמאָל ענגער. דעפּאָרטאַציע, צעשיסונגען, טויט. יעדער אַראָפּגערוימטער דייטש ברענגט אַ פרישע כוואַליע אַרעסטן. און דאָך וועלן זיי אונדז נישט אויסראָטן. מיר וועלן שוין אפשר נישט זיין, דערפאַר וועלן אַנדערע נאָך אונדז פרייען זיך מיטן פרישן גרינס פון פרילינג, מיט דער זון. און אויב אַריינפאַלן אין זייערע הענט, וועלן זיי מיך קיין לעבעדיקע נישט באַקומען, ניין... און אפשר וועל איך שוואַך זיין...

איר טראָט איז אומגעריכט געוואָרן האַסטיקער. אירע הויכע האָלצשיכלעך, איינגעשטייפטע אַרום איר קליינעם פוס, האָבן הילכיק אויסגעקלאַפּט איבערן טראָטואַר. און דווקא אַצינד, ווען זי באַדאַרף אַזוי קאַלט צו זיין. זי האָט נאָך אַדורכצושניידן אָט די לאַנגע גאַס, ביז צו דער סען, און צו דער באַשטימטער מינוט אָפּוואַרטן אין דער שאָטנדיקער נישע פון דער אַלטער קאַטעדראַלע. זיי וועלן שוין דאָרט אויסוואַקסן, ווי אַלעמאָל, די מיטן אומרואיקן גלי אין די אויגן, מיט דער שטומער אַנטשלאָסנקייט אויף די פּנימער.

זי האָט אויסגעמיטן דעם קליינעם טומל פאַר די פּאַסאַזשן פון האָטעלדע־וויל, די צעשטעלטע גרופּעס אַרום די מעטראָ־איינגענג. גרינס און פעלד־גראָ האָט אַ שימער־געטון פאַר אירע אויגן. אין ווינט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבערן פּלאַץ, האָט זיך אַן אָפּגעפּליקטער, פאַרביקער אַפיש געריסן פון דער וואַנט. פונם אַפישאַראַפּ האָבן צוויי גרויע, שטאָלערנע אויגן אונטער אַ טיף־אָנגערוקטער קאַסק, דורכגעשטאָכן זי, פאַרפאָלגט. ס'איז שווער געווען אַרויסצוקריגן זיך פון אָט די גרויע, הייסע בליקן.

אַלע דורכגענג זענען שוין געווען אָפּגעשלאָסן. אַן עלעקטריט שטראָמל

האָט זי דורכגעקרייצט דעם רוקן. זי האָט נאָך אָבער וואָך און אנטשלאָסן געפרוווט דורכגליטשן זיך צום נאָנטסטן ארויסגאַנג, אַטטרונען צו ווערן.

דערנאָך איז זי שוין שטיינגעבליבן אַזאַ קאַלטע און ווי אין אַ קליינעם זייגער־מעכאַניזם, האָט נאָר איין און איינציקער געדאַנק אין איר געקלאַפּט: „ניין, זיי וועלן מיר קיין לעבעדיקע נישט האָבן".

און ווען דריי פּאָר פעסטע, מענערישע אָרעמס האָבן זיך געלייגט אויף איר אַקסל, האָט זי זיי אָנגעקוקט גיפטיק, מיט שמייכלענדיקן ביטול, האָט זיך מיט אַלע כוחות אַ ריס געטון פון זיי, אַ פאַל געגעבן צום אַספאַלט און אַ טויבער פלאַם האָט אַלץ פאַר אירע אויגן פאַרווישט. הענט, פיס און קעפ האָבן זיך אַ מיש געטון אינדערלופטן. — — — — — —

די ידיעה וועגן בערטס העלדישן אומקום איז צו האַנרין דערגאַנגען, ווען ער האָט שוין געשטעקט ערגעץ אין ווייטן נאָרד, צווישן די פּוילישע קוילן־גרעבער — ווו געטאָגט, נישט גענעכטיקט, אין אָפּגעלעגענע מאַנאָס־טירן, אין וואַלד־שטיבלעך און אויף היי־בוידעמער. אין די פינצטערע נעכט פון סוף חודש, ווען אָנגעפּראָפּטע דייטשע צוגן האָבן פאַרביי די אויסגע־לאָשענע דערפלעך און טונקעלע וועלדער געאײַלט צו די פאַרפעסטיקטע ליניעס ביי די ים־ברעגן, האָט ער ווי אַ וואָלף געלויערט אויף די וועגן. זיין געהילף איז געווען אַ קליינער, פאַרשמירטער קוילן־גרעבער, אַ פּאָליאַק, וואָס האָט געאַרבעט ביי די וואַגאָניעטקעס אויף דער אויבערפלאַך. ער האָט עס אים געלערנט ווי אַזוי אָפּצושרויפן די שינעס, אַז די צוגן, אין שטאַרקסטן געאײַל, זאָלן פליען אינדערלופטן.

— די ערשטע זאַך — האָט ער אים מיטן גאַנצן ערנסט געגעבן צו פאַרשטיין — איז... אויסטרינקען. דערנאָך גייט עס שוין אַליין,ווי געשמירט.

זיי זענען אויסגעוואַקסן אין די קליינע וועכטער־ביידלעך, צעשטעלט לענגאויס דעם הויכן ערד־אָנשיט, און באַווייזנדיק, ווי אַ שפּילצייג אין דער האַנט, זייערע קליינע רעוואָלווערן, האָבן זיי ביי די צעשראָקענע פראַנצוי־זישע וועכטער אָפּגענומען די שליסלען , אָפּצושרויפן די שינעס. די וואָך איז געווען אַ פאַרשטאַרקטע. מען האָט באַדאַרפט צו זיין פלינק און געשיקט, ווי אַ טייוול. די צעשטעלטע וועכטער האָבן זיך אַליין געלאָזן אָנבינדן אין אַ בוים; זיי האָבן זיך אַפילו אַליין באַצייטנס געהאַט באַזאָרגט מיט שטריק און קנעבלען, כדי עס זאָלן אין דער הייסער מינוט נישט אַרויסקומען קיין קאָמפּליקאַציעס. נאָך אַלעמען, זענען זיי אַליין אויך צופרידן געווען...

אָבער דאָס געפערלעכסטע איז געווען די וואָך פון די צוועלף באַוואָפנ־טע דייטשן, וואָס האָבן יעדע האַלבע שעה דורכגעשפּאַנט, איינער הינטערן אַנדערן, איבערן ערד־וואַל, לענגאויס דער באַן־ליניע. זייערע סילועטן, ווי אויסגעשניטענע פון קאַרטאָן, האָבן זיך באַוועגט איבערן הויכן אָנשיט, ווי אויף אַן עקראַן. דער שאַרף פון באַיאָנעטן האָט געוואָרפן אַ קאַלטן בליאַסק

אויף דער אויסגעשטאַרבענער לאַנדשאַפט. זאַלבעצווייט זענען זיי געווען פּאַרטייעט אין די שיטערע וועלדלעך, אונטערן נידעריקן הימל, אָן אַ לבנה און אָן שטערן. אויף די פלאַכע פליינען, דורכגעפרעסן פון קוילן־שטויב, איז קוים גאָרנישט געוואַקסן. צופיל האָט מען זיך נישט באַהאַרפט וואַרפן אין די אויגן. דער קליינער, פאַרשמירטער פּאָליאַק, פאַרשטעקט הינטער אַ בוים, האָט אָנגעבונדן אַ לאַנג שטריקל ביי האַנרים פוס און שיקלדיק זיך אַ צעלאַך־געטון מיט אַ שטיל, הייזעריק קול:

— ווייסט שוין אַצינד וואָס הייסט אַ מעלעפאָן? קריך אַרויף און ווי נאָר כ׳וועל עפּעס באַמערקן, טו איך אַ צי ס׳שטריקל און — פאַרשטעקסט זיך.

ווי אין עפּעס אַ יינגלערישער שטיפעריי איז עס ביי זיי צוגעגאַנגען. ס׳איז געווען אַרום האַלבע נאַכט, אין טיפן דעצעמבער. קיין שניי האָט נאָך אין יענעם ווינטער די ערד נישט געהאַט צוגעדעקט. דער טוי־געפריר אין אָפּגעוועלקטן גראָז איז אויפגעטייעט געוואָרן פון האַנרים הייסן אָטעם. אויפן ערד־וואַל, איבערן בריקל, האָבן אונטערן אויסגעלאָשענעם הימל אַ גלאַנץ־געטון די שינעס. צוגעלייגט דאָס אויער צום קאַלטן שטאָל, אָבער דער זינגענדיקער גערויש, וואָס האָט זיך אים געדיכט צו פאַרנעמען, איז גאָר געקומען פון די טעלעגראַפן־דראָטן. מיט שמאַטעס אויף די פינגער, האָט ער אָפּגעטיילט די שליסלען פון די שינעס, ווייל די מינדסטע באַרירונג פון מעטאַל האָט ווייט אָפּגעקלונגען. די זשאַווערנדיקע, איינגעמאָסטעטע שרויפן האָבן זיך נישט לייכט אונטערגעגעבן, אָבער האַנרי האָט געהאַט פעסטע מוסקולן. דער קילער ווינט פון די אָפענע פליינען האָט אַרומגע־לעקט דעם אָנגעזעצטן שווייס אויפן שטערן ביי אים. ער האָט אויסגעקליבן די שינע פון אויסנווייניק. די שלום־ערטער איז לייכט געווען אָנצוטאַפּן אין דער פינצטער, און ווי נאָר די שרויפן זענען אַב־סל לויז געוואָרן, האָט זיך די קליינע שטאַבע, וואָס פאַראייניקטביידע שינעס, לייכט אַוועקגעגליטשט. מיטן בלויזן אימפעט, מיט וועלכן דער לאָקאָמאָטיוו איז נאָכדעם אָנגע־פלויגן, האָט זיך די אויסערלעכע שינע לייכט נאָכגעגעבן, גענומען זיך זעצן, איז אָפּגעשפּרונגען אינאַזייט אויף עטלעכע צענטימעטער און די רעדער־קאַ־ליע איז מיט דער גאַנצער קראַפט אַרויס פון די שפּאַלן.

אָבער אינדערמיט האָט דער „מעלעפאָן" אומגעריכט אַ רוף געטון. ביז ווייטיק האָט אים דאָס אָנגעבונדענע שטריקל איינגעשטייפט דעם לינקן פוס. ס׳איז געווען די העכסטע צייט אַראָפּצוקוליען זיך דעם ערד־וואַל, אין טיפן שאָטן פון בריקל. די הענט האָבן זיך געקלאַמערט אין די אָפּגעטרוקנטע קאָרטשעס נישט צו פאַלן נידעריקער, ביז דער פוס האָט ערגעץ אָנגעטאַפּט אַ שטיין אונטער זיך. מען האָט באַדאַרפט אַזוי צו ליגן, אָן אָטעם, און הערן אָנקומען די וואַך פון צוועלף; און הערן, איבערן קאָפּ כמעט, דאָס געשאָרך

אין אָנגעשטױטענעם זשוויר. ער האָט נאָך פאַרנומען פונוויטן, נאָך זייער פאַרבייגיין, דעם שטילן צוזינג: „לעבע וואָל, דו קליינע מאַניקאַ" און פון אַ צווייטן: „קיין באַזאָנדערעם צו מעלדן"...

צוריק אַרויפגעקראָכן, אָפּגעשרויפט צוויי־דריי שליסל־פונקטן, איז די אַרבעט געווען פאַרענדיקט. דערנאָך זענען זיי געווען אָנגעשפּאַרט צווישן די אַנעמישע סאָסנע־ביימלעך, היפּש אָפּגערוקט. מיט געשפּאַנטער פרייד האָט דאָס צוגענויגטע אויער בײַ דער ערד פאַרנומען דעם פאַרשטיקטן, חיה'שן געברום, דאָס אָנפּליען פון צוג, געהערט באַלד דערנאָך די אויפרייסן, די קולות, דעם געבראַזג פון אײַזן און גלאָז און דאָס האַרץ בײַ בעמיעלען איז געוואַקסן פון פרייד: דאָ האָט איר פאַר שמוליקן, פאַר בערטן, פאַר אַלע אונזעריקע...

און אונטערן אויסגעלאָשענעם הימל זענען זיי פאַרשוווּנדן צווישן די פינצטערע געביידעם אויפן האָריזאָנט, אָן אַ שפּור נאָך זיך.

קאַפּיטל אַכטאונדרייסיק

רוזשעלע און זשינעט

אַזוי האָט זיך פון אַלעם אויסגעלאָזן אַ טייך, אַ וואַסער, גאָרנישט מער צו ראַטעווען.

די דײַטשן זענען פאַרפאָרן מיט לאַסט־אויטאָס און אויסגערוימט אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געפונען אין הויז בײַ בעני גרינבערגער. זיי האָבן געלאָזן נאָך זיך די ליידיקע, אַרומגעפליקטע ווענט און אַפילו נישט פאַרגעסן אַרונטערצודרייען די עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס. נאָכן 16־טן יולי, ווען רוזשעלע מיטן יינגל זענען באַצייטנס געלאָפן ערגעצוווּ זיך פאַרשטעקן, האָבן די שכנים, וואָס האָבן אַלעמאָל געקוקט אויף די רײַכע אויסלענדער מיט אַ קרום אויג, אויפגעריסן די טירן און אַרײַנגעזעצט אַהין אַ פאַמיליע פון די אָפּדאַכלאָזע נאָך די ענגלישע באָמבאַרדירונגען אויף די פאָרשטעט פון פּאַריז. זי האָט שוין איצט גאָר מורא געהאַט צו ווײַזן זיך אַהין, רוזשעלע.

זי האָט זיך לאַנג געישובט, איידער זי איז געגאַנגען אָפּזוכן דעם „זיידענעם פּרינץ" אירן, דעם פּיינעם און העפלעכן אָבערלייטענאַנט שולצע, וואָס האָט זיך, גאָרנישט אַזוי לאַנג צוריק אַרומגעפירט מיט איר אין זיין וואָגן אין די טעאַטערן, אין די סינעמאַס, איז דערנאָך געקומען און האָט, פּונקט מיט אַזעלכע העפלעכע רייד און שמייכעלעך, אַוועקגעפירט בענין קיין דראַנסי און געלאָזן אים אײַנזעצן הינטער די שטעכל־דראָטן. אויף אַלץ האָט זי זיך געקענט ריכטן, רוזשעלע, אָבער אויף אַזאַ בראָך האָט זי זיך נישט

געריכט. נאָר פאַרשולדיקט האָט זי זיך נישט געפילט, אפילו אויף אַ האָר, פאַר קיינעם נישט. „מ'וועט זיי דאָרט נישט איינזאַלצן — האָט זי זיך לייכט געמאַכט דאָס האַרץ — ער האָט זיך מסתמא צעלאָזן מיט זיין צונג, געדערט דאָס, וואָס מ'האָט נישט באַדאַרפט צו ברענגען פאַרן מויל. מילא, צעדרייט איז ער געגנוג געווען די לעצטע צייט, איז דען אַ וואונדער?"...

גרוסן האָט זי יאָ אָפּגענומען פון אים. די גרוסן זענען אפילו נישט געקומען צו איר דירעקט, כאָטש ער האָט עטלעכע מאָל געהאַט אַ געלעגנהייט איבער־צושיקן אַ גרוס מיט די באַפרייטע, וואָס זענען דאָרט קראַנק געוואָרן. זיי האָבן עפּעס דערציילט, אַז ער איז דאָרט געוואָרן פרום, אַז ער טיילט זיך מיט אַלעמען מיטן ביסן זי האָט דאָ גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. געלט, האָט זי געוווסט, האָט ער ביי זיך; און געהערט האָט זי, אַז מיט געלט גיט מען זיך דאָרט אויך אַן עצה. האָט זי קיין סך נישט איבערגעקלערט.

ביים אַנטלויפן פון שטוב האָט זי אין אַלעם פאַרגעסן — אחוץ, פאַר־שטייט זיך, אינם פאַרמויערטן גאָלד; אָבער דעם טייערן בערן־פעלץ מיט די לאַפּן האָט זי נישט פאַרגעסן מיטצונעמען און ער איז איר טאַקע זייער שטאַרק צונוץ־געקומען אין די קילע און רעגנדיקע האַרבסט־טעג; ווייל אַרומצודרייען זיך ווי אַ שלעפּערקע איז געווען אַ גרויס געפאַר. זי האָט זיך איצט געוואַלגערט אין פרעמדע בעטן און אַביסל איז זי געווען ביי איר אַמאָליקער פריינדין זיסעלע, אָדער זשינעט, דאָס ווייבל פונם רייכן קאָנ־פעקציאָנער, אין וועלכן זי האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט און איז געלאָפן זי אויפזוכן. יענע האָט שוין לאַנג נישט געהאַט קיין ידיעות פון איר מאַן. מען האָט אים מיט עטלעכע חדשים צוריק נאָך געהאַט אוועקגענומען קיין פּיטי־וויע. זי האָט געקלאָגט, דאָס ווייבל, אַז זי וועט עס נישט אויסהאַלטן, אָבער פונדעסטוועגן האָט זי זיך דערפילט אַביסל פריי, שוין אפשר אַביסעלע צו־פיל פריי.

זי האָט זיך איצט אַרומגעטראָגן מיט אַ גרויסן סוד, רוזשעלע, און פאַר קיינעם אין דער וועלט וואָלט זי דעם סוד נישט פאַרטרויט. אַלע אינ־טימסטע סודות האָבן די ביידע ווייבער אַלעמאָל געהאַט צווישן זיך, אָבער וועגן דעם ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען דאָס איינגעמויערטע גאָלד אין קיכל, האָט זי אפילו קיין וואָרט נישט געלאָזן פאַלן. עס איז געווען פונדעסטוועגן צו וואונדערן זיך ווי אַזוי רוזשעלע האָט געקענט איינהאַלטן אַזאַ סוד. זי האָט נישט גערוט. זי איז שטילערהייט געלאָפן צו אַלע אַדוואָקאַטן, אָבער אין יענעם קריטישן מאָמענט, ווען דאָס לעבן פון אַלע יידן איז געהאָנגען אויף אַ האָר, האָט איר קיינער קיין עצה דערוועיל נישט געקענט געבן.

אויסגעפּוצט אינם בערן־פעלץ מיט די לאַפּן, מיט אַ גאָלדענעם שיכט פּערב אין אירע שוואַרץ־פאַרקעטע האָר, מיט אַ גילדערן צלמל, וואָס האָט זיך אומגעוויגט אויף איר געשמאַקן, ווייבערישן האַלדז, און מיט די בעסטע

פּאַפּירן פון אַן אַריערין, האָט זי עטלעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד פאַרבלאָנדזשעט צו זשינעטן אויף איר זיכערער דירה, וואָס זי האָט איצט פאַרנומען אין איינס פון די שענסטע הייזער אין די רייכע קוואַרטאַלן. דער פּאָליציי וואָלט גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן קומען זוכן אַהין יידן. די געשיכטע פון אָט דער באַהעלטעניש איז געווען פאַרבונדן מיט אַן אַלטער אינטריגע, פון וועלכער דער מאַן זשינעטס, דער געוועזענער דאַמסקע שניידער, האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן פון זיינע הענט־און־פיס.

ס'איז געווען ביי אים אַן אַלטע שוואַכקייט צו די פערדל־געיעגן אויף די לויף־פּלעצער אין לאָנשאַן און אין בולאָנער וועלדל. אין די זוניטיקן פלעגט ער אויך מיטשלעפּן ס'ווייב אַהין; און אַלעמאָל האָט ער, נאַטירלעך, געשטעלט אויף די פערדלעך, וואָס זענען קיינמאָל נישט אָנגעקומען. אַ פאַרמעגן מיט געלט האָט ער פאַרשפּילט ביי די פערדלעך. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט דערוואַרטן אויף דער אָוונט־צייטונג מיט די געיעג־באַריכטן. ער איז אָפּגעלעגן אין די קאַפּעס צווישן די אַלע ליידנשאַפטלעכע פערדל־שפּילער. ס'איז אים געגאַנגען אין גאַנצן לעבן צו געווינען.

צו אים אין געשעפט אויף בולוואַר סעבאַסטאָפּאָל איז אָפט אַריינגעקומען אַ מיטליאָריקער עלעגאַנטער פראַנצויז אויפנייען זיך אַן אָנצוג, אַ פּאַלטן, קויפן שטאָפן. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און ער איז איינמאָל געוואָרן, אַז אָט דער מיטליאָריקער מענטש מיט די גרויע, דינע וואָנסעלעך, מיט די הייסע, אומרואיקע אויגן פון אַ יונגערמאַן, האָט גאָר אַ שייכות צו דער דירעקציע פון די פערדל־געיעגן אין לאָנשאַן און אין בולאָנער וועלדל, פאַרמאָגט, ווי ער זאָגט, אייגענע פערד־שטעלער. ער האָט זי גאָרנישט באַדאַרפט צו טרייבן, דער מאַן אירער — זשינעט איז אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אַליין געלאָפן צום דאָזיקן פראַנצויז נאָך עצות. געוווינט האָט ער ערגעץ אויף פּאַסי, אין אַ שטילער, אָפּגעשלאָסענער ווילע, הינטער גאָרטן־שטאַכעטן. דער ייִד דער שניידער איז געווען גליקלעך פון די עצות, וואָס זשינעט האָט אים אַהיימגעבריינגט. ער האָט טאַקע אַ פּאָר מאָל געוווּנען אויך, קליינע, נישטיקע סומעס, אָבער — געוווּנען. ער האָט אים אפילו געלאָזן איינלאַדן צו זיך אויף אָוונט־ברויט, אָט דעם העפלעכן פראַנצויז, און האָט אים ביים טיש געלאַנגווייליקט מיט זיינע יידישע וויצן אין אַ צעקאַליעטשעטן פראַנצויזיש. יענער האָט נעבעך געמוזט לאַכן פון העפלעכקייט וועגן. אָבער זשינעט איז געווען איבערגליקלעך פון די וויכטיקע געסט, וואָס פאַרקערן ביי איר אין הויז.

זי איז אַלעמאָל צוריקגעקומען שפּעטלעך פון דער אָפּגעשלאָסענער ווילע, ווו זי איז געגאַנגען צו אים נאָך עצות.

— עפּעס אַ צעדרייטער גוי — האָט זי דערציילט דעם מאַן, ווען ער איז געקומען ביינאַכט און אוועקגעוואָרפן זיך לעבן איר — טאַנצן, הערסטו,

האָט ער מיר איינגעלאַדן. אַ שטאַט דאָס פֿירט זיך ביי אים: דינערס, לאַקייען און ס'דרייען זיך אַרום הינט אַזוי ווי די קעלבער, כ'האָב אַזש מורא געקריגן. איך טאַנץ, הערסטו, מאַרים, זייער גוט, האָט ער געזאָגט. כ'האָב עס גאָר אַליין נישט געוווסט. כ'זאָל אַרויסגיין, הערסטו, מיט אים. געטראָפֿן דאָס אָרט!

דער מאַן האָט איר אויסגעהערט מיט איין אויער, איבערגעדרייט זיך אויף דער אַנדערער זייט און איז גלייך איינגעשלאָפֿן.

ווען מען האָט דעם מאַן צוגענומען קיין פּיטיוויע, האָט זי ביידע קינ־דער באַלד אַרויסגעשיקט ערגעץ אויפֿן דאָרף און אַליין איז זי גלייך געלאָפֿן אויפֿזוכן דעם אַלטן באַאַקאַנטן אירן. ער איז דאַסמאָל געווען אָנגענעם־איבעראַשט צו זען זי נאָך אַזאַ לאַנגער צייט. אַריבערגעצויגן זיך אין דער ווילע, אין אַ פֿאַרשטעקטן צימער ביי דער דינערשאַפֿט, האָט זי קורץ דער־נאָך, ווען מען איז זי געקומען זוכן. זי האָט אינגאַנצן געלאָזן אויף הפקר די שטוב, די באַלעבאַטישקייט, די קינדער. דאָס אַלץ האָט זי פֿאַרענטפֿערט מיט דער שרעק נישט אַריינצופֿאַלן אין די לאַגערן. געלט האָט זי ביי זיך גע־האַט גענוג; דאָס האָט זי דער מאַן פֿאַרזאָרגט, נאָך איידער מ'האָט אים אַוועקגענומען אין לאַגער אַריין.

די רעשט שטאָפֿן און פּאַרטיקע סחורות האָט זי ביסלעכווייז אַליין אויספֿאַרקויפֿט פֿון שטוב אַרויס, ווייל זי האָט באַדאַרפֿט צו האָבן אַ סך געלט, זי האָט באַדאַרפֿט צו שיטן מיט געלט. ס'איז איר אויך געווען זייער אומעטיק אין דער אָפּגעשלאָסענער ווילע. זי האָט מורא געהאַט אויפֿצומאַכן די טיר, זי האָט מורא געהאַט צו קוקן אין די אויגן אַריין די דינער, וואָס האָבן זיך געדרייט אין די קאָרידאָרן, אונטערגעהערט, געפּאַרשט און איינ־מאָל האָט זי אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש, ווען אַ גרויסער וואָלף־הונט איז איר געקומען באַשמעקן. דער העפֿלעכער דירעקטאָר פֿון די פֿערדל־געיעגן פֿלעגט זיך געוויינלעך באַווייזן בלויז צו מיטאָג, האָט זי אַזוי־ווי אויסגעמיטן. דער אַלטער דינער אין דער אָפּגעשאָסענער ליווריי און דער אַלטער, מיט די אָנ־געשטעקטע קעמלעך אין גרויען מכשפֿה־קאָפּ, וואָס איז געקומען רוימען איר צימער, האָט זי כּסדר געמוזט אונטערקויפֿן. די פֿערדל־געיעגן אין לאָנ־שאַן און אין בולאָנער וועלדל זענען אויך בעת דער דייטשער אָקופּאַציע פֿאַרגעזעצט געוואָרן. ביי מיטאָג האָט איר דער אַלטער דירעקטאָר איינמאָל דערציילט, אַז מ'קען גליקלעך ווערן, מען דאַרף נאָר האָבן אַ ביסל געלט. זי האָט מורא געהאַט אָפּצוזאָגן און האָט אים אַוועקגעגעבן כּמעט אַלץ, וואָס זי האָט נאָך פֿאַרמאָגט. זי איז געווען צופֿרידן, אַז ער טשעפּעט זי נישט מער, אַז ער לאָזט זי צורו.

אין דעם אָוונט זענען געסט געווען איינגעלאַדן אין הויז, אַזעלכע מאָדנע געסט, זי האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכע נישט געזען, — אַן אַלטע אַקטריסע

מיט אַ צוגעמאַליעוועט פויגל־פּנים, מיט אַ טיפן דעקאָלטע, פון וואַנען ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ דאַרע, בלויע ברוסט, ווי אַ ברעט. זי האָט נאָכאַנאַנד געזויגן סיגאַרעטלעך, געשושקעט זיך און אַרייַנגעלאַכט אין דער ווייסער, קראָכמאַליעטער וועסט פון אַן עלטערן, שטייפן הער און אַן אויסגעריבענעם פראַק, מיט אַ מאָנאָקל אונטער אַ שטרענגער, געדיכטער ברעם. דער אַלטער האָט זי גערופן „מימי“ און זי האָט זיך געחנדלט ווי אַ מיידעלע און געלאַכט הייזעריק. מען האָט געטרונקען שאַמפּאַניער און זשינעט האָט אויך מיטגעטרונקען.

ס'איז איר מיטאַמאָל זייער שלעכט געוואָרן, זי האָט געוואָלט אַנטלויפן. זי איז דעריבער געווען איבערגליקלעך אָנצוטרעפן מיטאַמאָל רוזשעלען, צו טיילן מיט איר דאָס בעט און אויסגיסן זיך איינע פאַר דער אַנדערער די שווערע הערצער. מיט רוזשעלעס קומען אין הויז אַרייַן, האָט זיך דער דירעקטאָר צוריק גענומען באַווייזן צו מיטאָג, ווייל אַ שטיקל צייט איז ער אינגאַנצן געהאַט פאַרשוווּנדן. זיינע בלוי־אויסגעגאָלטע באַקן, די נאָכהענגענדיקע הויט האָבן ווידער געגלאַנצט און געטראָגן האָט זיך פון אים מיט אַ האַרבן פּאַרפום, ווי טערפּענטין; אָבער אין זיינע גרויע אויגן, וואָס זענען אַמאָל הייס געווען, איז זינט די לעצטע פּאָר יאָר געלעגן אַ מאַטקייט און אַרום זיי — אַ געדיכטע נעץ פון קנייטשעלעך.

ביינאַכט, אין בעט, האָט זיך רוזשעלע אָפּגערופן:

— דו ווייסט וואָס, זיסל — האָט זי איר שוין מערנישט גערופן זשינעט — עפּעס האָב איך מורא פאַר דאָזיקן מענטש! וואָס דיר קען אַלץ איינפאַלן!.

— וואָס רעדסטו, נאַרעלע? ער ראַטעוועט מיר ס'לעבן! ווי וואָלט איך זיך דען אַהינגעטון? — האָט זי זיך צעשטרייט אויפגעריסן און האָט אויפן אָרט נישט געגלויבט מער אין דעם, וואָס זי זאָגט.

רוזשעלע האָט אָפּגעקלאַפּט דעם אַש פון סיגאַרעט, צוזאַמענגעקוועטשט צווישן ביידע פינגער, באַטראַכט זי זייטיק, מיט אַ געניט אויג פון אַ מבין, געבלאָזן דעם רויך דורך אַ ווינקל מויל אין סופית אַרייַן און האָט גערעדט נאָכלעסיק, פויל:

— יאָ, מיר זענען ביידע גוט פאַרקראָכן!

זי האָט געזאָגט „מיר זענען ביידע גוט פאַרקראָכן“, נאָר געמיינט האָט זי דער עיקר זיך אַליין טאַקע. ס'איז געווען אין די טעג, ווען זי איז אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטע אויפצוזוכן דעם אָבערלייטענאַנט שולצע, דעם טייערן פריינט אירן. אַזוי צעדרייט איז זי נאָכנישט געווען, זי האָט דאָך עפּעס פאַרט געמוזט טון פאַר בענין. פאַר געלט, האָט זי געהערט, קען מען אַרויסנעמען פון לאַגער. אַ סך ייִדן, וואָס האָבן זיך געלאָזן קאָסטן געלט, זענען שוין אויף דער פריי. טאָ וואָס־זשע זיצט ער דאָרט? וואָס וועט ער דאָרט

אויסזיצן? פאראיינוועגס, האט זי געטראכט, וועט זי שוין א רעד־טון מכוח דער דירה. (נישט וועגן גאלד, חלילה).

אבער אויפזוכן דעם אבערלייטענאנט שולצע איז איר נישט אנגעקומען אזוי לייכט.

מיט די בעסטע פאפירן פון אן אריערן, מיט א גאלדיקן שימער אין אירע פעך־שווארצע האר, מיטן געשמאקן ווייבערישן דעקאלטע, מיטן גילדערנעם צלמל, אויסגעסטראיעט אין בערן־פוטער, איז זי זיך אונטער־צייט דורכגעגאנגען פארביי די קאפעען אויף די עליזייער פעלדער, ארום „עטואל,“ ווו עס האט געווימלט פון דייטשע אפיצירן. אהער, האט זי געוווסט, קען ער פארבלאנדזשען. די עלעגאנטע פרויען, מיט די זילבער־פוקסן פארווארפן ארום האלדז, האבן, אויסשטייגנדיק פון די „סיטראענס“ צוזאמען מיט די דייטשע אפיצירן, זי אפגעמאסטן פונדערזייט און געלאזן זיך גיין צו די באגלאזטע דריי־טירן. זי האט זיך מער פאר גארנישט אפגעשראקן, רוזשעלע. זי איז אריין אין די קאפעען, געלאזן באשטעלן פאר זיך געטראנקען, געלאזן זיך פארטשעפען פון פרעמדע מענער. איין אוונט האט זי זיך געלאזן באגלייטן פון א שטייפן, מיטלווקסיקן דייטשן שטאב־ארצט מיט גאלדענע עפאלעטן, מיט א ראז, אויסגעגאלט פנימל. ס׳האט זיך פון אים געטראגן מיט עפעס אן אומבאשטימטן ריח, פון עטער, צי פון קארבאל. ער האט נישט שלעכט גערעדט פראנצויזיש, בעסער פון איר. איר געבראכענער אקצענט איז אים אפילו פארגעקומען אביסל מאדנע. זי האט אים באלד דערציילט א נישט־געשטויגענע מעשה, אז זי קומט פון דער נארמאנדי, פון א גוט, וואס איז צעשטערט פון די באמבארדירונגען און אז איר מאן, אן אפיציר, זיצט אין ווישי און לאזט פון זיך קנאפ הערן. זי האט אים דערנאך געלאזן ערגעץ ביי א מעטרא אויף פאסי, האט זיך קוים ארויסגעדרייט פון אים און שפעט אינאונטן אנגעקלונגען אין דער ווילע, ווו זשינעט האט זיך אויסבאהאלטן. צומארגנס האט ער זי ווידער אפגעווארט ביים זעלבן טישל אין דער קאפע. זי איז אריינגעפאלן שפעטלעך, האפנדיק דאך צו באגעגענען דעם אבערלייטענאנט.

אבער אויף אזא מין באגעגעניש האט זי זיך נישט גערעכנט. אין זעלבן אוונט איז א געסטאפא־וואגן באפאלן די גרויסע און רייכע קאפע, אפגעשלאסן אלע איינגענג, און איינגעלאדן די אלע פארדעכטיקע, די גאלד־בלאנדע פרויען און די עטלעכע ציווילע מענער, אין וואגן אריין. מען האט דערנאך געשמועסט, אז דארט זאל זיך האבן געגרייט אן אטענטאט אויף איינעם פון די גרויסע קארפן־קעפ פון דער געסטאפא, וואס איז אפט געקומען אהער מיט עפעס אן אריענטאלישער טינצערין, א שיינהייט. די צייטונגען האבן עס פארשוויגן; צווישן די, וואס האבן אזוי העפלעך איינגעלאדן די דאמען אין וואגן אריין, האבן פלוצים אויפגעטויכט פאר רוזשעלעס צעטומלטן בליק

די אויסגעשיטע וואָנסעלעך פֿונם אָבערלייטענאַנט, די פֿריילעכע אויגן זײַנע, וואָס קענען גאָרנישט בייז זײַן.

— וואָס מאַכט דען דיזע דאַמע הירע? — האָט ער זיך שיִער נישט צעשריען.

און ס'איז אים באַלד אויפֿן אָרט אײַנגעפֿאַלן, אַז אַלץ איז קלאָר ווי אויף דער האַנט. ער איז געווען נאָכמער בלייך און איבעראַשט ווי רוזשעלע. ער איז באַלד געקומען צו זיך, אָנגעטאַפּט פֿאָרזיכטיק דעם קליינעם רעוואָלווער אין הויזן־טאַש און באַשלאָסן אַז אַזאַ פֿאַל מוז אויסגענוצט ווערן. ער קען זי צופֿיל, דערדאָזיקער יידישקע, ער וועט שוין דערגיין ביי איר. ער וועט שפּילן דעם גוטן, וואָס וויל זי דאָ ראַטעווען, און פֿירנדיק זי אַזוי צום אויטאָ, האָט ער באַלד פֿאַרקערעוועט, איבערגעוווּנקען זיך מיט איינעם אַ הויכן, וואָס איז נישט אָפּגעטרעטן פֿון אַרײַנגאַנג צו דער דריי-טיר. ער האָט זי געפֿירט איבערן טראָטואַר שטייף־געאָרעמט, שטייפֿער ווי אַלעמאָל. „ער וועט שפּילן — האָט ער זיך געזאָגט — דעם האַלב־פֿאַרליבטן".

ביים טישל, אין רעסטאָראַן, אין עקסטן ווינקל, קעגנאיבער אים, איז רוזשעלע געקומען צו זיך. מיט ראָזן פּודער האָט זי געשיקט פֿאַרשמירט די בלאַסקייט, געקוקט אין שפּיגעלע, געקוקט אויף אים און אַלע חן-גריבעלעך, אַלע אירע בלאַנקע ציינער האָבן געשמייכלט.

— ס'איז פֿאַרט אָנגענעם צו האָבן אַן אַלטן גוטן פֿריינט. ווי אַ מלאך זענט איר מיר היינט אונטערגעקומען. וואָס וואָלט איך דען געהאַט צו זאָגן אַט די הערן ?

— ווי אָנגענעם-איבעראַשט ! האָט איר עס טאַקע מיך אַזוי אָפּגע־וואַרט ? שוין לאַנג אַזוי אַז איר קומט מיך אַהין אָפּוואַרטן ?

— פֿינף אָוונטן נאָכאַנאַנד. אײַערנעכטן האָב איך געזען אַרײַנקומען אַן אָפֿיציר, האָב איך זיך באַלד אויפֿגערים: און אים געוואָלט אַנטקעגנלויפֿן. ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך. אַ סימפּאַטישער אַזאַ...

— שאַדע, שאַדע — איז ער געווען בלויז שמייכל — ווען איך וואָלט כאָטש געאַנט דערפֿון. אָבער ס'איז אַ געפֿאַר — האָט ער זיך באַלד צוריק־געכאַפּט ערנסט — פֿאַר אַזאַ שיינער דאַמע צו קומען אַהין איינע אַליין און פֿאַרנעמען אַ טישל אין דידאָזיקע קאַפֿעען. עס קומען דאָרט געגנוג לומפּן און אינטריגאַנטן, וואָס זוכן נאָר צו פֿאַרנאַרן פֿרויען-הערצער. האָט איר מיט קיינעם נישט געהאַט צו טון דאָרט ?...

ער האָט געקלעפּלט מיט אַ ראָזן, מאַניקורטן נאָגל, אַ לעגעלעכן, אַ שיין־געפּלעגטן, אויפֿן טישל, צוריקגעוואָרפֿן זיך צום אָנלען און אָנגעקוקט זי אין שמייכל, אָבער דורכדרינגלעך.

— אַך, ס'איז זיך נישט אָפּצוטרייבן פֿון דידאָזיקע. שוין דעם דריטן

און וווּ מיר שלעפּט זיך נאָך אָט דער שטאַב־אַרצט, דער־זעלבער טאַקע, וועלכער איז גראָד געזעסן ביי מיין טיש, ווען איר זייט אַרייַנגעפאַלן.

— נו — האָט ער זיך שנעל פאַרכאַפּט — דייטשע אָפיצירן זענען נישט צו־געפעדרלעך. זיי פאַרמאָגן געגנוג קולטור און טאַקט. נישט וואָר? מיר, דייטשע אָפיצירן... איך מיין די ציווילּיסטן, די פראַנצויזן, די הייס־בלוטי־קע, די זיד־לענדער, ווי מען רופט זיי ביי אונז אין דייטשלאַנד. זי מוז עס וויסן, גלויב איך...

— די אַלע, פאַרקערט, זענען זייער קאָרעקט. זיי זענען פאַרביי מיין טיש און געטאַנצן זיך זייער וועג. עס פאַרדריסט אפילו טיילמאָל זייער גלייכגילטיקייט. פאַרקערט, די אָפיצירן....

„די לייקנסט, כיטרע יידישקע". — איז אים דורכגעפלויגן. ער האָט זיך ענערגיש אַ ריר געטון מיט דער שטול צום טיש, אַרויפגעלייגט ביידע הענט, געקוקט זי גלייך אין די אויגן אַריין, און געפרעגט האָט ער אַלץ מיט דעם זעלבן שמייכעלע, אָבער שטרענג:

— האָט איר, הייסט עס, קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט די ציווילע הערן, וועלכע איר האָט דאָרט געזען פאַרבייפירן אין קעטשל אַריין? ווייסט איר איבערהויפט נישט ווער זיי זענען? ניין, איר קענט זיי נישט, איר האָט זיך קיינמאָל אינערגעץ נישט געטראָפן מיט זיי.... ווען גייט איר דאָס דערציילן? דאָס האָט איר בלויז אויף מיר אָזוי געוואַרט? אויף מיר וואַרט מען נישט אין דידאַזיקע קאַפּעען. מיך ווייסט מען ווי צו געפינען.

— אויף אייך, הער אָבערלייטענאַנט! — האָט זי זיך נישט פאַרלוירן — אויף קיינעם נישט, נאָר אויף אייך. נאָר איר קענט מיר ראַמעווען. איך בין אויף דער גאַס. מען האָט מיר די שטוב צוגענומען, מיין פאַרמעגן. איך בין גרייט אַוועקצוגעבן אַלץ.... נאָר אַוועק פון פאַריז. טוט עס פאַר מיר, הער אָבערלייטענאַנט. איר זייט דאָך אַלעמאָל אַזוי גוט געווען צו מיר.

ס'איז געווען צופיל אמת אין אירע טרערן. וואָס האָבן גלייך דערנאָך אַ פלייץ־געטון. זי האָט זיך געווישט די אויגן מיט אַ באַטיסטן טיכעלע אין האַז, אין בלוי און אין ווייס; ס'איז אים אויך אַביסל אומאַנגענעם געוואָרן פון אירע טרערן. עפּעס האָט איר דער וויינענדיקער גלאַנץ אַרום אירע לאַנגע וויעס נאָך שענער געמאַכט אין זיינע אויגן. „נישט אַנדערש זי פאַרכישופט מיך, אָט די יידישקע". ער האָט זיך ענערגיש אַ הויב־געטון פון שטול, צור־ריק איינגעזעצט זיך, אַפּגערוקט פון זיך די קאַראַפקעס, די פלעשער און מיט איינמאָל צוריקגעפונען די פריינטלעכקייט אינעם טאָן. אַזוי ווי נישט־ווילנדיק האָט זיך עס אַליין אַראָפּגעגליטשט פון זיינע ליפן:

— נו, מיר וועלן שוין עפּעס מוזן מאַכן — און געטראַכט האָט ער: „געלט האָט זי מסתמא גענוג, די יידישקע"...

זי האָט נאָר, זעט אויס, געוואַרט אויף דעם; און ווי די זון וואָלט ווידער אויפגעשיינט אין אירע אויגן, איז די ראַזיקייט לאַנגזאַם צוריקגעקומען אויף איר געזיכט. זיי האָבן שוין דערנאָך געפּלאַפּלט וועגן אַלטע באַקאַנטע און וועגן אַלטע טרעפעניש. דער אָבערלייטענאַנט האָט זיך פונדעסטוועגן נישט געקענט איינהאַלטן צו באַמערקן מיט דיסקרעטער איראָניע :

— מען מוז זאָגן, אַז איר האָט נישט ווייניק געשמאַק און, נו, ווי זאָל איך זאָגן — אַ באַזונדערן חוש אויסצומישן זיך, עס זאָל גאָר קיינעם נישט איינפאַלן אונטערצושיידן אייך פון אַלע אַנדערע. איך מיין — דער גאָלדי־קער בלאָנד אין אייערע האָר און דער דיסקרעטער קרייץ אויף אייער האַלדז; און דאָס אַליץ גיט אייך עפּעס אַן אומבאַשטימטן קריסטלעכן, אַרישן חן. לויטן פייכטן גלאַנץ אין אייערע אויגן, וואָלט מען געקענט זיכער מיינען, אַז איר האָט זיך נאָר וואָס מתודה געווען פאַר עפּעס אַ דורכגעטריבענעם גייסטלעכן אין דער מאַדלען־קירכע און אַז איר האָט פיל טרערן פאַרגאָסן, קניענדיק פאַרן אָפּבילד פון דער הייליקער מאַרי...

ער האָט איר צוגעזאָגט, דער שמייכלדיקער אָבערלייטענאַנט שולצע, אַליץ, וואָס זי האָט נאָר פאַרלאַנגט, האָט ער איר צוגעזאָגט און האָט זי נאָך אַליין באַגלייט שפּעט אינאָוונט, אַז עס זאָל איר קיין שום שלעכטס נישט געשען. אין דער נישע צו דער אָפּגעשלאָסענער ווילע, ווי זשינעט האָט זיך אויסבאַהאַלטן, האָט זי לאַנג געקלונגען אין טויערל.

150 טויזנט פראַנק האָט ער זיך פונדעסטוועגן געהייסן אָפּצאָלן און בעני וועט אין אַ פּאָר טעג אַרום זיין אויף דער פריי. וועגן דער דירה וועט מען נאָך אויך זען....

— ער איז עס אפילו נישט ווערט — האָט ער נאָך צוגעגעבן — אָבער דאָס טו איך פאַר אייך.....

זי האָט זיך איינגעשטעלט און איז אַליין אַרויפגעפאָרן קיין דראַנסי. דער קאַסטן גרויע קאַזאַרמע־געביידעס פון רויען, נישט געטונקעוועטן בעטאָן, איז געווען די שרעק פון קליינעם פאַבריק־שטעטל. יעדן טאָג האָט מען זיי דאָ געזען פאַרבייפירן אין די שוואַרצע קעטשלעך, די יידישע פרויען און מענער. עס זענען שוין געהאַט אַוועק די ערשטע טראַנספּאָרטן קיין דייטשלאַנד, עס זענען שוין דערשאָסן געוואָרן די ערשטע יידישע ערוב־ניקעס.

די קליינע, געמויערטע הייזלעך, מיט אַ שטיג אינדרויסן צום גאָרן, זענען אָפּגעטיילט געווען פונעם פליגל בעטאָן־בלאָקן מיט אַ גראָזיקן פּלאַנט, אַז אָפּגעפּרעסענעם, און אינדערמיט — די וואַנט שטעכל־דראָט, די הילצערנע טורעמס מיט די מאַשין־געווערן, מיט די רעפלעקטאָרן. אין איינס פון די הייזלעך האָט זיך רוזשעלע איינגעבעטן ביי אַן אייזנבאַנער, אַן עלטערער שוין, מיט גרויע וואָנסן און אַ פּנים צעפּרעסן פון קוילן־שטויב,

ער זאָל זי לאָזן שטיין בײַם פֿענצטער און אַריבערקוקן. אפֿשר וועט זי אים פֿאָרט דערזען דורך די בלוי־פֿאַרשמירטע שויבן, וואָס ווערן דאָרט אָפּ־געשפּאַרט און פֿונוואַנען זיי קוקן דאָרט אַלעמאָל אַרויס, שמייכלען בלאַס, פּאַכען מיט דער האַנט, מיט אַ טיכעלע. זי איז נישט מיד געוואָרן צו קומען יעדן טאָג, ביז עמיץ האָט זי דערקענט פֿונדערווייטן און מען האָט געבראַנגט צופֿירן צום פֿענסטער בענין. כאָטש ס'איז געווען אַביסל ווייטלעך, איז נישט שווער געווען צו דערקענען ווי שטאַרק ער האָט זיך געענדערט פֿאַר דער קורצער צייט. אין דער פֿענסטער־ראַם, אויפֿן צווייטן שטאָק, צווישן נאָך קעפּ, האָט זי דורך פֿאַרשוואָמענע אויגן דערבליקט אַן איינגעהויקערטן מענטש און ס'האָט פּלוצים אַ שוועב געטאָן פֿאַר איר די באַזילבערטקייט אויף זײַן קאָפּ. זי איז געשטאַנען אַזוי עטלעכע רגעס, דערנאָך האָט זיך עפּעס דאָס פֿענסטער דאָרט זייער שנעל אַ פֿאַרקלאַפּ געטאָן און מער האָט זי אים שוין נישט געזען.

נאָך דעמזעלבן טאָג האָט זי מיט חוצפּה, מיט אונטערטעניקייט, מיט געלט און מיט אירע „גאָלדענע" אַרישע פּאַפּירן אויסגענוצט אַלע ענגע שפּאַרעס אַרײַנצושמוגלען אים אַ פּאָר ווערטער. „בעני — האָט זי אים געשריבן — שולצע וועט דיך אַרויסנעמען פֿון דאַנען. ער האָט עס מיר צוגעזאָגט, נאָר ער הייסט זיך אָפּצאָלן 150 טויזנט פֿראַנק. וואָס זאָל איך טון?".

דאָס בריוול האָט אים עמיצער צוגעוואָרפֿן שפּעט בײַנאַכט; ער האָט גאָרנישט אָנגעהויבן צו ווײַסן ווי אַזוי ס'האָט זיך דערנומען צו אים אויפֿן ביסל אונטערגעשפּרייטן שטרוי אין ווינקל, אויף דער ערד פֿון גרויען, שטיי־נערנעם בלאָק. ס'איז געווען אַ גרוס פֿון דער פֿרײַ, אַ גרוס, וואָס האָט ווידער אויפֿגעעפֿנט אין אים די אַלטע, יאָמערנדיקע ווונדן. עפּעס איז ער שוין אַזוי ווײַט געווען פֿון דעם אַלעם, אים האָט זיך שוין געמוסט דוכטן, אַז די וועלט פֿון יענער זײַט דראָטן געהערט זיך מיט אים מער גאָרנישט צו. ער האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געדרייט אויפֿן שטרוי און קיין אויג נישט געקענט צו־מאַכן. נאָכוואָס האָט זי עס באַדאַרפֿט אַלץ? נאָכוואָס האָט זי בכלל געשריבן?

פּונקט קעגנאיבער אים איז געלעגן דער ייִד, וואָס פֿלעגט אַלעמאָל קימען אַרויסגענומען בײַ אים אַביסל „פּאַסאָן", דער פּאַרוואַקסענער ייִד פֿון בעלוויל, מיטן שטענדיק־צעשפּיליעטן העמדל. מען האָט אים געבראַנגט אַהער מיט עטלעכע נעכט פֿריער. ער איז די ערשטע צײַט געווען אומבאַהאָלפֿן, בעני נישט געקענט די פֿירעכצן דאָ בײַם אויפֿשטיין, בײַם לייגן זיך, בײַ די אַפּעלן, בײַם שטופּן זיך נאָכן ביסל עסן אַרום קעסל; אָבער אָט דער פֿאַרוואַקסענער ייִד, פֿאַרקערט, האָט באַלד אַלץ געכאַפּט און ס'האָט זיך געקענט דוכטן, אַז ער איז שוין חדשים אַן אַלטער תּושב. ער איז באַלד צוגעקראָכן אונטערגעקומען צו זײַן געוועזענעם אַרבעטס־געבער, אויסגערעדט אים, גע־

טרייסט, געהאָלפן אים אין די פירעסצן דאָ און ווען ער האָט אים געזאָגט: „גאָט וועט העלפן, מען וועט זיי נאָך אַלע איבערלעבן“, האָט זיך געדוכטן, אַז דער גאַנצער גלות ליגט אין זיין הויכער, אויסגעהאָרעוועטער פּלייצע און ס'איז אים עפּעס לייכטער געוואָרן ביי דער זייט פונעם דאָזיקן ייד.

ביי דער רעוויזיע אין לאַגער, נאָכן דורכגיין דעם באַראַק אינדערמיט הויף, האָט מען נישט אַלץ אויסגעטרייסלט ביי אים; ער האָט נאָך געהאַט ביי זיך פאַרשטעקט געניג געלט. פאַר גוט געלט האָט מען נאָך געקריגן אַן איבעריק־שטיקל ברויט, אַ טעלער זופּ, אַמאָל אַ שטיקל ווורשט, אַ פּרוכט, וואָס איז אַריינגעקומען אין לאַגער אַריין, מען ווייסט גאָרנישט ווי אַזוי. דאָס האָט דער ייד אַלץ באַזאָרגט און זיי האָבן זיך ביידע געטיילט מיטן ביסן. לעבן זיי זענען מענטשן געשוואָלן געוואָרן פון הונגער, אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט. ווי אומעטום, האָבן זיך געהאַלטן נאָר איינציקע און נאָר איינציקע האָבן געהאַט אין זיך די אינערלעכע שטאַרקייט נישט אַראָפּצופאַלן צו האַלטן זיך און די האָפענונג נישט צו פאַרלירן. דאָס האָט דער פאַרוואַקסענער ייד אויפגעהאַלטן אין אים די מאָראַל מיט זיינע פּראָסטע, גוטמוטיקע רייד. די לעצטע וואָך האָט מען ווידער געהאַט אויסגעקליבן עטלעכע און צוואַנציק ערובניקעס און איבערגעפירט זיי אין „שערש־מידי“, צווישן די תפיסה־מויערן, פונוואַנען מען קומט שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס. מען האָט געוווסט מיט וואָס די לאַנגע אַפּעלן שמעקן, דאָס זיצן דעם גאַנצן טאָג אָפּגעשפּאַרט אין די בלאָקן.

און דאָך איז ביים פאַרוואַקסענעם ייד, וואָס האָט זיך אַלעמאָל געמאַטערט אַריינצוברענגען די פּרנסה אין שטוב אַריין פאַר ווייב מיט די קינדער, געווען אַ מאָדנער בטחון. קיין פרומער איז ער נישט געווען. פאַרקערט. ער האָט געזאָגט:

— דאָ איז נישטאָ קיין גאָט און נישט קיין טייוול. זיי האָבן אַלע געוואָלט אַזוי, האָבן זיי. נאָר זיי וועלן רוסלאַנד נישט איינביסן, זיי זאָלן זיך אַפילו שטעלן אויפן קאָפּ. עס וועט זיי גאָרנישט העלפן.

בעני האָט געשפּירט, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אַ פאַרבאָרגענער כוח אין אָט דעם פּשוטן, גוטמוטיקן ייד פון בעלוויל. דיסקוסיעס און השערות האָט מען דאָ אויסגעהערט אין אַלע ווינקלען, נאָר די רייד דעם ייִדס האָבן זיך געלייגט אויפן שכל, זענען געקראָכן אין האַרץ אַריין. ער האָט זיך דערפילט שוואַך, נישטיק, קליין און איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ קינד. מ'האָט זיי שוין דאָ געהאַט אַ נאָמען געגעבן „דאָס פּאָרל“ און די אַלע, וואָס האָבן געקענט בעני גרינבערגער פון פאַר דער מלחמה, דעם גרויסן פּאַטראָן, דעם איינרייסער, וואָס פּאַריז האָט מיט אים געקאָכט, האָבן שטיל געשמייכלט. „דער דייטש — האָבן זיי געזאָגט — האָט דאָ אַלעמען

אויסגעגליכט, נאָר די פראַנצויזישע ייִדן מיינען, אַז זיי זענען דאָס אויסבערשטע פון שטויסל, די אונטערלעקערס"...

געווען דאָ עטלעכע לעווי'ס און עטלעכע בלאָך'ס, וואָס האָבן באַזעצט אַלע בעסטע פּאָסטנס אין לאַגער — די קיך, דעם קראַנקן־זאַל און כמעט אַלע דאַקטוירים זענען געווען זייערע, פראַנצויזישע ייִדן. זיי זענען דאָ אויך געווען די דאָלמעטשערס, פלעגן נאָכקריכן די דייטשן. אַרייננעפאַלן זענען זיי כמעט אַלע צופעליק — פאַר שוואַרץ־האַנדל, אָדער ביי אומגעריכטע אָבלאַוועס, ווען מ'האָט נישט געקוקט וואָס פאַרא סאָרט ייִד ס'איז, אַבי אַ ייִד; ווייל אָפיציעל האָט מען נאָך קיין פראַנצויזישע ייִדן דעמאָלט נישט גענומען. דער שעף פון די דאָקטוירים, דר. בלאָך, אַ קאַפּיטאַן אין דער אַרמיי, אַ העמאָבילויזירטער, וועלכער האָט זיין ברוסט מעדאַלן נישט אַרונטערגענומען אפילו אין דראַנסי, איז געווען דווקא אַ גאַנץ פיינער מענטש, טאָר „די פוילישע ייִדן" האָט ער נישט זייער ליב געהאַט, געהאַלטן זיי פאַר אומקולטורעל, וואָס אַדאַנק זיי זענען אַלע צרות אַרויסגעקומען... ער האָט זיך פונדעסטוועגן איינגעשטעלט פאַר זיי, איינגעלייגט וועלטן, געשריבן ביטעס און אונטערגעהאַנדלט פּערזענלעך מיטן דייטשן הויפּט־אַרצט וועגן באַפרייען פונדאַנען די געפערלעך־קראַנקע, די אויסגעמוטשעטע. לסוף האָט ער דאָך עפּעס געפועלט — מען האָט איינמאָל באַפרייט אַביסל און דערמיט איז עס געווען געענדיקט, ווייל באַלד דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציעס.

ביי בעני גרינבערגער, וועלכער איז דאָ איינמאָל געווען ביי אים אויף אַ וויזיט, האָט ער אויסגעפונען אַ געפערלעכע לעבער־קרענק. ער האָט אים אַרויפגעשטעלט אויף דער ליסטע און אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַרויסגיין מיט די ערשטע באַפרייטע. ס'האָט אים יאָ געפרייט און נישט געפרייט. „וווהין זאָל איך גיין — האָט ער זיך געזאָגט — צו וועמען ?"...

רוזשעלעס אומגעריכטע בריוול האָט אים אינגאַנצן צעדרייט. ס'האָט אים צוריק אַ דערמאָן געגעבן אין דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט די לעצטע עטלעכע חדשים אויף דער פריי. „האָט זי נאָך, הייסט עס, אַלץ צו טאָן מיט אָט דעם „העפלעכן פריינט" איר. מיט דעם קאַלטן, דייטשן מערדער? איך וויל נישט זיינע טובות און איך וויל אים נישט קענען". ביי־טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעדרודערטער און ביינאַכט האָט ער מער נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. וואָס זאָל ער איר ענטפערן ? ער האָט צוערשט אינגאַנצן נישט געוואָלט הערן פון איר. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעלעבנט: און אפשר טאַקע יאָ ? אָבער צוריקגערעדט — 150 טויזנט פראַנק איז צו פאַרמעגן מיט געלט. עס קען אַמאָל אונטערקומען זיי זאָלן אים אַזוי אויך באַפרייען...

ס'איז אים איצט נישט אָנגענעם געווען פאַר אָט דעם פּאַרוואַקסענעם

ייד פון בעלוויל, ער האָט אים מער נישט געקענט גלייך קוקן אין די אויגן אַריין. עפּעס האָט ער זיך געפילט פאַרשולדיקט קעגן אים. עס האָט אים בייגאַכט נישט געלאָזן רוען, ביז ער איז נישט דערקראָכן צו זיין געלעגער און אים אַלץ אויסדערציילט.

— איך וויל נישט די דייטשע טובות — האָט ער אים נאָך געזאָגט און ביי זיך האָט ער אַלץ געטראַכט — „150 טויזנט פראַנק גייען נישט צופּוס, ס'איז אַ פאַרמעגן מיט געלט, אפשר וועלן זיי מיך אַזוי אויך באַפרייען...“

צומאָרגנס האָט ער זיך צווישן טאָג און נאַכט געשאַרט אויף דער דרויסנדיקער גאַלעריע, אינאַזייט פון די וואַך-טורעמס, אינעם ווינקל, וווּ מען וואַרפט אומבאַמערקט אַרונטער די בריוועלעך. די פראַנצויזן, וואָס גייען דאָ פאַרביי, הויבן זיי אויף און באַזאָרגן זיי שוין אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס. אַזוי טאַקע האָט ער איר געשריבן אינעם בריוול:

„איך וויל אים נישט קענען, דעם „טייערן פריינט“ דיינעם און דו וואַרף זיך נישט אין אַזעלכע צייטן מיט קיין הונדערטער טויזנטער. איך בין קראַנק. זיי וועלן מיך אַזוי אויך באַפרייען“.

אָפּגעטון דאָס, איז עס געווען, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ שווערע לאַסט, ער האָט זיך דערפילט אינגאַנצן רואיק, איז אַוועק צו זיין געלעגער אויף דר'ערד און איז באַלד איינגעשלאָפן, נאָך עטלעכע נעכט פייניקן זיך.

באַקומען זיינע עטלעכע ווערטער, איז רוזשעלע נאָכמער צעדרייט געוואָרן ווי פריער. ס'האָט איר אַליין אויך שוין גענומען פאַרדריסן, וואָס זי האָט פריער נישט אָנגעפרעגט בענין, איידער זי איז געלאָפן אויפזוכן דעם אָבערלייטענאַנט. „טאַקע, וואָס איז די מצוה אָנצושטאָפּן אים מיט 150 טויזנט פראַנק, אַז בעני קען אַזוי אויך באַפרייט ווערן?“. פון איין זאַך איז זי אָבער געווען אינגאַנצן באַרואיקט — זי האָט אירס געטון, זי איז געלאָפן און זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן, אים צו ראַטעווען...

ווען רוזשעלע האָט אים דאָס אַלץ איבערגעגעבן, האָט ער געלאַכט, דער אָבערלייטענאַנט שולצע. ער האָט אַזוי הילכיק געקייכט פון געלעכטער, אַז ס'איז איר געוואָרן מאָדנע. „וואָס איז פּלוצלונג ס'געלעכטער אויף אים?“ זי האָט אַזש נישט געוווּסט וואָס צו טון און האָט זיך דערפילט זייער אומבאַקוועם.

— אַבי מען האָט געזאָגט — מאַכט ער — אַז איר, יידן, זענט קלוג!

און האָט נישט אויפגעהערט צו האַלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער. דערנאָך, פאַרן אָפּגעזעגענען זיך, מיט זיין געוויינלעכער, גוט־דערצויגענער העפלעכקייט, האָט ער נאָך צוגעגעבן:

— גוט. איך וועל די זאך זען אפצורופן. ביי מיר איז געווען דער בעסטער ווילן.

דאסמאל איז רוזשעלע געווען שטארק צופרידן אפצושטעפן זיך פון אים.

מיט עטלעכע טעג שפעטער האט זיך אין די פאריזער צייטונגען, צווישן די קעפ פון גרויסע דייטשע זיגן און אנפאלן אויף יידן, באוויזן א ידיעה מיט קליינער שריפט. א ידיעה וועגן דער דערשיסונג אין „שערש-מידי" פון א גרופע ערובניקעס, קאמוניסטן און יידן. צווישן די אויסגע-רעכנטע איז אויך געווען דער נאמען: בעני גרינבערגער.

קאפיטל נייןאונדרייסיק
ביייערישע לאנדשאפט

אויפן מיט־וועג פון רעגענסבורג קיין נירענבערג האבן די פויערים מיט די צעווינטיקטע פנימער, מיט דער פארשטעקטער פייף צווישן די געלע ציינער, מיט דער פעדער אין גרינעם יעגער־הוט, אויפמערקזאם דעם פעל-זיקן באדן צווישן די שיפע אראפהאנגען, באדעקט מיט א רינג געדיכטע נאדל־וועלדער. נאכגייענדיק דעם אקס אינעם אקער, האבן זיי אויפגעקליבן די רעשטלעך פון פארגעסענע הונען־קברים, צעזייטע מיט הונדערטער יארן צוריק, אויפן וועג צו די שמאלע דורכגענג אין די אלפן, אויפן וועג צום אונטערגאנג פון רוים. אין די טאלן איז אויפגעגאנגען א שיטערער זאנג און איבערהויך צווישן די פעלזן, האבן אויסגעדייווערטע שעפסן־סטאדעס, דורך די עטלעכע קורצע זומער־חדשים, ארומגעצופט דאס נידעריקע גרעזל. אויף די שיפועים, באשיצט פונעם רייסיקן ווינט, זענען די נאדל־ביימער געוואקסן גלייכע, שלאנקע, ווי א פיילן־שאס. ביימל ביי ביימל האט זיך אין דער געדיכטעניש געצויגן צום ליכט און גאנץ אויבן, צווישן די נאקעטע פעלזן, האט זיי די פאנטאזיע פונעם ווינט אויסגעקרומט אין געדרייטע, סענקאטע און קריכנדיקע. צווישן די אראפהאנגען האבן געמורמלט קלארע, דורכזיכטיקע ריטשקעס און דורך די טאלן אראפגעגאסן זיך אין א נעץ פון אדערלעך, צום מוטנעם דונאי, אין דער נאענט פון רעגענסבורג.

ווי אין דעם 30־יאריקן קריג, וואס איז דא דורכגעגאנגען ווי א שטורעם און געלאזן נאך זיך שיטער-פונאנדערגעווארפענע ישובים, זענען אויך דאס־מאל די מאנסלייט, יונג און אלט, געהאט צוועק אויף די ווייטע פראנטן, נאך „לעבנס־רוים", נאך רויב, אבער מער קיינמאל נישט אומצוקערן זיך צו די

היימישע שוועלן. זיי זענען אוועק ביז הינטער לענינגראַד, אין דעם ווייטן אוקראַינע, וווּ דער זאַפט פון די אויפגעגאַנגענע, שווערע ווייצן, אָנגעזאַפּט מיטן פאַרגאָסענעם בלוט, וועט זיך אויפסניי איבערגיסן אין די אָדערן פון פרישע, ראָזינקע קינדערלעך. דאָס געביין פון די בערדיקע מאַנסלייט פון דער אָבערפאַלץ וועט זיך ערגעץ וואַלגערן פאַר די הינט און פאַר די רויב-פייגל, אויף אַ פרעמדער ערד, ווייל זיי, ווי זייערע עלטער-זיידעס, — די קנעכט פון די מיטלאַלטערלעכע בורגן — האָבן נישט אונטערגעצונדן די אָפּגעשלאָסענע מאָנאַסטירן, וואָס האַלטן נאָך היינט אין זייערע נעגל די פעטסטע ערד-חלקים; ווייל זיי האָבן נישט צעריבן און אוועקגעלאָזן מיטן רויך די אַלטע פעאָדאַלע שלעסער פון די באַראָנען און פון די גראַפן.

פעסטע און געמויערטע, פון רויען שטיין, באַשיצט מיט וואַך-טורעמס און גראָבנס מיט הענג-בריקלעך, שטייען זיי נאָך היינט ביי די רוישיקע באַרג-וואַסערלעך, אויף די שייד-וועגן, צווישן די אייביק-גרינע נאָדל-וועלדער. די אייניקלעך פון יענע הארן, וואָס האָבן צום טויט פאַרשמיסן די הויף-קנעכט, זענען נאָך היינט בעלי-בתים פון גרויסע ערד-שטחים, וועלדער, דאַמף-מילן, ביר-ברויעריען; זיי זענען אַקציאָנערן פון גרויסע באַנק-הייזער, אינדוסטריעלער און געהערן נאָך אַלץ צו דער אויסדערוויילטער מיליטערישער קאַסטע. נאָך היינט קומען זיי אַראָפּ פון די רוישיקע שטעט אָפּגעפּרעסענע און אויסגעהוליעטע, אין זייערע אַלטע שלעסער, אין זייערע גיטער און אין די וועלדער אויף יאַגד. די געגנט דאָ איז אָרעם אין ברויט און רייך אין געווילד. מיטן ערשטן שניי ווייזן זיך די טלאָען-שפּורן פון יונגע סאַרנעס, די קרומע שפּרונג-צייכנס פון אָפּגעפּאַשעטע האָזן, די לויערנדיקע שפּרייזן פון כיטרן פוקס. זיי גראָבן אויף דאָס ביסל אָפּגעוועלקטע גרינס פון אונטערן אָנגעפאַלענעם שניי און דער פוקס, דער פלייש-פרעסער, טייעט נאָך זייערע פיס-טריט. איבער די באַרג-טייכלעך און סטאַוון פליען סטאַיעסווייז די ווילדע קאַטשקעס, וואַסער-הינער טוקן זיך אונטער און ביי די וואַסער-פאַלן, ביי די אויפגעשטעלטע דאַמבעס, ראַיעט עס שוואַרץ פון אָקונעס און העכט מיט שליימיקע וואָנסן.

דער פויער מיט דער פאַרשטעקטער פיפ צווישן די געלע ציינער ציט הכנעהדיק דעם גרינעם הוט מיטן פעדער פאַרן הער באַראָן, ווי זיין עלטער-זיידע, דער לייב-קנעכט, באַגיסט ער זיך מיטן שווייס ביים אַרויסרייסן דאָס זשעדנע שטיקל ברויט און זיצט אָפּ דעם זונטיקדיקן טאָג אין דער „ווירט-שאַפט", ביי די גרויסע פאַרצלאָנענע קופּליעס שוואַרצן ביר — די באַמאַלטע קופּליעס מיטן פאָרטרעט פון לעצטן בייערישן קעניג, לודוויק דער 3-טער, מיט די רויטע בעקלעך און מיט די בלויע אויגן, ווי ביי אַ מאַדאָנע פון די ביליקע ליטאָגראַפיעס. דער אַלטער דייטשער שקלאַפן-שפּרוך איז אויסגעצירט אין געדרייטע גאָטישע אותיות מיט אָרנאַמענטן: „אַרבעט

מאכט דאס לעבן זיס". פארנאכט קלינגען אומעטיק די גלאקן און זיי גייען לאנגזאם, צווישן די שמאלע, שטייניקע געסלעך, מיט דער געדרייטער שטיג, צום געבעט-הויז. די ערד שפייזט דא שווער די פונאנדערגעוואקסענע גע־זינדן. אין יעדן פויערישן הויז וואלגערן זיך מינדעסטנס א צענדליק קינ־דער. די דערפער פון דעם קאנט ליפערן מאגערע טאג־לוינער פאר די שטיין־קאריערן, צעמענט-פאבריקן און פאר דער שטאט-אינדוסטרי — ארעמע מענטשן, וואס באגנוגענען זיך מיט גארנישט און ארבעטן שווער. איידער די באראנישע זינגלעך האבן זיך דא פאראייניקט מיט דער אונטערוועלט, מיט די ס. א.־באנדעס, מיטן שמאטישן שיכט קליינע באאמטע און נישט־דערפארענע אינטעליגענטן, און אוועקגעשטעלט א רעזשים פון טעראר, זענען זיי יעדן טאג געדולדיק געגאנגען אויסהערן די רעדנער אויף אלע מיטינגען, פון די קריסטלעך-נאציאנאלע, ביז די סאציאל-דעמאקראטן און קאמוניסטן. אין די אלע אנגערויכערטע ביר־שאפעס, ווו די מיטינגען זענען גערופן גע־ווארן, האט מען געזויפט ביר און געפיפקעט ביטערע ציגארן. נאך אלע רעד־נער און נאך אלע ארגומענטן, האבן זיי זייער וויכטיק צוגעשאקלט

— יא, יא, דער האט רעכט, ס'שטימט שאן!

אין בייערן איז געווען דאס וויגעלע פון היטלער־פוטש אין 1923 און פון קורט אייזנערס דערשטיקטער בייערישער ראטן־רעפובליק. אין 1933 האט זיך בייערן דירעשט געלאזן פארשווענקען פון נאציזם. די בייערן האבן אויף אלעם געענטפערט: ס'שטימט שאן! און זענען אוועק מיט סאלדאטישע גענדזן־שריט, וווהין מען האט זיי נאר געפירט. די איבערבליבענע רעשטלעך פון סאציאל-דעמאקראטן און קאמוניסטן, וואס זענען כמעט אלע אוועק־גענומען געווארן אין די קאנצענטראציע־לאגערס אויף אומקום, האבן די נייע הערשער געהאט אויפן אויג, פארשיקט זיי אונטער א שטארקער וואך אין די ארבעטס-באטאליאנען, ווייט פון זייערע היימען. זיי זענען עס געווען די ערשטע „העפטלינגע" אויסצופירן די שווערע ארבעטן אין דעם ניי־פאר־לייגטן טרופן-איבונגס-פלאץ, האהענפעלז 2, א פארווארפענער עק, א קילא־מעטער 18 פון א באן. צוליב דער נאנטקייט פון דער טשעכישער גרענעץ, איז דאס דאזיקע ווינקל אויסגעקליבן געווארן, נאך פאר 1938, ווי א „שפרונג־ברעט", ווי א פארפעסטיקונג-ליניע צווישן די הויכע פעלזן און שמאלע דורכגענג איבער די אייליקע טייכלעך און בארג־אפריסן.

מיטן עוואקואירן דעם קרייז דערפער און שטעטלעך, 30 קילאמעטער אין קוואדראט, איז דא ארויסגעקומען א גאנצער געטו. דער בירגערמייסטער און פארטיי־לייטער פון דיטלדארף, אלברעכט מאיער, האט וועגן דעם מי־ליטערישן פלאן דערשמעקט א סך פריער ווי אנדערע. צו אים אין דער „ווירטשאפט", „צום ווייסן שוואן", זענען מיט חדשים פריער געהאט פאר־פארן די „אבערסטן" און די אינזשינירן. פונאנדערגעשפיליעטע, זענען

זיי געזעסן אין דער אויסגעווייסטער שענק־שטוב, געטרונקען שוואַרצן, געדיכטן ביר — ניט חעם „ערזאַץ", וואָס האָט קוים 3-2 גראַד — געזויפּט שנאַפּס און פאַרביסן מיט ראָזע און פעטע שטיקער שינקע. אַלבערכט מאַיער, וואָס האָט פאַרן ווייב און פאַר די "קנעכט", אַליין אויסגעטיילט אַ שטיקל חזיר־פלייש, אַליין געשניטן, שיעור נישט איינשנײַדנדיק זיך די פינגער, האָט די הויכגעשטעלטע געסט מכבד געווען פון שענסטן און פון בעסטן. ער האָט זיי אַליין סערווירט, אומגעדרייט זיך אין אַ ווײַס, געפּרעסט פאַרטוך און אַלעמאָל דערבליקט זײַן פאַרפלאַמטן פּליך אין שפּיגל קעגן־איבער די געסט. ער האָט זיך זײַטיק אונטערגערוקט, אונטערגעהערט זיך צו די געשפּרעכן וועגן דער ווילדער, פּיטאָרעסקער לאַנדשאַפט דאָ און וועגן אָרעמען שטיקל ברויט, וואָס קומט אָן אַזוי שווער אַרויסצורײַסן פון פעלזיקן באָדן. דערבײַ האָט ער אויך געפּרוּווט עפּעס אַרײַנצוואַרפן: „מײַן זעליגער פאָטער — האָט ער געלאָזן הערן זײַן שטים — וואָס האָט געלעבט ביז הונדערט מיטן איין יאָר, האָט געפּלעגט צו זאָגן: „האָהענפעלז, האָהענפעלז, דו האָסט אונדז מיט פיל שטיינער באַשערט, אָבער מיט ברויט — ווייניק"... ער האָט דערנאָך אַ זופּ געטאָן פון דעם ביר, געווישט זיך די צוויי שטרויענע וואָנסן און האָט איינער אַליין אַרויסגעלאַכט פון זײַן טאַטנס וואַזשנער פּויערישער חכמה. געגאַנגען איז אים אָבער הער עיקר זײַטיק געוואָגט צו ווערן בײַ זיי, ווו דער טרופּן־איבונגס־פּלאַץ וועט זיך גרענעצן און צי דיטלדאָרף גייט אַרײַן אין אָנגעצייכנטן קרייז; ווײַל דעמאָלט דאַרף ער דאָ איבערלאָזן האַק־און־פּאַק און פאַרנעמען זיך. ער האָט יאָ געוווסט מיט וואָס עס שמעקט — מיט עוואַקואַציע, מיטן אויסצאָלן עטלעכע טויזנט מאַרק, פאַר וועלכע מען קען שוין מער גאָרנישט צוריקקויפן. דער „אָבערסט" איז, זעט אויס, געווען אַ מענטש מיט חוש פאַר געשעפט, האָט ער זיך געלאָזן אײַנפּאַקן אַ האַלב געקוילעטע חזיר, עטלעכע קילאָ פּוטער און האָט צוגעזאָגט צו טאָן, וואָס ער וועט נאָר קענען; און ער האָט טאַקע געטאָן אויך. ס'איז אײַנגעפונען געוואָרן, אַז אָט דאָס דערפל, וואָס ליגט אין טאָל, זאָל זײַן די גרענעץ. גאָר אינגיכן איז דער קרייז דערפער אין איינע צוויי טעג עוואַקויִרט געוואָרן; אין איינע עטלעכע טעג האָט אַלץ געמוזט אָפּגערויִמט ווערן. דער פּויער האָט אײַנגעשפּאַנט דעם אָקס, געפּלוכט אין די געל־פאַרויכערטע וואָנסן־אַרײַן און אַוועקגעפירט דאָס צערודערטע ביסל באַלעבאַטישקייט. דער אַרבעטס־אַמט האָט זיך שטרענג פאַרנומען מיט די אומצופרידענע, וואָס האָבן זיך באַלד נישט געקענט צוריקכאַפּן צו אַ שטיקל ערד־ווירטשאַפט. מען האָט זיי רעגיסטרירט און זיי זענען אינגיכן גערופן געוואָרן אויף אַרבעט.

און קיין אַרבעט האָט נישט געפעלט. עס איז געווען פאַרגעזען אַ פאַרטיקער פּלאַן אויף יאָרן. עס האָבן דאָ געזאָלט דורכגעשניטן ווערן נײַע שאַ־

סייען, אַנשטאָט די שמאָלע, בלאָטיקע ווענעלעך באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, קאַזאַרמעס, שיס־פּלעצער, קאַנטינעס, אַ ים באַראַקן, פערד־שטעלער, אויטאָ־גאַראַזשן און אַ באַן־ליניע מיט אַ וואָקזאַל, וואָס זאָל פאַרבינדן דעם אָפּגעלעגענעם העק מיט דער וועלט. דאָס וויכטיקסטע און אויפן ערשטן פּלאַן זענען געווען די בונקערס, די בלינדע צעמענט־בלאָקן, מיט די שיס־לעכער, צעוואָרפן אויף די הויכע אָפּריסן, געמאָלן אין גרינע און געלע פאַסן, אָפּצונאַרן דאָס אויג. קאָמיאָנען זענען יעדן טאָג געפאָרן צו דער באַן און האָבן געברענגט די טיילן פון די באַראַקן. אַ ווינער פירמע — די געברידער באַקקע — האָט צוגעשטעלט גאַנצע וואַגאָנען פון אַ געוויסן פּראַקטישן מאָדעל, געמאַכט פון דיקן קאַרטאָן און פון העראַקליט. די פּויערים פונם קאַנט האָבן אויסגעגלייכט דעם בערגלדיקן באָדן און איבער נאַכט זענען אויסגעוואַקסן די באַראַקלעך שורותווייז, מיטן אויג צו פאַרלירן. פאַר די אָפיצירן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין געמייערטן הויז פון רויען שטיין, אין דער פערמע, און זענען יעדן טאָג געקומען אינספּעקטירן די אַרבעטן, האָבן זיי געציטערט, די ציווילע, סאַלוטירט זיי. פון דער קאַנטינע, אינדערמיט פּלאַץ, האָבן זיי גענומען דאָס עסן — אַ וואַסערדיקע זופּ, אַן אויסגעטיילט שטיקל ברויט, און פאַרנאַכט — אַ פּאָר קאַרטאָפל אין די שאָלן און אַ שטיקל וואַסער־וווּרשט, אָדער דעם שטינקנדיקן „שמאַלץ־קעזע".

אַלבערעכט מאַיער, דער בירגערמייסטער און פּאַרטיי־לייטער פון דיטל־דאָרף, וואָס איז געבליבן ביי זיינע אָנגעראַבעוועטע פאַרמעגנס, האָט איצט גאָרנישט קיין שלעכטע געשעפטן געמאַכט. אויסגעקאָכט מיט די אָפיצירן פון דער קאָמענדאַנטור, איז ער געוואָרן דער הויפּט־צושטעלער פון עסנוואַרג ביים לאַגער. דערנאָך איז ער שוין אינגאַנצן אַריינגעקראָכן אין דער גרויסער פערמע אַלס ווירטשאַפט־פאַרוואַלטער. ער האָט אונטערגעשוירן זיינע לאַנגע, שטרויענע וואָנסן, איבערגעלאָזן זיך גאָר קליינע „פּירער"־וואָנסעלעך, אַרויפגעצויגן אַ פּאָר געלע שטיוול, אַ גרין, בראָדירט בייעריש וועסטל, אָנגעזאָטלט יעדן אינדערפרי דאָס פלינקע רייטפערד פון די שטעטלער און איז אַרומגעפלויגן איבער אַלע פאַרלאָזענע פעלדער, וואָס זענען אין דעם מלחמה־יאָר אויפסניי צעאַקערט געוואָרן. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן באַלעבאָס איבער גיטער, וועגן וועלכע זיין עלטער־זיידע האָט קיינמאָל נישט געחלומט. אין די אויסגעווייקטע באַראַקלעך, צווישן די ערדלאָזע פּויערים און טאָג־לוינער, האָט מען פאַר אים געציטערט. צווישן זיך האָבן זיי אים אין שפּאַס אָנגערופן „הער באַראָן", אָבער ווי נאָר ער איז אָנגעפלויגן אויף זיין רייט־פערד, האָבן זיי הכנעהדיק געצויגן פאַר אים דאָס היטל און אַריינגעשלונגען דעם „גריס־גאָט". האָט ער אָבער אויף אַלע שייד־וועגן אינטיכן געלאָזן אָנשלאָגן אַ שילדל: „אונדזער גרוס איז — „הייל היטלער!" און ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט ניט פאַרריסן די האַנט צום

גרוס. ער האָט, נישקשה, געוווּסט פון די אַלע אומצופרידענע, וואָס מורמלען אונטער. געווען אַזעלכע אין די באַראַקלעך, וואָס האָבן אַלץ אונטערגעטראָגן. די פּראָצעדור איז געווען אַ קורצע. מען איז געקומען, אַוועקגעפירט און מער האָט שוין קיינער קיינמאָל נישט געוווּסט פון זייער געביין.

אינמיטן העלן טאָג האָט ער אָנגעבונדן דאָס אומרואיקע רייט־פערד אויפן „היטלער־פּלאַץ“, פאַר דער קאַנטין, און איז אַריין אויסטרינקען אַ גלאָז ביר און אַרומפלאַפּלען אַביסל מיט דער גראָבער קאַנטיניערקע גריטל. זי האָט זיך געדרייט אַרום טומבאַנק, געוויגט מיט די פולע היפטן, פאַרשאַרט די לעקעלעך, וואָס זענען איר געפאַלן אין די גרינע קאַצן־אויגן, און געהאַלטן די רויטע, אָנגעדראָלענע הענט ביי די באַקעס, ווי אַ מאַנספּאַרשוין, און געלאַכט מיט אַ פול מויל געזונטע רייס־ציינער.

— דער ביר איז וואַסערדיק! — האָט ער געדראָט מיט אַ פינגער — איך מוז נאָך, גריטל, איינמאָל אַנדעקן אַז דיין „גראָס־פאָטער“ איז געווען אַ “יודע”...

— מיין „גראָס־פאָטער“ איז געווען אַ „יודע“ ווי דו — אַ באַראָן! — האָט זי אים אויפן אָרט פאַרפּאַטשט דאָס מויל. זי איינע האָט פאַר אים נישט געציטערט.

און נאָך איידער ער האָט אַראָפּגעלאָזן זיין אָנגעצילטע דלאָניע איבער אירע פולע היפטן, ווי ס'איז דער שטייגער צו באַנעמען זיך מיט די „ווייבערלייט“ אין בייערן, האָט זי שוין אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש.

— אַלברעכט! — איז זי געווען מיט אים אויף „דו“ פון גרויס היימישקייט — זיי קומען מערנישט טרינקען קיין ביר, די „פּאָולענצער“...

— סאַבאָטאַזש! — האָט ער זיך וויכטיק אַ וויש־געטון און פאַרגעסן, אַז ער האָט שוין לאַנג אַראָפּגענומען זיינע שטרוי־וואָנסן — זיי וועלן שוין ביי מיר טרינקען!

די אויטאָסטראַדע, וואָס איז געבליבן נישט־פאַרענדיקט, האָט מען דאָ גענומען בויען אין טיפן אָקטאָבער 1939. די דורכגעווייקטע באַראַקלעך האָבן שוין דערמאָלט אָנגעפילט די ערשטע פּאַרטיעס פּוילישע געפאַנגענע. זיי האָבן אָפּגערוימט די מעטערדיקע שנייען, אַוועקגענומען די בערגלעך, אויסגעגלייכט די גריבער. נאָך צען שעה אַרבעט, מיט אַ וואַסערדיקער זופּ אין די געדערים, זענען זיי צוריקגעטריבן געוואָרן הינטערן שטעכל־דראָט. מיט איין יאָר שפּעטער האָבן זייער פּלאַץ פאַרנומען די געפאַנגענע פראַנצויזן פון אַ ברעטאָנישע דיוויזיע. מיט טאָג־גלייך, אין שניידיקן פראָסט, זענען זיי אונטערן נידעריקן הימל שוין געווען צעשטעלט אויפן פייף, אין קעסטלדיקע רייען אין דער מיט פּלאַץ. די גאַנצע שטראָף־קאָמאַנדאָ פון „ווידערשפּעניקע פראַנצויזן“, וואָס האָבן געוואַגט צוויי און דריי מאָל צו אַנטלויפן, האָט דער קאַפּיטאַן שנאַלע, אַן אָנגעכמורעטער פאָלקס־שול־

לעגער פֿון קעניגסבערג, אַנטקעגן דעם פּראָוויזאָרישן סערזשאַנט לע־קלער. אויף אים האָט ער זיך געקאָנט פֿאַרלאָזן. מיטן פּייפּל, מיטן אָפּגע־שיילטן וואָרבערשטעקעלע, האָט ער אויפֿגעריסן די טירלעך פֿון די באַראַקן צוזאַמען מיט די דײַטשע פּאָסטנס און אַרויסגעשלעפּט די פֿאַרשפּעטיקטע. די פּראָוויזן, וואָס זענען נישט געווינט געווען צום שטרענגן, בײַערישן ווינטער, האָבן זיך אַרומגעבונדן די פֿיס און די קעפּ מיט שמאַטעס, אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען די שפּיץ נאָז. דאָס טויער האָט זיך אויפֿגעמאַכט און גרופּנווײַז זענען זיי אַוועק צו די אַרבעטס־פּלעצער.

די גרויסע דײַטשע בוי־פֿירמעס „גערטנער און גרין", די געברידער ווייס, די אַקציע־געזעלשאַפֿט „עקערט עט קאָמפּ.", האָבן דאָ אַראָפּגעבראַכט ריזיקע הויב־מאַשינען, לאָקאָמאָבילן, טראַקטאָרן, וואַגאָן־וואַרשטאַטן, אַ צוג מיט וואַגאָנעטקעס, שינעס און די אַרבעט האָט זיך אַפֿילו אום זונטיק נישט אָפּגעשטעלט. די בויער־מאַשינען האָבן אויפֿגעריסן דעם פּעלזיקן באָדן, דורכצוליינגן די קאַנאַליזאַציע. עס זענען פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן בריקלעך אי־בער די אָפּגרונטן. לענגאויס דעם ערד־וואַל איז געגאַנגען די באַוואָפֿנטע וואַך. סאַמע אונטן, צווישן די ווילדע פֿעלזן, וואָס זענען אויפֿגעריסן געוואָרן מיט דינאַמיט, איז די אַרבעט, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון די דײַטשע „פֿאָראַר־בעטער", געגאַנגען אָן איבעררײַס. אין איינע צען מינוט האָט די לאַנגע קייט וואַגאָנעטקעס געמוזט זײַן אָנגעפֿילט. אַלץ איז דאָ געגאַנגען אויפֿן פֿײַף. צווישן די ריזיקע פֿעלזן און טיפֿע אָפּגרונטן, האָט זיך דער קליינער, איינ־געשרומפּענער מענטש אַזוי ווי פֿאַרלוירן.

נאָך מיט עטלעכע טעג פֿריער, איידער מ'האָט אַרונטערגעבראַכט אַהער די רעשטלעך פֿון די אויסלענדער־רעגימענטן און יידן, האָט דער אָנגע־כמורעטער קאַפּיטאַן שנאַלע אָפֿיציעל געמאָלדן דעם לאַגער־שעף לעקלער, אַז עס קומט אַהער אַ פּאַרטיע „אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרברעכער" און יידן, צו פּאַרטווייז דאָ אַ טייל, וואָס וועט געשיקט ווערן אין געוויינלעכע קאָ־מאַנדאָס.

מען האָט זיך דאָ געריכט אויפֿן נײַעם טראַנספּאָרט אַרום האַלבער נאַכט, ווײַל די 18 קילאָמעטער פֿון דער פֿאַרוואָרפֿענער סטאַנציע האָט מען זיי געטריבן צופֿוס. בײַנאַכט, אין קראַנקן, מידן שלאָף, האָבן זיי פֿאַרנומען פֿון הינטער די דינע ווענטלעך אַ פֿאַרשטיקט און נאָכאַנאַנדיק גייעניש, אַ קלומפּערן און דאָס אויפֿגערעגטע שטימעלע לעקלערס. די פֿריש־געקומענע האָבן פֿאַרנומען די הינטערשטע רײַ באַראַקן. זיי האָבן זיך אַוועקגעוואַלגערט אין אָנטון און אָפּגעשלאָפֿן ביז נאָכמיטאָג.

פֿאַרנאַכט האָט דאָס שנײַדיקע פּייפּל לעקלערס אַ רוף געטאָן אויפֿן פּלאַץ. דאָס קלאָרע, פּראָסטיקע צפֿון־ליכט האָט געשניטן אין די פֿאַרקלעפּטע אויגן, ווי מיט גלאָז. אַ פֿרעמדע, ווינטערדיקע זון האָט זיך געזעצט הינטער

די פּאַרשנייטע פעלזן און פון די אָפענע פּליינען האָט אָנגעיאָגט אַ רייסיקער ווינט. אונטער דער אויפזיכט פון קאַפּיטאַן שנאַלע, האָט לעקלער גלייך זיך גענומען פונאַנדערטיילן די גרופּן צו די פירמעס.

זשאַקל האָט זיך צום דאָקטער נישט געמאָלדן, כאָטש די שלייפן האָבן אים געהאַקט, די פיס האָבן זיך אים געזעצט און ער האָט געפילט אַ זלידנע ברעכעניש אין די ביינער. די אַלע, וואָס האָבן זיך נאָכדעם געשטופּט אַרום געהייצטן באַראַקל, האָט דער יינגער פראַנצויזישער אַדיוטאַנט־שעף — אַ לאַנגער, אַ דין־געשוירענער, מיט אויגן־גלעזער אין שוואַרצע ראַמלעך, שע־מעוודיק און העפלעך צוריקגעשטופּט צו דער טיר:

— מיר קענען גאָרנישט פאַר אייך. אזוי זענען די אָנזאָגן...

ס'האָט קיינעם גאָרנישט געהאָלפן. קראַנקע, מיט הויכן פיבער, מיט אָפּגעריבענע פיס און אייטערדיקע וווּנדן, האָבן זיך באַלד צוזאַמענגענומען אין קאַלטן פאַרטאָג, געמוזט צושטעלן אין דער ריי צו דער אַרבעט.

דער היימיש־צוזאַמענגעלעבטער אינטערנאַציאָנאַל פון באַראַקאַרעס, פון פראַנטן, פון סטאַלאַג, האָט שנעל פאַרכאַפּט פּלעצער אין די באַראַקלעך און צווישן זיי — די טומלדיקע, ווייט נישט־דערשלאָגענע בעלווילער יידן. מען האָט אָפּגערודערט די שטרוי־זעק, איינגעאָרדנט די פּאָר שמאַטעס און גע־נומען אַרומקראַצן זיך דעם ברודיקן אויסוווּקס. איבער זשאַקלען איז געשלאָפן דער קובאַנער קאָזאַק באַנדאַרעוו, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט קיין האָהענ־פעלז אַזש פון דעניקינס אַרמייען. לינקס — דער באַסק מאַרטי, אַ יינג אַ ריז, מיט אַן אַדלער־פּראָפיל, וואָס האָט אין זיין היים, אין די פּירינייען, גע־שניטן די אוראַלטע וועלדער און געכאַפּט ווילדע פייגל. ביינאַכט האָט זשאַקל געקרעכצט פון היץ; האָבן זיי צעהאַקט דאָס אינעווייניקסטע טירל, געמאַכט פייער און צודערלאַנגט אים אַן ערדענע שיסל וואַרעמס אין בעט אַריין. אינ־דערפרי איז ער מיט קאָפּ־שווינדל און מיט אונטערגעבראָכענע קני, אַרויס צו דער אַרבעט.

אין דער שטיין־קאַריער, ביי דער פירמע וויים, האָט מען זיי שוין אין דעם פרימאָרגן אויסגעקוקט. דער קאָנטראַמעטר, מיטן ציגאַר און מיטן ביר־בויך, האַנס שטראָבל, וואָס האָט נישט אַרויסגעצויגן דעם איינגעלייגטן מע־טער פון די שטילפּן, איז דאָ באַלד צוגעשטאַנען צום באַסק מאַרטי. מיט זיין קרומלעכער, שיין־געשניטענער אָדלער־נאָז, האָט ער אים אָנגענומען פאַר אַ ייד. ער האָט אים אומישנע אַוועקגעשטעלט איינער אַליין אָנצולאָדן די שטיינער ביי אַ וואַגאָנעטקע, וווּ דער שנאָבל פון דער הויב־מאַשין לאָזט זיך אַלע עטלעכע מינוט אַראָנטער, גיט זי לייכט אַ כאַפּ, אַ הויב אין דער לופט און שיט זי אויס מיט אַ פערציק מעטער ווייטער, אויף יענער זייט קאַנאַל, וווּ מען ברוקירט דעם דורכגעשניטענעם שאָסיי צווישן די פעלזן. האַנס שטראָבל איז די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן; און כאָטש דער לאַנגער

מאַרטי האָט געהויבן די שטיינער מיט אַ זעלטענער פֿלינקייט, אָפּגעפּאַרטיקט זיך פֿריער ווי די הויב-מאַשין, איז ער געשטאַנען איבער אים, שטראָבל, און נאָכאַנאַנד געוואָרטשעט. מאַרטי האָט אים עטלעכע מאָל אָפּגעמאָסטן פֿון פֿון אויבן ביז אַראָפּ און דאָס הייסע באַסקישע בלוט אין אים האָט אָנגע-הויבן צו זידן. נאָך אַ גליק וואָס יענער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן.

די צוויי שעדלעצער שוואָגערלעך, די שניידערס, דער שוסטער גאָלד-בערג און זשאַקל זענען געווען פֿאַרשמעקט ערגעץ נידעריק, צווישן פֿעלזן אַז מ׳האָט זיי אינגאַנצן נישט אַרויסגעזען. זיי האָבן געהאַלטן רידלען אין די הענט, האָבן געלאָזן שיטן דאָס דינע שנייעלע איבער זיך און האָבן זיך גע-שפּאַרט איבער דעם, צי היטלער וועט באַקומען די שנעלע בראָך. אַז עמיצער פֿון די „פֿאַראַרבעטער" האָט זיך באַוויזן אויבן, האָט מען געגעבן אַ הוסטל און זיי האָבן זיך גענומען קאַלופּען צווישן די פֿעלזן. צו זשאַקלען, מיטן בלאָנדן אויסוווקס און מיט די גרויע אויגן, איז אונטערגעקומען איינער פֿון די ציווילע, אַן אַלטער, און אים געבעטן אים אָנצווייזן ווער ס׳איז דאָ אַ ייד, ער וויל אָנקוקן אַן אמת׳ן ייד. זשאַקל, כאָטש ס׳האָבן אים געבראָכן די ביינער, האָט זיך אַ וויצל-געטון:

— צאָלסט אַ ביר, אַלטער, וועל איך דיר ווער ס׳איז דאָ אַ ייד!

דער אַלטער האָט זיך גענומען קראַצן איבער אַ צעפּליקט ביימעלע, גער נישטערט צווישן די מטבעות.

— מען דאַרף נישט — האָט אים זשאַקל אַ צי־געטון ביים אַרבל — קוק מיך אָן, דאָ רעדסטו מיט אַן אמת׳ן ייד.

— אוממעגלעך! — האָט אים דער אַלטער אָנגעקוקט פֿאַרחידושט. און ער איז לסוף אַוועק, וואָרטשענדיק — אַבי זיי האָבן דאָרט "געשפּינען", די פֿאַריקטע...

פֿאַרחלשט און אויסגעפֿרוירן, האָט מען אויסגעקוקט דעם ליבן פֿאַר-נאַכט, אַוועקצוואַרפֿן זיך אין באַראַק. אַן אייביקע גרויע וואָך האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. מען איז אויפֿגעשטאַנען מיטן פֿייף, געלייגט זיך מיטן פֿייף און אויסגעפֿירט די באַפֿעלן פֿון אָנגעכמורעטן קאַפּיטאַן שנאַלע און פֿון זיין שיק-יינגל לעקלער. ווען אים האָבן זיך שוין געטראָגן קלאַנגען, אַז ער וועט אינגיכן באַפֿרייט ווערן. איינער אַליין האָט ער פֿאַרנומען דעם געהייצטן און ריינלעכן באַראַק. ער האָט אויסגעטיילט דאָס פֿערטעלע ברויט, קאָנטראָלירט די קיך און אַריינגעוואָרפֿן אין פֿינצטערן אַרעסט, ווען מ׳האָט אים אַקעגנ-גערעדט. זיין ציל איז געווען שטרענג אָפּצוטיילן די ברעטאָנער פֿון די פֿריש-געקומענע, געהאַלטן פֿאַר זיי אַ רעדע וועגן יידן, וועגן אויסלענדער.

פֿאַרן באַפֿרייט ווערן, האָט ער פֿריער געבראַנגט אַביסל אָרדנונג אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון לאַגער. ער האָט אָנגעווענדעט דעם דייטשן מעטאָד פֿון קאַטעגאָריעס. צו באַזעצן די קיך, וווּ מען קען זאַט אָפּעסן, די דאַלמע-

טשער־פּאָסטנס, האָט ער אַמבעסטן אײַנגעפּונען די שווייצער. זיי רעדן דײַטש און זיי רעדן פראַנצויזיש. ס'איז געווען עפּעס אין דעם גייסט פון דער „פאַר־שטענדיקונג". אַלס פאַרטרעטער פון לאַגער־שעף, האָט ער אויסגעפונען דעם נאַרמאַן קלאַד־מאַרי, אַ פּיפּיקער פויער מיט אַ געזונטער רויטקייט אין די באַקן און זײַנע געהילפן — עטלעכע אויסגעווייקטע יינגע גלחים־סעמינאַ־ריסטן, וואָס האָבן זיך געפּאַרעט אין דער קליינער, פּראָוויזאָרישער קירכע און זענען געווען שמשים ביים גראָבן גלח פון ליל, וואָס האָט יערן זונטיק צונויפגערופן אַ מיסע; אין דיזעלבע באַראַקלעך האָבן געוווינט עטלעכע סאַניטאַרן און די, וואָס האָבן געפירט די רעכענונגען פון דער קאַמאַנדאַ.

אין באַראַקל צוזאַמען מיטן גלח האָבן געוווינט ביידע דאָקטוירים, דער דין־געשווירענער, מיט די אויגן־גלעזער אין שוואַרצע רעמלעך. ער האָט זיך שוין אויך געגרייט אַוועקצופאָרן, ער און דער יינגער, פּאַריסענער ליטע־נאַנט, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אַהער פון דער ווישי־רעגירונג צו פאַר־טײַשן חעם פּריערדיקן. זיי האָבן דאָרט גאַנץ געמיטלעך פאַרברענגט און דיסקוטירט איבערן „נייעם אייראָפּע". דאָ איז פאַרלייגט געוואָרן אַ שטילע נעסט פון דאָריאָ'טיסטן און „קאָלאַבאָראַטאָרן". די דאָקטוירים האָבן זעלטן־ווען אַרײַנגעשמעקט אין די שטענדיק־איבערגעפּאַקטע קראַנקן־באַראַקן. זיי האָבן עס געלאָזן פאַר די עטלעכע פלאַגמאַטישע סאַניטאַרן, וואָס האָבן אַלע קראַנקע געהיילט מיט אַספּירין. יעדן אָוונט האָבן זיך דאָרט געוואַלגערן פאַרוואונדעטע פון די שווערע און געפערלעכע אַרבעטן — אָפּגעהאַקטע פינגער, צעקאַליעטשעטע פיס. די קראַנקע, וואָס האָבן געפוילט אויף די שטרוי־זעק, זענען געווען אויסגעשיט מיט געשווירן אויפן לייב. פון דער אַנעמיע, פון די שלעכטע עסנס, האָט זיך די מינדסטע וווּנד געיאַטרעט וואָכן און חדשים. אַנדערע האָבן געשפּיגן מיט בלוט און זענען געווען געל ווי וואַקס. נאָך האַלבער נאַכט זענען פאָרגעקומען די שטילע לוויות.

איבערגעגעבן זיי אַלע שליסלען פון דער אַדמיניסטראַציע אין לאַגער, האָט זיך לעקלער שטיל אָפּגעטראָגן, באַפרייט געוואָרן „אַלס געפערלעך־קראַנקער", נישט חלילה „פאַרן נוצן ברענגען דײַטשלאַנד"...

קאַפּיטל פערציק

מיר וועלן ווייטער לעבן

אין די הייסע, דעמפּיקע אָוונטן, ביי אויסגעלאָשענע פייערן, האָט מען אין די באַראַקן אויפגעשפּאַרט טיר און פענצטער. סאָ'יז שווער געווען צו אָטעמען אין דער ענגעניש. מען האָט אונטערגעשפּרייט אַ קאָלדרע אויפן

אָפּגעפּרעסענעם גרעזל און מיט אָפענע אויגן געחלומט פון דער ווייטער היים. פון רוסן-לאַגער האָבן זיך געטראָגן פאַרשטיקטע געזאַנגען, סטעפּישע און אומעטיקע. די טאָפּנדיקע רעפלעקטאָרן פון די וואַך-טורעמס האָבן אין געדיכטן, וואַרעמען חושך, אָפּגעדעקט דעם ים באַראַקן-דעכלעך אין טאָל, פאַרשפּינטע געדיכט אין שטעכל-דראָטן. די אָפּגעהאַקטע שיסערייַ האָט בייַ טאָג און בייַנאַכט נישט אויפגעהערט. די טויטן-גריבער הינטערן וועלדל האָבן זיך ביסלעכווייַז אָנגעפילט און מען האָט שוין געגראָבן פרישע. יעדן אינדערפרי האָט מען געזען אַרויספירן די מתים פון רוסן-לאַגער אויף נידעריקע האַנט-וועגעלעך, ווי מען פירט אַרויס דעם אָפּפאַל, דאָס מיסט.

איין אויסוועג נאָר איז געווען — לויפן. די אַנטלאָפענע רוסן, וואָס האָבן זיך קונציק דורכגעגליטשט די דראָטן, האָט מען שנעל געכאַפּט און צוגעענדיקט זיי אויפן אָרט. די אַנטלאָפענע פראַנצויזן האָט דער אָנגעכמורעטער קאַפּיטאַן שנאַלע באַפוילן אַרייַנצוואַרפן אין תפיסה, אויף ברויט און וואַסער. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן. פון אַ קאַלדרע האָט מען אויפגעשטוקעוועט אַ פּאָר הויזן, אַ וועסטל, אַראָפּגערוקט אַ פאַרפעטסטן קאַסקעט איבער די אויגן, אויסצוזען ווי איינער פון די אייַנגעשמירטע דייַטשע ציוויליסטן, און מיט אַ נאָכקאָפּירטער מאַפּע, מיט אַ היימיש-פאַבריצירטן קאָמפּאַס, געלאָזן זיך אין וועג אַרייַן. די יידישע שניידערס פון בעלוויל האָבן זיך גענוג אָנגעבלענדט די אויגן צווישן די נאַרעס, געמאָסטן, אויסגעפּאַסט, אָבער דער שמאָף איז געווען אַ געמיינער, אונטערן ערשטן רעגן איז ער אַראָפּגעפאַלן פון לייב. אַ סך האָט מען צוריקגעבראַנגט אָן הויזן, מיט אויסגעביסענע פּלייצעס.

פון די ערשטע, וואָס מ'האָט צוריקגעבראַנגט און וועלכע זענען דורכגעגאַנגען דעם הויפּט-לאַגער, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָרט רעכנט מען שוין נישט מען זאָל פונדאַנען נאָך ווען אַרויס. זיי האָבן אויך דערציילט אַז עס קלייבט זיך אַהער אַ קאָמיסיע פון זשענעווע פון רויטן קרייץ. דאָס האָט אַרייַנגעבראַכט אַ קליינע צערודערונג אין די קליינע באַראַקלעך, ווו ס'האָט געוווינט דער דאָקטער, דער גלח און די גאַנצע באַנדע. דער יינגער, פּאַריסער לייטענאַנט האָט זייטיק געלאָזן רופן צו זיך די אַנטלאָפענע, אָבער זיי האָבן זיך נישט געאײַלט צו קומען, האָבן אים אפילו נישט געוואָלט אָנקוקן. ער אַליין האָט זיך מיטאַמאָל גענומען באַווייַזן אויף די אָוונטיקע וויזיטן, אויסגעהערט די קראַנקע, געגעבן זיי צמאָל אַ טאָג אָפּרו. אין די קראַנקן-באַראַקלעך האָט ער אייַנגעפירט אַ שטרענגע דיסציפּלין, באַפוילן צו וואַשן, צו רייַמען, צו דיזענפעקטירן. ער איז אַליין פּלוצים געלאָפן צום קאַפּיטאַן שנאַלע, אייַנגעשטעלט זיך ביים דייַטשן דאָקטער מען זאָל די שווער-קראַנקע איבערפירן קיין רעגענסבורג אין שפּיטאָל אַרייַן, און אפילו צו די יידישע קראַנקע האָט ער זיך גענומען באַציִען העפלעכער.

עס האָט זיך איצט געהאַנדלט, אין צוזאַמענהאַנג מיטן קומען פון דער קאָמיסיע, אויסצוווילן אַ פּאַרטרואונגס-מאַן, וואָס זאָל דערלײדיקן מיט די דײַטשן אַלע קאָנפליקטן וואָס שייך דער אַרבעט, וואָס שייך ברויט, עס זאָל זיך פאַרנומען ווערן מיט די יורידישע ענינים פון די געפאַנגענע; ס'זענען געווען דורכצופירן בריוולעכע חתונות און איבערהויפּט — גט'ן. די יידישע שניידערס פון בעלוויל זענען געקומען צולויפן מען זאָל אינטערווענירן וועגן זייערע פרויען און קינדער, וועלכע מ'האָט ערגעץ אַוועקגענומען. זיי האָבן אַלצדינג צוגעזאָגט, העפלעך און מיט שמייכלעך...

איבער די באַראַקן איז שוין דערמאָלט אַרומגעשפּרונגען אויף די טישן דער קליינער מאַנאַך לעפלאַיג. ס'איז געווען דערזעלבער לעפלאַיג, וואָס איז געשלאָפן אַ בעט בײַ אַ בעט צוזאַמען מיט זשאַקלען אין סטאַלאַג און האָט אָפט געפּלעגט צו שמועסן מיט אים מכוח דער ביבל און שעמעוודיק באַטאָנט אָנשטאָט דעם וואולגערן „זשוויף" — „איזראַעליט". ביים קליינעם מאַנאַך פון דער יעזואיטן-שול איז שוין די צונג נישט געווען שטומפּיק. פאַרנאַכט, ווען דער מידער עולם איז געזעסן איבער די ערדענע שיסלען און אַרײַנגעשלונגען דאָס ביסל זופּ, איז ער אויסגעוואַקסן אויף אַ טיש, אַ פלינקער, מיטן פריילעכן גלאַנץ פון די ברילן. ער האָט צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן און אויף אַן אײדעלן אופן אַפילו אַרײַנגעזאָגט די דײַטשן; זיי ווילן, האָט ער געזאָגט, קיין אויסלענדער נישט אָנערקענען אויף אַזאַ וויכטיקן אַמט, בפרט נאָך — די אָפטע אַנטלויפונגען, די „איזראַעליטן"...

די עטלעכע פאַרופענע דעלעגאַטן אין באַראַקל פון פּאַריסענעם לייטענאַנט, האָט מען פאַרדרייט דעם קאָפּ און ס'האָט שוין נאָכדעם געהייסן, אַז ער, לעפלאַיג, איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן. ס'האָט שוין געקלאַפּט אַ קליינע ביוראָ, וווּ עס האָבן פריילעך אַראָפּגעקוקט פון דער וואַנט די פּאָרטרעטן פון מאַרשאַל פּעטען און אַדמיראַל דאַרלאַן. דער צעדרייטער און גוטמוטיקער פּאָרטוגעזער, פּאַנסעקאַ, וואָס איז כסדר געלאָפן צו אים וועגן אָפּגט'ן ס'ווייב, האָט זיך צווײדײַטיק געוויצלט מיט אים:

— באַדאַרפט בעסער אויפהענגען דעם פּאָרטרעט ווי פּעטען דריקט וואָרעם די האַנט דעם „פירער", אין דער באַגלייטונג פון גערינגן...

לעפלאַיג האָט זייער אומבאַקוועם געשמייכלט פון דער געדיכטער ראַזיקייט, וואָס האָט אים באַגאָסן.

— פאַר אַלעם, מיין אַלטער — דרך-ארץ פאַר די זיבן שטערנדלעך, פאַרן מאַרשאַל פון פראַנקרייך און פאַר די גרויע האָר זיינע...

— ס'שטימט שאָן! — האָט פּאַנסעקאַ אַרויסגעזונגען אין דײַטש און ענג צונויפגעקלאַפּט ביידע צעריסענע שיך.

אין דער ביוראָ פון קאַפּיטאַן שנאַלע זענען זיי ביידע, לעפלאַיג און קלאָד-מאַרי, געגאַנגען יעדן אינדערפרי, אַרום ניין. די שיך אויסגעגלאַנצט, זע-

נען זיי שמייכלענדיק אדורך דעם טויער, פארביי דער וואך. ביי דער צענזור פון די אנגעקומענע בריוו ,האט מען זיי פארגעשטעלט פארן נייעם אפיציר, דעם „זאנדער־פירער" פישער, וואס איז ספעציעל צוגעטיילט געווארן פאר דער „שטראף־קאמאנדא" האהענפעלז. ס'האט זיי פארוואונדערט זיין פליסיקער פראנצויזיש, דורכגעווארפן מיטן גאנצן פארביקן זשארגאן פון די פאריזער פארשטעט און פון די ווינקל־ביסטא'ס. ער האט זיך גלייך מודה געווען מיט אן אומשולדיק, פארשעריש שמייכעלע, אז ער האט א יאר פופצן נאכאנאנד געארבעט אלס באשיידענער „גארסאן" אין מארסעיל און אין פאריז. נישט מער...

דער גליטשיקער קאפע־מענטש האט זיך טאקע באלד געלאזן דערקענען אין זיין גאנצער איינגעבראכענער פיגור, אינם אריינגעוואקסענעם שפיציקן קאפ צווישן די הויכע אקסלען און אין זיין בלוי־אויסגעגאלט פנים מיט די עטלעכע בלאנדע, שיטערע האר, פינקטלעך צעטיילט אין א קרומען שרונט. אזעלכע גרויע מענטשן באגעגנט מען טאג־טעגלעך אין פאריז און מען לייגט גאר אויף זיי קיין אכט נישט. אין זיין פארשעריש שמייכעלע און אין זיין אוועקשפאנען מיט די לאנגע פלאטפיס, איז טאקע געווען עפעס פון דער פלינקייט און העפלעכקייט ביים אפדאנקען, נאכן באקומען א פעטן טרינקגעלט. ער איז געקומען, האט ער אומשולדיק דערקלערט, איינשטעלן אביסל ארדנונג. צופיל לויפט מען, צופיל קאמענטירט מען די נייעס פון די פראנטן. מיטן ראנג פון לייטענאנט, איז ער דא שטארקער געווען פון אנגעכמורעטן קאפיטאן שנאלע, פון קאלאנעל אליין. זיי, די פראנצויזן, ווייס ער, זענען נישט שולדיק אינם אויפגעצוווּנגענעם קריג. ער האט ליב פראנקרייך.

זיי האבן נאך געמוזט צושמייכלען אויך. נאר אומקערנדיק זיך אין לאגער, האבן זיי זיך פונדעסטוועגן געפילט אביסל קאלעמוטנע.

— די 5־טע קאלאנע — האט לעפלאיג פרום און אפגעהאקט צוגעווארפן

— אט אזא איז זי געווען איך אונזער ליבן פראנקרייך. צי מעגן מיר נעמען די פאראנטווארטלעכקייט... כ'מיין...

— זיי זענען די שטארקערע — האט דער פראקטישער פויער קלאד־מארי ארויסגעלאכט — זיי וועלן נאך רוסלאנד אויך באזיגן... וועסט זען... מסתמא ווייסט דער מארשאל וואס ער טוט און... צי קענען מיר זיך טאקע אזוי איינשטעלן פאר די יידן?... וואס שייך מיר, לאך איך זיך אויס...

ס'איז אים גארנישט איינגעפאלן א ווארן צו טון, דעם פויער קלאד־מארי, ווען פישער האט אים אזוי אומשולדיק געזאגט, אז מארגן גייט קיינער נישט צו דער ארבעט. ערשט אינדערפרי, ווען אלע האבן זיך פארזאמלט אויפן פלאץ, איז ער ארויסגעקומען און געמאלדן. זשאקל האט זיך באלד אריינגעשארט אין באראק צו די שנייערס:

— קודם, פארשטעקט די אנגעהויבענע שטיקלעך ארבעט.

מען האט גענומען זוכן באהעלטעניש פאר די האלב-אויסגעפארטיק-טע קאסטיומען, פאר די מאפעס און קאמפאסן, פאר די ציווילע דייטשע מארקן. באלד דערנאך האט זיך מאקע דער „זאנדער-פירער" ארא־פגעלאזן אין לאגער ארײַן מיט א קאמפאניע סאלדאטן און עס האט זיך אנגעהויבן באראקנווייז. צוויי טעג און צוויי נעכט האט עס געדויערט. ווען איין באראק איז דורכגעזוכט געווארן, זענען אלע איבעריקע געווען אפגעשלאסן. זיי האבן דורכגעטרייסלט די בעטן, פונאנדערגעווארפן די שטרוי-זעק, אויפגעריסן די פאדלאגעס, די ווענט. זיי האבן קוים אויסגעשנישטערט דא א הויז, דארט א מארינארקע. איינער, א רויט-אנגעגאסענער, א יונג א גבר, א פויער פון טיראל, איז געקומען צעגלויבן מיט א שמחה צו פישערן און האט אויפגעוויקלט פאר אים א קארטע, וואס ער האט געפונען פארשטעקט. פישער אליין, טומטערנסט ווי ער איז אלעמאל געווען, האט זיך שוין גאנץ געמוזט צעשמייכלען:

— דומער אייזלקאפ, די מאפע פון זיד-אמעריקע קענען זיי האלטן. די שטראסן און די אײַזנבאן-נעץ פון בייערן, פון דער שווייץ — דאס ברענג.

און באלד צומארגנס זענען פרישע פינף אנטלאפן פון די ארבעטס-פלעצער. איצט האבן שוין אלע אין לאגער שטילערהייט געוווסט, אז ס'איז דא א האנט, וואס העלפט, עס ארבעטן שניידערס, עס ארבעטן צייכנער אויף טאפאגראפישע קארטן, ספעציאליסטן מאכן היימיש-פאבריצירטע קאמפאסן, פאראן א קאלעקטיווע קאסע מיט צונויפגעגעבן געלט, עסן און אז זשאקל איז עפעס פארמישט דערין.

באמערקט האט מען עס באלד דערנאך, ווען מען האט אלע יידן אפגעטיילט אין באזונדערן באראק 17. קלאד-מארי און לעפלאנג האבן געמאכט אן אומשולדיקע מינע, ווען זיי האבן געכאפט דעם באפעל פון „זאנדער-פירער". א סך נישט-יידן האבן זיך אבער פון באראק נישט געוואלט רירן. פארבליבן איז דער פארטוגעזער פאנסעקא, דער רויט-האריקער איטאליענער, דער קאצן-פרעסער קאמוזי, דער לוסטיקער, ברייט-פלייציקער פראנצויז באשוע, א האקער פון פארט אין האוור. ער האט אלעמען פארווילט מיט די סענטימענטאלע לידער וועגן די פארליבטע יאם-לייט, דער קובאנער קאזאק באנדעראס, די צוויי פאליאקן פעלץ און קוויאטעק, וואס האבן ביידע גערעדט יידיש „ווי א וואסער". פאנסעקא איז נאכגעלאפן קלאד-מארי:

— זאלסט מיר פארשרייבן אין די ביכער פאר א ייד, הערסט ? אויב מען וועט דארפן, וועל איך זיך לאזן באשניידן אויך... מיין חבר זשאק וועט מיר אויסזאגן אלע יידישע סודות, וועל איך זיין א פארטוגעזער פון בלוט, א פראנצויז — אין הארץ און א ייד — פון גלויבן...

ביי אים, דעם געניטן טעראַסן-אַרבעטער פֿון דער פּאַריזער מעטראָ, האָט זשאַקל שנעל געכאַפּט דעם שניט צו ברוקירן שאָסייען, ווי אַזוי צו לייגן דעם שטיין, ער זאָל גוט זיצן און דערכאַפּן מיטן אויג דעם ניוואָ.

נאָכן ווינטער האָט מען געהאַפּט אויפֿן פֿרילינג און נאָכן זומער — אויפֿן ווינטער, מען האָט געלעבט מיטן ציטער פֿון די עטלעכע שורות, וואָס די ווייטע היים האָט געשיקט. מען האָט אויסגעקוקט דעם פֿאַרנאַכט, אַוועקצוואַלגערן זיך אויף דער נאַרע. די רויכן האָבן זיך געטראָגן איבערן לאַגער און פֿון די ערד-לעכער, פֿון די אויפֿגעשטעלטע ציגל-אויוועלעך הינטער די באַראַקן. דער צעדרייטער און גומעטיקער פּאַרטוגעזער פּאַנסעקאַ האָט צונויפֿגעבויט אַ האָלץ-קעמערל און אַ שטייג מיט אַ קליינער וועראַנדע פֿאַר זיין טויב ריטאַ, מיט וועלכער ער האָט זיך כסדר אַרומגעטראָגן אויפֿן אַקסל און זי האָט געפּיקט קערנער פֿון זיין האַנט-פֿלאַך. ער איז געזעסן אויפֿן בענקל פֿאַר דער טיר און אויסגעשפּילט אייגענע קאָמפּאָזיציעס אויף זיין קלאַרנעט. נאָך דער דייטשער מפּלה ביי סטאַלינגראַד, האָט ער פֿייערלעך געמאָלדן אין אַלע באַראַקן, אַז ער צאָלט פֿאַרן גאַנצן לאַגער ביר און אַז אופֿן פֿרילינג גייט מען אַהיים.

נאַדעליס, וואָס איז אין פּאַריז געווען אַ פֿרעסער און האָט אינדערהיים ביים טאַטן, — אין מאַריופּאָל, הינטער קאָוונע — געפֿלעגט צוצוהעלפֿן אין דער קוזשניע, געהאָדעוועט די געפֿלעקטע קו מיט דער יאַלעשקע און געכאָוועט טויבן, איז דאָ, מיטן ערשטן בלאָז פֿון די פֿרילינגס-ווינטלעך, אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרטראַגענער; דאָס חיות איז אים אַנטגאַנגען. ער האָט זיך לאַנג געדרייט הינטער די באַראַקן, באַטראַכט, באַקלערט, אויסגעפֿונען ערגעץ אַ רידל, אַ גראַבליע, צעאַקערט אַ שטיקל ערד אין צוויי בייטן און פֿאַרזעצט אַביסל גרינס און בלומען. אינדערמיט פֿון די צוויי בייטן האָט ער אַריינגעשטעקט אַ לאַנגן דראָנג, אַרויפֿגעזעצט אויפֿן שפּיץ אַ קליין הייזעלע און מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן פֿריילעכע שפּערלען — אָן ער און אָ זי — גענומען אומרואיק קרייזן אינדערלופֿט. ס'איז אַלעמען אין לאַגער זייער געפֿעלן געווען זיין אויפֿטו. די שפּערלען האָבן געטשוויטשערט איבערן דאַך און יעדן פֿאַרטאָג, נאָך איידער דער לאַגער איז אויפֿגעשטאַנען, איז שוין נאַדעליס געווען אינדרויסן, אַרומגעצופּט די ווילדע גרעזעלעך, געשטאַנען און געשעפּט נחת פֿון די אויפֿגייענדיקע סאַלאַדן, רעטעכלעך, בלומען און פֿאַריסן דעם קאָפּ צו דער פֿריילעכער משפּחה שפּערלען, וואָס האָט געקרייזט אינדערלופֿטן.

סאַ'יז געווען אין לעצטן, ביטערן זומער 1944. אַלע פֿאַרבינדונגען זענען געווען איבערגעריסן, דער לאַגער האָט געהונגערט. די רוסישע פֿראָנטן האָבן זיך דערנעטערט. גיריק האָבן אַלע נאָכגעקוקט נאַדעליסן ווי ער דרייסט

זיך אוים יעדן פארנאכט סאלאדן, רעטעכלעך, גרינע ציבעלעס. ס׳איז געווען אין שפעטן זומער און נאכצוטון איז שוין נישט געווען קיין צייט.

דעם געלן קאמוזי האט ער עטלעכע מאל אליין אונטערגעטראגן סאלאדן און רעטעכלעך. ער האט געצאנקט אויף זיין נארע, קאמוזי, ער איז געווען א געפרעלעכער עסער. ער איז פארנאכט געזעסן א צעשפיליעטער, די פיס ארונטערגעלאזן, די צעסטראיעטע מאנדאלינע, וואס האט אלעמאל פארהילכט דעם באראק, אוועקגעווארפן אינאזייט און געקוקט ערגעץ אין פוסטן חלל אריין. ער האט זיך דאסמאל עפעס פארשעמט אפגעזאגט און פיל מאל געדאנקט נאדעליסן.

— זאג נישט אפ אן אלטן פריינט! — איז נאדעליס צוגעשטאנען — נעם, זאגט מען דיר. אוודאי, דער ווילדער קאטער יענע וואך האט דיר בעסער געשמעקט... זיי ווייזן זיך אבער מער נישט אהער, די ממזרים. הערסט?
— האט ער מיטאמאל קאמיש ארויסגעלאכט — אינדערהיים ביי אונדז, געדענק איך, ביי אונדזערס א שכן, איז געווען א געלער קאטער, אט אזא־א, אן אויסגעפרעסענער. איז ער אלעמאל געקראכן ביי אונדז אויפן דאך, ווו ס׳איז געווען דער טויבנשלאק. נאר ווער האט זיך דארט אומגעקוקט? מיין פאטער גייט איינמאל ארויס פארטאג, ערשט ער דערזעט — עס פליען פעדערלעך און צווישן די טויבן איז א גערודער. ער קוקט אויפן דעכל און באמערקט מיטאמאל פארבלוטיקטע פליגל און דאס פארווארפענע טויבן־קעפל. האט ער דאך גלייך פארשטאנען וועמענס מלאכה ס׳איז. ער האט גארנישט גערעדט, נאר פארנאכט טוט ער מיר א רוף: קום, ברוך! אויפן פלייצע טראגט ער א זאק און אינעווייניק ווארפט זיך עפעס. ביים שליוז, ווו מיר האבן אלעמאל געכאפט העכטלעך און אקונעס, טוט ער מיר א זאג: ער וועט שוין פארזאגן א צענטן, דער געלער קאטער, אונטערצוכאפן טייבעלעך! און מיטן גאנצן כוח — א זעץ מיטן זאק אין שטיין, איין מאל און נאכאמאל. דערנאך נעמט ער דעם זאק און שאקלט אים אויס. ערשט דער קאטער, א צעבלוטיקטער, שפרינגט ארויס און אנטלויפט. ער האט נאך אלץ געלעבט, דער געלער ממזר, אבער קיין טייבעלעך האבן זיך אים שוין מער נישט פארוואלט...

ער האט ארויסגעלאכט, קאמוזי, אפגעהאקט און ווייטער געקוקט מיט ליידיקע, הונגעריקע אויגן אין פוסטן חלל אריין. פון דער לעצטער קאץ האט ער געהאט אויסגענאגט די ביינדעלעך פונקט מיט א וואך פריער און מער האבן זיך אין לאגער אהיין קיין קעץ נישט געוויזן. סאיז געווען א ווילדע קאץ, מיט גרינע אויגן, מיט א געשטרייפטער טיגער־פעל; זי האט דא ערגעץ געלעבט אין די רואינען, פלעגט זיך אריינגליטשן דורך די דראטן און דערשמעקן ווו ערגעץ אן אויפגעמאכטע קאנסערוון־שאכטל. פלינק ווי א טייוול איז זי געווען — אריין און ארויס. קאמוזי האט זי אבער באלד דער-

שנאַפּס. ווען זי האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל פּאָליצע און גענומען זיך דאַרט גריזשען. ער איז צו און אַ פּאַרקלאַפּ־געטון ס'טירל. ער האָט דערנאָך אַרויסגעשלעפּט אַ צעבלוטיקטע האַנט פינגער און די ווילדע קאַץ — צווישן זיינע נעגל. מיטן שווערן, באַטשוועקעטן אָפּצאַס, אויף דער שטיינערנער פּאַדלאָגע, האָט ער זי צוגעענדיקט. דער גאַנצער באַראַק איז געקומען קוקן ווי ער גריזשעט אַרום די בייבדעלעך. נאַדעליסן האָט ער געגעבן צו פאַרזוכן. ער האָט זיך באַלעקט, נאַדעלים און אַרויסגעזונגען מיט אַ באַס:

— ס'אַ מחיה! ווי ריכטיקע הון...

אין יענער הייסער זומער־נאַכט, ווען קאַמוזי האָט אים אָפּגעזאָגט צו נעמען די סאַלאַדן, איז ער עפּעס אַוועק צו דער נאַרע מיט אַ שווער האַרץ. אין דער שטיקעניש איז ער שפּעט איינגעשלאָפן און געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצע נאַכט קאַמוזיס הונגעריקע אויגן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. ער האָט אפילו נישט באַוויזן אַ בליק טון צום גערטל, צו די פייגעלעך און איז אַוועק צו דער אַרבעט. און ווען ער איז פאַרנאַכט אַריין אין לאַגער, האָט אים דער שוסטער גאָלדבערג באַלד ביי דער שוועל אָנגעזאָגט די פיינע בשורה:

— דיינע פייגעלעך קאָכן זיך שוין ביי קאַמוזין אין טאָפּ... זיבן שטיק האָט ער אַרונטערגעשלעפּט... אַזאַ פרעסער...

הינטערן באַראַק, ביים איינגעבויגענעם דראָנג, האָט ער שוין אָנגעטראָפן זשאַקלען, דעם פאָרטוגעזער פאַנסעקאַ און אַ גאַנצע באַנדע אַרום. קלאָד־מאַרי האָט זיך נאָך געוויצלט:

— מער פעלט נישט, די דייטשן זאָלן זיך דערוויסן, אַז מען שעכט אָן אַ דערלויבעניש...

אַלע האָבן געלאַכט, נאָר זשאַקל האָט זיך אָפּגעדרייט און דערזען מיט־אַמאָל נאַדעליסן. ער איז געשטאַנען אַ שטומער, אַ פאַרוואַקסענער און איבער זיין קאָפּ, אינדערלופטן, האָבן אומרואיק און נאָכאַנאַנד געקרייזט די שפּערלען — דער און די זי.

ס'איז געווען דאָס גרויע, איינטאָניקע לעבן, וואָס האָט זיך איינגעפרעסן ווי אַ זשאַווער און טעמפּ געמאַכט. צו לאַנג האָט עס געדויערט. קיינער האָט שוין אפילו מער נישט אויסגעהערט די קאָמוניקאַטן פון די פראָנטן. מען האָט געלאָזן פאַלן מיט ביטערניש: „זאָלן זיי זיך דאָרט שלאָגן קאָפּ אין דער וואַנט — איין באַנדע נידערטרעכטיקע שווינדלער און ציביקער. פּונקט ווי די דייטשן, האָבן זיי אַלע געהאַט דעם גרעסטן אינטערעס צו איזאָלירן אונדז, אויסצומאָדן אונדז. אויב יאָ אויף וועמען צו האָפן, איז עס אויף דער רויטער אַרמיי. נאָר די רוסן האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט זייערס צו באַפרייען אייראָפּע פון פינצטערן באַרבאַריזם. ענגלאַנד וועט מסתמא, מיטן פאַרגאָסענעם בלוט פון אַלע פעלקער, די מלחמה גע־

ווינען, אָבער מאָראַליש זענען זיי שוין פונלאַנג פאַרשפּילט. אויך די אַמערי־קאַנער לאָזן פּחדנותדיק אָפּגיין אין בלוט. זיי קומען, ווען מען דאַרף זיי שוין אויף כפּרות..."

צו דעם אַלעם האָט זיך זשאַקל דערטראַכט אין די לאַנגע, הייסע און פאַרפּלאָנטערטע דיסקוסיעס, וואָס זענען יעדן אָוונט געפירט געוואָרן צווישן די בעטן אין באַראַק 17. דער שוסטער גאָלדבערג און נאַדעלים, ווי נאָר זיי האָבן אים דערזען אָוונט־צייט ערגעץ אין אַ ווינקל, זענען זיי דאָרט באַלד אויסגעוואַקסן הינטער זיינע פּלייצעס. דער שוסטער גאָלדבערג האָט אַלץ אויסגעהערט און מיט דער שטומפּיקער צונג האָט ער געמאַכט זייער קורצע, וואָגיקע אויספירן:

—וואָדען? נאָר די רויטע אַרמיי, ברודערקע! די איבעריקע — די קישקעס פון זיי!

אינדרויסן האָבן שוין דעמאָלט געגאָסן די נודנע ביירישע האַרבסט־רעגנס. די פּריש־געקומענע פראַנצויזן, וואָס האָבן פאַרנומען דעם עקסטן, ליידיקן באַראַק, זענען מיט געציילטע טעג צוריק אינדערשנעל שוין אַקוואירט געוואָרן פון די ווייטע פראָנט־שטראָף־לאַגערן, אין פּוילן. אָנגעקומען אַהער איז עפּעס מער ווי אַ העלפט. די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן אין וועג, צע־שאָסן געוואָרן אין די וועלדער. זיי האָבן געטאָפּטשעט אין די בלאָטעס פון לאַגער און גענישטערט אין די באַראַקן עפּעס צו עסן. מען האָט זיך געטיילט מיט זיי מיטן לעצטן ביסן. פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט די טעמפּע גלייכגילטיקייט, דער גרויל פון טויט־טראַנספּאָרטן און מאָרד־לאַגערן. גאָר־נישט האָט זיי מער איבערגעשראָקן. מען האָט זיך אָנגעהערט פון זיי וועגן די יידן אין פּוילן, וועגן די גאַז־קאַמערן און די אויוון האָבן עס גאָרנישט געוואָלט צוגלויבן. יעדער פון זיי איז שוין געלאָפן צו פינף, צו זעקס מאָל, געשפּרונגען פון די צוגן, געגראָבן אונטערערדישע קאַנאַלן, געשניטן דראָטן אונטערן האָגל פון קוילן. דאָס וויכטיקסטע, אויף וואָס זיי האָבן זיך באַלד אין די ערשטע טעג גענומען נאָכפרעגן, איז געווען: ווי אַזוי באַקומט מען ערגעץ אַ שניידער, אַ קאַרטע פון דער געגנט און אַ קאָמפּאַס. דערשלאָגן זענען זיי נישט געווען. זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך דעם גאַנצן פאָלק־לאָר פון לידער, געשאַפענע אין די לאַגערן. „דער הימן פון די אַנטלאָפענע", וואָס שטאַמט פון ראַוואַ־רוסקאַ, האָט זיך פאַרענדיקט מיטן רעפריין:

אַזש פון לעמבערג ביז קיין קראָקע,
פונם ווייטן מעמעל ביזן ריין —
הינטער זיך די שטעכל־דראָט געלאָזן,
אַך, ווי ס'איז דאָס לעבן און די פרייהייט שיין...

שבת אינאָוונט, ביים היימישן קאָנצערט אין באַראַק 17, איז געקומען נאָכפרעגן זיך אויף זשאַקלען דער נידעריקער, קרעמפּער קאַוואַלעריסט

אַנדרעאַי — אַן אָפּן, ברייט פּנים אין קלייענדלעך און אַן אויסגעקרומט מויל מיט פאַרגרויטע, קוים־אַנזעענדיקע וואָנסעלעך. זיי האָבן איבערגעלאָזן די פונאַנדערגעדרוקטע בעטן, די רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן, די טענצערין פון לאַגער — דעם הויס־בלוטיקן קאָרסיקאַנער דאָסיני, וואָס האָט זיך איינגע־רעדט מיט טיש געדרייט אויף אַן אָפּצאַס און געמאַכט ווייבערישע חנדלעך. מיט אַן ענערגיש קול, מיט זיין זינגענדיקן אַקצענט פון אַ דרום־פראַנצויז, איז ער גלייך צוגעטרעטן צום ענין:

— מען האָט מיר איבערגעגעבן , אַז דו ביסט דער פאַראַנטוואָרט־לעכער ביים צוגרייטן די אַנטלויפונגען. דו ווייסט שוין מסתמא, אַז מיט די „גוטע פראַנצויזן" פון די באַראַקלעך קערן מיר זיך נישט אָן. איך האָב זיי אומעטום געזען, די אויסוואורפן, אין אַלע 15 לאַגערן און קאָמאַנדאָס, פונוואַנען איך בין אַנטלאָפן. דריי מאָל האָבן זיי מיר געכאַפּט ביי דער גרע־נעץ ,די דייטשן און איין מאָל אין פראַנקרייך, צווישן די פּאַרטיזאַנען. די אוניפאָרם האָט מיר געראַטעוועט פון שטריקל. נישטאָ קיין מזל. כ'בין אָבער געלאָפן און וועל ווייטער לויפן. אין שטראָף־לאַגער ראַווא־רוסקאַ בין איך דערפאַר געווילט געוואָרן פאַרן ערן־פאַרטרויאונגס־מאַן. איך האָב זיך אונ־טערהאַלטן מיט די דייטשן אין אַלעמענס נאָמען, קענסט זיך פאַרלאָזן. דאָס האָב איך געהאָלפן אויסשניידן די קראַטעס אין וואַגאָן, הינטער קראָקע...

— ווישע קומסטו אַהער?

— כ'בין געבליבן אויף צולעצט און שוין נישט באַוויזן אַרונטערצו־שפּרינגען. דער צוג איז שטיינגעבליבן און די שיסעריי...

זיי האָבן ביידע געגראַבלט פונם זעקעלע דעם צעריבענעם טאַבאַק און געוויקלט אים אין טרייבלעך. צווישן די פאַרהילצערטע פינגער אַנדרעאַיס האָט איינגעשפּאַמט אַ שוועבעלע. פאַרציִענדיק טיף, האָט זיך וישאַקל אָפּגערופן:

— וואָלסט זיי געמעגט אָנקוקן פריער, אַט די אַלע פון די באַראַק־לעך — הייסע דאָריאָ'טיסטן, פּעטעניסטן. איצט שרייען זיי אַלע, אַז דע־גאָל האָט געראַטעוועט פראַנקרייך.

— דאָס איז עס טאַקע — האָט אַנדרעאַי קונציק געבלאָזן דעם רויך דורך די נאָזלעכער און דורכן ווינקל מויל — מיר מוזן זיך דערשלאָגן קיין פראַנקרייך פאַר אַלע פרייזן. די אַלע פילן זיך דאָ אַפּנים נישט שלעכט. זיי וואַרטן אויפן גרייטן.

— מיר האָבן דאָ עטלעכע מאָל געפּרוווט צו מאַכן געוואַלדן, אַלע, די יידן און די נישט־יידן; האָבן זיך באַלד אויפצומאָרגנס באַוויזן אויפ־שריפטן אויף אַלע טירן און ווענט: „טיילט אונדז אָפּ פון די יידן"... די שווייצער, וואָס לעקלער האָט זיי אַריינגעזעצט אין קיך, זענען גרייט אַלץ צו טון, איינצוהאַלטן זייערע פּאָזיציעס, און די קליינע באַראַקלעך זוי־

נען דערמאַר נישט שליעכט סערוויהט אויף אַנדזער חשבון. מיט דער הילף פון די דייטשן זענען זיי, נאַטירלעך, די שטאַרקערע.

— אַזוי? — האָט אַנדרעאַי שטיל אַרויסגעזונגען — אויף אַזוי ווייט האָב איך נישט געוווסט.

עס האָט אים אונטערגעהויבן; און באַלד צוזאַמענגנס האָט ער זיך מיט נאָך צוויי פאַרשטייער פון זייער באַראַק געמאָלדן צו לעפלאַיגן.

— וואָס פאַרא שטיק — האָט ער זיך געקאָכט — פראָוועט איר עפּעם איינעם לאַגער מיט מענטשן, וואָס זענען פרייוויליק געגאַנגען אָפּגעבן זייער לעבן פאַר אונדז אַלעמען? איר רעכנט נאָך אַמאָל צוריקצוזען פראַנקרייך?

דער קליינער, פלינקער מאַנאַך איז בלייך געוואָרן ביז אין דער שפּיץ נאָז אַריין און געפּרוווט זיך צו פאַרענטפערן. אָבער אַנדרעאַי האָט אים נישט געלאָזן עפּענען ס'מויל און נאָך איידער ער האָט צוגעהאַקט די טיר, האָט ער אים נאָך צוגעוואָרפן:

— דער לאַגער אָנערקענט דיך מער נישט. מירן מאַכן פרישע וואַלן!

איינאָונט האָט לעפלאַיג ווידער געפּרוווט אַרויפצושפּרינגען אויף די טישן און הינטער אים — דער פאַרריסענער לייטענאַנט, דער דאָקטער. קלאָד־מאַרי איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און געשמייכלט זיס און נאַרישע־וואַטע. ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין באַראַק 17, האָבן זיך אַלע אוועק־געדרייט. אין באַראַק פון די פריש־געקומענע האָט מען זיי באַגעגנט מיט אַ פייפעריי.

דאָסמאָל זענען לעפלאַיג, דער דאָקטער און קלאָד־מאַרי אַליין געלאָפן אויפזוכן אָט דעם אַנדרעאַי.

— איר האָט נישט נאָכוואָס צו קומען צו מיר — האָט ער זיי קאַלט אָפּגעגאָסן — איר זייט נישט ווערט צו טראָגן דעם נאָמען פראַנצויזן. איר זייט, נעבעך, נישט שולדיק וואָס די דייטשן פאַרלירן דעם קריג. איר האָט פּשוט שלעכט אויסגערעכנט...

אַ האַלבע נאַכט איז מען אָפּגעזעסן אויף דער באַראַטונג. עס זענען גע־קומען צו איין דעלעגאַט פון יעדן באַראַק. זונטיק זענען פאָרגעקומען די וואַלן און אַנדרעאַי איז אויסגעקליבן געוואָרן צו פאַרטרעטן לעפלאַיגן.

ווען מען איז געקומען זאָגן פישערן וועגן דער ענדערונג, איז ער געווען זייער העפלעך, אָבער פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ פייערל.

— אַן אַוואַנטוריסט, אַן אַנטלאָפענער. נישט אומזיסט האָט פראַנק־רייך פאַרלוירן דעם קריג...

ער האָט אים פונדעסטוועגן געלאָזן אויף דערווייל. אָבער ענדגילטיק באַשטעטיקט איז ער נישט געוואָרן. ער האָט אים קרומלעך אַ באַקוק־געטון, דער „זאָנדער־פירער", פישער, ווען קלאָד־מאַרי איז אויפצומאָרגנס געקומען פאַרשטעלן אים אַנדרעאַין. ער האָט זיי אויפגענומען ביי דער טיר, נישט

געבעטן זיי זיצן, ווי ער פלעגט עס טון געוויינלעך. קלאָד־מאַרי האָט נאַרי־שעוואַטע געשמייכלט, נאָר אָנקוקנדיק דאָס שטרענגע, זויערע פּנים פּישערס, האָט ער זיך פאַרוקט הינטער אַנדרעאַס פּלייצעס. אַ שטרענגער און אַ קאַלטער, איז ער דאָסמאָל געזעסן ביים טיש פון פּראָסטן האָלץ, ביידע פלאַט־פיס מיט די אויסגעגלאַנצטע אָפיצירן־שטיוול פונאַנדערגעשטעלט, דער שטייפער קאָלנער — צעשפיליעט. די עטלעכע בלאָנדע האָר אויפן שאַרבן ביי אים האָבן אויסגעזען צו זיין אויפגעהעלט פון דער לוילעכער מערץ־זון, וואָס האָט זיך נאָך האַלבן טאָג געזעצט צווישן די סאָסנעס אויפן אָפּרים. אַ שווערע היץ איז דאָ געשטאַנען אונטערן נידעריקן באַלקן און פון הינטער די שייבלעך האָט זיך געטראָגן אַ בוידעמדיקע גרילצעריי, וואָס איז געקומען פון יענער זייט וואַלד, ביים שאָסיי־בוי, ווו מען האָט צוגעפירט וואַגאָנעטקעס מיט שטיינער פון דער קאַריער. ער האָט געקלעפּלט מיטן פינקטלעך־פאַרשניצטן בליישטיפט אין גלאָז־טינטער און זיינע דראָאונגען איינגעוויקלט אין זייער איידעלע רייד. —

— איר מאַכט אונדז אָן אַ סך זאָרגן. מיר זענען סאָלדאַטן. איר צווינגט אונדז צום שטרענגן האַנדלען.

און ער האָט זיי געהייסן גיין.

די פּאָזיציע פּישערס איז דאָ פון טאָג צו טאָג געוואָרן מער וואַקלדיק. נאָך אַלעמען איז דאָ דער פאַרוואַרפענער עק אין האָהענטפּעלז געווען פאַר אים אַ רואיק ווינקל אויסצומיידן די ערשטע ליניע, דעם פראָנט. פונם מינדסטן סאָלדאַט ביזן אָפיציר, האָט זיך דאָ קיינער לאַנג נישט אויפגעהאַלטן. די מעדיציניש־קאָמיסיע פאַר יעדן 1־טן האָט געאַרבעט שטרענג. דער פראָנט האָט אויפגעפרעסן אַלץ און געפאָדערט נאָך. פּישער האָט זיך דאָ געהאַלטן אַזוי לאַנג נאָר אַ דאַנק די ספּעציעלע ראַפּאָרטן, וואָס זענען פּינקטלעך יעדע וואָך אָפּגעגאַנגען אין דעפּאָ פון שטאַם־לאַגער וועגן דער „געפערלעכער שטראָף־קאָמאַנדאָ פון יידן ,אויסלענדער און „שלעכטע" פּראָנצויזן". ער האָט געגנישטערט צווישן די בריוו, אויסגעזוכט צווישן די שורות אַלע וואָרט־שפּילן און אָנדייטן אויף דייטשע מפּלות. ער איז דאָ אפילו געשטיגן אין גראַד.

ער האָט זיך, נישקשה, אין דעם פאַרוואָרפענעם עק האָהענפּעלז נישט געלאַנגווייליקט, געלאָזן זיך גערן אַריינציען אין דער נעץ פון דער גראָבער קאָנטיניערקע גרייטל, וואָס האָט אים געקעכלט מיט שפּעק, מיט אייער און מיט שנאַפּס. ווען אַלברעכט מאַיער, דער ווירטשאַפט־פאַרוואַלטער, האָט אַרויסגעשטעקט די צונג נאָך אַ סיגאַרעט, האָט פּישער יעדן פרימאָרגן אויף דער פרישטיק־טאַץ באַקומען אַריינגעשיקט אַ פּעקל סיגאַרעטן, געוויקלט אין זילבער־פּאַפּיר, פון דער בעסטער דייטשער מאַרקע „מעמפּיס". ווען דאָס בלאָנדע דינער־מיידל פון דער „אַרבעטס־דינסט" איז אַרויס פון זיין צימער

מיט רויטע צייכנס אויפן האַלדז, האָט זיך באַלד דערנאָך גרייטל געטון אַ שטעל אַריין. זי האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזן אויפן בעט, וווּ ער איז נאָך געלעגן אויסגעצויגן, אין דער פּיזשאַמע, געגענעצט און פֿויל געזופּט די צוגעווייסטע „ערזאַץ"-קאַווע, אָפּשאָקלענדיק דעם אַש אין טעלערל אַריין. זי האָט פֿאַרוויכערט, געבלאָזן מאַנסביליש דעם רויך דורך די נאָזלעכער און, פֿאַרביטנדיק די קאָלדרע, אָנגעבויגן זיך ומיטן פֿולן בוזעם איבער אים, געבלינצלט מיט די גרינע קאַצן־אויגן.

— האַנס, איך ווייס וואָס דיך באַאומרויִקט. איך אויף דיין אָרט וואָלט בעסער דעם אָנגעפּרעסענעם ווירטשאַפֿט־פֿאַרוואַלטער אַלבערעכט מער ער געשיקט אויפֿן פֿראָנט, אַבי נישט צו לאָזן דיין „קעצכיען" גרייטל זיך צו לאַנגווייליקן צווישן די־אָ... ער קומט שוין אָבער נישט מער, זינט איך האָב אים געוויזן די טיר...

אָפּציִען דאָס אַוועקגיין האָט מען געקענט, ווען די דייטשע אַרמייען זענען נאָך געשטאַנען טיף אין די רוסישע פּראָווינצן און ווען דער אַטלאַנטיק־וואַל האָט נאָך געשיינט צו זיין אומצוטריטלעך. אַצינד האָט דאָ אַלץ געברענט אונטער די פֿיס. איינער האָט זיך פֿאַרן אַנדערן געהיט מיט אַ בליק, מיט אַ וואָרט. אַלץ האָט געשמעקט מיט "דעפעטיזם", מיט „סאַבאָטאַזש" און אומעטום זענען געהאַקט געוואָרן קעפּ.

פֿישער האָט יעדן ביינאַכט איבערגעפּאַקט די זאַכן און דער וואַליזע פֿון שלאַנגען־לעדער, וואָס ער האָט מיטגעברענגט פֿון פֿראַנקרייך בעתן „זיגרייכן אַריינמאַרש", באַטאַפּט דעם ציווילן אָנצוג פֿון פֿיינעם ענגלישן שטאָף. ער האָט דעם אָנצוג מיטגעפֿירט אומעטום, וווּ ער האָט זיך נאָר אַרויסגעריירט. ווי עס מאַכט זיך. מען האָט זיך דאָ געריכט אויף וויכטיקע באַפֿעלן פֿון דעפּאָ אין מינכען אַ ליאַדע מינוט.

ער איז דערי‌בער געוועזן אַ קליין ביסעלע אויפֿגעלעבט וצוליבן געדודער אין פּראָוויזיאָן־לאַגער. ער האָט די זאַך געלאָזן גיין. ער האָט גוט געוווּסט צו וואָס דער נייער, געפֿערלעכער עלעמענט, די צוריקגעקומענע פֿון ראַוואַ־רוסקאַ, צוזאַמען מיט די יידן, קען דערפֿירן. אַזאַ וויכטיקער ראַפּאָרט קען אים אַמאָל ראַטעווען. ער האָט זיך דערפֿאַר אַליין איינגעשטעלט ביים קאָמאַנדיר, אַז מען זאָל פּרוּוון לאָזן זיי הערווייל דעם פֿרישן פּאַרטיזאַנגס־מאַן, מ'עט זען.

ער האָט אָבער גלייכצייטיק באַפֿוילן צו פֿאַרטאָפּלען די סאָלדאַטן אויף די וואַך־טורעמס, די העפֿלעקמאַן, די דראָטן־נעץ אַרום לאַגער. ער האָט געלאָזן רופֿן צו זיך דעם קאַפּיטאַן קאַטין, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דער וואַך־קאָמפּאַניע, און באַפֿוילן אים צו שיסן אויף די געפֿאַנגענע אָן שום וואָרנונג, ביים מינדסטן דערווייטערן זיך פֿון אַרבעטס־פּלאַץ. ווען פֿאַלן נאָך עטלעכע. מאַכט נישט. ער וועט, ווי אַלעמאָל, אויסדריקן זיין באַ־

דויערן, די „ווערמאַכט" וועט מיטשיקן אַ קראַנץ צום קבר און די סאָלדאַטן פון דער ווערן־וואַך וועלן דריי מאָל אויסשיסן אינדערלופטן. ביים אריינגאַנג, ווען די געפאַנגענע קערן זיך אום פון דער אַרבעט, האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם הינטישן אונטעראָפיציר גענזלמאַיער און ער האָט יעדן איינעם באַטאַפּט; ווייל די געפאַנגענע האָבן צוביסלעך אונטערגעהאַנדלט מיט די ציווילע, אַרויסגעקויפט זייגערלעך, וועש. דווקא דעמאָלט, ווען מ׳האָט זיך אַמווייניקסטן געריכט, איז פּישער אַריינגעפאַלן מיט אַ רעוויזיע אין לאַגער. אַלע האָבן איצט געמוזט גיין אַרבעטן, אפילו די פּריווילעגירטע, אפילו לעפּלאַיג אַליין איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו דער אַרבעט.

צום ערשטן מאָל זייט פיר יאָר איז לעפּלאַיג אַרויס אַרבעטן. ער האָט עס אָבער געמאַכט מיט אַ שמייכעלע. ער האָט געוווסט, אַז אַלע יידן און די איבעריקע דאָרט, טוט עס שטאַרק הנאה. זאָל ער אויך וויסן דעם טעם פון אַרבעט. ער האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן צו גיין אין דער פירמע פון שווערקעלערן. אין טיפן לאָך האָט דאָרט זשאַקל געאַרבעט מיטן פּיאַש און אים, לעפּלאַיגן, האָט מען צוגעשטעלט ער זאָל אַרויסוואַרפן די אָנגעגראָבענע ערד.

נאָך די רעגנס זענען די ליים־גריבער געווען פול מיט נעץ. זשאַקל האָט פינקטלעך אַרומגעשניצט אַ ברעטעלע אָפּצורייניקן דאָס געצייג. אַ גאַנצן אינדערפרי האָט ער אַרומגעגראָבן די ערד אַרויסצובאַקומען דעם שטיין, וואָס איז געזעסן מיטן שפּיץ טיף צווישן די אָפּגעקרישלטע פעלזן. ער האָט אַזוי לאַנג געריסן מיטן פּיאַש, געקלאַפּט מיטן פּודיקן האַמער לענגאויס די אָדערן, ביז דער שטיין האָט נאָכגעגעבן, זיך גענומען שאָקלען און, ווי אַן אויסגעפוילטן צאָן, האָט ער אים אַרויסבאַקומען. ער האָט זיך געווישט דעם שטערן, געשטאַנען און געפרייט זיך מיט זיין אויפטו. עס האָט אים פונדעסטוועגן הנאה געטון די פיינע מלאכה, וואָס ער האָט דאָ, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, ליב באַקומען. אויסגעשמיסן פון די ווינטן, פון דער פרישער באַרג־לופט, איז אונטער דער יינגער מערץ־זון דאָס פּנים ביי אים געווען פאַרבראָנזט; ער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי געזונט נישט אויסגעזען, כאָטש מען האָט דאָ אַזוי ווייניק געגעסן, גענערט זיך מיט עטלעכע פאַרפוילטע קאַרטאָפל און מיט ווילדע קרייטעכצער. לעפּלאַיג איז געשטאַנען, זיך גערייניקט די נעגל פון זיינע לאַנגע, ווייסע פינגער און פון צייט צו צייט אומגעשיקט אַ וואָרף געטון אַ רידל ערד. ער איז געווען איינגעוויקלט אין שאַלן. דער הויכער קאָלנער פון שינעל אויפגעשטעלט און ער האָט פונדעסטוועגן געכאַפּט אַ ציטער. די אָנגערויכערטע באַקן, ווו ער איז די גאַנצע צייט אָפּגעלעגן, האָבן עס איב אַזוי אויסגעבלייכט, דעם קליינעם מאַנאַך.

— ביסט געשיקט! — האָט ער באַטראַכט דאָס אָפּגעקרישלטע שטיק

פעלז — האסט פונדעסטוועגן באוויזן זיך עפעס אויסצולערנען פאר דער צייט אין דייטשלאנד. אין פאריז האסטו אויך געארבעט?

— אביסל. נישט אלע קענען וואנדערן און האנדלען.

—איך זייט, וואלט איך געזאגט, צופיל עמפינדלעך, צו רעדפילן א שמאך, אפילו דארט, ווו מען איז גארנישט אויסן. זייער גוט האט עס אויפגעכאפט זשארזש דיהאמעל. פאראן ביי אים א ייד, זשיליען ווייל, האט ער מיט דיר עפעס געמיינזאמס. און בכלל... זיינע ביבלישע רעמיניסצענצן. געדענקסט, מיר האבן אמאל געשמועסט דערפון אין לאגער, ווען מיר זענען געלעגן א בעט ביי בעט און געזוכט אין די פארלייזיקטע העמדער...

— כ׳געדענק. דיהאמעל האט ווירקלעך אנגעריירט עפעס פון אונזער טעמפעראמענט, אבער די מערסטע, וואס שרייבן פון יידן, סיי גוטס און סיי שלעכטס, קענען אונדז איבערהויפט נישט. דאס טוט אמערסטן וויי.

ס׳איז ווידער געווען דער אומבאשטימטער נייגער, וואס האט אויפגעבונדן די צונג ביים קליינעם יעזואיט פון א פארוואָרפענעם ברעטאנישן מאנאסטיר.

— ס׳האט זיך אפילו ביי אונדז אין פראנקרייך שטארק געלאזן מערקן. איז עס נישט די הייליקע מיסיע איערע, וואס האלט אייך אזוי שטארק געאייניקט? נו, איך מיין — האט ער זיך אביסעלע געקרעקט — די ראטשילדס, די בלומס, די מאנדעלס און די אלע יידן, וואס האבן פארנומען אנגעזעענע פאזיציעס אין אונדזער פראנצויזישן לעבן.

— פאר אונדז זענען די אלע נישט קיין יידן. זיי זענען פראנצויזן פון דער ריינסטער מארקע. נישט די רעליגיע, אגב, מאכט אונדז נאך פאר יידן. מיך אליין מאטערט די פראגע: מיט וואס זענען מיר יידן? מיר לעבן דא אין לאגער צווישן יידן פון א צענדליק לענדער אין איראפע און איך האב עס ערשט דא איינגעזען, אז פאקטיש האבן מיר אלס יידן קיין שום געמיינזאמס נישט. דאס זענען מענטשן פון פארשיידענע קולטור־איינפלוסן, פון פארשיידענער מענטאליטעט. געשיכטלעך האבן מיר אפשר אמאל געהאט א שיכות. אבער וואס פארא שיכות האט היינט פראנקרייך, למשל, מיט די פראנצויזישע עמיגראציעס פון די הוגענאטן, אין 16־טן יארהונדערט, אדער מיט די עמיגראציעס פון די „קאבלענצער" פון דער רעוואלוציע־צייט אין 1789? דאס האט גארנישט געשטערט דעם פרייסישן אוויאטאר מיט אזא עכט־פראנצויזישן נאמען ווי מ א ר ס ע י צו באמבארדירן אין 1940 פראנצויזישע פרויען און קינדער. לענדער, פעלקער, בלוטאנגעהעריקייט — איינרעדעניש, פיקציעס. צי זעסטו נישט דעם אייביקן געמיש, וואס קומט פאר כמעט פאר אונדזערע אויגן, דעם אייביקן אויפקום, אונטערגאנג און צוזאמענשמעלץ פון גרופן, וואס שאפן א געמיינזאמע קולטור, לעבן אויף דעמזעלבן באדן, וועלכן זיי פאראקערן, אונטער א באשטימטן געאגראפישן

ווינקל אונטער דער זון. פראנקרייך גופא איז, אייגנטלעך, אזא מין געמיש פון קליינע פעלקער און די שפורן פון פארשוואונדענע ציוויליזאציעס און קולטורן טרעפן מיר נאך היינט, טאקע ביי דיינע ברעטאנען, ביי די באסקן, ביי די נארמאנען, וואס זענען גאר לויט זייער אורשפרונג גערמאנער און נישט קיין לאטיינער. די גרויסקייט פון דער געשיכטע פראנקרייכס באשטייט טאקע דעריך, וואס זי האט די אלע קליינע פעלקער געגעבן איין גרויסע נאציאנאלע קולטור, האט זיי פאראייניקט אין איין נאציע. אויך מיר, יידן, האבן אפשר א חלק דעריך. ס'וואלט צו לאנג פארנומען צו דערווייזן ווי אזוי; ווו, למשל, זענען אהינגעקומען די גרויסע יידישע קהילות אין אוויניאן, אין קארפאנטראס, אין גאנץ דרום פראנקרייך? א טייל פון זייערע אייניקלעך זענען היינט זיכער די בעסטע פראנצויזן, די בעסטע קאטאליקן און אפשר אויך — גוטע אנטיסעמיטן? ווער ווייס? מיט וואס זענען די ראטשילדס, די בלומס און די מאנדעלס יידן?

— זיי לײדן ווי יידן! — האט דער קליינער מאנאך טריאומפירט.

— אין אנדערע לענדער זענען מיר אלעמאל געאייניקט מיט אלע פעלקער, אפילו מיט די געלינטשטע נעגערן אין אמעריקע. אין אט דער גזלנישער וועלט איז נאר די פראגע — ווער ס'איז דער שטארקערער. מיר זענען די שוואכערע, אבער אונדזער קאמף איז אלעמאל דער קאמף פון גערעכטן טייל פון דער מענטשהייט.

— די געשיכטע פון האס און פון קאמף ווייסן מיר, אז איר קענט שרייבן. ווו ערגעץ א פאלקס - אויסברוך, ווו ערגעץ א רעוואלט, איז דערט יידישער האס אינדעמיט; און נישט בלויז אין די מאסן, נאר דווקא אין די שפיצן. איך זע שוין די אלע מאסן־קברים און די עקזעקוציע־פלעצער פארשריבן אין א טייער ביבל, אדער אויף די טעאטער־סצענעס, ווו עס וועלן אויפגעפירט ווערן אייערע מיסטעריעס. עס לאזט זיך ביי אייך אלעמאל אוים מיט א קלאג-ליד און — שיילאק בלייבט שיילאק.

— איז דען שיילאק א צופאל אין אונדזער געשיכטע? איז דען שיילאקס פארטיידיקונג פארן געריכט נישט דער גרעסטער שפיי אין פנים די גאנצע צוויי טויזנט יאר פון אונדזער קריסטלעכער צייט־רעכענונג? און אויב איר געפינט אין יעדן פאלקס־אויסברוך אויך יידישן האס, זענען מיר נאר שטאלץ דערויף. ס'איז אפילו פאראן א סך אמת אינם ווילדן ריטשען פון די נאצים: „איר לאזט אונדז נישט צורו... איר... איר האט אונדז אנגעשיקט א משה, א יעזוס, א קארל מארקס... אייער גערעכטיקייט־זוכעניש... צי דען האבן אונדז די אלט־גערמאנישע וואלד־געטער נישט גענוגט?” ניין, ווי לאנג אונדזער אטעם וועט נישט אפגעהאקט ווערן, וועלן מיר אייך נישט צורו-לאזן מיט אונדזער גערעכטיקייט-זוכעניש.

ס'זענען מער נישט געווען די געמיטלעכע שמועסן וועגן דער ביבל מיטן קליינעם, בלייכן מאנאך. צעווארעמט פון אויסגעריסענעם פעלז, האט זיך זשאקל נאכמער צעהיצט. אזא פלאם אין די אויגן ביים שטילן מענטש, וואס האט זיך כמעט קיינמאל נישט געווארפן אין די אויגן, האט ער נאכ־נישט געזען. פארשטעקט דעם פיאש אין פעטן ליים, האט זיך זשאקל צו־ריקגעכאפט:

— עס גייט שלעכט און מיר זענען צו־קלוג פאר זיי. דאס מזרח־אייראפעישע יידנטום איז פאר זיי א נעסט פון בונטארן. מיר זענען אומע־טום צופיל. מיר זענען אויף א שיף אינמיטן ים און קיין שום ברעג לאזט אונדז נישט פאראנקערן.

— טא וואס־זשע קומט איר נאך קיין פראנקרייך אונדז צו באַ־אומרואיקן?

— מיר קומען, ווייל צוערשט איז דער אומרו פון פראנקרייך צו אונדז געקומען. דער ווייטער עכא פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, פון דער פאריזער קאמונע, האבן אונדז אויפגעוועקט פון מיטלאלטעלעכן שלומער. מיר זענען געלעגן אין די פינצטערע צארישע געטא'ס. אייערע לאזונגען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלכקייט האבן צעטיילט אונזער מחנה אין צוויי לאגערן, זיי האבן ארויסגערופן א טיפע אויפטרייסלונג אין אונזער גייסטיקן און רעליגיעזן לעבן. מיט דער מארסעליעזע אויף די ליפן האבן מיר שפעטער, אין 1905, געשטורעמט דעם צאריזים און אין 1917 האבן מיר פאַעגדיקט מיט אים. מיר זענען גייסטיק פארקניפט מיט די אידעען פון פראנצויזישן פאלק, אבער נישט, פארשטייט זיך, מיט אזעלכע פראנצויזן ווי דו ביסט.

אין יענעם פארנאכט האט זיך דער טויער פון לאגער צום לעצטן מאל פארמאכט הינטער זיי. באלד אויפצומארגנס האט פישער באפוילן מער קיי־נעם נישט ארויסצולאזן צו דער ארבעט. ס'איז געווען דעמאלט, ווען נידענ־בערג איז שוין געלעגן אונטערן פייער פון דער שווערער ארטילעריע, ווען די נעכט איבער דער שטאט האבן געפלאקערט מיט ליכט־ראקעטן און מיט שרפות.

אין די טעג האט עס א ווייע געטון מיט נאנטער פרייהייט און מיט טויט־שרעק.

אין די הייזער פון דויען שטיין, אין די אלע פארשטעקטע דערפלעך אין די בערג, האט געראיעט פול מיט ס. ס.־באנדעס. עס זענען צעשטעלט געווארן וואכן אין אלע דורכגענג. פעסטע ווייבער, אין לויזע אוניפארמען, מיט נאגאנען ביי דער זייט, האבן געשריען מיט באנומענע קולות. דאס הויז פון דער קאמאנדאנטור, אויפן העכסטן פעלז, איז מיטאמאל פארוואנדלט געווארן אין א גארניזאן. די גאניקעס און די שמאלע דורכגענג זענען גע־

דיכט באַשטעלט געווען פֿון קליינע אַנטי־אַוויאָן־באַטעריעס. צוויי גרויסע טאַנקען האָבן אינדערקרום באַריקאַדירט דעם איינגאַנג צום אייזערנעם טויער ביים אַפּריס.

— ס'האַלט שמאָל! — האָט מען זיך אין באַראַק 17 אין דער פֿינצטער צונויפֿגערוקטע אין אַ קופּע — זיי ציִען צוריק פֿון די פֿאַרלאָזענע שטעט. ווער ווייס וואָס פֿישער גרייט דאָ צו. איידער עס קומט די נחמה, קען נאָך אַרויס די נשמה.

מען האָט נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, נאָר מען האָט געפֿילט, אַז דער סוף קומט אָן, דערנענטערט זיך. בייטאָג האָט געבלאָזן אַ לינדער דרום־ווינט. די שניי־רעשטלעך, ביים ראַנד פֿון די נאָדל־וועלדער, האָבן זיך געשמאָלצן, אַדורכגעגאָסן זיך צווישן די פֿעלזן אין זילבער־דיקע ריטשקעס. פֿאַרנאַכט האָבן די וואַלד־שפּיצן אויפֿגעפֿלאַמט אין ראָזע און פֿיאָלעטע אָפּשיינען. אָבער איבער די פּאַפּע־דעכלעך אינם לאַגער האָבן די קוימענס מער נישט געראויכערט. נישט געווען מער וואָס צו קאָכן. הינטער די באַראַקן איז דאָס יינגע גרינס, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס באַוויזן פֿון אונטערן שניי, אייפֿעריק אַרומגעצופּט געוואָרן. ביז אין שפּעטן טאָג אַריין האָט מען זיך געוואַלגערט אויף די נאַרעס, אין די טונקלע באַראַקן. ס'איז צוגעפֿאַלן יעדערן אַ זלידנע ברעכעניש, אַ קאָפּ־שווינדל און דאָס דורכגע־זופּטע ליכט פֿון גרויען פֿרילינגס־טאָג האָט מאָדנע־העל געבלענדט, געשטאָכן אין די אויגן. די נישט־געוויינלעכע שטילקייט האָט געקלונגען אין די אויער־ערן. מען האָט געוואַרט, מען האָט אַליין נישט געוווסט אויף וואָס מען וואַרט.

פֿאַרנאַכט האָבן זיך ביידע, קלאָד־מאַרי, דער איבערגעשראָקענער פּויער, און אַנדרעאַי, דער פּאַרטיזאַנגס־מאַן פֿון די דרייסטע יינגלעך פֿון ראַוואַ־רוסקאַ, ווידער זיך געמאָלדן צו פֿישערן. אָבער דער טויער איז פֿאַר זיי געשטאַנען פֿאַרהעמערט, פֿאַרשפּאַרט מיט אַ הויכער באַריער שטעכל־דראָט. די פֿאַרשטאַרקטע וואַך איז נישט אָפּגעטרעטן. די קאַסקן טיף אָנגע־רוקט איבער די אויגן, מיט אָנגעשטעקטע באַיאָנעטן, גראָב־אָנגעפּעלצטע, זענען די צוויי צעוואַקסענע זעלנער געשטאַנען אומגעדולדיק, ווי סטאַטועס. איין און איינציק מאָל האָבן זיי געהאַט אַ קוק־געטון פֿונדערווייט און אויס־געשפּיגן פֿון צווישן די ציין מיט אַ מעטאַלענעם אָפּהילך:

— ל אָ אַ ז !

קלאָד־מאַרי איז באַלד אָפּגעשפּרונגען, דאָס בלוט איז אים פֿאַרשוווּנדן פֿון זיינע רויטע, פּויערישע באַקן און אין אַנדרעאַין האָבן, פֿאַרקערט, אַלע געבלוטן מיטאַמאָל זיך אָנגעגאָסן:

—ציטערסט פֿאַרן פֿאַרהאַסטן שטיקל לעבן דיינעם? ס'האָט זיך דיר געלעבט גוט ביז איצט, וואָס? איך טרעט נישט אָפּ פֿונדאַנען. איך בין נישט

לעפלאַיג. איך וויל וויסן צי זיי רעכענען אונדז דאָ אויסצוהונגערן, אָדער ווילן זיי אונדז אויסליפערן די ס. ס.-באַנדעס!

דער אונטערגעשניטענער שינעל איז אים געווען פונאַנדערגעשפּיליעט און די פּיאָלעטע שיין פון זון-זעצן-זיך, ביים ראַנד פון די וועלדער, איז געזעסן אין זיינע בלויע אויגן.

ביים צווייטן מאָל אומדרייען זיך, ווען דער מגושמדיק-אָנגעפּעלצטער סאָלדאַט האָט נאָכאַמאָל אויסגעשפּיגן פון צווישן די ציין „לאָאָז!" און אין זיינע פינגער האָט מרוקן אַ קלונג-געטון דער ביקסן-שלאָס, איז מיטאַמאָל פישער אַליין אויסגעוואַקסן ביי דער קרומער שטיג צום וואַך-באַראַק. ער האָט געפּאַטשט מיט זיינע לאַנגע פלאַט-פיס אין דער ליימיקער בלאָטע, דער קאָלנער — נאַכלעסיק אויפגעשטעלט, האָט ער אַ בליק-געטון פון אונטערן טיף-אָנגערוקטן דאַשיק און עס איז געווען מידיקייט און פאַרוואונדערונג אין זיין גרימאַסע. מיט דער לינקער האַנט האָט ער געריסן די קליאַמקע פון טירל, נישט געקענט זי אויפרייסן און מיטן ווייז-פינגער פון דער רעכטער זיי אַ רוף געגעבן פון יענער זייט שטעכל-צוים. די וואַך-סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעגלייכט און גענומען אָוועקרוקן די באַריערן.

אינעווייניק איז אַלץ געווען איבערגעדרייט. די לעצטע וואַך-גרופּע איז געהאַט אַוועק אינדערפרי. די בעטן זענען געווען פונאַנדערגענומען, דאָס שטרוי — צעשאָטן. איבערן טעלעפאָן-טישל, אויף דער וואַנט — אָן אָפּגעפליקטע מאַפּע פון „גראָס-דויטשלאַנד" און אַרום בילד פון „פירער" — צוויי נאַקעטע טענצערינס, אויסגעשניטן פון „בערלינער אילוסטרירטע". מיט אַ בלוי קריידל האָט עמיצער אויפגעשריבן אויף דער טיר: "האָהענפעלז, האָהענפעלז, מערדער מיינער יוגענט".

פישער האָט זיך שווער צראָפּגעלאָזן אויף דער טאַבורעטקע פון פראָסטן האַלץ. צום ערשטן מאָל האָבן זיי דערזען זיין גרוי-פאַרוואַקסענעם קין, די טיפע איינשניטן אין די באַקן. ער האָט געהוסטלט:

— איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז די „ווערמאַכט" איז נישט מער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אייך. אַצינד האָט דאָ די ס. ס. צו באַפעלן. זיי וויסן אַז דאָ איז אַ לאַגער פון יידן און אויסלענדער. מיר עוואַקואירן מאָרגן גאַנץ פרי. אַלץ מוז זיין גרייט צום אָפּמאַרש.

אַנדרעאַי איז צוגעטרעטן נענטער, אַוועקגעלייגט זיינע קנאָכיקע הענט פון אַ מאַטראַס אויפן טישל.

— און אַז מירן פרייוויליק נישט גיין?

— וועלן מיר רופן צוהילף די ס. ס.

— לייגט איר דעם גורל אין אונדזערע אייגענע הענט אריין?

— פאַרשטייט עס ווי איר ווילט. מיר זענען דאָ אין פראָנט-געביט. דאָ גילטן אַנדערע געזעצן.

דערמיט האָט זיך עס פאַרענדיקט. קלאָד-מאַרי האָט די גאַנצע צייט געשוויגן ווי א פיש, נאָר אויף יענער זייט טויער האָט ער זיך אָפּגערופן:

— איך האַלט, אַז מיר דאַרפן מיטגיין —

— און אַז זיי וועלן אונדז אויסליפערן די ס. ס. ? אויסמאָרדן... איך האָב שוין געזען אַזעלכע זאַכן...

— איך מיין, אַז ... נישט אַלע ... מיר זענען פראַנצויזן... קריגסגע-פאַנגענע... די אָפּמאַכן פון זשענעוו...

אַנדרעאַי האָט זיך טיף איינגעבויערט אין אים מיט זיין בליק, אַ שפּיי געטון פון צווישן די ציין און דורך די צעגראָבענע גערטלעך, אין צוגעפאַלע-נעם אָוונט, קווער דורכגעשניטן די אַלייע צום באַראַק 17.

אין שאָטן, ביים פאַרדרהייזל, האָט זיין הייסער, אָפּגעהאַקטער אָטעם זיך גלייך אַנגעשלאָגן אין זשאַקלען. אַ גאַנצן פאַרנאַכט האָט ער אים דאָ אָפּגעוואַרט. אַן וועדטער, זענען זיי פאַרשוואונדן איך שפּאַלט פון דער סקרי-פענדיקער טיר. זשאַקל האָט זיך געטרייסלט:

— בלייבט ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט?

— ביסט געדעכט געווען, איין אויסוועג בלייבט — לויפן אין די וועל-דער אריין! אַהאַ, איך קען זייערע שיינע צוזאַגן און זייער וועלפישן יושר! איך האָב גענוג געזען אויף די וועגן פון פוילן...

דער באַראַק פון די פריש-געקומענע איז געווען קאָמפּלעט צו לאָזן זיך אין וועג אריין. די אַרומגעפליקטע יינגלעך, וואָס האָבן שוין געזען אַלע גרוילן, זענען יעדע מינוט גרייט געווען מיטן פעקל. אין די איבעריקע באַ-ראַקן האָבן די אָפּגעפרעסענע קוכערס, די שווייצער און לעפּלאַיג'ס באַנדע, אַנגעמאַכט אַ פּאַניק:

— מיר ווילן נישט — האָבן זיי געטענהט — גיין אויף אַן אַוואַנטורע צוליב דיינע יידן.

— כאַפּט אייך דער טייוול! — האָט אַנדרעאַי אַ קלאַפּ-געטון מיט דער טיר און איז אַרויס.

אין דער ביירישער אַפּריל-נאַכט זענען די בלאָטקעס געווען צוגעפרוירן און אַ ווייס פרעסטל איז געלעגן אויף די פּאַפּע-דעכער, אויף די אַרומגעצופּטע גאַנגען. די שאַרפע לופט האָט אים געקילט די צעהיצטע שלייפן. די פויסט איז אים נאָך געווען פאַרקלאַמערט אין דער קעשענע פון אונטערגעשניטענעם שינעל. „די-אַ וועלן נאָך וואַגן צוריקצוקומען קיין פראַנקרייך"...

אַ בלוי-פאַרשמידט לעמפּל אונטער אַ דראָטן-נעץ האָט געוואָרפן מער שאָטן ווי ליכט אין באַראַק 17. מיטן צופאַלן פון אָוונט האָבן אַלע דאַך-פענצטערלעך געמוזט פאַרהאַנגען ווערן. ערשט איצט האָבן זיך אַלע גע-כאַפּט, אַז זשאַקל איז נישטאָ אויף זיין נאַרע אין עקסטן ווינקל. אַלעמענס בליקן האָבן זיך געהאַט אַנגעהאַנגען אין אים, ווי אין דער לעצטער האָפע-

-נונג. מען איז די עטלעכע נעכט נישט געשלאָפן. מען האָט זיך אויפגעריסן פון די געלעגערס ביי אַ ליאַדע סקריפּ פון דער טיר. די אַוויאַציע, וואָס האָט נאָכאַנאַנד געבויערט דעם הימל, געפלויגן נידעריק איבער די פּאַפּע-דעכלעך, האָט נישט געלאָזן צומאַכן קיין אויג. די ווייטע שרפות האָבן יעדע נאַכט אָנגעצונדן דעם הימל-ראַנד נאָרד-וועסטלעך, אין דער ריכטונג פון נירענבערג. די פינצטערע אַפּריל-נעכט זענען ליכטיק געווען. פון דאָרט האָט מען אויסגעקוקט די הילף און זי איז אַלץ נישט געקומען. פאַרשטעקן זיך אין די וועלדער און וואַרטן אויפן אָנקומען פון די אַלירטע אַרמייען — דאָס איז איצט געווען יעדערנס חלום. אָבער די פייער-צוים פון די ס. ס.-באַנדעס איז געוואָרן געפערלעכער. אָפּגעריסענע טיילן האָבן זיך איינגענעסטיקט אין די פאַרלאָזנע פויערישע הייזער, ביי די קרייץ-וועגן, צווישן די פעלזן, ביי די שטראָמיקע דורכגענג איבער די באַרג-וואַסערלעך. פון אַלע נאָרעס האָבן אַרויסגעקוקט די פינצטערע פיסקלעך פון מאַשין-געווער.

די עוואַקואַציע פון רוסן-לאַגער האָט שוין געדויערט אַ גאַנצע וואָך. יעדן פאַרטאָג האָט אַרויסמאַרשירט אַן אַנדער גרופּע. אין פינצטערן באַגינען האָט מען געהערט אַן אָפּרים פון קולות, אַ שטום שאָרעווען און קורצע, טרוקענע יאַלפּן. די לעצטע פון דער וואַך-קאָמפּאַניע איז פאַרבליבן צו באַגלייטן דעם פראַנצויזן-לאַגער. אַ קליינער, פאַרדריפּעטער אויטאָ האָט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געוואַרט אויף פישערן ביי דער טרעפּ פון די אויסגעליידיקטע ביוראָען.

ס'איז געווען אַרום האַלבער נאַכט, ווען זשאַקלס שטים האָט זיך דאָ ערגעץ אָפּגעריסן אין פינצטערן באַראַק:

— איר ווילט ביי זיי איבערלאָזן דאָס זעקל ביינער? איך — נישט! ווער גייט מיט?

מען האָט אין איין אויגנבליק אַלץ פאַרשטאַנען. עמיצער האָט אויפגעשפּאַרט דעם לאָדן, צו דערזען די ווייטע אָפּשיינען אין דער ריכטונג פון נירענבערג. דורך דער געשפּאָלטענער שויב האָבן זיי נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם הויכן שטעכל-צוים — דאָס נודנע, איינגעפרעסענע לעבן פון פינף לאַנגע יאָר. קיינער האָט זיך שוין מער נישט אַוועקגעוואָרפן אינם אָנמון אויף דער נאָרע. דער שוסטער גאָלדבערג איז נישט אָפּגעטרעטן פון זשאַקלען. ער האָט גערופן נאַדעליסן, קאַמוזין און דעם פּאָרטוגעזער פּאַנסעקאַ:

— וואַרפט אַוועק אַלע שמאַטעס. אַ קאָלדרע אויף זיך און — פאַרטיק!

און נאָך איידער די פינצטערע אַפּריל-נאַכט האָט גענומען אויסגיין, האָבן זיי זיך אויף אַלע פיר דערקריגן צום קאַנאַל-אָפּלויף, ווי אַנדרעאַי מיט זיינע יינגלעך האָבן שוין פון פריער געהאַט איבערגעשניטן מיט אַ בייסצוואַנג דעם טאָפּעלן דראָטן-צוים. אויף די בייכער זענען זיי איינער הינטערן אַנדערן דערקראָכן צום וואַלד-ראַנד. זשאַקל האָט גוט געקענט אַלע אָפּגעלע-

גענע שטעגן און אַלע באַהאַלטענע סטעזשקעלעך אינעם באַרגיקן וואַלד־געלענד. ער האָט בלינדערהייט געוווסט אַלע וואַלד־גראָטן, צווישן די מאַכיקע פעלזן, וווּ מען געפינט נאָך היינט דאָס געביין פון פאַרגעסענע הונען־קברים. העק מיט לאָמען האָבן זיי שוין פונלאַנג דאָ ערגעצווו געהאַט פאַרשטעקט — ווי עס מאַכט זיך.

די עטלעכע טעג זענען געווען לאַנג און נאָך לענגער — די נעכט. ס. ס.־אָפּטיילונגען האָבן דאָ פּאַרטייעט אומגעשלייכט, געזוכט די אַנטרונענע פון די לאַגע, טרויעריקע קאַלאָנעס, וואָס האָבן פאַרשטאָפּט אַלע דורכגענג און אַלע וועגן — געפּאַנגענע, „העפטלינגע", מיט די צעפּאַסעוועטע מלבושים און — סתם דעוערטירן. דער וואַלד, די שמאָלע דורכגענג אין דער נידער, האָבן אויפגעהילכט פון קורצע, טרוקענע שאָסן.

טאַקע דאָ, אין שאָטן פון די הונען־קברים, איז זשאַקלען איינגעפאַלן דער מאָדנער פאַרגלייך צווישן די הונען מיט די ווילדע דייטשע האָרדעס:

— פאַרגעסענע קברים וועט מען מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער געפינען נאָך זיי און מיר — מיר וועלן ווייטער לעבן.

פאַרענדיקט אין פּאַריז, אין יאָר 1946

ביכער פון זעלבן מחבר:

„צווישן ווענט", נאָוועלן, וואַרשע, 1933.

„גרויע פּראָפּילן", נאָוועלן, פּאַריז, 1937.

„דער מאַרש אויף בריסק", ראָמאַן, פּאַריז, 1938.